ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# די שיין פון די
# ליכט

אידיש

**690**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

בס"ד

# ספר

# די שיין פון די ליכט

## אויף דער תורה

אריינצוקוקען ביי יעדער סעודה פון שבת קודש

געקליבענע און געשמאקע און פיינע ווערטער, פול מיט יראת שמים

ארויסגענומען פון הייליגע ספרים

### אויך אמת'דיקע

# מעשיות פון צדיקים

### א סגולה פאר יעדען מוצאי שבת קודש

אזוי ווי מען זאגט נאך פון צדיקים, אז עס איז א סגולה יעדען מוצאי שבת צו דערציילען מעשיות פון צדיקים, עס איז א סגולה צו פרנסה און איינצופרעגען יראת שמים אין די קינדער, ווי אויך אין דערוואקסענע. — די מעשיות זיינען ארויסגענומען פון אמת'דיגע מקורות. כמעט יעדע מעשה איז אנגעצייכענט דער מקור דערפון. עס איז מסוגל אריינצוברענגען װארעמקייט און א געוואלדיגע השפעה אין די טיפענישען פון מוח און הארץ פון יעדען איינעם, פון יונג ביז אלט.

# די גרויסע מעלות פון מעשיות פון צדיקים

רצונך שתכיר את מי שאמר והיה העולם, למוד אגדה, שמתוך כך אתה מכיר את הקב"ה ומדבק בדרכיו (ספרי, דברים).

ודם ענב תשתה חמר אלו הגדות שמושכות לב אדם כיין (שם).

הלומד הגדה מתוך הספר לא במהרה משכח (ירושלמי ברכות פרק ה').

ילקוט משלי על פסוק דברי חכמים וחידותם שקולה שיחת חולין של חכמים ככל התורה כולה.

זוהר הקדוש פרשת בראשית מביא שרשב"י ז"ל סיפר לבנו ר' אלעזר ז"ל שעל ידי מה שסיפר לפילוסוף נכרי אותות ומופתים מה שעשו הנביאים נתגייר הפילוסוף הזה ולמד תורה הרבה והיה בין החכמים והצדיקים. (כס' זכרון נפתלי בהקדמה בשם הזוהר).

כתב רבינו הגדול הרמב"ם ז"ל בפירוש לאבות (סו"פ א') בענין הדיבור שנתחלק לחמשה חלקים וכו' להעיר הנפש למעלות בסיפורים ישירות ולמנעה מן הפחיתות בעיני ב"א וילכו בדרכיהם וכו' כדי שיתגנו פעולתם וזכרם בעיני ב"א ויתרחקו מהם וכו', ע"כ לשונו הטהור.

בספר צדה לדרך (דף רי"ב) הובא ביוסף לחק תולדות יום ג' וז"ל דע כי בזכרון מאמרי החסידים ומעשיהם תשכיל ותשיב ליוצרך.

בספר דברת שלמה מהגה"ק ר' שלמה לוצקער ז"ל (במגילת אסתר) וז"ל כי על ידי הדיבור וזכירה שמספרים הנס ג"כ נתעורר ונמשך בחי' הנס ההוא ולכן מצוה לספר ביציאת מצרים ולהזכיר בכל יום וכו'. וכן אפילו הנס הפרטי הנעשה לאדם שהשי"ת עוזרו מאיזה צרה או אפילו לאדם אחר וכשיזדמן לאדם ח"ו כמו הצרה הזאת כשיזכיר ישועת השי"ת הנעשה לאדם והצילו מצרה כזאת גם היום יוכל להמשיך ישועות ה' להנצל גם בעת מצרה הזאת. רק שיהי' בבטחון גדול ובאמונה שלימה ובדביקות בהשי"ת כמו שקבלתי מאדמו"ר זללה"ה הוא המגיד הגדול ממעזריטש ז"ל עכ"ל.

בספר אגרא דכלה (פרשת עקב) וז"ל קבלה הוא מבעלי רוה"ק כאשר יצטרך אדם לאיזה ישועה כגון לרפואה ולהצלחה ולעבור במצולות ים מבלי מכשול אזי יזכור במו פיו מעין אותן הניסים בכיוצא בזה שנעשו לצדיקי דורות לרבים או ליחיד וכו' שמסיפורי הניסים בכיוצא בענין יוושעו לעין כל אפילו בזולת זכיות, עכ"ד.

בס"ד. אַ מפתח פאַר די מעשיות, און אויך די נעמען פון די ספרים פונוואַנען די מעשיות זיינען אַרויסגענומען.


פון הייליגען בעש"ט ז"ל (דגל מחנה אפרים) א
אַ שיין משל פון הייליגען ח"ס ז"ל (זכרון למשה) ב
דאָס לעבען איז נאַר אַן איבערגאַנג (פון הה"ק ר' דוד דייטש ז"ל) ד
ווי אַ איד דאַרף עסען (הה"ק ר' יוסף זאבי ז"ל, הגדה שמחת הרגל) ז
דאָס זיסקייט איז פאַרשוואונדען פון צוקער (תולדות יצחק) ח
ווי צדיקים האָבען אַכטונג געגעבען אויפען עסען (תפארת היהודי) ח
התפשטות הגשמיות פון הה"ק ר"ר זישא ז"ל (באר משה) ט
מיט איינמאָל אַראָפּגענומען די קראַנקהייט, פון הה"ק ח"ס ז"ל (זל"מ) ט
אין זכות פון אליהו הנביא פון הה"ק ר' שלמה קלוגער ז"ל יד
אַ חכמה נפלאה וועגען אמונה פון הה"ק ח"ס ז"ל (זל"מ) טז
וואָס הייסט קליין האַלטען זיך פון הה"ק ר' אלימלך ז"ל (לישרים תהלה) יח
דער מהר"ל איז מבטל אַ גזירה (שם הגדולים מהחיד"א ז"ל) יט
די מערת המכפלה (מראה הפנים על ירושלמי) כא
די תמימות פון הה"ק מהר"ם שיק ז"ל (דרכי משה החדש) כה
נישט פאַרשעמען אַ צווייטען (בצוואת הה"ק ר' נפתלי כ"ץ ז"ל) כה
העכערען דאָס געהאַלט פון הה"ק מהר"ם שיק ז"ל (דמ"ה) כו
תמימות פון הה"ק ר' אביש פראנקפורטער ז"ל (אהל אברהם) כו
פון וואַנען שטאַמט רויטשילדס עשירות (שמן הטוב) כח
אַ צדיק ברענגט אַריין אַ הרהור תשובה אין מענטש (דעת משה) לב
הה"ק ר' זישא ז"ל איז מחזיר בתשובה מיט זיין עבודה (מבשר צדק) לב
אַ זכות צו ווערען געדעכענט צווישען חסידים פון הה"ק מהר"ם אש ז"ל (תולדות אנשי שם) לב
מען דאַרף פאָרען צו צדיקים (תפארת שלמה) לג
מסירת נפש פון אַ צדיק (מזכרת שם הגדולים) לג
תורה איז די בעסטע סחורה (מדרש תנחומא) לז
צוויי צדיקים באַגעגענען זיך, הה"ק בעל חות דעת און הה"ק מזידיטשוב ז"ל (הואיל משה) לח
אַז מען לערענט קען מען פון הה"ק מהר"ם שיק ז"ל (דמ"ה) לח
אויגען זיינען צום לערנען פון הה"ק מהר"ם שיק ז"ל (דמ"ה) לח
די מעלה פון לימוד בהתמדה (דמ"ה) לט
קביעות עתים לתורה פון הה"ק ח"ס ז"ל (התנהגות הדרך) לט
תורה פאַרטראָגט ניט קיין טומאה פון הה"ק ממעזיבוש (שפתי צדיקים) מא
וואָס הייסט תורה לשמה (סמיכת משה) מא
אַ נס וואָס איז געשען פאַר'ן מהרש"ל ז"ל (קב הישר) מב
אַ נס אַ גזירה איז בטל געוואָרען (בית יוסף סי' תכ"ג) מג
מיט דעם כח פון אמונה איז דער הייליגער בעש"ט ז"ל אַריבער דאָס

# מפתח


וואסער דיענעסטער (דגל מחנה אפרים) מג
דאס פייער פון קדושה פון הה"ק ר' משה פעשעווארסק ז"ל (בהסכמה על ספר אור פני משה) מג
משל מיט א שיפס־קאפיטאן (מדרש תנחומא) מה
קפיצת הדרך, פון הה"ק בעל חתם סופר ז"ל (זל"מ) מו
ריידען מיט א רשע שאדט פאר דער נשמה (הגדה ש"פ מה"ג בי"ש) מז
א מעשה נורא וועגען זאגען תהילים פון הה"ק ר' אביגדור קרא ז"ל (עמק המלך) מט
דורך זאגען תהלים דערגרייכטמען הויכע מדריגות (רשפי אש) נ
דוד המלך איז מקבל פנים א איד א תהלים זאגער (זכרון טוב) נ
דוד מלך ישראל חי וקיים (משפט צדק בשם מדרש) נ
די חשיבות פון זאגען קדיש נאך תהלים (ויקהל משה) נא
א מעשה נורא וועגען זאגען קדיש (וילקט יוסף) נא
וואס הייסט צובראכענקייט פון הה"ק הפלאה ז"ל (שמן הטוב) נב
דאס צעבראכענקייט פון א צדיק פון הה"ק ר"ר אלימלך ז"ל (שפ"צ) נג
דער הייליגער בארדיטשעווער ז"ל איז מלמד זכות (לישרים תהלה) נג
הייליגע אויגען זעען פון הה"ק מלובלין ז"ל (אגרא דכלה) נט
א מעשה וועגען הה"ק חתם סופר ז"ל (זכרון למשה) נט
א זעלטענער נס אין א הונגער יאר (מדרש תלפיות) סג
ווי דער רמב"ם ז"ל ווערט ניצול פון זיינע שונאים (סדר הדורות) סה
אנשטאט פאסטען ריידען ווייניגער (ראש הגבעה) סו
אנשטאט פאסטען ניט זאגען ליגען פון הה"ק מקאברין ז"ל (ליש"ת) סו
ווי אזוי מחנך זיין קינדער (הקדמה לחתן סופר) ע
אויסגעהיילט געווארען פון בארה של מרים (טעה"מ בשם כל בו) עג
ניט ווערען שנעל אין כעס פון הה"ק מולבלין ז"ל עג
אויסהיטען פון כעס פון הה"ק רמ"מ שניאורסאן ז"ל (לישרים תהלה) עד
ס'איז א מצוה נישט צו ווערען אין כעס (שם) עד
משל א נס פון יוכבד, פון דובנער מגיד ז"ל עו
פרויען דארפען גיין אין צניעות'דיגע קליידער, פון הה"ק מהר"י מבעלזא ז"ל (עמודי ארזים) עח
דער זכות פון א ערליכע אידישע פרוי (שה"ג מהה"ק חיד"א ז"ל) עח
אידישע קליידער דארפען זיין אנדערש (דברי יחזקאל) עט
א מעשה וועגען חתן כלה פון הה"ק ר' נתן אדלער ז"ל (חוט המשולש) עט
ווען משה רבינו האט געפאשעט די שאף (מדרש שמות) פב
אין זכות פון צדקה (מעיל צדקה) פג
פארוואס זאגט מען „והוא רחום" מאנטאג און דאנערשטאג (סדר היום) צ

## מפתח


די תורה מאַכט לעבעדיג צא
אַנטלויפען פון רבנות פון הה״ק מזלאַטשעוו ז״ל (תפארת שלמה) צב
הה״ק ר׳ י״ש ז״ל פון קראקע אויפגענומען רב אין פ״פ (באר יצחק) צב
אַ ווייטען קוק פון הה״ק חתם סופר ז״ל (דברי אברהם) צד
וואָס צדיקים קענען באַווייזען פון הה״ק ר״ר זישא ז״ל (דעת משה) צה
מעשה נורא פון רבינו דון אבארבאנעל ז״ל צה
הייליגען זיך מיט דער מצוה פון תפילין (נפש יהודה) צו
אמת׳דיגע תשובה (אור צדיקים) צז
תשובה העלפט פון הה״ק משה דילאון ז״ל (שם) צח
תמימות פון אַ צדיק פון הה״ק ר׳ שמואל קאמאדער ז״ל (תולדות א״ש) צט. א
משל פון אַ פרינץ, פון הה״ק ר״ר אלימלך ז״ל קא
אַז מ׳בעט פאַר אַ אורח בעטמען פאַר זיך לעולם הבא (שעה״ג) קב
דער גרויסער זכות פון הכנסת אורחים פון רבינו יחיאל ז״ל (יסוד יוסף) קב
באַגלייטען אַן אורח פון הה״ק דגל מחנה אפרים ז״ל (התנהגות הדרך) קג
אַ רעכטער גמ״ח, פון הה״ק ר׳ עקיבא איגר ז״ל קה
אַ בת קול אַז דיין מעשה איז אָנגענומען (קהלת רבה) קה
צדיקים ווערען נישט נכשל פון הה״ק רעק״א ז״ל (הקדמה חתן סופר) קה
הה״ק ר׳ עקיבא איגר גייט יעדען טאָג אין מקוה, אַ מעשה נורא (שם) קו
די גרויסקייט פון הה״ק חתם סופר ז״ל (זכרון למשה) קז
דער כח ההרגשה פון צדיקים פון הה״ק מקאָזניץ ז״ל (דעת משה) קז
נישט פאַרגעסען אָרעמע לייט פאַר פסח פון רבי נסים המצרי ז״ל (חמדה גנוזה) קז
אַז מען גרייט זיך אַן האַטמען פון הה״ק שמואל בראך ז״ל (משכיל אל דל) קט
פאַר יעדער נשמה ברענט אַ ליכט פון מחבר שיבולי לקט (קב הישר) קי
וואויל איז דעם וואָס איז יענעם קיינמאָל נישט חושד פון הה״ק מהר״ם גאביזון ז״ל (שם הגדולים מהה״ק חיד״א ז״ל) קיז
משל מיט אַ הונגעריגען וואָלף (משלי שועלים) קכא
מבטל געווען דעם גזר דין צוליב צדקה (בבא בתרא י״א) קכו
דיינים געוואָרענט פון נטיות פון הה״ק ר״ר שמעלקא ז״ל (שו״ת מהיא״ז) קכז
מ׳קען זיך אויסאַרבייטען פון הה״ק ר׳ איציק׳ל דראָביטשער ז״ל (אגרא דפרקא) קכח
כעס שאַדט פון הה״ק ר״ר זישא ז״ל (פתגמין קדישין) קלג
נישט טאָן קיין זאַך פאַרן דאַוונען פון גאון ר׳ זלמן האמבורגער ז״ל (בריש סידור בית רחל) קלה
אַ מעשה פון די אנוסים פון שפאַניאַן (בארת המים) קלז

# מפתח


צדקה פון הה״ק ר״ר שמעלקא ז״ל (שפתי צדיקים) קלט
דורך צדקה ווערט מען א עושר (דברי יחזקאל) קמ
פדיון שבויים פון הה״ק בעל מדרש שמואל און דער אר״י הק׳ (עמ״ה) קמ
די צוואה פון נועם אלימלך (תפלה למשה) קמד
פחד פאר השי״ת פון הה״ק ר״ר זישא ז״ל (ייטב פנים) קמד
שמחה אויפן פנים און זארג אין הארץ פון הה״ק ישמח משה ז״ל
בײ הה״ק מלובלין ז״ל (שם) קמד
השי״ת גיט אכטונג אויף קינדער, פון הה״ק חת״ס ז״ל (דברי אברהם) קמה
נישט קוקען אין ספרים חיצונים, פון הה״ק חת״ס ז״ל (זכל״מ) קמו
ספרים חיצונים שאדט, פון הה״ק מהר״ם שיק ז״ל (דמ״ה) קמז
א מעשה נורא פון הה״ק ר״ר אלימלך און הה״ק ר״ר זישא ז״ל
(בהסכמה על ספר מנורת זהב) קמז
וויפיל מען גיט צדקה אזויפיל האט מען (עבודה ומורה) קנב
א מצוה בשלימות פון הה״ק בעל טו״ז ז״ל (קול אריה) קנג
השי״ת באצאלט מדה כנגד מדה, פון הה״ק מסאסאוו ז״ל (המאור הגדול) קנג
תורה לשמה פון הה״ק ר׳ אברהם מוכר ירקות ז״ל (ש״ה מהחיד״א ז״ל) קנז
מען טאר נישט ריידען פאר ויכולו (טור סי׳ רס״ח) קנט
נישט אלעמאל דארף מען אן קלאפען בײ יענעם אויף דער טיר
ווען מען גייט אריין קס
וואו דארפמען דאווענען פון הה״ק מהר״ם שיק ז״ל (דמ״ה) קסב
פארען צו צדיקי הדור פון הה״ק מהר״ם שיק ז״ל (שם) קסב
פארען צו צדיקי הדור (תפארת שלמה) קסב
א ברכה פון א צדיק פון הה״ק ר״ר זישא ז״ל (שם) קסב
מאכען א ברכה דארפמען מיט כוונה פון הה״ק הר״ש מניקלישבורג
ז״ל (שו״ת מהרש״ם) קסד
דאס מויל דארף זיין ריין פון לשון הרע, פון הה״ק משטערנאביל ז״ל
(ליקוטי תורה) קסד
נישט ריידען צווישען מים אחרונים און בענטשען (קב הישר) קסד
וואס א ברכה קען אויפטאן, פון בעש״ט ז״ל (התנהגות הדרך) קסד
דער עונש פאר נישט מאכען א ברכה, פון הה״ק ר׳ וועלוועלע
זיטאמער ז״ל (שם) קסו
נישט קוקען אין א שפיגעל פון הה״ק מהרי״א אסאד ז״ל (תולדות
מהרי״א) קסז
קלאגען אויפ׳ן חורבן, פון הה״ק חתם סופר ז״ל (זכרון למשה) קסח

# מפתח


| | |
|---|---|
| צו ארץ ישראל קען מען צוקומען נאָר דורך טהרה (מדרש תלפיות) | קסח |
| דורך שפלות קען מען בלייבען לעבען (שבט מוסר) | קע |
| פירוש רש"י איז געשריבען געוואָרען מיט טינט פון דיימאָנט (שירך משכל) | קעה |
| די חז"ל דערציילען אויף יונתן בן עוזיאל אַז די פויגעל וואָס איז געפלויגען העכער אים איז פאַרברענט געוואָרען (סוכה כ"ח) | קעה |
| ליבשאַפט צו מצות פון הה"ק חת"ס ז"ל (חתן סופר) | קעו |
| אליהו הנביא איז מקריב קרבנות יעדען טאָג, פון הה"ק בעל ישמח משה ז"ל (ייטב לב) | קעז |
| דין וחשבון אויף יעדען וואָרט (קב הישר) | קעח |
| השי"ת איז מוחל עונות, פון הה"ק מריזשין ז"ל (טעה"מ) | קעט |
| דער שכר פון מאַכען שבת פריער, פון הייליגען רמ"א'ס פאָטער ר' איסר ז"ל | קפ |
| דער בית דין של מעלה איז נישט מוותר, פון הה"ק מלובלין ז"ל (תפלה למשה) | קפא |
| דער מהרש"ל ז"ל האָט געדונגען אַ מוכיח ער זאָל אים יעדען טאָג מוסר זאָגען (שם הגדולים מהה"ק חיד"א ז"ל) | קפא |
| דער שכר פאַר ערליכקייט (קב הישר) | קפא |
| אַ משל אויף ענוה (ראשית חכמה) | קפג |
| די מדה פון הצנע לכת, פון בעל העקידה (עבודה ומורה דרך) | קפה |
| תורה לשמה פון הה"ק מהר"ם פאפירוש ז"ל (אור הישר) | קפו |
| אַ שניידער האָט געפרעגט רבינו סעדיה גאון ז"ל (שה"ג מהחיד"א ז"ל) | קפז |
| אַ גזירה צוליב פייניגען אָרעמעלייט (קו הישר) | קצד |
| אַ משל אויף גרויס האַלטען (ספר חסידים) | קצו |
| נאָך אַ משל אויף גרויס האַלטען (אורחות צדיקים) | קצו |
| וואָס הייסט אַ צדיק פון הה"ק בעל הפלאה ז"ל | קצו |
| תשובה טאָן יעדער מינוט פון רבינו סעדי' גאון ז"ל (סדורו של שבת) | קצח |
| לא תשא פני דל, פון הה"ק מסאַכאַטשעוו ז"ל | קצט |
| צוקומען צו גרויסקייט פון הה"ק מהרי"ש מקראקע (שה"ג מהחיד"א ז"ל) | רב |
| גרויסקייט פון צדיקים פון רבינו יחיאל ז"ל (סדר הדורות) | רג |
| נסים פון נאָך דער פטירה פון צדיקים (שם הגדולים החדש) | רג |
| מ'איז מגלה מן השמים פאַר די תלמידי הרמב"ן ז"ל דעם טאָג פון זיין פטירה (מדרש תלפיות) | רד |
| דער נס פון הרשע בן באַרי'ס ארון (סדר הדורות) | רד |

# מפתח


וי מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג מיט הייליגע קברים (שם) רה
די קדושה און גרויסקייט פון צדיקים פון הה"ק ר' אברהם אזולאי ז"ל
(שם הגדולים מהה"ק חיד"א ז"ל) רו
די הייליגקייט פון צדיקים פון מהר"ם מרוטנבערג ז"ל (יסוד יוסף) רז
דער ריח פון גן עדן פון הה"ק מטשערנאָביל ז"ל (מגן אברהם) רח
אויף אַ צדיק האָבען ווערים נישט קיין שליטה (ראשית חכמה) רח
הה"ק ר"ר שמעלקא און הה"ק בעל צמח צדיק ז"ל (באר יצחק) רט
אַ מעשה נורא (בהסכמה על ספר מנורת זהב) רט
נישט אָפּנאַרען קיינעם פון הה"ק ר' נתן אדלער ז"ל ריג
אַ מלך האָט געזאָגט גליקליך זענט איר אידען מיט אייער תורה
(מעשה אברהם) ריז
תורה לשמה פון רש"י הקדוש (שלשלת הקבלה) ריז
גרויסקייט און הייליגקייט פון צדיקים פון הה"ק ר' אברהם סבע ז"ל
(שה"ג מהה"ק חיד"א ז"ל) ריט
גאוה איז אין אַ קאַטאַגאָריע פון אַ בהמה (לב דוד מהחיד"א ז"ל) רכז
אַ קינד פון זעקס מאָנאַטען האָט גערעדט (שה"ג מהה"ק חיד"א ז"ל) רכח
נאמנות אויף אַ שוחט אָבער נישט אויף געלט (התנהגות הדרך) רלב
וואָס נישט האָבען קיין קנאה קען ברייגגען (חופת אליהו) רלג
וועגען הה"ק ר' שלמה אלאקאביץ ז"ל (עבודה ודרך הישר) רלד
אַ צדיק ווערט נישט נכשל (הה"ק מזלאָטשעוו ז"ל (ארץ החיים) רלד
די השגחה היט דעם צדיק פון הה"ק אלכסנדר מרגליות ז"ל (שה"ג הח') רלה
ווער הייסט אַ שוטה (עמוד העבודה) רמה
דער כח פון אַן ערליכען בעל תפלה (דעת משה) רמז
ניצול געוואָרען אין זכות פון קידוש לבנה פון הה"ק מהר"י מיזולש
ז"ל (אליהו רבה) רמח
פון ווילנער גאון ז"ל רמח
דער אידישער פאַסטוך, פון הה"ק ר' שמעון סופר ז"ל רנח
דער אר"י ז"ל האָט דערקענט עבירות אויפ'ן מענטשען (עבודת ישראל) רנח
צדיקים האָבען פאַרשטאַנען אויפ'ן פידל שפּילען וואָס פאַר אַ
מענטש דאָס איז (אור המאיר) רנח
נאָך אַ מוסר דרשה דאַוועגט זיך אַנדערש (משכיל אל דל) רנט
שאַרף אויסגע'מוסר'ט, פון הה"ק מלובלין ז"ל רסא
די ברכה פון אַ צדיק ווערט מקוים פון הה"ק ח"ס ז"ל (דברי אברהם) רסב

# מפתח


ברכות פאַרן כלל ישראל פון הה״ק ר״ר זישא ז״ל (מאור ושמש) רסג
דאָס ערשטע מאָל ביי דעם בעש״ט הקדוש ז״ל (נתיב מצותיך) רסג
אַ מענטש טאָר נישט פאַרלירען זיין האָפענונג, פון הה״ק בעל
משל אַ בריליאַנט סוחר, פון דובנער מגיד ז״ל רסד
ח״ס ז״ל (חוט המשולש) רסז
געהייסען גוט עסען איינעם אַ גביר, פון הה״ק מווארקי ז״ל רעג
ווי דער רמב״ם ז״ל איז גרויס געוואָרען (יסוד יוסף) רעד
צוויי מענטשען האָבען זיך געקריגט (שלשלת הקבלה) ערה
די שעדליכע השפעה פון שוחד פון הה״ק מאַפטע ז״ל (היכל הברכה) רפ
די עבודה פון הייליגען בעל נועם אלימלך (מאור ושמש) רפא
לייענען אַ כתב פון אַ צדיק איז מסוגל צו יראת שמים פון הה״ק
ר׳ מרדכי באַנעט ז״ל (זכרון למשה) רפג
די סגולה פון זאָגען תהילים (שם) רפג
אַז מען מיינט ערענסט העלפט השי״ת, וואָס דער בעש״ט ז״ל האָט
דערציילט (באר משה) רפג
די מאָדערנע ווייב האָט עם געמאַכט אַ פיינעם תכלית רפד
ווי מען דאַרף אַכטונג געבען אויף תלמידים (שירי משכיל) רפה
אַ ברכה פון אַ צדיק פון הה״ק ר׳ משולם איגרא ז״ל (שה״ג החדש) רפו
ווען דער חדושי הרי״ם ז״ל איז געווען אַ אינגעל רצ
די תשובה פון הה״ק ר״ר זישא ז״ל (קהלת משה) רצד
משל אַ פאָטער וויל שרעקען אַ קליין קינד, פון הייליגען בעש״ט ז״ל שא
משל אויף וואָס מיר דאַרפען מתפלל זיין ראש השנה דש
גיין אין מקוה פאַר תקיעת שופר פון הה״ק בעל ח״ס ז״ל (זכל״מ) שט
אַ בעל תפלה דאַרף דאַוונען פאַר׳ן באַשעפער, פון הה״ק
מבאַרדיטשעוו ז״ל שט
אַ נישט ערליכער חזן, פון הה״ק מהרי״א אסאד ז״ל (תולדות מהרי״א) שט
דער דאַוונען זעטיגט, פון הה״ק מזלאָטשעוו ז״ל (אִיר צדיקים) שי
דאָס גרויסקייט פון עבודת השי״ת פון רמב״ם ז״ל (לב דוד) שי
הה״ק ר׳ בונם ז״ל זייענדיג אין דאַנציג שיב
משל טאַטע האַרציגער, פון הה״ק ר׳ יחזקאל קוזמיר ז״ל שיג
משל אַ גרופּע מענטשען (חז״ל) שיד
משל דער הייליגער טאָג יום כפור שיז
דער עולם וואַרט אויף דעם רב צו כל נדרי און ער איז אַריין אין

## מפתח


א שטוב וויגען א וויינענדיגען קינד שיח
די דרשה פון כל נדרי, פון הה״ק מבארדישטעוו ז״ל שיט
א נס איז געשען ווייל ער האט אַלעמאַל מוחל געווען (חז״ל) שכ
הה״ק מצאַנז ז״ל מאַכט נויי סוכה שכג
א שיין משל פון הה״ק מהרי״א אסאד ז״ל (רב שלום) שכה
וואס הייסט א אמת׳ער עניו (שם שלמה) שכז
די העכסטע מדריגה פון ענוה פון הה״ק ר״ר זישא ז״ל (דעת משה) שכז
פערציג יאר נישט געשלאפען אין א בעט פון הה״ק ר״י מיטציק ז״ל
(ראשית חכמה) שכז
א בעל גאוה האט א שלעכטען ריח (קב הישר) שכז
משל וואס פרייען מיר זיך הייגט (דברי שאול) שלו
שלמה המלך׳ס חכמה (שם הגדולים) שלו
א שוטה דערקענטמען ... (עמוד העבודה) שלז
א נס פון עלילת דם פון רבינו קלונימוס ז״ל (הגדה שמחת הרגל) שמ
א גרויסער נס פון עלילת דם אין שפאַניען (שבט יהודה) שמא



**יוסף גרינוואלד**
**אב״ד דק״ק פאפא יצ״ו**
**ברוקלין, נ. י.**


**ב״ה.**

חן הביא לפני כבוד ידידי הרבני החסיד המפואר בתוי״ש וכו׳, עלים לתרופה ליקוטי אמרים בלשון עברי־טייטש, אשר קיבץ מספרים, מגאונים וצדיקים, דברי מוסר השוים לכל נפש, וגם סיפורי עובדות קדושות מגאונים וצדיקים אשר מושכין את הלב למעשים טובים ומדות טובות. למען יהגו בהם הנשים והבתולות והנערים אשר אין מבינים בספרי להק״.

והנה מזקנים נתבונן שרבותינו הגאונים שבדור שלפנינו שבחו והודו לדבר כזה. כאשר הגה״ק מאורן של ישראל החתם סופר זצ״ל כותב בצוואתו הקדושה בזה״ל: והבנות יעסקו בספרי אשכנז הכתובים בגופן שלנו המיוסדים על אגדת חז״ל ולא זולת כלל. והגה״ק ר׳ הלל קאלעמייער זצ״ל חיבר ספר מוסר בלשון אשכנז. ע״כ אמינא לפעלא טבא יישר, כי טוב עשה בעמיו לזכות את הרבים בליקוטים אלו, ומהראוי לכל יראי ה׳ להביא ברכה זו לתוך ביתם ויזכו את בני ביתם שיהגו בהם בשבתות וימים טובים ולעתות הפנאי ואל ישעו בדברי הבל במכתבי־עתים וספרים חיצונים, ובאתרא דליעול ירקא ליעול בשרא וכוורא.

ובעה״ח פה ברוקלין יע״א, עש״ק לס׳ ולכל בנ״י הי׳ אור תשכ״ו לפ״ק.

**יוסף גרינוואלד**

**שמעון ישראל פאזען**
**אבד"ק שאפראן**
**ברוקלין, נ. י.**

**בעהשי"ת.**

**כבוד אהובי ידי"נ הרב החסיד וכו' וכו' שליט"א**

מה שנתיעץ עמי אם כדאי הוא להדפיס את הליקוט מספורי מעשיות אשר אסף וקבץ ממקורות נאמנות (אשר ראיתי חלק גדול מהם). — לענ"ד יעשה בזה מצוה גדולה כאשר אבאר.

הנה אמרו חז"ל סוף מלקות על מה דאמר ר' שמלאי תרי"ג מצוות נאמרו למשה בא חבקוק והעמידן על אחת שנאמר וצדיק באמונתו יחי'. ונראה לפרש בס"ד (קצת קרוב לזה מצאתי בפתח עינים למרן החיד"א ז"ל), בהקדם מה שאיתא בספה"ק אשר אמונה הוא לשון המשכה כמו שכתיב ויהי אומן את הדסה, כמו שתנוק היונק משדי אמו ממשיך החלב כן על ידי אמונה ממשיכים ממקור הקדושה השפעת הקדושה על נשמותינו, כי בדורות ראשונים הי' יודעים להמשיך על עצמם מכל תרי"ג מצוות אוצר הקדושה הטמונה בכל מצוה ומצוה ובא חבקוק והתפלל על הדורות הבאים שראה שנתמעטו (כפירש"י ז"ל שם), שאף אם לא יעמדו במדריגה שיוכלו לעורר על עצמם בקיום המצוות ידיעת גודל השפעת הקדושה אך על ידי האמונה ימשיכו על עצמם ממקור הקדושה שפע קודש.

והנה בדורות שלפנינו היתה אמונה פשוטה נחלת אבות אצל כל מי שבשם ישראל יכונה אפילו מי שלא זרח עליו כלל אור לימוד התוה"ק, ובית יעקב אלה הנשים הי' מאד מאד מצויינות בתמימות אמונתם והיו מגדלות בניהם ובנותיהם בדרך זה. אך בעוה"ר בדרא בתראה הדין מתגברת, הסטרא אחרא כי ראתה כי קרבה קיצה כמאמרם ז"ל (חולין נ"ב) במקום שיש מצילין יש דרוסה, ומתאמצת להכניס בלבות עם ד' רוח שטות של טומאת הגוים ולהחריב ח"ו על ידי זה אמונת אומן המושרשת בלב כל מי שנשמתו היתה אצל מעמד הנבחר בהר סיני. והן איתן אשר זכו ללמוד תורה בישיבות המיוסדות על אדני פז בקיום המשנה הקדושה מי שיראתו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת, אלה זכו גם עתה שתורתן מגנת עליהם להצילם מזרם הזמן. אך מה נעשה לאחותינו, אלה הבנות, אשר ח"ו ימצא האויב דריסת הרגל ללבותם להכניס שם ארס דריסתו.

והנה הי' מתחכמים אשר בודאי היתה כוונתם לשם שמים להמציא דרך חדש שילמדו גם בנות ישראל תורה קצת וידיעה זו תציל אותן מזרם הזמן. אך אנו מאמינים בכל מאמר חז"ל אשר עליהם הופיע רוח הקודש גם באמרם ז"ל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תפלות, וח"ו לחלוק על קוץ אחד מה שמסרו לנו בדבריהם הקדושים. וכמו שהוא לנו אמונה פשוטה אשר לא הי' כח גם באחד האמוראים הקדושים לחלוק על תנא

ולא הי׳ כח באחד הראשונים לחלוק על מה שאספו בני אלקים חיים רבותינו חכמי התלמוד בגמרא הקדושה אשר דבר אלקים דבר בגרונם כן אין כח גם בגדול שבגדולים מדורות האחרונים לחלוק על הראשונים ז״ל ומאז אשר בוחר אלקי ישראל צדיקו של עולם במורנא ורבנא יוסף הצדיק ליסד בית הקדוש בית יוסף וגם דבר במשה רבינו הרמ״א ז״ל אשר שניהם ערכו שלחן הקדוש לד׳ אנו מיגעים עצמינו לקבל דרך צנור זה השפעת קדושתינו ואמונתינו. ומי שיחדש דרכים חדשים בודאי ח״ו יהרוס דרכי אמונה.

על כן מה טוב ומה נעים להודיע לדור האחרון וביותר לנשים האיך קדושי עליון גדולי ישראל בדורות שונות הי׳ לשם ולתפארת על ידי קדושתם וגודל תמימותם כי זה ברור לנו שמי שזכה שדבריו נתקבלו אצל כנסת ישראל ללמוד מה שכתב על הספר זה לא הי׳ על ידי שכלו הזך אשר חננו אותו מן השמים וגודל הריפתו אלא על ידי קדושתו אשר הוא קנה לעצמו בזיכוך לבבו ועבודתו התמה באמונה נוראה (כמדומה לי שעל כן קרא גאון דורינו הבעל חזון איש זללה״ה את ספרו של רבינו הגדול המהרש״א בתואר „הספר הקדוש״ — עיין בקובץ אגרות של החזון איש מכתב הראשון הנדפס שם — מפני שעמלו הגדול של רבינו המהרש״א ז״ל הוא להראות באצבע האיך כל אות ואות של רבותינו הקדושים רש״י והבעלי תוספות הוא במדה ובמשקל ורק הנוגע עצמו עליהם לזה, משפיע הלימוד קדושת התורה אשר היא חכמת אלקי ישראל — כי אורייתא מחכמה נפקת — ולא שכל אנושי אשר משיגים ומסבירים אותו בדרך שכל אנושי וחומר רק יגיעתינו לידע מה שרצה קדושת וחכמת ית׳ לגלות לנו מוצינו הקדוש כדי לעשות רצונו ומשפיע ידיעה זו על ידי צנור הקודש — צנור אותיות רצון — של חכמי ישראל ברוך שבחר בהם ובמשנתם).

על כן בודאי מעשיות אמתות מספרים קדושים ומצדיקים מפורסמים מסוגלים לעורר בלב הקוראים יראה טהורה בנויה על אמונה חזקה בקדושת תורתינו הקדושה וחכמי ישראל כדי שידעו להתרחק מכל דרכי האומות ולהתחזק באמונה שלימה בגאולת ישראל על ידי משיח צדקינו בקרוב בימינו.

**שמעון ישראל פאָזען**

מיר האָפען זאי״ת צו דרוקען דעם ספר אויך אין לשון הקודש.
**המו״ל**

**בראשית ברא אלוקים, מיט די פייערדיגע ווערטער, מיט די געלייטערטע אמונה, פאנגען מיר אן דאס יאהר נאך די ימים טובים ; מיטן דעם דאזיגן יסוד פון יודנטהום הויבן מיר אן צו לערנען מיט די קליינע קינדער אין חדר. אהן פארענדערונגען, אהן פארקירצונגען, אהן מאדערניזירונג, נאר ווי דער טאטע האט געלערנט ווי דער זיידע אז „בראשית ברא אלוקים" אין אנהויב האט דער אויבערשטער באשאפן די הימל און די ערד. און זאלן די רייד איינגעווארצלט ווערן אין די יונגע הערצלאך פון די קליינוואַרג.**

**און חומש מיט רש"י, אט דער מפרש וואס באגלייט דאס לעבן פון איד ווי דער בעסטער גוטער פריינד, פון פריהסטן יוגנט ביז די עלטער, פון חומש און תנ"ך ביז אלע גמרות. יעדן יאהר מיט א גרעסערן באגריף מיט א העכערן פארגעניגן.**

**געדיינק אין אנהויב**

בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ והארץ היתה תהו ובהו (בראשית). — אויב באלד אין אנהויב פון'ם טאג געדענקט דער מענטש — אז ברא אלוקים את השמים ואת הארץ — איז דערנאך שוין — והארץ — אלע ערדישע זאכן זענען ביי איהם תהו ובהו... (חשבה לטובה)

עס שטייט געשריבן אין ספר „דגל מחנה אפרים", בראשית, אויפן פסוק „וירא אלקים את האור כי טוב", וואס חז"ל הקדושים זאגן, אז דער בורא עולם האט באהאלטן דעם אור, די ליכט, פאר די צדיקים לעתיד לבא, אויף משיח צייטן.

און פון זיין הייליקן זיידן, דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, האט ער געהערט אז, השי"ת האט באהאלטן אין דער תורה דעם אור און צדיקים קענען זיך באנוצן מיט דעם ליכט אדורכלערנען תורה הקדושה, וואס דארטן איז דא דאס ליכט און זיי קענען אדורכקוקן פון איין עק וועלט ביז צו דער צווייטער.

נאך דערציילט דער מחבר הקדוש, אז מיט זיינע אייגענע אויגן האט ער פיל מעשיות געזען וואס ער האט געשריבן צו ר' גרשון קיטעווער זצוק"ל קיין ארץ ישראל הק'.

פארוואס ער האט איס געזען שבת אין חוץ לארץ? און ער האט אים געענטפערט, אז פונקט דעם שבת האט א גביר געמאכט א ברית אין חוץ לארץ נאענט צו ארץ ישראל און האט אים געבעטן אז ער זאל זיין מוהל, און נאך פיל אזעלכע ענלעכע מעשיות, וואס קיין פאפיר וואלט נישט געקלעקט דאס אלץ צו באשרייבן וואס זיי האבן געזען ממש מסוף העולם ועד סופו, דורך דעם ליכט פון תורה הקדושה האבן זיי דאס אלץ געזען, זי"ע. ועכי"א.

## אַ שיין משל פון הייליגען חתם סופר זצ״ל

אין דעם ספר זכרון למשה ווערט גברענגט אַ שיינער משל פון הייליגען חתם סופר זצ״ל. אחז״ל שבימים שכ׳ תלמי המלך את התורה יונית הי׳ חושך ואפילה ג׳ ימים. ולכאורה קשה עד עת הזאת הי׳ התורה מונחת בקרן זויות ושום א׳ מהאומות לא פנה אלי׳ ולא נתנה לה כבוד ויקר עד שבא תלמי המלך כמבואר במדרש שהושיב בכבוד החכמים שבאים אצלו, א״כ אדרבה הי׳ ראוי לשמוח על זה ומה מקום הי׳ לחשכות הזה. ושמעתי ממחו׳ התורני מו׳ יודא וואטיץ נ״י מאצילי זקני פ״ב בשם מרנא החת״ס זצ״ל פירוש נפלא על זה, מיט זייער אַ שיינעם משל. אַמאָל איז געווען זייער אַ גרויסער מלך וואָס האָט איינגענומען פיל מדינות און איז געווען אַ גרויסער יחסן אַ מלך בן מלך מדור דור, וואָס האָבען אויפגעהויבען דעם כבוד פון זייער מלוכה. דער מלך האָט געהאַט אַ מלבוש בירושה פון זיינע עלטערען וואָס איז געווען אַ איין־און־איינציג אויף דער וועלט, ס׳איז געווען באַדעקט פון אויבען ביז אַראָפּ מיט הערליכע דימאַנטען־שטיינער, און יעדער שטיין איז געווען אַזוי אויסגעאַרבעט און מיט אַזאַ קאָליר וואָס איז געווען ווי אַ „אָרדין״ אַ אויסצייכענונג פון יעדען פריערדיגען קעניג פון יעדען געשעעניש פון זיין מלחמה, אין וועלכע מדינה, וועלכע שטאָט וועלכע צייט זיינען פאָרגעקומען די שלאַכטען, און ווי אַזוי, אַז עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ אַרויסצוזען די סחורה פון בגד, און נאָר ביי ספּיציעלע געלעגענהייטען פלעגט דער קיסר אָנטאָן דעם בגד, און ווען יעדער איינער פלעגט זעען דעם קעניג אין דעם בגד האָט ער גליך דערפילט די גרויסקייט פון דער מלכות מדור דור און אַלע געשעענישען פון דעם ערשטען קעניג ביז דעם איצטיגען קעניג ביז עס האָט יעדען אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש און דרך ארץ פאַרן גאַנצען שלשלת היוחסין.

עס איז אויך זעלבסטפאַרשטענדליך אַז די סחורה אַליין פון דעם בגד אויף וועלכע עס זיינען געווען די דימאַנטען איז אויך געווען זייער טייער אָבער קיינער האָט עס נישט געקענט זען ווייל ס׳איז געווען פאַרשטעלט מיט די דימאַנטען. איינמאָל אין אַ יום טוב ווען דער קעניג האָט אָנגעטאָן דעם בגד און באַוויזען פאַר אַלעמען, איז דאָרטען געווען אַ גרויסער מיניסטער אין דעם קעניגס ראַטגעבער, האָט ער געזאָגט צום קעניג, אדוני המלך, אַזוי ווי דאָס פאָלק וואָלט זייער וועלען זען די סחורה פון דעם בגד, ווייל זיי האָבען געהערט אַז אויך די סחורה איז אַ איין־און־איינציג אין דער וועלט, איז מיין עצה אַז מען זאָל אַראָפּ נעמען די אַלע דימאַנטען פון דעם טייערען

בגד און זיי באַהאַלטען אין די אוצרות המלך במילא וועלען אַלע קענען זען דעם מלבוש אַליין. דער קעניג האָט זיך געלאָזט איינריידען און האָט אַראָפּגענומען אַלע דימאַנטען פון דעם בגד ווי דער ראַטגעבער האָט געזאָגט. דאָרטען איז געווען אַ אַלטער מאַן אַ גוטער פריינד פון די עלטערען פון דעם קעניג, איז ווען דער אַלטער האָט דערזען אַז מ׳נעמט אַראָפּ די אַלע טייערע דימאַנטען פון דעם מלבוש האָט ער צוריסען זיינע קליידער און זיך געוואָרפען אויף דער ערד מיט אַ גרויס געוויין וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט אים טרייסטען, און האָט געשריען ווי איז צו דעם מלך וואָס ער האָט זיך געלאָזט אַזוי לייכט איבער ריידען און מבזה זיין זיין כבוד און דעם כבוד פון זיינע עלטערען פון אַלע דורות.

און ווען מ׳האָט געפרעגט דעם אַלטען מאַן פאַרוואָס ער זאָגט און טוט אַזוי? האָט ער ערקלערט, אַז אמת טאַקע אַז דער שטאָף איז זייער אַ טייערער אָבער דאָס קען דאָך יעדער עשיר קייפען, אַנדערש אָבער די שטיינער קענמען ניט קריגען אויף דער גאַנצער וועלט ווייל אין יעדען שטיין איז געווען אויסגעקריצט אַז דער און דער מלך אין דעם און דעם טאָג האָט איינגענומען די און די מדינה מיט די און די כלי מלחמה מיט אַזעלכע חכמות און די גאַנצע סיבה פון דער מלחמה, און דאָס האָט דערמאָנט אַלע פריערדיגע דורות און געגעבען דעם מלך אַ סך כביד. אָבער יעצט אַז מען האָט אַראָפּגענומען די אַלע אַנדענק שטיינער, ווער וועט דערמאָנען זיינע עלטערען אור־עלטערען די הערליכע היסטאָריא פון אָנפאַנג מלוכה ביז יעצט, און אויך דורכדעם אַראָפּגענומען זיין כבוד. אַזוי איז אויך דער נמשל אויף דער איבענדערמאָנטע קשיא, פאַרוואָס איז געוואָרען דריי טעג פינצטער חושך ואפילה ווען מען האָט איבערגעזעצט די תורה הקדושה אויף יונית. ווייל דער גאַנצער כבוד התורה איז ניט נאָר פון דער מעשה וואָס עס שטייט אין דער תורה הקדושה ווי דער זוהר הק׳ זאָגט, נאָר די דימאַנטען, די רמזים און פרד״ס וואָס עס ליגט אין דער תורה הקדושה פאַרבאַהאַלטען, ווייל מעשיות אַליין האָבען אומות העולם אויך, דערום זאָגען אונז חכמינו ז״ל אַז ווען ר׳ עקיבא איז נפטר געוואָרען איז בטל געוואָרען דער כביד התורה, ווייל ער האָט גע׳דרש׳נט אויף יעדען קוץ וקוץ תלי תלים של הלכה, דערים איז געווען ג׳ ימים חושך ואפילה ביי איבערזעצען די תורה הקדושה אויף אַ אַנדער שפּראַך.

## דער וואָס באַנוגט זיך מיט זיינס

**אויף דעם פסוק „וירא אלוקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד״ — זאָגט דער מדרש „טוב זה חיים; „מאד״ זה המות. וואָס איז די כוונה דערפון?**

**דערקלעהרט דער אהל יעקב אזוי:**

**אויב א מענטש באגעגנט זיך מיט דעם וואס ער האט: ער איז א שמח בחלקו דאן פילט ער פון "חיים", אויב אבער "מאד" לוקסוס און נאך און נאך דאס איז "מות". ער פילט נישט פו קיין גליק אין לעבן און האט קיצור ימים . . .**

**דאס גאנצע לעבן איז נאר אן איבערגאנג.**

איינמאל איז געקומען א מענטש צו הרה"ק ר' דוד דייטש זצוק"ל און געזאגט פאר אים און געשריען: געוואלד, רבי טייערער, בעט פאר מיר און זייט מתפלל ווייל איך בין אין א גרויסע צרה און דארף האבן א גרויסע ישועה!

ר' דוד דייטש זצ"ל איז געווען א גרויסער עניו. האט ער געענטפערט: וואס ווילסטו פון מיר האבן, איך קען דיר גארנישט העלפן, איך בין נישט קיין רבי. אבער דער מענטש האט אים נישט אפגעלאזט און נישט געשוויגן. ער האט געוואוסט דאס ער איז א גרויסער מאן, און האט אים ניש אפגעלאזן ביז ער האט אים געמוזט צוזאגן אז ער וועט פאר אים בעטן און מתפלל זיין. און דער מענטש איז טאקע געהאלפן געווארן.

נאך דעם ווי דער מענטש האט געהאט די ישועה, איז ער געקומען צו ר' דוד דייטש זצ"ל אים באדאנקען. האט ער געזען דאס דער צדיק וואוינט אין אן אלטער דירה, ענג און קליין. זאגט ער: רבי, איך וויל אויפבויען פאר אייך א שיינע וואוינונג מיט פיר פינף שיינע צימערן.

האט דער צדיק געפרעגט: און פאר אייך האט איר אויך געבויט אזעלכע שיינע צימערן?

האט ער געענטפערט: יא, רבי, פאר מיר האב איך אויך דאס זעלבע געבויט.

האט ווייטער געפרעגט דער רבי: און ווען איר פארט אויף דער באן, האט איר אויך עטלעכע צימערן?

האט ער געענטפערט: ניין, רבי, אויף אזא קליינע צייט ווי פון איין שטאט אין דער אנדערער, דאס איז נאר א דורכגאנג, קען איך לעבן איינגעצויגן, ענג.

אויף דעם האט דער צדיק געענטפערט: איך בין אויך אויף דער וועלט נאר ווי אויף א דורכגאנג, דער עיקר איז דאך עולם הבא. אויף א דורכגאנג פעלט מיר נישט פיר פינף צימערן, מיר איז גענוג צו לעבן איינגעצויגן. זי"ע.

**ביי די בריאה איז אלעס באשאפן געווארן**

**אין יעדן דור מאכט מען נייע דערפינדונגען, אזוי, אז עס קען מאכן דעם איינדרוק, אז מ'עפינט אויס און מ'באשאפט נייע זאכן ס'איז אבער א טעות די אלע נייע דערפינדונגען ווערן באנוצט מיט די כחות וואס איז שוין פון לאנג באוואוסט, אז זיי זיינען פאראן אין דער טבע.**

און דאס איז דער געדאנק פון פסוק „אשר ברא — לעשות” דער בורא עולם האט איבער־געלאזן פיל כחות אין דער טבע אויף „לעשות” זיי צו אנטוויקלען און אויסצונוצן אויף פארשידענע זאכן.
(מפרשים)

## דער עיקר — די ערציהונג

וישכן מקדם לגן עדן את הכרבים כרבים — מלאכי חבלה (רש״י) ביים משכן שטעהט: והיו הכרבים פורשי כנפים למעלה סוככים בכנפיהם על הכפרת (שמות כה—כו) זאגן דרויף די חז״ל כרובים — כרביא דמות פרצוף תינוק היו להם.

אויב מען גיט דעם קינד א גוטע ערציהונג, קען ער ווערן וויא די כרובים וואס באשיצן דעם ארון הקדש. אויב אבער מען ערציעהט עס נישט ווי געהעריג, ווערט ער ווי די כרובים — מלאכי חבלה... (הגאון ר׳ משה עפשטיין ז״ל)

## חוה׳ס פשעפטל...

ותאמר האשה אל הנחש מפרי עץ הגן נאכל ומפרי העץ אשר בתוך הגן אמר אלוקים לא תאכלו ממנו ולא תגעו בו. פאר וואס האט זי טאקע צוגעגעבן אז מ׳האט איהר גע׳אסר׳ט נגיעה?

נאר דער דין איז אז יום כפור מעג מען אהנרירן אין עסנווארג, חאטש דער איסור איז אזוי הארב ווי חמץ אין פסח, און מען איז אויך נישט אפגעשייד דערפון. ווייל אין פסח מעג מען דאך עסן אנדערע מאכלים, איז דא חושש צו זיין טאמער וועט מען עסן חמץ אייך, דעריבער טאר עס זיך בכלל נישט געפינען אין שטוב. אבער יום כפור טאר מען דאך גארנישט עסן, איז נישט צו קלערן אז מען וועט דורכ׳ן אנריהרן קומען צו אכילה אלייז.

אט דאס האט חוה געזאגט: מפרי עץ הגן נאכל — פון אלע בוימער די פרוכטן מעג מען דאך יא עסן, איז עס דאך נישט גלייך צו יום כפור, נאר צו חמץ בפסח, דעריבער דארף דאך מסתמא זיין אסור נגיעה אויך. ווען מען וואלט בכלל נישט געטארט עסן די פירות, וואלט מען מסיח דעת געווען פון עסן, און ס׳וואלט נישט געווען קיין חשש אז פון נגיעה זאל מען קומען צו אכילה, ווען אבער מען מעג יא עסן אלע אנדערע פרוכטן מוז זיין אז — אמר אלוקים, לא תאכלו ולא תגעו — צוליב דעם איסור אכילה דארף אויך זיין אנ׳איסור נגיעה. (כתנות אור בשם גדול אחד)

## חוה׳ס טעות...

הוסיפה על הצווי לפיכך באה לידי גרעון (רש״י). וואס פאר אנ׳עוולה האט זי געטהון ווען זי האט זיך געמאכט א סייג און א גדר צו דער צווי ה׳? אדרבה מ׳דארף זיך דאך מאכן סייגים, אזוי ווי די משנה זאגט „ועשו סייג לתורה” (אבות פ״א מ״א).

נור אויב מען מאכט זיך א סייג צו א מצוה, דארף מען זאגן אז ס׳איז א אייגענער סייג נישט זאגן אז „אמר אלוקים לא תאכלו ולא תגעו” און — מאכן — דעם סייג פאר א צווי ה׳ אויף דעם איז שויז דא דער איסור „לא תוסיף על דבריו”. (פוסקים ומפורשים)

## דוקא אין א דור־תהפוכות

דוקא ווען דער דור איז שלעכט, ווען אומעטום הערשט אכזריות, אויסגעלאסנקייט און פארדארבנקייט — קען מען זיך גיכער שטארקן אין אמונה און תמימות. מ'דארף נישט מער ווי זיך איינקוקן אין די רשעות פון דור און צוקומען צו די מסקנה אז א וועלט אָהן אמונה אהן א תורה מיט איהרע ריכטיגע־געזעצן, איז גארנישט ווערט.

דער דור פון נח איז געווען פוהל רויב און השחתה אין אלע אינזיכטן. נח וואס האט זיך מתבונן געווען אין זייערע שלעכטע וועגן, האט טאקע געקענט צוקומען צו די דרגה פון א „צדיק תמים".

הצדיק מהר"י הורביץ זצ"ל דער נאווארדיקער מוסר'ניק, האט גע־טייטשט „יש דורשין לגנאי". היתכן מ'זאל דרש'ענען לגנאי ווען די תורה איז מעיד אז נח איז געווען א צדיק תמים? — זאגט ער אז נח'ס צדקות און תמימות האט זיך גענומען מצד דעם גנאי פונ'ם דור! ווייל זעהענדיג ווי דער דור קוקט אויס, האט ער זיך געמוזט שטארקן אויף די העכסטע מדרגה ביז ער איז צוגעקומען צו א „צדיק תמים". אין אברהם אבינו'ס דורות, מעגליך ער וואלט זיך נישט אזוי געשטארקט ווייל דאן איז נישט געווען אזא שטויס־קראפט ווי אין דור המבול.

את האלוקים התהלך נח וויא די חז"ל זאגן אין מדרש, האט נח נישט געשטראפט די מענטשן פון זיין דור. די גמרא זאגט דאך אז „האי צורבא מרבנן דמרחמי לי' בני מתא משום דלא מוכח להו במילי דשמיא" (כתובות ק"ה) דעריבער איז נח געווען א „צדיק תמים בדרתיו". אלע האבן פון איהם געהאלטן אלץ צדיק און איהם ליב געהאט, ווייל את האלוקים התהלך נח — ער האט זיך שטענדיג מתבודד געווען מיט ג־ט און זיך נישט אבגעגעבן מיט די מענטשן זיי צו שטראפן...

(ילקוט הדרוש)

ויבא נח ובניו... אל התיבה מפני מי המבול. אף נח מקטני אמונה הי' מאמין ואינו מאמין שיבא המבול ולא נכנס לתיבה עד שדחקוהו המים (רש"י) וויא קען מען זאגן אויף נח'ן וואס די תורה זאגט אויף איהם „צדיק תמים" אז ער איז נישט קיין גאנצער מאמין?

נאר נח האט אלץ געקלערט אז די מענטשן וועלן תשובה טהון און אין דער לעצטער מאמענט וועט דער מבול ווערן אויפגעהאלטן.

איז דאס דער פשט: נח מקטני אמונה הי' מאמין נח האט געגלויבט אפילו אין די ווייניג־גלייבענדיגע, אז זיי וועלן יעדע מינוט תשובה טהון. דעריבער — ואינו מאמין שיבוא המבול — האט ער נישט געגלויבט אז דער מבול וועט קומען. ער האט גערעכנט אז אט טהוען זיי תשובה, און די גזירה ווערט בטל...

(הה"ק מהר"י מווארקא ז"ל)

והנה עלה זית טרף בפיה, אמרה יהיו מזונותיו מרורין כזית ובידו של הקב"ה ולא מתוקין כדבש בידו בשר ודם (רש"י) פארוואס האט עס די טויב אבגעדאנקט נח'ן מיט א זעלכע ווערטער, פאר האלטן א יאהר אין די תיבה און געבן צו עסן?

נאר די טויב האט געקלערט אז נח וועט זאגן, דאס זי איז צוריקגעקומען אין די תיבה אריין נישט ווייל די וועלט איז נאך פול מיט וואסער, נאר ווייל ס'איז איהר

ד"ה גוט, זי דארף נישט זוכן איהר עסן, נח זארגט פאר איהר, וויל זי בעסער זיין ביי איהם, אבער באמת קען זיין אז די וואסער האט יא שוין אויסגעטריקנט. דעריבער האט זי איהם געגעבן אנצוגעהערן אז אויב עס וואלט איהר נאר מעגליך געווען זיך אליין מתפרנס צו זיין אפילו בדוחק און מיט ביטערניש וויא א זית, וואלט זי נישט צוריקגעקומען צו איהם...
(משכנות יעקב)

## עסן כדי צו האלטן דעם קערפער

„כירק עשב נתתי לכם את כל" — אזוי ווי די גרינע גראז — גיב איך אייך אלעס. אזוי ווי דער מענטש ווען ער עסט גרינס און גראז מיינט ער נאר כדי אויפצוהאלטן זיין קערפער, נישט צו ערפיהלן זיין תאוה — אזוי ווען ער עסט אנדערע בעסערע עסנס, זאל ער אינזינען האבן אז ער עסט דאס נישט אלס פארגעניגן נאר וויפל ער דארף צום לעבן, ער זאל האבן כח צו דינען דעם אויבערשטן.
(שפתי צדיקים)

## ווי א איד דארף עסן

עס האט פאסירט די מעשה ביים סאלוניקער רב, הרה"ק ר' יוסף קובו זצוק"ל. עס איז געקומען צו זיינע אויערן, אז אין סאלוניקע געפינט זיך א נסתר וואס איז מגלה גרויסע סודות. די גרעסטע גדולים און רבנים פון שטאט זיינען געגאנגען צו אים און זיינען שטארק נתפעל געווארן פון די גרויסע סודות נוראים וואס זיי האבן פון אים געזען און געהערט. פריער איז דער מענטש גארניט געווען אזוי באוואוסט אלס א גרויסער מענטש וואס האט א שייכות מיט אזעלכע זאכן.

ווען די רבנים האבן דערציילט דעם סאלוניקער רב פון דעם אלעם, האט ער זיי געשטעלט נאר איין פראגע: ווי אזוי פירט זיך דער מענטש ביים עסן און טרינקען? האבן זיי אים דערציילט, אז ער עסט מערער ווי אנדערע מענטשן.

האט זיי דער סאלוניקער רב געענטפערט: אויב אזוי, דארף מען שוין ניט מערער נאכצופארשן, עס איז שוין גענוג, ווייל ער איז פון דער סטרא אחרא. ווייל די סטרא דקדושה רוט ניט אויף א מענטשן וואס עסט א סך.

אלע מענטשן האבן זיך דערווייטערט פון אים, און עס האט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז טאקע פון דער סטרא אחרא.

דאס דארף זיין א מוסר השכל פאר א מענטשן, ווי אזוי א איד דארף עסן.

(הגש"פ להגה"ק ההיד"א זצוק"ל לימוד ענין מצה)

## דאָס זיסקייט איז פאַרשוואונדען פון צוקער

אין ספר תולדות יצחק ווערט געבראַכט די פאָלגענדע מעשה: איך האָב געהערט אין נאָמען פון הגאון הק׳ רבי אורי מסטרעליסק זי״ע אַז איינמאָל האָט מען איהם געגעבען קאַווע צו טרינקען און מען האָט איהם אויך געגעבען אַ שטיקעל צוקער זיס צו מאַכען די קאַווע. האָט ער גענומען דעם צוקער אין דער האַנט אין מיט דער צווייטער האַנט האָט ער גענומען דאָס גלאָז קאַווע און געטרונקען אָהן צוקער. שפּעטער האָט ער געוויזען פאַר די אַרומיגע מענטשען אַז פון דעם שטיקעל צוקער איז געבליבען בלויז אַ שטיקעל ליים און עס האָט מער נישט געהאַט קיין שום זיסקייט אין זיך. די מענטשען האָבען זיך שטאַרק געוואונדערט. האָט ער זיי דערציילט דעם הסבר דערפון, אַז צוליב דעם חטא אדם הראשון איז אַנטשטאַנען אַ פּירוד צווישען די כוחות הנפש אין די איברים פון מענטש און אין די חושים און ס׳איז נישטאָ קיין שום פאַרבינדונג צווישען זיי. דעריבער קען מען נישט זען נאָר מיט די אויגען, און הערען נאָר מיט די אוירען, און אַזוי אויך מיט די אַנדערע חושים. אבער ווער עס איז מתקן זיין שורש הנפש פון חטא אדם הראשון, ווערען אויך זיינע איברים גאַנץ, און דעריבער האָט ער אַרויסגעצויגען דאָס גאַנצע מתיקות פונעם צוקער, כאָטש ער האָט עס נישט גענומען אין מויל. די מעשה איז באַוואוסט ביי די חסידים פון סטרעליסק זי״ע.

## וויאַזוי צדיקים האָבען אַכטונג געגעבען אויפ׳ן עסען

אין ספר תפארת היהודי שטייט עס איז באַקאַנט און עס איז געדרוקט וועגען איד הקדוש זצ״ל אַז ער האָט געוואָרענט אפילו פּשוט׳ע מענטשען זיי זאָלען נישט עסען מיט תאוה. ער האָט געזאָגט אַז מען דאַרף שטענדיג אויף דעם מתפלל זיין און מעורר זיין זכות אבות, מען זאָל נישט נתגשם ווערען דורכ׳ן עסען. און מיר ווייסען אַ מעשה אַז איינמאָל האָט דער ריזשינער זי״ע געפרעגט הרה״ק רבי נחמיה יחיאל זצ״ל, איך האָב געהערט אַז אייער פאָטער האָט אייך אַמאָל זייער שטאַרק געמוסר׳ט צו גיין אין ריכטיגען דרך. האָט ער איהם געענטפערט יאָ עס איז אמת. און איינמאָל ווען ער איז געפאָרען קיין רימאַנאָוו צום רבי׳ן ר׳ מענדעלע זצ״ל איז מיט איהם מיטגעווען מיין ברודער הרה״ק ר׳ ירחמיאל זצ״ל. פאָרענדיג האָבען זיי פאַרבלאָנדזשעט אַ גאַנצע ווינטער נאַכט. אין דער פריה ווען עס איז טאָג געוואָרען האָבען זיי גענומען זוכען

דעם ריכטיגען וועג און זיי זיינען אנגעקומען מיטאג צייט אין א דארף וואו עס האט געוואוינט א איד מיט א קרעטשמע. ווען זיי זיינען אריין אין שטוב און מיין פאטער האט זיך גענומען צוגרייטען צום דאווענען שחרית אין א באזונדער צימער, האבען זיך די אנדערע גענומען שטעלען דאווענען אין דער קרעטשמע. דער דארפסאיד האט געמאכט פייער אין אויווען און ער האט אריינגעווארפען עטליכע קארטאפעל. באלד נאכ'ן דאווענען האט מיין ברודער הרה"ק ר' ירחמיאל גענומען א קארטאפעל אין דער האנט צום עסען, אבער באלד האט דער פאטער אויפגעמאכט די טיר און איהם געזאגט, א גאנצע נאכט און א האלבען טאג האבען מיר געבלאנדזשעט אין וועג, און אצינד אז מיר זיינען ב"ה אנגעקומען אין א ישוב, האסטו זיך געכאפט אזוי שנעל צו די קארטאפעל. און ער האט איהם גע'קנס'עט אז אויפ'ן גאנצען וועג ביז רימאנאוו האט ער איהם נישט אריינגעלאזט אין וואגען, נאר ער האט געמוזט שטיין אויפ'ן צוים פון וואגען כאטש עס איז געווען זייער קאלט.

## התפשטות הגשמיות

אין ספר באר משה פון הרה"ק מקאזניץ זצ"ל שרייבט ער: איך האב געזעען ביי מיין רבי דער איש האלקים רבי ר' זושא זצ"ל אז פיל מאל ווען ער האט זיך מתדבק געווען אין השי"ת איז ער געווען אינגאנצען אויסגעטאן פון דער וועלט אזוי אז ער איז כמעט אויסגעגאנגען, ביז ער האט געמחט מנדר זיין נדרים ונדבות כדי דאס חיות זאל זיך אין איהם דערהאלטען.

(בס' באר משה פ' חיי)

## מיט איינמאל אראפגענומען די קראנקהייט

הגאון מו"ה שמעון סופר ז"ל האט אין דער יוגענט געליטען פון מחלת רוח נבאה ר"ל. גאך דער חתונה איז געקומען זיין ווייב די שנור פון הייליגען חתם סופר זצ"ל בעטען בא אים א ברכה אז איר מאן זאל געזונט ווערען. דער הייליגער חתם סופר האט געהייסען אז ער זאל קומען צו אים ווי ער איז אריין צו אים איז דער הייליגער חתם סופר זי"ע צוגעגאנגען צו אים אויפגעהויבען זיין האנט און האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און צוגעזאגט אז פון יעצט אן וועט ער זיין פולשטענדיק געזונט. און פון דער צייט אן איז ער געווארען אין גאנצען געזונט ועד סוף ימיו הי' איש עליו רוח ומלא בדיחות נפלאה.

(בס זכרון למשה במכתב של אב"ד סובוטיצא בשם הגה"צ מו"ה יודא גרינוואלד ז"ל אב"ד דק"ק סאטמאר)

„אט איז דער פארגעניגן פון עסן, דאס איז אזא פארגעניגן וואס מ׳שפירט עס גוט. און צו דען איז נאך דא אזא זאך ווי עסן וואס ווערט גלייך גארנישט? דער שיעור פון גאנצן עסן־פארגעניגן, איז דאך נאר וועגן עס שטעהט ביים שלונג, און ווי עס געהט אראפ אין מאגן איז עס שוין פארגעסן געווארן. די זעלבע זאטקייט ביים עסן געשטאפטע גענז ווי שווארצע ברויט. און בפרט ווען מ׳באטראכט זיך וועגן די פיהלע קרענק וואס קענען ארויסקומען פונם עסן, און בפרט דאס שווערקייט וואס קומט נאכן עסן"

.. (מסילת ישרים פרק ט"ו)

**הצדיק בעל „נועם מגדים" זצ"ל א תלמיד פון החוזה הק׳ מלובלין זצ"ל האט געטייטשט דעם פסוק „חכמים המה להרע להיטיב לא ידעו"**

**וואס הייסט „להרע" און „להיטיב"?**

**מיר געפינען אין די תורה (ויקרא) אז איינער האט געשווארן „להרע או להטיב" זאגן די חז"ל אז „להרע" הייסט אז ער האט געשווארן „שלא אוכל" איך זאל נישט עסן, און „להטיב" איז אז ער האט געשווארן „שאוכל" איך וועל יא עסן.**

**ווידער איז פון שטענדיג אן געוועהן דער תשובה־וועג פארבונדן מיט „תעניתים", מ׳האט געדארפט פאסטן וויפיל טעג און זיך פייניגן אז דער עוון זאל אפגעטהון ווערן.**

**אבער די דורות זענען דאך געווארן שוואך און מ׳קען נישט פאדערן פון יעדן ער זאל פאסטן צוליב די זינד זיינע.**

**איז געקומען דער בעש"ט הק׳ און אויסגעטראטן א נייעם וועג אז מ׳קען מכפר זיין די עבירות דורך עסן ווי א איד, מיט התבוננות און ריינע געדאנקען. חסידות האט אויפגעטהון אז מ׳עסט ווי עס באדארף צו זיין — איז עס א גרויסע עבודת ה׳ און דער טיש ווערט א מזבח וואס איז מכפר.**

**חכמים המה להרע, אין די פריערדיגע תקופה האבן די חכמים געהאלטן פונ׳ם דרך „שלא אוכל" דורך תעניתים צו פייניגן דעם קערפער, אבער להטיב לא ידעו, דער וועג פון „שאוכל" דוקא יא עסן און דערמיט תשובה טהון, דער וועג איז נאכנישט באוו־אוסט־געוועהן. דיזער וועג איז ערשט געקומען שפעטער ביי די שוואכע דורות.**

בשעת נח האט זיך געשטעלט פלאנצן דעם וויינגארטן, איז געקומען דער שטן און איהם פארגעלעגט, ער זאל איהם צונעמען אלץ שותף, זיי זאלן פלאנצן צוזאמען. האט נח מסכים געוועהן און דער שטן האט זיך גענומען צו די ארבעט. צום ערשטן האט ער געברענגט א שעפס און איהם געשאחטן, באשפריצנדיג מיט זיין בלוט דעם פערפלאנצטן וויינשטוק. דאן האט ער געבראכט א לייב און איהם געשאחטן און דאן האט ער דאס זעלבע געטהון מיט א חזיר... און דעריבער — בעת דער מענטש טרינקט אויס דעם ערשטן בעכער וויין, ווערט ער דאן ליבלין און געמיטליך ווי א שעפסל, נאכן צווייטן ווערט ער מוטער און באקומט קוראזש ווי א לייב, נאכן דריטן און פערטן כוס ווערט ער עהנליך צו א חזיר וואס וואלגערט זיך אין בלאטע... (מדרש אכביר

### מ'דארף צושפרייטן אידישקייט

אויף דעם פסוק „לך לך מארצך" זאגט דער מדרש: „אמר לו הקב"ה עד שאתה מאיר לפני בפנים צא והאר לפני בחוץ".

אמונה, יראת שמים און אידישקייט טאר א איד נישט האלטן בלויז פאר זיך, צופרידן זיין מיט דעם וואס ער אליין איז גוט און פרום, נאר מ'מז זען דאס צו פארשפרייטן אין דער וועלט, איבערגעבן אויך צו אנדערע . . .

### אויפהייבן פון די ערדישקייט

„לך לך מארצך", דער בעל שם טוב זאגט: גיי אוועק פון דיין ערדישקייט, דער־הויב זיך איבערן חומר . . .

## אין ארץ ישראל – בעסער אדער ערגער...

לוט איז דאך געוועהן א פיינער מענטש מיטגעהענדיג מיט אברהם'ען, ווי רש"י זאגט „אותה שעה כשר היה", וואט־זשע איז טאקע די סיבה וואס דווקא קומענדיג קיין ארץ ישראל איז ער שלעכט געווארן?

נאר לויט די חז"ל (כתובות) איז דער וואס איז עולה פון חוץ־לארץ קיין ארץ־ישראל באקומט א העכערע מדרגה. און ז'אס איז ווידער באוואוסט אז „כל הגדול מחברו יצרו גדול ממנו", וואס גרעסער די מדרגה איז, איז דער יצר הרע נאך גרעסער.

אלזא אז מ'קומט קיין ארץ ישראל קען מען ווערן זעהר גרויס און שטייגן אין עבודת ה', אדער ח"ו פארקערט אראפ פאלן אין גאר א נידריגע מדרגה. דעריבער געפינען זיך אין לאנד פון איין זייט עובדי ה' מיט מסירות נפש, און רשעי ישראל פון צווייטן זייט.

אברהם אבינו קומענדיג אין אר"י האט כובש געוועהן דעם יצר הרע און האט געשטיגן אין קדושה, לוט האט נישט כובש געוועהן זיין יצר הרע איז ער ממילא ערגער געווארן.

### פארגרעסערט נאר אברהם'ס נאמען

ואברכך ואגדלה שמך — זה שאומרים אלקי יעקב (רש"י) די גמרא זאגט אז ווען מען רופט צו אברהם „אברם" איז מען עובר בעשה, אבער יעקב'ן מעג מען רופן „יעקב" באטש השי"ת האט איהם געהייסן רופן ישראל. (ברכות י"ג).

פארוואס טאקע אזוי?

ווייל די נעמען פון די אבות „אברהם יצחק יעקב" האבן אין זיך דרייצעהן אותיות אזוי ווי עס באטרעפט דאס ווארט „אחד" — זיי האבן פראקלאמירט אחדות ד' אויף דער וועלט. אויך די נעמען פון די אמהות „שרה רבקה רחל לאה" האבן אין זיך דרייצעהן אותיות. צוזאמען זענען עס זעקס און צוואנציג אותיות אזוי ווי דער באטרעף פון'ם

שם הוי׳.

ווען זשע מען זאל מוזן יעקב׳ן רופן „ישראל״ וועט דאך זיין פערצן אותיות, ווען עס דאך נישט זיין לויט די צאהל פון אחד און פון שם „הוי״ה״, דעריבער מוז זיין אז דער נאמען יעקב איז געבליבן אזוי ווי פריהער.

דאס איז נאר ווייל ס׳איז פארגרעסערט געווארן דער נאמען „אברם״ אויף „אברהם״ — פינף אותיות, מוז מען זאגן „יעקב״. ווען אבער עס וואלט געבליבן „אברם״ וואלט מען דאך געמוזט יעקב׳ס נאמען פארגרעסערן און זאגן „ישראל״ כדי משלים צו זיין די צאהל אותיות פון׳ם שם.

איז דאס דער פשט: ואגדלה שמך — איך וועל גרויס מאכן דיין נאמען פון אברם אויף אברהם — זה שאומרים אלקי יעקב — ווארום ווען מען וואלט געזאגט ישראל וואלט דיין נאמען נישט געקענט פארגרעסערט ווערן און וואלט געמוזט בלייבן אברם.

(הה״ק מהר״ש מאוסטרופולי ז״ל)

## אפגעצאלט די חובות...

וילך למסעיו בחזרתו פרע הקפותיו (רש״י). פשוט איז עס זעהר שווער צו פארשטעהן, ווי אזוי האט זיך עס אברהם אבינו ארויס געלאזט אין וועג אהן געלד און שפייז, אזוי אז ער זאל זיך מוזן בארגן? און ווער האט עס געבארגט א פרעמדן דורכרייזענדען?

נאר די כוונה איז דא א אנדערע.

בעת אברהם איז געגאנגען אונטערוועגנס, האט ער אומעטום מפרנס געווען דעם שם־שמים, אז ס׳איז פערהאן א איך און איינציגער ג־ט אויף דער וועלט ועמען מ׳דארף דינען און אזוי ארום מכניס געווען מענטשן תחת כנפי־השכינה. אבער נישט אלע האבן איהם געגלויבט, ווייל זיי האבן איהם געפרעגט: אויב עס איז טאקע אמת אלעס וואס אברהם ערצעהלט זיי, טא פארוואס לאזט דאס השי״ת זיין געטרייען דינער אברהם, ארומוואנדערן אויף דער וועלט, נע ונד. און ער גיט איהם נישט זיין שכר צו זיצן במנוחה ושלוה? אויף דער שאלה, פארשטעהט זיך, איז אברהם שולדיג געבליבען א ענטפער... (ווארום ס׳איז דאך טאקע געווען בלויז נסיונות) — אט דאס זענען געווען די חובות, די „הקפות״ וואס אברהם איז שולדיג געבליבן ביי זיין וואנדערונג. ערשט יעצט צוריק־וועגס, ווען עס איז געווארן מפורסם דאס נס וואס השי״ת האט געטהון מיט אברהם׳ן אין מצרים, ווי פרעה איז געשלאגן געווארן מיט „נגעים גדולים״ און ער איז צוריקגעגאנגען בעלאדענט מיט גרויס פארמעגן — ערשט יעצט האט ער באצאלט דאס וואס ער איז פריהער שולדיג געבליבען... ער האט אלעמען שוין געקענט געבן א תשובה אויף זייער פריהערדיגע שאלה...

(הה״ק ר״י זצ״ל מקזמיר)

## אברהם׳ס וויטער קוק

ויהי ריב בין רעי מקנה אברם ובין רעי מקנה לוט והכנעני והפריזי אז ישב בארץ די חז״ל זאגן: לא חרבה ירושלים אלא על שביטלו בה תינוקות של בית רבן (שבת קי״ט) און אזויא ווערט אויך געזאגט אין מדרש איכה „עולליה הלכו שבי לפני צר ויצא מבת ציון כל הדרה״ — כיון שגלו תינוקות של בית רבן מיד ויצא מבת ציון כל הדרה.

זעהען מיר דאך אז צוליב דעם וואס מען ערציהט נישט די קינדער צו תורה און אידישקייט, פערלירן אידן ארץ־ישראל און פרעמדע זענען שולט אויף׳ן לאנד.

דאס איז דער פסוק מרמז: ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט—

כל זמן ס'איז פערהאן חלוקי דעת צווישן אידן וויא אזוי צו פאשען און ערציהען די קינדער (אזוי וויא דאס לשון פון פסוק: „ורעי את גדיותיך" — שיר השירים א׳־ח׳) צו לויטן סיסטעם פון אברהם, ביי וועמען עס ווערט געזאגט „למען אשר יצוה את ביתו ואת בניו אחריו ושמרו את דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט" (בראשית י״ח י״ט), צו לויטן סיסטעם פון לויט וועמען ס'איז געפעלן געווארן די אנשי סדום רעים וחטאים, און ס'האט איהם געצויגן צו זיי; כל זמן אלע פארשטעהען נישט אז מען מוז ערציהען די אידישע קינדער אין'ם וועג פון אברהם אבינו צום „ושמרו דרך ה׳" און צו אמונת ה׳ — דאן איז והכנעני והפרזי אז יושב בארץ — איז ארץ ישראל בעהערשט פון פרעמדע פעלקער און אידן קענען אין איהר נישט זוכה זיין.

און מכל שכן אז ארץ ישראל קען זיך נישט ערהאלטן ביי אידן אייב אין איהר אליין גיט מען די קינדער א ג־טלאזע ערציהונג אהן תורה און אהן אמונה, און די ערציהער זענען „רועי מקני לוט"... (אבני אזל)

## קנאות און חסד שטעהען נישט אין סתירה

הפרד נא מעלי אברהם דער איש החסד, וואס האט מקרב געווען אפילו ערביים און זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען, ווערט אבער א געוואלדיגער קנאי, ווען ער זעהט אז זיין אייגענער לוט, בויגט זיך אביסל אוועק פון זיין שיטה און עס ציהט איהם צו סדום. ער שרייט אויס: הפרד נא מעלי...!

חסד און אהבת הבריות איז לגמרי נישט אין סתירה צו קנאות פאר אידישקייט און צום אפשיידן זיך פון שלעכטן. (אבני אזל)

### א גוטער חינוך

וידק את חניכיו זה אליעזר שחנכו למצות והוא לשון התחלת כניסת האדם כלי לאומנות שהוא עתיד לעמוד בה כמו חנוך לנער (רש״י). איז דאך מפורש אין הייליגע ווערטער פון רש״י אז חינוך פון קינדער הייסט נאר דאן א חינוך, ווען זיי ווייבן דערביי — שהוא עתיד לעמוד בה — דאס לערנען מיט'ן קינד קליינערהייט און זארגן אז ער זאל אויך בלייבן א יוד, א בן־תורה, הייסט לגמרי נישט קיין חינוך... (הגאון מהר״ם שפירא ז״ל מלובלין)

## א באגעגעניש פון צווי צדיקים

ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין והוא כהן למלך עליון ווען צוויי צדיקים טרעפן זיך צוזאמען, לערנט איינער פון צווייטן און נעמט איבער זיינע מידות טובות.

שם בן נח האט דאך שטענדיג עוסק געווען מיט תורה ועבודה אין זיין בית־מדרש (בית מדרשו של שם ועבר) און האט זיך לגמרי נישט אפגעגעבן מיט וועלט־ליכע ענינים. אברהם אבינו איז זיין הויפט מידה געווען הכנסת אורחים. ער האט געעפנט זיין הויז פאר פרעמדע, זיי מאכיל ומשקה געווען און אזוי ארום זיי מקרב געווען תחת כנפי השכינה.

יעצט ווען די זענען זיך צוזאמען געקומען איז—ומלכי צדק מלך שלם—שם בן נח (רש״י) — הוציא לחם ויין — האט ארויסגענומען פון אברהם אבינו די מידה פון הכנסת אורחים, צו געבן מענטשן צו עסן און צו טרינקען פון בעסטן — והוא — און אברהם האט ווידער ארויסגעלערנט פון שם׳ן — כהן לאל עליון — צו ארבייטן נאך מעהר אין תורה ועבודה, אזוי וויא א כהן אין בית המקדש. (שיחות צדיקים)

## וירא

## אין זכות פון אליהו הנביא

ווען הגאון רבי שלמה קלוגער זצ״ל איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין די שטאט בראד, איז פארגעקומען א ברית מילה וואו מען האט איהם מכבד געוועהן מיט סנדקאות. ווען ר׳ שלמה קלוגער איז געקומען צום ברית, האט ער זיך דערוואוסט אז דער פאטער פון קיגד געפינט זיך יעצט אין א צושטאנד פון גטיסה ר״ל. אין בראד האט זיך געפירט אז אין אזא פאל האט מען געווארט מל צו זיין דאס קינד ביז נאכן אפשטארבן פון זיין [illegible]ר כדי א נאמען צו געבן נאך איהם דאס גע׳מל׳עטע קינד.

רבי שלמה האט אבער געהאט א אנדער מיינונג אין דעם ענין, ער האט באלד צוזאמען גערופן א מנין אידן און מען האט תיכף גע׳מל׳ט דאס קינד.

צו אלעמענס וואונדער האט מען זיך דערוואוסט אז דער פאטער פון קינד איז ארויס פון גסיסה־צושטאנד און געהט צו בעסער. האט זיך גע׳רעש׳ט אין גאנץ שטאט. אלע האבן גע׳טענה׳ט אז עס איז פשוט א „מופת" פון דעם נייעם בראדער רב.

ווען דער „מופת" האט זיך דערטראגן צו די אויערן פון ר׳ שלמה׳ען, האט ער געזאגט אז ס׳איז קיין מופת. ער האט עס גענומען פון א רש״י אין חומש, אין היינטיגע פרשה. רש״י זאגט אז איין מלאך טהוט נישט קיין צווי שליחותן. דעריבער האט מען געשיקט צו אברהם׳ען דריי מלאכים אנצוזאגן שרה די בשורה פון יצחק, איבערקערן סדום און היילן אברהם׳ען, און דער זעלבער רפאל וואס האט געהיילט אברהם׳ען, האט שוין געראטעוועט לוט׳ן. פרעגן דאך אלע מפרשים, מ׳האט דאך געקענט שיקן א ספעציעלן מלאך־שליח צו רעטן לוט׳ן. עס פעהלט דען מלאכים אין הימל?

נאר — זאגט ר׳ שלמה קלוגער — דער פשט איז אזוי: לוט׳ס זכות איז נישט געוועהן אזוי גרויס, ער איז נישט אזוי ווערט געוועהן גערעטעט צו ווערן אין די מהפכה פון סדום ועמורה, אזוי ווייט אז מ׳זאל איהם שיקן א ספעציעלן שליח. דעריבער איז עס געשעהן דרך־אגב, סיווי איז דאך שוין געשיקט געווארן דער מלאך רפאל צו היילן אברהם׳ן, האט ער שוין איינוועגס געקענט ראטעווען לוט׳ן (און רפואה און הצלה איז דאך איין זאך, ווי עס שטעהט אין ראשונים).

איך — האט ר׳ שלמה וויטער געזאגט — האב אויך אזוי געטראכט, מסתמא איז מען יעצט ביי די גסיסה פון פאטער דן אין הימל ווענן זיין צושטאנד, און אפשר האט ער נישט גענוג זכותים אז אליהו הנביא זאל איהם ספעציעל שיקן א רפואה און ער זאל אומקערן זיך צום געזונד און לעבן. האב איך בכוונה געהייסן שנעל פראווען דעם ברית מילה, כדי אז ווען אליהו וועט מוזן קומען צום ברית מילה, וועט ער ממילא אין איינוועגס אויך מיטברייינגען א הילף פארן קראנקען פאטער.

וויזט אויס אז אזוי איז טאקע געווען און אליהו הנביא זכות לטוב האט געברייינגט דעם פאטער א רפואה מיט א ישועה!

ויאמר... אל נא תעבור מעל עבדך „מכאן שגדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה" (שבת קכ״ז). ווען אברהם אבינו וואלט זיך אפגעשיידט פון מענשן און זיך מתבודד געווען בלויז צו אייגענער עבודת־השם וואלט ער זיכער דערגרייכט העכערע מדריגות אין השגת אלקות, דאך האט ער אפגעלאזט זיין אייגענע שטייגערונג אין מדריגות און זיך באשעפטיגט מיט מענשן, זיי אויפצונעמען און מקרב זיין תחת כנפי השכינה. ווארום דאס איז דאך געווען דער זין פון דער הכנסת אורחים וואס אברהם אבינו האט מקיים געווען, אזוי ווי די חז״ל זאגן אז נאכן עסן, האט ער זיי געהייסן לויבן און בענטשן צו השי״ת וואס האט דעם עסן באשאפן, קומט דאך אויס אז אברהם אבינו האט באטראכט דאס פארשפרייטן די אמונה צווישן מענשן אלס א גרעסערע עבודה ווי די ארבייט פאר דער אייגענער שלימות און אייגענער עליה.

דאס איז די כוונה: גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה — ס׳איז גרעסער די עבודה פון מכניס זיין פרעמדע תחת כנפי השכינה, ווי די ארבייט פאר אייגע־נער שטייגערונג אין השגת אלקות. אברהם האט דעריבער מקריב געווען זיין אייגענער „קבלת פני השכינה" פאר דער מצוה פון „הכנסת אורחים". (אבני אזל)

ואקחה פת לחם וסעדו לבכם אחר תעבורו — לבבכם אין כתיב כאן אלא לבכם מגיד שאין יצר הרע שולט במלאכים (רש״י). אברהם האט דאך נישט געוואוסט אז זיי זענען מלאכים, עד האט דאך געמיינט אז זיי זענען ערבים, וואס־זשע זאגט ער „לבכם"?

נאר באמת זענען אין הארץ פערהאן צוויי כוחות, א גייסטיגער כוח — לב חכם לימינו — און א פשוט׳ער קערפערליכער כוח פון גשמיות׳דיגער תאוה — ולב כסיל לשמאלו.

יעדעס מאכל ענטהאלט אויך אין זיך א גשמיות׳דיגער כוח וואס דערנעהרט דעם קערפער און א גייסטיגן כוח, דעם „מוצא פי ד׳" — וואס דערנעהרט די נשמה פונ׳ם מענש. דעריבער שטעהט „ולחם לבב אנוש יסעד" דאס ברויט לעהנט אונטער ביידע כוחות פונ׳ם הארץ, סיי דעם קערפערליכן און סיי דעם גייסטיגן.

ביי מלאכים איז נאר פערהאן בלויז דער גייסטיגער כוח, שטעהט דעריבער „לבכם" — אברהם אבינו ווידער, מיינענדיג אז זיי זענען ערביים, וועלכע האבן גארנישט אין זיך קיין רוחניות׳דיגער כוח, און ווערן געשפייזט בלויז פון די גשמיות וואס דער מאכל ענטהאלט, האט אויך געזאגט „לבכם" אויף דעם „לב כסיל לשמאלו" (מלא העומר)

### נאר מיט אמונה איז דא מענטשהייט

רק אין יראת אלהים במקום הזה והרגוני על דבר אשתי. מ׳זאל זיך נאר ניש איינרעדן, אז אפילו מען האט נישט קיין מורא פון ג־ט קען מען אויך באזיצן אידלקיי און גוטע מידות צוליב מענטשליכקייט. ניין! וואו עס איז נישטא קיין יראת אלקי דארט איז אויך קיין מענטשליכקייט ניטא. דארט קען מען צוליב א תאוה בעגעהן ד גרעסטע רציחות און אומענטשליכקייט... נור אמונה און יראת שמים איז די איינציג שוץ־וואנד געגן שלעכטע מעשים אפילו אין באצוג צו מענטשן. (מלבי״ם)

### א חכמה נפלאה וועגן אמונה

ווען דער גאון מו״ה שמעון סופר איז נאך געווען א בחור, איז ער אמאל אריין צום הייליגען חתם סופר זייער אומעדיג, און זאגט אזוי ווי א אפיקורס האט ביי אים געפרעגט א קשיא אין אמונה און ער האט אים ניט געקענט ענטפערן, איז די קשיא עם זייער מבלבל דעם מוח. דער הייליגער חתם סופר האט געשוויגען און גארניט געענטפערט, אז ער האט געזעהן אז ער באקומט ניט קיין ענטפער איז ער ארויס פון צימער. אבער ס׳האט אים זייער שטארק געוואונדערט אויף דעם שטיל שוויגען, נאר מצד דרך ארץ האט ער ניט איבערגעפרעגט נאכאמאל. אויפ׳ן דריטען טאג האט אים דער הייליגער חתם סופר אריינגערופען און אים געענטפערט אויף זיינע שאלות קלאר און דייטלעך אז ביי אים איז ניט געבליבען מער קיינע ספיקות, ער האט נאך געזען ווי דער פוקר האט גערעדט אן שכל. דערנאך האט אים געפרעגט מוה״ר שמעון סופר אז יעצט איז אים נאך שווערער וויבאלד אז מיין טאטע האט געוואוסט דעם ענטפער גלייך אין דער ערשטער מינוט ווען איך האב ביי אים געפרעגט, פארוואס האט ער געווארט מיט׳ן ענטפערן ערשט אין דריי טעג ארום. אויף דעם האט אים דער הייליגער חתם סופר געזאגט, איך האב דאס געטאן כדי דיר אויסצולערנען א עיקר אין אמונה, אז אפילו ווען דו האסט א קשיא אין אמונה טאר דאס ניט פועל׳ן קיין ספק אין אמונה, נאר מ׳דארף האבען א ריינע אמונה ווי איך האב עס מקבל פון דורות פריער, אי איך האב א קשיא, איז אויף יעדער קשיא דא א תירוץ, דערפאר האב איך דיר געלאזטווארטען דריי טעג, ווייזען אז אויב אפילו ווען יעצט ווייסטו ניט ווערסטו אבער שפעטער יע וויסען. און דאס איז א חכמה נפלאה. זי״ע.

(בספר זכרון למשה)

### שרה׳ס מחשבה

ותכחש שרה לאמר לא צחקתי. דער צחוק פון שרה׳ן איז געווען „בקרבה״ אין

טיפסטע אינערליכע מחשבה, פון וועלכע זי אליין האט נישט געוואוסט און זי האט געשריגן דעריבער „לא צחקתי". השי"ת אבער, וועלכער ווייסט אזעלכע דורכלויפענדע נישט־פערטיגע מחשבות פון אונטער דעם בעוואוסטזיין — אזוי ווי די חז"ל זאגן: מחשבה עד שלא נוצרה בלבו של אדם כבר הוא גלוי' לפניך (בראשית רבה פרשה ט') — רופט עס אן הכחשה און זאגט איהר: לא! כי צחקת — ס'איז געווען א טיעף באהאלטענע נישט פארטיגע מחשבה פון וועלכע דו אליין ווייסט יעצט נישט...

(אדומו"ר מגור זצ"ל בשם אביו השפת אמת זצ"ל)

המכסה אני מאברהם אשר אני עושה... כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו וכו'. וואס פאר א טעם איז דאס ער איז „מצוה את בניו ואת ביתו אחריו" אויף דעם „המכסה אני"?

נאר דאס וואס עס האט אברהם'ען געפעהלט אט די ידיעה, כאטש ער איז געווען א נביא, איז געווען, ווייל ער האט זיך באשעפטיגט מיט מגייר זיין גרים און מיט ער־ציהען מענשן צו אידישקייט. ממילא האט ער זיך נישט געקענט אזוי פיל מתבודד זיין און צוקומען צו דער העכסטער מדרגה פון נבואה און רוח הקודש.

האט דעריבער השי"ת געזאגט: המכסה אני מאברהם? — צו איז דען א יושר, איך זאל דאס פון איהם פארדעקן בעת דער חסרון פון דער ידיעה דערנעמט זיך נאר פון — למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו — ווייל ער גיט זיך אפ מיט חינוך און מיט מקרב זיין מענשן תחת כנפי השכינה. (חתם סופר)

## עפר ואפר — פארגאנגענהייט און צוקונפט

ואנכי עפר ואפר. ערד, האט נישט קיין שום חשיבות פון דער פארגאנגענהייט, דאגעגען אבער קען זי ארויסגעבן פרוכטען, און געוואוקסען, אויב מען וועט אין איהר זייען. אש ווידער, קען נישט ארויסגעבן קיין געוואוקסען, קען עס מצד דער צוקונפט קיין חשיבות נישט האבן. דעגעגן האט עס אבער א חשיבות מצד דער פארגאנגענהייט, עס איז דאך פריהער געווען א כלי אדער א חפץ.

אברהם האט זיך געהאלטן אזוי נידריג, אהן שום מעלה, אזוי ווי ביידע צוזאמען, ווי „עפר" מצד דער פארגאנגענהייט און ווי „אפר" מצד דער צוקונפט.

דעריבער זאגן די חז"ל אז ער האט צוליב דעם זוכה געווען צו „עפר סוטה" און „אפר פרה אדומה". דאס איז מדה כנגד מדה. ווייל ער האט זיך געהאלטן ווי „עפר וואס האט נישט קיין מעלה מצד דעם עבר — האט ער באקומען די מצוה פון עפר סוטה וואס איז דווקא מברר א זאך פון דער פארגאנגענהייט, צו די פרוי האט געזינדיגט צו נישט. און ווייל ער האט זיך געהאלטן ווי „אפר" וואס האט קיין מעלה נישט מצד דעם עתיד, האט ער זוכה געווען צו „אפר פרה" וואס איז מטהר דעם יעצטיגן טמא פון היינט און ווייטער און בעווירקט דווקא זיין עתיד...

(בית הלוי מהגאון מהרי"ב מבריסק ז"ל)

## וואס הייסט קליין האלטען זיך

דער בעל התניא זצוק"ל זי"ע פלעגט זיך טרעפען מיט די גדולי המתנגדים און פירען מיט זיי וויכוחים, אמאל אין מיטען אזא שמועס האט דער גדול דערציילט אז ער האט באקומען א ספר, מיטן נאמען "נועם אלימלך" קוקענדיג אין ספר האט ער דערקענט אז דאס איז א חסידישער ספר, האט ער עם באלד ארונטערגעווארפען אונטערען טיש, פרעגט ער ביי דעם בעל התניא ז"ל צי קען ער עם. האט אים דער בעל התניא געענטפערט איך וועל אייך כאראקטעריזירען דעם מחבר פון דעם ספר, זיין ענוות איז ממש גרענעצלאז, ווען איר זאלט אפילו עם אליין ארונטערווארפען אונטערען טיש וואלט ער אויך געשוויגען און גארניט געזאגט.

(בספר לישרים תהלה בשם ס' ב"ר)

## די גאלדענע יוגנט־יאהרן

וואלטן די יונגווארג געוואוסט און פארשטאנען וואס פאר א אונשע־צבארן אוצר זיין פארמאגן, די עצם יוגנט זייערע, — וואלטן זיי עס פארקויפט פאר א בעסערן און טייערן פרייז. זיי וואלטן עס נישט פארביטן פאר ביליגע סחורה, וואס איז גאנגבאר אין גאס.

דעם מענטשן'ס יאהרן זענען איינגעטיילט אין דריי טיילן: די יוגנט־יאהרן, מיטל־יאהרן און די עלטערע יאהרן. וואס מ'כאפט אריין אין די יוגנט־יאהרן תורה און חכמה, מידות און עבודת ה' — איז עס א שטענדיגער אייגנטהום, דער מוח איז נאך דאן לויטער, קלאר, ריין און נישט פארדונקלט מיט אלערליי טרדות. אז מ'פלאנצט איין דאן די אלע גוטע אייגנשאפטן, איז דאך עס שטאנדהאפט און שפייזט נאכער גייסטליך די גאנצע עקזיסטענץ יאהרן.

אויב מ'פארשלאפט די יוגנט־יאהרן איז עס א פארלוסט וואס קומט נישט צוריק. די מיטעלע יאהרן האבן שוין נישט דאס קלארקייט דאס פריש־קייט פון די יוגנט. ריכטיג, מ'קען אין זיין אויך געניג עררייכן, אבער מ'האט עס נישט אזוי פעסט ווי פון די יוגנט ווייל דער זכרון איז שוין שוואכער און די טרדות פון קאפ שטופן אפ אנדערע מחשבות.

עס ווערט געטייטשט אין ספרים, וישכם אברהם בבוקר, דער איד זאל אויפשטיין מיטן פרימארגן אין די יוגנט יאהרן. ויחבוש את חמורו און ער זאל בינדן זיין חומר זיין מאטריעליזם, זיין גשמיות. דאן איז עס פיהל לייכטער, דער מאטריאליזם איז נאך נישט אזוי איינגעזאפט אין די בלוט און מ'קען איהם נאך בינדן צום מזבח ה', ויקח את שני נעריו, אויף אזא אופן פארמאגט מען דאך די יוגנט־יאהרן, מ'נעמט זיי מיט די יוגנט יאהרן אויף ווייטער, זיי שטעלן זיך נישט אפ, די תורה וואס מ'האט עררייכט און די תקופה פון די יונגע שפיגל יאהרן שיינט און בלאשקעט און שטעהט אין פייער־פראבע פון די הארטע טעג־טעגליכע מציאות. עס א קאפיטאל וואס פארזיכערט דאס גאנץ לעבן.

**לו חכמו ישכילו זאת, וואלטן דאס די בחורים און די יונגעלייט גרונ־ דליך פארשטאנען — וואלטן זיי אויף א בעסערן אופן זיך באניצט מיט זייער אונשעצבארן אוצר!**

## פעסט אנטקעגן די כוואליעס

„כחול אשר על שפת הים" — מ'האט געבענטשט אברהם'ן אז זיינע קינדער זאלן זיין **ווי די זאמד ביים ים. ווען די כוואליעס פון ים דערהויבן זיך צופארפליצן די יבשה — איז די זאמד א אפהאלטונג. די אידן וועלן קענען שטעהן פעסט קעגן די כוואליעס וועלכע ווילן זיי איינשלינגען, קעגן די פעלקער וועלכע ווילן זיי פארטיליגן.**

## ווי דער מהר"ל האט מבטל געווען די גזירה פון קייזער רודאלף

דער קייזער רודאלף האט געוואלט ארויסטרייבן די אידן פון זיין לאנד, לויט דעם ווילן פון זיין פרוי און די גלחים. און די זאך איז נתגלה געווארן צום מהר"ל הקדוש.

אין דער זעלבער צייט האט זיך גע'חלומ'ט דעם קעניג, ווי ער פארט אויף א רייטוואגן ביי דעם טייך דונאי צו באדן זיך. ווען ער האט זיך דערוויטערט פון זיינע דינער, איז א מענטש ארויס פון טייך אין טוט אן זיינע בגדים, און אלע זיינע קנעכט גייען אים נאך און זיצן אויף זיין רייטוואגן. דער מלך האט זיי נאכגעשריען און קיינער הערט אים גארניט.

ער איז ארויסגעקומען אויף דער מריקעניש א נאקעטער, אן קיין מלבוש זיך צו פארדעקן, און איז געקומען אין וואלד אריין און געשריען: איך בין דער מלך. אלע האבן אים געהאלטן אז ער איז משוגע געווארן, מען האט אים זייער געהאקט און געשלאגן ביז ער איז אוועק א בארוועסער און א נאקעטער אין די דערפער. ביז איינער האט זיך אויף אים מרחם געווען און אים געגעבן א שטארק צעריסן קלייד, וואס האט נאכגעהאנגען צעריסענע שטי־ קער, איינס איבן און זיבן אונטן. ער איז אזוי געגאנגען פון איין פלאץ צום צווייטן אין זיך געלאזט וואקסן די האר און נעגל אזוי ווי איינער פון די חיות פון וואלד, און קיינער האט אים ניט געוואלט אריינלאזן אין שטוב אריין.

ווען ער איז געקומען קיין פראג, האט ער געטראפן אן אלטן מאן, און יענער האט אים גע'עצה'ט צו זען דעם מהר"ל מפראג ז"ל, און ער וועט דיר העלפן. און ער האט אזוי געטאן.

דער מהר"ל הקדוש האט אים געזאגט, אז איינער איז געקומען און האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין שטול, און דעריבער גיי צום טייך און מאך אים דאס זעלבע וואס ער האט דיר געמאכט, ווייל יעצט איז יענער געגאנגען צום טייך זיך וואשן.

האט אים דער מלך געזאגט, ווי קען איך גיין, איך בין דאך בעוואקסן די האר מיט נעגל? זאגט אים דער מהר"ל הקדוש: איך וועל דיר אפגאלן און אפשערן די נעגל.

ער איז אוועק צום טייך און געטאָן אלץ ווי דער מהר"ל האָט אים געהייסן.

אין דעם האָט ער אויפגעוואכט און געעפנט זיינע אויגן און ער האָט געזען, ווי אויף דעם טיש ליגט א זילבערנע טאַץ, אויף איר ליגט די האָר און זיינע נעגל, אלעס ממש ווי ער האָט געזען אין חלום. צעשראָקענערהייט האָט ער געשיקט רופן דעם מהר"ל הקדוש צו זיך, און זיי האָבן גערעדט אינטים אין א באַהאַלטענעם צימער, און די גזירה איז בטל געוואָרן.

(בקונטרס בית טובי' מהג' מפלונסק ז"ל ובשם הגדולים מהג' הידא ז"ל וז"ל מהר"ר ליווא מפראג ז"ל מעשה נורא שעשה על ידי מה שגילו לו מהשמים ומזה נמשך שדיבר עם הקיסר ביחוד כמו שעה וחצי ועשה לו כבוד גדול).

## דער יסוד פון ערציהונג

**„למען אשר יצוה את בניו וכו' ושמרו דרך ה'" — דאָס איז דער יסוד פון א אידישן ערציהונג, עלטערן וועלכע זוכן אלעס צו טאָהן כדי צו ערציהען די קינדער אויפן אידישן וועג — ווירקט דאָס אז זיי בלייבן אידן. אויב „אשר יצוה את בניו" ער וועט זיי פאָרזאָגן ווי זיך צו פירן, דאַן „ושמרו את דרך ה'" וועלן זיי געהן אין גוטן וועג.**

## ווידער געאַרבעט פאַר אידישקייט

**„וישב אברהם אל נעריו" — נאָך די 10 נסיונות וואס אין זיי איז אברהם ארויס געלייטערט — האָט ער זיך אָבער נישט אפגעשטעלט ארבעטן אין עבודת ה'. „וישב אברהם" ער האָט זיך אומגעקערט „אל נעריו" צוריק צו זיינע יונגע יאָהרן ווען ער האָט אנגעהויבן צו טאָהן אין יראת שמים.** (שפתי צדיקים. לויטן קאצקער)

אויפ'ן פסוק „ולוט יושב בשער סדום" מאַכט רש"י: „אותו היום מינוהו שופט עליהם". פרעגט זיך: מיט וואס עפעס האָט לוט זוכה געווען, אז סדום זאָל איהם, א פרעמדן, אויפגעהמען אלס שופט? נאָר דער תירוץ איז: אויפ'ן פסוק „ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה ליט" זאָגט רש"י, אז בשעת די רועי־אברהם האָבן גע'מוסר'ט די רועי־לוט, הלמאי זיי פיטערן זייערע בהמות אין פרעמדע פעלדער, וואס דאָס איז דאָך אמת'ער גזל, — האָבן די רועי־ליט געענטפערט, אז היות ווי די גאנצע ערד פון לאַנד איז געוואָרן צוגעזאָגט צו אברהם'ן און היות ווי אברהם האָט נישט קיין קינדער, וועט דאָך לוט זיכער ווערן זיין יורש, איז עס שוין דעריבער נישט קיין גזל... און אז די אנשי־סדום האָבן דערהערט, ווי וואויל דערדאָזיגער „רבי לוט" פסק'ענט שאלות און וואָסערע זעלטענע היתרים ער קען אַלץ אויסגעפינען פון שלחן־ערוך, האָבן זיי גלייך געכאַפּט און איהם געמאַכט פאַר א רב...

## ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה

**דער „כ״ פון „ולבכותה״ איז קליין פארוואס?**

דער מדרש זאגט, אז שרה איז געווען די קרוין פון אברהמ׳ן, ווי עס שטי״ט אין פסוק: „אשת חיל עטרת בעלה״ און בנוגע נביאות איז אברהם געווען א טפל צו איר. עס איז דאריבער מעגליך, אז ווען זי איז געשטארבן האט אברהם איר באוויינט אויף דעם, וואס דער „כ״, וואס מאכט „כתר״ (קרוין) איז פון אים אוועקגענומען געווארן. און דערפאר איז עס קליין געשריבן. (באר מים חיים)

## די מערת המכפלה

**דער** בעל מחבר ספר מראה הפנים אויף ירושלמי שרייבט ווען איך בין געווען אין איטאליען האב איך גערעדט מיט א שליח פון חברון, א באגלייבטער מענטש, דער חכם רבי יצחק זאבי ז״ל. ווען מיר האבן גערעדט וועגן דער מערת המכפלה האב איך געזאגט אז איצט איז די מערת המכפלה אונטער די הענט פון די רשעים און קיין שום איד אדער פון אנדערע אומות קען נישט אריינקומען אין דעם הויף נעבן דער מערה אויסער די ישמעאלים, זיי גייען דארט אריין יעדען טאג מתפלל זיין. און איך האב איהם געפרעגט וואס ער ווייסט וועגן דעם. האט ער מיר געזאגט יא עס איז אמת אז קיין מענטש טאר דארט נישט אריינקומען ווייל מען קריגט דערפאר טויט שטראף, אפילו דער שומר דער ישמעאלי אויב ער לאזט עמיצען אריין ווערט ער באשטראפט מיט טויט. נאר איך געדענק ווען איך בין געווען א אינגעל פון ארום זיבען אדער אכט יאהר בין איך אריינגעגאנגען מיט מיין מוטער צוליב א סיבה וואס דער שומר איז קראנק געווארען און ער האט געשיקט צו מיין מוטער ווייל ער האט געוואוסט אז זי פארשטייט צו רפואות פון פאר־שידענע גראזען און פולווערס, און ער האט איר געהייסען קומען צו איהם ביינאכט פארבארגענערהייט, האט מיך מיין מוטער מיטגענומען מיט דער דערלויבעניש פון דעם שומר. ווען מיר זיינען אריינגעגאנגען אין דעם הויף האט ער אונז געפירט ארויף צו דער כיפה וואס איז אויפגעבויט אויף דער מערה וואס עס האט נאך געמאכט הילני המלכה, און דאס איז זייער שיין אויסגעצירט. ווען מיר זיינען געשטאנען אויבען האבען מיר געזען אז אויף דעם קופאל זיינען אויסגעצירט פארשידענע בילדער אלס סימן אויף די אבות און אמהות וואס ליגען אין דער מערה. און דארט אהין קען קיין שום מענטש נישט צוקומען. מיר האבען אויך געזען אז אויף דעם דאך פון דעם קופאל איז אויפגעשריבען אברהם און אין דער זייט שרה, אין דער מיט איז אויפגעשריבען יצחק און אקעגענאיבער רבקה, און דערנאך יעקב און אקעגענאיבער לאה. נאך האט מיר יענער חכם דערציילט אז ער האט דארט געזען אין דער זייט א מין קעסטעל אין דער וואנט. האט ער געפרעגט דעם שומר וואס דאס איז, האט ער געזאגט אז זיי זיינען מקובל אז דארט איז באגראבען דער קאפ פון עשו, און מען האט דארט גארנישט אויפגעשריבען נאר געמאכט דאס קעסטעל פאר א זכר, אזוי ווי עס שטייט אין דער גמרא סוטה, אז

חושים דער זון פון דן האט איהם גע'הרגעט אין טאג ווען יעקב אבינו איז געבראכט געווארען צו קבורה.

(בס׳ מראה הפנים על ירושלמי תענית פ״ד)

### עפרון האט מרמז געווען...

ביני ובינך מה היא „אברהם״ איז אין מיטן דא א ר׳ און עפרון איז אויך אין מיטן דא א ר׳. א ר׳ איז צוויי הונדערט. צוויי ר׳ איז פיר הונדערט. דאס האט דער עפרון מרמז געווען, „ביני״ צווישן מיינע אותיות „ובינך״ און צווישן דיינע אותיות — וויפיל עס באטרעפט גיב אהער...

## וד׳ ברך את אברהם בכל

פאראן אזעלכע צדיקים, וועלכע זארגן דער עיקר פאר זיך, ווען דיערע אייגענע מצוות און מעשים טובים, אז זיי זאלן זיין אין ארדנונג מיטן רבונו של עולם. גאנץ אנדערש איז אבער דער דרך פון אמת'ן העכערן צדיק — און דאס איז געווען דער דרך פון אברהם אבינו; ער איז געבענטשט געווארן מיט דער מידה פון „בכל״, האבנדיק תמיד אין זינען נישט זיך, נור דעם כלל... (ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער)

## זיין א הערשער נישט קיין באהערשטער

ויאמר אברהם ... המושל בכל אשר לו. דער פליכט פון א אידן איז צו זיין א מושל, א הערשער איבער זיך און איבער אלץ וואס ער פארמאגט און נישט אומגעקערט. נישט ווערן קיין נמשל, א באהערשטער פון זיין יצר ווייל אין דעם ליגט דער אונטערשייד צווישן דעם מענטש און די בהמה. אויב א מענטש ווערט א נמשל און טהוט אלץ וואס דער רצון פארלאנגט פון איהם איז ער געגליכן צו א בהמה — „נמשל כבהמות נדמו״...

און דאס איז געווען די גרויסקייט פון אברהם. ער איז געווען „המושל בכל אשר לו ... (ילקוט אליעזר)

## לבן'ס תאווה צו געלט

„וירץ לבן אל האיש החוצה״ — „אמר עשיר הוא ונתן עיניו בממון״ (רש״י).

וואס איז דער אויסדרוק פון „נתן עיניו בממון״?

נור די חז״ל זאגן, אז לויפן איז שעדליך פאר די אויגן. א פסיעה גסה נעמט א וועק א חלק פון דער ראי׳. לבן דער חומד ממון האט אבער נישט געקוקט אויף דעם. ווי נאר ער האט געזעהן א שאנס צו קענען קריגן געלט איז „וירץ״, איז ער געלאפן מיט'ן גאנצן אימפעט און ס'האט אים כלל כלל נישט געקימערט דעם שאדן וואס ער ברענגט מיט'ן לויפ'ן פאר דיינע אויגן.

„נתן עיניו בממון״ ער האט אפגעגעבן זיינע אויגן. זיי מפקיר געווען פאר דעם געלט וואס ער האט געמיינט צו באקומען... (יסודי התורה)

אליעזר האט געזאגט „אלי״ זאגט רש״י אז ער האט מרמז געווען אז ער האט חשק צו נעמען יצחק'ן פאר א אידים.

פרעגט די װעלט פאר װאס האט ער עס מרמז געװעהן רעדנדיג מיט לבן׳ען, נישט לכתחילה רעדענדיג מיט אברהם׳ען?

נאר פריער האט ער גערעכנט אז אברהם׳ס משפחה זײנען גרױסע מענטשן, האט ער נישט געװאגט צו טראכטן אז יצחק זאל נעמען זײן טאכטער. אבער װען ער זעהט אז די משפחה פארמאגט א „לבן הארמי״ האט ער גענומען טראכטן: אזא „מורנר״ װי לבן בין איך נאך אױך... (פרדס יוסף)

## צוליב געלט

ואנכי פיניתי הבית. מעבודת אלילים (רש״י). איך האב אפילו מײנע געטער ארױס־געװארפן כדי צו קענען באקומען אביסל געלט... (זעה רש״י אין פסוק כ״ט: „אמר עשיר הוא ונתן עיניו בממון״).

אזױ איז דער דרך פון לבן׳ס, זײ זײנען גרײט זײערע געטער אװעק צו געבן פאר א פאר גילדן... (הרה״צ מהרי״י הורביץ ז״ל).

## ויאמר עבד אברהם אנכי

עס איז אונז צו לערנען, אז א מענש כאטש ער איז א בעל מדרגה דארף ער זיך נישט גרױס האלטן קעגן אנדערע. אליעזר אלײן איז געשטאנען אױף גאר א הױכער מדרגה א „דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים״ און פונדעסטװעגן האט ער נישט געװאלט דערצײלן און זיך רימען װאס ער אלײן איז נור — „עבד אברהם אנכי״, בלױז אן עבד לעבדי השם... (תפארת שלמה)

* * *

א גרױסער חסידישער רבי האט געטײטשט: „עבד אברהם — אנכי״, אברהם איז אן עבד צו דעם „אנכי״...

## דערשפירט שפעטער

ואומר אל אדוני אלי לא תלך האשה אחרי. אלי כתיב בת הי׳ לו לאליעזר והי׳ מחזר למצוא עילה שיאמר לו אברהם לפנות אליו להשיאו בתו (רש״י). פרעגט די װעלט פאר װאס האט דאס אליעזר נישט מרמז געװעהן פריהער װען ער האט געזאגט צו אב־רהם׳ן — דארט שטעהט „אולי״ — נאר יעצט בײם איבערדערצעהלן עס?

האט דער קאצקער רבי ז״ל געענטפערט אז פריהער בעת ער האט געהאט די נגיעה, האט ער גארנישט געפיהלט אז צוליב די נגיעה זאגט ער דעם „אולי לא תאבה האשה ללכת״ נאר יעצט װען ער האט שױן מצליח געװעהן און די נגיעה איז אװעק האט ער ערשט אנגעהױבן צופיהלן אז ער האט עס געזאגט צוליב די נגיעה װאס ער האט געהאט.

## אויסגעהאלטן על פי דין

ומגדנות נתן לאחיה ולאמה. שהביא עמו מיני פירות של ארץ ישראל (רש"י).

דער דין איז דאך אַז מען טאָר נישט ארויספיהרן קיין פירות פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ?

נאר רש"י זאגט דאך (פריהער אין פסוק מ"ב) אז אליעזר האט געהאַט קפיצת-הארץ, ער איז באַלד אין זעלבן טאג אנגעקומען, ממילא זענען איהם איבערגעבליבן די פירות, וואס ער האט מיטגענומען כדי צו האָבן ביז צו דער גרעניץ פון לאַנד געהענדיג אויף אַ נאָרמאַלן אויפן. (אדמו"ר מגור זצ"ל)

## נישט מיט קיין פרסום

ויצא יצחק לשוח בשדה. "לשוח לשון תפלה" (רש"י). איז דאך אַ פראַגע אויב יצחק איז געגאַנגען באמת דאַווענען און נישט שפאַצירן פאַרוואָס שטייט נישט בפירוש: "ויצא יצחק להתפלל בשדה"?

נאָר דורך דעם וויל אונז די תורה אָנווייזן, אַז דער דרך אין עבודת השם איז "הצנע לכת עם ד' אלקיך". שטיל, באַשיידן אָהן פרסום און אָהן צו רעקלאַמירן די אייגענע פרומקייט. דער זייטיגער מענטש, וועלכער האָט באַגעגנט יצחק'ן פאַרנאַכט אין פעלד איז געווען זיכער, אַז ער געהט שפאַצירן, באמת האָט ער דאַן מתקן געווען די תפלת מנחה. (לקט אמרים)



## רבקה האָט זיך באַרוהיגט

"ויתרוצצו הבנים בקרבה וכו' שני גוים בבטנך וכו'"

וואס האט זי פריער געמיינט און מיט וואס איז זי באַרוהיגט געוואָרן:

זי' האט געהאלטן אז זי האָט איין קינד, און דער קינד וועט אמאהל לויפן אין שוהל דאַווענען און לערנען אזוי ווי אלע אידן און ס'וועט זיך איהם פארגלוסטן און לוינען, וועט ער לויפן אין... קלויסטער להבדיל.

אָט דאס האט איהר געקרייגקט, צו האָבן אַ קינד אַ צבוע'יאַק, ער וועט "טאַנצן אויף צוויי חתונות".

האָט מען איהר געענטפערט פון הימל אז די זענען צוויי קינדער, איינער וועט טאַקע זיין אַ געצנדינער אבער דערפאר, דער אנדערער וועט זיין "כולו לה'" ער וועט זיצן אין די ישיבה און לערנען. מיט דעם איז רבקה באַרוהיגט געוואָרן.

### ווער איז דער אמת'ער זיעגער

ותלך לדרוש את ה', שיגיד לה מה תהא בסופה (רש"י). רבקה האט געמיינט, אז עס איז איין קינד, און דאס וואס ער וויל ארויסלויפן ביי פתחי בית המדרש און ביי פתחי עבודה זרה, דאס איז דער סימבאלישער קאמפף צווישן יצר־טוב און יצר־הרע, אמאהל איז זיך מתגבר דער יצר־הרע, ווייל ער ארויסלויפן צו די עבודה זרה, און אמאהל איז זיך מתגבר דער יצר־טוב ווייל ער לויפן אין בית המדרש. איז זי דעריבער געוועזן טשיקאווע צו וויסן — מה תהא בסופה — וואס וועט זיין דער סוף פון אט דער אינערליכע מלחמה פון איהר קינד, ווער וועט געבן דעם לעצטן קלאפ, ווארום דער וואס גיט דעם לעצטן קלאפ, דער איז דער זיעגער.

דער מענטש האט טאקע דעם גאנצן לעבן א אינערליכע מלחמה מיט'ן יצר־הרע, אמאהל איז ער זיך מתגבר, און אמאהל יענער, על כל פנים זאל ער זעהן, אז דעם לעצטן קלאפ זאל ער געבן — והיה עקב תשמעון. (קול שמחה)

### יעקב — אמת; עשו — שקר

ויקראו שמו עשו, הכל קראו לו כן (רש"י) עשו איז דער סימבאל פון שקר, אזוי ווי די חז"ל זאגן אין מדרש „הא שוא שבראתי בעולמי" דער שקר ציהט צו זיך צו לידער זעהר א סאך מענטשן, אלע ווערן נאכגעשלעפט נאך איהם. יעקב איז אבער דער סימבאל פון אמת — תתן אמת ליעקב — שטעהט נור „ויקרא שמו יעקב" — א לשון יחיד — ווייל דער אמת האט ווייניג אנהענגער און נאכלויפער. יחידים זענען עס וואס ווערן נאכ־יסצויגן נאך יעקב'ן. (דגל מחנה אפרים)

## פרישות מן העולם — פנאי ללב ומנוחה לגוף. אהבת עולם טרדת הלב ויגיעת הגוף. (ס"ח ספ"ט)

— וואס דער מענטש זוכט פון זיך צו דערווייטערן די טרדות און הנאות פון עולם־הזה, — איז אים אלץ לייכטער אויף'ן הארץ און ער האט וואס מעהר מנוחה.

— וואס מעהר דער מענטש זוכט זיך אריינצוטאן אין עולם־הזה'דיגע טרדות און תאוות, ווערט אים אלץ שווערער אויף'ן הארץ און ער האט אלץ מעהר טרדות און דאגות.

### וואס הייסט תמימות

**איין** גרויסער האלץ סוחר איז אמאל געקומען קיין חוסט און איז אריין צום מהר"ם שיק ז"ל, דער צדיק איז אים זייער געפעלען, איז פאר'ן אוועקפארען איז ער אריין נאכאמאל געזעגענען זיך און דערלאנגט דעם צדיק א גרויסע סומע געלט. זאגט אים דער צדיק אז ער דארף ניט קיין געלט ווילע די קהלה גיט אים גענוג וויפיל ער דארף, זאגט דער גביר נעמט און צוטיילט פאר ארעמעלייט, אויף דעם האט דער צדיק געענטפערט גיט עס בעסער אוועק פאר דעם משמש ווילע ער וויס בעסער וועלכע ארעמעלייט מען דארף געבען און ער וועט זיי צוטיילען, זי"ע.

(בס' דרכי משה החדש)

### נישט צו פארשעמען א צווייטען

**עס** שטייט אין דער צוואה פון הגה"ק רבי נפתלי כ"ץ זצ"ל, איך האב

געהערט אַז דער טורי זהב האָט געהאַט אַ מנהג אַז ער פלעגט זאָגן קידוש שבת און יום טוב אינעווייניג פון אַ סידור. און ער האָט געזאָגט דעם טעם, ווייל איבער דעם וואָס אין די ווערטער איז פאַראַן אַ קדושה, אָבער אַמאָל קומט אָן עם הארץ אַלס גאַסט צו אַ תלמיד חכם אָדער ער געפינט זיך ערגעץ צוזאַמען מיט אַן עם הארץ און דער עם הארץ קען נישט קידוש מאַכען אויסענווייניג, וועט ער זיך שעהמען צו זאָגען פון אַ סידור, דעריבער האָט דער טורי זהב אַלעמאָל קידוש געמאַכט אין אַ סידור כדי דער אַנדערער זאָל זיך אויך נישט שעהמען צו מאַכען קידוש פון אַ סידור.

## העכערן דאָס געהאַלט

**אין** די שטאָט וואו דער מהר״ם שיק איז געווען רב, האָט אַמאָל דער קצב דערציילט פאַר די בעלי בתים פון שטאָט אַז דער רב נעמט פלייש זייער בצמצום און האָט געפאָדערט אַז מען זאָל דעם רב געבען אַ העכערע שכירות. דער שמש פלעגט ברענגען די שכירות אַלע וואָך און דער מהר״ם שיק פלעגט איבערציילען, דעם מאָל האָט ער איבערגעציילט האָט ער געזען אַז ס׳איז מערער ווי אַלעמאָל, זאָגט ער צום משמש גיי און גיב זיי אָפּ, ווייל מסתמא איז דאָ געשען אַ טעות, האָט דער משמש אים דערציילט אַז מ׳האָט געהויבען די שכירות, און ס׳איז ניט קיין טעות. האָט זיך דער גאון אָנגערופען און זאָגט אַז ער וויל ניט אָננעמען די העכערונג, ווייל מיט אַ יאָר צוריק האָב איך געבעטען אַ העכערונג פאַר דעם מלמד האָט מען מיר געענטפערט אַז די געלט אין די קהלה איז זייער ווינציג און מען קען אים ניט העכערען, זאָגט ווייטער דער רב, איז ווי קען איך נעמען ביי זיי אַ העכערונג, און זאָגט צום משמש גיי און טראָג אָפּ צוריק די געלט. אָבער די קהלה האָט זייער געוואָלט געבען דעם רב אַ העכערונג, איז בלית ברירה האָבען זיי געמוזט געבען אויך דעם מלמד אַ העכערונג און יעמאָלט האָט דער רב אויך גענומען.

(בספר דרכי משה החדש)

## דאָס גרויסע תמימות פון אַ צדיק

**אין** ספר שבחי צדיקים ווערט דערציילט אַ מעשה וואָס דערפון קען מען זען דאָס גרויסע תמימות פון הגה״ק רבי אביש אב״ד פראַנקפורט דמיין זצ״ל. רבי אביש פלעגט פיל עוסק זיין אין מצוות צדקה. ער פלעגט גיין נאָך געלט פאַר אָרימעלייט, און ער פלעגט פערזענליך אויפזוכען די סוחרים אין דער היים און אויף די יאַרידען צו נעמען פון זיי צדקה פאַר אידען אָרימעלייט, יתומים און אלמנות. איינמאָל איז ער געקומען צו אַ גרויסען סוחר נאָך געלט. יענער איז פונקט געזעסען אין זיין ביורא און עוסק געווען אין דער בוכהאַלטעריע. ער איז געווען טיף פאַרזונקען אין די חשבונות און אפילו נישט באַמערקט אַז עמיצער

איז אריינגעקומען רבי אבישל האט צוגעווארט אביסעל און דערנאך איז ער צוגעגאנגען צום גביר בעטען א גרעסערע נדבה. אבער דער גביר איז געווען אזוי שטארק פארטיפט אז ער האט זיך נישט אומגעקוקט אויף איהם. ער האט נישט געוואוסט אז דאס שטייט פאר איהם דער פראנקפורטער רב. ווען ער וואלט געווען געוואוסט וואלט ער זיכער באלד ממלא געווען דעם רב'ס בקשה. רבי אבישל ווידער האט זיך נישט געוואלט בארימען און זאגען ווער ער איז. האט ער זיך אויפגעהויבען און ארויסגעגאנגען. שפעטער ווען דער גביר איז פארטיג געווארען מיט די חשבונות, האט ער זיך געקליבען ארויסצוגייך אין גאס, האט ער געוואלט נעמען דעם שטעקען אבער ער האט איהם נישט געפונען. האט ער געטראכט אז מסתמא האט דער ארימאן צוגענומען דעם שטעקען אלס נקמה וואס ער האט איהם נישט געוואלט געבען קיין גרעסערע נדבה. היות דער שטעקען איז געווען חשוב ביים גביר, איז ער נאכגעלאפען דעם ארימאן און זיך גענומען בייזערן אויף איהם פארוואס ער האט צוגעגנב'עט דעם שטעקען. רבי אבישל האט נעבעך גע'טענה'ט מיט גרויס הכנעה אז ער האט נישט גענומען דעם שטעקען. אבער דער סוחר איז געווארען אין כעס און איהם גענומען שלאגען. רבי אבישל האט מקבל געווען די קלעפ באהבה און גארנישט געזאגט. ער האט ביי זיך געטראכט אז מסתמא איז אזוי מן השמים. מיט א צייט שפעטער איז דער זעלבער סוחר געקומען קיין פראנקפורט אין א געשעפטליכען ענין. שבת האט דער רב רבי אבישל גע'דרש'נט. האט דער סוחר באשלאסען אז ער וועט אויך גיין הערען די דרשה. עס איז געווען פארזאמעלט א ריזיגער עולם. ווען דער סוחר איז אריינגעגאנגען אין דער שוהל, האט דער רב שוין געהאלטען אין מיטען דער דרשה. ער האט באלד דערקענט אז דאס איז גאר דער ארימאן וועמען ער האט געשלאגען נאכדעם ווי ער האט איהם חושד געווען אז ער האט איהם צוגע'גנב'עט דעם שטעקען. דער סוחר איז באלד געפאלען חלשות. ווען מען האט איהם דערמונטערט האט מען איהם געפרעגט וואס עס האט מיט איהם פאסירט. האט דער סוחר דער־ציילט פאר דעם גאנצען עולם די גאנצע מעשה. און אז ער האט גרויס צער. האבען איהם די אידען געראטען אז תיכף ווי דער רב וועט ארונטערגיין פון דער בימה זאל ער איהם גיין מפייס זיין, און בעטען מחילה אז ער האט נישט געוואוסט אז ער איז דער פראנקפורטער רב. ווען דער רב איז פארטיג געווארען מיט דער דרשה און געוואלט ארונטערגיין איז צוגע־גאנגען דער סוחר איהם איבערצובעטען. ווען דער רב האט איהם דערזען האט ער געמיינט אז ער קומט פון איהם מאנען דעם שטעקען, האט ער זיך אנגעהויבען צו פארענטפערן אז ער האט נישט גענומען דעם שטעקען, און אז ער ווייסט בכלל נישט ווער עס האט איהם גענומען. דעמאלט ערשט האט דער עולם געזען דאס גרויסע תמימות און ענוה פון זייער רב, אז טראץ דעם גרויסען כבוד וואס די גאנצע שטאט האט

איהם צוגעטיילט נאך אזא געהויבענער דרשה, און טויזענטער מענטשען האבען איהם געזאגט „יישר כח" איז ער אלץ נישט נתפעל געווארען און זיך געשראקען פאר דעם סוחר, און ער פארענטפערט זיך נאך פאר איהם אז ער האט נישט גע'גנב'עט דעם שטעקען. דערפון קען מען זען זיין גרויס צידקות און תמימות.

(בס' אהל אברהם בשם ס' שבחי צדיקים)

## פון וואנען האט געשטאמט ראטשילד'ס פארמעגען

**אין** ספר שמן הטוב שרייבט ער, מיר האט געשריבען הגאון מ' שמואל הכהן אבד"ק שיטאווא וואס ער האט דערציילט בזה"ל, אדמו"ר הזקן הר' דוד משה זצוק"ל האט דערציילט, אין דער צייט פון הגה"ק מהרצ"ה אבד"ק טשארטקוב זצוק"ל (דער פאטער פון די צווי הייליגע ברידער הגה"ק ר' שמעלקע און הגה"ק בעל הפלאה זצוק"ל) איז ראטשילד געווארען א גרויסער גביר (דער טאטע פון די באוואוסטע ראטשילד משפחה). און די מעשה איז, ווען דער ראטשילד איז געווען משמש ביי הגה"ק מהרצ"ה ז"ל האט אמאל איינער איינגעלייגט זייער א גרויסען סכום ביי הרה"ק מהרצ"ה און מ'האט זיי אוועק גע'גנב'ט, האט מען גלייך חושד דעם משמש ראטשילד, דער צדיק האט אים געזאגט אז עפ"י תורה דארפסטו שווערען אז דו האסט נישט גע'גנב'ט, ראטשילד אבער האט ניט געוואלט שווערען אפילו אויף אמת און האט בעסער באצאלט די גאנצע געלט, הגם ער איז געווען א גרויסער עני, אבי ניט שווערען. אין א קורצער צייט ארום האט מען געפונען דעם גנב מיט דער גניבה, דעם צדיק האט דאס זייער פארדראסען וואס ער האט חושד געווען א אידען אומזיסט, און אויך האט ער געזען זיין גרויסע צדקות אז ער, ראטשילד, האט זיך געלאזט אזויפיל קאסטען אבי ניט שווערען, האט דער צדיק געבעטען ביי אים מחילה און האט אים געבענטשט מיט עשירות אויף דורי דורות.

## עשו'ס בכורה...

ויאכל וישת ויקם וילך ויבז עשו את את הבכורה. אזוי איז דער דרך פון עשו'ן צוליב א פרעס איז ער גרייט אוועקצוגעבן אלע זיינע הייליגקייטן, ער שטעהט נישט דעמאלט נאך קיין בכורה און וויל נישט טוהן קיין עבודה, ווייל דער „ויאכל וישת" פארנעמט זיין גאנץ וועזן. ווען עס קומט אבער יעקב וואס איז נישט אזוי פארקאכט נאכן „ויאכל וישת" און דורך זיין ארבעט און פלייס, מיה און מאטער, ערווערבט ער זיך די בכורה און בעקומט די איבערהאנד איין אלע גייסטיגע געביטן — דעמאלט ווערט ער בייז, און שרייט אז יעקב נארט איהם אפ, אז יעקב בעשווינדלט איהם — ויעקבני זה פעמים...

עשו! דערמאהן זיך, אז דורך דיין פוילקייט און דורך דיין תאוות, האסטו אליין די בכורה אוועק געווארפן און יעקב האט אין איהר זוכה געווען דורך פלייס און ארבייט, דורך ווייניג עסן און טרינקען, נישט דורך שווינדעל... (אבני אזל)

## נישט צוליב הונגער

ויאכל וישת ויקם וילך ויבז עשו את הבכורה אויפן אנהויב פון דער מכירה קען מען נאך איהם דן זיין לכף זכות; ער איז געווען זעהר מיד און הונגעריק, אזוי אז ער האט צוליב די סכנה פון הונגער געמוזט מסכים זיין אויף די מכירה. אבער נישט ער האט געמיינט מבזה צו זיין די בכורה, נאר זיך צו ראטעווען. אבער נאך דעם וואס ער האט שוין געהאט זיך אנגעגעסן און אנגעטרונקען, האט ער דאך על כל פנים געדאפרט אנהויבן שרייען; איך בין געווען אן׳אנוס. און חרטה האבן אויף די מכירה. לבסוף אבער איז נאכן „ויאכל וישת" געווען „ויקם וילך" — ער איז זיך אויפגעשטאנען און אוועקגעגאנגען שטיל, רוהיג און צופרידן אזוי וויא ס׳וואלט גארנישט געשעהן — איז ערשט יעצט קלאר געווארן אז — ויבז עשו את הבכורה — אז זיין פארקויפן די בכורה איז נישט געווען צוליב הונגער, נאר צוליב בזיון, ווייל עס האט ביי איהם קיין ווערט נישט געהאט. (שער בת רבים)

## אברהם אבינו׳ס עירוב תבשילין

עקב אשר שמע אברהם בקולי וכו׳ „קיים אברהם אבינו אפילו עירוב תבשילין (רש״י)".

דער סאכאטשאווער רבי דער בעל „אבני נזר" ז״ל האט געזאגט, אויף דעם וואס די חז״ל דערמאנען ספעציעל די מצוה „עירוב תבשילין" ווי פאלגענדעס;

באמת וואלט מען געדארפט מעגן אנגרייטן פון יו״ט אויף שבת, אפילו אהן עירוב תבשילין ווייל שבת איז דאך הארבער ווי יו״ט, נאר — זאגט דער רמב״ן — יו״ט האט אין זיך א גרויסע מעלה מער פון שבת, ווייל שבת איז „קביעא וקיימא" איהר קדושה איז פעסטגעזעצט בידי שמים, דאגעגן יו״ט איז „בית דין מקדשה ליה" אידן מאכן די קדושה. איז דעריבער די קדושה וואס אידן מאכן אליין מעהר מעלה אקעגן דער קדושה פון שבת, דעריבער דארף מען האבן אן׳עירוב תבשילין.

דאס איז נאך דעם וואס אידן זענען מצווה געווארן אויף שבת. אבער אברהם אבינו וועלכער האט מקיים געווען די גאנצע תורה, פון זיך אליין אהן א ציווי, איז דאך שבת אויך נאר געווען ביי איהם מצווה בידי אדם, ממילא האט ביי איהם יו״ט נישט געהאט קיין שום מעלה געגן שבת, וואלט ער דאך געמעגט צוגרייטן פון יו״ט אויף שבת אפילו אהן א עירוב תבשילין, פונדעסטוועגן האט אברהם מקיים געווען די מצוה וואס אידן וועלן שפעטער דארפן מקיים זיין.

אט דאס איז די רבותא פון עירוב תבשילין...

ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו אברהם האט פארטריבן ישמעאל׳ן, און אויסגערייניגט זיין הויז פונ׳ם שלעכטן. האט ער אויף דער עלטער געהאט מנוחה און געקענט אריינברענגען א רבקה צו זיך אין שטוב אריין. יצחק האט אבער נישט פארטריבן עשו׳ן האט זיך אויף דער עלטער ביי איהם אנגעהויבן אן׳אנדערע תקופה אין דער שטוב, ס׳איז איהם טונקעל

געוואָרן אין די אויגן זעהענדיג די הנהגה פון איהם מיט זיינע ווייבער און יעקב האָט געמוזט אנטלויפן.

אויב דו טרייבסט נישט ארויס עשו'ן, וועט סוף סוף יעקב מוזן ענטלויפן פון דיין שטוב...

(בשם גדול אחד מחכמי המוסר)

## א רמז

עלי קללתך בני אך שמע בקולי ולך קח לי רבקה האָט געזאָגט איך וויים די קללות וואָס דאַרפן קומען אויף דיר און די זענען מרומז אין די אותיות פון "עלי" — עשו, לבן, יוסף — מעהר פון די דריי זאכן וועסטו קיין צרות נישט האָבן, ממילא דאַרפסטו נישט מורא האָבן אז יעצט זאָל דיר עפּעס געשעהן.

דעריבער שפּעטער ווען יעקב'ס קינדער האָבן געוואָלט נעמען בנימין'ען קיין מצרים, האָט יעקב אויסגעשריגן: עלי היו כולנה (בראשית מב—לו) — אלע צרות וואָס זענען מרומז אין דעם וואָרט "עלי" וואָס מיין מוטער האָט מיר געזאָגט, זענען דאָך שוין אלע אויף מיר געקומען, און פון בנימין'ען קומט מיר נישט צו האָבן קיין צער, טאָ פאַרוואָס ווילט איהר מיר צונעמען אויך בנימין'ען? (הגר"א ז"ל מווילנא)

## פון די היינטיגע הפטרה

ואמרתם במה אהבתנו הלא אח עשו ליעקב נאם ה' ואהב את יעקב ואת עשו שנאתי אפילו ווען אידן זענען אליין אין א שלעכטן מצב אזוי אז מצד זייער אייגנטליכן מצב דאַרף זיי השי"ת נישט ליב צו האָבן, ווען אָבער מען שטעלט די אנטקעגן עשו'ן זענען זיי לגבי איהם גרויסע צדיקים און זענען ראוי אז מען זאָל זיי ליב האָבן.

דאָס זאָגט דער נביא: ואמרתם במה אהבתנו — איהר וועט פרעגן: מיט וואָס זאָל אונז השי"ת ליב האָבן אז מיר זענען דאָס נישט ראוי צוליב אונזערע שלעכטע מעשים? וועט השי"ת ענטפערן: הלא אח עשו ליעקב — ווען איך זעה די מעשים פונ'ם צווייטן ברודער, פון עשו'ן, דעמאָלט — ואהב את יעקב ואת עשו שנאתי — מוז איך אייך ליב האָבן און עשו'ן פיינט האָבן. וואָרום ווי שלעכט איהר זענט איז אָבער עשו, פיל פיל ערגער, אזוי אז לגבי איהם מוז איך אייך ליב האָבן. (אהבת יהונתן)

*

דאָס איז אָבער נישט קיין תכלית אז די אהבה צו אונז זאָל נאָר קומען מחמת די שנאה צו עשו'ן. מיר דאַרפן שטרעבן אליין גוט צו זיין, אזוי אז מען זאָל אונז נישט דאַרפן אקעגן שטעלן אנ'ערגערן פון אונז.

דאָס איז די כוונה פון דער תפילה וואָס מיר בעטן (אין יהי רצון נאָך תהילים): ולא יצטרכו עמך בית ישראל זה לזה ולא לעם אחר — אידן זאָלן אזוי גוט זיין, דאָס מען זאָל נישט אָנקומען יעדער איינער דאָס מען זאָל איהם אנטקעגן שטעלן אנ'ערגערן איד, אָדער מ'זאָל דאַרפן אנטקעגן שטעלן א פרעמד פאָלק אויסצוּווייזן אז יענע זענען נאָך ערגער. (הה"ק מברדיטשוב ז"ל)

ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה ר"שי פרעגט צו וואָס דאַרף שטעהן "ויצא יעקב מבאר שבע" וואָס איז דען די נפקא־מינה פון ווי ער איז ארויסגעגאנגען?

נאָר ווען א מענטש געהט פון איין אָרט צום צווייטן, איז פעהאַן א טייל מאהל אז דער ציהל איז דאָס, אוועקגעהן פון ערשטן אָרט און טייל מאהל איז דער עקר ציהל דאָס אהין קומען אין צווייטן אָרט. דאָ ביי יעקב'ן זענען זיך צוזאמען געקומעןביידע ציעלן.

רבקה האט איהם געהייסן ענטלויפן קיין חרן ווייל עשו וויל איהם הרג'ענען, איז דאך איהר כוונה געווען בעיקר אז ער זאל אוועק פון באר שבע. יצחק האט אבער אוועק געשיקט יעקב'ן, כדי ער זאל נעמען א פרוי פון לבן'ס קינדער און נישט פון די בנות כנען. איז דאך זיין כוונה געווען בעיקר דאס קומען קיין חרן. ווען יעקב האט געוואלט מקיים זיין כבוד אב ואם, האט ער ממילא געהאט פאר זיך בידע ציעלן. אי דאס ארויסגעהן פון באר שבע, לויט די מוטער'ס כוונה און אי דאס קומען קיין חרן, לויטן פאטער'ס כוונה. דעריבער דערמאנט דער פסוק בידע: די יציאה פון באר שבע און הליכה קיין חרן.

(בית הלוי)

## א צדיק'ס השפעה

ויצא יעקב מבאר שבע זאגט רש"י „מגיד שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם" אז דער צדיק געהט אוועק פון שטאט, מאכט עס א איינדרוק. אז ער געהט אוועק פון דארט „פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה" געהט ארויס פון דארט איהר שעהנקייט, איהר פראכט און עס איז צו דערקענען.

און אז דער צדיק קומט אין שטאט איז נישט צו דערקענען? מיט איהם קומט דאך דאס פראכט און שעהנקייט, מאכט דאך עס אויך א איינדרוק? און ווידער פאר וואס שטעהט נישט ביי אברהם אבינו דער אויסדרוק אז זיין ארויסגעהן פון א שטאט האט געמאכט א איינדרוק?

נאר די הויפט זאך פון דעם צדיק'ס אויפטהונגען איז אפהענגיק אין די שטאט-לייט. אויב זיי וויסן אפצושאצן דעם צדיק און זיין תועלת פאר די שטאט, שפירט זיך זיין אנוועזנהייט. דער „חתם סופר" זאגט בשעת אברהם אבינו איז אוועק פון א שטאט, איז נישט געוועהן ווער ער זאל עס מרגיש זיין. עס איז געוועהן בלויז גוים מיט געצנדינער, ווען מען געהט עס אן אז אברהם איז אוועק פון זיי. אבער יעקב איז געוועהן אין סביבה פון יצחק און רבקה וועלכע האבן געפיהלט דעם חסרון פון זיין אוועקגעהן. דער קול תורה פון יעקב אבינו האט זיך נישט געהערט מער פון בית מדרש, איז עס געוועהן צו ערקענען.

ווידער ווען דער צדיק געפינט זיך אין שטאט, פארשיינט ער אויף אלעמען פון זיין קדושה. בלויז דאס עצם געפינען זיך אין שטאט האט א סאך צו זאגן, איבער הויפט אין ציבור זאכן, איינער קען האבן אפילו א שלעכטן געדאנק דורכצופירן א פלאן וואס איז נישט תורה'דיג — טראכט ער אבער ווידער „וואס וועט דער צדיק זאגן"... אזוי ארום וועט צושטערט דער שלעכטער פלאן נאך איידער עס הויבט זיך אן צו וועבן. אבער קיינער שפירט עס נישט. דער צדיק איז א סימבאל פארן חינוך פון יונגן דור. עלטערן זעהען אין איהם א בילד א ביישפיל פון א ריכטיגן איד, אט אזוי דארף מען ערציהען דורות, אבער ער מאכט נישט קיין איינדרוק, עס געהט אן אין גאנץ שטאט פון אונטערן באוואסטזיין און עס איז נישט צו דערקענען.

געהט אבער אוועק דער צדיק איז שוין דער איינדרוק למעשה. שלעכטע מענטשן האבן נישט פאר וועמען מרא צו האבן און טהוען וואס זיי ווילן, עס איז נישטא אויף וועמען צו קוקן אלס ביישפיל, איז עס משפיע אויפן חינוך, און עס מאכט א גאנצע מהפכה, ערשט דאן שפירט מען וואס דער צדיק איז געוועהן פאר די שטאט! יציאת צדיק עושה רושם, דאן שפירט מען עס.

## אַ צדיק ברענגט אַריין אַ הרהור תשובה אין מענטשען

אין ספר דעת משה פון הרה"ק מקאָזניץ זצ"ל ווערט געבראַכט: מיר האָבען געהערט און געזען פון רבי ר' אלימלך מליזענסק זצ"ל אַז ער פלעגט זיך אַליין אויס׳מוסר׳ן צווישען פיל מענטשען און ער האָט איינגערעכענט אויף זיך געמיינע זאַכען, וואָס עס איז קיין שום שמץ ספק נישט חס וחלילה אַז עס איז אפילו געקומען אויף זיין מחשבה אַזעלכע זאַכען. נאָר ער האָט דאָס אַלץ אויסגערעכענט כדי אַנדערע זאָלען הערען און זאָלען דורכדעם מהרהר בתשובה זיין. און אַזוי איז טאַקע געווען, פיל האָבען תשובה געטאָן ווען זיי האָבען געהערט זיינע ווערטער, און זיי האָבען פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט מען זיי.

(בס׳ דעת משה פ׳ קרח)

## דער רבי ר׳ זושא איז מחזיר בתשובה מיט זיין עבודה

אין ספר מבשר צדק שטייט: איך האָב געהערט פון אַ צדיק מפורסם דער רבי ר׳ זושא מהאַניפּאָלי זצ"ל, אַז ווען ער האָט געוואָלט מחזיר בתשובה זיין עמיצען, האָט ער עוסק געווען אין תעניתים ביז ער האָט באַוואויגען יענעם מענטש ער זאָל תשובה טאָן.

(בס׳ מבש"ר צדק פ׳ תולדות)

## די מעלה צו ווערען גערעכענט צווישען חסידים

דער גאון מו"ה נפתלי הכהן ז"ל אב"ד מאַד, האָט דערציילט אַז די טאָכטער פון הגה"ק בעל חתם סופר זצוק"ל איז אַמאָל געווען אויף פסח ביי הגה"ק בעל מהר"ם א"ש זצוק"ל, האָט זי געפרעגט פאַרוואָס ער איז משנה דעם מנהג פון איר פאָטער (דער מהר"ם א"ש איז געווען אַ תלמיד פון דעם חתם סופר זצוק"ל און האָט נישט משנה געווען קיין מנהג פון זיין רבי׳ן, דערפאַר האָט זי אים געפרעגט) ניט מחמיר זיין אויף געבראָקס פסח, און איר זייט יאָ מחמיר. איך וועל אייך זאָגען, האָט דער מהר"ם א"ש צו איר געזאָגט, עס זיינען פאַראַן צוויי׳ערליי יראים איינע זיינען פון די מחמירים און עסען נישט געבראָקס, דאָס זיינען די חסידים, און די אַנדערע זיינען נישט מחמיר, ביידע צדדים האָבען אויף וואָס צו פאַרלאָזען זיך, נאָר איך זע אַז די מחמירים זיינען רובם ככולם יראים ושומרי תורה ומצות בהידור אָבער די מתירים איז רוב פון זיי זיינען קלי הדעת ממילא וויל איך זיך נוהג זיין אַזוי ווי די מחמירים און זיין גערעכענט צווישען זיי, זי"ע.

(תולדות אנשי שם)

## פאַרוואָס מען דאַרף פאָהרען צו צדיקים

**אין** ספה"ק תפארת שלמה פרשת נצבים שטייט: עס איז באַוואוסט אַז אין אונזער צייט איז דער עיקר עבודת הבורא זיך מתדבק צו זיין צו די צדיקים, יעדער לויט זיין מדריגה. דערפאַר איז אין די איצטיגע דורות נתפרסם געוואָרען דער בעל שם טוב הקדוש אין דער וועלט. פיל מענטשען מאַכען אַ טעות און זאָגען צוליב וואָס דאַרף איך פאָרען צום צדיק הדור צו הערען פון איהם תורה און דברי מוסר, מען קען אַריינקוקען אין די ספרים הקדושים און זען דברי מוסר און תורה. דער אמת איז אָבער אַז דאָס אַלץ איז גאָרנישט. ווייל דאָס בלויז אָנקוקען דעם צדיק איז מבטל פון מענטש די שלעכטע מדות ווי למשל פוילקייט און עצבות און פאַרשידענע אַנדערע שלעכטע תאוות רח"ל. אויך די צדקה וואָס מען גיט פאַר אַ צדיק דורכדעם איז מען זוכה צו פאַרשידענע גוטע מידות און השי"ת צאָלט איהם דאָס צוריק. דער צדיק איז מעלה די תפילות פון אידען, ווייל השי"ת קוקט אַרויס אויף דער תפילה פון צדיקים, און די צדיקים פאַרשפרייטען די געטליכקייט פון הקב"ה.

## אַ צדיק וואָס איז זיך מוסר נפש פאַר הקב"ה

**ווען** דער הייליגער צאַנזער רב זי"ע האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים נאָכדעם ווי ער איז געווען מקבל פנים זיין דעם הייליגען ריזשינער זי"ע איז ער דורכגעפאָרען די שטאָט קראָקא און ער האָט זיך דאָרט באַגעגענט מיט'ן קראָקער רב הגה"ק רבי שמעון סופר זצ"ל, דער זון פון חתם סופר זצ"ל. האָט איהם רבי שמעון סופר געפרעגט פאַרוואָס ער איז געפאָרען קיין ריזשין, ער איז דאָך אַליין אַ גאון און דאַרף נישט פאָרען קיין ריזשין. האָט איהם דער צאַנזער רב געענטפערט: צוויי הייליגסטע פלעצער זיינען פאַראַן אויף דער ערד. דער באַרג סיני אויף וועלכען השי"ת האָט געגעבען די תורה. און דער הר המוריה אויף וועלכען עס איז געבויט געוואָרען דאָס בית המקדש. איז שווער פאַרוואָס איז דאָס בית המקדש נישט געבויט געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני וואו די תורה איז געגעבען געוואָרען. נאָר דער תירוץ איז, אַז דאָרט וואו אַ איד האָט אויסגעשטרעקט זיין האַלדז פאַר הקב"ה איז טייערער ביי השי"ת ווי דאָס אָרט אויף וועלכען עס איז געגעבען געוואָרען די תורה. און דער הר המוריה איז דאָס פלאַץ וואו יצחק האָט אויסגעשטרעקט זיין האַלדז פאַר השי"ת. גלויבט מיר, האָט דער צאַנזער רב אויסגעפירט, אַז ביים ריזשינער האָב איך געזען אַז יעדע רגע האָט ער זיך מוסר נפש געווען פאַר הקב"ה.

(מחכרת שם הגדולים)

## מ'דארף טאהן און השי"ת העלפט

ויפגע במקום ללמדך שקפצה לו הארץ (רש"י) יעקב אבינו האט געהאט „קפיצת הארץ" בעת ער איז געגאנגען נעמען א פרוי. אויך אליעזר בעת ווען ער איז געגאנגען נעמען א פרוי פאר יצחק'ן האט ער געהאט קפיצת הדרך.

דאס איז א רמז אויף לדורות, אז אידן אין גלות אויך ווען זיי וועלן נישט האבן גרייט בדרך הטבע א גדן און א פרנסה דערנאך, זאלען זיי נישט ווארטען מיט'ן חתונה מאכן זייערע קינדער. נאר זיי זאלן אפטהוען, און זיך פארלאזן אויף דער הילף פון השי"ת אפילו בדרך נס. די ערד ווערט זיי אקעגן שפרינגען, אז זיי וועלן קענען אויספירען...

(בכורי אביב)

## א תפילה אויף כבוד השי"ת

ויפגע במקום רבותינו פירשו פגיעה לשון תפילה (רש"י) שפעטער אייגנטליך אז יעקב האט מתפלל געווזן: אם יהי' אלקים עמדי ושמרני... ונתן לי לחם לאכל ובגד ללבוש (פסוק כ').

נאר איידער יעקב האט געבעטען פאר זיינע אייגענע געברויכן און פערזענליכע ענינים האט ער פריהער געבעטען אויפ'ן כבוד פון השי"ת — וואס ווערט אנגערופן „מקום" (אזוי וויא ברוך המקום און אויפ'ן בנין בית המקדש וואס דארף זיין אויף דעם ארט. אזוי האבן אויך די חז"ל מתקן געווען פון פריהער די ברכה פון „מלכיות" אויף כבוד ה' און נאך דעם ערשט „זכרונות" אויף אייגענע געברויכען.... (תפארת שלמה)

### דורך זיין עניוות

ויקץ יעקב... אכן יש ה' במקום הזה ואנכי לא ידעתי אכן יש ה' במקום הזה — אויב ס'איז פארהאן השראת השכינה אויף דעם ארט, איך האב די קדושה אראפגעצויגן אויף דער וועלט איז עס נאר וויל — ואנכי לא ידעתי — איך האב גארנישט געמיינט זיך מיין אנכיות, נור בלויז לכבוד ד'.

דער וואס מיינט נישט זיך, קען אראפ ציהען א שפע פון קדושה אויף דער וועלט.

(תפארת שלמה)

די גמרא זאגט אין ברכות (דף מ"ג:) די רבנן האבן געלערנט, זעקס זאכן זיינען מיאום פאר א תלמיד חכם, איינס דערפון איז ער זאל זיך נישט גרויס האלטן, ווען מען איז גרויס מעג מען זיך אויך קליין האלטן.

אין שמואל (א, יז) שטייט „ודוד הוא הקטן", זאגט אויף דעם די גמרא, דאס מיינט מען אז דוד המלך ע"ה האט זיך קליין געהאלטן אין זיין גאנצן לעבן פונקט אזוי ווי ער האט זיך קליין געהאלטן ווען ער איז געווען קליין אנטקעגן דעם וואס ער איז געווען גרעסער פון אים מיט תורה, אזוי אויך האט ער זיך קליין געהאלטן ווען ער איז געווען א מלך אנטקעגן דעם וואס ער איז געווען גרעסער פון אים מיט הכמה.

**דער וואס האלט זיך גרויס.**

ואמר, נאך האט רבי אלעזר געזאגט, דער מענטש וואס איז גרויס ביי זיך, איז ער ווערט מען זאל אים אפשניידן און אויס-

רייסן אים מיט דעם האַרצל אַזוי ווי אַ לינדן בוים. דאָ שטייט „ורמי הקומה גדועים”, די הויכע זאָלן ווערן פאַרשניטן, און דאָרטן שטייט „ואשריהם תגדעון”, זייערע לינדן בוימער זאָלט איר פאַר־שניידן, אַזוי ווי די לינדן בוימער וואָס מען האָט צו זיי געדינט פאַר עבודה זרה דאַרף מען דאָך זיי אָפּשניידן און אַרויסרייסן מיט דעם וואָרצל, אַזוי די מענטשן וואָס זיינען גרוים ביי זיך דאַרף מען זיי אויך אָפּשניידן און אויסרייסן מיט דעם וואָרצל.

נאָך האָט רבי אלעזר געזאָגט, דער מענטש וואָס איז גרויס ביי זיך וועט ער ניט לעבעדיק ווערן צו תחיית המתים, וואָרום עס שטייט אין פסוק „הקיצו ורננו שוכני עפר”, איר וועט אויפ־וואַכן און איר וועט זינגען שוכני עפר. האָט געדאַרפט שטיין „שוכבי עפר”, די וואָס ליגן אין דער ערד, דאָס מיינט מען די טויטע, פאַרוואָס שטייט „שוכני” די וואָס רוען? נאָר מען מיינט דער וואָס האָט ביי זיין לעבן געוווינט נאָענט צו דער ערד, ער איז ביי זיך געווען נידעריק אַזוי ווי די ערד, דער וועט נאָך זיין טויט לעבעדיק ווערן צו תחיית המתים, אָבער דער וואָס איז ביי זיך גרויס געווען וועט ניט אויפשטיין צו תחיית המתים.

נאָך האָט רבי אלעזר געזאָגט, דער מענטש וואָס איז גרויס ביי זיך קלאָגט די שכינה אויף אים, ווייל עס וועט קומען אויף אים יסורים, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק „וגבוה ממרחק יידע”, דער וואָס איז הויך ביי זיך, פון וויטן איידער די יסורים קומען אויף אים טוט שוין די שכינה קלאָגן אויף אים.

רב עוירא האָט געדרש'נט, אַנדערע זאָגן רבי אלעזר האָט געדרש'נט, קום זע די מדה פון גאָט איז ניט ווי די מדה פון אַ מענטשן: די מדה פון אַ מענטשן איז, אַ גרויסער מאַן באַהעפט צו זיך זיין חבר וואָס ער איז אויך אַ גרויסער מאַן, למשל דער מענטש וואָס איז רייך באַהעפט ער זיך מיט נאָך אַ רייכן מאַן, אָבער מיט אַן אָרעמאַן וועט ער זיך ניט באַהעפטן, אָבער גאָט איז ניט אַזוי, ער איז הויך און זעט דעם נידעריקסטן, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק, השי"ת איז הויך און דעם נידעריקסטן זעט ער.

רב חסדא האָט געזאָגט פון מר עוקבא'ס וועגן, דער מענטש וואָס איז גרויס ביי זיך זאָגט השי"ת, איך מיט אים קענען מיר ניט וואוינען צוזאַמען אויף דער וועלט, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק, דער וואָס רעדט אין דער שטיל אויף זיין חבר אים וועל איך פאַרשניידן, דער וואָס האָט הויכע אויגן און אַ ברייטע האַרץ (ער גלוסט אַלץ און איז גרויס ביי זיך) „אותו לא אוכל”; זאָלסט ניט לייענען „אותו”, נאָר זאָלסט לייענען „אתו לא אוכל”, מיט אים צוזאַמען קען איך ניט וואוינען אויף דער וועלט.

(מסכת סוטה פא, ב)

## יעקב'ס ערשטע מחשבה

שאם ידעתי לא ישנתי במקום קדוש כזה א מענטש וואנדערט אין דער פרעמד, האט נישט קיין ארט צו רוהען, זיך בקשה איז צו באקומען א הבטחה אויף „לחם לאכול ובגד ללבוש" און אט קומט השי"ת און זאגט איהם אין חלום: הנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך... כי לא אעזבך" — האט דאך די ערשטע מחשבה זיינע ביי אויפקומען געדארפן זיין, פרייד פון אט דעם שלאף און דאנקען פאר דער הבטחה, ביי יעקב'ן איז אבער נישט אזוי. די ערשטע מחשבה ביי אויפקומען איז א טענה צו זיך, פאר וואס ער איז געשלאפן במקום קדוש...

(הרה"צ מהרי"י הורביץ זצ"ל)

## תורה און יראת שמים

מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלוקים וזה שער השמים די חז"ל זאגן: חבל על דלית ליה דרתא ותרעא לדרתא עביד (שבת לא) וועה איז צו דעם וואס האט קיין וואוינונג און מאכט זיך א טויער צו די וואוינונג, דאס הייסט ער לערנט תורה און האט נישט קיין יראת שמים.

זעהט מען דאך אז תורה הייסט „שער" — א טויער. און יראת שמים הייסט „בית" — א וואוינונג.

יעקב האט דאך געלערנט תורה 14 יאהר אין בית המדרש פון שם ועבר. יעצט איז ער דא אהער געקומען און באקומען יראת שמים — מה נורא המקום הזה.

האט ער דעריבער געזאגט: אין זה כי אם בית אלוקים — אט דא וואו איך האב באקומען יראת שמים, איז עס דאס „בית" די וואוינונג — וזה — און דאס וואס איך האב געלערנט תורה ביז יעצט — שער השמים — דאס איז נאר א טויער צום הימל א תרעא לדרתא..

(בשם הבעש"ט זלה"ה)

שמור רגליך כאשר תלך אל בית האלוקים וקרוב לשמוע מתת הכסילים כי אינם יודעים לעשות רע.

(קהלת)

דער תכלית איז פרום צו זיין און צו געהן אין וועג פון תורה און מצוות, היט דיינע פיס ווען דו געהסט אין ג־ט'ס הויז מתפלל צו זיין ערנסט, דען ג־ט איז נאהענט צו הערן דאס געבעט פון די ארנטליכע גיכער ווי אנצונעמען דעם קרבן, וואס די נארישע מענשן ברייגען, ווייל זיי פארשטייען נישט, ברייגען זיי קרבנות זיי זאלן ווידער קענען זינדיגן, און שלעכטס טהון.

רבי נהוראי אומר: מניח אני כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה שאדם אוכל משכרה בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא וכו' משמרתו מכל רע בנערותו ונותנת לו אחרית ותקוה בזקנותו. בנערותו מהו אומר (ישעי' מ') וקווי ה' יחליפו כח, בזקנותו מהו אומר (תהלים צ"ב) עד ינובון בשיבה, וכן הוא אומר באברהם אבינו, ואברהם זקן וה' ברך את אברהם בכל. (קדושין פ"ב).

רבי נהוראי זאגט: איך וועל אפלאזן אלע אומנות פון דער וועלט און וועל נישט לערנען מיט מיין זון נאר תורה, ווייל פון דעם גענייסט דער מענטש אויף דער וועלט און דער קרן בלייבט איהם איבער אויף יענער וועלט — עס היט איהם אפ אין זיין יוגנט און האט צו האפן אויף א גליקלאכן עלטער. דען אויף די יונגע יאהרן זאגט

דער פסוק (ישעי׳ מ׳) וקווי ה׳ יחליפו כח, און אויף דער עלטער זאגט דער פסוק (תהליר צ״ב) עוד ינובון בשיבה, און אזוי שטעהט אויך ביי אברהם אבינו — ואברהם זקן וד׳ ברך את אברהם בכל (גמ׳ קדושין).

**ר׳ שמעון אומר המהלך בדרך ושונה ומפסיק ממשנתו ואומר מה נאה אילן זה מה נאה ניר זה כאילו מתחייב בנפשו. (ג׳—ז׳)**

ר׳ שמעון זאגט: ווען איינער געהט אין וועג און לערנט און ער רייסט איבער זיין לערנען און זאגט: ווי שעהן איז דער בוים, ווי שעהן איז דאס געאקערטע פעלד (און וועלכע רייד ס׳זאלן נים זיין), ברענגט ער זיך אריין אין א סכנה — ווארום ווען ער לערנט באשיצט די תורה אויף איהם פאר יעדן געפאר, אבער אז ער רייסט איבער דעם לערנען מיט פוסטע רייד, ווערט דער שוץ פון איהם אוועק גענומען און ער בלייבט אפן פאר דער געפאר.

## תורה איז די בעסטע סחורה

א תלמיד חכם איז אמאהל געפאהרן אין א שיף צוזאמען מיט פיהל סוחרים. פרעגן זיי איהם: וואו איז דיינע סחורה? זאגט ער זיי: מיינע סחורה איז פיהל מער ווערטפוהל ווי אייערע. זוכן זיי ארום אין שיף און געפינען גארנישט. האבן זיי אנגעהויבן שפאטן פון איהם. אין מיטן וועג זענען אנגעפאלן אויף די שיף ים־רויבערס און האבן אלעס צוגערויבט. קימענדיג אין א שטאט אויף די יבשה האבן זיי קיינער נישט געהאט, נישט קיין ברויט צו עסן און נישט קיין בגד אנצוטאהן. וואס האט געטאהן דער תלמיד חכם? אריין אין בית מדרש אין זיך געשטעלט דרשינען אין תורה. האבן די שטאט לייט געזעהן אז ער איז א בן תורה א גרויסער, האבן זיי איהם אפגעגעבן גרויס כבוד און איהם אויסגעהאלטן מיט אלע זיינע באדערפעניש. ווען די סוחרים האבן דאס געזעהן זענען זיי געקומען צו איהם און געבעטן ער זאל זיי מוחל זיין און פועלן פאר זיי ביי די שטאט לייט מ׳זאל זיי אויך דערהאלטן די נשמה זיי זאלן נישט אויסגעהן פון הונגער. זעלבסטפארשטענדליך אז ער האט עס געטאהן.

נו — זאגט ער זיי — האב איך אייך דען נישט געזאגט אז מיין סחורה איז מעהר ווערד־פוהל פון אייערע? אייערע איז פארלארן געגאנגען און מיינע בלייבט אימער און אין אלע אומשטענדן. (מדרש תנחומא תרומה)

אם יאמר לך אדם יגעתי ולא מצאתי אל תאמין, לא יגעתי ומצאתי אל תאמין, יגעתי ומצאתי תאמין, הני מילי בדברי תורה אבל כמשא ומתן סייעתא הוא מן שמיא. (מגילה ו)

ווען א מענש וועט דיר זאגן „איך האב געלערנט און געמאטערט זיך איבער די תורה און איך קען דאך נישט" אדער ער וועט זאגן „איך האב זיך נישט געמאטערט און איך קען דאך" — זאלסטו דאס אלעס נישט גלויבן. און אויב ער וועט דיר זאגן „איך האב זיך געמאטערט איבער די תורה און איך קען" — זאלסטו איהם גלויבן... ווייל די הייליגע תורה אויב מען מאטערט זיך איבער איהם — קען מען איהר און אויב מען מאטערט זיך נישט איבער איהר — קען מען איהר נישט.

## גדולים אין אלע ווינקעלעך פון דער תורה

**ווען** הרה"ק רבי יעקב מליסא, דער בעל חוות דעת זצ"ל האט נאך געוואוינט אין סטרי, איז דארט אמאל דורכגעפארען הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויווער זי"ע. האט דער חוות דעת איהם געבעטען ער זאל ביי איהם עסען מיטאג. אין מיטען דער סעודה האט דער זידיטשויווער גענומען זאגען געהויבענע תורה בדרך הנגלה. און דער חוות דעת ווידער האט גענומען זאגען הויכע תורה בדרך הנסתר על פי זוהר און קבלה. דער עולם און די אנוועזענדע חסידים האבען זיך גענומען וואונדערן וואס דער זידיטשויווער וועלכער איז געווען באוואוסט פאר דעם שר בית הזוהר זאל גאר זאגען תורה בנגלה, און דער רב וועלכער איז געווען באוואוסט אלס גאון עולם זאל גאר זאגען תורה בנסתר. האט דער חוות דעת תופס געווען וואס דער עולם וואונדערט זיך, און ער האט געזאגט, די הייליגע חכמים האבען שוין געזאגט אין סוף מסכת סוטה אז אליהו וועט קומען צו מאכען שלום בעולם, דאס מיינט אז עס איז פאראן א מחלוקת צווישען די מתנגדים און די חסידים. די מתנגדים זאגען אז די צדיקים זיינען נישט קיין גדולים בתורת הנגלה און גוטע אידען קענען נישט לערנען. דאקעגען די חסידים זאגען אז די גדולי התורה פארשטייען נישט די סתרי תורה און אז די לומדים זיינען נישט קיין צדיקים. אבער ווען משיח וועט קומען וועט נתגלה ווערען אז סיי די צדיקים און סיי די גאונים האבען ביידע גרויסע ידיעות סיי אין תורת הנגלה און סיי אין תורת הנסתר והקבלה.

(בס' הואיל משה בהקדמה מנכדו ד"ל)

## אז מען לערנט קען מען

**הגאון** מו"ה יעקב פראגער אב"ד אדא ז"ל האט דערציילט אז זיין שווער הגה"ק מהר"ם שיק זצוק"ל האט עם דערציילט ווען ער איז געווען יונג האט ער געהאט א שווערע קאפ און וואס מ'האט מיט אים געלערענט האט ער ניט פארשטאנען. אבער ניט קוקענדיק אויף דעם האט ער ווייטער געלערענט און געהארעוועט אין לערנען, ער פלעגט זיצען גאנצע נעכט און איבער'חזר'ן די גמרא, ביז ער האט זיך אזוי ארויפגעארבעט זיין קאפ אז ער איז געווארען דער באוואוסטער גאון מהר"ם שיק ז"ל.

(בס' דרכי משה החדש)

## אויגען זיינען צום לערנען

**ביי** דעם מהר"ם שיק זיינען אמאל שוואך געווארען די אויגען איז ער

געפאָרען קיין ווין היילען זיך, איינער א פראָפעסאָר האָט זיך אונטער־גענומען צו היילען אים נאָר בתנאי ער זאָל מער נישט אריין קוקען אין א ספר. האָט דער הייליגער צדיק געזאָגט מיט א געוויין, אז אויב נישט לערנען, טאָ פאַרוואָס דאַרף ער אויגען.

## די מעלה פון לימוד בהתמדה

(דמ״ה)

דער מהר״ם שיק ז״ל פלעגט זאָגען אז ווען א בחור לערענט מיט התמדה זייענדיג אין דער ישיבה דעמאָלט וועט ער נאָך דער חתונה אויך לערנען און מן השמים וועט מען אים צוהעלפען אז ער זאָל האָבען גענוג צייט. ער האָט געזאָגט אויף דעם א משל, ווען איינער האָט א שיינע הויז און ער האָט געמוזט איבערלאָזען די שיינע שטוב און אוועקגיין, וועט ער שטענדיג ניט האָבען קיין רו און עס וועט אים ציען דערצו ביז ער וועט נאָך אמאָל צוקומען צו א שיינע שטוב.

(שם)

## אומעטום דאַרף מען קובע זיין עתים לתורה

אין ספר התנהגות הדרך שטייט בשם דעם ספר ילקוט דוד בשם הגאון הקדוש בעל חתם סופר זצ״ל, אז איינמאָל איז ער געקומען קיין וויען און ער האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטען אכט טעג צוזאַמען מיט א גרויסען סוחר, א נגיד און גביר, א תלמיד חכם מופלג פון פרעשבורג. יענער סוחר איז געווען פאַרנומען א גאַנצען טאָג מיט די געשעפטען, און ער האָט נישט געהאַט קיין צייט קובע עתים לתורה צו זיין אזוי ווי ער איז געווען געוואוינט אין דער היים. האָט דאָס פאַרדראָסען דעם חתם סופר און ער האָט איהם געזאָגט מוסר. האָט איהם דער סוחר געזאָגט, רבי, אין דער היים קען איך מיך באַפרייען פון געשעפט און זעצען זיך לערנען, אָבער אויפ׳ן וועג, ובפרט דאָ וואָס איך בין געקומען אהער צוליב געשעפטען קען איך מיר נישט נעמען קיין צייט צום לערנען. האָט איהם דער חתם סופר זצ״ל געענטפערט, איך וועל דיר געבען אן עצה טאַקע פון דער תורה הקדושה, עס שטייט ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך, דער פשט איז אזוי ודברת בם בדברי תורה, יעדען טאָג קען מען זיך מאַכען צייט צו לערנען בשבתך בביתך אין דער היים, אָבער בלכתך בדרך וואָס זאָל מען טאָן ווען מען איז אונטערוועגענס? ובשכבך ובקומך, לכל הפחות אין אוונט פאַר׳ן גיין שלאָפען און אין דער פריה ביים אויפשטיין באַלד נאָך ברכת התורה, נעם דיר א ספר און לערן, אָבער אינגאַנצען נישט לערנען טאָר מען נישט, וואָרים וויבאַלד דו וועסט דיך אָפּלאָזען פון דער תורה איין טאָג וועט די תורה דיך פאַרלאָזען צוויי טעג. אָבער אויב דו וועסט דיך געוויינען צו לערנען יעדען טאָג, וועט די געוואוינהייט ווערען א טבע, און עס וועט דיר גוט זיין.

דאס איז אלעס געזאגט געווארן נאר ביי דברי תורה, אבער ביי געשעפטן און פרנסה זוכן איז נישט אזוי. נאר ס'קען זיין אמאל אז מען האנדלט אביסל און דער אויבערשטער שיקט אריין זיין ברכה אין דעם אין מען פארדינט דערביי גאנץ גוט. און אזוי פארקערט: מען קען הארוועו א גאנצן טאג און עס געהט נישט ח"ו.

**מאן דרחים רבנן הוו לי' בנין רבנן, דמוקיר רבנן הוו לי' חתנוותי' רבנן, דדחיל מרבנן הוא גופי' הוו צורבא מרבנן, ואי לאו בר הכי הוא משתמען מילי' כצורבא מרבנן.**
**(שבת כ"ג)**

ווער ס'האט ליב תלמידי חכמים, וועט האבן קינדער תלמידי חכמים. ווער ס'טוט שעצן און האלט טייער תלמידי חכמים, וועט האבן איידים'ס תלמידי חכמים. ווער ס'האט מורא און דרך ארץ פאר תלמידי חכמים, וועט ער אליין ווערן א תלמיד חכם, און אפילו ווען ער איז שוין דערצו נישט פעהיג, וועטמען אבער זיינע רייד הערן ווי פאר א תלמיד חכם.

א חכם האט אמאל געפרעגט א מענטשן: ווי געהט עס דיר אויף דעם עולם? האט איהם יענער געענטפערט: איך יאג זיך נאך איהם. פרעגט איהם דער חכם ווידער: האסטו עפעס דערגרייכט אין איהם? ענטפערט ער: אה! קנאפ וואס. זאגט איהם דער חכם: ווען, אין דעם עולם וואס דו יאגסט זיך אזוי נאך איהם האסטו קנאפ וואס דערגרייכט, הייסט וואס קענסטו שוין דערוואַרטן פון יענעם עולם נאך וועלכן דו יאגסט זיך גארנים?

**(מבחר הפנינים שער החריצות)**

## געגן יצר הרע — נאר תורה!

**השי"ת האט באשאפן א יצר־הרע — זאגן די חז"ל — און האט באשאפן געגן איהם אלס רפואה: תורה!**

**דאס איז זיכער אז דער באשעפער האט נישט באשאפן צו די מכה פון יצר־הרע קיין אנדער רפואה אויסער תורה, אויב אזוי איז טאקע נישטא קיין שום אנדער וועג אויסגעהיילט צו ווערן פון דיזע מכה נאר מיט תורה. און ווער עס קלערט אז ס'איז דא אנדער וועג געראטעט ווערן פון יצר־הרע, האט א גרויסן טעות. ענדליך וועט זיך דער מענטש כאפן אין דעם טעות.**

**ווייל דער יצר הרע איז באמת זעהר שטארק, און נישט־וויסנדיג געהט ער און באהערשט דעם מענטש, און דער מענטש מעג טהון אלע סארטן תחבולות און וועגן, אויסער תורה, וועט ער גארנישט שפירן ווי די־יצר־הרע־קרייגק צושפרייט זיך אויף איהם.**

**ווייל קיינער ווייסט נישט ווי שטארק און געפערליך איז דער יצר הרע, ווי זיין באשעפער אליין. און אז דער באשעפער ערקלערט אז די איינציגע רפואה געגן איהם איז תורה — ווער וועט אפלאזן דיזע רפואה און זוכן זיך אנדערע וועגן?!**

(מסילת ישרים פ"ג)

## תורה פאַרטראַגט נישט קיין טומאה

**אין** ספר שפתי צדיקים פרשת אמור שטייט אַז דער רבי ר' ר' ברוכ'ל פון מעזשיבוזש זצ"ל איז אַמאָל איינגעשטאַנען ביי אַ גרויסען עושר און ער האָט דאָרט געהאַלטען שבת. אָבער ער האָט דאָרט נישט געקענט זאָגען קיין דברי תורה. האָט ער פאַרשטאַנען אַז מסתמא האָט דאָרט פריער געוואוינט אַ פאַרדאָרבענער מענטש. און מען האָט חוקר ודורש געווען און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אַזוי איז טאַקע געווען.

## וואָס הייסט תורה לשמה

**אין** דער הקדמה פון דעם ספר סמיכת משה שרייבט ער, אַז ער האָט געהערט פון הרה"ג ר' אפרים יחיאל מיכל פון נאָמסק ז"ל, אַז ער האָט אַליין געהערט פון הצדיקת המפורסמת מרת מרים ז"ל פון מאָהליב, רוסלאַנד. — זי איז געווען אַ שוועסטער פון די צוויי גרויסבאַוואוסטע ברידער הרה"ק רר"ש מניקלישפורג זצוק"ל און דער בעל הפלאה זצוק"ל — די מעשה איז, ווען הרה"ק מו"ר יהושע העשיל מאַפטע זצוק"ל איז פאַרבייגעפאָרען די שטאָט מאָהליב האָט ער געזאָגט לאָזען מיר אַריינפאָרען אין שטאָט און באַזוכען די שוועסטער פון די צוויי גרויסע צדיקים. אַזוי ווי די חסידים האָבען דאָס דערהערט זיינען זיי אַלע געלאָפען אין שטאָט אַריין צו די הויז פון די צדיקת, דער גאון ר' אפרים יחיאל מיכל, וואָס איז אויך געווען בשעת מעשה, שרייבט ער אין זיין ספר, אַז ער האָט געהערט דעם שמועס צווישען דעם הייליקען אַפּטער און די צדיקת. ווען דער צדיק איז אַריין אין שטוב האָט די צדיקת געבעטען אים זעצען זיך און אָפּגעגעבען אים גרויס כבוד, נאָכדעם האָט דער הייליגער אַפּטער זיך אָנגערופען צו דער צדיקת, דערציילט מיר אַ מעשה פון אייערע הייליגע ברידערס זי"ע, האָט זי געזאָגט איך וועל אייך דערציילען אַ מעשה נורא. ס'איז ידוע אַז מיין הייליגער ברודער רר"ש זי"ע איז קיינמאָל ניט געשלאָפען ביי נאַכט נאָר האָט זיך עוסק געווען אין תורה ועבודה טאָג און נאַכט. בשעת ס'פלעגט אַדורכגיין אַ צייט וואָס ער איז נים געשלאָפען פלעגט ער צוגרייטען אַ פלעשעל וואַסער אויפן טיש און דאָס צוגעלייגט צו זיין שטערען כדי ער זאָל ניט אַנטשלאָפען ווערען. איין מאָל, זייענדיק אין ניקלישבורג, ווען ער האָט געהאַלטען אינמיטען לערנען איז אויף אים אַרויפגעפאַלען אַ גרויסער שלאָף און ער האָט ווייטער ניט

געקענט לערנען, האט ער גענומען די וואסער פון פלעשעל וואס איז געווען אויף זיין טיש ווי שטענדיק, און אויסגעוואשען מיט די וואסער די צורה, אבער עס האט ניט געהאלפען און ער האט איינגעדרעמולט, ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער דערזען אז די זיין ליכט האט זיך אויסגעלאשען, האט ער געהאט פון דעם גרויס צער און עגמת נפש פון די ביטול תורה. ער האט געוואוינט אויף דעם דריטען פלאר און ניט וויסנדיק וואס צו טאן איז ער ארויס געלאפען אויף די טעראסע זען וואו מען קען אנצינדען די ליכט, פלוצלים האט ער דערזען איינעם מיט א ליכט אין האנט און יענער האט אים דערלאנגט אנצונדיגען זיין ליכט, פון גרויס שמחה האט ער גארניט איבערגעטראכט און איז גלייך אריין צוריק אין שטוב און געזעצט זיך לערנען ווי פריער. נאכדעם איבערטראכטענדיג וואס דא איז געווען האט ער זיך זייער געוואונדערט ווי קען א מענטשענס האנט דערלאנגען אזוי הויך ווי עטלעכע פלארס און האט געבעטען מען זאל אים מלמעלה מודיע זיין ווער איז דאס געווען. אין הימעל האט מען אנגענומען זיין בקשה און מען האט מודיע געווען אז דאס איז געווען אליהו הנביא, ווייל למעלה איז געווארען א גרויס רעש פון דעם וואס עס האט געפעלט דעם צדיק'ס תורת אמת און צוליב דעם גרויסען צער וואס ער האט געהאט. ווי ער האט דאס דערהערט האט ער אנגעפאנגען שטארק צו וויינען און האט עטליכע חדשים געפראוועט סיגופים, וואס צוליב עם האט מען מטריח געווען אליהו הנביא זכור לטוב. דאס אלעס האט דערציילט די צדיקת, דעמאלט זיינען געווען אין שטוב אסך מענטשען און אויך הגאון ר' אפרים ז"ל איז געווען צווישען זיי, ווי זי האט געענדיקט די מעשה האט זיך דער הייליגער אפטער זי"ע אויפגעשטעלט און געזאגט הויך אויפן קול איר הערט אויף וואס דער רר"ש ז"ל האט געפראוועט סיגופים, אויף דעם גרויסען חטא וואס ער האט מטריח געווען אליהו הנביא, און צוליב וואס האט ער אים מטריח געווען, וועגען תורת אמת, און אויף דעם האט דער הייליגער צדיק געמאכט סיגופים, און איז ארונטערגעפאלען אויף דער ערד מטי גרויס געוויין און געזאגט היינט וויאזוי דארפען מיר טאן תשובה. און הגאון ר' אפרים ז"ל האט מיר דערציילט אז אלע מענטשען וואס זיינען געווען אין שטוב האבען אנגעפאנגען צו וויינען, ולב אבן נמוח עכ"ל. אזוי שרייבט דער בעל סמיכת משה אין דער הקדמה וואס ער האט אליין געהערט פון הגאון ר' אפרים ימז"ל וואס ער איז געווען אליין ביי דער מעשה.

(בס' שמן הטוב בשם ספר מסיכת משה בהקדמה)

## א נס וואס איז געשען פאר'ן מהרש"ל

**אין** ספר קב הישר (פרק צו) שרייבט ער, אין דער הקדמה צום ספר ים של שלמה, שרייבט דער מהרש"ל איין מאל בין איך געזעסען ביי א ליכט און געשריבען האב איך דערזען א מראה גלייך ווי מען וואלט מיר געגעבען

רשות און כח צו זען מראות אלקים. האט מיין רבי אויף דעם געזאגט, אז ער האט געהערט בקבלה די מעשה דערפון. ווען דער מהרש"ל האט געשריבן דעם ספר האט פאסירט אז די ליכט איז שוין געווען זייער קליין און פינדעסט־וועגן האט זי געברענט זייער לאנג עטלעכע שעה, גלייך ווי דער נס אין בהמ"ק. זיין זכות זאל אונז ביישטיין. עכ"ל.

## א נס אז א גזירה איז בטל געווארען

**אין** בית יוסף או"ח סי' תכ"ג שטייט דער טעם פארוואס מען זאגט אין דער קדושה צוויי מאל להיות לכם לאלקים, ווייל אין תשובות הגאונים שטייט אז אין די צייטען פון רב האט גוזר געווען אוגדר דער קעניג פון פערסיען אז מען טאר נישט לייענען קיין קריאת שמע. האבען די חכמים פון יענעם דור מתקן געווען אז מען זאל די קריאת שמע מבליע זיין אין דער קדושה, כדי עס זאל נישט פארגעסען ווערען די מצוה פון זאגען קריאת שמע פון די קינדער. דערנאך האבען זיי מתפלל געווען און געבעטען רחמים פון השי"ת און עס איז געקומען א שלאנג און האט איינגעשלונגען דעם מלך פון פערסיען אין מיטען העלען טאג דעמאלט איז די גזירה בטל געווארען. האבען די חכמים פון יענער צייט געזאגט, פון איצט אן זאל מען נישט מבטל זיין מען זאל עס נישט זאגען אין דער קדושה נאר מען זאל קובע זיין אז מען זאל עס זאגען אין דער קדושה פון מוסף און פון נעילה וואס דעמאלט זאגט מען נישט קיין קריאת שמע. און אזוי איז געבליבען דער מנהג.

## מיט דעם כח פון אמונה איז דער בעל שם טוב הקדוש אדורכגעגאנגען דעם דיענסטער

אויף דעם פסוק „כי במקלי עברתי את הירדן הזה", האב איך אליין געהערט פון בעש"ט הקדוש, אז איינמאל איז ער אדורכ־געגאנגען דעם טייך ניעסטער אן א שם, נאר אויף דעם טייך האט ער אוועקגעלייגט דעם גארטל און אויף אים אדורכגעגאנגען, מיט דעם כוח פון גרוים אמונה, זי"ע.

(מובא בדגל מחנה אפרים פ' וישלח ד"ה כי במקלי וכו')

## דאס פייער פון קדושה

די צוויי הייליקע זין פון דעם הייליקן רבי ר' זושא זצוק"ל שרייבן אין זייער הסכמה אויף דעם ספר „אור פני משה" פון הרה"ק ר' משה כת"ם מפשעווארסק זצוק"ל, אז זייער פאטער, דער רבי ר' זושא זצוק"ל, האט זיי אליין דערציילט, אז ווען איך בין געגאנגען אפריכטן גלות, פונקט בין איך געקומען אין דער שטאט פשעווארסק און א קינד האט מיר אוועקגעפירט צו הקדוש מהר"ם מפשעווארסק זצוק"ל, און מיט מיינע אויגן האב איך אליין געזען, ווי זיין געשטאלט האט געברענט ווי א מלאך ה' צבאות, און ווען ער האט געשריבן דעם הייליקן ספר האט ארויסגעשפריצט שטיקער פייער פון די געשריבענע אותיות.

(הסכמה על ספר „אור פני משה")

## לערנערס און שטיצערס די תורה

באר חפרוה שרים כרוה נדיבי העם במחקק במשענתם. — די תורה וואס איז געגליכן צו א ברינעם וואסער — חפרוה שרים — וואס עס גראבן און דערגרונטעווען איהר די גרויסע פירשטען די תלמידי חכמים — כרוה נדיבי העם — עס קענען איהר קויפן (כרות — פון לשון: אשר כריתי לי) אויך די נדיבים פון פאלק וואס זיי שטיצן תלמידי חכמים, ווי דער פסוק זאגט „עץ חיים הוא למחזיקים בה" ביידע סיי די תלמידי חכמים און סיי די נדיבים האבן א חלק אין דער תורה: די ערשטע די שרים — במחקק — מיט זייער אליין לערנען — במשענותם — דורך דעם וואס זיי שטיצן אונטער די לומדי תורה...

דעריבער דרש'נט די גמרא אויך דעם ווייטערדיגן פסוק „וממדבר מתנה וממתנה נחליאל" אויף דער תורה (נדרים נ"ה). (הגר"א ז"ל.

## גרדיס איז דער כח התורה

**הצדיק רבי נחמן ברסלבר זצ"ל זאגט:**

אפילו א מענטש וואס איז ווייט פון קדושה, אפילו דער וואס איז שוין פארכאפט אין שלעכטע וועגן און ער איז שוין איינגעזוארינט מיט עבירות ר"ל — פון דעסט וועגן איז גרויס דער כח התורה און דערמיט קען מען ארויסשלעפן די מענטשן פון תהום פון זייערע עבירות.

אויב די מענטשן וועלן ביי זיך אפמאכן א פעסטגעשטעלטע געזעץ מיט א פעסטן באשלוס צו לערנען תורה יעדן טאג אזויפיהל און אזויפיהל טראץ יעדן טרדה, וועלן זיי זוכה זיין ארויסצוגעהן פון זייער שלעכטן געוואוינהייט — דען זעהר גרויס איז דער כח התורה!

אויסער מקיים צו זיין טאג־טעגליכע מצוות און פארשידנציייטיגע מצות, איז דער איד פארפליכטעט צו דאווענען און צו לערנען.

למעשה, ווער דאווענט עס נישט דריי מאהל אין טאג. מ'רעדט דאך פון אידן וואס באזוכן די שוהל און האלטן זיך אין תורה־ראם. אלזא, מ'דאווענט אלע טאג. אבער עס פעלט נאך צו שלימות און דאווענען. מ'איז לײדער דערווייטערט פון דעם. די ליפן זאגן און די הארץ איז ערגעץ וואו אנדערש.

אין דעם פראגט פון תורה לערנען איז מען אפילו ווייט אויך גישם. מ'האלט איבער־הויפט נישט ביי דעם, ווער האט צייט צו לערנען. מ'איז דאך איינגעטונקען אין פרנסה לייב און לעבן. כאטש א שטרעבונג צו דעם פיהלט מען אונזער הארץ. מיר האבן א שטארקן רצון דערצו נאר מיר זענען צו שוואך פארווירקליכן דיזן רצון. טאג־טעגליכע דאגות און דער רעש אין דרויסן — לאזן נישט צו מ'זאל עפענען די גמרא. און אויב יא איז עס נאר צייטווייליג נישט קיין שטענדיגע זאך ווי דער דאווענען.

די תפילה דאס איז א געבעט אויף די מענטשליכע געברויכן. דאס פארשטייט יעדערער; דאס תורה־לערנען איז די געטליכע חכמה וואס איז איבערגעגעבן געווארן נאר צו אונז אידן אלס ג־ט׳ס קינדער.

דאס איז די כוונה אין די שמונה עשרה וואס מיר בעטן דריי מאָהל אין טאָג: „השיבנו אבינו לתורתך וקרבנו מלכנו לעבודתך" ביי תורה־לערנען זאגן מיר „השיבנו" קער אונז אום, און „אבינו" אונזער פאטער; און ביים דאווענען די עבודה זאגן מיר „וקרבנו" דער־נענטער אונז, און „מלכנו" אונזער קעניג.

ווען א זוהן איז וייט, גאר וייט פון א טאטן, קען ער אויך ערווארט׳ן אז דער טאטע זאל אים צוריק ברענגען צו זיך ער זאל געניסן פון דיא פאטערליכע ליבשאפט. דעריבער זאגן מיר „השיבנו אבינו לתורתך" מיר זענען טאקע גאר וייט פון דיין תורה אבער דו ביזט דאך אונזער טאטע, בעטן מיר דיר טאטע דו זאלסט אונז צוריק ברענגען צו די תורה!

ווידער ווען א קנעכט איז פארשטויסן געווארן פון זיין קעניג איז נישט אזוי צו ערווארטן ער זאל איהם אומקערן צוריק. אנדערש איז ווען ער איז נישט פארשטויסן נאר דערוויטערט, קען ער יא ערווארטן מען זאל איהם צוריק דערנענטערן. דעריבער זאגן מיר „וקרבנו מלכנו לעבודתך" מיר דאוונען דאך יעדן טאג צו דיר אונזער קעניג אבער די הארץ איז דערוויטערט דערפון. בעטן מיר פון דיר קעניג, דו זאלסט, אונז דערנענטערן צו דייך עבודה!

(לויטן שארית יוסף און נאָך)

איינער איז אמאל געווען אין מיטן וואסער, האט איהם דער שיפס־קאפיטאן אויסגעשטרעקט א שטריק און געזאגט: נעם אן דעם שטריק און לאז עס ניט אפ ווארום אויב דו וועסט עס אפלאזן איז דיין לעבן קאפוט. אזוי זאגט אויך ג־ט ב״ה צו אידן: כל זמן איהר האלט זיך אין תורה און מצות איז אויף אייך געזאגט: ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כלכם היום (דברים ד) — ווען איהר האלט זיך אן אין ג־ט האט איהר לעבן; און אזוי זאגט אויך דער פסוק (משלי ד) החזק במוסר אל תרף נצרה כי היא חייך — האלט זיך אין מוסר, לאז עס ניט אפ, היט עס ווייל דאס איז דיין לעבן. (מדרש תנחומא פ׳ שלח)

•

תורה און מצות זענען געגליכן צו בוימאייל, אזוי ווי בוימאייל ווען מ׳גיסט עס אין לאמפ לייכט עס אבער אז מ׳גיסט עס אופ׳ן אייגענעם בגד מאכט עס א פלעק, אזוי איז אויך מיט תורה און מצות: טהוט מען עס לשמה איז עס ווי א ליכטיגער זייל, טהוט מען עס אבער נאר לפנים, צו גרויסן זיך דערמיט אין מענטשנס אויגן, מאכט עס א פלעק אויף דער נשמה. (אין ספרים)

די חז״ל זאגן „רוצה אדם בקב שלו יותר מתשעה קבים של חברו״. דער מענטש וויל בעסער איין מעסטל זייניגע איידער ניין יענעמס. דאס בעטן מיר ווידער יעדן טאג נאכן עסן „ואל תצריכנו לידי מתנת בשר־ודם" מיר זאל נישט דארפן אנקומען צום חבר.

— וויל קיינער גיט נישט, און אויב איינער גיט יא — וויל ער עפעס אנטקעגן! געוויינלאך א מענטש פארלאנגט נישט נאר געלד, עס איז דא פארשידענע וועגן ווי אזוי איינצומאנען ביים חבר דערפאר וואס ער האט איהם געגעבן א „מתנה". אמאהל דריקט זיך עס אויס אין פארשידענע „טובות" וואס

דער נותן באקומט ביים מקבל, אמאהל א פראטעקציע און אפילו אביסל כבוד איז אויך עפעס, און אמאהל באנוגט זיך דער מענטש מיט א פשוטן „יישר כח" מצד דעם מקבל המתנה ...

אבער עס איז דא נאך ערגער: די אונדירעקטע השפעה פונ'ם נותן. א מענטש וואס דארף אנקומען צום חבר, ווערט מושפע פון איהם. דאס איז דער ענין פון „שוחד" וואס דער גרעסטער מענטש קען נישט אפהאלטן יענעמס השפעה. דעריבער בעטן מיר טאקע פון השי"ת ער זאל אונז געבן מיט זיין ברייטע הייליגע האנד ווייל זיין השפעה איז ביי אונז געבענטשט. דאס איז אונזער וואונטש!

יעקב אבינו האט געבעטן ביים אויבערשטן „ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש". ער זאל מיר געבן ברויט און קליידונג, נישט דורך קיין אנדערן. ווייל דאן ווייס איך אז די השפעה איז ריין אהן קיין אנדערע אריינמישונג.

## ושבתי בשלום אל בית אבי — והי' ד' לי לאלוקים

ערשט דאן, ווען „ושבתי בשלום אל בית אבי", ווען כ'וועל זיך אומקערן א היים און זיצן רואיק אויף אן ארט „והי' ד' לי לאלוקים" וועל איך קענען דינען דעם רבוש"ע און מקיים זיין אלע מצוות ווי עס דארף צו זיין. ווייל אין וועג, בשעת מען איז נע ונד איז דאס שווער אויסצופירן... (מפרשים)

* * *

דער רבי ר' בונם, וועלכער האט זייער פיל ארומגערייזט, פלעגט זאגן דער וואס איז א איד אין דעם היים, איז א האלבער איד אין דער פרעמד און דער וואס איז א האלבער איד אין דער היים איז א גאנצער גוי אין דער פרעמד...

מען טייטשט „אשרי תמימי דרך" וואויל איז צו דעם, וואס אויך אין וועג איז א תמים אן אפגעהיטענער איד...

## יעקב האט מורא געהאט פאר די התחברות מיט לבן'ען.

„אם יהיה אלוקים עמדי ושמרני בדרך וכו'", — וואס האט יעקב אזוי געציטערט פאר לבן'ען? לבן איז דאך געווען זיין קרוב?

נאר טאקע דערפאר האט ער מורא געהאט, אז קומענדיג ביי אזא רשע און א רמאי, וועט ער מושפע ווערן פון איהם און זיינע וועגן, דאס איז א אייביגע זאך אז זייענדיג ביי א רשע מוז מען בעאיינפלוסט ווערן פון איהם.

און אז יעקב האט מורא געהאט פאר דעם — וואס זאלן מיר שוין זאגן...

## וואס הייסט קפיצת הדרך

דער הייליגער חתם סופר האט געזאגט צו זיינע תלמידים, צו מאכען קפיצת הדרך מיט שמות איז קיין קונץ ניט, מיין הייליגער רבי חסיד שבכהונה מוה"ר נתן אדלער זצ"ל האט געהאט קפיצת הדרך אן צוטאן עפעס. ובזה פי' דוז"ק הגאון מו"ה שמעון סופר זל"ה מקראקע מ"ק „ויעקב הלך לדרכו" בדרך העולם, ועכ"ז „ויפגעו בו מלאכי אלקים", בלי שום פעולה מיוחדת

הלך ועכ"ז נעשה לו נס גדול, יעקב אבינו איז געגאַנגען לדרכו וואו יעדער איינער גייט אָן קיינע פעולות צומאַכען קפיצת הדרך, און דאָך איז אים געשען אַ גרויסער נס וקפצה לו הארץ זי"ע.

(בס' זכרון למשה)

## אזויפיל טעג וויפיל שבתים אין איין טאג

ויאמר אעבדך שבע שנים ברחל. הם ימים אחדים שאמרה לו אמו (רש"י) אין מדרש שטעהט אז שבת האט געזאגט צו השי"ת אז אלע טעג האבן א בן־זוג (אין זעקס טעג זענען פערהאן דריי זוגות) נאָר מיר האסטו נישט געגעבן קיין בן־זוג. האט השי"ת געענטפערט: די כנסת ישראל וועט זיין דיין בן־זוג.

זעהט מען דאָך דערפון אז די שבת'דיגע טעג הייסן „אחדים" — פעאיינצעלטע טעג וואס האבן נישט קיין בן זוג.

מיר געפינען אויך איז פסוק אז „ימים" איז דער טייטש: א יאָהר — ימים תהי' גאולתו.

אז יעקב האט געדינט ביי לב'ן זיבן יאהר זענען דאָך אין דער צייט פערהאן אזויפיהל שבתים ווי פיל טעג ס'זענען פערהאַן אין אַ יאָהר.

דאס האט רבקה אלזא געמיינט ווען זי האט געזאגט: וישבת עמו ימים אחדים — דו זאָלסט ביי איהם זיצן א יאָהר אחדים'דיגע טעג — שבתים — וואָס דאָס הייסט ממילא זיבן געוועהנליכע יאָהרן...

(החוזה מלובלין ז"ל)

## התחברות מיטן שלעכטען איז איינגעשטעלט

וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו... כה תאמרון לאדוני לעשו עם לבן גרתי. מלאכים ממש (רש"י) די משנה זאָגט דאָך „הרחק משכן רע ואל תתחבר לרשע" (אבות פ"א מ"ז) — ווייל אפילו דער בעסטער מענטש ווען ער איז צוזאמען מיט א רשע מוז ער זיך סוף כל סוף פון איהם עפעס אָראָפּלערנען. דעריבער האָט יעקב אבינו מורא געהאַט צו שיקן מענשען צו עשו'ן, זיי זאָלען דערווייל נישט קאליע ווערן ביי איהם, האט ער געשיקט מלאכים.

דאָס זאָגט דער פסוק: וישלח יעקב מלאכים — נישט קיין מענטש'ן ווייל — אל עשו אחיו — א שלעכטער מענטש, און — ארצה שעיר שדה אדום — אַ שלעכט אָרט, אזא שליחות קען מען נאָר אנטרויען מלאכים...

(חומת אש)

## רעדען מיט אַ רשע שאַדט פאַר דער נשמה

דער גאון רבי עמרם בלום, בעל מחבר פון ספר בית שערים, אבד"ק פון אויוואַראש שרייבט אין זיין פירוש אויף דער הגדה אַ מעשה פון זיין זיידע רבי עמרם חסידא זצ"ל אַז ווען ער איז געווען רב אין מאָדע איז ער אַמאָל געפאָרען אין גליל מסדר קידושין זיין ביי אַ בעל הבית, וועלכער האָט געהאַלטען ביי זיך אין הויז אַ לעהרער פון די פאַרגעשריטענע. און כאָטש זיי זיינען געווען פיל בעסער ווי די היינטיגע בעוה"ר, פונדעסטוועגען האָט ער נישט געוואָלט רעדען מיט יענעם לעהרער אָבער ער האָט זיך נישט געקענט אָרויסדרייען, ווייל ער איז איהם נאָכ־

געגאַנגען אויף יעדען שריט און טריט. איינמאָל האָט דער גאון רבי עמרם חסידא געזוכט וואַסער, איז פונקט דאָרט געווען דער לעהרער און ער האָט איהם געפרעגט אויב ער זוכט וואַסער. האָט איהם דער גאון גע־ענטפערט „יאָ". מער אויסער דעם איינעם וואָרט האָט ער מיט איהם נישט גערעדט. און נאָך עטליכע וואָכען האָט דער גאון רבי עמרם חסידא דער־ציילט אַז ער פילט עפּעס אַז צוליב דעם איינעם וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגערעדט מיט יענעם מאַן איז ער געפאַלען פון זיינע מדריגות, און בלויז דורך פאַרשידענע פעולות איז ער צוריקגעקומען צו זיינע פריערדיגע מדריגות.

## א פריינדשאפט מיט א רשע...

מה פשעי מה חטאתי כי דלקת אחרי אז דו יאָגסט זיך אַזוי נאָך מיר און ווילסט זיך דווקא מיט מיר חבר'ן, איז אַ סימן אַז איך האָב עפּעס געזינדיגט. וואָרום ווען איך וואָלט אין גאַנצען ריין געווען, וואָלסטו גאָרנישט געוואָלט האָבן מיך פאַר אַ פריינד...

(מפי השמועה)

## עס ווענדט זיך אין די מאמעס

ויען לבן... הבנות בנתי והבנים בני אויב די טעכטער זענען מיינע, — דאַן איז — והבנים בני — זענען די זיהן ממילא שוין מיינע.

אויב מען ערציעט די טעכטער אין די דרכים פון די לבנ'ס איז נישט צו ערוואַרטען קיין גוט'ס פון די זיהן. זיי וועלען שוין אַליין געהערן צו לבן'ען. די מאַמעס וועלען זיי שוין געבען אַזאַ ערציהונג, אַז זיי וועלען שוין צו יעקב'ן נישט געהערן... (מפי השמועה)

## היטן אויפן לבוש

יעקב אבינו איז אַרויסגעפאָרן קיין חוץ־לאָרץ ביי לבן דער רמאי, דער געצנדינער. פאַרברייננגט דאָרטן צוואַנציג יאָהר און דאָך „לא למדתי ממעשיו הרעים" (רש"י) ער האָט זיך נישט אָפּגעלערנט פון זיינע שלעכטע מעשים.

יעקב האָט נישט משנה געווען זיין לבוש, דער „בני יששכר" זאָגט: „ויבא יעקב שלם עיר שכם" שלם איז ראשי תיבות שם לשון מלבוש. ער האָט נישט געענדערט זיין נאָמען, זיין שפּראַך און זיין קליידונג. ער איז געבליבן דער זעלבער אַלטמאָדישער איד, איז עס טאַקע „שלם" דאָס שלימות פון אַ איד בשטעהט דערמיט וואָס האַלט זיך פעסט ביי די דריי זאַכן.

און עס קען טאַקע זיין אַז יעקב אבינו האָט איינגעפלאַנצט ביי די קינדער דער דאָזיגן געדאַנק אַז אפילו זיי זענען געגאַנגען אין גלות מצרים, זענען זיי נישט אַסימילירט געוואָרן אין די מצרישע קולטור און ווי די חז"ל זאָגן אַז אידן זענען אויסגעלייזט געוואָרן אין זכות וואָס זיי האָבן נישט פאַר־ענדערט זייערע נעמען, זייער שפּראַך און לבוש.

מיר דאַרפן היטן אויף די שלימות.

## פארזיכערט די אנדערע מחנה

והיה המחנה הנשאר לפליטה דער מדרש זאגט אז צווישן איין מחנה און דער צווייטער איז געווען א מהלך־וועגס פון איין טאג. רבקה האט דאך געזאגט בנבואה: למה אשכל גם שניהם יום אחד (פריהער כז—מה) אז עשו מיט יעקב׳ן וועלן ביידע שטארבן אין טאג. קומט דאך אויס אז אויב עשו וועט שלאגן די ערשטע מחנה מיט יעקב׳ן, וועט ער אליין אויך מוזן דעם זעלבן טאג אומקומען. וועט דאך ממילא די צווייטע מחנה ניצול ווערן, ווארום עס דארף דאך דויערן א טאג ביז ער וועט צוקומען צו איהר...
(נחל קדומים)

## אהן תפילה איז גארנישט ווערד

התקין עצמו לשלשה דברים לדורון, לתפילה ולמלחמה (רש״י) אויב ס׳וועט נישט פועלן די תפילה, ווי אזוי וועט פועלן דער דורון אדער די מלחמה?

באר דער פשט איז: לתפילה — מתפלל צו זיין אז דער דורון זאל פועלן, אדער די מלחמה זאל ברענגען א נצחון. אזוי איז דער דרך פון צדיק נישט צו פארלאזן זיך אויף א נס, נאר צו טוהען וואס מען דארף, און מתפלל זיין צו השי״ת אז די פעולה זאל געראטען...
(נפלאות חדשות)

## די מעלה פון תהילים זאגען

א מעשה נורא ווערט געבראכט אין של״ה הקדוש בשם ספר עמק המלך און נאמען פון הגה״ק רבי אביגדור קרא זצ״ל וועגן דער גרויסער מעלה פון תהלים זאגען. איך האב געהערט פון מיין הייליגען רבי הי״ד אז אין שנת קי״ב, צוויי יאהר נאך די גזירות, איז געבליבען איין דארף נעבען עהרפורט (אין דייטשלאנד) וואו די רשעים האבען נישט געהאט קיין שליטה. אין דעם דארף איז געזעסען אן אלטער ארימער מענטש, א פשוט׳ער איד וועלכער האט געקענט לערנען בלויז חומש און תנ״ך. ער איז געווען א זקן און איז געשטארבען בשיבה טובה. אין די שלושים פון זיין פטירה איז ער געקומען צו חלום צו א גרויסען חכם וחסיד אין ערפורט און ער האט זיך איהם אויסגעוויזען ווי ער שטייט אין די תכריכים מיט א קליין ספר אין דער האנט. האט איהם דער חסיד געפרעגט ביזטו נישט דער מאן וועמען מיר האבען דעמאלט און דעמאלט מקבר געווען? האט ער איהם געענטפערט יא, איך בין דאס. האט איהם ווידער דער חכם געפרעגט וואס פאר א ספר האסטו אין האנט. האט ער איהם געזאגט דאס איז א תהילימ׳ל. און איך בין דיך געקומען ווארענען אז דו זאלסט באפעלען פאר אלע אידען זיי זאלען אנטלויפען פון דעם דארף וואו איך האב געוואוינט און זאלען זיך אויסבאהאלטען, ווייל זיי זיינען ח״ו אין א גרויסער סכנה. זאלען זיי זיך אויסבאהאלטען אין די אנדערע קהילות, ווייל כל זמן איך האב געלעבט דארט האב איך יעדען טאג

אויסגעזאָגט גאַנץ תהילים אַזוי עטליכע יאָהר, און אין דעם זכות האָבען מיר געלעבט בשלום און ניצול געוואָרען. אָבער פון איצט אָן איז נישטאָ ווער עס זאָל אויף זיי מגין זיין. ווען דער חסיד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער געדענקט דעם חלום און ער האָט זיך שטאַרק גע־שראָקען. ער האָט געשיקט אַ שליח מיוחד אין יענעם דאָרף און ער האָט זיי געוואָרענט צו אַנטלויפען. די וואָס האָבען זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם חכם זיינען אַנטלאָפען און זיינען ניצול געוואָרען. אָבער די וואָס האָבען נישט געפאָלגט זיינען לײדער אומגעקומען ר״ל. און פון דעמאָלט אָן וואָס מיין רבי האָט דאָס געהערט, האָט ער נישט פאַרפעלט אויסצוזאָגען תהילים אַ גאַנצע וואָך, איינגעטיילט אין זיבען טיילען אין טייל יעדען טאָג. דעריבער זאָלט איר אויך געוואָרענט זיין צו זאָגען תהילים, ווייל תהילים איז דוחה כל מיני פורעניות און אַלע פגעים רעים פון זיך און פון זיין בני בית און פון דער גאַנצער משפחה און פון גאַנצען דור. און עס ברענגט צו כל מיני שפע ברכות טובות והצלחות.

### דורך תהילים זאָגען דערגרייכט מען הויכע מדריגות

**אין** ספר רשפי אש ווערט געברענגט אַז דער בעל שם טוב הקדוש זי״ע האָט אַמאָל אויסגעדריקט זיך אויף צוויי מענטשען אַז זיי האָבען דערגרייכט גאָר הויכע מדריגות. איינער דורכ׳ן זכות פון זאָגען תהילים, און דער צווייטער דורך לערנען גמרא מיט תוספות.

### דוד המלך איז מקבל פנים אַ איד אַ תהילים זאָגער

**דער** רבי ר׳ מרדכי׳לע מנעסכיז זי״ע האָט דערציילט אַז איינמאָל איז געווען אַ פשוט׳ער איד וועלכער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף. ער האָט כל ימיו געזאָגט תהילים. און ווען ער איז נפטר געוואָרען האָט אַ צדיק געזען אַז דוד המלך ע״ה איז איהם אַנטקעגען געגאַנגען און האָט געשפּילט מיט זיין פידעל מיט גרויס שמחה.

### דוד. מלך ישראל חי וקיים

**אין** דעם ספר משפט צדק אויף תהילים ווערט געברענגט אַ מדרש פון פרשת אחרי אַז ווער עס זעט דוד המלך ע״ה דער געדענקט דאָס לערנען. נאָך ווערט דאָרט געברענגט פון אַ מדרש און פון ירושלמי אַז ווען שלמה המלך ע״ה האָט געוואָלט אַריינפירען דעם ארון הקודש אין בית המקדש האָבען זיך די טויערן צוזאַמענגעשלאָסען. און מען האָט זיי נישט געקענט עפענען. פיר און צוואַנציג פאַרשידענע געזאַנגען האָט שלמה

המלך ע״ה געזאָגט פאַר השי״ת און די טויערען האָבען זיך אַליין גישט געוואָלט עפענען. צום סוף האָט ער באַפוילען צו ברענגען דעם ארון פון זיין פאָטער דוד המלך ע״ה פון קבר, און באַלד האָט זיך באַוויזען דוד המלך אַ לעבעדיגער פאַר דעם גאַנצען פאָלק און אַלע האָבען איהם געזען אַ לעבעדיגער. האָט שלמה המלך מתפלל געווען צו השם יתברך אין זכות פון זיין פאָטער, און באַלד האָבען זיך די טויערען געעפענט. דעמאָלט זיינען די פנימ׳ער פון שונאי דוד המלך שוואַרץ געוואָרען ווי סאַזשע. דערפאַר האָט דוד המלך ע״ה געזאָגט מזמור שיר חנוכת הבית לדוד וגו׳ ה׳ העלית מן שאול נפשי חייתני מיורדי בור.

## דאָס חשיבות פון קדיש נאָך תהילים

**אין** ספר ויקהל משה ווערט געברענגט אַ מעשה נורא וואָס עס האָט אַמאָל פאַסירט. און ער פירט אויס אַז עס איז נישט פאַראַן קיין מער בעסערע זאַך קעגען מזיקים ר״ל ווי דאָס זאָגען קדיש נאָך תהילים.

## אַ מעשה נורא וועגען קדיש זאָגען

**אין** יאָר תרס״ח איז פאַרגעקומען אַ שאלה פאַר דעם גאון וצדיק רבי אליעזר חיים דייטש זצ״ל אב״ד באָניהאָד, מחבר פון ספר שאלות ותשובות פרי השדה און תבואות השדה. די שאלה איז געקומען פון דער שטאָט הרובישעוו אין רוסלאַנד. עס האָט זיך געהאַנדעלט אין דעם פאָל־גענדען. אַ איד איז געשטאָרבען און נאָך עטליכע טעג איז ער געקומען צו חלום צום זון פון דעם רב און ער האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער זאָגט נישט נאָך איהם קיין קדיש, ער איז דאָך געווען זיין פאָטער. האָט זיך דעם רב׳ס זון אויסגעלאַכט פון דעם חלום. די צווייטע נאַכט איז דער נפטר ווידער געקומען צו איהם אין חלום און איהם געזאָגט, דו ביזט דאָך מיין זון פאַרוואָס זאָגסטו נישט קיין קדיש? האָט ער זיך ווידער אויסגעלאַכט און געזאָגט אַז די חלומות האָבען נישט קיין שום באַדייטונג. דאָס דריטע מאָל איז ער ווידער געקומען צו חלום און איהם געוואָרענט אַז אויב ער וועט נישט זאָגען קיין קדיש וועט ער האָבען ר״ל אַ ביטערן סוף. האָט ער דערציילט די זאַך פאַר זיין פאָטער דעם רב. האָט איהם דער פאָטער געזאָגט ער זאָל זיך גאַרנישט שרעקען און נישט מאַכען זיך וויסענדיג. דאָס פערטע מאָל איז דער נפטר געקומען ווידער צו חלום און איהם געפרעגט פאַרוואָס ער זאָגט נישט קיין קדיש נאָך איהם. און אויב ער וועט ווייטער נישט פאָלגען וועט ער איהם ר״ל דערווערגען. דער

זון האט זיך דערשראקען און ער האט דערציילט פאר'ן פאטער די חלומות. איז געגאנגען דער פאטער דער רב און געלאזט רופען צו זיך די פרוי פון דעם נפטר און זי געפרעגט וואס דא קומט פאר, פראוואס איר מאן קומט צו חלום צו זיין זון ער זאל נאך איהם זאגען קדיש. האט זי דעמאלט מודה געווען און אויסגעזאגט: שוין אריבער דרייסיג יאהר האט דיין פרוי די רביצין געגעבען מיר איר קליין קינד צום זייגען. אויך איך האב געהאט א קליין קינד. איינמאל ביינאכט האב איך שלאפענדיג דער־שטיקט דאס קינד פון דער רביצין. איך האב זיך שטארק געשראקען פאר דער רביצין, און צוליב פחד האב איך איר געגעבען מיין קינד און קיינער האט גארנישט געוואוסט. די רביצין האט איהם אויפגעצויגען און געהאלטען אלס איר זון. ממילא איז מיין מאן גערעכט וואס ער פא־דערט ער זאל נאך איהם זאגען קדיש. (פון דער מעשה קומען ארויס פארשידענע שאלות וואס זיינען א נפקא מינה לדינא, אבער מיר גייען דא נישט אריין אין די שאלות).

(וילקט יוסף ח"ו סי' קצ"ד)

## קטונתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך (לב. יא.)

**טראץ דעם וואס יעקב האט געהאט א הבטחה פון כביכול „ושמרתיך בכל אשר תלך" האט ער מורא געהאט ווייל אין דער צווישנצייט האט ער געהאט אזויפיל חסדים פון ג־ט — „כי במקלי עברתי... ועתה הייתי לשני מחנות — און זיי האבן געוויס פארקלענערט זיין פארמעגן פון זכותים, פאר חסדים דארף מען צאלן...**

**און דאס זאגט יעקב: קטונתי — איך פיל זיך איצט קלענער ווי פריער — „מכל החסדים ומכל האמת" — צוליב די אלע חסדים וואס כביכול האט געטאן מיט מיר און דאריבער ווער ווייס צו איך פארמאג נאך גענוג זכותים אויף איצט ווערד צו זיין די אלטע הבטחה פון ג־ט...**

### וואס הייסט צעבראכענקייט

ווען מען האט אויפגענומען הרה"ק בעל הפלאה ז"ל אלס רב אין פ"פ, איז זייער א גרויסער עולם געפארען אים מקבל פנים זיין אויסער די שטאט, און מען האט אים געגעבען גרויס כבוד. האט אים איינער א פרעג געטאן וואס האט ער געטראכט ווען מ'האט אים אפגעגעבען אזא כבוד, האט ער געענטפערט אז ער האט זיך פארגעשטעלט ווי מ'טראגט אים אויף דער מטה צום בית החיים און דער גאנצער עולם באגלייט אים, זי"ע.

(בס' שמן הטוב בשם ס' רחמי האב)

## דאָס צעבראָכענקייט פון אַ צדיק

**דער** אַפּטאר רב זי"ע האָט דערציילט אַז איינמאָל איז ביי מיר איינ־געשטאַנען דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק. איך האָב איהם איבערגעגעבען אַ באַזונדערן צימער. איינמאָל בין איך צו איהם אַריינגעגאַנגען און איך האָב געזען אַז ער איז פאַרטאָן אין מאַכען חשבונות פאַר זיך אויב ער איז ראוי צו עולם הבא. ער האָט גערעדט צו זיך אַליין און געזאָגט „דו ביזט נישט ראוי צו עולם הבא" און ער האָט אויסגערעכענט אַלע חסרונות. שפּעטער האָט ער ווידער זיך גענומען טרייסטען און געזאָגט „אפילו דו ביזט נישט ראוי, וועט דיר דאָך השי"ת מיט זיינע גרויסע חסדים געבען אַ חלק לעולם הבא, ווייל די גמרא זאָגט דאָך (אין סוטה י"ד ע"א) הקב"ה מקיים כל התורה, דער אויבערשטער איז מנחם אבלים און העלפט חתן וכלה און ער טוט צדקה. נו אין עולם הבא אויף יענער וועלט איז דאָך נישט פאַראַן קיין עסען און טרינקען נו וואָס פאַר אַ צדקה קען השי"ת דאָרט טאָן. מוז, דאָך נאָר זיין אַז ער וועט טאָן צדקה מיט די וואָס זיינען נישט ראוי און ער וועט זיי געבען אַ חלק עולם הבא בתורת צדקה.

## דער הייליגער באַרדיטשעווער איז מלמד זכות

**דער** הייליגער ר' לוי יצחק מבאַרדיטשעוו זצוק"ל זי"ע, איז געווען באַוואוסט פאַר זיין אהבת ישראל, ער פלעגט מלמד זכות זיין אפילו אויף זיינע גרעסטע מתנגדים. אַמאָל איז דער באַרדיטשעווער געגאַנגען אין שול מעוטף בטלית ותפילין כדרכו בקודש, איז ער פאַרבייגעגאַנגען אַ הויז פון זיינס אַ מתנגד איז זיין פרוי אַרויס מיט אַ טאָפּ וואַסער און אים אָפּגעגאָסען און דערצו נאָך אים באַשיט מיט בזיונות. דער באַרדישטעווער רב זי"ע איז אַוועק אין שול און האָט געבעטען ביי דעם רבש"ע, זיי נישט מעניש די פרוי פאַרדעם וואָס זי האָט געטאָן צו מיר, סוף סוף איז זי אַ ערליכע פרוי ווי די חז"ל זאָגען איזהו אשה כשרה שעושה רצון בעלה, מסתמא האָט זי געטאָן דאָס אויפן פאַרלאַנג פון איר מאַן.

(בספר לישרים תהלה)

## כי ירא אנכי אותו פן יבוא והכני אם על בנים.

**פאַר זיך אַליין האָב איך קיין מורא נישט ! מיר וועט דאָס התקרבות מיט עשו'ן**

מער נישט קאליע מאכן שרעקן שרעק איך זיך פאר די „אם על בנים" פאר די פרויען און פאר די קינדער, פאר דער יוגענט. זיי לידער, קען דאס התקרבות מיט עשו'ן שאדן ברענגען, זיי ליידער לאזן זיך פון איהם לייכט באאיינפלוסן.

## ויירא יעקב מאוד ויצר לו (לב. ח.)

„ויירא שמא יהרג ויצר שמא יהרוג את אחרים" (רש"י).

אט דאס איז די תבונה פון א איד. עס טוט אים ווי׳ אפילו דאן, ווען אים קומט אויס צו הרגענען אין זעלבסטפארטיידיקונג.

און דאס איז אויך דער פשט פון ווייטערדיקן פסוק: „הצילני נא מיד אחי מיד עשו" — דו זאלסט מיר העלפן פון דער האנט פון מיין ברודער, ער זאל מיר נישט הרגענען און „מיד עשו" און אויך פון דעם, אז מיין האנט זאל נישט ווערן קיין „יד עשו", או איך זאל נישט זיין געצוואונגען צו פארגיסן בלוט...

## די תורה בקביעות

„ויבן לו בית ולמקנהו עשה סוכות" — פאר זיך האט יעקב געמאכט א שטוב, אוואו ער זאל קענען זיצן און לערנען און דינען דעם אויבערשטען, אבער פאר זיינע שאף, „ולמקנהו" האט ער זיך באנוגנט מיט „סוכות" בודקאלאך נישט קיין קביעות, אזוי ווי א סוכה וואס איז דרך ארעי, צייטווייליג, נישט קיין באשטימט'ס. (מלבי"ם)

## פעסטקייט און קלארקייט

ויחן את פני העיר בא עם דמדומי חמה וקבע להם תחומין (מדרש רבה) אין א צייט פון דעמערונג — דמדומי חמה — ווען עס הערשט א טשטוש־הגבולין און א צומישונג אין דיעות, נישט פערהאן קיין הבדל צווישן טאג און נאכט צווישן ליכט און פינסטערנישט דווקא דאמאלץ איז עס יעקב'ס כח, פעסטצושטעלן גרעניצן, פונאנדערטיילן דאס גוטע פון שלעכטן, אנצווייזען דעם ריכטיגן סימן פון יעדער זאך און זיין מהות.

די קדושה פון ארץ ישראל פאדערט נאך מעהר קלארקייט און הבדלה, נישט אויסצומישן קודש מיט חול און נישט צו פארטווישן דעם באגריף ארץ־ישראל, לויט וויא די תורה פארשטהעט איהם מיט דעם באגריף „לאנד" לויט וויא די וועלטליכע פעלקער פארשטעהען איהם.

ווען יעקב קומט אהן אין דער ערשטע שטאט ארץ ישראל און דערזעהט „דמדומים" ספיקות, טשטושים און נישט קלארקייטן, איז ער „קובע תחומין" — ער שטעלט פעסט גרעניצן און שאפט בירור און קלארקייט אין אלע ענינים.

(אבני אזל)

## די שנאה פון די גוים — א „הלכה"

אמר רבי שמעון הלכה הוא בידוע שעשו שונא ליעקב (רש"י) וואס איז שייך ביי דעם דער באגריף „הלכה" ?

נאר ס'פערהאנען אזעלכע וואס ווילן געבן טעמים און זוכן סיבות צו דער שנאה פון די גוים צו אידן. באמת אבער האט דער פראקטיק געוויזן, אז קיין איין סיבה איז נישט קיין ריכטיגע. די שנאה איז אן שום טעם און אן שום מאטיוו. נאר ווייל „הפך לבו לשנוא עמו".

דא האט מען אידן פיינט ווייל זיי זענען קאפיטאליסטן, און דארט — ווייל זיי זענען סאציאליסטן, דא ווייל זיי זענען צו פעהיג און צו קלוג, און דארט — ווייל זיי פאלן צו לאסט און ברענגען נישט קיין ניצן; דא — ווייל זיי זענען פאנאטיש און צו פרום און דארט — ווייל זיי זענען פארגעשריטען און פארשפרייטן אונגלויבן. אזוי זענען עס די מאטיוון כסדר סתירה'דיג, אן לאגיק.

רבי שמעון דרש'ענט דאס אומעטום „טעמי דקרא". זאגט טעמים אויף די תורה, זאגט דעריבער דער זעלבער ר' שמעון: הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב — די שנאה פון עשו צו יעקב'ן דאס איז א הלכה פסוקה אהן שום טעם און אהן שום מאטיוו.

(הגאון ר' מנחם זעמבע זצ"ל)



### שטענדיג קאמפן מיטן יצר הרע

וישב יעקב, בקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רוגזו של יוסף (רש"י) יעקב האט דאס גאנצע לעבן געפיהרט מלחמות מיט די שלעכטע כחות, מיט די שלוחים פון יצר־הרע, דא אין פארם פון א לבן, דא אין געשטאלט פון א עשו. יעצט אויף דער עלטער, האט ער שוין געוואלט זיצן בשלוה, נישט פיהרן מער די מלחמות היצר, האלטנדיג אז ער האט איהם שוין מנצח געוועזן. פון הימל האט מען אבער געוואלט אז יעקב זאל ווייטער פיהרן די מלחמה, ווארום כאטש פאר זיך האט ער עס שוין נישט מעהר געדארפט, איז עס אבער א טובה פאר דער וועלט, ווען דער צדיק קעמפט געגן דעם יצר־הרע און איז איהם מכניע. דעריבער איז געווען — קפץ עליו רוגזו של יוסף — און ער האט דאך געהאט א סימן אז אויב קיינער פון זיינע קינדער וועט נישט שטארבען ביי זיין לעבן, דאן איז ער בטוח נישט צו זעהן גיהנם (רש"י ווייטער לז—לה). יעצט אבער דורך יוסף'ן האט ער געזאגט: „כי ארד אל בני אבל שאולה" און מורא באקומען פאר'ן גיהנם. דארף מען דאך אויף ניי אנהייבן די מלחמה מיט'ן יצר־הרע איז מען דאך נאך גארנישט פארטיג מיט זיך... (מהרה"ג ר' יעקב אהרן ז"ל מקאנסטאנטין)

## אויף טהרות דארף מען אליין ארבעטן

כי בן זקונים הוא לו דער בעל הטורים זאגט אז „זקונים" איז ראשי תיבות פון די סדרי־משנה זרעים, קדשים, נשים, ישועות (נזיקין), מועד — יוסף האט געלערנט ביי יעקב'ן די דאזיגע סדרי משנה. (שפתי צדיקים)

איז דאך שווער, ס'איז דאך פערהאן נאך א סדר משניות, סדר טהרות, פארוואס־זשע איז דאס נישט דא דערמאהנט?

נור — האט דער גערער רבי שליט"א געזאגט — אויף טהרות דארף מען אליין ארבייטען, דאס קען מען נישט קענען פון בלויזען לערנען ביים טאטען...

## א שליח מצוה אויף היין און צוריק

והשבני דבר יעקב האט געוואוסט אז די ברידער האבן איהם פיינט און ער האט מורא געהאט אז עס זאל איהם נישט געשעהען קיין שלעכט'ס. האט ער איהם דעריבער פריהער געזאגט: לכה ואשלחך — כדי איהם צו מאכן פאר א שליח־מצוה, מקיים צו זיין כבוד־אב און „שליחי מצוה אינם נזוקים". ער האט אבער ווייטער מורא געהאט פאר צוריק וועגס, וואס דעמאלט וועט ער שוין נישט זיין קיין שליח מצוה און ס'איז דאך פערהאן א שיטה אז „שליחי מצוה אינם נזוקים דווקא בהליכתם ולא בחזירתן" — האט ער דעריבער געזאגט: והשיבני דבר — כדי דערמיט איהם צו מאכען פאר א שליח־מצוה אויך ביים צוריק געהן... (אור החיים)

## די ברידער טענה'ן צו יוסף'ן

וישנאו אותו ולא יכלו דברו לשלום זיי האבן נישט געקענט סובל זיין דאס וואס ער רעדט מיט זיי אזוי פרידליך, דען זיי האבן גע'טענה'ט: אויב דו האלסט אונז פאר זינדיגע איז דאך א מצוה דו זאלסט אונז פיינט האבן — „הרואה בחבירו דבר עבירה מצוה לשנאותו" — טא פאר וואס רעדסטו מיט אונז אזוי שלום'דיג. מוז דאך זיין איינס פון די ביידע, אדער דו זעהסט נישט ביי אונז קיין דבר עבירה, האסטו דאך גלאט גערעדט לשון־הרע, אדער דו זעהסט יא ביי אונז א דבר עבירה און דאך האסטו אונז נישט פיינט — טוסטו דאך דערמיט אליין א דבר עבירה, פאר וועלכן מען דארף דיך פיינט צו האבן, דעריבער — וישנאו אותו... (תורת משה)

## וואס האט ראובן געמיינט

„וישמע ראובן ויצילהו מידם..." — וואס פאר א הצלה איז דאס אייגענטליך געוועזן צו הייסן יוסף'ן ארייך ווארפן אין א גרוב פון נחשים ועקרבים?

דערויף ענטפערט דער זוהר, אז דער עיקר כוונה פון ראובן איז געוועזן יוסף'ן ארויס צונעהמען פון דער סכנה וואס האט איהם באדראט דורך מענטשליכע הענט. ווייל, פון די נחשים ועקרבים, אויב ער, יוסף איז באמת א צדיק, וועט ג־ט איהם געוויס העלפן, ווארום קיין חיות רעות קענען קיין זאך נישט טאהן אן דעם רצון ה', אנדערשט איז אבער מיטן מענטש, וועלכער איז אליין פריי צו טאהן, וואס ער וויל, א בעל בחירה חפשית, און אויב די ברידער פון יוסף'ן האבן זיך פארנומען איהם אומצוברענגען, קען דאס אמאל געלינגען, טראץ דעם, וואס ער יוסף איז גאר באמת א צדיק.

און דאס זאגט דער פסוק: „וישמע ראובן ויצילהו מ י ד ם" ער האט איהם ארויס־געראטעוועט פון זייערע הענט...

מיט דער צונג קען מען ריידן גוט און נישט גוט

דער מדרש ברענגט א מעשה, דאס ר' גמליאל האט געמאכט א סעודה און האט געגעבן צו זיין קנעכט ער זאל קאפן צונגען. האט דער קנעכט א טייל פון די צונגען געקאכט אז זיי זאלן

זיין ווייך, און א טייל פון זיי האט ער געמאכט הארט. צו ערשט האט ער פאר זיי געגעבן די ווייכע צונגען, און דערנאך האט ער פאר זיי געגעבן די הארטע. האט ר׳ גמליאל גערופן צו זיין קנעכט און האט אים געפרעגט, פארוואס ער האט אזוי געטאן, **אז ער האט א טייל פון זיי געמאכט ווייך און א טייל פון זיי הארט.** האט דער קנעכט געענטפערט, כדי זיי צו מאכן וויסן, אז אלע זאכן קומען פון דער צונג, ווען דער מענטש וויל מאכט ער זי ווייך אדער הארט, בלומר דען ער וויל טוט ער ריידן מיט הארטע רייד, און ווען ער וויל טוט ער ריידן מיט ווייכע רייד.

אויך האט ר׳ גמליאל אמאל זיין קנעכט געשיקט קויפן א זאך וואס עס איז גוט צום עסן. האט אים זיין קנעכט גע־בראכט א צונג פון א בהמה. דאס אנדערע מאל האט ער געזאגט צום קנעכט גיי און קויף מיר א זאך וואס איז נישט גוט צום עסן, איז דער קנעכט געגאנגען און האט אים נאכאמאל גע־בראכט א צונג פון א בהמה. האט ר׳ גמליאל געזאגט צו אים, זאג מיר דעם פירוש פון דעם, איך האב דיר געזאגט אז דו זאלסט מיר קויפן א גוטע זאך צום עסן, האסטו געקויפט א צונג פון א בהמה, און אז איך האב דיר געזאגט אז דו זאלסט קויפן א זאך וואס איז נישט גוט צום עסן האסטו אויך געקויפט א צונג. האט דער קנעכט צו אים געזאגט, ווייל אלע זאכן קומען פון דער צונג, גוט אדער נישט גוט, אז די צונג איז גוט איז נישטא פאראן א בעסערע זאך פון איר, און אז די צונג איז שלעכט איז נישטא אזא זאך וואס זי זאל זיין מער שלעכט פון איר. ער האט אים מרמז געווען אז „החיים והמות ביד הלשון", דאס לעבן און דער טויט וועלעט זיך אין דער צונג.

## אוועק די יונגע יאהרן...

**הילד איננו ואני אנה אני בא וישב ראובן אל הבור — ווען מען קומט נעהנטער צו די טעג וואס מען דארף געהן אין בור — לאן אתה הולך למקום עפר רמה ותולעה — און מען זעהט אז — אין יוסף בבור — מען האט גארנישט מוסיף געווען אין עבודת־השם און אין יודישקייט, אז מען זאל זיך האבן וואס מיטצונעמען אין בור אריין, דאן שריט מען אויס: הילד איננו — די יוגענד איז שוין נישטא, אוועק די יונגע יאהרן — ואנה אני בא — ווי אזוי וועל איך דארט אהין קומען...** (הה״ק ר׳ דוד מזאבליטוב ז״ל)

## געדינט דעם אויבערשטן אין אלע צייטן

**ויהי ד׳ את יוסף ויהי איש מצליח ויהי בבית אדוניו המצרי פערהאן מענשען וואס קענען נור דינען השי״ת, ווען זיי זענען ארעם. ביי עשירות פערגעסען זיי — וישמן ישורון ויבעט. פערהאן ווידער אזעלכע וואס נור בעת עס פעהלט זיי נישט זענען זיי עובדי ד׳, אבער ביי ארימקייט איז „עניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו".**

**ביי יוסף׳ן זאגט די תורה אז — ויהי ד׳ את יוסף — ער איז געוועזען דבוק אין השי״ת, סיי — ויהי איש מצליח — ווען עס איז איהם געגאנגען גאר גוט און סיי — ויהי בבית אדוניו המצרי — ווען ס׳איז איהם געוועזען גאר שלעכט. ער איז בייגעשטאנען ביידע נסיונות, דעם נסיון העוני און דעם נסיון העושר.** (דעת זקנים מבעלי התוס׳)

וימאן ויאמר אל אשת אדוניו — מיר קענען זיך אפלערנען פון יוסף, זאגט דער שפת אמת זצ״ל — ווען דער יצר הרע קומט צו איינעם אנרעדן צו א עבירה, איז קודם וימאן דארף מען איהם זאגן — איך האלט נישט דערביי! אהן יעדע לאגיק, דערנאך ויאמר ערקלערט מען זיך און יענעם פארוואס ער האט זיך אפגעהאלטן פון דער עבירה.

## יוסף׳ס רוח הקודש

אין אנפאנג פרשה שטעהט אז פרעה האט זיך גע׳חלום׳ט „והנה עומד על היאור״, פאר וואס־זשע נאכער ווען פרעה דערצעהלט יוסף׳ען דעם חלום זאגט ער איהם „הנני עומד על שפת היאור״, פאר וואס האט ער משנה גע־ווען?

נאר אז מ׳האט פרעה׳ן פארגעשטעלט יוסף׳ען אלס בעל רוח הקודש וואס ווייסט אלעס, ער קען דעם חלום און דעם באשיידונג — האט פרעה איהם געוואלט אויספרובן און אפגענארט זאגנדיג „על שפת היאר״, אבער יוסף האט איהם געזאגט אז „שפת״ איז נישט ריכטיג, דערנאך האט טאקע פרעה אזוי שטארק התפעלות געהאט. פון דעם פתרון האט פרעה געקענט קלערן אפשר וועט עס נישט מקויים ווערן אבער אז יוסף ווייסט זיין חלום — איז ער געוועהן מלא התפעלות אויסרופנדיג „הנמצא כזה איש רוח אלוקים בו״.

דעריבער ברייגנט צו דער מדרש אויפן פסוק „הנני עומד על שפת היאור״ דעם פסוק אין תהלים „עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים״, שפת לא ידעתי אשמע״ איז דעם פשט „עדות ביהוסף״ פון וואנעט איז געוועהן ביי פרעה א עדות אויף יוסף׳ס גרויסקייט אז ער איז א איש אלוקים? ווייל שפת לא ידעתי אשמע״ איך טהו הערן, האט פרעה געזאגט אז „שפת — לא ידעתי״ אז יוסף האט געזאגט אז „שפת״ ווייסט ער נישט, ווייל ס׳איז נישט געוועהן אין חלום...

(מרגניתא דר׳ מאיר)

## הייליגע אויגען זעען

דער רבי ר׳ הירש אלימלך מדינוב זצ״ל שרייבט אין אגרא דכלה די פאלגענדע תורה: מיר האבען בקבלה אז אין די ערשטע צוועלף טעג פון חודש ניסן ווען די נשיאים האבען מקריב געווען א קרבן, איז פאראן כח אויף די צוועלף חדשים פון א גאנץ יאהר. יעדער טאג פון חודש ניסן איז מרמז אויף א גאנצען חודש. אזוי האבען מיר געהערט פון הייליגען רבי ר׳ מענדעלע מרימאנאוו. און די וואס האבען הייליגע אויגען קענען זען אין דעם טאג וואס עס וועט זיך אפטאן אין דעם חודש. און אזוי וויסען מיר אז דער הייליגער לובלינער זי״ע האט אויפגעשריבען ברוח הקודש יעדען טאג וואס עס וועט פאסירען אין דעם באטרעפענדען חודש. ווי עס איז באוואוסט פאר אונזער חברייא קדישא. און אין דעם יאהר וואס ער איז נסתלק געווארען אין חודש מנחם אב האט ער געשריבען בלויז ביז חודש אב. די זאך איז באוואוסט.

(בס׳ אגרא דכלה פ׳ פקודי)

## אַ מעשה וועגען חתם סופר זצ"ל

**הגאון** מו"ה מנחם מענדיל מרגליות ז"ל אב"ד דק"ק הארינטש שרייבט אין מכתב לס' זכרון למשה אַ פלאַ'דיקע מעשה פון הייליגען חתם סופר זצ"ל זי"ע. אין יאַר תרנ"ו ווען כ'בין נאָך געווען אַ יונגער בחור בין איך איינגעשטאַנען ביי אַ תלמיד חכם, ר' יעקב לעהרער ז"ל, וואָס ער איז געווען פון די תלמידים פון הייליגען חתם סופר זצ"ל און האָט זוכה געווען צו זיין פון זיינע נאָענטע שטוב מענטשען, האָט מיר דערציילט, אַז איינמאָל איז דער הייליגער חתם סופר זי"ע געגאַנגען מיט זיין שמש פאַר שבת דאַווענען מנחה, צוקומענדיק צו דער טיר האָט זיך דער חתם סופר אָפּגעשטעלט קושען די מזוזה איז ער געבליבען אַזוי שטיין אַ ווייַלע. און איז אַריין צוריק צו זיך אין שטוב געעפענט דאָס קעסטעל פון געלט אַרויסגענומען עלף גילדען געגעבען צו זיין שמש און געזאָגט אים לויף שנעלער צו יענעם בחור און גיב אים דעם סכום געלט און זאָג אים ניט ווער עס האָט אים געשיקט די געלט, און קום גלייך צוריק. דער שמש האָט געטאָן אַלץ בזריזות גדול. גלייך נאָך שבת האָט דער בחור געפרעגט דעם שמש פונוואַנען האָט ער אים געבראַכט די געלט, אָבער דער שמש האָט אים געענטפערט אַז ער איז אַ שלוחא דרחמנא און ער טאָר ניט דערציילען ווער עס האָט אים געשיקט. האָט דער בחור געזאָגט אַז פון דעם סכום, עלף גילדען, וואָס יענער האָט געשיקט איז קענטיג אַז ער איז אַ בעל מופת און אַ בעל רוח הקודש. און די מעשה איז אַזוואָס, איך בין אַ אָרימער בחור און איך בין געבליבען שולדיג די בעלת האכסניא פאַר וואַשען וועש וכו', יעדען טאָג האָב איך איר געזאָגט אַז ס'דאַרף מיר אָנקומען געלט דאַן וועל איך איר באַצאָלען און זי האָט מיר געגלויבט, ביז ס'האָט זיך אָנגעקליבען אַ סומע פון עלף גילדען, פרייטאָג ווען זי האָט געדאַרפט איינקויפען אויף שבת און זי האָט ניט געהאַט מיט וואָס איז זי געוואָרען זייער שטאַרק אויפגערעגט אויף מיר און זאָגט מיר, איך וויל ניט פון דיר קיין משכון נעם דיינע זאַכען און גיי שוין אַרויס פון דאַנעט מער קען איך דיר ניט האַלטען, און האָט גענומען אַלע זאַכען זיינע און זיי אַרויסגעוואָרפען אויפן גאַס, דער בחור איז געבליבען שטיין נישט וויסענדיק וואָס צו טאָן עס איז שוין פרייטאָג פאַרנאַכט און אַלע זיינע זאַכען בלייבען הפקר אויפן גאַס, האָב איך אָנגעהויבען צו וויינען און מתפלל צו השי"ת און שטייענדיק אַזוי האָט מיר דער בורא עולם צוגעשיקט די עלף גילדען איך האָב איר תיכף באַצאָלט און מיט גרויס שמחה האָב איך מרגיש געווען דעם נס מן השמים און אַ ניי לעבען איז אין מיר אַריין. זיע"א.

א מגיד האט אמאהל געטייטשט די פרשה מיטן חלום פון פרעה און יוסף׳ס פתרון בדרך המוסר והרמז ווי פאלגענד:

— וואויל דעם יוגנט וואס פארשטייט ווי אפצושאצן זיינע יונגע יאָרן! זיי זענען געגליכן צו די זיבן זאַטע יאָהרן· דאס קינד דרעהט זיך ארום זאָרגלאָז אין די הויז פון די עלטערן וואס דאגה׳ען פאר איהם פון האָר ביז גאָר· שפירט נישט קיין פרנסה־יאך און חובות דריקן איהם נישט· ער האט לחם לאכול ובגד ללבוש טאטע־מאמע צערטלען איהם און ציטערן צו זיין געזונד און פרידן· דאס איז די ערשטע זיבן גוטע זאטע יאָהרן!

— וואס טהוט אזא יונגער בחור, ווען ער האט פארשטאנד אין זיך! ער ניצט אויס דיזע גוטע יאהרן, איינצוזאפן אין זיך וואס מער תורה, ער שווימט אין ים התלמוד, עררייכ׳ט איין גמרא נאך די אנדערע, ער בויט תורה־פאלאצן· ער ארבעט זיך אויס די מידות· ער פלאנצט איין אין הארץ יראת שמים און פעסטע אמונה· ער רייסט אויס פון זיך אלע שלעכטע ווארצלען און שטעלט זיך אויף זיין לעבנס־בוים גלייך און שעהן!

אזוי ארום האט ער נישט נאר גענאָסן אין די זיבן זאטע יאהרן, נאר אויך באזארגט די קומענדיגע זיבן הונגער יאהרן! דא שטעקט יוסף הצדיק׳ס חכמה· אנצוזאמלען פון די זיבן זאטע יאהרן אויף די זיבן הונגער יאהרן, דאס זענען די יאהרן וואס דער פרנסה־יאך דריקט אויף די פלייצעס, דאס אחריות פון פאמיליע וואס ווערט גרעסער און פארצווייגטער — נעמט צו דאס יוגנטליכע קלארקייט·

אבער דאן שפירט מען וואס מ׳האט זיך באזארגט אין די פריערדיגע גאלדענע יוגנט יאָהרן· די תורה וואס ער האט געלערנט מיטן „גירסא דינקו־תא״ מיט די פרישע יוגנטליכע כוחות — איז נאך לויטער אין מוח! דעם לעבנס־בוים וואס ער באוואסערט אין די זאטע יאהרן, גיט יעצט ארויס פרוכט און וואקסט גלייך און צווייגהאפט!

דאס איז נאך ווען מ׳האט שכל צו היטן אויף די עררייכטע אוצרות! די מצרים זענען געקומען צו פרעה און געשריגן: מיר שטארבן פון הונגער! זאגט זיי פרעה: פאר וואס האט איהר זיך נישט צוגעגרייט? ענטפערן זיי: עס איז פארפוילט געווארן···

הוי, דאס איז א אומגליק, אז מ׳היט נישט אויפן אוצר, ווערט הונגער יאהרן און ס׳איז נישטא מיט וואס צו שטילן דאס הונגער·

אשרי הגבר, וואָויל דער יונגער בחור וואס האט שכל צו זאמלען ברי־לאנטן אין זיין יוגנט· און נאכער היטן אויף זיי· האט ער שטענדיג גוטע זאטע יאהרן!

## דער דרך פון יצר הרע

והנה שבע פרות עלות אחריהן... ותעמדנה אצל הפרות... ותאכלנה הפרות דא איז מרומז דאס וואס די חז״ל זאגן אז דער יצר־הרע ביים מענטש אי אין אנהייב ווי א „הלך״ — א דורכגעהער. דאן ווערט ער א אורח. צום סוף ווערט ער זיין בעל הבית און איז מושל איבער איהם.

די „שבע פרות הרעות״ זענען דער סימבאל פון כחות פון יצר־הרע, און אין אנהייב זענען זיי „עולות״ — קומען זיי לאנגזאם און באוויזן זיך זעלטן, דאן איז „ותעמודנה אצל״ — זיי שטעלן זיך נעבן איהם, אזוי ווי א אורח, ביז צום סוף איז „ותאכלנה״ — שלינגען זיי איהם איין אין גאנצן. (בשם השפת אמת ז״ל)

# צום שיין פון די חנוכה־ליכט

„אמר רב הונא הרגיל בנר חנוכה הווין לו בנים תלמידי חכמים".
(שבת כ"ג: לפי גרסת הר"ח והרא"ש)

רב הונא האט געזאגט: ווער עס גיוואינט מיט חנוכה־ליכט איז זוכה צו קינדער תלמידי חכמים

מצות נר חנוכה מצוה חביבה היא עד מאד וצריך האדם להזהר בה כדי להודיע הנס ולהוסיף בשבח הא־ל והודיה לו על הנסים שעשה לנו כו'. (רמב"ם חנוכה פ"ד)

דימצוה פון חנוכה־ליכט איז זייער א באליבטע מצוה און דער מענש זאל זיין געווארנט אין איהר כדי צו באוואוסט מאכן דעם נס און צו דאנקן און לובן דעם אויבערשטן פאר די נסים וואס ער האט אונז געטאן.

## חנוכה זאגט מען הלל

**דער „לבוש" (רבי מרדכי יפה ז"ל — שוין דא מעהר פון 300 יאהר פון איהם) זאגט: פאר וואס פורים מאכט מען א סעודה, און חנוכה נישט? — ווייל פורים האט מען געוואלט הרג'ענען די אידן די קערפערס, און חנוכה האט מען זיי נאר געוואלט מעביר על הדת זיין. איף דעם פרעגט דער ט"ז („טורי זהב" אויפן שולחן ערוך אורח חיים הלכות חנוכה) עס איז דאך אומגעקערט: די חז"ל זאגן דאך, אז ווען איינער מאכט זינדיגן דעם צווייטן איז ער נאך ערגער פון איינעם וואס וויל איהם הרג'ענען?**

**ווערט פארענטפערט אין ספרים: פורים האט מען געוואלט פארלענדן די אידן קערפערליך — דעריבער פון זכר פון'ם נס מאכט מען א סעודה, א גשמיות'דיגע; ווידער חנוכה האט מען געוואלט פארטיליגן די אידישע פאלק גייסטליך — דעריבער זאגט מען, אלס אנדיינק פון דעם נס, הלל וואס עס איז א גייסטיגע אנדיינק, און מ'צינדט ליכט וואס איז בלויז א מצוה.**

**ווידער זאגט מען:**

**פורים איז דער נס געוועהן גרעסער, ווארום מיר האבן גארנישט געקענט טאהן און מיר זענען געשטאנען „כצאן לטבח". איז געוועהן טאקע א נס פון הימל און המן האט געכאפט א מפלה. אבער חנוכה איז דער נס נישט געוועהן נאר הימליש, ער איז געוועהן אויך אפהענגיק אין אונז זעלבסט. ווען מ'וויל אפשמאדן אידן — דארף מען האבן מסירות נפש! מ'דארף קעמפפן מיט די לעצטע כחות. און א איד וועלכער איז טאקע שוואך אין די אמונה, און האט נישט קיין מסירת־נפש, פאלט ער טאקע ח"ו. עס געשעהט כמעט נישט קיין נס, ווארום אידישקייט איז א „בחירה" זאך, מ'מוז אליין קעמפפן, און זיך שטארקן אין די אמונה!**

ווידער צינדן מיר אן די באשיידענע חנוכה־ליכט, און זכרונות פון א אלטע שויי־נענדע תקופה שווימען אויף פאר אונז. מיר ווערן באהערשט פון דעם גרויסן גייסט וואס האט גערוהט אויף יענע חשמונאים־העלדן וועלכע האבן געקעמפפט פאר די הייליגע לאנד.

מיר באטראכטן צום שיין פון די חנוכה־ליכטלאך ווי די חשמונאים האבן געפירט א ביטערע מלחמה מיט די העלעניסטן, די אידישע אסימילאנטן וועלכע האבן געוואלט אריינברייננגען די גריכישע קולטור ביים אידישן יוגנט.

מ'טאר נישט געניסן פון די הייליגע חנוכה־ליכטלאך, „אין לנו רשות להשתמש בהם אלא לראותם בלבד" מיר דארפן נאר באטראכטן דעם געדאנק וואס געהט ארויס פון דעם צינדן די חנוכה־ליכט.

## ויהי מקץ שנתים ימים

**הה"ד „קץ שם לחושך וכל תכלית הוא חוקר" (מדרש)**

**עס טרעפט פיל מאל סיי אין לעבן פון כלל און סיי אין לעבן פון יחיד, אז עס שאפט זיך א לאגע, וואס איז קריטיש און זעט אויס פינסטער און האפנונגסלאז אבער דאס איז בלויז פאר דער מענשליכער אויג, וואס זעט נור דעם מצב ווי ער איז איצט. באמת אבער פאסירט פיל מאל, אז גראד אזא לאגע ווערט א סבה פאר א גאנץ גרויסן און גוטן תכלית.**

**און דאס איז אויך געווען דער פאל מיט יוסף. די אלע פאסירונגען מיט אים פריער דאס פארקויפן אים, נאכדעם אין תפיסה האבן אויסגעזען גענוג פינסטער אריינצוווארפן א מענטש אין יאוש און פארצווייפלונג.**

**צום סוף האט זיך אבער ארויסגעוויזן אז דאס אלץ זיינען גאר' געווען סבות אים ברייגנען צו ממשלה און מלוכה.**

**און דאס איז דער געדאנק פון מדרש מיטן אוועקשטעלן דעם דאזיקן פסוק דא.**

**„קץ שם לחושך" — וכל תכלית הוא חוקר". בלויז כביכול אליין זעט גלייך אין פאראויס דעם תכלית און ציעל פון דעם צייטווייליקן חושך, וואס ער האט אמאל צו ברייגנען אויפן כלל אדער אויפן יחיד. פארן מענטש אליק בלייבט עס אבער א ביטערער סוד ביז דער חושך גייט אוועק און עס אנטפעלקט זיך פאר אים דער אמתער תכלית...**

**(לוימן שערי שמחה)**

### אַ זעלטענער נס אין אַ הונגער יאָהר

אין ספר מדרש תלפיות שטייט אַז אין שנת ש"ן איז געווען אַ הונגער יאָהר אין בעהמען. האָט דאָרט געוואוינט אַ איד אַן אָרימאַן, און די קינדער האָבן געבעטען ברויט אָבער ער האָט נישט געהאַט וואָס צו געבען פאַר זיי צו עסען. האָט דער אָרימאַן גענומען בעטען השי"ת מיט גרויס געוויין. אינדערפריה איז ער אַרויסגעגאַנגען גראָבען ערד ער זאָל עס טראָגען צו פאַרקויפען. ווי ער האָט געגראָבען האָט ער אַנטדעקט ווייסע ערד וואָס ער האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס איז. האָט ער דאָס זאַמד אַהיימגעבראַכט און עס אָפגעקאָכט און די קינדער האָבן געגעסען. דערנאָך האָט ער פון דעם זעלבען זאַמד געבאַקען ברויט און זיי האָבן געגעסען צו דער זעט. די זאַך איז באַקאַנט געוואָרען און טויזענטער מענטשען האָבן זיך דערפון דערוואוסט און געגאַנגען אַהין צו נעמען פון דעם זאַמד צו שפייזען דערמיט זייער הויזגעזינד. און דער בעל הספר פירט אויס: אויך איך האָב געזען דאָס זאַמד און איך האָב גענומען דערפון פאַר אַן אָנדענק.

## יוסף'ס עצה

**די מפרשים פרעגן: ווער האט געבעטן יוסף'ן א עצה געבן ווי ער זאל באזורגן די לאנד געגן הונגער, ער האט איהם דאך גערופן נאר צו שיידן דעם חלום?**

ווערט פארענטפערט אז די עצה איז אויך א חלק פון באשיידן דעם חלום. ווייל דאס וואס מ׳האט געוויזן פרעה יעצט די הונגער יאהרן, כאטש עס וואלט גאווען צייט דערצו אין זיבן יאהר ארום, און יעצט נאר די זאטע יאהרן — איז עס צו ווייזן אז מ׳דארף אויסניצן די יעצטיגע זאטע יאהרן צו באהאלטן שפייז אויף שפעטער אין זיבן יאהר ארום...

## ועתה ירא פרעה איש חכם ונבון

ווי קומט אייגנטליך פאר יוסף׳ן צו געבן פרעה׳ן אן עצה, וואס ער האט אים נישט געבעטן?

נור יוסף האט מורא געהאט, אז די חכמים פון מצרים זאלן נישט צוליב קנאה ווען מבטל זיין דעם פתרון און אים אויסלאכן. האט ער דאריבער צוגעגעבן די דאזיקע עצה „עתה ירא פרעה איש חכם ונבון" כדי יעדער איינער פון זיי זאל מיינען אז טאקי אים וועט מען באשטימען אויף דעם היכן פאסטן, ווייל יעדער ביי זיך איז דאך געוויס דער גרעסטער חכם נבון... און טאקי דאריבער ווערט גלייך נאכדעם געזאגט „ויטב הדבר בעיני פרעה ובעיני עבדיו".

אויך די עבדי פרעה זיינען צופרידן געווען ווי האבן דערזען א גוטן שאנס צו באקומען א הויכן ביינקל. (אהל יעקב)

ועתה ירא פרעה איש נבון וחכם די מפרשים פרעגן: פרעה האט דאך איהם נור געריפען פותר חלום צו זיין, נישט צו געבן קיין עצות, טא ווי פאלט אויס יוסף איהם עצות צו געבען? נור די משנה זאגט דאך: בפסח נדון על התבואה (ר״ה טז) און דער חלום איז דאך געווען אין דער נאכט פון ראש־השנה — בראש השנה יצא יוסף מבית־האסורים — וואלט מען דאך געקענט פרעגן יוסף׳ן, אויב ס׳זאל אזוי זיין, אז מ׳האט געוואלט פון הימעל ווייזן פרעה׳ן אז ס׳וועלען זיין הינגער יאהרען, האט מען עס דאך געדארפען ווייזן אין פסח, וואס דעמאלט איז דער משפט איבער די תבואות, ווי קומט עס עפעס אין ראש־השנה? — האט דעריבער יוסף צוגעגעבען, אז ווייל פרעה וועט דאך מוזען אויס קלויבען אנ־„איש נבון וחכם" און איהם מאכען פאר א הערשער איבער׳ן לאנד, איז דאך אין דעם אבהענגיג דער אויפשטייג פון א מענש, געהער דאס שוין צו ראש־השנה, וואס דעמאלט איז דער משפט פון מענשען — כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון (ר״ה שם).

דאס איז דער פשט אין פסוק: ועתה — אויב דו ועסט פרעגען, ווי קומט עס אזא שטייגער חלום, וועגען גערעטעניש און אונגערעטעניש פון תבואה, יעצט אין ראש־השנה, עס האט דאך געדארפט זיין אין פסח? — איז דערויף דער ענטפער — ירא פרעה איש נבון וחכם וישיתהו על ארץ מצרים — און דאס עולה זיין לגדולה פון א מענש, געהער טאקע צו ראש־השנה... (קהלת משה)

### א באווייז אויף יוסף׳ס חכמה

א שענער בעל־הבית, וועלכער האט געהאט אין שטאדט די שענסטע קראם מיט א ריזיגן לאגער סחורה, איז א מאל געקומען צולויפן מיט א געוואלד צו די ראשי־הקהל, מ׳האט איהם געשטעלט צו גרויסע קהל־שטייערן. אמת טאקע — האט ער גע׳טענה׳ט — איך האב א גרויסע קראם מיט א סאך סחורה, אבער די סחורה איז נישט מיינע, עס איז אלץ

**געבארגט, גענומען אויף קרעדיט! דערויף האבן איהם די ראשי־הקהל געענטפערט: איבאלד מ'גיט דיר אזא גרויסן קרעדיט, איז דערפון אליין א ראיה, אז דו ביסט א איד א נגיד, אנ'ארימאן בארגט מען נישט אזוי פיהל... יוסף, איידער ער האט פרעהן אזוי קלוג פותר געווען די חלומות, האט ער פריער מקדים געוועהן און ערקלערט מיט עניוות: „בלעדי" — די חכמה איז נישט מיין — „אלקים יענה את שלום פרעה" — דאס איז אלץ דעם אויבערשטטנס... דערויף האט איהם פרעה נאכדעם געענטפערט: „אחרי הודיע אלקים אותך את כל זאת" — אויב דו האסט ביים איבערשטן אזא גרויסן קרעדיט, איז דערפון גופא א באוויז, אז „אין נבון וחכם כמוך", נאראנים גיט מער נישט קיין חכמה אויף קאמיסיאן...** (דובנער מגיד)

**ווי דער רמב"ם איז ניצול געוואָרן פון זיינע שונאים**

דער רמב"ם הקדוש איז געווען דאָקטאָר ביים קעניג אין מצרים, און דער מלך האָט אים ליב געהאַט און רעספעקטירט. אָבער די דאָקטוירים האָבן זיך מתקנא געווען אין אים, און ווען דער מלך איז קראַנק געוואָרן, האָבן זיי אריינגעגאָסן גיפט אין דער רפואה וואָס דער רמב"ם הק' האָט צוגעגרייט פאַר דעם קעניג צו טרינקען אין אַ געוויסן טאָג. זיי זיינען שנעל אַוועק צום קעניג פאַר'מסר'ן, אַז דער רמב"ם וויל פאַר'סמ'ען דעם קעניג, אַז ער האָט אריינגעטאָן סם אין זיין מעדיצין.

ווען דער רמב"ם האָט געבראַכט די רפואה צום מלך האָט דער מלך באַפוילן דעם רמב"ם צו געבן צו פאַרזוכן אַ הונט די רפואה. ווען דער הונט האָט עס פאַרזוכט, איז ער גע'פגר'ט. דער רמב"ם הקדוש איז געבליבן זייער דערשראָקן, און אויף דער מינוט האָט ער גאַרניט געקענט ענטפערן. דער מלך האָט אים געזאָגט, אַז פאַר דעם ביזטו מחויב מיתה, נאָר אַזוי ווי ביז יעצט ביזטו געווען זייער געטריי און איבערגעגעבן, דעריבער קלייב זיך אליין אויס וועלכע מיתה מען זאָל דיר געבן.

האָט אים דער רמב"ם הקדוש געבעטן, גיב מיר דריי טעג צו איבערטראַכטן. דערוויל האָט ער מודיע געווען זיינע תלמידים, אַז ער וועט זיך אויסקלייבן אַז די דאָקטוירים זאָלן אויפשניידן זיינע אָדערן און ארויסלאָזן דאָס בלוט, און דורך דעם וועט ער שטאַרבן, און געבעטן זיינע תלמידים זיי זאָלן צוגרייטן אַ רפואה צו דעם, און אַזוי ווי אין האַרצן איז דאָ אַן אָדער וואָס די דאָקטוירים ווייסן ניט פון דעם, במילא וועט מען אים ניט אויפשניידן דעם אָדער, און אַז עס וועט בלייבן דער אָדער, איז צוזאַמען מיט דער רפואה וואָס ער הייסט מאַכן, וועט ער קענען בלייבן לעבן.

און אַזוי איז געווען. זיי האָבן אים אַהיים גענומען און געמאַכט די מעדיצין און ער איז געבליבן לעבן, און ער איז אַוועק אין אַ מערה 12 יאָר און אָנגעשריבן דעם „יד החזקה" אין צוועלף יאָר צייט, און נאָך פיל אַנדערע ספרים. זי"ע ועי"א.

(סדר הדורות אלף חמישי ד"א תתקכ"ז)

### אלעם אליין געמאן

ויוסף הוא השליט... הוא המשביר... יוסף האט זיך נישט געפירט, ווי די געוויסע מנהיגים, וועלכע, בעקומענדיג א שטיקל התמנות, זעצן זיי זיך אליין אוועק אויבן־אן מיט פארלעגטע הענט און רינגלען זיך ארום מיט אן א שיעור משמשים און משרתים, נאר — „הוא השליט" און „הוא המשביר"...

(רבי משה לייב סאסעווער)

## די ברידער האבן נישט דערקענט יוסף'ן

ויכר יוסף את אחיו והם לא הכרוהו רש"י זאגט דאך אויף דעם פסוק „כי בן זקנים הוא לו" — שהיה זיו איקונין שלו דומה לו — איז ער דאך געווען עהנליך אין גאנצן צו יעקב'ן טא פארוואס האבן זיי איהם נישט דערקענט?

נאר יוסף איז טאקע געווען אין גאנצען עהנליך צו יעקב'ן, און ער האט אויס־געזעהן יעצט ווען ער איז געווען אלט ניין און דרייסיג יאָהר, פונקט ווי יעקב האט אויסגעזעהן ווען ער איז געווען אין די זעלבע יאָהרן. ממילא האבן איהם די ברידער נישט געקענט ערקענען, ווארום זיי זענען דאך געבאָרן ווען יעקב איז שוין אלט געווען איבער אכציג יאָהר, האבן זיי דאך די צורה קיינמאהל נישט געזעהן...

(שפתי צדיק)

## שווייגן איז דאס בעסטע

וכסף משנה קחו בידכם די חז"ל זאגן (מגילה) „מלה בסלע שתיקותא בתרי — ווען רעדן א ווארט איז איין רענדל, איז שווייגן ווערט צוויי רענדלאך. דאס האט יעקב מרמז געווען די בְרידער. דען ווי רש"י זאגט האט ער צו זיי גע טענה'ט פאר וואָס זיי האבן גערעדט און דערצעהלט יוסף'ן פון די פאמיליע. יעצט האט ער זיי געזאגט: „כסף משנה" טאָפלט געלד, דאס הייסט שווייגן „קחו בידכם" זאלט איהר זיך מיטנעהמען.

(מה"ר זוסמן סופר ז"ל)

### אנשטאָט פאַסטען — רעדען ווייניגער

אין תוספות חיים אויף תהלים ווערט געבראַכט פון ספר ראש הגבעה, אַז ווען אַ מענטש וויל נעמען אויף זיך אַ תענית זאָל ער בעסער נעמען אויף זיך צו פאַסטען פוןריידען איידער צו פאַסטען פון עסען, ווייל דורך נישט עסען קען מען ווערען קראַנק אָבער פון נישט ריידען וועט אים גאָרנִיט שאַטען אדרבה ס'איז געזונט פאַרן גוף און נפש.

### אַנשטאָט פאַסטען — ווייניגער לגיען זאָגען

רבי משה'לע קאברינער זי"ע האט געזאגט פאַר איינעם וואס פלעגט פאַסטען שני וחמישי, פאַרוואָס פאַסט איר נישט משבת לשבת, האָט אים יענער געענטפערט איך וואָלט טאַקע געדאַרפט אָבער ליידער האָב איך קיין כח

נישט האט אים דער קאברינער גע'עצה'ט פאסט פון ליגען ד.מ. איר זאלט האבען שמירת הלשון פון שקר וועט דאס זיין נחשב ווי א תענית.

(בספר לישרים תהלה)

## אן נקמה

**וישתחוו לו... ויכרם ויתנכר אליהם דער שטייגער איז, אז ווען א מענש ווערט בעזיגט פון א צווייטען, האט ער גרויס צער דערפון. ווען די ברידער וואלטען אלנא יעצט, בשעת זייער בוקען זיך צו דער ערד, געוואוסט אז דאס איז יוסף, וועמען זיי האבן אזוי אויסגעלאכט, בעת ער האט זיי געזאגט דעם חלום, אז זיי וועלען זיך אמאהל בוקען צו איהם — וואלטען זיי דאך געוועזען זעהר פערביטערט און נידערגעשלאגען אזוי ווי א בעזיגטער, האט דעריבער יוסף זיך נישט געוואלט געבען צו דערקענען צו די יעצט, כדי אויסצומיידען דעם דאזיגען צער זייערען.**

די תורה דערצעהלט דערמיט דעם שבח פון יוסף הצדיק, אז כאטש אנ'אנדערער מענש וואלט דאך אויסגענוצט אזא געלעגענהייט אויף נקמה, אז זיין שונא זאל טאקע פיהלען ווי ער פאלט און מוז זיך אונטערגעבען, ער אבער האט געטהון פונקט פערקעהרט, דעמאלט ווען ס'איז געוועזען — וישתחוו לו — איז געוועזען — ויתנכר אליהם — טראץ דעם וואס „ויכירם", כדי אויסצומיידען פון ברידער דעם צער און די בושה פון בעזיגטע...

(קדושת לוי)

## א רמז אין די ראשי תיבות

ויגש אליו יהודה ויאמר בי, שטעהט אז יהודה האט געזאגט יוסף'ן אז דעם בעכער האט מען געמוזט אונטערלייגן, און ווידער האט ער געדראהט מיט א מלחמה. דאס איז מרומז אין די ווערטער, די ראשי־תיבות פון ויגש וכו' איז: ויאמר יהודה גביע שלך אצלנו לא ימצא ואם ימצא הוא ודאי דרך הנחה ואם יקניטני אדוני מלחמה רבה בינינו יהיה.

(בשם מהר"ד בהר"ן ז"ל מירושלם)

## בנימין אלס סימבאל פון אידישן אינגל

בשעה שתפס יוסף את בנימין ואמר להם „הוא יהיה לי עבד" — אמר לו יהודה בנימין את תפוס ושלום בבית אבא. מיד כעס יהודה וצעק בקול גדול והלך קולו ד' מאות פרסה עד ששמע חושים בן דן. (מדרש רבה) בנימין איז דער סימבאל פון יונגען אידישן קינד, וועלכעס ווערט אוועק געריסן פון אלטען יעקב'ס שוים, ווערט פארכאפט פון פרעמדע, וואס ווילן איהם געבן אנ'אנדערע ערציהונג, איהם אפרייסן פון יעקב'ס דרך און איהם פערפרעמדן. די סתם אידן זענען גלייכגילטיג צו דער דאזיגער טראגעדיע, זיי מאכען זיך נישט הערן, זיי מאכן זיך טויב אזוי ווי עס וואלט זיי גארנישט אנגעגאנגען. נור „יהודה" — דער טייל אידן וואס פיהלן אויף זיך, דאס גרויסע ערבות פאר'ן כלל ישראל, — כי עבדך ערב את הנער — זיי קענען נישט בלייבען רוהיג און גלייכגילטיג. זיי דערפיהלען די טראגעדיע אז ווען בנימין איז „תפוס" — פערכאפט פון פרעמדע הענד דעמאלט קען נישט זיין קיין „שלום בבית אבא" — דאס הויז פון'ם אידישן פאטער, קען נישט זיין גאנץ און עס קען נישט דארט הערשען קיין פרידען ווען די יוגנד ווערט פון דארט אוועק־געריסן. דעריבער שרייען זיי און מינטערן דען אידישן כלל, ווי ווייזען אן אויף דעם געפאהר, זיי פיהרען דעם קאמף מיט די פרעמדע כאפערס און זייער קול איז אזוי שטארק, אזוי גרויס אז עס מאכט אויפציטערן די גאנצע מחנה, אזוי אז אפילו די „חושים'ס" — די גלייכגילטיגע און ווייטשטעהענדיגע מוזן דערהערן און צוקומען ראטעווען...

(אבני אזל)

## יהודא׳ס רמז צו יוסף׳ן

ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני — יהודא האט געזאגט צו יוסף׳ן: זאל קומען דײן עבד וואס האט אונז נאכגעיאגט צו געפונען דעם גביע און ער זאל דיר אײנרוימען וואס דא איז געשעהן די מעשה, ווער דען נאך ווייסט אזוי וויא ער, אז דיינע אלע בלבולים אויף אונז האבן נישט קיין שום יסוד...

(מעשי ה׳ לר״א אשכנזי ז״ל)

## יהודה׳ס לאָגישע טענה

והנער יעל עם אחיו. „בנימוסין שלנו כתוב ואם אין לו ונמכר בגניבתו, וזה יש לו״ (מדרש), אין אונזערע געזעצן איז געשריבן אז איינער גנב׳ט און האט נישט צו באצאהלן, דארף מען איהם פארקויפן אלס א קנעכט (כדי ער זאל קענען אויסצאהלן די גניבה) — אבער דער (בנימין) האט דאך גענוג געלט!

וואס איז דאס פאר א מאָטיוו „אין אונזערע געזעצן איז געשריבן? יוסף (וועמען יהודה האט געהאלטן פאר א מצרי) האט דאך א ברירה געהאט דערויף צו ענפערן: אין אײערע געזעצן שטהט אזוי, אבער איך בין נישט מחויב צו טאן ווי אײערע געזעצן, איך וויל איהם יא נעמען פאר א קנעכט כאטש ער האט געלט!?

דער תירוץ איז: יהודה האט איהם געוואלט געבן צו פארשטעהן על־פי־שכל, אז בנימין טויג נישט פאר קיין עבד. דען „בנימוסין שלנו כתוב ואם אין לו ונמכר בגניבתו״, — אז נאר דאמאלסט קאן מען געפינען א בעלן, וועלכער זאל מסכים זיין ארייננצונעהמען צו זיך א גנב אין שטוב און איהם קויפן פאר א עבד, ווען ס׳איז „אין לו״, ווען דער גנב איז א ארימער, א מחוסר לחם, קאן מען דאן רעכענען, אז קוים וועט ער האבן ביים בעל־הבית עסן צו דער זעט און אלע נוטיגסטע הצטרכות׳ן, וועט ער שוין מער נישט גנב׳ענען. אבער „וזה — יש לו״! דא, אין דעם פאל מיט בנימין׳ען, אויב ער האט ווירקליך גע׳גנב׳עט האבן מיר צו טוהן מיט א טאטנס א קינד, מיט א רייכן גנב, וואס גנב׳עט נישט צוליב נויט, טאָ ווער וועט אזעלכן וועלן ארייננעהמען צו זיך אין שטוב און איהם קויפן פאר א עבד?...

(פנינים יקרים)

## די הויפט זאך: די יוגנט!

כי איך אעלה אל אבי והנער איננו אתי דאס דארף זיך זאגן יעדער איד; ווי אזוי וועל איך שפעטער קענען קומען צום פאטער אין הימעל, ווען איך וועל נישט מיט מיר האבן די יונגע יאהרן, די „ימי נערות״? מען דארף אלזא שטארק אפהיטען די יונגע יאהרן און נישט פארברענגען זיי מיט נארישקייטן און לײדיג־געהעריי...

דאס דארף זיך אויך זאגן יעדער אידישער פאטער: ווי אזוי וועל איך קענען קומען צום פאטער אין הימעל, ווען איך וועל די אייגענע קינדער נישט האבן מיט זיך? ווען איך וועל זיי לאזן פערפרעמדען דורך א נישט אידישן חינוך?...

(ספרים)

## דורך יוסף׳ן איז נתפרסם געווארן געטליכקייט

שמני אלוקים לאדון לכל מצרים, וואס איז דאס אזא בשורה טובה פאר יעקב׳ן? נאר „שמני״ קען מען טייטשן „איך מאך״ (אזוי ווי: „שם אני״) — איך מאך השי״ת אנ׳אדון אין מצרים. דורך מיר ווערט נתפרסם די געטליכקייט אז השי״ת איז דער האר פון דער וועלט.

(הה״ק מהר״י מרחין ז״ל)

## ווי האבן די ברידער דערקענט יוסף'ען?

ווען יוסף האט זיך אנטפלעקט פאר די ברידער, אין היינטיגע פרשה, האט ער זיי געגעבן א סימן „כי פי המדבר אליכם" זאגט רש"י „בלשון הקודש" אז דאס איז דער סימן אז ער רעדט די שפראך פון יעקב מיט זיינע קינדער לשון קודש.

פרעגט דער רמב"ן, וואס איז עס פאר א באוויז אז ער איז יוסף דורך זיין רעדן לשון קודש, ער האט דאך געקענט זיבעציג שפראך, האט ער אויך געקענט לשון קודש צווישן די איבריגע שפראך?

ענטפערט דערויף רבי יונתן אייבשיץ (אהבת יונתן) נאר פריער פרעגט ער א אנדערע פראגע: ווי אזוי האבן די ברידער נישט דערקענט יוסף'ען דורך זיין קול? עס איז דאך עפעס דא אין ענין פון „טביעת עינא דקלא" (חולין צ"ו) אז אפילו וועגן א איסור זאך פארלאזט מען זיך אויפן קול וואס לויט דעם דערקענט מען דעם מענטשן?

נאר דער אמת איז דאס וואס מ'דערקענט א מענטש לויט זיין קול איז נאר ווען ער רעדט די זעלבע שפראך מיט וואס מ'האט איהם פריער געקענט, בעת מ'האט איהם געהערט רעדן. ווען דער מענטש רעדט אבער א אנדער שפראך וואס האט אנדערע קלייגגען און א אנדער אקצענט — קען מען שוין נישט דערקענען דעם מענטש לויטן קול.

ממילא יוסף האט גערעדט ביז יעצט אויף מצרים, האבן די ברידער נישט געקענט תופס זיין אז דא רעדט זייער אייגענער ברודער, זיי האבן געקענט זיין קול נאר אין דער לשון-קודש'דיגע שפראך, נישט אין דער מצרישער.

האט טאקע יוסף ביים דערקענען זיך צו די ברידער דאס געזאגט כי פי המדבר אליכם בלשון הקודש, יעצט רעד איך דאך צו אייך אויף לשון קודש, קענט איהר מיר דאך ווידער דערקענען לויטן קול!

✶

דער „בית אהרן" זאגט „כי פי המדבר אליכם — בלשון קודש!" איהר וועט זיך גוט באטראכטן, וועט איהר זעהן „כי פי המדבר אליכם" אז דער מויל וואס האט גערעדט צו אייך ביז יעצט איז געווען „בלשון קודש", איך האב גערעדט דורכן מליץ אין דער מצרישער שפראך, אבער נישט קיין דברים בטלים. באטראכט זיך, וועט איהר באמערקן אז מיינע דיבורים זענען געווען העבערע רייד, פון דעם וועט איהר פארשטיין אז איך בין טאקע יוסף!

### יוסף'ס מדרגה אין מצרים

והגדתם לאבי את כל כבודי במצרים, איהר זאלט מזכיר זיין פארן פאטער מיין שוועריגקייט (פון לשון: כבד מאד) וואס איך האב אין מצרים, צו בלייבן דבוק אין השי"ת זיצנדיק צווישן טמאים... (בוצינא דנהורא)

איהר זאלט זאגן דעם פאטער, אז איך בין שוין אין דער בחינה, דאס איך קען שוין אפילו צונעמען כבוד פון מענטשן און עס שאדט מיר נישט צו עבודת ה', דער כבוד אהרט מיר שוין נישט... (מאיר עיני הגולה בשם הרבי ר' בונם ז"ל)

אל תרגזו בדרך (מ״ה. כ״ד) „אל תפסיעו פסיעה גסה״ (רש״י. איר זאלט פארזיכטיק זיין נישט צו שטעלן קיין גרעסערע טריט, איר זאלט נישט זיין לייכטזיניק אין אייערע האנדלונגען און נישט טאן קיין זאך אין איילעניש אהן איבערלייגטקייט. ווי איר האט דאס געטאן ביים פארקויפן מיר... (הדרש והעיון)

*

„פסיעה גסה נוטלת אחד מת״ק ממאור עיניו של אדם״, זאכן וואס ווערן געטאן אין איילעניש. אהן געהעריקן ישוב־הדעת פארטונקלען דאס ליכט פון מענשנס אויג און מאכן אים קורצזיכטיק אין זיין האנדלונג, אין זיין אפשאצונג און אין זיין אורטייל...

## ויחי יעקב בארץ מצרים

למה פרשה זו סתומה? שבקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו (רש״י). דערפאר איז געווען „ונסתם ממנו״ ווייל פארויס זעהענדיג די צרות, וואס אידן ווערן דארפן איבערטראגן ערב דעם קץ בעקבתא דמשיחא איז ער אריין געפאלן אין עצבות, און — „אין השכינה שורה מתוך עצבות״ (רבי נפתלי ראפשיצער)

## אייגענע קינדער

וואס הייסט „אייגענע קינדער״, ווען זיי געהען אויפן וועג פון זייערע על־טערן און רייסן זיך נישט אפ פון זיי. די צווייגן פאלן נישט אראפ פון בוים.

„וישתחו ישראל על ראש המיטה״ יעקב אבינו האט זיך געבוקט און גע־לויבט השי״ת „על ראש המיטה״ זאגט רש״י שהיתה מיטתו שלמה״

וואס אלע זיינע קינדער זענען געגאנגען אין גוטן וועג און עס האט זיך נישט געפונען אין זיי א פגם.

קינדער וואס געהען אוועק פון טאטנס גאנג, זענען פרעמדע. עס איז פון די „תוכחה״: „בנים ובנות תוליד ולא יהיו לך״ וועסט טאקע האבן קינדער אבער זיי וועלן נישט זיין דיינע, „כי ילכו בשבי״ זיי וועלן געפאנגען ווערן ביי אנדערע.

ווען קינדער ווערן ליידער געפאנגען פון די שלעכטע מציאות וואס הערשט אין גאס און געהען אוועק פון פאטערס פרומע שטוב, זענען די קינדער נישט זיינע, ער האט זיי נישט.

ווי אזוי מחנך צו זיין קינדער

אין דער הקדמה צום ספר חתן סופר ווערט געבראכט אזוי:

דער זיידע, מיין פאטערס פאטער, הקצין הגביר המפורסם מוה״ר שאול עהרנפעלד ז״ל, איז געווען באוואוסט אין גאנצן געגנט און געווען מקורב למלכות, פיל טובות געטאן און מציל געווען פיל אידישע נפשות, פיל געלט פארשפרייט פאר אהבת התורה.

פיל מאל האט מיר מיין פאטער דערציילט, אז קליינערהייט האט אים זיין פאטער, הצדיק מוה"ר שאול עהרנפעלד ז"ל, געפירט אין מארק אין שטאט טירנוי, און דארטן האט ער אים אנידער־געשטעלט אין מיטן גאס און מיט טרערן אין די אויגן געזאגט: שמע בני מוסר אביך, איך שיק דיר אין דער שטאט ס"ה אין ישיבה, כ'וועל פאר דיר דארטן באצאלן פאר קווארטיר און עסן, וויפל מען וועט מיר נאר הייסן. אבער כדי דו זאלסט דיר נים האלטן גרויס, זאלסטו גיין עסן טעג גלייך מיט אלעמען, ווייל כך דרכה של תורה, דורך פארגעניגן קען מען נים די תורה קונה זיין. וועסטו לערנען בהתמדה, ביסטו מיינע, ווען ניט וכו' ביסטו ביי מיר ווי א פרעמדער, ווייל דאס איז דער גאנצער לעבן, קינדער זאלן זיין פול מיט תורה.

(בקו' בית אבות הקדמה לספר חתן סופר)

**„ויחי יעקב", יעקב האט געלעבט! — זאגט מען איבער אינ'ם נאמען פון הגאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל פון ירושלים: אין מדרש שטעהט אז יעקב איז נישט נסתלק געווארן ביז ער האט געזעהן ששים רבוא אידן, נו קען מען זיך פארשטעלן אז יעדן טאג איז געוועהן ביי איהם אשמחה, דא איז ער מסדר קדושין, דא א סנדק, דא ביי א בר־מצוה, דא ביי א סיום, דא ביי א תנאים. בקיצור יעדן טאג איז געוועהן פריילאך, אידישע שמחות, עס האט געלעבט יעקב'ס קהילה אין מצרים — ויחי יעקב!...**

## א באוויז אויפן פשט

ויאמר ליוסף הנה אביך חלה עד יעקב לא הוה חולשא אתא יעקב בעי רחמי והוה חולשה שנאמר הנה אביך „חולה".

**די גמרא זאגט אז ווער עס דערצעהלט א שלעכטע בשורה איז בכלל „ומוציא דבה הוא כסיל". נור מען דארף דערצעהלען אויף אזא אופן דאס יענער זאל זיך אנשטויסען אויפ'ן שלעכטען. ווען ער פרעגט: צי לעבט דער טאטע? זאל מען ענטפערען: די מאמע לעבט (פסחים ג').**

**איז דאך שווער, פארוואס האט דא דער שליח דערצעהלט יוסף'ן אז דער פאטער איז קראנק און דערמיט געווען א „מוציא דיבה" ער האט איהם בעדארפן זאגן אז די ברידער זענען געזונד, וואלט ער אליין פערשטאנען, אז דער פאטער איז נישט געזונד?**

**נור ווייל ביז דאן איז בכלל נישט געווען קיין שלאפקייט, ווען אלזא דער שילח וואלט געזאגט אז די ברידער זענען געזונד, וואלט דאך יוסף דערפון פערשטאנען אז דער פאטער לעבט שוין נישט, ווארום וועגען קראנקהייט וואלט איהם גארנישט איינגעפאלן — דעריבער האט ער געמוזט בפירוש דערצעהלען „הנה אביך חולה".**

**איז דאך פון דעם זאגען „הנה אביך חולה" א ראיה אז „עד יעקב לא הוה חולשה"...**

(קודש הלולים)

**„ויתחזק ישראל" ישראל האט זיך מחזק געוועהן — טייטשט דער של"ה הק' זצ"ל — מיט וואס? „וישב על המיטה", ער האט זיך אנגעשפארט אויף זיין בעט, ער האט געפונען א אנלעהן א אנשפאר אין דעם פאקט וואס „מיטתו שלמה" וואס זיינע קינדער געהען אין די וועג פון די אבות.**

און דאס האט ווידער יעקב אבינו מרמז געווען יוסף'ען, ווי דער של"ה זאגט ווייטער „ומולדתך אשר הולדת אחריהם לך יהיו" און דיינע קינדער וואס דו וועסט נאך געבארן „לך יהיו" זאלן זיי אויך זיין דיינע, זיי זאלן זיך האלטן ביי דיר און דיין אידישן דרך וועלן זיי בלייבן דיינע, לך יהיו!

דאס איז דער גרעסטער גליק ווען די קינדער געהען אין די טריט פון די עלטערן און פארקריכען נישט פון וועג, דאס איז די בעסטע ברכה מיט דעם בענטשט מען די קינדער „יברך את הנערים" אז „ויקרא בהם שמי ושם אבותי" אז זיי בארופן זיך נאך די הייליגע עלטערן. אז זיי היטן אויף די עלטערן טראדיציע.

## פריער אויפן ערשטן, נאכער אויפן לעצטן

וישתחו ישראל על ראש המטה. על שהיתה מטתו שלמה ולא היה בה רשע שהרי יוסף מלך הוא ועוד שנשבה לבין הגוים והרי הוא עמד בצדקו (רש"י). פריער איז ער דאך געפאנגען געווארן צווישן די גוים און נאכער איז ער געווארן א מלך. פארוואס דען זאגט רש"י פריהער שהרי מלך הוא און דערנאך שנשבה לבין הגוים?

נאר דער מדרש זאגט אויפ'ן פסוק „וישמע ראובן ויצילהו מידם" אז ווען ראובן האט געהערט ווי יוסף האט דערצעהלט זיין חלום „ואחד עשר כוכבים משתחוים לי" האט ער געזאגט איך זעה דאך אז ער רעכנט מיך אין חשבון פון די ברידער מוז איך איהם מציל זיין (מד"ר וישב).

זעהט מען דאך אז פון יוסף'ס חלום האט ראובן פארשטאנען דאס מען האט איהם מוחל געווען זיין חטא, און ער איז חשוב ער פון אלע ברידער. דאך איז אבער ראובן נישט געווען אין גאנצן זיכער, ווייל עס איז דאך נור געווען א חלום און „דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין" — נור ווען דער חלום איז מקוים געווארן, און יוסף איז געווארן א מלך, האט מען שוין געוואוסט קלאר אז זיין חטא איז נמחל געווארן.

איז דאס די כוונה פון רש"י: שהרי יוסף מלך הוא — איז דערפון א ראיה אז ראובן'ען איז נמחל געווארן זיין חטא — ועוד שנשבה לבין האומות והרי הוא עומד בצדקו — איז א ראיה אויף יוסף'ן אז ער איז א צדיק. יעדענפאלס איז פון די ביידע זאכן א ראיה „שהיתה מטתו שלמה ולא היה בה רשע" — נישט מצד ראובן'ען און נישט מצד יוסף'ן... (הגאון ר' נפתלי כץ ז"ל)

## אחד מששים בחליו

הנה בנך יוסף בא אליך ויתחזק ישראל וישב על המטה די חז"ל זאגען: כל המבקר את החולה והוא בן גילו נוטל אחד מששים בחליו (נדרים ל"ט). יוסף איז דאך געווען דער בן־גילו פון יעקב'ן — „כל מה שאירע ליעקב אירע ליוסף" (רש"י לז—ב) — איז דאך ממילא ווען יוסף איז איהם געקומען מבקר־חולה זיין, איז די קרענק ווייניגער געווארען מיט א זעכציגסטעל. דעריבער איז געווען — ויתחזק ישראל וישב על המטה — יעקב האט זיך געשטארקט און זיך אויפגעזעצט ווייל ס'איז נור פון די קרענק, דער בעטרעף פונ'ם ווארט „המטה". דאגעגן פריהער איז געווען — הנה אביך חולה — דאס ווארט „הנה" בעטרעפט זעכציג... (אלשיך, באר מים חיים)

## געהיילט געווארען פון בארה של מרים

דער טעם פארוואס פרויען זיינען זיך נוהג צו גיין שעפען וואסער מוצאי שבת תיכף נאך הבדלה, ווייל עס געפינט זיך אין די אגדות חז"ל אז די בארה של מרים געפינט זיך אין דעם ים פון טבריה און יעדען מוצאי שבת גייט די בארה של מרים דורך די ברונעס און קוואלען, און א קראנקער אויב ער טרינקט דערפון אפילו ווען זיין גוף איז פול מיט קראנקהייטען ווערט ער באלד אויסגעהיילט. עס איז געווען א מעשה מיט איין מענטש וואס איז געווען קראנק אויף זיין הויט. איז אמאל זיין ווייב געגאנגען שעפען וואסער מוצאי שבת און זי האט אנגעטראפען אויף דער בארה של מרים. היות זי האט זיך אבער אביסעל פארשפעטיגט האט דער מאן זיך שטארק געבייזערט ווען זי איז אהיימ־געקומען. אינצווישען איז דאס קריגעל מיט'ן וואסער ארונטערגעפאלען און זיך צעבראכען. דאס וואסער האט זיך אויסגעגאסען. און עטליכע טראפענס פון דעם וואסער זיינען געפאלען אויף זיין לייב. דארט וואו די טראפענס זיינען ארויפגעפאלען זיינען זיינע וואונדען אויסגעהיילט גע־ווארען. וואלט דער מענטש זיך נישט געווען געבייזערט, דאן וואלט ער אינגאנצען אויסגעהיילט געווארען. דעריבער איז מען זיך נוהג צו שעפען וואסער יעדען מוצאי שבת.

(בס' טעה"מ בשם כל בו)

## ווער נישט אזוי שנעל אין כעס

הגה"ק מלובלין זצוק"ל האט איינמאל געוואלט גאנץ פרי אויפשטיין ווייל ער האט געדארפט א דבר גדול מתקן זיין. האט ער געהייסן אז מען זאל אים ביינאכט פריער זיין עסן געבן ווי אין אן אנדערן טאג. און לסוף, נישט געענג וואס מען האט אים נישט זיין עסן פריער געגעבן, נאר מען האט נאך אים שפעטער געגעבן, און עס איז נסתר געווארן זיין גאנצער בנין. האט הרב הצדיק געזאגט: איך וואלט באדארפט צו זיין אין ~~כעס אויף~~ מיין בני בית, נאר וואס איז דען געווען מיין כוונה מיט דעם וואס איך האב געוואלט פריער אויפשטיין, אז איך זאל טאן דעם רצון פון מיין באשעפער, און דאס איז אויך דער רצון פון מיין באשעפער אז אך זאל נישט זיין אין כעס.

## זיך אויסהיטען פון כעס

הרה"ק רבי מנחם מענדל שניאורסאהן זצוק"ל, מחבר פון די שו"ת „צמח צדק", פלעגט קיינמאל ניט ווערען אין כעס, אפילו ווען ס'האט זיך אויסגעדוכט אז דא מעג מען זיך בייזערען און אפשר איז דאס גאר דא א מצוה, פלעגט ער זאגען, כעס איז דאך פון די עבירות החמורות, ווי די חז"ל זאגען „כאילו עובד ע"ז", ווי קען איך אזוי שנעל מכריע זיין און זאגען אויף אזא הארבע עבירה אז ס'איז א מצוה, צוערשט דארפמען עפענען דעם שולחן ערוך און מברר זיין און דערנאך, אויב ס'קומט אויס אז ס'איז א מצוה, ווערען אין כעס, פונקט ווי ווען מען דארף מתיר זיין א עגונה, וואס דאס איז א חשש פון גילוי עריות. פארשטייט זיך שוין וואס פאר א פנים אזא כעס קען האבען.
(בספר לישרים תהלה)

## עס איז א מצוה נישט צו ווערען אין כעס

אין דעם ספר לישרים תהלה ווערט געבראכט א מעשה אז אין ווילנא איז געווען א איד א גביר און אויך א גרויסער תלמיד חכם, זיין נאמען איז געווען רבי לייב רבי בער'ס, ער איז געווען א גרויסער מהדר במצות, פאר א מצוה פלעגט ער זיך לאזען א סך קאסטען. עס האט זיך געמאכט א יאר אז ס'איז געווען א מאנגעל אין אתרוגים און שיינע אתרוגים איז גאר געווען א יקר המציאות, אבער ר' לייב האט זיך געלאזט קאסטען אין באצאלט טויזענט גילדען פאר א אתרוג מהודר, וואס אין יענע צייטען איז דאס געווען א הון רב. די שטאט לייט זיינען געקומען בענטשען אתרוג צו ר' ליב'ן, פאסירט אז דער אתרוג פאלט אראפ פון איינעמס האנט און ווערט פסול, צווישען דעם עולם איז געווארען א רעש. אבער ר' לייב האט זיך געהאלטען רואיג, ער האט געזאגט, פונקט ווי עס איז א מצוה צו נעמען א אתרוג מהודר, אזוי איז א מצוה נישט צו ווערען אין כעס.

## אפילו דאס פאלן איז העלדיש ווי א לייב

כרע רבץ כאריה, דאס איז די מדה פון יהודה'ן, אפילו ווען ער פאלט אמאהל און קניהט אנידער, כרע רבץ — איז ער דאך העלדיש און פעסט ווי א לייב, ער פאלט נישט אריין אין יאוש און פערצווייפלונג, נור ער איז מודה אינ'ם דורכפאל און כאפט זיך באלד צוריק אויף, דורך תשובה. אזוי ווי יהודה האט, ביי מעשה־תמר, נישט געשעמט זיך מודה צו זיין און פון דעם איז ענטשטאנען משיח...
(חדושי הרי"מ ז"ל)

## יהודא אתה יודוך אחיך

אין דער ברכה פון יהודא געפינען זיך אלע אותיות פון דער תורה, גאנץ א"ב חוץ דעם אות „זיין" אלץ רמז אז דער נצחון פון מלכות ישראל וועלכע וואס וועט שטאמען פון שבט יהודא וועט באחרית הימים נישט קומען מיט דער הילף פון דער שווערד און כלי זיין — „לא בחיל ולא בכח".
(רבנו בחיי)

### דער יונגער דארף מער חיזוק

וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש אפרים והוא הצעיר... „והוא הצעיר" — ווייל ער איז דער יונגסטער און דעריבער נויטיגט ער זיך אין דער רעכטער, אין דער שטארקערער האנד: דעם יוגנד דארף מען שענקען וואס־מער אויפמערקזאמקייט, וואס־מער השגחה, וואס־מער חיזוק...
(אמרי ישראל)

## וואס איז די גרעסטע ברכה צו א פאטער

ויברך את יוסף ויאמר ער האט דאך גאר געבענשט יוסף׳ס קינדער און נישט יוסף׳ן אליין?

נאר עס איז נישט פארהאן קיין גרעסערע ברכה פאר א פאטער, ווי די ברכה אז די קינדער זאלן גוט זיין, און זאלן איהם געראטען. אויב „יברך את הנערים ויקרא בהם שמי ושם אבותי" — איז עס ממילא די גרעסטע ברכה פאר יוסף׳ן אליין...
(של"ה לויט׳ן רמב"ן)

### מערן ווי די פיש

וידגו לרוב בקרב הארץ. פיש האבן אין זיך די מעלה, וואס זיי זענען פרים ורבים, וואס קיין עין־הרע איז אין זיי נישט שולט; זיי האבן אבער דעם חסרון, וואס „כל הגדול מחבירו בולע את חברו". די ברכה איז, אלזא, געווען: „וידגו לרוב" אז זיי זאלן זיין ענהליך צו די פיש בלויז מיט די איינע זאך, „לרוב" מיט די מעלה פון פרים ורבים, אבער נישט מיט דער צווייטער זאך — מיט „כל הגדול מחברו" וכו׳...
(פורת יוסף)

## וואס מער כוונת הלב — ווירקט די תפילה

אשר לקחתי מיד האמרי בחרבי ובקשתי בצלותי ובבעותי (תרגום). „צלותי" — איז דער טייטש: „געבעט" און „בעותי" — איז דער טייטש: „ווילן" (פון לשון: במה בעית טפי) פיל מאהל טהוט מען פון הימעל דעם בלויזען ווילען פון צדיק, אפילו ווען ער האט נאך נישט מתפלל געווען דערויף. אזוי ווי דער פסוק זיגט: רצון יראיו יעשה (תהלים קמ"ה—יט).
(דגל מחנה אפרים)

## וירא מנוחה כי טוב ויט שכמו לסבול

אויב מען וויל האבן מנוחה און לעבן רוהיג — דארף מען סבלנות׳דיג אראבבייגן די פלייצע און פון א סאך עוולות אוועקקוקן און א סאך זאכן פארשווייגן.
(רבי בונם מפשיסכא)

### פאר זיך און פאר יענעם

מאשר שמנה לחמו והוא יתן מעדני־מלך. דאס איז די העכסטע מדה פון צדקה און נדיבות. „מאשר שמנה לחמו" אליין איז ער א מסתפק־במועט, אלזן באנוגנט ער זיך מיט ברויט און בוימל; אבער פאר יענעם׳ס וועגן איז — „והוא יתן מעדני־מלך"...
(אלשיך)

### א טובה פון א רעה — קען נאר הקב"ה

כי התחת אלוקים אני ואתם חשבתם עלי רעה אלוקים חשבה לטובה אויב איהר האט מיר געטהוען אזא רעה פון וועלכע עס איז ארויסגעקומען א טובה, דארף איך דאך אייך אויך אפצוטהוען אזא מין רעה פון וועלכער ס׳זאל שפעטער אויסקומען א טובה, און דאס קען דאך א מענטש נישט בעווייזען, נור השי"ת אליין — התחת אלקים אני.
(בשם הה"ק הרבי מאסטרובוצע ז"ל)

## די זעלבע אידן

ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה נישט „אשר באו" נאר „הבאים" — וואס קומען שטענדיג, אין אלע צייטן און אין אלע גלות׳ן, ווען אידן זענען אין נויט און ענגשאפט, קומען מיט זיי מיט. די דאזיגע נעמען פון די שבטים און זייער זכות העלפט זיי צו אז זיי זאלן זיך קענען דערהאלטן. (חדושי הרי״ם)

●

### מיטגענומען דעם גייסט פון ארץ ישראל

איש וביתו באו זיי זענען געקומען קיין מצרים מיט זייערע ארץ ישראל׳דיגע הייזער זיי האבן מיט גענומען זייערע בתי מדרשים צו לערנען תורה, ווארום די שוהלן און בתי מדרשים פון חוץ־לארץ האבן די קדושה פון ארץ ישראל.

●

## דער נס פון יוכבד!

די חז״ל זאגן אז יוכבד בת לוי איז אלט געווען הונדערט און דרייסיג יאהר ווען זי האט געבארן משה׳ען.

איז עס דאך אזא גרויסע וואונדער — פאר וואס־זשע ווערט עס נישט דערמאנט אין די תורה גופא? עס איז דאך עפעס א איבערנאטירלאכע ערשיי־נונג? בעת יצחק איז געבארן געווארן ביי שרה ווען זי איז אלט געווען ניינציג יאהר — ווערט עס אין די תורה אזוי ברייט ארומגערעדט אלס נס, און אפילו פארן געבארן ווערן איז עס שוין דערמאנט אז אברהם האט זיך געפריידט און ותצחק שרה בקרבה צום גרויסן נס וואס געהט געשעהן, און דא ביי יוכבד ווערט עס גארנישט דערמאנט?

דער דובנער מגיד זצ״ל זאגט אויף דעם א משל ווי זיין שטייגער:

צוויי ארימע לייט האבן זיך אמאהל צוזאמענגעטראפן און געשמועסט וואגן א געוויסע שטאט מכח זייערע נדבות וויפיל צדקה זיי גיבן. האט איינער פון די ארימע לייט געריהמט די שטאט לייט אלס גרויסע בעלי צדקה וואס גיבן מיט א ברייטע האנד, ווידער דער צווייטער האט זיך צושריגן אז זיי זענען קארגע לייט און ס׳איז נישטא וואס צו מאכן דארטן.

די ארימע לייט האבן זיך געקריגט וועגן יענע שטאט און יעדערער האט גענומען דערצעהלן פאקטן פון זיך זעלבסט ווי אזוי מ׳האט זיי אויפגענומען דארטן. ענדליך האט זיך ארויס געשטעלט א ריכטיגע בילד פון יענע שטאט:ביידע זענען גערעכט! דער ארימאן וואס האט זיי געלויבט — האט באזוכט אין שטאט פורים, ווען אלע גיבן נדבות אפילו די קארגסטע, „מתנות לאביונים" איז דאך א חיוב צו געבן, האט זיך יענער ארימאן נישט געלאזט נארן און איז ארויס פון דארטן מיט א פוהלע קעשענע; ווידער דער אנדער ארימאן האט באזוכט דארטן אין א געוויינלאכן וואכעדיגן טאג — איז ער ארויס מיט גאר־נישט, האט ער זיי גערופן קארגע לייט ווי זיי זענען באמת געווען...

אין מצרים זענען די אידן געוואוינט געוועהן מיט נסים וועגן קינדער געבארן, מ׳האט דאך געהאט דארטן זעקס אין איינמאהל און אלע געזונדע

און שטארקע — וואו איז נאך דא אזא וואונדער! איז ממילא קיין חידוש נישט געווען ווען יוכבד האט געהאט צו 130 יאהר׳ אנדערש איז געווען אין אב־רהם׳ס צייטן ווען אויף דעם באדן איז אלעס געגאנגען נאטירלאך — איז טאקע געווען א חידוש צו געבארן צו נײנציג יאהר!

## זיי זוכן זיך צום מנהיג

הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו. הבה נתחכמה לו — לו — למושיען של ישראל — (רש״י).

ביים יודישען פאלק איז שטענדיג פארהאן א מנהיג, וועלכער איז זיי מחזק אין יעדער עת־צרה, שטארקט זייערע הערצער מיט זיינע ווערטער און עצות אין א קריזיס, לאזט זיי נישט שוואך ווערען פון ידישקייט אין א צייט פון נסיונות און דערמיט העלפט ער זיי — איז ער זייער מושיע.

די שונאי־ישראל פון אלע צייטען ווייסן דאס טאקי, און דעריבער טראכטען זיי שטענדיג אויס שלעכטע מחשבות געגען איהם — דעם יודישען מנהיג און מושיע ווי אזוי מבטל צו זיין די השפעה זיינע אויפן יודישען פאלק און אזוי ארום עם אינגאנצען אפשוואכען און צעברעכען.

די תורה דערצעהלט אז פרעה האט טאקי אזוי געזאגט הנה, עם בני ישראל — אט אין דעם ליגט דער סוד פון דער גאנצקייט פון יודישען פאלק — רב ועצום — וואס ביי זיי איז שטענדיג פארהאן א שטארקער פיהרער, א „רב״ אנ׳„עצום״ וואס דערהאלט זיי אין דער שווערער צייט. דעריבער: הבה נתחכמה לו — למושיען של ישראל, לאמיר טראכטען עצות צו אט דעם מנהיג וואס איז זייער מושיע. (נועם מגדים)

## צניעות פארטרייבט שלעכט׳ס

ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף. יוסף איז דער סימבאל פון הייליגקייט, צניעות, און אנטלויפען פון שלעכטע תאוות. כל זמן עס איז פערהאן ביי אידן דער כח פון יוסף הצדיק קען זיי קיין שום שלעכטס נישט געשעהן, „אשר לא ידע את יוסף״ — ווען מען הערט אויף צו וויסן פון אט די דאזיגע מדה פון יוסף, דאמאלט ווערן בעגייעט אלע גזירות. (לויט׳ן שפת אמת)

## צ נ י ע ו ת

אין תורה, נביאים און כתובים, זענען מיר אנגעזאגט געווארן וועגן די ענינים פון צניעות.

אין דער תורה זענען אונז געגעבן געווארן באזונדערע מצוות וועגן צניעות־פיהרונג, ווי, צום ביישפיל, די מצוות פון „לא יהיה כלי גבר על אשה ולא ילבש גבר שמלת אשה״ — זאל א פרוי זיך נישט באצירן מיט מענער־קליידונג אדער אנדערע מענלאכע נוצבארקייטן, און א מאן זאל נישט אנטאן א פרויען קליידונג.

אויסער דעם זענען מיר פארזאגט געווארן אין אלגעמיין „ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך״ — הקב״ה, זאל אין דיר נישט זעהן קיין שום אומאנשטענדיגע

זאך, און ער זאל זיך צוריק קערן פון דיר. דאס הייסט: אויב הקב״ה וועט זעהן ביי דיר עפעס אומאנשטענדיגס וועט ער אוועקגיין פון דיר, ער וועט צונעמען דיין שכינה פון דיין לאגער.

דער נ ב י א זאגט: „מה ה׳ דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלקיך״ (מיכה ו׳ ח׳) — און וואס פאדערט ג־ט פון דיר? נאר טאן גערעכטיקייט און ליב האבן חסד־טואונג און דיין גייאונג מיט ג־ט זאל זיין צניעות׳דיג. דאס הייסט: אז דעם מענטש׳ס אלע מעשים וואס ער טוט פאר ג־ט זאלן געטוהן ווערן מיט צניעות.

ש ל מ ה ה מ ל ך זאגט: „ואת צנועים חכמה״ (משלי י״א), דאס הייסט חכמה געפינט זיך נאר ביי די וואס זענען צנועים. דוד המלך זאגט אין תהלים: „כל כבודה בת מלך — פנימה״ — דער כבוד פון א בת־מלך איז אינווייניג. דאס הייסט: דער כבוד פון יעדער אידישער פרוי, וואס זי איז דאך חשוב ווי א בת־מלך, איז נאר ווען זי זיצט אינווייניג אין איהר געצעלט.

חז״ל זאגן אונז: „עס איז ניטאָ א זאך וואס איז פאר הקב״ה ליבער ווי צניעות. (פסיקתא רבא פ״ט).

די הויפט זאך צו פארשטארקן ביי זיך דעם ענין פון צניעות אין קליידונג. נאכער מעג מען זאגן א צווייטן. עס איז נישט איינגענומען? ווען עס ברענט ביי יענעם, קוקט מען נישט יא איינגענומען צו נישט!

אזוי ארום קענען מיר פיהל אויפטהון מקרב צו זיין די שכינה צו די מחנה ישראל

## פרויען דארפען גיין אין צניעות׳דיגע קליידער

אין נאמען פון בעלזער רב הרה״ק רבי יהושע זצ״ל ווערט געברענגט א טייטש אויף דעם פסוק ויוצא העבד כלי כסף וכלי זהב ובגדים ויתן לרבקה, פונוואנען האט מען געוואוסט די מאס פון די קליידער וואס רבקה דארף עס זאל זיין פאסיג פאר איר מאס. און עס איז אויך קשה וואס בדרך כלל שיקט מען פאר א כלה נאר צירונג און נישט קיין קליידער. נאר דער תירוץ איז, אברהם אבינו האט געשיקט די קליידער קיין ארם נהרים כדי צו ווייזען א מוסטער אז אין אזעלכע קליידער וויל ער זי זאל גיין, מיט צניעות און לויט שולחן ערוך.

(ספר עמודי ארזים עמוד ד׳)

## דער זכות פון אן ערליכער אידישער פרוי

הגאון אוולאי שרייבט א מוסר השכל אין ספר שם הגדולים. דער גאון ר׳ גבריאל ז״ל האט זיך ערצויגען א יתום, ער איז געווען א גרויסער עילוי, נאר וויבאלד ער איז געווען עלענט און ארעם וואלט פון אים גארניט געווען ווען ניט די אשה צנועה, איספיראנסה האט זי געהייסען, וואלט אים ערצויגען ווי א מוטער א קינד. זי האט זייער אסאך געלט פארשפרייט צו געבען אים לערנען ביי די גרעסטע רבנים ביז ער איז געווארען א גרויסער גאון און האט באלויכטען די וועלט מיט זיין תורה. דערפאר האט דער גאון ר׳ גבריאל זיך געחתמ׳ט אויף אלע שאלות ותשובות גבריאל איספיראנסה צו מאכען א מזכרת עולם צו די צדיקת זכרונה לברכה.

## אידישע קליידער דארפען זיין אנדערש

**אין** דעם ספר הקדוש דברי יחזקאל שטייט אויף דעם פסוק ושאלה אשה משכנת וגו׳ ושמלות ושמתם על בניכם ועל בנותיכם, פארוואס שטייט ושמתם עס האט דאך געדארפט שטיין והלבישו. מען זאל אנקליידען. ברענגט ער פון א גדול א תירוץ לויט דעם וואס דער מדרש זאגט צוליב פיר זאכען זיינען אידען אויסגעלייזט געווארען פון מצרים, און איינס דערפון איז ווייל זיי האבען נישט געענדערט זייער אידישען לבוש. דאס הייסט זיי האבען אכטונג געגעבען צו גיין דווקא אין ערליכע אי־דישע קליידער. ממילא איז שוין רעכט וואס דער פסוק האט נישט געקענט שרייבען זיי זאלען אנטאן די קליידער, ווייל זיי האבען דאך נישט געוואלט אנטאן די קליידער נאר זיי האבען געמוזט די קליידער קודם איבערנייען און מאכען פון זיי אידישע קליידער מיט צניעות אזוי ווי אידען גייען, און דאס וועט ווידער שוין נישט גענוג זיין די מאס נאר פאר די קלענערע וועט מען נאך קענען דערפון נייען קליידער. דעריבער שטייט ושמתם על בניכם ועל בנותיכם, איר זאלט עס אנטאן אויף די קינדער.

(בס׳ דברי יחזקאל שמות)

## א מעשה נורא וועגען א חתן וכלה

**עס** איז געשען א מעשה נורא ווען הגה״ק ר׳ נתן אדלער זצוק״ל האט אמאל געלערענט מיט זיינע תלמידים, וואס איינער פון זיי איז געווען דער הגה״ק חתם סופר ז״ל, אויף א עלי׳, אונטען אין הויף זיינען געשטאנען חתן כלה און האבען זיך געווערטעלט ווי די רעכטע חברה, די חתן און כלה זיינען געווען בני עשירי העיר. זיי האבען געשטערט דעם לערנען פון ר׳ נתן אדלער ז״ל, האט ער געשיקט זיין תלמיד, דעם חתם סופר ז״ל, ער זאל גיין זאגען זיי אז זיי זאלען אוועקגיין פון דאנען, איז ער געגאנגען און זיי געזאגט, אבער זיי מיט זייער חוצפה האבען ניט געפאלגט און זיינען ווייטער געבליבען שטיין, האט אים זיין רבי נאכאמאל געהייסען גיין צו זיי און זאגען זיי אז אויב זיי וועלען ניט פאלגען וועט ניט גוט זיין, האט זיך דער חתן אנגערופען מיט גרויס חוצפה, אז אויב דו וועסט נאכאמאל קומען אהער וועל איך דיר שלאגען, איז ער אוועק און האט דערציילט זיין רבי׳ן וואס זיי האבען געענטפערט, האט אים דער רבי געשיקט נאכאמאל, דעם מאל האט שוין דער חתן מיט זיין גרויסער חוצפה טאקע מקיים געווען וואס ער האט אים געזאגט און האט געשלאגען דעם חתם סופר ז״ל, ווען ער איז געקומען צוריק צו זיין רבי׳ן א צוקלאפטער האט אים ר׳ נתן אדלער געפרעגט וואס איז דאס ז האט דער חתם סופר ז״ל דערציילט די גאנצע מעשה, דעם צדיק האט דאס זייער פארדראסען און האט זיך אנגערופען צו אים, גיי נעם דעם שופר אין דיין האנט און בלאז, און טו אין זיי וואס זיי קומט. עס איז נישט אדורך א מעת לעת און די חתן כלה זיינען געשטארבען. פון דעמאלט אן האט מען באקומען גרויס דרך ארץ פאר דעם גאון ר׳ נתן אדלער ז״ל און דעם חתם סופר ז״ל.

(בס׳ חוט המשולש)

# צניעות

א.

די מידה פון צניעות, האָבן אויף איהר געוואָרנט די נביאים און די חכמים. אין פסוק שטעהט־געשריבן „והצנע לכת עם ה׳ אלוקיך". די חכמים האָבן געזעהן אין זייער נבואה די הימלישע באשעפענישן, ווערן זיי פארגעשטעלט ווי זייערע פיס און קערפערס זענען צוגעדעקט.

ב.

די מחשבה ברייננגט די מידה פון צניעות. ווען דער איד באַרעכנט זיך אז ער שטעהט פאר דעם מלך־מלכי־המלכים וואס די גאנצע וועלט איז פוהל מיט זיין כבוד — וועט ער זיך שעהמען פאר איהם. דרום איז מחויב דער איד זיך צו פירן בצניעות נישט נאָר פאר מענטשן אין די אויגן, נאָר אויך ווען ער איז אליין אין אַ טונקאלן צימער. ווייל פאַרן אויבערשטן איז אָפן די גאנצע וועלט, פינסטער ווי ליכטיג.

ג.

זאל דעריבער דער מענטש אכטונג געבן נישט צו ליגן אָפּגעדעקט ביי נאכט. און ווען ער טוהט־זיך־אָן איגדערפרי, זאָל ער זיך אָנטאָן צניעות׳דיג אז ס׳זאל נישט זיין אָפּגעדעקט דאס וואס דארף זיין צוגעדעקט.

ד.

און אָנטוהענדיג, זאל מען אויך אכטונג־געבן ס׳זאל אלעס זיין אין אָרדענונג אז ארויס געהענדיג אין גאס זאל מען נישט זיין צו־שפּאָט און זאל נישט גורם זיין דורך דעם אַ חילול־השם. איבער־הויפּט דארף אכטונג־געבן אויף דעם פּרט, דער תלמיד־חכם וועלכער דארף זיין אַ ביישפּיל אין די אויגן פון די מאסן. און נישט נאָר וועגן דעם אָנטור־האכטס, וועגן דעם גאנצן פיהרונג פוג׳ם תלמיד־חכם מוז ער געוואָרנט זיין ס׳זאל זיין געוואָגן און געמאָסטן, און אלעס מכוון־זיין צו גוטנס, לשם שמים.

ה.

אויך דעם גאנג דארפמען היטן. נישט געבויגן דעם קאָפּ און נישט אויפגעשטעלט מיט גאוה, נאָר מיטלמעסיג און געלאסן. ער זאל דערקענען דעם וואס געהט געגן איהם.

ו.

מען טאָר נישט געהן אין בלויזן קאָפּ. אפילו קליינע קינדער מוז מען צודעקן דעם קאָפּ. די גמרא (שבת) זאָגט אז אַ צוגעדעקטער קאָפּ ברייננגט יראת־שמים. אין גמרא (שבת) ווערט געברייננגט וואס אַ קינד וועלכער איז געוועהן אין נאָטור אַ גנב, איז געוואָרן אַ גרויסער ירא־שמים, צוליב דעם וואס זיינע עלטערן האָבן איהם איינגעוואוינט מיט אַ היטל אויפן קאָפּ.

ז.

מ׳זאל זעהר געוואָרנט זיין אין די מידה פון ריינקייט און מ׳זאל אויך איינגעוואוינען די קינדער. איבער־הויפּט פארן דאווגען, דארף מען זיך שטעלן מיט אַ גוף נקי פאר׳ן אויבערשטן און מתפלל זיין.

## מיט די תורה קען מען אריבערטראגן

וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים. דערויף איז פערהאַן אין זוהר הקדוש: „בחומר דא קל וחומר, ובלבנים דא לבון הילכתא".

דורך דעם וואס אידן זענען עוסק אין תורה שבעל פה וואס איז געבויט אויף די „שלש עשרה מדות שהתורה נדרשת בהן" פון וועלכע די ערשטע איז „קל־וחומר" און

בעשעפטיגן זיך מיט מברר זיין די הלכות פון דער תורה — דורך דעם קענען זיי איבערטראגן די פערביטערונגען און דעם חומר ולבנים פון גלות.
(הגאון ר׳ מנחם זעמבא ז״ל)

## מרים — פועה

און עס איז געווען ווען יוכבד איז געווען פול מיט גלויבן און האפן צום ג־ט פון די אבות, און ווי זי האט אירע גאנצע יאהרן געטראגן אט די אמונה און בטחון אין זיך, ביז זי האט צו הונדערט און דרייסיג יאהר געבוירן דעם געהאפטן אידישן ערלייזער.

## יוכבד — שפרה

און יוכבד איז געווען זייער א ג־ט׳־פארכטיגע פרוי, וועלכע האט אליין מורא געהאט פאר ג־ט, און אויך אנדערע טעכטער און פרויען געלערנט צו גיין אין ג־ט׳ס וועגן. זי האט זיי דערציילט פון דעם ג־ט פון זייערע אבות פון אברהם, יצחק און יעקב, און זייערע פרומע מוטערס שרה, רבקה, רחל און לאה. און אז ער האט נאך פריער געזאגט צום זיידן אברהם, דאס זיינע קינדער וועלן זיין אין גלות, מ׳וועט מיט זיי ארבעטן און זיי פייניגן פיר הונדערט יאהר, און זי האט גערעדט אויף זייערע הערצער, און זיי געטרייסט אין זייער עלנד, און אויף דעם פיין און שווערע ארבעט פון זייערע מענער, זיי זאלן אלץ נעמען פאר ליב, ווייל עס איז א גזירה פון ג־ט׳ס האנט.

און זי איז געווארן א הייבאם פאר אידישע פרויען. זיי צו העלפן ביים געבוירן און ערציען זייערע קינדער. זי פלעגט די קינדער אויספוצן און באשענערן, איינפלאנצנדיג אין זיי דעם גלויבן פון זייערע אבות, און אלע האבן איר דערפאר גערופן שפרה.

און זי האט ערצויגן א דור אידישע טעכטער און נשים צדקניות, וועמען זי האט געלערנט דולדן, שווייגן און האפן, און זי איז געווארן די מוטער פון דעם גאנצן יונגן דור אידישע טעכטער, און אלע האבן זיך צוגעהערט צו איהרע רייד, ווייל זי איז אויך געווען אזוי יונג ווי זיי, שוין זייענדיג אפילו פיל יאהרן אריבער ווי הונדערט יאהר, איז זי נאך אלץ געווען א גוטע פריילינע און געטרייע חבר׳טארן ווי א יונג מיידל.

דערביי האט זי געלערנט איר ערצויגענע תלמידות, צו זיין צניעות׳דיג און באשיידן. שטענדיג זיצן אין שטוב און נישט קומען אין רעשיגע פלעצער, זיך נישט צו ווארפן אין די אויגן מיט זייער גלויבן און אידישקייט.

ווען פרעה האט איינמאל גערופן די אידישע הייבאם האט ער צו איר געזאגט: איך זעה, אז צווישן די מענער פון די אידן בונטעוועט זיך עפעס וועגן אויסגעלייזט ווערן און ארויסגיין פון מצרים צוריק־צוקערן צום ג־ט פון זייערע אבות. נאר בלויז די אידישע טעכטער, זעהען אויס צו זיין געטריי און איבערגעגעבן אונזער פאלק און לאנד. איך באפעל דיר דעריבער יעדן געבוירענעם אידישן אינגל צו טויטן, און נאר די טעכטער צו לאזן לעבן.

די הייבאם האט דערציילט צו פרעה׳ן, דאס די אידישע פרויען זענען גאנישט אינגאנצן קיין מצריות, ווי ער מיינט, און אז זיי אליין געבוירן און ערציען עס אזעלכע געטרייע אידישע קינדער.

און די הייבאם האט מורא געהאט פאר ג־ט און נישט געטהון ווי עס האט איהר געהייסן דער קעניג פון מצרים, און זי האט אויף ווייטער נאכמער ערצויגן און ערנערט די נשמות פון די אידישע קינדער.

## צענטערס פון יראת שמים

ויעש להם בתים „בית" הייסט א היים, א צענטער. א יוד וואס איז זיך מוסר נפש פאר א מצוה ווערט זיין פערזאן דער צענטער און די היים פונוואנען עס שטראהלען ארויס תשוקה, התלהבות און קדושה פון דער מצוה, אויף אנדערע וואס קומען מיט זיי אין בעריהרונג. אזוי למשל, א יוד וואס איז זיך מוסר נפש פאר אהבת השם — ווערט ער א בית פון אהבת השם, פאר יראת השם — ווערט ער א בית פון יראת השם.

דאס איז די כוונה פונ'ם פסוק; ווען די מילדות האבען מורא פאר ג—ט און זיך מוסר נפש געווען פאר אט די יראה — ויעש להם בתים — האט ג—ט זיי אליין געמאכט פאר די בתים פון יראה, פאר די היימען און צענטרום'ס פונוואנען ס'האט ארויסגעשפארט יראת ד' אויפן גאנצען כלל ישראל. (דגל מחנה ישראל)

## גוטע מאמעס האבן גוטע קינדער...

ויהי כי יראו המילדות את האלקים ויעש להם בתים ווייל יוכבד און מרים האבען מורא געהאט פאר ג—ט, האבען זיי געהאט גוטע קינדער און אופגעשטעלט גרויסע הייזער אין ישראל. פון יוכבד איז ארויסגעקומען משה רבינו און אהרן הכהן און פון מרים איז ארויסגעקומען בצלאל וואס האט געמאכט דעם משכן.

גוטע מאמעס האבען גוטע קינדער... (מדרש)

## ותראהו את הילד והנה נער בוכה (ב. ו.)

ווען פרעה'ס טאכטער האט דערזען א „ילד" א קליין קינד, וואס וויינט ווי א „נער" ווי א דערוואקסענער — האט זי פארשטאנען אז דאס מוז זיין א איד...

## וירא אלוקים את בני ישראל וידע אלוקים (ב. כה.)

ג־ט האט געזען, אז די בני־ישראל נעמען פארשטיין, אז „וידע אלוקים", אז עס איז פאראן א ג־ט אויף דער וועלט, וואס וויים, רעגירט און קאנטראלירט אלץ אויף דער וועלט האט זיך דאן באוויזן די סימנים פון גאולה... (הכתב והקבלה)

## רועה ישראל

ומשה הי' רועה (שמות ג, א') — — משה לא בחנו הקב"ה אלא בצאן. אמרו רבותינו: „כשהי' מרע"ה רועה צאנו של יתרו במדבר, ברח ממנו גדי ורץ אחריו עד שהגיע לחסות, כיון שהגיע לחסות נזדמנה לו בריכה של מים ועמד הגדי לשתות. כיון שהגיע משה אצלו, אמר אני לא הייתי יודע שרץ היית מפני צמא, עיף אתה. הרכיבו על כתפו והי' מהלך. אמר הקב"ה יש לך רחמים לנהג צאנו של ב"ו, כך חייך אתה תרעה צאני — ישראל הוי ומשה הי' רועה (מד"ר שמות ב, ב)

... דער אויבערשטער האט אויסגעפראוווט משה'ן מיט שאף. ווען משה האט געפאשעט יתרו'ס שאף אין דער מדבר איז אוועק געלאפן א ציגעלע און משה איז איר נאך געלאפען, ביז די ציגעלע איז געקומען צו א ביסעל וואסער און האט זיך געשטעלט טרינקען. ווען משה איז צוגעקומען צו איר האט ער געזאגט: „איך האב ניט געוואוסט אז דו ביסט געלאפן פאר דארשט, דו ביסט מיעה און ער האט גענומען די ציגעלע אויף זיין אקסעל און

איז געגאנגען, האט דער אייבערשטער געזאגט: „דו האסט רחמנות צו פירען א מענשענ׳ס שאף, וועסטו דו פירן מיינע שאף, — מיין פאלק ישראל״.

## וינהג את הצאן אחר המדבר (ג. א.)

די אידישע מנהיגים, ווי משה רבינו דוד א. א. זיינען געפרואווט געווארן אלס רועים, אלס פאסטעכער, ווייל ווען א רועה ווערט געזאגט: „סתם רועה פסול לעדות״, מחמת דיי זיינען נישט אפגעהיט אין גזילה און פיטערן די בהמות אין פרעמדע פעלדער. עס איז א לימוד פאר מנהיגים אין אלע צייטן צו זיין ערליך ווען עס קומט די אויס זיך עוסק צו זיין מיט צבור־געלטער און קהלה׳שע אייגנטום... (ילקוט פנינים)

## השי״ת׳ס נאמען איז אמת

ויאמר אלקים אל משה, אהיה אשר אהיה, דער חותם פון ג־ט איז „אמת״ אז משה פרעגט מיט וואס וועט ער קענען יודען פערזיכערען אז דאס וואס ער זאגט זיי וועט ווירקליך ערפילט ווערען, זאגט איהם ג—ט אז די גאראנטיע איז דער נאמען „אהיה אשר אהיה״ וואס איז מרמז אויף אמת. ווארום אמת בעטרעפט 441. און אהיה בעטרעפט 21 „אהיה״ געדאפעלט אויף „אהיה״ ד.ה. מאהל 21 איז אויך 441.

און דאס איז די כוונה פון פיוט: „וכל מאמינים שהוא דיין אמת, ההגוי באהיה אשר אהיה״ (מוסף לראש השנה).

(אדמו״ר מגור זצ״ל)

אמת — איז איינע פון די יסודות פון וועלט־עקזיסטענץ.

רבן שמעון בן גמליאל האט געזאגט: „על שלשה דברים העולם עומד: על הדין ועל האמת ועל השלום״ — אויף דריי זאכען איז באזירט די עקזיסטענץ פון דער וועלט: אויף דין, אויף אמת, אויף שלום (פרקי אבות, פ״א). אן אמת קען די וועלט נישט האבען קיין עקזיסטענץ.

ווען עס וואלט נישט געווען קיין אמת אויף דער וועלט וואלט נישט געקענט זיין ארדנונג, עס וואלט נישט געווען קיין מסחר, עס וואלט נישט געווען קיין משפט, און מענשען וואלטען אפגעטאן די גרעסטע אומווירדיקייטען — דען אלעס איז געבויט אויף וואס מענשען זאגען אמת, און עס איז דא א מעגליכקייט צו דערגיין דעם אמת.

דער וואס זאגט ליגען אונטערברעכט דעם יסוד פון קיום פון דער וועלט, דאגעגען דער וואס זאגט בלויז אמת פארשטארקט דעם דאזיגען יסוד.

### אין זכות פון דער מצות צדקה

**אין** דעם ספר אור ישרים ווערט געברענגט אין נאמען פון ספר מעיל צדקה דאס פאלגענדע: איך האב געהערט פון א איש קדוש וואס ער האט גע׳דרשנ׳ט ברבים אז אויב א מענטש האט געלט צו קויפען ברויט און עס קומט צו איהם דעמאלט א מענטש אן ארימאן און פארלאנגט פון איהם געלט זאל ער איהם געבען אפילו ער האט נישט מער נאר די לעצטע פרוטה. און איך בין איהם מבטיח אז השי״ת וועט איהם צוריק־געבען פיל מער פאר דער אמונה און בטחון וואס ער האט געהאט אין הקב״ה און ער האט אוועקגעגעבען די לעצטע פרוטה.

אמת איז זייער גרויס, ווי מיר לערנען פון דעם וואס הקב"ה ווערט געלויבט מיט דער מדה פון אמת. די חז"ל זאגען: הקב"ה ווערט גערופען אמת, ווי עס שטייט אין פסוק (ירמיה ט') וה' אלוקים אמת", און זיינע אלע רייד זענען אמת ווי דער פסוק זאגט (תהלים קי"ט) "ראש דברך אמת" — פון אנפאנג פון דיינע רייד זענען זיי אמת — און אלע משפטים זיינע זענען אמת, ווי עס זאגט דער פסוק (תהלים י"ט) משפטי ה' אמת, און אלע וועגען פון הקב"ה זענען נור חסד און אמת, ווי עס זאגט דער פסוק (תהלים כ"ה) כל ארחות ה' חסד ואמת. און נאך זאגען די חז"ל: דעם חותם פון הקב"ה איז: אמת. פון דעם פארשטייען מיר אז די מדה פון אמת איז זעהר גרויס.

ווען א מענש פירט זיך אמת'דיק איז ער מקיים דערמיט די מצוה פון "והלכת בדרכיו".

חז"ל דערצעהלען אונז: ווען משה רבינו האט געזאגט צו די אידן אז'מען דארף גיין אין די וועגען פון הקב"ה, ווי עס שטייט אין די פסוקים "והלכת בדרכיו" און "אחרי ה' אלוקיכם תלכו" האבען זיי איהם געפרעגט: ווער קען דאס גיין אין די וועגען פון הקב"ה? האט משה רבינו געענטפערט: איהר זאלט זיך באהעפטען אין די מדות וואס הקב"ה פירט מיט זיי זיין וועלט. דער פסוק זאגט: "כל ארחות ה' חסד ואמת" — אין די וועגען זאלט איהר גיין.

דורך פיהרען זיך אמת'דיק מאכט מען רוהען די שכינה פון הקב"ה ביי אידן. די חז"ל זאגען "כל דיין וואס פסק'ענט א אמת'ען דין מאכט רוהען די שכינה ביי אידן

אין זכות פון אמת גיט הקב"ה רעגען, וואס דורכדעם איז דער קיום פון דער וועלט. אזוי זאגען די חז"ל: "אין גשמים יורדים אלא בשביל אנשי אמנה, שנאמר (תהלים פ"ה) "אמת מארץ תצמח וצדק משמים נשקף". הקב"ה מאכט נידערען דעם רעגען פון הימעל נאר אין זכות פון די "אנשי אמנה" אמת'דיקע לייט, ווי ע סזאגט דער פסוק: ווען אמת וואקסט פון דער ערד — דאס הייסט: אויף דער ערד איז דא אמת — דאן קומט פון הימעל דער צדק, די רעגענס וואס זענען א צדקה-גאב פון הקב"ה.

דער תנא ר' עקיבא זאגט: דורך אמת איז א מענש זוכה צו עולם הזה און עולם הבא.

## דינים פון אמת און שקר

א. מען טאר נישט זאגן קיין ליגן אפילו ווען עס האט קיינער נישט קיין שאדן פון דעם.

ב. ווען א מענטש דערציילט עפעס א זאך וואס ער איז נישט איבערציגט אז דאס איז דער ריינער אמת, זאל ער זאגן עפעס א ווארט וואס זאל קלאר מאכן פאר דעם הערער אז די זאך איז נישט איסער יעדן ספק. ווי, צוביישפיל, "איך מיין אז די זאך איז אזוי".

ג. ווען ער דערציילט איבער א זאך וואס אנדערע האבן איהם דערציילט, זאל ער צוגעבן: "מען האט מיר דאס דערציילט אבער איך אליין האב דאס נישט געזעהן".

ד. ווען עס האט איהם דערציילט א מענטש וואס מען האט צו איהם נישט קיין צוטרוי זאל ער דאס נישט איבערדערציילן אפילו מיט דער באמערקונג אז מען האט דאס איהם דערציילט. (אבער דאס איז נישט כדאי צו טהון, ווייל עס קען ברענגען צו לשון-הרע. מענטשן וועלן זאגן: וואס דערציילסטו איבער פון יענעם, ער איז דאך א ליגענער).

ה. ווען א מענטש זאגט צו דעם צווייטן צו טהון עפעס פאר איהם, אדער געבן איהם עפעס א מתנה, (וואס איז נישט קיין גרויסע זאך), און יענער האט זיך פארלאזן אז ער וועט דאס טהון אדער באקומען — טאר מען נישט חרטה האבן נאכער. און אויב ער האט חרטה געהאט הייסט ער א „מחוסר אמנה״ (דאס הייסט: א מענטש וואס עס איז נישטא קיין צוטרוי צו איהם).

ו. אויב באלד ביים צוזאגן האט ער געטראכט אין הארצן נישט צו האלטן ווארט, הייסט דאס: „אחד בפה — ואחד בלב״ און אויף דעם זאגן די חז״ל אז הקב״ה האט איהם פיינט.

ז. האט ער געקויפט ביים צווייטן א חפץ, און געגעבן געלד דערויף אבער ער האט נאך נישט קיין קנין געטהון, און ער האט חרטה געהאט — קען מען איהם נישט צווינגען דורך בית־דין ער זאל דעם חפץ קויפן, ווייל ער האט נאך נישט געטהון קיין קנין, אבער בית־דין זאגט איהם א קללה, און אזוי זאגט מען איהם: דער וואס האט אויפגעמאנט — באשטראפט פון די מענטשן פון דור המבול, און פון דור הפלגה און פון די מענטשן פון סדום ועמורה, און פון די מצרים וואס ער האט זיי דערטרונקען אין ים — דער וועט אויפמאנען פון דעם וואס איז נישט קיין עומד בדבורו.

ח. די גרעסטע מדה פון אמת איז „ודובר אמת בלבבו״ — דער וואס רעדט אמת אין זיין הארץ, דאס הייסט: ער מאכט פאר אמת די אלע מחשבות פון זיין הארץ, און ער פירט זיך לויט זיי, און דאס איז ביי איהם פונקט ווי ער וואלט ארויסגערעדט פון מויל.

די חז״ל זאגן אז רב ספרא איז דער ביישפיל פון „ודובר אמת בלבבו״. רב ספרא האט געהאט א חפץ צום פארקויפן, איז געקומען איינער קויפן און רב ספרא האט דאן געלייענט קריאת־שמע. דער מענטש האט געזאגט: פארקויף מיר דיין חפץ פאר דער סומע, — רב ספרא האט נישט געענטפערט ווייל ער האט נישט געקענט מפסיק זיין אין מיטן קריאת־שמע. האט יענער געמיינט אז רב ספרא וויל מער געלד — האט ער געזאגט: איך גיב מער. ווען רב ספרא האט געענדיגט לייענען קריאת)שמע האט ער געזאגט: נעם דאס פאר דעם פרייז וואס דו האסט צו ערשט פארגעשלאגן. איך האב געטראכט צו אוועקגעבן פאר דעם פרייז.

ט. מען טאר נישט זיין קיין גונב דעת הבריות, דורך א ווארט אדער א מעשה. און אפילו א גוי טאר מען אויך נישט אפנארן, אפילו ווען מען זאגט נישט קיין ליגן מיט׳ן מויל, נאר מען טהוט אזאך אויף אזא אופן וואס יענער נארט זיך אפ. די גמרא דערציילט אז שמואל האט מקפיד געווען אויף זיין שמש וואס ער האט דורכגייענדיק א בריק באצאלט דעם גוי, וואס איז געווען אייגנטימער פון בריק, מיט א טריפה הון, און דער גוי האט געמיינט אז דאס איז א גע׳שחט׳ענע, הגם דעם גוי איז נישט געווען קיין אונטערשייד.

גניבת דעת איז אסור נאר דאן אויב מען צילט צו נארן יענעם, און מען טהוט עס אויף אזא אופן יענער זאל זיך אפנארן. ווען אבער א מענטש טהוט א זאך פאר זיך און א צווייטער מענטש נארט זיך אפ, איז ער ניש מחוייב ארויסצונעמען איהם פון טעות. און עס איז פאראן א פאל וואס עס איז אפילו געוואונשן נישט ארויסצונעמען יענעם פון טעות. צו ביישפיל: א מענטש שטעלט זיך אויף, און פונקט אין דעם מאמענט איז איינער

אריינגעקומען אין דעם אָרט און ער מיינט אז יענער האט זיך אויפגעשטעלט פאר זיין כבוד וועגן — דאַרף ער נישט זאָגן צו איהם: איך האב מיך סתם געשטעלט און נישט געטראַכט כבוד צו געבן. אויב ער וועט דאס זאָגן וועט יענער מענטש האבן חלישות־הדעת און קען אויך קומען צו פאַרדרוס. און וויבאַלד ער האט נישט געמיינט צו נאַרן איהם, נאָר יענער האט זיך אליין אָפגענאַרט, האט ער נישט געטהון קיין שום איסור.

יעדער סאָרט אפנאַרעריי אין אסור. מען טאָר נישט אַריינגיין אין א קלייט און בעטן ווייזן אַ חפץ, אינדערצייט וואס מען האט נישט אין זינען צום קויפן, און אפילו סתם אָנקוקן זאַכן אין דער קלייט — טאָר מען אויך נישט. ווען מען וויל אָנקוקן אַ חפץ און וויסן זייך פרייז כדי נאָכהער צו באַטראַכטן זיך אויב מען זאָל דאָס קויפן — זאָל מען דעם קלייטניק פאראויס זאָגן אז מען וויל נאָר אָנקוקן און מען איז נאָך נישט באַשלאָסן צו קויפן.

נאָך האַרבער איז אויב מען נאַרט אָפ דעם חבר און דורך דעם אפנאַרעריי ווערט יענער געצוואונגען צו קויפן ביי איהם. ווי, ביישפיל, אַ קלייטניק זאָגט צום קונה אז די סחורה האט ער ספּעציעל געבראַכט פאר איהם. דער קונה פילט זיך דאדורך געצוואונגען צום קויפן דאס — דאס איז גניבת דעת הבריות און די האַרבקייט פון דעם איז ווייל עס ווערט דורכדעם געשאַפן מיט אומרעכט אַ דרוק אויפ׳ן קונה.

אויך אַ קליין קינד זאָל מען נישט אָפנאַרן מיט פאַרשפּרעכונגען. די חז״ל זאָגן: רבי זירא האט געזאגט: אַ מענטש זאָל נישט זאָגן צו אַ קינד איך וועל דיר עפּעס געבן און נאָכער נישט געבן איהם — ווייל דורכדעם לערנט ער איהם אויס צו זאָגן ליגן.

אַ מענטש דאַרף זיך דערווייטערן פון חברים וואס רעדן ליגנס, ווייל דורכדעם קען ער קומען צו ליגן־זאָגן.

ווי קומט עס וואס משה רבנו, דער גרויסער אוהב ישראל, זאל ערוועקן א חשד אז אידן זאלן נישט גלויבן אין די רייד פון השי״ת און ער זאגט „והן לא יאמינו לי״?

זאגט דער „שפת אמת״ זצ״ל: וויסנדיג אז דער גלות מצרים איז דער שורש פון אלע שפּעטערדיגע גלות׳ן, און אז די גאולה פון מצרים איז אויך דער שורש פון אלע גאולות האט ער געוואלט באלד אויסטרעטן א וועג אז אידן מוזן אויסגעלייזט ווערן אפילו ווען זיי וועלן נישט זיין אזוי שטארק אין די אמונה. ער האט דעריבער געוואלט הערן פון השי״ת דעם באפעהל צו געהן אויסלייזן די אידן אפילו ווען „לא יאמינו לי״.

## זייער שמחה — ביי אונז א תורה...

וראך ושמח בלבו דער מדרש זאגט דערויף: ווען אהרן וואלט געוואוסט אז די תורה

וועט אויף איהם שרייבען „וראך ושמח בלבו" וואלט ער א קייגען געגאנגען מיט מוזיק טענץ.

נישט צוליעב דעם, ווייל אהרן האט געוואלט אז מען זאל איהם ריהמען. נור די כוונה איז, ווען ער וואלט געוואוסט אז זיין פשוט'ע נאטירליכע פרייד ריהרט אן אזוי הויך און איז אזוי גרויס אז דערפון וועט ווערען א פסוק אין דער תורה, וואלט ער די דאזיגע שמחה נאך מעהר פערברייטערט און פערטיפט מיט די געהעריגע פארברייטונג און התלהבות.

## די רשעות פון פרעה

ואת מתכונת הלבנים... לא תגרעו ממנו... אנשטאט דער גזירה, נישט צו געבן אידן קיין שטרוי, האט דאך פרעה אייגנטליך א ברירה געהאט ארויסצוגעבן אנ'אנדער גזירה: זיי זאלן ארבייטן דאפלט, א דאפעלטע צאהל ציגל ליפערן, פון וואס די מלוכה וואלט מער נוצן געהאט?

נאר ס'ווייסט אויס, אז דאס רשעות צו אידן איז ביי איהם געשטאנען העכער, ווי די מלוכה-אינטערעסן; און געוואוסט האט ער, דער רשע, אז פון דאגות און קאפ-ארבעט ווערט א מענש מער געפייניגט, ווי פון פיזישער ארבעט... (ר' העניך מאלעקסאנדער)



## די צפרדעים האבן נישט געוואלט ארויס געהן...

ויעשו כן החרטמים בלטיהם ויעלו את הצפרדעים על ארץ מצרים אין ילקוט שטעהט א ס'איז דאן געווען א קריג צווישן דעם מלכות מצרים און מלכות כוש וועגן די גרעניצן פון זייערע לענדער, און די צפרדעים האבן דעם קריג ענטשיידעט, ווייל מ'האט דאך געזעהן אז די גרעניצן פון מצרים זענען נאר דארט וויא די צפרדעים זענען פארהאן. ווען די חרטמים האבן מיט זייער כשוף געברענגט די צפרדעים, האבן זיי געוואלט אויסברייטערן זייער באזע, אז זיי זאלן ארויין אין די גרעניצן פון כוש כדי צו קענען צונעמען שטיקער לאנד פאר מצרים, האט אבער השי"ת געמאכט אז — ויעלו הצפרדעים על ארץ מצרים — אפילו די צפרדעים וואס די חרטמים האבן געברענגט זענען נאר ארויף אויף די פאקטישע גרעניצן פון לאנד מצרים, און נישט ווייטער. (עדות ביהוסף).

## אלע חיות זענען געקומען קיין מצרים

ומלאו בתי מצרים את הערב וגם האדמה אשר הם עליה ס'איז פארהאן א חיה „ידעוני" וואס איז אנגעקניפט אן דער ערד און ציהט פון דארט איהר חיות, רייסט מען איהר אפ פון דער ערד, קען זי נישט לעבן. (משנה כלאים פ"ח) אויך דא זענען זיך צונויפגעקומען קיין מצרים פערהאנענע חיות. וויא אזוי האט געקענט קומען דער „ידעוני"? זאגט דעריבער די תורה: וגם האדמה אשר הם עליה אז עס איז אויך מיטגעקומען די ערד ארום דער חי', און אזוי ארום האט זי געקענט לעבן אין מצרים, ווייל עס איז מיטגעריסן געווארן א שטיק ערד פון וועלכע זי ציהט איהר חיות. (חנוכת התורה).

## משה רבינו איז אריין אויפשטעהענדיג

השכם בבקר והתיצב לפני פרעה, אין מדרש איז דערצעהלט אז ווען מען איז אריין געקומען צו פרעה'ן איז געווען א נידריגער איינגאנג, און א מיצרי'שע אבגאט איז געשטאנען ביי טהיר כדי מען זאל מוזן אראפבויגן פאר איהם דעם קאפ ביים אריינגעהן. ווען אבער יעקב, משה, און אהרן זענען אריין געגאנגען צו פרעה'ן האט זיך דער איינגאנג אויפגעהויבן און זיי זענען אריינגעגאנגען גלייך, נישט דארפנדיג זיך איינבייגען.

דעריבער שטעהט ביי משה'ן: והתיצב לפני פרעה און ביי יעקב'ן ויעמידהו לפני פרעה זיי זענען אפילו פאר פרעה אריינגעגאנגען גלייך אויפגעשטעלטערהייט און די נידריגע טהיר האט זיי נישט געשטערט. (אלשיך)

### ובכל ארץ מצרים תשחת הארץ מפני הערוב

**פארוואס איז געקומען דער ערוב?**

ווייל די מצרים האבן פארשקלאפט די אידן זיי זאלן האדעווען די קינדער. ווען די אלע חיות רעות פון דעם ערוב האבן פארפלייצט מצרים, האבן די מצרים איבער געגעבן זייערע קינדער צו די אידן זיי זאלן זי אדורך פיהרן די גאס. האט א מצרי געהאט פינעף קינדער און זיי איבער געגעבן צו א אידן אריים צו פיהרן אין גאס, זענען אין מיטן וועג אנגעפאלן די חיות אויף די קינדער און זיך צוטהיילט מיט'ן רויב. ווען דער איד איז צוריק געקומען אליין אין מצרי'ס הויז, איז איהם אנטקעגן געגאנגען דער מצרי און איהם געפרעגט: וואו זענען מיינע קינדער? האט איהם דער איד געענטפערט: זעץ זיך אוועק וועל איך מאכן מיט דיר א חשבון — איינעם האט דער לייב פארצוקט, דעם אנדערן האט דער בער אויפגעגעסן, דעם דריטן האט דער טיגער צוריסן דעם פערטן האט דער וואלף צוביסן און דעם פינפטן האט דער אדלער אויפגעהויבן און מיט איהם פארשוואונדן געווארן. (מדרש תנחומא)

## פריער דערווייטערן פון די שלעכטע

ויקרא פרעה... ויאמר לכו זבחו לאלוקיכם בארץ. ויאמר משה לא נכון לעשות כן... דרך שלשת ימים נלך במדבר וזבחנו לה' אלוקינו פרעה פארשטעהט אז מ'קען באלד דינען ג—ט און ברענגען צו איהם קרבנות אן שום הכנות, אפילו מען איז איינגעטונען אין די מצרישע געמיינקייט און צוגעבינדען צום ערדישן-קו מפריד בארץ...

קלערט איהם משה רבינו אויף, אז דער אידישער דרך איז נישט אזוי, נאר פריהער מוז מען זיך דערווייטערן פון די מצרישע תועבות און אויסרייניגן פון די ערדישע ענינים, דערנאך קען מען ערשט דינען השי"ת און שחט'ען צו איהם קרבנות. פאר דעם קרבן מוז זיין תשובה און התרחקות פון שלעכטן.

(שם משמואל בשם הגה"ק בעל אבני נזר מסוכטשוב זצ"ל).

די שלעכטע מידה פון קנאה, איז א גרויס נארישקייט. דער וואס איז מקנא פארדינט גארנישט, און יענער וואס מ'איז איהם מקנא ווערט גארנישט אן, אומגעקערט, דער מקנא שאדעט זיך.

עס איז דא אזא מענטש וואס פארמאגט אין זיך אזויפיהל נארישקייט אז ווען ער זעהט ביים חבר עפעס א אויפקום, א טובה — קאסט עס איהם געזונד, און עס טהוט

איהם ווי, אז זיין אייגענע גוטעס באפרידיגן איהם גארנישט... ווייל ער פארגינט נישט וואס דער חבר פארמאגט.

אנדערע זענען נישט אזוי נאריש, אבער זיי שפירן עפעס א וויטאג ווען זיי זעהען ווי איינער, נישט זייער פריינד, איז אויפגעקומען. און אמאהל זאגט ער נאך פריילאכע רייד געגן יענעם און דריקט אויס צופרידנקייט אויף יענעמס אויפקום. אבער אין הארצן טראכט ער שלעכט אויף איהם.

וואלטן אבער די מענטשן געוואוסט אז איינער ריהרט נישט אן דעם חבר׳ס ווי א האר איז גרויס, און אלעס איז פון הימל און עס פירט זיך לויט זיין ג־ט׳ליכע חכמה, וואלטן זיי געזעהן אז עס איז בלשטא קיין ארט פון זיך ערגערן פון יענעם.

(מסילת ישרים פי״א)

פוילקייט איז געגן פעהיגקייט. דאס ערגסטע איז וואס דער מענטש זוכט זיך אפטער דאס קערפערליכע רוה, ער האט פיינט זיך צו באמיהען, ער האט זיך ליב פאר־געניגנס מיט אלע פיטשיווקעס...

פאר אזא מענטש איז זעהר שווער דינען השי״ת. א מענטש וואס וויל זיך עסן זיינע מאהלצייטן מיט ישוב־הדעת און מנוחה; זיך שלאפן אהן קיין טירדה; זיך ארום־געהן לאנגזאהם א. ד. ג. — אזא איינעם איז זעהר שווער אויפשטיין פרי אין שוהל צום דאוונען שחרית; אדער פארקירצן אביסל די סעודה נאך מיטאג צוליב געהן מנחה דאוונען; אדער געהן צו א דבר מצוה אויב די צייט איז נישט אזוי אנגענעהם. בפרט זיך צו איילן צו א מצוה אדער תורה לערנען.

ווער עס געוואוינט זיך צו אזעלכע פוילע פירונגען — געוועלטיגט נישט אויף זיך! ער קען נישט טהון פארקערט פון זיינע געוואוינהייטן אפילו ער וויל שוין. זיין ווילן ליגט ארעסטירט אין די טורמע פון די געוואוינהייטן וועלכע זענען שוין פארוואנדלט געווארן אין א צווייטע נאטור!

(פון „מסילת ישרים״ פרק ט)

## השי״ת איז ביי די וועלכע ווילן איהם

וארא אל האבות (רש״י) „אבות קען אויך זיין דער טייטש: „די וועלערס״ די וואס האבן געוואלט (פון לשון „לא יאבה״). ג־ט בעוויזט זיך נאר צו די וואס ווילן אז ער זאל זיך צו זיי בעווייזן.

אזוי טייטש אויך דער רמב״ן די ווערטער: „אהיה אשר אהיה״ — איך וועל זיין מיט די וואס ווילן אז איך זאל זיין מיט זיי. (חתם סופר)

## פאַרוואָס זאָגט מען תחנון מאָנטאג און דאָנערשטאג

**אין** ספר סדר היום ווערט געברענגט אין נאָמען פון כל בו די פאָלגענדע מעשה: עס איז אַמאָל געקומען אַ אידישע שיף וואָס איז אַנטלאָפען פון ירושלים אין גלות, אין אַן אָרט וואו עס האָט געהערשט אַ מלך. האָט זיי דער מלך געפרעגט: פון וועלכען פאָלק זענט איר. האָבען זיי געענטפערט מיר זיינען אידען. האָט ער זיי געזאָגט אויב איר זענט אידען וויל איך אייך אויספרובירען פונקט אַזוי ווי מען האָט אויספרובירט חנניה מישאל ועזריה אין דעם ברענענדיגען קאַלך אויוען. האָבען זיי איהם געזאָגט גיב אונז צייט דרייסיג טעג. האָט ער זיי געגעבען דרייסיג טעג צייט צו טראַכטען. האָבען זיי גוזר תענית געווען און גענומען פאַסטען די גאַנצע צייט. איז געווען צווישען זיי אַן אַלטער איד זייער אַן ערליכער מאַן וועלכער איז נישט געווען זייער קלוג. האָט ער זיי געזאָגט איך האָב געזען אין חלום אַ פסוק מיט צוויי מאָל די ווערטער „כי" און דריי מאָל די ווערטער „לא" און איך ווייס נישט וואָס דאָס מיינט. האָט זיך אַנגערופען אַן אַלטער תלמיד חכם, איך ווייס דעם פסוק: „כי תעבור במים אתך אני, ובנהרות לא ישטפוך. כי תלך במו אש לא תכוה ולהבה לא תבער בך". דערפון איז געדרינגען אַז דו וועסט דורכגיין דאָס פייער און דו וועסט ניצול ווערען. דער הגמון האָט געמאַכט אַ גרויס פייער און די אידען האָבען געלאָזט דעם אַלטען איד אַריינגיין אין פייער, דער וועלכער האָט גע'חלומט דעם חלום. האָט זיך דאָס פייער צעטיילט אין דריי טיילען און עס זיינען איהם אַנטקעגען געקומען דריי צדיקים איהם מקבל פנים צו זיין. און די דריי צדיקים האָבען געזאָגט דעם שבח „והוא רחום" וכו'. דער ערשטער האָט געזאָגט ביז אנא מלך רחום וחנון וכו'. דער צווייטער האָט געזאָגט ביז „אין כמוך וכו'" און דער דריטער האָט געזאָגט פון דאָרט און ווייטער. און אַלע פאַנגען זיך אָהן מיט רחום. דעריבער האָט מען מתקן געווען אַז מען זאָל יעדען מאָנטאג און דאָנערשטאג זאָגען תחנון וואָס פאַנגט זיך אָן מיט רחום. און דערפאַר האָט מען עס מתקן געווען אויף מאָנטאג און דאָנערשטאג, ווייל דעמאָלט איז אַ יום הדין. און דער סדר היום פירט אויס אַז מען איז זיך נוהג צו זאָגען תחנון שטייענדיג, ווייל דאָס איז אַ גרויסער שבח.

(סדר היום בכוונת תחנונים)

## די תורה מאכט לעבעדיג

ושמי ה' לא נודעתי להם, חבל על דאבדין ולא משתכחין (רש"י) אין א גרויסע שטאדט אין וועלכע עס זענען געוועהן זייער ווייניג בני תורה, האבן די קהלה-פירערס געוואלט בעמען א גרויסן גאון אלס רב אין דער שטאדט. האבן זיי איהם איינגעשאצט אז אזעלכע גדולים ווי דער טו"ז, מגן אברהם, רבי עקיבא איגר ז"ל, זענען אין דער שטאדט נקבר געווארן, און ממילא איז די כסא הרבנות א היסטארישע וואס פאסט פאר איהם.

שפעטער האבער האט זיך דער גאון דערוואוסט, אז דער טו"ז ליגט גאר אין לעמבערג, דער מגן אברהם אין קאליש, און ר' עקיבא איגר ז"ל אין פויזען א.א.וו. האט ער געפרעגט די שטאדט לייט: פאר וואס האט איהר מיך אפגענארט? האבן זיי איהם געענטפערט: רבי, מיר האבן אייך לגמרי נישט גענארט, אין לעמבערג לערנט מען דעם טו"ז, ממילא איז ער דארט גארנישט באגראבן, אדרבה ער לעבט דארט ווארום „שפתותיו דובבות בקבר", אין קאליש לעבט דער מגן אברהם — ווייל מען לערנט איהם דארט און אזוי רבי עקיבא איגר אין פויזען. דא אבער ביי אונז אין שטאדט, וואו ס'איז נישטא קיין מענטש וואס עס זאל לערנען אין די דאזיגע ספרים זייערע — מילא זענען זיי דא באגראבן...

דאס איז דער טייטש פון די ווערטער — חבל על דאבדין — וועה איז די וועלכע ווערן פארלוירן אויף אזא אופן אז זייערע ווערטער, מעשים און געדאנקן האבן נישט קיין נאכפאלגער צווישן די לעבעדיגע — ולא משתכחין — אט דאס הייסט אנ'אבידה, אבער כל זמן עס זענען פארהאן נאכפאלגער און תלמידים, הייסט עס נישט קיין אבידה.

(שער בת רבים)

## דער ערגסטער גלות — ווען מען שפירט איהם נישט.

והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים, „סבלות" איז פון לשון „סבלנות"... דער ערגסטער גלות איז — ווען מ'הערט אויף צו פיהלן דעם גלות, ווען מ'ווערט צוגעוואוינט צו דעם שעבוד און הכנעה. „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים" — אויב איהר האלט שוין ביי אזא מצב, אז איהר קענט שוין סובל זיין דעם גלות און עס הארט אייך שוין גארנישט — דאן טאר מען מער נישט ווארטן, איז שוין די העכטע צייט ארויסצופירן אייך פון דארט...

(רבי בונם מפשיסכע)

## והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים והצלתי אתכם מעבודתם (ו, ו)

דער סדר פון פסוק קוקט אויס אייגנטליך אנדערש ווי די מציאות. ווייל פריער האט דאך איפגעהערט דער שעבוד און ערשט נאכדעם איז געווען יציאת מצרים?

נור דער ענטפער איז, אז ערשט נאכן „והוצאתי אתכם", נאכן ארויסגיין פון גלות, ערשט דאן דערפילט מען די ביטערקייט פון האבן געווען פריער פארשקלאפט, פון דעם „והצלתי אתכם מעבודתם"...

(מפרשים)

## די זעלבע צדיקים אין אלע אומשטענדן

הוא אהרן ומשה... הוא משה ואהרן. לומר לך שעניהם שקולים כאחד (רש"י) כאטש די תורה זאגט עדות אז „ולא קם עוד נביא כמשה" — אבער ביי זיך איז קיינמאהל נישט איינגעפאלן קיין מחשבה איינעם פון זיי צו האלטן זיך העכער פארן צווייטען. „שקולים כאחד"

(מפרשים)

## אַנטלויפען פון רבנות

**דער** בעל תפארת שלמה ז"ל שרייבט אין ספר פרשת דברים, אַז ס'איז געווען אַ שטאָט וועלכע האָט מפציר געווען ביי דעם רבי ר' מיכל'ע פון זלאָטשיב זצוק"ל זי"ע ער זאָל אָננעמען דאָרט די רבנות, אָבער ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. די אנשי העיר האָבען דאָס דערציילט פאַרן בעש"ט זצוק"ל זי"ע, דער בעש"ט ז"ל האָט געהייסען רופען אים און באַפוילען אַז ער זאָל אָננעמען די רבנות דאָרט. אָבער ר' מיכל'ע איז געבליבען ביי זיינס. האָט דער בעש"ט עם געזאָגט אויב ער נעמט ניט אָן די רבנות פאַרלירט ערביידע וועלטען, עוה"ז און עוה"ב. דער רבי ר' מיכעלע ז"ל האָט אים געענטפערט אפילו ווען דאָס זאָל פּאַסירען, קען ער ניט אָננעמען אַ פּאָסטען צו וועלכען ער איז נישט ראוי. דאַן האָט אים דער בעש"ט געזאָגט מיט גרויס שמחה ברוך אתה לד', וואויל איז דיר און גרויס איז דיין חלק אין גן עדן וואָס דו האָסט זיך נישט פאַרלוירען נאָך די אַלע רייד, דו ביזט געבליבען שפל און נישט געקראָגען קיין התנשאות, דו האָסט עומד בנסיון געווען.

## וויאַזוי פראַנקפורט האָט אויפגענומען אַ רב

**דער** כתב סופר זצ"ל האָט דערציילט וויאַזוי עס איז אויפגענומען געוואָרען הגה"ק רבי יוסף שמואל פון קראָקא זצ"ל אַלס פראַנקפורטער רב. דער גאון רבי יוסף שמואל איז געווען שמש אין דער חברה שומרים לבוקר אין דער שטאָט קראָקא און אַ מלמד מיט קינדער. אין פראַנקפורט איז דעמאָלט געווען רב הגה"ק רבי ישעיה סג"ל הורוויץ, דער בעל בית הלוי, אַן איידיקעל פון של"ה הקדוש. ווען ער איז אַוועק פון פראַנקפורט אין שנת ת"ק, האָט ער צו זיך גערופען די חשובי הקהלה און צו זיי געזאָגט איך וועל אייך זאָגען דריי שווערע קשיות, און ווער עס וועט זיי קענען פאַרענטפערן דעם זאָלט איר אויפנעמען אַלס רב. האָבען די ראשי הקהלה אויסגעקליבען דריי חשוב'ע בעלי בתים פון שטאָט גדולים בתורה און זיי געהייסען פאָהרען זוכען אַ פּאַסיגען רב פאַר פראַנקפורט, אַזעלכער וואָס וועט קענען פאַרענטפערן די דריי שווערע קשיות. זיינען זיי אָנגעקומען קיין קראָקע, וועלכע איז געווען באַרימט אַלס עיר ואם בישראל מיט אירע גרויסע תלמידי חכמים. זיי האָבען באַלד געלאָזט צוּוויסען טאָן אין דער שטאָט אַז דריי תלמידי חכמים פון פראַנקפורט זיינען געקומען זוכען אַ רב. אין דעם זעלבען טאָג איז פאָרגעקומען אַ ברית ביי אַ גביר פון שטאָט. האָט דער גביר איינגעלאַדען די דריי געסט צום ברית. ביי דער סעודה האָט דאָס אינגעל פון בעל שמחה

געזאגט אַ פשט׳ל און פאַרענטפערט אויך די דריי האַרבע קשיות. די פראַקפורטער תלמידי חכמים האָבען זיך געוואונדערט, און זיי האָבען זיך גלייכצייטיג געפרייט אַז זיי האָבען געטראָפען זייער פאַרלאַנג. זיי האָבען געפרעגט דאָס אינגעל ביי וועמען ער לערנט. האָט ער זיי אָנגעוויזען אויף אַ אָרימאַן וואָס איז געזעסען אין ווינקעל פון צימער, און געוויזען אַז ער לערנט ביי איהם. זיינען די געסט צוגעגאַנגען צום אָרימען איד און איהם געזאָגט אַז זיי האָבען מיט איהם צו רעדען אַ וויכטיגען ענין. האָט זיי דער מלמד משיב געווען אַז ער איז אַ שכיר יום און ער טאָר אַצינד נישט מבטל זיין זיין צייט. האָבען איהם די דריי אידען געבעטען אַז ער זאָל פאַר זיי באַשטימען אַ צייט ווען זיי וועלען קענען רעדען מיט איהם. האָט ער זיי באַשטימט אַ צייט. ווען זיי זיינען געקומען צו איהם האָבען זיי איהם פאַרגעשלאַגען אַז ער זאָל ווערען רב אין פראַנקפורט. האָט ער זיי געענטפערט אַז ער קען דאָס נישט אָננעמען, מחמת ער דאַרף לערנען מיט די אינגלעך. זיי האָבען איהם שטאַרק געבעטען, אָבער ער איז אַלץ געבליבען איינגעשפּאַרט אַז ער קען נישט איבערלאָזען די אינגלעך מיט וועלכע ער לערנט. ווען זיי האָבען געזען אַז זיי קענען ביי איהם גאָרנישט פועל׳ן, זיינען זיי געגאַנגען זוכען אַ צווייטען פּאַסיגען מענטש. וויבאַלד זיי זיינען אַרויס פון שטאָט איז דער מלמד שווער קראַנק געוואָרען ר״ל און געווען אַ נוטל למות ר״ל. זיינען צו איהם געקומען די חשובים פון דער שטאָט מבקר חולה זיין. ווען דער מלמד האָט געזען אַז ער האַלט שמאָל, האָט ער זיך אָנגערופען: רבונו של עולם, אויב דו ווילסט דווקא אַז איך זאָל אָננעמען דאָס רבנות אין פראַנקפורט, וועל איך מבטל מאַכען מיין רצון פאַר דיין רצון און איך בין מסכים. און באַלד איז איהם גרינגער געוואָרען און ער איז געוואָרען אויסגעהיילט. באַלד זיינען אַרויסגעגאַנגען שליחים אויפצוזוכען די דריי תלמידי חכמים פון פראַנקפורט, און זיי לאָזען וויסען אַז דער מלמד איז שוין מסכים אָנצונעמען דאָס רבנות. מען האָט די דריי אידען געטראָפען שוין עטליכע מייל פון קראָקע. וואָרים אויך מיט זיי האָט פּאַסירט אַ סיבה, דהיינו זייער וואָגען האָט זיך צעבראָכען און איינער איז אַרונטערגעפאַלען און זיך צעבראָכען אַ האַנט, אַזוי אַז האָבען זיך געמוזט אויפהאַלטען אין אַ דאָרף. אַזוי אַרום האָבען זיך די דריי שליחים צוריקגעקערט קיין קראָקע און אויפגענומען דעם מלמד אַלס רב אין פראַנקפורט.

(בס׳ באר יצחק בפתיחה תולדות יצחק)

### דער ווייטער קיק פון חתם סופר זצ״ל

**נאך** דער חתונה, פון דעם בעל דברי אברהם ז״ל, איז ער געפארען מקבל זיין פני רבי דעם חתם סופר ז״ל, ווען ער איז געגאנגען נעמען רשות צוריק פארען אהיים, האט אים זיין רבי געזאגט לך לשלום, און א כתב רבנות וועל איך דיר צושיקען אין שטוב. זאגט ער צום רבי׳ן, רבי, נאך וואס דארף איך די כתב רבנות, איך האב ב״ה פרנסה בריוח, צוליב וואס דארף איך רבנות, איך קען רואיגערהייט זיצען על התורה ועל העבודה. אויף דעם האט אים דער רבי געענטפערט, זיי ניט קיין נאר, איך וויים בעסער פון דיר, דו דארפסט ניט קיין געלט, און דו וועסט ניט האבען קיין געלט. ער האט זיך ווייטער געבעטען ביי דעם חתם סופר זי״ע ער זאל אים ניט צווינגען אנצונעמען א רבנות, אבער ס׳האט אים ניט געהאלפען, און דער רבי האט נאכאמאל אים געזאגט פאר געזונטערהייט און די כתב רבנות וועל איך דיר צושיקען אין שטוב. אהיימפארענדיק האט מען ביי אים צוגע׳גנב׳ט די גאנצע געלט, און אזוי ארום זיינען מקויים די ווערטער פון זיין הייליגען רבי׳ן דער חתם סופר זי״ע, און באלד האט מען אים אויפגענומען אלס רב אין א קהלה. זי״ע.

## וואס באדייטעט דער שטעקן

ג־ט זאגט משה רבינו „קח את מטך והשלך לפני פרעה והי׳ לתנין״ משה זאל נעמען דעם שטעקן און ווארפן פאר פרעה, וועט ער ווערן א שלאנג. און נאכער האט משה אנגעכאפט דעם שלאנג איז ער געווארן ווידער א שטעקן — וואס האט עס באדייטעט פאר פרעה! וואס האט ער געזעהן אין אט דעם צייכן!

הקב״ה האט אזוי געזאגט: דער רשע האלט זיך גרויס און רופט זיך „שלאנג״ ווי עס שטעהט אין פסוק (יחזקאל כ״ט) „התנים הגדול הרובץ בתוך יאוריו״, דעריבער געה זאג צו פרעה: דו זעהסט דעם שטעקן וואס איז א טרוקענער האלץ, און עס ווערט א שלאנג, מיט א לעבעדיגן גייסט, און ער שלינגט איין אלע שטעקנס. דוכט זיך אז ער לעבט און שלינגט און פרעסט, און ווארפט זיין הערשאפט אויף אנדערע. עס איז אבער נישט אזוי, מיט איין ווארט פון הקב״ה, ווערט דער גאנצער לעבעדיגער שלאנג צופאלן! ענדליך ווערט ער צוריק א שטעקן א פוסטער טרוקענער האלץ.

די זעלבע באדייטעט טאקע פאר פרעה. פון נישט האב איך דיר פרעה באשאפן! א גאנצע מלוכה האב איך דיר געשאנקען. קומסטו און האלסט זיך גרויס, און באריהמסט זיך לי יאורי ואני עשיתיני״, פרעה האט זיך געמאכט פאר א ג־ט און געזאגט דעם טייך איז מיינער, איך האב איהם געמאכט!

דעריבער וועל איך צוריק מאכן צו נישט· און דער שלאנג פרעה איז געווארן צוריק א פראסטער שטעקן·

און די אידישע שטעקנס, די „מטות", די צוועלף שבטים, וועלכע האסט איינגעשלונגען און פייניגסט זיי — וועל איך דעם ביסן פון מויל ארויס־רייסן·

(לפי המדרש מובא בילקוט שמעוני)

### וואָס צדיקים קענען באַווייזען

אין ספר דעת משה פון הרה"ק מקאזניץ זצ"ל שטייט אַז ער האָט געהערט אַז דער רבי ר' זישא זצ"ל איז אַמאָל געגאַנגען אין וועג האָט ער געזען פאַר זיך צוויי דרכים און ער האָט נישט געוואוסט אויף וועלכען וועג צו גיין. האָט ער געזען דעם השם הוי"ה פאַר זיך און אַזוי האָט ער גאוואוסט אין וועלכען וועג צו גיין.

(בספר דעת משה פ' שמיני)

### א געטליכער מופת — באוואונדערט אלעמען

תנו לכם מופת. עס דאַרף דאָך שטעהן: „תנו להם מופת"?

האָט דער רבי ר' אלימלך ז"ל געזאָגט דערויף, אַז דאָס איז דער חילוק צווישן א פאַלש וואונדער וואָס ווערט געמאַכט דורך אויגן־פאַרבלענדעניש אדער כישוף, און צווישן אַן־אמת'ן מופת וואָס געשעהט דורך א געטליכן כח. בעת א פאַלשער וואונדער ווערט נאָר בעוואונדערט דורך די צושעהער און די וואָס מאַכן איהם ווייסן די פאַלשקייט אַז זיי האָבן נישט וואָס צו בעוואונדערן, איז אָבער א געטליכער מופת וואונדערליך אַפילו ביי די צדיקים וואָס דורך זיי געשעהט עס. און דאָס הייסט: „תנו לכם מופת" ביי אייך אליין וועט עס אויך זיין א מופת.

### מן השמים האָט מען געגעבן פאַרשטאַנד פאַר אַ פערד

שקר הסוס לתשועה. רבינו דון יצחק אברבנל ז"ל, וואָס ער איז געווען מיניסטער אין שפּניא און פּאַרטוגאַל, אַמאָל איז ער געווען אויף אַ מלחמה און לויט זיין פּלאַן האָט ער געדאַרפט זיין אויף דעם און דעם אָרט, אָבער דער פערד זיינער האָט בשום אופן ניט געוואָלט שטיין אויף דעם אָרט און וויפיל ער האָט אים גיקערעוועט האָט דאָס ניט געהאָלפען. פּלוצלים איז דורכגעפלויגען אַ קויל אויף דעם אָרט וואו דער אַברבנל האָט געוואָלט שטיין און ווען ניט דער פערד וואָלט אַוועק פון דאָרט וואָלט ער דערהאַרגעט געוואָרען. דאַן האָט דער אברבנל געלויבט השי"ת פאַר דער ישועה, און האָט געזאָגט די מליצה, שקר הסוס, דאָס וואָס דעם מאָל איז מיין געטרייער פערד געווען פאַלש, ער האָט ניט געוואָלט שטיין וואו איך וויל, דאָס איז געווען, לתשועה, צו מיין הילף.

## דער מקור פון פרעה'ם פעסטקייט

כי אני הכבדתי את לבו משה רבנו האט זיך מצער געווען ווען ער האט געזען אז פעסטקייט און אזא עקשנות ביי דער סטרא־אחרא. האט איהם השי״ת געטרייסט אז די פעסטקייט איז נישט מצד פרעה'ן נור כי אני הכבדתי את לבו — איך מאך עס הארט זיין הארץ, עס איז נישט זיין אייגענער כח (בשם הה״צ מגוסטינין ז״ל)

אידן ציילן צו די לבנה און די אומות העולם צו דער זון. ווי די אומות קענען עקזיסטירן נור ווען עס איז זיי ליכטיג, ווען עס איז ביי זיי טאג. ווערט זיי אמאהל פינסטער — דאן ווערן זיי אין גאנצן פערניכטעט און אבגעווישט פון דער געשיכטע. אידן דאגעגן קענען עקזיסטירן און לייכטן אפילו ווען עס איז זיי פינסטער פונקט ווי די לבנה שיינט אין דער פינסטערער נאכט... (שפת אמת)

## ג־ט איז אומעטום

ויאמר ה' אל משה בא אל פרעה עס שטעהט נישט „לך אל פרעה" נור „בא" וויל פון השי״ת געהט מען נישט אוועק, ער איז אומעטום דא מיט, ס'איז „מלא כל הארץ כבודו", פאסט זיך דאריבער גיבער דער אויסדרוק „בא" וואס הייסט: קום מיט מיר — איך בין מיט דיר. (בשם הה״ק מקאצק ז״ל)

## שבת און תפילין

למען שתי אותותי אלה בקרבו דורך יציאת מצרים האבן אידן זוכה געווען צו צוויי אותות (צייכנס), צום אות פון שבת — כי אות הוא ביני וביניכם — און צום אות פון תפילין — והיה לאות על ידך — ביי שבת און ביי תפילין זאגט די תורה אז די זאלן זיין צייכנס וואס זאלן דערמאנען אין יציאת מצרים. דעריבער זאגט השי״ת: „למען שתי אותותי אלה בקרבו" דורך די וואונדער פון יציאת מצרים וועל איך אידן געבן מיינע צוויי אותות — שבת און תפילין... (מאור ושמש)

### הייליגען זיך מיט דער מצוה תפילין

אין ספר מנורת המאור ח״ר נר ג' כלל ג' ח״ה פ״א, ווערט געבראכט חז״ל דער מענטש דארף זיך הייליגען ביי די מצוה פון תפילין, אים זאל ניט אריינפאלען קיין שלעכטע און ניט־גוטע מחשבות און די שווערע שטראף. אויף דעם ברייגנט דער נפש יהודה (א פי' אויף דעם מנורת המאור) א מעשה, ביי א גרויסען שר איז געווען א אנגעשטעלטער א איד, דער איד איז געווען זייער גרויס ביי דעם שר. נאכדעם ווי דער איד איז געשטארבען איז אמאל דער שר אדורך זיין קבר. האט ער א זאג געטאן לאמיר עפענען און זען ווי ער ליגט אין קבר, ווען מען האט אויפגעעפענט דעם קבר האט מען געזען ווי איין שלאנג שטייט אויף זיין שטערען אויפן פלאץ פון של ראש, און צוויי שלענג לעבערען זיין מוח און הענגען אראפ ווי צוויי רצועות, און נאך א שלאנג איז ארומגעוויקעלט אויף זיין האנט ווי די רצועות של יד. דער שר איז געבליבען זייער פארוואונדערט און גלייך געהייסען שיקען רופן דעם רב פון שטאט און האט געפרעגט וואס דאס מיינט, דער רב האט געפרעגט ביי דעם שר צי האט ער זייענדיק ביי דיר געלייגט יעדען טאג תפילין? דער שר האט געענטפערט, ניין. האט דער רב געזאגט, דאס איז דער עונש פאר ווייל ער לייגען קיין תפילין ר״ל.

## א אמת׳ע תשובה ווירקט אין אלע אומשטענדן

**עד מתי מאנת לענת מפני עס זענען פערהאן הארבע עבירות וואס „אין מספיקין בידו לעשות תשובה״ — מ׳פערשליסט פון הימל די וועג צו תשובה. פון דעסטוועגן אויב דער מענטש איז זיך מתבונן, אין די גרויסקייט פון דעם חטא און אין אט די מניעה פון תשובה, און דאדורך אליין ווערט ער ביי זיך שטארק צובראכן און שפל — איז זיך השי״ת מרחם און מאכט פאר איהם א באזונדער וועג אז ער זאל קענען תשובה טהון. וויא עס זאגן די חז״ל: „חותר חתירה מתחת כסא הכבוד לקבלו בתשובה״ — דאס שפלות און הכנעה באהנט פאר איהם אויס א נייע תשובה־וועג, א הינטער־וועג... וואס איז אויפ׳ן נארמאלן אופן נישט מעגליך. ווען אבער „מאנת לענת מפני״ — אז מ׳האט נישט קיין הכנעה און קיין שברון הלב פון דעם וואס „אין מספיקין בידו לעשות תשובה״ — בלייבט טאקע „אין מספיקין״...**

(ישמח ישראל בשם אביו הה״ק מהר״י ז״ל מאלכסנדר)

## אן אמת׳דיגער בעל תשובה

אין דעם ספר בית יחזקאל ווערט געברענגט די פאלגענדע מעשה. אין פיעטרקוב האט געוואוינט הרה״ק ר׳ חיים דוד דאקטאר. פריער האט ער געהייסען פראפעסאר בערנארד. ער איז געווארען א בעל תשובה און א גרויסער צדיק. וויאזוי איז ער געווארען א בעל תשובה? ער איז איינמאל געגאנגען מיט זיין ווייב שפאצירען אים ראש השנה אין זיין שטעטל זארנאוו. פאר תקיעת שופר איז ער געקומען מיט זיין ווייב צו דער שוהל און ער האט געוואלט מיט איהר אריין גיין. אבער די מענטשען וואס זיינען געשטאנען נעבען דער שוהל האבען איהם נישט געוואלט אריינלאזן צוזאמען, נאר זיי זאלען גיין באזונדער, ער זאל אריינגיין אין דער שוהל און זי זאל גיין אין דער ווייבער שוהל. האבען זיי געפאלגט. ער איז אריינגעגאנגען אין דער שוהל און ער האט ארויפגעקוקט צו איהר צו דער ווייבער שוהל, און זי האט פון אויבען אראפגעקוקט אויף איהם און זיי האבען אפגעשפאט פון אלעמען. אינצווישען איז ארויפגעגאנגען דער רב פון דער שטאט זארנאוו אויפ׳ן באלעמער און גענומען זאגען די דרשה פאר תקיעת שופר. ער האט געזאגט הארצרייסענדע רייד און דער עולם איז שטארק נתעורר געווארען. אויך דער פראפעסאר און זיין פרוי זיינען גערירט געווארען פון דעם מוסר און זיי האבען גענומען וויינען. זיי זיינען אזוי שטארק נתפעל געווארען וואס תיכף נאכדעם ווי זיי זיינען ארויס פון דער שוהל האבען זיי באשלאסען תשובה צו טאן און צו ווערען ערליכע אידען שומרי תורה ומצוות. נאך ראש השנה האבען זיי צעבראכען אלע טריפה׳נע כלים און זיי האבען גענומען איינפירען כשרות און מדקדק געווען במצוות. דער פראפעסאר איז געפארען צו הרה״ק ר׳ דוד׳ל מלעלוב זצ״ל און ער איז מיט איהם געפארען צום חוזה מלובלין זי״ע, און אין א קורצער צייט איז ער אזוי געשטיגען אין די מדריגות אז ער איז געווארען איינער פון די צדיקי הדור, וואס ער האט באוויזן פארשידענע וואונדער.

**אמת'דיקע תשובה העלפט אייביק** **צח**

אין ספר אור צדיקים ווערט געבראַכט אַ סיפור נפלא פון איינעם וואָס איז געווען אַ גרויסער רשע די גאַנצע צייט. ער האָט ביי זיך אַליין געוואוסט אַז עס איז שווער אַז זיין תשובה זאָל ווערן אָנגענומען. איינמאָל האָט ער געפרעגט אויף אַ גע־לעכטער להחכם ר' משה דילאָון ז"ל אויב ער קען האָבן אַ רפואה אויף זיינע עבירות. האָט ער צו אים געזאָגט, אַז ער קען נישט האָבן אַ רפואה און אַ כפרה אויף זיינע עבירות, נאָר באופן אַז ער וועט אויף זיך מקבל זיין דעם דין פון מיתה. האָט דער רשע געפרעגט, אויב אַז ער וועט אויף זיך מקבל זיין מיתה וועט ער האָבן אַ חלק אין גן עדן. האָט החכם ר' משה דילאָון אים געענטפערט, אַז ער וועט האָבן אַ חלק אין גן עדן. האָט ער צו אים געזאָגט, שווער מיר צו, אַז מיין אָרט אין גן עדן וועט זיין לעבן דיר. האָט החכם ר' משה צו אים געשוואָרן אַז ער וועט זען אַז ער זאָל אים צו זיך מקרב זיין אין גן עדן.

אזוי איז ער אים תיכף נאָכגעגאַנגען אין בית המדרש אריין, און החכם ר' משה דילאָון האָט געהייסן ברענגען בליי און מען האָט עס צולאָזט אויף דעם פייער. און ער האָט גענומען דעם מענטש און האָט אים אַנידערגעזעצט אויף אַ קליין בענקל און האָט גענומען אַ קליין טיכל און האָט אים צוגעבונדן די אויגן. און ער האָט צו אים געזאָגט: זיי מתודה צו גאָט אויף דיינע זינד, און נעם אויף דיר דעם עול מלכות שמים מיט דעם גאַנצן האַרץ און זאָג שמע ישראל, און זיי מקבל אויף דיר מיתה דורך דיינע זינד וואָס האָסט אַזויפיל יאָר מרגיז געווען דיין באַשעפער. האָט דער בעל תשובה אַזוי געטאָן ווי הרב האָט אים געהייסן, און האָט זייער שטאַרק און ביטער געוויינט. און אַרום אים איז געשטאַנען אַ גרויס פאַרזאַמלונג פון זקנים און תלמידי חכמים. דערנאָך האָט הרב ר' משה דילאָון צו אים געזאָגט: עפן אויף דיין מויל וועל איך אַריינגיסן דעם צולאָזטן צין וועסטו שטאַרבן אויף קידוש השי"ת. האָט דער בעל תשובה תיכף שטאַרק אויפ־געעפנט זיין מויל און האָט זיך אַרומגעבויגן. און פיל מענטשן זיינען געשטאַנען אַרום אים. האָט הרב ע"ה גענומען אַ לעפל פול מיט האָניק און האָט אַריינגעלאָזט אין זיין מויל אַריין, און האָט געזאָגט: וסר עונך וחטאתך תכופר (עס וועט ווערן אָפּגעטאָן דיין זינד און וועט ווערן פאַרגעבן). האָט תיכף דער בעל תשובה אָנגעהויבן צו שרייען מיט אַ ביטער קול: רבי, למען השם, וואָס האָט איר מיר געטאָן? הרג'ט מיר ליבער און איך זאָל נישט זען אין מיין שלעכטן אַז מיין נשמה וועט ווערן פאַרלוירן! וואָס טויג

מיר שוין מער מיין לעבן אז איך האב אזויפיל עבירות געטאן?! האט צו אים הרב געזאגט: פארכט דיך נישט און שרעק דיך נישט, ווארום השי"ת האט אנגענומען דיינע מעשים.

פון דער צייט אן, איז דער בעל תשובה תמיד געזעסן אין בית המדרש און האט תמיד געפאסט און האט געטאן גרוים תשובה, און איז תמיד געזעסן און געלערנט.

אין א צייט ארום איז הרב ר' משה דילאון נפטר געווארן. האט ער זייער ביטער געוויינט פאר השי"ת אז ער זאל אים אויך צונעמען ווייל ער האט נישט א רבי'ן ער זאל אים מדריך זיין. און ער האט אזויפיל געבעטן ביז השי"ת האט אים צוגע-הערט און איז קראנק געווארן. ווען עס איז געקומען נאענט צו זיין פטירה, האט ער אנגעהויבן צו שרייען: פנו מקום, פנו מקום צו מיין רבי'ן ר' משה דילאון, ער איז איצטער נאך מיר געקומען מקיים צו זיין זיין שבועה ער זאל מיך פירן אין גן עדן. און איז תיכף נפטר געווארן. און נאך זיין פטירה האבן אים פיל זקנים געזען אין חלום ווי ער זיצט אין גן עדן לעבן זיין רבי'ן און לערנען צוזאמען תורה.

**אז מען לייגט זיך ווי א לייב שטייט מען אויף ווי א לייב**

עס ווערט געבראכט אין דעם הייליקן ספר „דברי יחזקאל" אין נאמען פון הרב הצדיק מוהר"ר מאיר מפרעמישלאן זצוק"ל, אז ער פלעגט געוואוינט זיין צו זאגן: שלחן ערוך אורח חיים (סימן א) פאנגט זיך אן מיט דעם לשון, אז „א מענטש דארף זיך שטארקן ווי א לייב גאנץ פרי אויפצושטיין צו דער דינסט פון בורא עולם". דער רמ"א הקדוש גיט צו, אז „ווען ער וועט זיך לייגן זאל ער ויסן פאר וועמען ער לייגט זיך".

איז דאך א שווערע קשיא, אז דער מחבר פאנגט פריער אן פון אויפשטיין, פארוואס פאנגט דער רמ"א פריער אן פון זיך לייגן און דערנאך פון זיך אויפהויבן? נאר, דעם רמ"א הק' איז געווען שווער אויף דעם מחבר וואס ער שרייבט פון אויפשטיין אליין — וואו האט מען דען געזען אז מען לייגט זיך ווי א פערד און מען זאל אויפשטיין ווי א לייב? אויב מען לייגט זיך ווי א פערד הויבט מען זיך אויך אויף ווי א פערד!

דעריבער לייגט צו דער רמ"א הק' אז „ווען מען לייגט זיך שלאפן זאל ער ווישן פאר וועמען ער לייגט זיך", דאן קען ארויס-קומען אז דער אויפשטיין זאל זיין ווי א לייב, — „יתגבר כארי".
(מובא בטעמי המנהגים ומקורי הדינים הנהגת הבוקר)

## ויהי חושך אפלה... לא ראו איש את אחיו (י. כב.)

די גרעסטע פינסטערניש אויף דער וועלט איז דאן, ווען „לא ראו איש את אחיו", ווען איין מענש זעט נישט און וויל נישט וויסן פון צווייטן, ווען יעדער איינער לעבט בלויז פאַר זיך... (אשכול מאמרים)

פון וואנעט האט זיך דערנומען אזא ליכטיגקייט ביי די אידן אין מצרים, אז ווען אמעטום איז געווען פינסטער, איז ביי די אידן געווען ליכטיק?

זאגט דער קאצקער זצ"ל: די אידן האבן זוכה געווען אז ס'איז פאר זיי געעפנט געווארן דער „אור הגנוז" פון ששת ימי בראשית, וואס איז באהאלטן געווארן כדי די רשעים זאלן זיך נישט באנוצן מיט איהם. אבער יעצט איז דאך, ביי די רשעים געווען חושך, האבן זיך שוין די אידן געקענט באנוצן מיטן אור. דעריבער זאגן די חז"ל אז די אידן האבן געזעהן אין די חושך־טעג אפילו וואס האט זיך געפונען אין די באַהעלטענישן פון די מצריים. דאס איז דער כח פון אור הגנוז פאר וועלכן עס איז נישטא קיין פארבארגעניש.

## אויף די וועלט ווייסט מען נאך נישט

ואנחנו לא נדע מה נעבד את ד' עד בואנו שמה דער חידושי הרי"ם זצ"ל פלעגט זאגן: אלע אונזערע עבודות און מצוות, וואס מיר טהוען אויף דער וועלט ווייסען מיר נישט צו זיי האבן עפעס א ווערט און א באדייטונג, צו זיי זענען גענוג ריין, עהרליך און לשם שמים, — עד בואנו שמה — ביז מיר וועלן דארט אנקומען אויפ'ן עולם החשבון, דארט וועלן מיר ערשט געוואהר ווערן, וואס אונזער עבודה דא איז געוועזען.

(שיחות צדיקים)

## גמילות חסדים ברייגנגט גוטעס

וישאלו איש מעת רעהו ואשה מאת רעותה... ויתן ה' את חן העם בעיני מצרים אויב אידן זענען גומל־חסד איינער מיט'ן צווייטן, מען בארגט יענעם, מען העלפט איהם אין דער נויט, דאן גיט זיי השי"ת חן אפילו אין די אויגען פון זייערע שונאים. עס ווערט דאן אין הימעל נתעורר חסד אויף אידן און זיי באקומען חן.

(תולדות אדם מהה"ק מאוסטרובה ז"ל)

## דאָס תמימות פון אַ צדיק

עס ווערט דערציילט אַ אינטערעסאַנטע מעשה וועגן דעם תמימות פון הר"ה"ק אב"ד דראַג (הנקרא בפי כל ר' שמואל קאמאדער זצוק"ל). אַז איידער ער איז געוואָרן רב אין דראַג איז ער געווען אַ גרויסער סוחר מיט פעדערן אַמאָל פאַרענדיג צום מאַרק אין דעבערעצן האָט ער געזען ווי אַ איד שלעפּט אַ זאַק פעדערן אויפן פּלייצע, דער איד איז געווען ר' זיסמאַן פון נאַנאַש, זאָגט צו אים ר' שמואל איר גייט דאָך מסתמא צום מאַרק, לייגט אַרויף דעם זעקעל אויף מיין וואָגען ווייל איך פאַר אויך אַהין, דער איד האָט אַרויפגעלייגט

דאס פעקעל און ער אליין איז אוועק צופוס ווייל ער האט נאך געדארפט אויפ'ן וועג עפעס איינקויפן. אין מיטן וועג האט מען צוגע'גנב'עט ר' זוסמאנ'ס פעקעל פון ר' שמואל'ס וואגען, ווען ר' זיסמאן איז געקומען אין דעברעצען האט ר' שמואל קיינע זאכען ניט דערציילט ווייל ער וואלט ביי אים גארניט גענומען, נאר ער האט אים געזאגט אז א גרויסער סוחר האט אפגעקויפט דעם פעקעל מיט די פעדערען און האט אים געגעבן די געלט, ר' זיסמאן האט אים געגלויבט און איז געווען זייער צופרידען פאר דעם גוטען געשעפט, מיט א פאר וואכען שפעטער האט מען געכאפט דעם גנב, און אזוי ווי אויפן פעקעל איז געווען ר' זיסמאנ'ס נאמען מיטען אדרעס האט מען עם גערופען אין בית המשפט, קומענדיג אין בית המשפט רופט זיך אפ דער שופט צו אים איז דאס דיין פעקעל וואס מ'האט פון דיר אוועקגע'גנב'ט, האט ער געענטפערט אז דאס פעקעל איז זיינס געווען נאר ר' שמואל האט עס פארקויפט, דער שופט האט געהייסען רופען ר' שמואל'ן הערען וואס דא איז געשען, ווען ר' שמואל איז געקומען האט ער געזאגט די זעלבע וואס ר' זוסמאן האט געהאט פריער געזאגט, בכדי אים ניט צו פארשעמען אז ער האט אים געגעבען אומזיסטע געלט, דער שופט האט געהייסען ר' שמואל'ן שווערען אויף דעם וואס ער זאגט, דא האט ער שוין קיין ברירה נישט געהאט און געמוזט דערציילען דעם גאנצען אמת. דער שופט הערענדיג דאס איז זייער פארוואונדערט געווארען פון ר' שמואל'ס גרויסקייט און צדקות, און דער שופט האט דאס פארשריבען אין דעם פראטאקאל פון בית המשפט, פון דעמאלט אן האבען אפילו די גוים אנגעהויבען האלטען פון אים און זיי פלעגען אים רופען „סענט זשידאר". מאכט זיך א מעשה אין א צייט שפעטער, ווען ר' שמואל איז שוין געווען רב אין דאראגא, האט מען אויסגעטראכט א בלבול אויף א אידען וואס האט געדראט מיט עטלעכע יאר תפיסה, דער איז געקומען צולויפען צום רב בעטענדיג ביי אים ער זאל אים העלפען, דער דאראגער רב ז"ל האט גלייך אנגעשריבען א בריף צו מו"ה ר' יצחק רייך נ"ע, נשיא ד'קאנצעליי, ער זאל פועלן ביי די שרי המדינה אראפנעמען דעם בלבול פון דעם אידען, ר' יצחק רייך האט גענומען דעם בריף און איז אוועק צו זיינעם א באקאנטען שר און האט אים געזאגט, זעסט דעם בריף פון דאראגער רב, ער איז א איש אמת און מען קען אים פאר קיין שום געלט ניט אפקויפען, און אויב דו גלויבסט מיר ניט פרעג דעם שופט פון קאמאדע וואו ר' שמואל איז געווען יארען לאנג א סוחר און ער וועט דיר דערציילען וועגען עם, דער מיניסטער האט אזוי געטאן, און אוועקגעשיקט א בריף צום שופט, אין עטלעכע טעג ארום האט דער שר ערהאלטען א בריף פון שופט מיט דער גאנצע מעשה פון דעם משפט, און אז ער איז זייער באגייסטערט פון אים. דער שר האט גלייך געזען אז מען זאל מבטל זיין די גזירה פון דעם אידען. די מעשה לערענט אונז צו וואס ערענסטקייט קען ברייגגען.

(בספר תולדות אנשי שם)

הצדיק רבי שמעלקע זצ"ל פון ניקלסבורג, האט אמאהל געהאלטן א דרשה פארן קהל. נאך איהם איז ארויף הצדיק רבי אלימלך זצ"ל פון ליזענסק און האט אזוי געזאגט:

א פרינץ איז אמאהל געפארן צוזאמען מיט זיין לייב־דאקטער. איז איהם פאר־געקומען דורכצופארן אין א געוו'סן דארף. האט פאסירט אז איינער פון די דארפסלייט איז שווער קראנק געווארן. האט מען געבעטן דעם דאקטער ער זאל איהם באזוכן און געבן א רעצעפט. האט אזוי געטהון דער דאקטער, אבער עס האט נישט געהאלפן. האט ער געגעבן א צווייטן רעצעפט און עס האט נאך נישט געהאלפן.

האט זיך א דארפסמאן אנגערופן, אדוני הפרינץ! דו ביזט געוואוינט מיט איידאלע מענטשן צו האנדלען, מענטשן וואס עסן ווייסע ברויט מיט עוף, אזא איינער ווען ווערט קראנק העלפן איהם דיינע איידאלע רפואות, אבער אזא דארפסמאן וואס עסט שווארצע גראבע ברויט מיט הערינג — ווער'ט נישט בעאיינפלוסט פון אזעלכע רפואות.

דאס זעלבע — פירט אויס דער רבי ר' אלימלך — איז דא, הצדיק רבי שמעלקע האט יעצט געזאגט א דרשה מיט הויכע געדאנקען, דאס פאסט לויט זיין גרויסקייט, אבער פאר אזעלכע פראסטע מענטשן ווי אונז דארף מען רעדן פשוטע רייד אז מ'טאר נישט עובר זיין אויף די תורה און ס'איז דא אזעלכע און אזעלכע עונשים!

עס איז דאָ א ווערטל „אויב שרייען — שריי צו ג־ט!". שרייען גלאַט־אזוי, איז א איבריגע זאַך. עס טהוט גארנישט אויף. פארקערט עס שאדעט צום געזונד. אנדערע אנגעגריפענע מענטשן שפירן עס אויפן פלאַץ, ווי די צושרייען זיך געהט ארויף דעם בלוט־דרוק אדער דער קאָפּ באַקומט שמערצן.

שרייען דאס איז א צווייג פון כעס, און כעס איז א צווייג פון עבודה זרה. ווען דער מענטש זאל זיך דאס בארעכענען וואלט ער נישט אין כעס געווארן און נישט געשריהען.

עס איז דאָ א ווארט „כעס איז ווי עבודה זרה", אזוי ווי עבודה זרה, ווען איינער דינט צו איהר איז עס אהן א שום תועלת, אזוי איז כעס...

דער מענטש וואס שרייעט, האט נאכער חרטה און שעמט זיך פאר זיך אליין. ווען ער טראכט עס פריער און שטעלט זיך פאר די חרטה און די בושה — וואלט ער עס פארשפארט. די צרה איז וואס דער מענטש לעבן אהן רעכנונג.

אבער עס קען זיין אז עס איז א חסרון אין אמונה ווען א מענטש שרייעט ווייל אין געגנווארט פון א פרעמדן מענטש, אדער א פרעזענליכקייט, שעמט מען זיך צו שרייען. און וואו איז די מחשבה אז הקב"ה איז אומעטום! מלא כל הארץ כבודו! און אפשר טאקע דערפאר איז כעס ווי עבודה זרה, ווייל דאס ווייזט חסרון אין אמונה. דער איד מיט די שטארקע אמונה קען נישט אין כעס ווערן און קען נישט שרייען.

צוליבן געזונד! צוליב די אמונה! צוליב דעם חינוך פון די קינדער! צוליב מענטשליכקייט! צוליב אידישקייט!

## בנערינו ובזקנינו נלך (י. ט.)

די נערים פאַר די זקנים, ווייל אויף די יוגנט לויערט שטארקער די סכנה אז זי זאל נישט ווערן אסימילירט און מיטגעריסן מיטן מצרי'שען שטראם; ערשט נאָך זיי די זקנים, דער עלטערער דור, מיט וועלכן מען איז מער זיכערער, אַז זיי וועלן זיך האַלטן אין אידישקייט... (ספר הדרוש)

**אַז מען בעט אוים פאַר אַן אורח צום שלאָפן בעט מען אוים פאַר זיך אַ בעט לעולם הבא**

אין ספר „דרך אמונה" בשם דעם ספר „זכרון טוב" ווערט געבראכט, אַז מהר"י הקדוש מנישחיז זצוק"ל האָט דערציילט, אַז אין באַרדיטשעב איז געווען זייער אַ חשוב'ער איד מיטן נאָמען ר' ליבער ז"ל.

אַמאָל אין אַ ווינטער נאַכט נאָכן יריד, איז צו אים אַריינגעקומען אַ מענטש, ווען ער האָט דערזען אַז ביי אים אין שטוב ברענט אַ ליכט. ר' ליבער זצוק"ל האָט אים אויפגענומען בסבר פנים יפות, ווי ער פלעגט אויפנעמען מענטשן, און האָט אויסגעבעט די בעט, דער אורח זאָל קענען באַקוועם שלאָפן.

זאָגט אים דער אורח: פאַרוואָס זייט איר זיך מטריח אליין מיר אויסצובעטן? האָט אים ר' ליבער זצוק"ל געענטפערט: דו מיינסט אַז כ'בעט פאַר דיר, ניין כ'בעט פאַר זיך (אויף עולם הבא).
(מובא בטעמי המנהגים ומקורי הדינים בעניני ציצית)

**דער גרויסער זכות פון הכנסת אורחים**

ווען עס זיינען געווען די גזירות אין שפּאַניע, איז אין דייטשלאַנד געווען אַן אַלטער זקן מיטן נאָמען רבי יחיאל. ער האָט געוואוינט אין אַ פּאָרט-שטאָט לעבן אַ גרויסן ים. דאָן זיינען אָנגעקומען פליטים פון שפּאַניע קיין איטאַליע.

רבי יחיאל איז געווען אַן איש תם וישר, און האָט אויפגענומען יעדן איינעם בסבר פנים יפות אלם הכנסת אורחים ביי זיך אין שטוב, אָרעם און רייך, און זיי געשפּייזט און מלוה געווען, און מיטגעגעבן יעדן איינעם צדה לדרך כדת וכדין. רבי יחיאל האָט אויף דעם אויסגעגעבן פיל געלט.

אין איין טאָג זיינען געקומען צו אים אין שטוב פיר אַלטע מענטשן וואָס קומען פון גלות, און זיי האָבן געזען זיין רוח נדיבה און גרויסקייט אין מדת החסד וואָס ער טוט מיט יעדן איינעם. האָבן זיי אים געפרעגט, צי ער האָט עפּעס אַ בקשה צום בורא עולם? זיין ענטפער איז געווען, אַז מיין בקשה איז אַז פון מיר זאָל אַרויסקומען אַ זון וואָס וועט זיין אַ גרויסער חכם אין תורה. האָבן זיי אים צוגעזאָגט, אַז עס וועט פון אים אַרויסקומען אַ זון, אַ גרויסער תלמיד חכם, און אים געזאָגט, אַז ער זאָל אים אַ נאָמען געבן אברהם.

און פון זונס זון איז אַרויסגעקומען הגאון הגדול רבנו אברהם דפּיסא, וואָס האָט מרביץ תורה געווען און געשריבן פיל חיבורים, זי"ע ועי"א.
(מובא בספר יסוד יוסף פרק י"ג)

## די גרויסקייט פון באַגלייטען אַן אורח

**אין** ספר התנהגות הדרך ווערט געברענגט אַ מעשה וואָס אַ גרויסער רב האָט דערציילט: איך בין געווען אַמאָל אין מעזשיבוזש ביי מיין קרוב הרה"ק מאַפּטא זי"ע האָט ער דערציילט אַז דער בעל דגל מחנה אפרים זי"ע, אַן אייניקעל פון בעל שם טוב הקדוש זי"ע, איז אַמאָל געפאָהרען אין וועג. ביינאַכט איז ער אַנגעקומען צו אַ גביר אַ גרויסער עושר, בעל צדקה און מכניס אורח. דער גביר האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט זיין גאַסט, ער האָט איהם אַריינגענומען צו זיך און מכבד געווען מיט גרויס כבוד ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ הייליגען גאַסט. נאָכ'ן נאַכטמאָל איז דער רבי געגאַנגען צו זיך אין צימער זיך אָפּרוען. איז דער בעל הבית צו איהם אַריינגעקומען און געזאָגט: רבי, איך האָב צו אייך אַ בקשה. איך וואוין שוין אין דעם אָרט לאַנגע יאָהרען. עס איז אַ קליין דאָרף. איך בין ב"ה מצליח אין פרנסה. מיינע געשעפטען גייען גוט. השי"ת האָט מיך געבענטשט מיט עשירות, און איך האָב נחת פון די קינדער ב"ה. נאָר איין זאַך לאָזט מיך נישט רוען. יעדעס יאָהר ברעכט אויס ביי מיר אַ שריפה. אַמאָל אין שייער, אַמאָל איןווירטסהויז, און אַמאָל אין די שטאַלען פון די בהמות. דעריבער וויל איך בעטען דעם רבי'ן ער זאָל מתפלל זיין, אַז די דאָזיגע פּלאָג זאָל זיך אָפּטאָן פון מיר. האָט איהם דער רבי' געפרעגט, איך האָב געהערט אויף דיר אַז דו ביזט אַ גרויסער בעל מכניס אורח, דערצייל מיר וויאַזוי דו ביזט דיך נוהג מיט די געסט. האָט ער געענטפערט, תיכף ווי זיי קומען צו מיר נעם איך זיי אויף בסבר פנים יפות, און בין זיי מכבד מיט משקה און דערנאָך גיב איך זיי צו עסען. און אויב דער גאַסט איז אַן אָרימאַן געב איך איהם אַ שיינע נדבה, אַלץ לויט דער חשיבות פונעם גאַסט. האָט איהם דער רבי געפרעגט, און וואָס נאָך טוסטו? האָט דער איד גאָרנישט געענטפערט. האָט איהם דער רבי געפרעגט אויב ער באַגלייט די געסט ווען זיי גייען אַוועק. האָט דער איד געענטפערט אַז ער ווייסט בכלל נישט אַז עס איז דאָ אַ חיוב צו באַגלייטען מענטשען. ובפרט וואָס ער איז אַ גרויסער טרוד. האָט איהם דער רבי געזאָגט, זאָלסט וויסען אַז נאָר צוליב דעם האָסטו געהאַט די שריפות. ווייל די מידה פון אברהם אבינו ע"ה איז געווען אש"ל — מכבד צו זיין די געסט מיט א'כילה ש'תיה ל'ויה — און אויב דו ביזט נישט מקיים די מצות לויה פעלט דאָס אויס ל' און עס בלייבט איבער „אש" און דאָס ברענגט דיר די שריפות. דעריבער זיי מקבל אויף דיר אַז מהיום והלאה זאָלסטו באַגלייטען אַלע אורחים און אין דעם זכות וועסטו ניצול ווערען פון שריפות. דער איד האָט אַזוי געטאָן, און פון דעמאָלט אָן איז ביי איהם מער קיינמאָל קיין שריפות נישט געווען.

מיט דריי זאכן איז גמילות חסדים גרעסער פון צדקה. צדקה איז נאר מיט דעם מענטשנס געלד — גמילות חסדים, איז סיי מיט זיין געלד און סיי מיט זיין גוף; צדקה, איז נאר צו ארעמעלייט — גמילות חסדים, איז סיי צו ארעמע און סיי צו רייכע; צדקה, איז נאר צו לעבעדיגע — גמילות חסדים איז סיי צו לעבעדיגע סיי צו די וואס לעבן שוין נישט. (חז״ל).

גמילות־חסד נעמט ארום אלע סארטן און אופנים פון גוטס טהון; מיט געלד, מיט׳ן קערפער אדער מיט רייד.

מיט געלד: לייען אדער אנדערע זאכן, געבן עסן און טרינקען צו א אורח, און אלעס עהנליכעס גוטס וואס א מענטש טהוט מיט זיין געלד.

מיט׳ן קערפער: מטריח זיין זיך פאר אורחים, באגלייטן א אורח, משמח זיין חתן וכלה, בקור־חולים און טהון פאר׳ן חולה, הלווית המת.

מיט רייד: ניחום אבלים, געבן אן גוטע עצה, מתפלל זיין אויף א חולה, לערנען תורה, אדער דינים מיט׳ן צווייטן, מוכיח זיין צו פארמיידן פון א עבירה, און עהנליכעס.

דער כלל איז אז יעדער זאך וואס קומט פון דעם ארויס א טובה פאר׳ן צווייטן איז גמילות חסד. די חז״ל דערציילן א מעשה מיט ר׳ אליעזר בן יעקב, אז אין זיין שטאט איז געקומען א בלינדער ארימאן, האט ר׳ אליעזר בן יעקב גענומען און געזעצט איהם אין שוהל העכער פון איהם. האבן די שטאט לייט געטראכט; אויב ער זיצט העכער פון ר׳ אליעזר׳ן איז דאס א באוויז אז ער איז א חשוב׳ער מאן — האט מען איהם געגעבן צדקה מי א ברייטע האנד.

דער ארימאן האט זיך געוואונדערט אויף דעם און געפרעגט: פארוואס גיט מען מיר אזויפיל? האט מען איהם געענטפערט: ר׳ אליעזר בן יעקב האט דיר געזעצט העכער פון זיך. דאן האט דער ארימאן מתפלל געווען פאר ר׳ אליעזר׳ן, און אזוי געזאגט:

דו האסט גומל חסד געווען צו איינעם וואס ווערט געזעהן און אליין זעהט ער נישט — דער וואס זעהט און ווערט נישט געזעהן זאל מיט דיר גומל חסד זיין.

## אמת׳ע רייכקייט

עס איז דא רייכקייט וואס איז א ברכה, א שפע פון הימל; עס איז דא ווידער רייכקייט פארקערט ווי עס שטעהט „עושר שמור לבעליו לרעתו״ (קהלת ה׳).

ווי איז צו דערקענען צווישן די בידע רייכקייטן? די גוטע די געבענשטע רייכקייט, באנוגנט דעם מענטש און איז צופרידן מיט איהר; דאגעגן די שלעכטע רייכקייט דאס איז וואס מ׳ווערט קיינמאהל נישט זאט און מ׳זויל נאך און נאך, ווי די חז״ל זאגן „יש לו מנה רוצה מאתים״ וויפיל מ׳האט איז וויניג.

ווען די תורה בענטשט דעם איד „עשר בשביל שתתעשר״ אז מ׳גיט מעשר ווערט מען רייך איז דאך די כוונה א ודאי צו אמת׳ע גוטע רייכקייט.

— דעריבער דר׳שענען די חז״ל אויף די ברכה פון די מעשר „עד בלי די״ עד שיבלו שפתותיכם מלומר די — אז מ׳וועט זאגן אז ס׳איז גענוג! דער בעסטער באוויז אז עס איז א געבענטשטע רייכקייט פון הימל!

(פון דעם גערער רעבין הרא״ם זצ״ל)

„אבא תחנה חסידא", — איינער פון די גרויסע מענטשן אין זמן התלמוד — איז געקומען אין זיין שטאט פריטיג פאר נאכט, ווען די זוהן האלט שוין ביים אונטערגעהן, און זיין פעקל ליגט איהם אויף די פלייצעס. אזוי געהענדיג באמערקט ער ווי א קראנקער איד מיט ווונדן ליגט אויף דער ערד אין מיטן גאס. בעט זיך יענער איד ביי איהם: רבי! טהוט מיט מיר א מצוה און פירט מיר אריין אין שטאט!

טראכט זיך אבא: זאל איך איבערלאזן מיין פעקל דא אין וועג — פון וואנעט־ זשע וועל איך און מיין בני בית האבן פון וואס צו לעבן? און ווידער זאל איך איבערלאזן דעם איד — וועל איך געשטראפט ווערן דערויף!

וואס האט ער ענדליך געטהון? — ער האט באהערשט דעם יצר־טוב אויפן יצר־ הרע און האט אריין געפירט דעם פארוואונדעטן איד אין שטאט. נאכער איז ער ווידער ארויס אין דרויסן פון שטאט און גענומען זיין פעקל, אריין אין שטאט ווען די זון איז שוין כמעט אונטערגעגאנגען.

האבן די מענטשן זיך געוואונדערט: דער איז עס אבא חסידא! וואס קומט אין שטאט מיטן פעקל ווען ס'איז שוין שבת?! האט ער געהאט עגמת נפש און געטראכט אפשר האט ער מחלל שבת געווען. אין דעם מאמענט האט השי"ת ארויסגעשיינט די זון! האט אבא ווידער געטראכט: אפשר איז מיין מעשה נישט געוואונשן ביים אויבערשטן?

איז ארויס א בת קול און געזאגט: לך אכול בשמחה לחמך ושתה בלב טוב יינך, כי כבר רצה אלוקים את מעשיך! דיין מעשה איז אנגענומען!

(קהלת רבה פ"ט)

## א רעכטער גמילות חסד

אין די צייט וואס דער רבן של בני הגולה ר' עקיבא איגר זצ"ל איז געווען פוזנ'ע רב איז דארט געווען א אלטער איד, א גרויסער עושר און א בעל צדקה. ווען דער איד איז געלעגן אין זיין לעצטע קראנקהייט, און ר' עקיבא איגר האט איהם מבקר געווען, האט דער חולה געפרעגט איהם: אזוי וויא דער דאקטער האט איהם פארשריבען מעדיצין וואס זענען טריפה, ווי אזוי זאל ער טאן, צו מעג ער זיי נעמען? ר' עקיבא איגר האט איהם געענטפערט, אז לויט זיין מיינונג טאר ער דאס נישט ווייל ער איז נישט אין אזא געפערליכן צושטאנד, אז מען זאל איהם מתיר מאכן טריפות.

באלד נאך דעם ווען ר' עקיבא איגר האט געענדיגט זיין בעזוך, איז ער געגאנגען אין קיך צו דעם קראנקנ'ס ווייב, און האט איהר שטרענג אנגעזאגט, צו מאכן אלע מעדיצין פונקט ווי דער דאקטער הייסט. די ווייב איז געווען א ביסל פארוואונדערט. האט ר' עקיבא איגר געזאגט: „איך האב נישט געוואלט אז אייער מאן זאל וויסן אז אין וואס פאר א שלעכטן צושטאנד ער געפינט זיך, ווייל דאס קען איהם מעהר פארשאטן. זאל ער מיינען אז ער איז א חולה שאינו מסוכן".

### ווי דער בורא עולם היט צדיקים זאלן נאכט נכשל ווערן

הגה"ק ר' עקיבא איינער זצוק"ל פון זיין פריסטער יוגנט האט ער אין וואכן טעג נאכט געגעסן קיינע ברויט און קיינע ווייס ברויט, נאר ווען עס איז געקומען אן אורח צו אים, האט ער

צוליב דעם אורח אויך געגעסן.

קיינע רינדערן פלייש האט ער ניט פארזוכט פון זיין פריס־טע יוגנט, נאך עוף, און דאס אויך זייער ווייניק, נאך פיל בקשות אין אכט פון דער משפחה האט ער עפעס געגעסן.

איינמאל האט מען אים אוועקגעשטעלט זופ פון אן עוף, און ער האט עס ניט געגעסן. האט זיין פרוי אים געפרעגט, פארוואס, און זייער פיל מאל געפרעגט פארוואס, ביז זי האט אים געזאגט אז ער זאל איר ערקלערן, ווייל קיינמאל איז ער ניט געווען אזוי פאר'עקשנ'ט ווי יעצט.

ער האט איר מגלה געווען דעם סוד פארוואס, אז פאריקע נאכט האט מען אים מגלה געווען אין חלום, אז היינט וועט מען אים אוועקשטעלן עסן און ער זאל עס ניט עסן. אפילו עס איז נאר א חלום, קען עס גארניט שאטן ווען ער וועט ניט עסן, און מען דארף דאך מורא האבן.

זי האט אריינגערופן די קעכין און געהייסן ברענגען דעם גאנצן עוף, און מען האט גארניט געפונען. האט זי געפרעגט די קעכין, וואו זיינען די קישקעלעך. האט זי געענטפערט, אז זי האט עס ארויסגעווארפן אויף דעם דאך הינטער דער שטוב. האט זי געהייסן איר ברענגען און זיי אפוואשן, און מען האט עפעס געטראפן. האט זי אריינגעלייגט די קישקעלעך אין א טעלער און געשיקט דורך א בחור סתם צו פרעגן איר מאן. האט ער גע'פסק'נט אז ער איז טריפה.

האט זי שוין אלעס פארשטאנען, אז מן השמים האט מען אים ניט געלאזט נכשל ווערן.

(בקו' בית אבות הקדמה לספר חתן סופר)

**ווי דער בורא עולם איז מודיע אין חלום צו מענטשן זיי זאלן ערפילן דעם צדיק'ס רצון**

איינמאל האט הגה"ק ר' עקיבא אייגער זצוק"ל ניט געפילט אזוי גוט, און די צדיקת, זיין רביצין, האט דעם שליסל פון דער מקוה פארבאהאלטן, ווייל ביינאכט איז ער געווען געוואוינט צו גיין אין מקוה, און ווייל די דאקטוירים האבן אים פארבאטן צו גיין אין מקוה ווען ער איז קראנק געווען דעריבער האט זי עס געטאן.

און טאקע אין מיטן נאכט האט ער געזוכט דעם שליסל און אים ניט געפונען, און האט זיך צופיל מצער געווען וועגן דעם. אין א האלבע שעה איז געקומען צולויפן דער שמש אין מיטן דער נאכט, און אנגעקלאפט אין זיין טיר און אים געבראכט דעם שליסל פון מקוה. ער האט דערציילט אז עס האט זיך אים גע־חלומ'ט אז דער רבי דארף דעם שליסל פון מקוה.

(בקו' בית אבות הקדמה לספר חתן סופר)

## דאס גרויסקייט פון חתם סופר זצ"ל

מיין זיידע דער חתן סופר זצ"ל האט דערציילט, אז איינמאל פון רוב פארמאטערנעש פון טאג איז ער איינגעדרעמעלט געווארען מיט דער ליכט אין דער האנט, און כמעט אין מינוטען וואלט ער געווען אין א גרויסער סכנה און פלוצים איז געקומען זיין מוטער מרת הינדל זל"ה (אשת חיל בתו של החת"ס זצ"ל) און האט אים אויפגעוועקט, און האט אים געזאגט אז די מינוט איז ביי מיר געווען דער הייליגער טאטע און מיר געזאגט גיי שנעל אין צימער אריין ווייל דיין זון איז אין גרויס סכנה.

(הגאון שמואל ערענפעלד אב"ד מאטעסדארף יע"א, במכתב לס' זכרון למשה)

## דער כח ההרגשה פון די צדיקים

אין ספר דעת משה ווערט דערציילט אז ווען זיין פאטער דער קאזשעניצער מגיד זצ"ל איז אמאל געווען אין בראדי, איז ער דורכגאנגען נעבען די הייזער אהיימצוגיין. האט ער זיך אפגעשטעלט ביי איין הויז. האבען איהם די מענטשען געפרעגט וואס איז די מעשה וואס ער האט זיך אפגעשטעלט דווקא ביי דעם הויז מער ווי ביי די אנדערע. האט ער געענטפערט אז ער קען נישט סובל זיין די טומאה פון דעם הויז. האבען די מענטשען גענומען חוקר ודורש צו זיין און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אין דעם הויז האט מען פארברענט דאס ספר תולדות יעקב יוסף, און דערפאר האט זיך פון דארט געפילט א ריח טומאה רח"ל. דערפון קען מען זען ווי גרויס עס איז געווען דער כח ההרגשה פון צדיקים.

## נישט פארגעסען פון ארימעלייט פאר פסח

כל דכפין ייתי וייכול. ראה ראיתי, איך האב געזען א טייערע מעשה אין דעם הייליגען ספר פון הגאון הקדוש בעל חמדה גנוזה. ס'איז געווען אין ירושלים בשנים קדמוניות א מנהג אז דער רב פון שטאט פלעגט צוטיילען געלט און אנדערע הצטרכות, פאר פסח, צו סתם ארעמע לייט און צו עניים בני תורה. אין יענער צייט איז געווען אין ירושלים א גרויסער צדיק חסיד וקדוש עליון, זייער א באהאלטענער מענטש, האט אמאל פאסירט אז דער רב האט פארגעסען אים צו געבען אויף פסח, און זייענדיק א גרויסער ארימאן האט ער ניט געהאט אפילו מצה און וויין. די ווייב מיט די קינדער האבען זייער געוויינט און האבען אים מצער געווען מיט זייערע רייד וואו וועלען זיי נעמען אויף פסח. און דא איז שוין ערב פסח און אין שטוב איז קיין אנפאנג

אפילו פון פסח ניטא, האט זיך דער צדיק זייער שטארק צעווייגט און א סאך תפלה געטאן, און ס'איז געווארען א גרויסער קטרוג אויף דער שטאט ביז די גאנצע פמליא של מעלה האט מסכים געווען צו חרב מאכען ח"ו די שטאט. דא האט אליהו הנביא אנגעהויבען מלמד זכות פאר דער שטאט, און האט געזאגט, רבונו של עולם ניט במזיד האט מען עם ניט געגעבען, נאר מחמת זיין גרויסע צניעות האט ער ניט געבעטען. דו ביסט דאך א רחום וחנון מאך ניט חרוב די שטאט און איך וועל גיין אים העלפען. ערב פסח טרעפט אליהו הנביא דעם צדיק אין גאס און פרעגט אים צי קען ער זיין ביי אים פסח, דער צדיק האט אנגעהויבען זאגען אז ער איז נעבעך א ארעמאן און האט נאך פאר זיך אויך ניט אויף פסח. זאגט אים אליהו הנביא מיין נאמען איז רבי נסים המצרי און איך בין זייער א גרויסער גביר נעמט דעם בינטל מיט די געלט און מאכט פסח אויף דעם שענסטען אופן כיד המלך און איך וועל זיין אייער גאסט. דער צדיק האט גענומען די געלט און איז גלייך אוועק אין שטוב דערציילט זיי די גאנצע מעשה און געגעבען די געלט דער ווייב, אין שטוב איז געווארען די שמחה גרויס און מ'האט גלייך איינגעקויפט אויף יו"ט כיד המלך און דער צדיק האט איינגעלאדען צו זיך די ארעמע לייט וואס פלעגען זיין בא אים שטענדיג. פסח ביינאכט נאך מעריב האט דער צדיק אנגעהויבען זוכען זיין אורח און אפגעבען אים כבוד ווי געהעריג, אבער דער אורח איז ניטא, איז ער אוועק זוכען אים אין שטאט. נאר ביי וועמען ער האט געפרעגט צי זיי האבען געזען א בכבודיקען איד רבי נסים המצרי, האט מען געענטפערט אז זיי וויסען ניט פון אזא איד מיט דעם נאמען, דער צדיק האט שוין פארשטאנען אז דאס איז געווען אליהו הנביא וואס האט זיך פארשטעלט פאר רבי נסים המצרי, און די כוונה פון נסים המצרי איז דער נס וואס השי"ת האט געטאן מיט דעם צדיק אין פסח המצרי, פון יעמאלט אן איז דער צדיק געווארען רייך פון דעם בינטל געלט וואס אליהו הנביא האט אים געגעבען. יענע נאכט האט דער רב פון ירושלים געהאט א שרעקליכען חלום, עס האט זיך באוויזען צו אים א מענטש ווי די מראה פון א מלאך און האט אים זייער שטארק גע'מוסר'ט פארוואס' ער האט פארגעסען דעם צדיק וחסיד, און ווען ניט אליהו הנביא וואלט די גאנצע שטאט חרוב געווארען. אין דער פרי האט דער רב גלייך גערופען דעם צדיק און האט געבעטען ביי אים זייער ער זאל מוחל זיין. פון דעמאלט אן האט דער רב מקבל געווען אויף זיך נאכצופארשען אויף יעדען געדריקטען מענטשען ובפרט תלמידי חכמים וואס זייער זכות התורה איז מגין אויף אונז, העלפען אויף ווי ווייט מעגלעך. ובזכות הצדקה וועלען מיר זוכה זיין צו דער גאולה שלמה על ידי משיח צדקנו.

## דבר נא באזני העם... וישאלו איש מאת רעהו... כלי כסף וכלי זהב. (יא. ב.)

„דבר נא" — ווייל קוים ווערט דאָס נעמען געלט אַ מצוה, איז אפילו קעגן דעם גלייך פאראן דער יצר הרע און נעמט אַוועק פון מענש דעם חשק דאָס צו טאָן און מ׳מוז אים איינרעדן און בעטן. (ספר הדרוש)

אַז מען גרייט זיך אָן האָט מען

אין ספר „משכיל אל דל" ווערט געבראכט בשם הגה"ק מוהר"ר שמואל מבראד זצוק"ל, אַז ער האָט געזאָגט: די וועלט שרייט און וויינט זיי האָבן נישט מיט וואָס צו לעבן, איך אָבער, שריי און וויין, איך האָב נישט מיט וואָס צו שטאַרבן.

## זיי האָבן מתקן געוועהן דעם חטא פון לשון הרע

ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו די תורה דערצעהלט אונז אז אידן האבן מתקן געוועהן דעם חטא פון לשון הרע און מסירה וועלכע משה רבינו האט ביי זיי באמערקט און געזאגט „אכן נודע הדבר". און דעריבער איז געוועהן לא יחרץ כלב לשונו, דען וואלטן זיי נאך געוועהן בעלי לשון הרע — זאגן דאך די חז"ל „כל המספר לשון הרע ראוי להשליכו לכלבים"...

און באמת ווערט טאקע דערצעהלט אין מדרש, אז צוועלעף חדשים האבן אידן געהאלטן ביי זיך דעם סוד פון „וישאלו איש מאת רעהו" און קיינער האט נישט איבער־געגעבן די מצריים, ווייל זיי האבן ווירקליך אויסגעווארצלט ביי זיך די מסירות און לשון הרע. און דעריבער זענען זיי ווערט געוועהן די גאולה.

## איינער זאל העלפן דעם צווייטן

וישאלו איש מאת רעהו... „איש מאת רעהו" מיינט מען — איין איד ביים צווייטן. דאָס איז א אנזאג אויף שפעטער, לדורות: שטענדיג, ווען און וואו אידן זאלן זיך נישט געפינען, זאלן זיי זיך געגנזייטיג שטיצן און עוסק זיין אין גמילות־חסדים...

(רבי יוסף קארלינער)

## די לבנה אלץ סימבאל צום פאלק

החדש הזה לכם ראש חדשים אידן ציילן זייערע צייטן לויט די לבנה. די לבנה איז דער סימבאל פון אידישן פאלק. פונקט ווי די לבנה ווען זי איז שוין געווארן וואס א מאָהל קלענער און קלענער ביז מען זעהט איהר שוין נישט, און מען מיינט אז זי איז שוין אין גאנצן פארשוואונדן, הויבט זי אהן אויפסניי צו שיינען, און ווערט וואס אמאָהל גרעסער, אזוי דאָס אידישע פאלק אפילו ווען עס איז שוין גאָר בשפל המצב און ס׳דוכט זיך אז אָט געהט עס חלילה אונטער — ווערט עס אויפסניי צוריק געשטארקט און עס שיינט צוריק אויף. און פונקט ווי די לבנה וועט לעתיד צוריק גרויס ווערן, און איהר ליכט וועט זיין גאַנץ און פערפולקאמט, אזוי געהער די צוקונפט דעם אידישן פאלק. (מדרש)

## פאַר יעדער נשמה ברענט אַ ליכט

קום און זע וואס דער הרב החסיד רבי אברהם, דער מחבר פון ספר שיבולי לקט, שרייבט אין זיין הקדמה: איך וויל דאַ דערמאַנען די וואונדער וואס השי"ת האט מיר געטאַן, ווען איך בין קראַנק געווען און געלעגען אויפן קראַנקען בעט און פון מיינע גרויסע ווייטיגען בין איך געלעגען באַוואוסטלאָז, און איך האָב שוין געמיינט אַז מיין סוף איז געקומען האט מיין הארץ אינווייניג אָנגעהויבען ציטערען ווייל די וועג איז אַ לאַנגע און ווייניג שפייז האָב איך אָנגעגרייט. די וואס זיינען געשטאַנען אַרום מיר האָבען געזען אַז מיינע אברים זיינען קאַלט געוואָרען און איך בין שוין כמעט גוסס האָבען זיי אַרויס געשטופט מיין פרוי און די קינדער פון שטוב, אָבער דער אויבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות האט מיין נשמה ניט אַוועקגענומען, כאָטש ער האט מיר געגעבען יסורים, צוליב דעם זכות פון מיינע הייליגע עלטערען. ליגענדיק אַזוי האָב איך געזען ווי פאַר מיר שטייט אַ מענטש, קליין אין געוואוקס, אין זיין האַנט האַלט ער אַ ליכט וואס ברענט און האַלט זיך באַ פאַרלעשען און צינד זיך ווייטער אַן האָב איך זיך ביי עם געבעטען, זאָג מיר וואס דאָס באַדייט, דער מענטש האט מיר געענטפערט אַז די ליכט באַווייזט אויף דעם מענטשענס נשמה און אַזוי ווי די ליכט האט זיך שנעל צוריק אָנגעצונדען אַזוי וועסטו גיך האָבען אַ רפואה, דאָס האָב איך דיר באַוויזען. אויך זאָלסטו וויסען אַז אויף דיין משפט זיינען געווען מלאכים וואס האָבען מלמד זכות געווען אויף דיר און אויך זיינען געווען מלאכים וואס האָבען מלמד חובה געווען. האָט מען אָנגעפאַנגען וועגען דיינע זכותים און זיי האָבען איבערגעוואויגען און דאָס בין איך געקומען דיר אָנזאָגען אַז דער רבונו של עולם מיט זיין גרויס רחמנות האט דיר געגעבען נאָך טעג און האט געזאָגט צום מלאך לאָז עם אָפּ ווייל ער האט נאָך בכח צו מזכה זיין די וועלט, און דער סימן איז אַז אויפן דריטען טאָג וועסטו ווערען געזונט. די מעשה איז געווען דריי טעג פאַר דעם יו"ט שבועות, און ווי ער האט מיר געזאָגט איז אַזוי געווען אַז שבועות בין איך געגאַנגען אין בית המדרש און פון דעמאָלט בין איך געוואָרען ווי אַ אַנדער מענטש, און איך האָב אָנגעהויבען מחבר זיין אַ פירוש אויף תורה ונביאים וכתובים, מיין חיבור האָב איך גערופען שבולי הלקט לזכרון. פון דעם דאַרף זיך יעדער מענטש אָפּלערנען אַז ווען עס געשעט מיט אים אַ נס, און ספּעציעל אין אונזערע צייטען וואס מענטשען האָבען דורכגעלעבט שווערע מלחמות און פאַרשידענע צרות פון הונגער, קעלט, נויט און פאַרשידענע קראַנקהייטען ה"י, איז די וואס דער אויבערשטער האט זיי באַוויזען זיין חסד און האט זיי געראַטעוועט פון די אַלע זאַכען טאָרען זיי ניט זיין ניט־דאַנקבאַר נאָר שטענדיג געדענקען די חסדים און לויבען דעם אויבערשטען שטענדיג אויף דעם. אויך אפילו דער וואס האט ניט דורכגעלעבט די אַלע שוועריקייטען און האט שטענדיג געהאַט פרנסה, נחת פון קינדער, דאַרף שטענדיג לויבען דעם אויבערשטען פאַר די אַלע חסדים.

(בספר קב הישר פרק י"ח)

## פאראייניגט צו מסירת נפש

ולקחתם לכם אזוב וטבלתם בדם אשר בסף והגעתם אל המשקוף אפילו ווען איהר זענט אזוי נידריג, בשפל המצב ווי דער אזוב, וואס וואקסט זעהר נידריג, אויב אבער איהר זענט פאראייניגט און צוזאמענגעבונדן אין איין אגודה און זענט אויך גרייט צו געבן בלוט פאר אידישקייט און האבן מסירת נפש — „וטבלתם בדם" דאן קענט איהר דערגרייכן זייער הויך — והגעתם אל המשקוף...

(נתמד מהזהב מהרה"ק ר' יחזקאל קחמיר ז"ל).

## אפילו נישט קיין געוויינליכער טויט

ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם לנגוף. אין פלוג איז דאך א סתירה צו די ווערטער פונ'ם בעל-הגדה און בעלי-המדרש, וועלכע זאגן: „אני ולא מלאך, אני ולא שליח"? נאר דער פשט איז, אז כדי די מצריים זאלן נישט זאגן, אז אויך ד' אידן שטארבן פון די מגיפה, וועט אין די דאזיגער נאכט אפילו דער געוועהנליכער, נאטירליכער „משחית", דער טאג-טעגליכער מלאך-המות, אויף די אידן קיין שליטה נישט האבן...

(אין נאמען פונ'ם ווילנער גאון)

## ועצם לא תשברו בו

די ביינער זענען דער געשטעל פון קערפער. און ווי באוואוסט, האבן די מצרים געדינט צו א שעפס. בטל מאכן און צושטערן א עבודה זרה קען נישט, לויט'ן דין, א איד, נאר א גוי וועלכער האט געדינט צו דעם, ער קען דאס צו שטערן. דאס זאגט אן די תורה: „ועצם לא תשברו בו", דעם ביין פון די מצרי'שע עבודה זרה קענט איהר נישט צוברעכן און בטל מאכן, נאר איהר זאלט עס ווארפן אין די גאס און די הינט וועלן דאס ארומשלעפן, וועלן די מצרים זעהן זייער שאנדע וועלן זיי די ביינער איינגראבן אין די ערד אז די הינט זאלן זיי נישט געפינען. אזוי ארום וועלן די מצרים זעלבסט צושטערן זייער עבודה זרה. „ודא היא בטולא דעכו"ם יתיר מסטרא דלהון". און מיט דעם ווערט דעם אויבערשטן'ס כבוד דער-הויבן, ווען דער „בטול עכו"ם" קומט פון זיינע דינער'ס זעלבסט. (זוהר הק')

## די שיין  בשלח  פון די ליכט

## דתן ואבירם אין מצרים

ואמר פרעה לבני ישראל נבכים הם בארץ ואמר פרעה לדתן ואבירם דאישתיירו במצרים (תרגום יונתן) אויב דתן ואבירם האבן נישט געוואלט ארויסגעהן פון מצרים פאר וואס זענען זיי נישט געשטארבן אין די שלשת ימי אפילה פונקט ווי אלע רשעים, וואס האבן נישט געוואלט ארויסגעהן פון מצרים?

נאר באמת האט דאך משה רבינו געפאדערט פון פרעה צו באפרייען אידן גאר

אויף דריי טאג — דרך שלשת ימים נלך במדבר, — האבן ממילא די אידן לכתחילה אינגאנצן נישט געוואלט ארויסגעהן און געוויס נישט בארגען קליידער און כלים ביי די מצרים — ווייל אויף דריי טעג האט זיך זיי נישט געלוינט די טרחה. האט מען זיי שטיל-ערהייד בסוד געזאגט, אז זיי וועלן שוין נישט מעהר צוריקגעהן קיין מצרים דאריבער שטעהט: „דבר נא באזני העם" — אויפ'ן אויער, שטילערהייד זאלסטו זיי זאגן, אז זיי מעגען זיך בארגען און געהן מיט שמחה, ווייל זיי וועלן שוין נישט צוריקגעהן. דתן ואבירם זענען דאך אבער געוועזען מוסרים, האט מען זיך פאר זיי געהיטן און דעם סוד נישט אויסגעזאגט, זענען זיי דעריבער נישט ארויסגעגאנגען ווייל זיי האבן געמיינט אז עס איז נאר אויף דריי טעג. קיין שטראף האבן זיי אבער דערפאר נישט באקומען, ווייל זיי האבן דאך נישט געוואוסט, און זיי זענען דעריבער געבליבן לעבן אין די שלשת ימי אפילה.

(עדות ביהוסף)

## דער חשבון פון די 600

ויקח שש מאות רכב בחור פאר וואס פונקט זעקס הונדערט?

נאר ווען דער שונא איז זיך מתגבר אויף די אידן, קענען צוויי פון זיי נאכיאגן צעהן טויזנט (איכה ירדוף אחד אלף ושנים יניסו רבבה). אז אידן זענען אלזא ארויסגע-גאנגען פון מצרים ששים רבוא — זעקס הונדערט טויזנט האט פרעה געדארפט זיי נאכיאגן מיט הונדערט און צוואנציג רייטער. באמת אבער זענען אידן געוועזן אין מצרים פינף מאהל אזויפיהל ד. ה. דריי מיליאן, נאר ביים ארויסגעהן איז געבליבן א פינפטעל (וחמושים עלו בני ישראל — זאגט רש"י: אחד מחמישה), ווייל פיר חלקים זענען אויסגעשטארבן אין די שלשת ימי אפלה. פרעה האט דאך אבער דערפון נישט געוואוסט און האט געמיינט אז זיי זענען טאקע דריי מיליאן, דעריבער האט ער געשיקט זעקס הונדערט רייטער.

(הגאון ר' חיים ראפאפארט ז"ל)

## ופרעה הקריב וישאו בני ישראל את עיניהם וגו' וייראו מאד ויצעקו בני ישראל אל ה' (בשלח יד—י)

ס'שטעהט אין פסוק: (ישעי' כ"ו) ה' בצר פקדוך צקון לחש וגו' — ווען אידן איז ענג, זיי געפינען זיך אין א עת צרה, דאן דערמאנען זיי זיך אין אוי-בערשטן און פארגיסן פאר איהם תפלות און געבעטן. אבער דער אויבערשטער פארנעמט זייער געבעט-קול, ווערט דערפילט מיט רחמים אויף זיי און באשטראפט זייערע דריקערס און פיינד. דא איז אויך געוועהן דאס זעלבע. די אידן זענען געשטאנען ביים ים. זיי האבן געזעהן זיינע וואסערן שטורמען אויף זיי, זיינע כוואלעס הויבן זיך ביז גאר הויך, און זענען פערציטערט געווארן. האבן זיי אויסגעקירוועט זייערע אויגן, האבן זיי געזעהן פרעה מיט זיינע ארמעען, און די פיילן און שליידער שטיינער זענען געפלויגן איבער זייערע קעפ — האבן זיי זיך געפארכט אומגעהויער. וואס-זשע האבן זיי געטהון? — „ויצעקו אל ה'",

**זיי האבן זיך געקערט צום אויבערשטן מיט תפלה און תשובה. ווער־זשע האט דערנענטערט די אידן'ס הארץ צום טאטן אין הימל? — פרעה. דאס זאגט דער פסוק: „ופרעה הקריב". פרעה האט דערנענטערט די אידן צו תשובה און תפלה.**
(זוהר הק')

## מורא האבן פאר ג־ט

„ופרעה הקריב", פרעה מיט זיינע חיילות דערנענטערן זיך צו די אידישע מחנה מלחמה צו פירן מיט זיי, איז ענטשטאנען א גרויסע בהלה צווישן די אידן און א פחד האט זיי באפאלן, וישאו בני ישראל את עיניהם והנה מצרים נוסע אחריהם", זיי האבן געזעהן אז די מצריים שטעהען שוין נאנט אונטער זיי, דער פיינט דערנענטערט זיך „וייראו מאד" האבן זיי מורא געהאט, און זיי האבן גענומען שרייען צו ג־ט „ויצעקו בני ישראל אל ה'"!

אייגנטלאך איז עס נישט צו פארשטיין. השי"ת האט דאָך עס פאַראויס געזאָגט אז די מצריים וועלן נאכלויפן די אידן אז זיי וועלן האבן א מפלה „וידעו מצרים כי אני ה'" ג־ט וועט זיי שוין מאכן וויסן פון זיין קראפט — וואס־זשע איז דא געוועהן א גרויסער פחד, וואס איז דא געווארן אזא „ויצ־עקו"? וויפיל נסים ונפלאות האבן די אידן געזעהן אין מצרים פון זיין ג־ט'ליכן האנד זיי האבן געזעהן אז יעדער וואָרט וואס געהט ארויס פון משה רבינו איז אמת און אזוי ווערט עס מקוים, וואס־זשע איז אזויפיהל צו שרייען, זיי האבן דאך געמעגט פאַרשטיין אז זיי וועלן געראטעוועט ווערן פון די מצרישע הענט?

נאר זאגט דער „מאור ושמש" פון הצדיק רבי קלונימוס זצ"ל אז א מענטש וואס פאר מאגט די אמת'ע יראת שמים, שפירט א ציטער פאר ג־ט ברוך הוא, אזא יראה וואס פיהלט אָן זיין גאנצע הארץ — דארף פאר קיין זאך אין דער וועלט נישט מורא האָבן! נאר דעם וואס פעהלט די פוהלע יראה שפירט א מורא פאר שרעקעדיגע זאכן.

ווען די אידן האבן געזעהן די מצריים און „וייראו מאד" זיי האבן געשפירט א מורא אין הארצן, האבן זיי פארשטאנען אז עס פעהלט נאך יראת שמים, אלזא ויצעקו אל ה', האבן זיי גענומען שרייען צו ג־ט, זיי האבן גענומען תשובה טהון מיטן הארצן, זיי האבן ארויפגעצויגן אויף זיך מער יראה פארן אויבערשטן. דאס הייסט זיי האבן תשובה געטהין דערפאר וואס זיי האבן דערשפירט מורא פאר די מצריים! זיי האבן פארשטאנען אז מ'קען מורא האבן פאר די מצריים נאך אזויפיהל נסים ונפלאות, פעלט זיי טאקע אביטל אין אמונה, און זיי האבן דערויף תשובה געטהון.

---

*) אין "מאור ושמש" ווערט פארטייטשט דער וויטערדיגער פסוק אויפן זעלבן גאנג — עי"ש.

## ער האט שוין נישט געדארפט שרייען

מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו ווען די אידן שרייען צו השי"ת, און דריקען דערמיט אויס זייער אמונה און זייער נאהנטקייט צו ג-ט אלס בנים למקום — דעמאלט דארפן זיי שוין באמת נישט שרייען, ווייל א קינד מוז מען העלפן — על בני ועל פועל ידי תצווני ?

אז ס'איז ויצעקו בני ישראל אל ד' — איז מען דערמיט אליין מעורר אזא רחמים אין הימל, אז מען זאגט שוין אין הימל: מה תצעק אלי — איהר דארפט נישט שרייען...

(חידושי הרי"ם ז"ל)

## ויהי בשלח פרעה את העם (יג. יז.)

וואס איז דא אייגנטליך די צרה, אז עס שטייט מיטן לשון „ויהי" ?

דער ענטפער איז טאקי אין דעם „בשלח פרעה את העם", אין דעם וואס צוזאמען מיט די בני ישראל זיינען אויך מיטגעגאנגען „העם", דער ערב רב, וואס שוין צוליב זיי האבן די אידן געמוזט וואנדערן א לאנגען וועג ארום — „פן ינחם העם" — און אויך אלע שפעטערדיקע צרות זיינען געקומען נור דורך דעם ערב רב, אלע קריגערייען אפילו דעם עגל זיינען זיי געווען די ערשטע צו מאכן, ווי עס ווערט געזאגט „לך רד כי שחת עמך" —

און דאריבער ווערט טאקי ווייטער דא געזאגט: „וחמושים עלו בני ישראל" — די אמת'ע בני ישראל זיינען ארויס פון לאנד באוואפנט מיט אמונה און פאר זיי האט השי"ת נישט מורא געהט „פן ינחם...

(לוים מפרשים).

## פרנסה איז שווער ווי קריעת ים־סוף

„קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים־סוף"... פרנסה, פונקט ווי דער נס ביים ים, וואו אידן זענען געוועהן ארומגענומען אין דעם קלעם פון אלע זייטן, קומט דוקא פון דער סאמע אונערווארטעטער זייט, פון וועלכע מען ריכט זיך אמווייניגסטן... (חידושי הרי"ם)

## וואס איז דער אידישער וואפן ?

וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים ויקח משה את עצמות יוסף עמו אידן זענען געגאנגען בעוואפנט. וואס איז געוועזן זייער וואפן ? — די עצמות יוסף, ווייל דער זכות פון'ם צדיק איז מגין אויף'ן פאלק, און „גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם. (תורת משה)

## אויף א אומנאטירליכע וועג

ולא נחם אלוקים דרך ארץ השי"ת האט זיי נישט געפירט מיט א נאטירליכן אויפן, ווי עס איז דער שטייגער פון דער וועלט, אויף דער וועלט פירט זיך, אז וואסער קומט פון הימל און ברויט וואקסט פון דער ערד, און השי"ת האט זיך מיט זיי געפירט אז ברויט האט ער זיי געשיקט פון הימל (מן — לחם מן השמים) און וואסער פון דער ערד (עלי־באר).

(ילקוט)

## ויקח משה את עצמות יוסף עמו (יג. יט.)

„חכם לב יקח מצות — זה משה, שכל ישראל עסקו בבזה והוא עסק בעצמותיו של יוסף". (מדרש).

פרעגט די וועלט: אויך ביזת מצרים איז דאך געווען א מצוה, מען האט זיי דאך אנגעזאגט: „וישאלו איש מאת רעהו... כלי כסף וכלי זהב"?

נור פון דעם איז צו זען, אז א מצוה, ביי וועלכער מען האט היזק געלט, אזוי ווי משה, וואס האט צוליב'ן זיך עוסק זיין מיט די עצמות יוסף נישט געקענט נעמען פון דער ביזה, איז מער חשובער ביי כביכול: א מצוה ביי וועלכער מען מאכט נאך דערביי ריוח און מען פארדינט גוטע געלט...

(באר יצחק)

## בשעת די אפעראציע זינגט מען נישט...

בקשו מלאכי השרת לאמור שירה, אמר הקב"ה מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה. (גמרא ערכין) בעת מ'מאכט א חולה מסוכן א אפעראציע, כאטש זי איז א נויטיגע, פונדעסטוועגן זינגט מען נישט בשעת מעשה, ווייל ס'איז דאך א אפעראציע וואס טהוט וויי. נאר שפעטער קען מען זיך פרעהען.

דאס זאגט השי"ת: יעצט ווען — מעשי ידי טובעים בים — בעת דער שווערע אפעראציע וואס מענטשן ווערן דערטרונקען, כאטש ס'איז א נויטיגע זאך, דאס שלעכטע מוז באשטראפט ווערן, אבער ס'איז דאך א שווערע אפעראציע, און ס'איז יעצט נישט קיין זמן פון שירה. דאגעגן נאך דער אפעראציע — באבוד רשעים רנה — קען מען זינגען אויף'ן תועלת. (ישועות מלכו מהה"ג מקוטנא ז"ל)



## וואס האט יתרו דערזעהן?

וישמע יתרו. מה שמועה שמע ובא? — קריעת ים סוף ומלחמת עמלק. (רש"י).

די קשיא איז, צו וואס האט ער געדארפט קומען, ער האט דאך געקענט גלייבען א מאמין אין דער היים?

נאר ווען ער האט געהערט אז נאך אזא התגלות הנבואה וויא ס'איז געווען ביים קריעת ים סוף, האט נאך געקענט מעגליך זיין אזא הסתר, אז עמלק זאל קומען און מלחמה האלטן מיט אידן, האט ער דערפון געמומען, אז מ'מוז קומען מקבל זיין די תורה דורך א רבי'ן און כסדר ארבייטן מיט זיך, כדי צו קענען גובר זיין די שלעכטע כחות וואס פארשטעלן די אויגן...

(שיחות צדיקים)

## מען דארף גוט היטן דעם מויל, נישט אורטיילן יענעם...

כי בדבר אשר זדו עליהם דער בעש"ט האט געזאגט, אז יעדער מענטש ווערט גע'משפט פון הימל לויט זיין איגענעם אורטייל, ווען ער זעהט אמאהל א צווייטן טהוען א שלעכטע זאך, פסק־נט ער אפ, אז ער איז ווערט אזא און אזא שטראף. און ער פארגעסט דערביי אז ער אליין האט אויך אזעלכעס געטהון, און מיט זיינע ווערטער האט ער אויף זיך אליין דעם פסק־דין ארויסגעגעבן.

דאס איז דער טייטש: כי בדבר אשר זדו עליהם — די שטראף קומט שטענדיג אזוי וויא מען האט אליין אויף זיך ארויסגעגעבן. (פרדס יוסף)

**וואזיל איז דעם וואס איז יענעם קיינמאל נישט חושד**

אין אבות דרבי נתן ווערט געבראכט, אויף דעם וואס עס שטייט אין פרק „והוי דן את כל האדם לכף זכות", דאס מען דארף יעדן מענטשן דן זיין לכף זכות: עס האט זיך א מעשה געטראפן ביי איינעם ער האט געשיקט זיין זון צו זיין חבר דאס ער זאל אים לייען איין מאס ווייץ. און ער האט דעמאלט גע־מאסטן ווייץ. האט ער אים געזאגט איך האב נישט. איז דער זון געקומען און האט דאס דערציילט זיין פאטער. האט דער פאטער געזאגט צו זיין זון אפשר איז דער ווייץ פון מעשר. האט דער פאטער נאך אמאל געזאגט צו זיין זון: גיי און זאג אים, מיין פאטער האט געבעטן אז דו זאלסט אים לייען הונדערט גילדן. איז ער געגאנגען און האט אים געטראפן ציילן געלט. האט ער צו אים געזאגט, איך האב נישט. איז דער זון געקומען און האט דאס דערציילט זיין פאטער. האט דער פאטער געזאגט צו זיין זון, אפשר איז דאס געלט ביי אים א פקדון, מען האט דאס געלט אים געגעבן צו באהאלטן. ווי זיי זיינען געגאנגען אויף דער גאס, האבן זיי זיך צוזאמען געטראפן. האט זיין חבר צו אים געזאגט: ווען דיין זון איז צו מיר געקומען און האט מיך געטראפן מעסטן ווייץ און איך האב דיר נישט געגעבן, מיט וואס האסטו מיך חושד געווען? האט ער צו אים געזאגט: איך האב ביי מיר געטראכט אפשר זיינען זיי פון מעשר. האט ער אים ווייטער געפרעגט: מיט וואס האסטו מיך חושד געווען ווען דיין זון האט מיך געטראפן געלט ציילן? האט ער אים געזאגט: איך האב געטראכט, אפשר איז דאס געלט ביי דיר א פקדון. האט זיין חבר צו אים געזאגט: איך שווער אז עס איז אזוי געווען אזוי ווי דו זאגסט, און אויף דיר איז געזאגט געווארן „והוי דן את כל האדם לכף זכות", און אזוי ווי דו האסט מיך דן געווען לכף זכות, אזוי זאל דיך השי"ת אויך דן זיין לכף זכות.

הגה"ק מהר"ר מאיר גאביזון, איינער פון די רבנים אין מצרים פון די קדמונים אין די צייטן פון מהרי"ץ ומהריק"ש וסיעתם. ער איז געווען א דיין, און איז געווארן א סגי נהור, ל"ע. דער עולם האט אים חושד געווען אז דאס איז פאר דעם ווייל ער האט גענומען שוחד. ווען ער איז דאס געוואר געווארן, האט ער געזאגט לפני קהל ועדה, אז ער האט געהערט וואס מען איז אים חושד, און אויב עס איז אמת, זאל ער אזוי פארבלייבן א סגי נהור ל"ע, און אויב ניט זאל ער אנפאנגען זען אזוי ווי פריער. און זיין תפלה איז נתקבל געווארן און ער האט צוריק באקומען זיין ראי'. ווער עס שווערט אויף זיין קבר פאלש, ווערט באשטראפט.
(שם הגדולים מ"ג, מהגה"ק חיד"א זצוק"ל)

## ווי אזוי איז מען דן לכף זכות

אין פרקי אבות האבן מיר געלערנט "עשה לך רב וקנה לך חבר והוי דן את כל אדם לכף זכות".

וואס זאגט אונז די משנה ?

עס ליגט זעהר פיהל אין די הייליגע ווערטער. ווען איינער וויל דן זיין לכף זכות, איז עס א גרויסע זאך. אזוי דארף זיין, מען דארף אלע אידן דן זיין לכף זכות און געפינען שטענדיג א גוטווארט אויף יעדן. אבער דערצו דארף מען "ועשה לך רב וקנה לך חבר". מען דארף האבן א רעבין ער זאל דיר ערקלערן אויב מען קען טאקע דן זיין לכף זכות. נישט אלעמאהל קען מען און מעג מען דן זיין לכף זכות יעדן איינעם. לויטן רמב"ם אויף דיזע משנה איז פארהאנען אזעלכע מענטשן וואס מען דארף זיי דווקא דן זיין לכף חוב. ברויך מען האבן א רעבין דערצו. און אמאהל קען א גוטער חבר אויך ערקלערן ווי אזוי מען איז דן, צו לכף זכות צו לכף חוב.

סתם אזוי דן זיין יעדן איינעם נישט ארייכקלערנדיג לכף זכות איז אויך נישט על פי תורה.

## פריער קוקן אויף זיך

ס'איז באוואוסט דער פסוק: (צפניה ב) „התקוששו וקושו" וואס מיינט, ווען דו געהסט שטראפן דיין חבר אויף א געוויסע עוולה זאלסטו זיך פריער גוט ארום קוקן אויב דו ביסט ריין פון דעם. דאס מיינט דער פסוק: (קהלת יב) סוף דבר הכל נשמע את אלוקים ירא וכו' — ווען דו ווילסט אז עס זאל זיין הכל נשמע אז דיינע שטראף רייד זאל געהערט ווערן — „את אלוקים ירא", זאלסטו זעלבסט פריער זיין א ג-ט פארכטיגער. און דאס מיינט אויך דער פסוק: (תהלים צב) „להגיד כי ישר ה' צורי ולא עולתה בו" — ווער עס וויל געהן לערנען אנדערע דעם דרך הישר, דארף ער קודם זעהן אז ס'זאל זיין ולא עולתה בו. די עוולה אויף וועלכע ער געהט שטראפן אנדערע זאל אין איהם נישט זיין. (מגלה עמוקות פ' קדושים)

ליצנות און קלות ראש (גרינגשעצונג) ציהען אראפ דעם מענטש פון וועג, און פארפירן איהם אז די יראת שמים זאל לאנגזאהם אפטרעטן פון איהם. פאר וואס איז דאס אזוי?

ווייל ליצנות לאזט נישט די הארץ זאל טראכטן ערנסטע מחשבות, קומט אויס אז ער קען נישט צוקומען צו קיין רעכטע התבוננות. אזוי ווי א פאנצער לאזט נישט צו קיין קוילן וואס ווערן געצילט אויפן מענטש, אזוי איז ליצנות געגן שטראף־רייד. ווייל מיט זיין גע־לעכטער ווארפט מען אראפ אסך התפעלות און התעוררות וואס די הארץ ווערט אמאהל ערוועקט. (פון מסילת ישרים פ״ה)

## פון משה׳ס עניוות

וישאלו איש לרעהו לשלום... „איני יודע מי השתחוה למי, כשהוא אומר איש לרעהו, מי הקרוי איש? זה משה, שנאמר והאיש משה וכו׳ (רש״י). דער פשט איז נישט, ווי מען איז געוועהנליך געוואוינט צו טייטשן, אז פונ׳ם סתם ווארט „איש״ איז געדרונגען, אז דאס איז משה; דען אויך יתרו ווערט דאך אין פסוק אנגערופן מיט׳ן נאמען „איש״ — „ויואל משה לשבת את האיש״. באמת אבער איז נישט די ראיה פונ׳ם ווארט „איש״, נאר דערפון וואס אויף משה׳ן ווערט געזאגט „והאיש משה עניו מאד״ — און אלס גרויסער עניו האט ער, אלזא, זיכער נישט געווארט, ביז יתרו וועט איהם בעגריסן נאר ער האט פריער בעגריסט יתרו׳ן. (חתם סופר)

## יתרו האט געדאנקט אויף זיין געראטעוועט ווערן

ויחד יתרו על כל הטובה אשר עשה ד׳ לישראל אשר הצילו מיד מצרים עס דארף דאך שטעהן „אשר הצילם״?

נאר יתרו איז דאך אליין געוועהן פון פרעה׳ס יועצים, און וואלט ממילא אומגעקומען צוזאמען מיט אלע מצריים, נור ער איז אנטלאפן און דאדורך ניצול געווארן, האט ער דעריבער יעצט זיך געפרעהט, סיי אויף דעם וואס ג־ט האט געטהון די אידן, און סיי אויף דעם וואס ער האט איהם אליין יתרו׳ן מציל געוועהן פון דעם מצרי׳שן רשעות, און איהם געגעבן א געדאנק זיך צו דערנעענטערן צו אידן. (באר מים חיים)

## ווען ס׳לוינט איהם

כי יהיה להם דבר בא אלי... הויבן הויבט־אן דער פסוק מיט א לשון רבים „להם״ — און ענדיגט מיט א לשון יחיד — „בא״. דען אזוי איז דער שטייגער: בשעת צוויי מענשן האבן צווישן זיי א משפט, ביי וועלכן איינער מוז דאך, נאטירליך, פארשפילן, איז א צווייטן מאל, בשעת יעדער פון די צוויי בעלי־דבר האט עפעס א פרישן סכסוך מיט עמיצן, איז דער, וועלכער האט דעם ערשטן משפט געוואונען, קומט ער נאך אמאל צום זעלבן דין; יענער אבער, וועלכער האט דעם משפט פערשפילט, בלייבט דעם דין א שונא און ער וויל שוין דאס צווייטן מאל זיין שוועל נישט איבער־טרעטן... (לקוטי רצב״א)

## ואתה תחזה... יראי אלוקים אנשי אמת (יח. כא.)

אמתע יראי־אלוקים, נישט קיין צבועים... (מלאכת מחשבת)

## מחנך זיין די קינדער

„כה תאמר לבית יעקב" זאגן די חז"ל בית יעקב דאס מיינט מען די פרויען, אז משה זאל זיי איבערגעבן די תורה לויט זייער פארשטאנד, „אמירה רכה" דער לשון „תאמר" מיינט אז מ'זאל רעדן צו די נשים מיט זייער שפראך, מיט ווייכע רייד „שהן יכולות לשמוע" אזא שפראך וואס זיי קענען עס „דער־הערן" לויט זייערע באגריפן.

און פאר וואס איז דאס? זאגט דער מדרש „כדי שיהיו מנהיגות את בניהן לתורה". כדי די מוטערס זאלן מחנך זיין זייערע קינדער, דעריבער האט מען זיי געזאגט פריער.

דא ליגט דער יסוד פון „אל תיטוש תורת אמך". די עיקר אידישער חינוך אין קינדער פלאנצט איין די מוטער. דער פאטער איז פארנומען רוב שעות פון טאג אונטערן עול פון פרנסה. פאלט דער פליכט פון ערציהונג אויף די מוטער וואס גיט זיך אפ מערער מיט די קינדער, זי קען גיכער זארגן אז די קינדער זאלן אויפשטייענדיג און לייגנדיג זאגן דעם „מודה אני" און „שמע ישראל", זיי גיבן עסן די קינדער און מאכן א ברכה מיט זיי און הייסן זיי בענטשן ברכת המזון. די מוטער רעדט גיכער מיט די קינדער, דארף זי זיי ערקלערן וועגן די פארשידענע מצוות וואס די קינדער לעבן אין זיי מערער למשל וועגן דאווענען, שבת און יום־טוב, גוטע מידות א. ד. ג.

ווייל דער חינוך וואס מ'גיט אין די קינדערשע יאהרן ווערט איינגע־זאפט אין די בלוט, אזא „גרסא דינקותא", וואס מ'געדיינקט ביז אין טיפן עלטער.

## ויחן שם ישראל נגד ההר (יט. ב.)

„כאיש אחד בלב אחד, אבל שאר כל החניות בתרעומות ובמחלוקת" (רש"י).
אידער די תורה אין געגעבן געווארן — פלעגט זאגן ר' נפתלי ראפשיצער האט

נאך געהערשט א ביסל אחדות ביי אידן, דאגעגן אבער נאך מתן תורה איז שוין געווען כסדר מחלוקת; איטליכער האט זיך געריסן איבער דער תורה. יעדער איינער האט געוואלט האבן דעם מאנאפאל איבער איר...

## נאר דעם אידישן פאלק

והייתם לי סגולה מכל העמים א „סגולה" הייסט א אייגנשאפט פון א זאך, וואס האט נישט קיין שום טעם און קיין שום לאגישע בעגרינדונג. נאר עס איז א געהיימניס פון דער נאטור. די ליבשאפט פון השי"ת צו אידן איז אויך אזא מין „סגולה", אהן שום טעם און אהן שום בעגרינדונג, נאר וויל אזוי האט השי"ת געוואלט זיך אויסצוקלייבן דוקא אידן, פאר זיין פאלק. (קדמונים)

## ציהען די קדושה אויף ווייטער

וקדשתם היום ומחר די קדושה זאל בלייבן אויך מארגען, ווען זיי וועלן אוועקגעהן פון דאנען, נישט דוקא בעת מען הערט תורה אדער מוסר... (פרדס יוסף)

## משה רבינו'ס העכערע מדרגה

לא יוכל העם לעלות אל הר סיני כי אתה העדותה בנו לאמר הגבל את ההר וקדשתו. ויאמר אליו ד' לך רד משה רבינו, לויט זיין הויכע מדרגה, האט געהאלטן אז דער באפעהל פון השי"ת נישט צו צוגעהן צום בארג, האט שוין דאס געמאכט פאר אונמעגליך צו טהוען. עס איז שוין געווארן דערפון א נאטירליכע אונמעגליכקייט אז — לא יוכל העם לעלות עס וועט שוין נישט קענען, די צווי ד' איז א אייזערנע וואנד, וואו' וועט זיי נישט צולאזן צום בארג. האט דעריבער השי"ת געזאגט: לך רד — לאז דיך אביסל אראפ פון דיין הויכער מדרגה צום מצב פון פאלק, וועסטו פארשטעהן אז ס'איז נאך נישט „לא יוכל" און מען מוז זיי נאכאמאהל וואהרענען. (קדושת לוי)

## פוקד עון אבות על בנים (כ. ה.)

די זינד און די חסרונות פון עלטערן גייען איבער בירושה צו די קינדער. די קינדער פארקוקן זיך תמיד אויף די עלטערן און לערנען זיך אפ פון זיי סיי די גוטע און סיי די שלעכטע מדות (מלאכת מחשבת)

פוקד עון אבות על בנים — „דער איבערשטער געדענקט די זינד פון די פעטער, פאר די קינדער" (דאס הייסט, ער שטראפט די קינדער פאר די זינד פון די עלטערן).

די גמרא פירט אויס, אז דאס איז נאר כשאוחזין מעשי אבותיהם בידיהם — „ווען די קינדער פירן זיך אויך אין זינד".

מען דארף פארשטיין, פארוואס דארפן טאקי קינדער לײדן די זינד פון זייער פאטער, ווייל זיי אליין פירן זיך אויך אין זינד?! דער אויבערשטער שטראפט דאך נאר „מדה כנגד מדה" איז דאך געווענג ווען זיי קריגן שטראף פאר זייער אייגענע זינד, נישט פאר די זינד וואס זיי האבן נישט בעגאנגען?!

אין „משלי שועלים" ווערט געברענגט — א הונגעריגער וואלף האט באגעגינט דעם פוקס, האט ער אים געוואלט פארציקן און אויפעסן. זאגט אים דער פוקס — וואס ווילסטו האבן פון מיין מאגער פלייש, אט דארט זעהסטו אין דעם שטיבל איז דא א גרויסער פעטער מענטש, עס בעסער אים אויף, וועסטו האבן א הנאה. זאגט דער וואלף — מער טאר דאך נישט עסן קיין מענטש, ווייל איך דאך געשטראפט ווערן דערפאר פון הימל. דארפסט נישט קיין מורא האבן — ענטפערט דער פוקס — דו אליין וועסט נישט באקומען קיין שטראף נאר ערשט דיינע קינדער — אבות יאכלו בוסר ושני בנים תקהינה —. (יחזקאל י"ח)

דער וואלף האט זיך געלאזט איבעררעדן און איז געגאנגען אהין צום מענטשן. אויפ'ן וועג איז געווען פארלייגט א נעץ, און ער איז אריין געפאלן אין א גרוב אריין.

אויף די געשרייען פונ'ם וואלף, איז דער פוקס צו געגאנגען צום גרוב. שרייט דער וואלף: — דו ליגנער! האסט דאך געזאגט אז ערשט מיינע קינדער וועלן געשטראפט ווערן?!

שוטה — ענטפערט דער פוקס — דאס וואס דו ביזט איצט אריינגעפאלן אין גרוב, איז דאך נישט פאר דיינע חטאים, נאר פאר די חטאים פון דיין פאטער וואס האט א מאל אויף־געגעסן א מענטש.

ס'טייטש — שרייט ווייטער דער וואלף — פאר מיין טאטינס חטא דארף איך לײדן?! ענטפערט אים דער פוקס — פארוואס ביזטו באשטאנען צו גיין פרעסן דעם מענטש, כאטש דו האסט געוואוסט אז דיינע קינדער וועלן דערפאר לײדן, איז דאס ביי דיר יא רעכט געווען דאס דיינע קינדער זאלן לײדן פאר דיינע זינד. דעריבער מוזטו איצט לײדן פאר די זינד פון דיין טאטן...

קינדער, וואס פירן זיך אין זינד, איז פארשטענדליך דאס זיי ווערן געשטראפט אויך פאר די זינד פון זייערע עלטערן, ווייל ביי זיי איז אויך רעכט צו זינדיגן כאטש זיי ווייסן אז פאר דעם וועלן זייערע קינדער לײדן, איז דאס טאקי „מדה כנגד מדה" אז זיי זאלן לײדן פאר די זינד פון זייערע עלטערן.

דעריבער זאגן די ח"זל ווען ס'איז „אוחזין מעשי אבותיהם בידיהם" קומט עס אז ס'זאל זיין „פוקד עון אבות על בנים"... (פרדס יוסף)

### „זכור ושמור" — א דובנער משל...

זכור את יום השבת לקדשו. זכור ושמור בדבור אחד נאמרו טייל מענטשן ווילן אפטיילן דעם „זכור" פון „שמור".

דער ארימאן וויל גיכער דעם שמור, ווייל ער פירט נישט קיין גרויסע געשעפטן און ער וועט נישט האבן פון ם היטן שבת אזא גרויסן שאדן. דאגעגן איז איהם שווערער מקיים צו זיין דעם „זכור" — ווייל ער האט קיין געלט צו מכבד צו זיין דעם שבת מיט ווין און גוטע מאכלים. דער עושר דאגעגן איז דעם „זכור" מקיים מיט אלע פרטים, עס פעהלט איהם נישט קיין געלט אויף תענוגים' אבער דעם „שמור" וויל ער נישט מקיים

זיין, ווייל מיטן אפשטעלן זיינע גרויסע געשעפטן וועט ער היזק האבן א סך געלט.

דעריבער זאגן די חז"ל אז דער "זכור" מיט'ן "שמור" זענען געזאגט געווארן צוזאמען און מען קען זיי נישט אפטיילן. דער רייכער מוז אויך מקיים זיין דעם "שמור" און מוז זיך גלייכצייטיג בעמיהען און העלפן דעם ארימאן כדי ער זאל קענען מקיים זיין דעם "זכור". (המגיד מדובנא ז"ל)

## כבד את אביך ואת אמך (כ. יב.)

דריי מאל ווערט געווארנט אין דער תורה אויף "כבד אב". דאגעגן געפינער מיר נישט קיין איין מאל אן אנזאג אויף "כבוד בן" און דאך זעען מיר, אז אלע טאטעס און מאמעס זיינען זיך מקריב פאר די קינדער און זעלטן ווען א קינד זאל זיך מוסר נפש זיין פאר א טאטן און מאמען... (עמק השרון)

## פון פוסטע גאוה

ולא תעלה במעלות על מזבחי אשר לא תגלה ערותך עליו דער וואס האלט פון זיך שטארק און באריהמט זיך מיט זיינע מעלות — ווערן דאדורך נתגלה זיינע חסרונות. מיט דעם גאות זיינעם בעוויזט ער זיין פעהלער און שטות... (נועם אלימלך)

## אלהי כסף ואלהי זהב לא תעשו לכם

מאך נישט דיין געלד און זילבער פאר קיין געטער. דו זאלסט נישט דינען צום געלט!... (מפרשים)



## ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם (כא. א.)

נאכן געבן אויף דעם בארג סיני די מצות פון דער תורה האט כביכול איצט געזאגט צו משה'ן "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם", אז די משפטים זיינען "לפניהם" פריער פאר אלע אנדערע מצות, ווייל אויב איר זאלט נישט מקיים זיין די משפטים האבן אויך די מצות קיין ווערטה נישט. די מצות למשל, ווי שופר, לולב, ציצית, תפילין א.א. אויב זיי זיינען געגזלטע אדער געקויפט פון אומערליך־פארדינטע געלט זיינען זיי קיין מצות נישט — ווארום א "מצוה הבאה בעבירה" איז קיין מצוה נישט... (כתב סופר)

און דאָס איז אויך דער פשט פון פסוק „שמרו משפט ועשו צדקה״ — פריער משפט און נאָכדעם צדקה, ווייל צו געבן צדקה פון געגזלטע געלט איז קיין מצוה נישט — דאָס געלט מוז זיין ערליך און כשר פאַרדינט...

## די גאנצע תורה איז פון סיני

נישט נאר דער חלק פון די מצוות איז פון סיני, אויך דיני ממונות, דינים פון שכנים, מחלוקת און סיכסוכים וואס א אקס שטויסט א צוויטן אקס, און אז א גנב באצאָהלט טאָפלט א·ד·ג· אט די אלע דינים וואָס מ׳פרשטייט זיי אויך מצד דעם אייגענעם שכל, אויף די אלע דינים זענען פון סיני — זאגט רש״י „מה הראשונים מסיני אף אלו מסיני״ אזוי ווי די עשרת הדברות אזוי אויך די דינים פון פרשת משפטים·

אייגנטלאך וואס דארף עס רש״י זאגן, עס שטעהט דאך שוין אין פרשת בהר אז אלע מצוות זענען פון סיני (מה שמיטה נאמרו כללותיה ופרטותיה מסיני אף כולם וכו׳)·

נאר רש״י מיינט דאָ מרמז צו זיין אז אויך דעם חלק פון משפטים דארף מען לערנען מיט אימה ויראה אזוי ווי דער אנדער חלק התורה· ווייל אז מ׳פארלערנט זיך — זאגט דער „מאור ושמש״ — אין דיני ממונות, אויף זייער שארפער שכל און שעהנע סברות, קען מען נאך אמאהל פארגעסן אז די אלע שעהנע סברות וואס מיר געפינען אין חז״ל, נישט א מענטשליכער מח האט זיי באשאפן, אלעס שטאמט פון סיני· און מיר דארפן האבן ביי דעם די פוהלע אמונה אזוי ווי ביי די אנדערע מצוות, ביי די חוקים וועלכע זענען נישט פאר־שטענדליך·

רבי ישראל סאלאנטער זאגט אז אפילו מלערנט „שור שנגח את הפרה״ קען עס ברייגגען צו א מוסר׳דיגע ערוועקונג· דאס איז טאקע אויף אזא אופן וואס ער לערנט דיזן חלק התורה לויטן דערמאנטן געדאנק אז אויך דאן אין זיין טיפסטן שוועבן אין די שעהנע סברות פון די משפטים געדענקט ער איז אין דעם נותן התורה·

אט פון דעם שטאנד פונקט וועלן מיר קענען פארשטיין ווי גויאיש עס איז זיך ווענדן צו א נישט־אידישן משפט, דאס הייסט א משפט נישט ביי בית דין לויטן „חושן משפט״ ווייל אפילו זיי פעסקענען ווי דער חושן־משפט איז עס גארנישט ווערד· א דין תורה קען פסק׳ענען א בית דין ווי דער דין איז ווי די חז״ל האבן באשטימט· די דיני ממונות זענען פארבונדן מיט די אמונה און די תורה פונקט אזוי ווי אלע אנדערע מצוות·

## נאר די תורה געגן די פאלשע וועלט

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם. הדא הוא דכתיב: מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל. לא עשה כן לכל גוי (מדרש) די משפטים באזירן אויפ'ן יסוד פון אמת און צדק. די וועלט איז דאך אבער א „עלמא דשיקרא" — א וועלט אין וועלכע ס'האט א אויבערהאנד פאלשקייט און אונגערעכטיגקייט, איז ממילא נישט קיין וואונ־דער, וואס די פעלקער פון דער וועלט קענען נישט אבהיטן די געזעצן פון אמת און צדק. נאר די אידן וואס האבן אין זיך דעם כח פון תורה וואס הייסט אמת — זיי קענען מקיים זיין די משפטים אפילו אויף דעם עולם השקר. ביי זיי איז דעריבער אזוי טיף איינגעבאקן דאס געפיהל פאר צדק און יושר, פאר אמת און גערעכטיגקייט. ווייל — מגיד דבריו ליעקב — ער האט זיי א תורה געגעבן, דעריבער — חקיו ומשפטיו לישראל — קענען זיי האלטן די חוקים ומשפטים אפילו אויף דער פאלשער וועלט. אבער — לא עשה כן לכל גוי — דעריבער ומשפטים בל ידעום... (שפת אמת)

## די תורה איבער דעם "איך"

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם דער מענטש דארף די געטליכע משפטים שטע־לן פאר זיך, ער דארף זיין גאנצען „איך" אוועקשטעלן צו ליב די משפטים און זיך מוסר נפש זיין פאר זיי. דאס הייסט „לפניהם" — די משפטים זאלן ביי זיי שטעהן, פאר זייער אייגענעם עקזיסטענץ. (קול שמחה)

## כי תקנה עבד עברי (כ"א. ב.)

האריבער — זאגט דער אבן עזרא — הויבן זיך אן די משפטים מיט די דינים פון עבד, ווייל עס איז נישטא קיין ערגערע און שווערערע זאך פאר א מענטש ווי צו זיין אין א צווייטנס רשות, צו זיין א משועבד און אונטערטעניק צו א צווייטן מענטשן פון זיין גלייכן...

## והגישו אל הדלת (כא. ו.)

דאס בויערן דעם עבד זיין אויער קומט פאר נעבן טיהר אום אים צו ווייזן, אז ער האט געהאט די מעגליכקייט צו ווערן צוריק א פרייער און זעלבסטשטענדיקער מענטש. ער האט די טיר געקענט עפענען און גיין און ער האט דאס אליין אפגעווארפן, פארזעהן די געגעבענע געלעגנהייט און פארבלייבט ווייטער אן עבד... (לזיטן כלי יקר)

## א נישט ערצויגן קינד קען שעלטן די עלטערן

וגנב איש ומכרו וכו' מות יומת. ומקלל אביו ואמו מות יומת. אממייסטן קען זיך נאר טרעפן, אז א קינד זאל שעלטן זיינע עלטערן, אויב ער איז געווארן אבגעריסן פון זיי, פערקויפט און אויפגעצויגן אין דער פרעמד, ביי אנדערע מענטשן אזוי, אז ער קען זיי גארנישט — דעריבער שעלט ער זיי. דאס גע'גנב'טע און פארקויפטע קינד איז עס

אממייסטן דער „מקלל אביו ואמו״ דעריבער קומט דעם „גונב איש ומכרו״ מיתה — ווייל ער וואס דאך דאס קינד צוגעברענגט צו זיין א „מקלל אביו ואמו״.

(אבן עזרא בשם רב סעדיה גאון)

## רשות — נאר צו היילן

ורפא ירפא מכאן שנתנה רשות לרופא לרפאות (רש״י) צו איינעם פון די פארציייטי־שע גרויסע רביים איז מען געקומען מיט א געוויין מזכיר זיין א חולה, וועמען די דאקטוי־רים האבן שוין געהאט מיאש געווען און געזאגט אז ער קען נישט לעבן.

האט ער דערויף געזאגט: די תורה האט נאר די רופאים געגעבן רשות צו היילן, אבער נישט מיאש צו זיין דאס לעבן — צו דעם האבן זיי שוין נישט קיין רעכט, ווייל זיי האבן דארויף קיין רשות נישט באקומען.

## זיך פארריכטן דורך תשובה טהון

כי יכה איש את עין עבדו... לחפשי ישלחנו תחת עינו ואם שן עבדו... לחפשי ישלחנו תחת שנו דער טעם פאר וואס דער עבד כנעני געהט ארויס פריי בשן ועין איז, ווייל דאס עבדות קומט איהם פון דער קללה, וואס נח האט געשאלטן זיין זוהן חם: „עבד עבדים יהי׳ לאחיו״. דער חטא פון חם איז געוועהן מיט׳ן אויג „וירא חם אבי כנען״ און מיט׳ן צאהן — „ויגד לשני אחיו״ (דער דיבור ווערט נגמר מיט די ציין). איז, אז מען האקט איהם אויס א אויג אדער א צאהן, ווערט איהם נתכפר דער חטא און ער געהט ארויס פריי.

(הגר״א ז״ל)

רבי מאיר׳ל פרימישלאנער

ונקרב בעל הבית אל האלקים. — מיט וואס, ווי־אזוי און ווען קען דער איד ווערן א מקורב צו גאט? — „אם לא שלח ידו במלאכת רעהו״: אויב ער בע׳עוול׳ט נישט קיינעם, אויב ער טהוט נישט דעם צווייטן איד קיין שלעכטס...

## נישט טשעפען יענעם אויף קיין פאל

אם ענה תענה אתו, והיה כי צעק יצעק אלי, שמע אשמע צעקתו די חז״ל זאגן אז פנינה בעת זי האט געפייניגט חנה׳ן, האט זי געמיינט לשם שמים, כדי אז חנה זאל שטארק בעטן אויף קינדער, דאך איז זי געשטראפט געווארן, אז איהרע קינדער זענען אויסגע־שטארבן (ורבת בנים אומללה).

דאס זאגט די תורה: אפילו — אם ענה תענה אותו — כדי — והיה כי צעק יצעק אלי — דו פייניגסט דעם אומגליקליכן מיט א גוטע כוונה כדי ער זאל שרייען צו מיר, דאך איז עס פון דיר א פארברעך און — שמע אשמע צעקתו — איך וועל הערן זיין וועה־געשריי און דו וועסט באשטראפט ווערן. (הגר״א מווילנא)

מער א פינפטל גיב נישט צדקה.

דאס וואס עס שטייט (כתובות דף נ) „גיב נישט מער ווי א פינפטל״, דאס איז נאר פאר ארעמע־לייט, אבער פאר תלמוד תורה מעג מען געבן און עס וועט זיין „צדקתו עומדת לעד״.

(„מדבר קדמות״ בשם שיטה מקובצת)

עס שטייט אין זהר (ויקרא דף לט, ב) אז דער מענטש טוט דעם אָרעמאַן צופרידנשטעלן מיט צדקה, אפילו עס איז גע־קומען די צייט פון דעם מענטש צו שטאַרבן, טוט אים השי"ת פאַרמערן די יאָרן דורך די צדקה וואָס ער האָט געטאָן.

(בספר „מעיל צדקה")

**אויף שלעכטע מחשבות חלילה.**

ווען איינער האָט חלילה שלעכטע מחשבות איז אַ תיקון דערצו צו געבן צדקה.

(„תשואות חן", פ' וירא)

**גיב אַ חיות אין דעם אָרעמאַן.**

„עני חשוב כמת", אַן אָרעמאַן איז גלייך ווי אַ טויטער, און ווען דו גיסט אים צדקה און דו ביזט אים מחי'. איז דאָס אַזוי ווי תחיית המתים, און דו ביזט גורם אַז השי"ת זאָל משפיע זיין כל טוב, אַלעס גוטס און מחי' זיין די גאַנצע וועלט וואָס זיי זיינען געגליכן צו מתים. אין דעם זכות פון צדקה וועט השי"ת שיקן משיח צדקנו און בזכות צדקה וועט זיין תחיית המתים, אַזוי ווי עס שטייט „בצדקה תכונני".

(רב ייבי, תהלים ל"ג)

**צוריסן דעם גזר־דין צוליב צדקה.**

מיר האָבן געלערנט, מען האָט געזאָגט אויף בנימין הצדיק ער איז געווען אַ גבאי צדקה. אַמאָל אין אַ הונגער־יאָר איז גע־קומען פאַר אים אַן אשה, און האָט געזאָגט צו אים: רבי, גיב מיר עסן. האָט בנימין געזאָגט צו דער אשה: איך שווער אַז אין דער קעסטל איז ניטאָ קיין איין גראָשן פון צדקה געלט. האָט די אשה געזאָגט צו בנימין: רבי, אויב דו וועסט מיך ניט שפייזן וועט שטאַרבן די אשה מיט זיבן קינדער. האָט בנימין איר געגעבן עסן פון זיין געלט.

אין אַ צייט שפּעטער איז בנימין הצדיק קראַנק געוואָרן און ער איז געווען נאָענט צום שטאַרבן. האָבן די מלאכים געזאָגט פאַר השי"ת: רבונו של עולם, דו האָסט געזאָגט אַז דער מענטש וואָס דערהאַלט ביים לעבן אפילו איין מענטשן פון אידן איז גלייך ווי ער וואָלט דערהאַלטן ביים לעבן אַ גאַנצע וועלט מענטשן, און בנימין הצדיק האָט דערהאַלטן ביים לעבן אַן אשה מיט זיבן קינדער, — זאָל ער שטאַרבן ביי די ווייניק יאָרן וואָס ער האָט געלעבט? האָט מען באַלד צוריסן דעם גזר דין. מיר האָבן גע־לערנט, מען האָט צוגעגעבן צו זיינע יאָרן נאָך צוויי און צוואַנציק יאָר.

(בבא בתרא דף י"א)

ספר הדרוש

את העני עמך — ער זאל מיטגעהן מיט דיר און שטייגן מיט דיר. די צדקה וואס דו גיסט, זאל נישט בלייבן הינטערשטעליג אין פערגלייך מיט דער כסדר'דיגער שטייגערונג פון דיין עשירות; אין געגענזאץ צו יענע, אויף וועלכע עס איז געזאגט געווארן: „הון ועושר בביתו, וצדקתו עומדת לעד" — זייער הון און רייכטום האלט אין איין וואקסן, דאגעגן די צדקה זייערע בלייבט שטענדיג שטעהן אויפ'ן זעלבן ארט...

*

הגאון מווילנא

אם כסף תלוה את עמי. „ג' צועקים ואינם נענים" — זאגן די חז"ל איינער פון זיי איז: „המלוה שלא בעדים". דאגעגן ביי צדקה ווערט געווארנט, אז עס דארף זיין בסתר: „מתן בסתר יכפה אף". און אט די בידע זאכן זענען דייטליך מרומז אין פסוק: „אם כסף תלוה" — אויב דו וועסט וועמען לייהען געלד — „את עמי", דארף עס זיין עפענטליך, פאר עדות; אבער „את העני" — אויב דו גיסט צדקה — „עמך", זאל קיינער, אויסער דיר, נישט זיין דערביי...

## נעם נישט דעם יצר הרע אלס שותף

אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס אויב דו טוסט א מצוה און דו נעמסט דיר צו א שותף צו איהר דעם יצר הרע, ווייל דו טוסט איהר מיט א נגיעה, צוליב כבוד אדער געלד, זאלסטו וויסן אז ער דער יצר הרע וועט עס ווערן דער עד חמס די דאזיגע מצות פון דיר אויסקצוריבן. וויא די חז"ל זאגן — „יורד ומסטין עולה ומקטרג" —

## גמילות חסדים איז גרעסער פון צדקה

אם כסף תלוה את עמי את העני עמך. גמילות חסדים איז גרעסער פון צדקה, ווייל דאן איז „את העני עמך" — קען דער ארימאן ווייטער בלייבן מיט דיר, ווי מיט זיינס גלייכן, און נישט זיין ביי זיך ערנידערט, געפאלן און פערשעמט... (ספר הדרוש)

## דיינים דארפען זיין שטארק געווארענט פון נטיות

אין ספר שו"ת מהריא"ז סי' נ"ד ווערט געבראכט, איך האב געהערט אז דער רבי ר' שמעלקא זצוק"ל, דער ניקלסבורגער רב, ווען ער איז נאך געווען רב אין שינעווע האט ער געהאט א מנהג אז בשעת א דין תורה פלעגט ער איינוויקלען זיין פנים אין א טלית כדי ער זאל ניט זעהן ווער די בעלי דינים זיינען אויף ניט האבען א וועלכע עס איז נטי' צו איינעם פון זיי. אויך דערציילט מען אויף איינעם פון די אמאליגע גאונים, בשעת א דין תורה פלעגט ער זיך באהאלטען אין צווייטען חדר, און זיינע מיטהעלפער די דיינים האבען ניט געטארט דערמאנען די בעלי דינים מיט זייערע נעמען כדי ער זאל ניט האבען וועלכע עס איז נטיה צו איינעם פון זיי.

דער יצר הרע וואס פריער רעדט ער אן דעם מענטש צום שלעכטן איז שפעטער מקטרג אין הימל און בעוויזט, אז זיינע מצוות האבן נישט קיין ווערט. (נועם אלימלך)

## אנטלויף פון שקר

מדבר שקר תרחק... דאס איז די איינציגע עבירה פון צווישן אלע עבירות אין די תורה, צו וועלכער עס ווערט צוגעגעבן דאס ווארט „תרחק": ביי שקר איז ווייניג, וואס מען טוהט עס נישט אליין — פון שקר מוז מען זיך דערווייטערן, אנטלויפן!...
(רבי זושא האניפאלער)

## פון יעדען שקר ווערט באשאפען א שלעכטער מלאך

אין ספר מדרש פנחס פון הרה"ק ר' פנחס קאריצער זצוק"ל זי"ע ווערט געבראכט אז ווען א מענטש געוויינט זיך איין צו זאגען ליגען גיט מען אים איבער צו א מלאך וואס איז א משקר און אויף עבירות ווייזט ער אים אז דאס מצות און אויף מצות רעדט ער אים איין אז דאס זיינען עבירות. נו, אויב א מלאך פירט אים בדרך השקר ווי איז מעגלעך אז ער זאל תשובה טאן. פירט אויס דער רבי ר' פנחס אז שקר דארף זיין ביי יעדען איד הארב ווי עריות ר"ל און אויב ער וועט זיך אפגעוויינען פון די מדה רעה פון זאגען שקר וועט אים שוין גרינג זיין אויף ווייטער מתקן זיין אלע מדות רעות.

## וויאזוי א מענטש קען זיך אויסארבעטען

דער הייליגער רבי ר' צבי אלימלך מדינוב זצ"ל שרייבט אין ספר אגרא דפרקא אז ער האט געהערט פון הייליגען זלאטשעווער מגיד דער רבי ר' מעכעלע זצ"ל אז דאס ערשטע מאל ווען ער איז געקומען צום בעל שם טוב הקדוש זי"ע האט דער בעל שם טוב געהייסען איהם מכבד זיין, און געזאגט איר זאלט וויסען אז ער איז א זון פון הגה"ק רבי איציק'ל דראהאביטשער זצ"ל, און פאר דעם ר' איציק'ל האט מען געגעבען א נשמה, כמעט די נידעריגסטע נשמה פון דעם דור, און ער האט זי אויפ־געהויבען צו דער מדריגה פון דעם תנא הקדוש רשב"י.
(ספר אגרא דפרקא אות כ"ט)

## די אומווירדיגקייט פון שקר

שקר איז זעהר פאראומווירדיקט אין די אויגען פון הקב"ה. דער פסוק זאגט:

„דובר שקרים לא יכון לנגד עיני" (תהלים ק"א) א ליגען־ריידער וועט נישט זיין פאר מיינע אויגען.

די חז"ל זאגען: פיר כתות וועלען נישט זוכה מקבל צו זיין פני השכינה: ליצנות־מאכער, חנפים, ליגען־זאגער און לשון־הרע ריידער.

וויבאלד ליגען איז זעהר פאראומווירדיקט אין די אויגען פון הקב"ה האט די תורה פארענדערט איהר לשון ווען זי האט אונז אנגעזאגט וועגען נישט זאגען קיין ליגען און נישט געזאגט „לא תדבר שקר" — ואלסט נישט ריידען קיין ליגען, אזוי ווי עס שטייט ביי אנדערע עבירות, נאר עס שטייט „מדבר שקר תרחק", פון א ליגען זאלסטו זיך דערווייטערען — אט אזוי וויא עס דערווייטערט זיך א מענש פון א זאך וואס איז פאראומווירדיקט אין זיינע אויגען, אדער פון א זאך וואס ענטהאלט אין זיך א סכנה פאר איהם. ווען א מענש טרעפט אין זיין וועג א זאך וואס רופט ארויס אין איהם א געפיל פון מיאוסקייט, אדער א זאך וואס איז א סכנה פאר איהם, איז נישט בלויז וואס ער ריהרט זיך נישט צו צודעם און וויל נישט זיין בליק זאל פאלען אויף דעם, נאר ער דערווייטערט זיך פון דעם פלאץ ווי שנעל עס איז נאר מעגליך — אט אזוי פאדערט די תורה זאל א מענש זיך דערווייטערן פון א ליגען.

הקב"ה באשטראפט זעהר הארב פאר ליגען זאגען. אבער נאך פאר עס קומט די שטראף פון הקב"ה ווערט דער ליגנער באשטראפט דורך זיין שלעכטע מדה אליין, מיט דעם וואס ער פארלירט דעם צוטרוי פון מענשען, ווי די חז"ל זאגען: „כך עונשו של בדאי, שאפילו אמר אמת אין שומעין לו", די שטראף פון א ליגען־אויסטראכטער איז — אפילו ווען ער זאגט אמת גלויבט מען איהם אויך נישט. און דאס פארלירען דעם צוטרוי פון מענשען, איז א גרויסע שטראף פאר א מענש.

## די הארבקייט און שטראף פאר שקר

די תורה האט אונז פיל אנגעזאגט וועגען שקר, די נביאים האבען א סך געשטראפט (מוכיח געווען) פאר שקר, און אויך די חז"ל האבען אונז פיל געלערענט דאס מיאוס'קייט פון שקר און ווי ווייט גרויס איז דער שטראף פאר דעם.

אין דער תורה איז דאס א אנזאג „ולא תשקרו" (ויקרא י"ט) און נאך שטייט: „מדבר שקר תרחק" (שמות כ"ג, ז).

און עס שטייט אויך אין דער תורה „לא תונו איש את עמיתו" איהר זאלט נישט נארען איינער דעם צווייטען — דאס איז א אנזאג נישט צו נארען דעם צווייטען מיט רייד (אונאת דברים). א באזונדער אנזאג איז דא נישט צו נארען דעם צווייטען אין געלד (אונאת ממון).

די נביאים האבען פיל געמאָנט צו אמת און מוכיח געווען פאר'ן זאגען שקר. ישעיה הנביא האט געזאָגט צו די וואס האבען געטענ'ט פארוואס הקב"ה הערט נישט צו די תפלות פון כלל ישראל און ברײנגט זײ נישט קײן ישועה; זײט וויסען אז די האנט פון הקב"ה איז נישט צו קורץ פון צו קענען אײך העלפען און זײן אויער איז נישט פארשטאָפּט פון צו הערען אײערע געשרײען — נאר אײערע זינד טײלען אָפּ אײך פון איהם און צוליב אײערע זינד באהאלט ער זײן פנים פון צו הערען אײך; אײערע הענד זענען באַשמוצט מיט בלוט און די פינגער מיט זינד, אײערע ליפּען רײדען ליגען, און דער צונג אונרעכט. דער אמת איז געשטרויכעלט געווארען אין אײערע גאַסען, און ריכטיקײט קומט נישט ארײן. (לויט ישעיה נ"ט).

און ירמיהו הנביא איז מוכיח די אידען פאר שקר, און זאגט: „חץ שחוט לשונם מרמה דבר בפיו שלום את רעהו ידבר ובקרבו ישים ארבו" — ווי א אנגעצויגענער בויגען איז זײער צונג צו רײדען ליגען; מיט'ן מויל רעדט אײנער צום צווײטען פרידען, און אין זיך (אין האַרצען) לויערט ער אויף איהם. נאכהער זאגט דער נביא אין נאָמען פון ג־ט זײער שטראָף: „העל אלה לא אפקד בהם נאם ה' אם בגוי אשר כזה לא תתנקם נפשי" — פאר דעם וועל איך נישט אויפמאנען פון זײ? האט געזאגט ג־ט; פון אזא פאלק וועל איך דען נישט נקמה נעמען?

אויך די חז"ל האבען פיל אנגעזאגט וועגען ליגען. רב האט געזאגט צו רב כהנא: זאלסט בעסער איבערקערען א נבלה אין גאַס, און נישט איבערקערען דײנע ווערטער, דאָס הײסט: נישט טאָן אַנדערש ווי דו האסט ארויסגערעדט פון מויל. און נאך האבען די חז"ל געזאגט: המדבר אחד בפה ואחד בלב — הקב"ה שונאו, דער וואס טראַכט אין האַרצען אַנדערש ווי ער רעדט מיט'ן מויל — דעם האט הקב"ה פײנט. און נאך זאגען די חז"ל: ירושלים איז חרוב געווארען נאר ווײל עס האט אויפגעהער טצו זײן אין איהר „אנשי אמנה" (מענשען וואס זענען עהרליך און זאגען נאר אמת).

## ליגען קען קײן נוצען נישט ברענגען

עס דוכט זיך דעם מענשען טײלמאל אז דורך ליגען זאגען וועט ער האבען נוצען און פארדינסט, דאגעגען דורך אמת וועט ער האבען פארלוסט. ווען אפילו דאס וואלט געווען ריכטיג דארף אויך דער מענש גײן אין די וועגען פון אמת און אנטלויפען פון שקר. ווײל דאס זאגען שקר איז א עבירה, און א מענש דארף אוועקגעבען זײן גאנצען פארמעגען אויב דאס פאדערט זיך כדי צו פארמײדען זיך פון א עבירה. און באזונדערס דארף מען אנטלויפען פון שקר וואס איז פאראומווירדיקט אין די אויגען פון הקב"ה מער פון אנדערע עבירות, אויסערדעם וואס דאס איז אויך א „גנטע" ברעכונג פון קיום־העולם, וואס איז באזירט אויף אמת. און אויב א מענש ערווערבט זיך ;עלד דורך זאגען ליגען — איז אויסער די הארבע עבירה פון שקר ווערט ער געשטרויכעלט אין דער עבירה פון גזל. וואס איז אויך א הארבע עבירה און זי ברײנגט אויף א מענשען א שווערע שטראָף, ווי די חז"ל זאגען: „א כלי פול מיט עבירות און אין דעם איז דא א עבירה פון גזל — גזל איז מקטרג אין הימעל די ערשטע". און דעריבער אין דעם דור המבול וואס האט געטאָן די ערגסטע עבירות איז זײער דין גע'חתמ'עט געווארען צו גרונד צו גײן צוליב די עבירה פון גזל. דעריבער זאל א מענש זײן שטארק פארזיכטיג אין זײנע אלע פאר־

האנדלונגען נישט צו באנוצען זיך מיט ליגען, און נישט צוהערען זיך צו די איינרע־דענישען פון יצר־הרע אז דורך ליגען זאגען וועט ער פארדינען.

אבער די ריכטיגקייט פון די זאכען איז אז דאס באנוצען זיך מיט שקר ברייגגט נישט קיין נוצען דעם מענשען. נאר וויל דעם מענשענס בליק איז קורץ, און ער זעהט נאר וואס עס שטייט איהם פאר די אויגען, אבער נישט דאס וואס קומט ארויס פון זיינע מעשים אין דער צוקונפט, דוכט זיך איהם אז ער וועט נוצען האבען פון ליגען־זאגען. אויב א מענש וועט זיך דורך נוצען ליגען זאגען ערווערבען אפילו אוצרות פון גאלד וועט דאס שנעל אוועקגיין פון איהם, און בלייבען וועט איהם בלויז די עבירה און די שאנד. אזוי זאגט דער פסוק: „עושה עושר ולא במשפט, בחצי ימיו יעזבנו, ובאחריתו יה׳יה נבל״ — דער וואס זאמעלט צונויף רייכקייט אהן גערעכטיגקייט, דאס הייסט: מיט פאלשקייט און אונרעכט, וועט דאס רייכקייט פארלאזען איהם אין העלפט פון זיינע טעג, דאס הייסט: די רייכקייט וועט נישט האבען קיין קיום ביי איהם, און אין זיין ענדע וועט ער זיין א נבל, פון זיין רייכקייט וועט איהם בלייבען בלויז דאס וואס מענשען וועלען איהם רופען: נבל — א נידערטרעכטיגער מענש.

און נישט בלויז אויב מען זאמעלט געלד מיט אונרעכט, מיט פאלשקייט גייט דאס אוועק פון איהם, דאס זעלבע איז מיט יעדער זאך וואס א מענש ערווערבט מיט ליגענט, ווי צום ביישפיל, כבוד. דער כבוד וועט אוועקגיין פון איהם און בלייבן וועט נאר די שאנדע פון ליגען זאגען.

## אנטלויפן פון שקר

רבינו יונה גירונדי, אין זיין ספר „שערי תשובה״ רעכנט אויס די פארשידענע סארטן ליגן־זאגערס וואס איז פארהאנען אונטער די מענטשן — די הארבקייט פון די עבירה און איהר שטראף.

א. א מענטש וואס האט פארלאזן די תורה און איז פארדארבן מיט זיין מויל־רייד, ווי צ.ב. דער וואס לייקנט זיין חבר געלד וואס ער קומט איהם, אויף דעם שטייט אין דער תורה: לא תכחשו ולא תשקרו איש בעמיתו. און דאס זעלבע דער וואס זאגט פאלש עדות אויפן צווייטן.

און צו דעם סארט געהערן די וואס מאכן פאלשקייטן און אפנארעריי אין געשעפטן און שותפות׳ן.

אזא מענטש רופט זיך „איש און״ און „בליעל״ און ער איז דער שווער־זינדיגס־טער צווישן אלע כתות פון רשעים.

ב. דער וואס זאגט שקר, און אין דעם שקר אליין האט זיין חבר נישט קיין שאדן אדער פארלוסט, נאר דער שקר ווערט געמאכט אלס סיבה צו שלעכטס טהון ווי צום ביישפיל: איינער פארפיהרט זיין חבר ער זאל גלויבן אז ער איז איהם א גוטער פריינד, און ער צילט דערמיט יענער זאל נישט היטן זיך פון איהם און אזוי ארום וועט ער קענען איהם שלעכטס טהון, אזוי ווי ירמיה הנביא זאגט: בפיו שלום את

רעהו ידבר ובקרבו ישים ארבו (ירמי׳ ט׳) — מיט זיין מויל רעדט ער פרידן צו זיין חבר און אין אין הארצן טראכט ער לויערונג אויף איהם.

דיביידע ווערן באשטראפט פאר צוויי זאכן: צוליב דעם שקר און צוליב דעם שאדן וואס ווערט אנגעטראגן אויף זיינע פליגל, דען דער שקר אליין, אויסער זיין שאדן, איז פאראומווערדיגט צו ג־ט.

ג. דער וואס קומט מיט ערמה און פאלשע רייד צו פארמיידן פון זיין חבר עפעס גוטס, וואס דארף קומען צו איהם און אריבערפירן דאס צו זיך, נישט צו גזל׳ענען ביים צווייטן, נישט צו רויבן ביי איהם, נאר פארמיידן פון איהם דאס גוטס וואס ערווארט איהם, פארוואס? ווייל ער גלוסט איהר. דער ווערט געשטראפט נאר פאר׳ן שקר, אבער דער שטראף פון שקר איז גרויס צוליב דעם וואס עס קומט פון איהם ארויס א פארלוסט פאר׳ן צווייטן.

ד. דער וואס זאגט ליגן אין זיינע רייד, ווען ער דערציילט זאכן וואס ער האט געהערט און ער פארבייט זיי, ער האט נישט פון דעם קיין שום נוצן און איז אויך נישט גורם קיין פארלוסט פאר א צווייטן, נאר ער טהוט דאס ווייל ער האט ליב צו זאגן ליגן. און אמאל טרעפט אויך אז ער טראכט אינגאנצן אויס זאכן וואס זענען קיינמאל נישט געשעהן.

די זינד פון דעם מענטשן איז פון איין זייט גרינגער, ווי די זינד פון אנדערע שקרנים, ווייל עס קומט נישט ארויס פאר קיינעם קיין שאדן פון זיין ליגנעריי, אבער פון דער צווייטער זייט איז זיין שטראף הארבער און זיין זינד גרעסער ווייל ער האט ליב דעם שקר אן קיים צום נוצן.

שלמה המלך זאגט: „יפיח כזבים — עד שקר" (משלי ו׳) — עס בלאזט אויף ליגנס א פאלשער עד. דאס מיינט: ווען דו זעהסט א מענטש וואס בלאזט ליגנס אין זיין שמועסן און דערציילונג זאלסטו וויסן אז ער וועט קומען צו דעם דאס ער וועט זיין א פאלשער עד צו זאגן ליגנס אויף א צווייטן, זיין ליבע צום שקר וועט איהם ברענגען דערצו.

און עס זענען פארהאן מענטשן וואס זיין פארבייטן א טייל רייד ווען זיי דער־ציילן איבער דאס וואס זיי האבן געהערט, אבער זיי טהוען דאס אומוויסנד, ווייל ווען זיי האבן געהערט האבן זיי נישט גוט צוגעהערט זיך און נישט געווען גענוג אויפמער־קזאם צו פארשטיין עס ריכטיג — דאס איז אויך א שלעכטע מדה.

ז. דער וואס זאגט צו זיין חבר אז ער וועט מיט איהם עפעס גוטס טהון, אדער וועט איהם געבן א מתנה, און ווען ער רעדט נאך מיט איהם — אין הארצן טראכט ער אז ער וועט נישט טהון און נישט געבן. אויף דעם זאגט דוד המלך: „נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מירמה" (תהלים לד) — היט דיין צונג פון שלעכטס און דיינע ליפן פון פאלשקייט. האבן די חז״ל מפרש געווען: עס זאל נישט זיין אחד בפה — ואחד בלב.

ו. דער וואס זאגט צו זיין חבר גוטס טהון מיט איהם, און שפעטער ציהט ווערטער מיט א צוזאג, און זיין חבר האט זיך פארלאזן אויף איהם, טאר ער זיין ער זיך צוריק, און ער מאכט אז זיינע רייד זאלן פארוואנדלט ווערן אין ליגן, און זיין צוזאג נישט פארשוועכן.

ז. דער וואס פארנארט זיין חבר אז ער האט מיט איהם געטהון א טובה און גערעדט גוטס אויף איהם און איינדערזאמת'ן האט ער נישט געטהון. אויף דעם חטא (אונאת דברים) זאגן די חז"ל אז ער איז הארבער פון גזל.

ח. דער וואס גרויסט זיך מיט מעלות וואס ער האט נישט אין זיך. די חז"ל זאגן: ווען מען גיט א מענטשן כבוד וואס פאסט פאר איינעם וואס ווייס צוויי מסכתות, און ער ווייס בלויז איינע, דארף ער זאגן צו די כבוד־געבער: איך ווייס נאר 1 מסכתא. און אויב דאס איז זיין פליכט ווען מען נארט זיך אפ אין איהם פון זיך אליין — א קל־וחומר אז ער טאר נישט פארנארן און זיך גרויס האלטן מיט ליגן.

ט. דער וואס זאגט ליגן וועגן זיינע אינטערעסן און איז קיינעם נישט גורם קיין שאדן. און ער טהוט עס ווייל ער מיינט אז פון ליגן וועט עפעס נוצן האבן. הגם דעם שטראף פאר דעם איז גרינגער ווי דער שטראף פאר די וואס זאגן ליגן אן קיי, שום ניצן, ווי מיר האבן דערמאנט אין פערטן טייל, איז אבער די זאך אויך אסור. אויף דעם זאגט דער פסוק: „למדו לשונם דבר שקר" (ירמי' ט').

דער אמת דארף זיין איינגעוואָרצלט ביי דעם מענטשן ער זאָל קיינמאָל נישט אָפטרעטן פון איהם. מען טאר נישט נוצן זיך מיט שקר אונטער קיין שום באַדינ־גונג. אויסער ווען עס איז נויטיג איינצוהאַלטן דעם שלום: און פאַרמיידן קריגערייען מעג מען א ב י ס ל משנה זיין פון אמת. (מותר לשנות מפני דרכי שלום — נישט זאָגן קיין ליגן, נאָר אַ ביסל משנה זיין פון אמת, כדי איינצוהאַלטן דעם שלום).

י"א דער חוב פון זיין אמת'דיג איז, נישט נאָר אין די באַציהונגען פון איין מענטש צום צווייטן, נאָר אויך וואָס עס איז נוגע דעם מענטשן אין זיינע מעשים פאַר הקב"ה, הגם עס איז נישט שייך קיין אָפנאַרעריי פאַר הקב"ה דען ער ווייס דאָך אַלע מחשבות־הלב. אַזוי זאָגט דער פסוק: „קרוב ה' לכל קוראיו, לכל אשר יקראוהו באמת". וועמ רופט איהם נישט מיט אמת? דאָס איז דער וואס איז מתפלל, און זאָגט מיט'ן מויל ווערטער פון תפלה, און זיין האַרץ און מוח איז נישט דערביי. זיי טראַכטן זיך דאָן אנדערע זאכן. דאס זעלבע ווען א מענטש טהוט עבודת־השם צולי בכבוד אדער גשמיות'דיגע אינטערעסן.

דער וואס איז אמת'דיגע אין אלע זיינע מעשים און דיבורים, מאַכטן רוהען די שכינה צווישן כלל ישראל.

**שוויגן איז בעסער**

ולא תענה על ריב... איבו דו ווילסט אייסמידן מחלוקת — ענטפער נישט, מיש דיר נישט אריין, פערשוויג, יממילא וועט די מחלוקת ווערן איינגעשטילט... (ימין משה)

**בעם שאָדט פאַר'ן מענטש**

**אין** ספר פתגמין קדישין ווערט געבראַכט וועגען רבי ר' זושא זצ"ל

אז ער האט געזאגט מוסר פאר איינעם וואס איז געווען אין כעס, כאטש עס איז געווען צוליב א דבר מצוה. ער האט איהם געהייסען גיין אין מקוה טראץ דעם וואס דעמאלט איז געווען שטארק קאלט.

מקור ברוך

„תרומה" — פריהער געהט די סדרה „משפטים", און ערשט נאכדעם — „תרומה". פריהער דארף דאס פערמעגן ערווארבן ווערן דורך אנ'עהרליכן אופן, בצדק ובמשפט, און דאן ערשט זאל מען געבן תרומה, צדקה, נדבות...

## תורה איז א אייביגער מקור

ויקחו לי תרומה, הדא דכתיב לקח טוב נתתי לכם, תורתי אל תעזובו — אל תעזבו את המקח שנתתי לכם (מדרש) **די תורה דארף באטראכט ווערן ווי א מקח. דער סוחר הערט קיינמאהל נישט אויף צו האנדלען ווייל ער איז אמאהל נישט מצליח אין האנדלען, ער ווייסט, או אויפהערנדיג צו האנדלען געהט ער אין גאנצן צו גרונד. אזוי דארף זיין ביי תורה כאטש מען איז נישט מצליח ביי לערנען, דארף מען ווייטער ארבייטן און נישט מיד ווערן. מיט'ן אויפהערן נישט עוסק צו זיין אין תורה ווער מען געוויס נישט קענען עקזיס־טירן.** (הה"ק ר' דוד ז"ל מקאצק)

**מי שהוא טפש אומר מי הוא יכול ללמוד כל התורה, נזיקין שלושים פרקים כלים שלושים פרקים. והחכם אומר הריני לומד שתי הלכות היום ושתים למחר עד שאני לומדה כולה.** (שיר השירים רבה ה')

דער טיפש זאגט: ווער קען עס לערנען די גאנצע תורה, „נזיקין" (בבא־קמא, בבא־מציעא, בבא־בתרא) האלט 30 פרקים; „כלים" האלט 30 פרקים!

און דער חכם זאגט: איך וועל היינט לערנען צוויי משנה'ס און מארגן צוויי משנה'ס ביז איך וועל ענדיגן די גאנצע!

מ'זאגט יעדן אינדערפרי ביים דאווענען ברוך אתה ה' וכו' המעביר שינה מעיני וכו' ויהי רצון מלפניך וכו' שתרגילנו בתורתיך ודבקנו במצותיך וכו'

איינגעטליך וואס פאר א פארקער האבן צו ווערטער „המעביר שינה מעיני" צו די ווייטערדיגע תפילה „שתרגילנו בתורתך"?

זאגט הגאון מהרי"ל דיסקין דער בריסקער רב זצ"ל, די חז"ל זאגן „שינה לרשעים הנאה להם והנאה לעולם". ווען רשעים שלאפן, איז פאר זיי גוט און אויך פאר די וועלט, דען זיי זינדיגן נישט ווען זיי שלאפן און די וועלט האט ווייניגער צרות פון זיי. ווידער „שינה לצדיקים רע להם ורע לעולם" ווען צדיקים שלאפן איז פאר זיי נישט גוט און נישט פאר דער וועלט, ווייל זייער תורה לערנען איז דאך פאר זיי גוט און ווידער אין דעם איז אפהענגיק דאס עקזיסטענץ פון די גאנצע וועלט.

דעריבער ווען מיר זאגן „המעביר שינה מעין" מיר דאנקען השי"ת וואס דער שלאף איז אפגעטהון געווארן פון אונזערע אויגן — בעטן מיר גלייך „שתרגילנו בתור־רתך" מיר זאלן קענען זיצן און לערנען דיין תורה, דען דאס איז דער צוועק פון דעם אויפשטיין, צו טהון דעם רצון הבורא. וועט זיין פאר זיך גוט און פאר די וועלט גוט.

# א רמז אויף די צוויי בתי מקדש

„ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" אין דעם איז מרומז דער ערשטער בית המקדש וואס האט עקזיסטירט 410 יאהר (ת"י) און דער צווייטער בית המקדש וואס האט עקזיסטירט 420 יאהר (ת"כ).

דער ווארט ושכנתי איז גליך ווי עס וואלט געשטאנען ושכן ת"י, דער מקדש וועט זיין 410 יאהר; און ווידער איז דא אין דעם די זעלבע אותיות פון ושני ת"כ, ד. ה. און דער צווייטער וועט זיין 420 יאהר!

(רבינו בחיי ז"ל על התורה)

רבי מנחם מנדיל מקאצק

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם — ביי זיך גופא דארף יעדער איד זיך מאכן א מקדש; אין איהם אין זיין הארץ גופא, זאל רוהען די שכינה...

**אויב דער משכן איז נישטא, די בתי מקדש זענען חרוב געווארן, אבער די תורה איז מיט אונז, דער ארון עקזיסטירט נאך צווישן אונז, מיט אונזער תורה לערנען בויען מיר א מקדש, מיר בויען א הויז וואו די שכינה זאל רוהען צווישן אונז, ושכנתי בתוכם.**

## פאר'ן דאווענען נישט טאן קיין שום זאך

דער גאון רבי זלמן אבד"ק האמבורג זצ"ל (און איידעם פון חכם צבי ז"ל) האט געהאט א מנהג צו גיין פון דער היים אנגעטאן אין טלית און תפילין דאווענען אין שוהל. איינמאל איז איהם אנטקעגענגעקומען א מאן און האט איהם געוואלט פארקויפען טייערע איידעלשטיינער וואס איז ווערט געווען א גאנץ פארמעגען. אבער דער גאון האט זיך נישט געוואלט אומקערן אהיים. פונדעסטוועגען האט ער איהם געפרעגט פאר וויפיל ער וויל פארקויפען די איידעלשטיינער. האט איהם דער מאן געזאגט דעם פרייז. האט איהם רבי זלמן געזאגט אויב דו וועסט ווארטען ביז איך וועל אהיימקומען פון שוהל וועל איך דיר געבען דעם פולען פרייז. דער מאן האט אבער נישט געוואלט ווארטען ווייל ער האט געמוזט פארקויפען די סחורה, איז ער געגאנגען און האט פארקויפט די שטיינער פאר א צווייטען. און יענער האט דערביי פארדינט עטליכע טויזענט גולדען. ווען רבי זלמן האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער זיך שטארק געפרייט און ער האט געזאגט עס איז כדאי שאדען צו האבען א גאנץ פארמעגען בעולם הזה און נישט מוותר זיין אויף א מצוה וואס איר שכר איז אויף יענער וועלט לעולם הבא.

(בריש סידור בית רחל)

„ועשו ארון" זיי זאלן מאכן דעם ארון"! ביי אלע כלי המשכן שטעהט „ועשית" נאר דא שטעהט „ועשו" ווייל כבוד התורה געהער צו אלע אידן! ווי דער מדרש פירט אויס: „ללמדך שכתר תורה מעולה יותר מכולן, זכה אדם לתורה כאילו זכה לכולן". דער תורה־קרוין איז העכער פון אלעס, האט מען זוכה געוועהן צו לערנען תורה, ווי מ'האט זוכה געוועהן צו אלע מעלות!

און ווי איז די מאס פון ארון — צובראָכענע איילן: די לייענג צוויי מיט א האלבע איילדיברייט איינע מיט א האלבע; די הויך איינע מיט א האלבע, צו ווייזן, זאגט דער של"ה הק' אז דער תלמיד־חכם דארף זיין צובראכן ביי זיך, נישט שפירן אין זיך גאנצקייט. בתכלית העניוות!

און „מבית ומחוץ תצפנו" פון אינווייניג און פון דרויסן זאל מען איהם באדעקן מיט גאָלד, דער תלמיד חכם דארף זיין „תוכו כברו" אינערליך פיין ווי אויסערליך, פון ביידע זייטן געשמירט מיט גאָלד.

די שטייגען וואס טראגן דעם ארון — די זענען די נדיבים וואס האלטן אויס די תורה לערנערס, די ישיבה־לייט. די תורה זאגט אויף די בדים „לא יסורו ממנו", ווייל שטענדיג דארף מען אונטערשטיצן תורה אָהן אויפהער.

און די כרובים וואס שטעהען אויפן ארון זענען מרמז די קליינע קינ־דערלאך די תנוקות של בית רבן וואס לערנען תורה אין חדר.

## מיט שטארקן ווילן ברעכט מען מויערן!

מבית ומחוץ תצפנו כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו אינו תלמיד חכם (חז"ל יומא ע"ב)

אין מסכת ברכות כ"ח. ווערט דערצעהלט, אז ווען רבן גמליאל איז געוועזן נשיא, האט ער געלאזט אויסרופען, אז דער תלמיד, וואס „אין תוכו כברו" זאל נישט אריינגעהן אין בית המדרש, נור ערשט ווען רבי אלעזר בן עזריה איז געווארען נשיא, האט מען אוועקגענומען דעם „שומר הפתח" פון די בית המדרש טהיר און מען האט ערלויבט אריינגעהן לערנען יעדען, וואס האט נור געוואלט. זענען טאקי צוגעקומען פיר הונדערט בענק.

איז שווער צו פערשטעהן, ווער איז דאס געוועזן דער שומר־הפתח, וואס האט געקענט זיין א מבין, צי דער תלמיד איז אין זיין פנימיות פונקט ווי ער שטעלט זיך פאר אין חיצוניות, — תוכו כברו? — צו דעם מוז מען דאך זיין א יודע מחשבות?

האט דער אלטער סאדיגורער רבי ז"ל אזוי געזאגט: באמת האט מען אפגע־שלאסען אינגאנצען די טהירען פון בית המדרש און קיינעם נישט אריינגעלאזט. נאר דער תלמיד וואס האט באמת מיטן גאנצן ערנסטן און אינערליכן ווילן געוואלט ארייג־קומען לערנען, דער האט שוין אנגעווענדעט אלע פעולות, ער האט מויערן געבראכען און וועגן דורכגעהאקט כדי צו קענען אריינקומען — איז עס געוועזן דער בעסטער בעוויז אז עס איז „תוכו כברו"...

**אַ מעשה פון די אנוסים פון שפּאַניע**

אין ספר „בארת המים" ווערט געבראַכט אַ סיפור, דאָס אין שפּאַניע ווען מען האָט גוזר געווען דאָס אידן זאָלן ניט מקיים זיין די מצות, זיינען געווען די אנוסים, היינו זיי האָבן זיך גע־מאַכט גלייך זיי זיינען גוים און האָבן מקיים געווען די מצות כהדרי הדרים. איז דאָרט קראַנק געוואָרן אַ גרויסער שר, זיין נאָמען איז געווען באַגולאַ, און די קרענק האָט זיך אויף אים געשטאַרקט ביז ער איז געווען גוסס רח"ל. איז צו אים געקומען דער גלח אַזוי ווי דער מנהג איז פון די ערלים, און ווי דער גלח האָט געזען דאָס ער איז שוין באַלד טויט האָט ער אים איינגערוימט אין זיין אויער דעם פסוק שמע ישראל וגו' ביז אחד און ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד, וואָרום דער גלח איז געווען פון די אנוסים, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אפשר איז דער חולה אויך פון די אנוסין, דעריבער האָט ער אים איינגע־רוימט דעם פסוק.

דער אמת איז אַז דער רוב וואָס זיינען גוסס איז צו מיתה, עס טרעפט זיך אָבער דאָס אַ טייל בלייבן לעבן נאָך דער גסיסה. איז דער שר אויך געווען פון דעם מיעוט און איז געזונט גע־וואָרן. אַזוי האָט ער געשיקט רופן דעם גלח און האָט צו אים געזאָגט: געדענק וואָס דו האָסט געטאָן, פון דעם וואָס דו האָסט מיר איינגערוימט אין מיין אויער זע איך אַרויס דאָס דו ביסט אַ יהודי, על כן האָסטו פאַרשולדיקט מען זאָל דיר דעם קאָפּ אַראָפּנעמען, נאָר איך האָב אויף דיר רחמנות, וועל איך דיר געבן אַ רפואה דאָס דו זאָלסט דיך כופר זיין. האָט דער שר אים געגעבן צייט דריי טעג. און דער כומר האָט אים ניט געוואָלט צוהערן און האָט זיך מוסר געווען אויף קידוש השם.

און ווי דער שר האָט געזען דאָס דער כומר איז אַ יהודי מיט דעם גאַנצן האַרץ, האָט אים דער שר גערופן אין אַ באַ־זונדער חדר, און האָט אים מגלה געווען דעם סוד דאָס ער איז אויך אַ יהודי פון די אנוסים, און האָבן צוזאַמען געהאַלטן אַן עצה וואָס צו טאָן. האָט דער כומר צו אים געזאָגט, דו ביסט דאָך אַ שר, קענסטו טאָן וואָס דיין האַרץ באַגערט. זאָג צו די אַנדערע שרים דאָס דו האָסט געקויפט אַ נחלה באַרץ הקדושה און דו וועסט דיין פאַרמעגן דאָרט מיטנעמען, און איך וועל אויך מיט דיר פאָרן. האָבן זיי אַזוי געטאָן, און זיי זיינען דאָרט געווען גרויסע צדיקים מפורסמים.

רבי יאשע־בער בריסקער

מן הכפורת תעשו את הכרובים. די צורה פון די כרובים איז געווען „ילד וילדה" („דמות פרצוף תינוק להם"). דער סוד און יסוד פאר שמירת הארון, פאר קיום התורה — איז דער חינוך, די קינדער...

## א ערליכער איד אויף אלע געביטן

והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה... דער תלמיד־חכם און שומר־תורה דארף זיך אויסצייכענען אין זיין התנהגות אין אלע זאכן. ער דארף זיין פון די „פורשי כנפים למעלה", אבגעהיט אין די מצוות שבין אדם למקום, און גלייכצייטיג אויך — „ופניהם איש אל אחיו", דייך און זויבער אין די ענינים שבין אדם לחבירו... (עוללות אפרים)

## מען דארף אין זינען האבן אויך דעם צווייטן

ופניהם איש אל אחיו, וכתוב אחד אומר „ופניהם לבית"? כאן בעושין רצונו של מקום, כאן באין עושין רצונו של מקום (חז"ל בבא בתרא) אז מ׳וויל טהון רצונו של מקום, דארף מען נישט אין זינען האבען זיך אליין, נור אויך זארגען פאר׳ן צווייטען, יעגער זאל אויך זיין א יוד, יעגעמנס קינד זאל אויך קענען לערנען תורה — ופניהם איש אל אחיו — דאס פנים פון יעדען זאל זיין געווענדעט צום צווייטען... ווען אבער יעדער זארגט נור פאר זיך אליין, זיין פנים איז נור געווענדעט צו זיין אייגען הויז — ופניהם לבית איז עס א בעוויז, אז — אין עושין רצונו של מקום... (פרדס יוסף)

רשפי אש

מקשה אחת זהב טהור. „מקשה אחת" — די שווערסטע זאך איז — „זהב טהור", אז דאס פערמעגן פון מענטש און זיין געלד זאל זיין ריין און עהרליך, אהן א שמץ פון שווינדל און רמאות...

**דער באצאלט פאר צדקה.**

רבי דוסתאי ברבי ינאי האט גע׳דרש׳נ׳ט, קום און זע אז דער פירונג פון השי"ת איז ניט ווי דער פירונג פון א מענטשן, דער פירונג פון א מענטשן איז, אז א מענטש ברענגט א גרויסע מתנה צו א מלך, ווייס ער נאך ניט אויב מען וועט צונעמען פון אים די מתנה, אדער מען וועט ניט צונעמען פון אים די מתנה; און אויב מען וועט צונעמען פון אים די מתנה, ווייס ער נאך ניט אויב ער וועט זען דעם פנים פון מלך, אדער ניט, אבער השי"ת איז ניט אזוי: אז א מענטש גיט א פרוטה צו אן ארעמאן איז ער זוכה צו זען דעם פנים פון דער שכינה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, דוד המלך האט געזאגט, אז איך גיב צדקה בין איך זוכה צו זען דיין פנים.

(בבא בתרא דף י, א)

**מיטן הארץ זאלסטו קוקן אויף דעם ארעמאן.**

דו זאלסט האבן אפענע אויגן, דעמאלט וועסטו זיך קענען מרחם זיין אויף דעם ארעמאן. לערן זיך פון [illegible]"ת, אזוי ווי עס

שטייט אין פסוק (תהלים לג) „הנה עין ד' אל יראיו למיחלים לחסדו", השי"ת אויג איז צו זיינע יראים, צו די וואס האפן צו זיין חסד. אויך שטייט (תהלים קכא) „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל", עס דרימלט נישט און שלאפט נישט דער היטער פון ישראל. ער היט און ער איז זיך מרחם אויף יעדן איינעם.

אויך דארף מען זיין א ותרן מיט זיין געלט און געבן מיט א גוט אויג, אזוי ווי עס שטייט (משלי כב) „טוב עין הוא יבורך", דער וואס האט א גוט אויג ווערט געבענטשט.

אויך ווער עס גיט צדקה לעבט לאנג, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (מגילה פרק בני העיר): מען האט געפרעגט ר' נחוניא בן הקנה, פארוואס בינסטו מאריך ימים? האט ער געענטפערט: ווייל איך בין א ותרן מיט מיין געלט, איך האב אין מיין גאנצן לעבן פיל געלט געטיילט.

(„ראשית חכמה" שער הענוה, פרק א)

**צדקה איז זייער גרויס.**

צדקה געבן איז אזוי גרויס, דאס אפילו השי"ת ווערט דער־מיט געהייליקט, ווי עס שטייט „והא־ל הקדוש נקדש בצדקה", דער הייליקער באשעפער ווערט געהייליקט מיט צדקה.

(בספר „מעיל צדקה" בשם ר"ח)

**צדקה איז דער מלך פון די מצוות.**

צדקה איז כולל אלע מצות. פונקט אזוי ווי דאס הארץ גיט אריין חיות אין אלע איברים און אזוי ווי די זון גיט אריין חיות און טוט אויפלעבן די וועלט בעולם הזה, אזוי אויך איז צדקה דער מלך פון אלע מצוות און דאס גיט אריין חיות אין דעם מענטש בעולם הזה און בעולם הבא.

(ספר „אור החכמה", פ' וירא)

דורך צדקה טוט מען מעורר זיין פון הימל אז השי"ת זאל געבן צדקה פאר אלע אידן.

(„נועם אלימלך", בליקוטים)

**צדקה נוצט צו אלעם.**

עס איז נישטא אזא זאך וואס עס זאל נוצן פאר דעם מענטשן צו אלעם אזוי ווי צדקה פון דעם וואס דער מענטש פאר־דינט מיט זיינע אייגענע הענט, מיגיע כפו.

(„אור הגנוז", פ' תרומה)

**צדקה פון רבי ר' שמעלקא מניקלסבורג**

**עס** איז געווען אמאל א מעשה ביים רבי' ר' שמעלקא זי"ע, וואס איינמאל

איז צו איהם געקומען א חשוב׳ער אָרימאַן און ער האָט איהם גישט געהאַט וואָס צו געבען. האָט ער אַרויסגענומען א טייערען רינג פון זיין שראַנק און איהם געגעבען. שפעטער איז אָנגעקומען זיין רביצין און ווען זי האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט זי זיך גענומען בייזערן, און געזאָגט דו ווייסט דאָך אַז דער רינג איז פיל מער ווערט. עס איז ווערט דריי גולדען. איז דער רבי ר׳ שמעלקא געגאַנגען און תיכף געלאָזט רופען דעם אָרימאַן און איהם אָנגעזאָגט אַז דער רינג איז ווערט דריי גולדען, און ממילא זאָל ער עס נישט פאַרקויפען פאַר ביליגער.

(בס׳ טעה״מ בשם ס׳ שפתי קדושים)

## אין זכות פון צדקה איז ער געוואָרען א גרויסער עושר

**עס** שטייט אין סה״ק דברי יחזקאל אַז דער הייליגער רבי מענדעלע מרימאַנאָוו זי״ע האָט אַמאָל געבענטשט אַ איד ער זאָל זיין אַ גביר און ער איז געוואָרען א גרויסער עושר. האָט איהם דער ראָפשיצער רב זי״ע געפרעגט היתכן וואָס ער האָט געגבען אַזאַ גרויס עשירות פאַר איין מענטש. האָט איהם דער רבי ר׳ מענדעלע געענטפערט איך האָב איהם געבענטשט סתם מיט עשירות, און ער איז אַ גרויסער בעל צדקה ווערט ער מער געבענטשט, ווייל דאָס וואָרט „ונתנו״ מאַכט צוריקוועגס אויך „ונתנו״, דאָס הייסט אויב עמיצער גיט אַ סך צדקה אָהן אַ שיעור, גיט מען איהם אויך מן השמים עשירות אָהן אַ שיעור, און עס פעלט איהם נישט גאָרנישט פון דעם וואָס ער גיט אַוועק אויף צדקה. (עיין בעל הטורים תשא ל, י״ב).

(בספר דברי יחזקאל פ׳ תשא)

## די גרויסקייט פון דער מצוה פדיון שבויים

**אַז** אַ מענטש ווייל גיין אין דעם ריכטיגען וועג העלפט מען איהם צו פון הימעל. די נשמות פון די צדיקים העלפען איהם, די מלאכי השרת העלפען איהם. און די שכינה העלפט איהם. אַזוי וויסען מיר אויך פון אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט אין די צייטען פון אר״י הקדוש זי״ע. איינמאָל איז דער אר״י הקדוש געזעסען ביי זיך אין הויז און די תלמידים זיינען געזעסען נעבען איהם. איז אַריינגעקומען הרה״ק רבי שמואל די אוזידה דער בעל מדרש שמואל צו רעדען מיט׳ן אר״י הקדוש. רבי שמואל אוזידא איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגער מענטש. ווען דער אר״י הקדוש האָט איהם דערזען האָט ער זיך פאַר איהם אויפגעשטעלט און געזאָגט „ברוך הבא״. ער האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעזעצט

נעבען איהם און מיט איהם גערעדט. ווען רבי שמואל איז ארויסגעגאנגען האט רבי חיים וויטאל געפרעגט דעם אר"י הקדוש, איך קען נישט פאר־שטיין, רבי, פארוואס האסטו זיך אויפגעשטעלט פאר רבי שמואל אוזידא און איהם אזוי שטארק מקרב און מכבד געווען. דו פלעגסט דאך דאס נישט צו טאן. האט איהם דער אר"י הקדוש געענטפערט. נישט פאר דעם יונגערמאן האב איך זיך אויפגעשטעלט און געזאגט ברוך הבא", נאר פאר רבי פינחס בן יאיר וועלכער איז מיט איהם מיטגעקומען. רבי פינחס בן יאיר האט זיך מתלביש געווען אין דעם יונגערמאן, ווייל ער האט היינט מקיים געווען א מצוה וואס רבי פינחס בן יאיר פלעגט מקיים זיין, דעריבער איז איהם געקומען די נשמה פון רבי פנחס בן יאיר העלפען דורכפירען די מצוה. אזוי פירט השי"ת כדי דער מענטש זאל קענען מקיים זיין א מצוה און זיך מתגבר זיין אויפ'ן יצר הרע, וועלכער וויל נישט דערלאזען דורכפירען די מצוה. ווען רבי חיים וויטאל האט דאס דערהערט איז ער נאכגעלאפען נאך רבי שמואל די אוזידא כדי פון איהם געוואויר צו ווערען וואס פאר א מצוה ער האט דעם טאג מקיים געווען. האט איהם רבי שמואל דערציילט אז היינט אינדערפרי בין איך אויפ־געשטאנען און געגאנגען דאווענען אין שוהל. אויפ'ן וועג בין איך דורכ־געגאנגען נעבען א הויז פון וואנען עס האט זיך ארויסגעהערט א גרויס געוויין. בין איך אריין זען וואס דארט קומט פאר. האב איך געזען א משפחה זיצען נאקעט און בארועס, ווייל גנבים האבען זיי באפאלען די נאכט און פון זיי צוגענומען אלעס אפילו די מלבושים. האב איך אויף זיי רחמנות באקומען און איך האב אויסגעטאן מיינע מלבושים און געגעבען עס פאר'ן בעל הבית. און איך אליין האב זיך אנגעטאן די שבת'דיגע מלבושים. דו קענסט טאקע זען אז איך גיי אין די שבת'דיגע מלבושים. האט איהם רבי חיים וויטאל געקושט אויפ'ן שטערן. ער איז באלד צוריק געגאנגען צום אר"י הקדוש און איהם דערציילט די מעשה. האט איהם דער אר"י הקדוש געזאגט אצינד פארשטייסט דו שוין פארוואס עס האט זיך אין איהם מתלבש געווען די נשמה פון רבי פנחס בן יאיר, ווייל ער האט אויך שטענדיג עוסק געווען אין פדיון שבויים און אין טאן טובות פאר אומגליקליכע מענטשען.

(בס׳ עמק המלך)

## היינט קען מען אויך מאכן א בית המקדש!

הבית הזה אשר אתה בונה אם תלך בחקותי ואם משפטי תעשה ושמרת את כל מצותי (ו—יב) השי"ת זאגט צו שלמה: זאלסט נישט מיינען, אז דער בנין הבית איז דורך'ן פיל גאלד און זילבער, וואס דו האסט אין דעם אריינגעלייגט. דאס איז אלץ בלויז דוממים און נישט קיין בית המקדש. נור — אם תלך בחקותי ואם משפטי תעשה — אויב דו וועסט

געהן אין מיינע געזעצען און טהון מיינע משפטים, מיט דעם טהוסטו בויען דאס בית, און דאס וועט ברענגען די השראת השכינה און מאכען עס פאר א בית המקדש.

**דער פשט איז אלזא:**

הבית הזה אשר אתה בונה — דאס הויז וואס דו טהוסט בויען, קען נור געבויט ווערען — אם תלך בחקותי — אט דאס זענען די אייגענטליכע מאטעריאלען צום בנין.

מיט די דאזיגע מאטעריאלען קען מען ממילא האבען א מקדש אפילו שפעטער נאכ'ן חורבן, ווען די גשמיות'דיגע מאטעריאלען וועלען שוין נישט זיין. אפילו דאן וועט אויך זיין — ושכנתי בתוך בני ישראל ולא אעזוב את עמי ישראל. (כוכב יעקב)

## ואתה תצוה

פריהער דארף זיין („אתה" דו אליין זאלסט קודם כל זיין אין ארדנונג, און ערשט דאן „תצוה" האסטו רעכט צו דיקטירן און דעם צווייטן צו באפעלן. (מעדני מלך)

## כתית למאור ולא כתית למנחות

„כתית אז מען זאגט איינעם מוסר און מ'וויל איהם צושטויסן און צברעכן דעם און, דארף מען וועלן „למאור" איהם צו פארלייכטן דעם וועג און איהם ווייזן דעם דרך הישר, „ולא למנחות" אבער מען דארף נישט וועלן יענעם דערלעגן און איהם דערנידערן. (הרה"ק ר' יחיאל מאלכסנדר)

## מדליק עד שתהא שלהבת עולה מאליה

אין יעדן אידישן הארץ איז פארהאנען א נקודה פון'ם ג-טליכ'ן אור וואס קאן קיינמאהל נישט פארלאשן ווערן. מען דארף נאר די נקודה אנצונדען, דער-ווארעמען, דאן פלאמט זי שוין אליין אויף און צופלאמט זיך אין א ליכטיגע פייער. מען דארף נאר זיין א „מדליק" — איז שוין דערנאך — שלהבת עולה מאליה. (שיחות צדיקים)

ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך (כח—א) הדא הוא דכתיב „לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי" כשאמר הקב"ה למשה ואתה הקרב אליך, הרע לו. אמר לא תורה שלי היתה ונתיה לך. (המדרש)

דאס וואס אלס כהן גדול איז בעשטימט געווארען אהרן און נישט משה, איז, ווייל מקרב צו זיין אויך די זינדיגע האט געדארפען זיין א מנהיג וואס איז געהנטער צום פאלק און שטעהט נישט צופיל העכער פון זיי. משה רבינו לויט זיין הויכער מדרגה איז דעריבער נישט געווען געפאסט דערצו. פונקט ווי מען קען נישט נעמען א מלמד, וואס לערנט גמרא מיט מפרשים פאר א דרדקי קינד, וואס מען דארף מיט איהם אנהויבען אותיות און נקודות...

ווען משה האט געהערט פארוואס ער ווערט נישט קיין כהן, האט איהם השי"ת געגעבען צו פערשטעהן, אז דאס איז צוליב זיין הויכער מדרגה. פונקט ווי די תורה, וואס איך האב געהאט — זאגט השי"ת — האב איך איהר נישט אליין געלערענט מיט יודען, נאר איך האב דיך בעשטימט, אז דו זאלסט איהר איבערנעמען און לערנען מיט'ן פאלק „היה אתה לעם מול הא'" ווייל עס וואלט פאר זיי נישט מעגליך געווען צו לערנען

פון מיר דירעקט — אזוי מכפר צו זיין אויך די זינדיגע און זיי מקרב צו זיין, ביזט צו ווידער צו הויך, און נור אהרן, וואס איז גיבער אויסגעמישט מיט׳ן פאלק איז דערצו צוגעפאסט. (אהל יעקב להמגיד מדובנה ז״ל)

## דער מנהיג ישראל שפירט די ווייטאגן פון פאלק

ונשא אהרן את משפט בני ישראל על לבו לפני ה׳. אהרן הכהן איז געוועהן דאס הארץ פון די אידן. אזוי ווי דאס פיהלט דאס ערשטע אלע ווייטאגן פון דעם קערפער, אזוי האט אהרן געפיהלט דעם צער און ווייטאגן פון בלל ישראל און יעדן איד פריוואט, און ער האט מתפלל געוועהן אויף איהם.

דאס הייסט „ונשא את משפט בני ישראל״ אלערליי יסורים און צער (עונשים ווערן אויך אנגערופן „משפטים״) וואס זענען געוועהן ביי אידן, האט אהרן דערפיהלט און זיי געטראגן „על לבו״ — אויף זיין אייגן הארץ, און געבעטן פאר זיי „לפני ה׳״ — אז השי״ת זאל די דינים מבטל זיין. (באר מים חיים)

חתם סופר

ועשית ציץ זהב... פתוחי חותם קודש לד׳. דער ציץ, ווי עס זאגן די חז״ל, האט מכפר געוועהן אויף עזות און גאוה, און דעריבער זענען אויפ׳ן ציץ אויסגעקריצט געוועהן די ווערטער „קדש לד׳״, מרמז צו זיין, אז נישט שטענדיג איז עזות א מדה מגונה; פארהאן אויך „עזות דקדושה״: ווען עס האנדלט זיך אין כבוד השם, אין כבוד התורה, דאמאלס איז דורכאויס נויטיג צו בענוצען זיך מיט דער דאזיגער מדה, דורכאויס עלויבט...

די בגדי כהונה האבן אין זיך פארמאגט צוויי אייגנשאפטן: איין זאך איז געוועהן די שעהנקייט זייערע וואס האט געמאכט בכבוד׳יג די כהנים בשעת זייער ארבעט, און ווידער זענען זיי געווען א סגולה, זיי האבן געהאט א העכערן ציהל וואס זיי האבן מקדש געוועהן די כהנים.

געווענליך דעם פשוטן טעם האבן פארשטאנען די מאסן, אבער דעם העכערן טעם האבן פארשטאנען די חכמים פון די אידן.

דאס איז מרומז אין פסוק אין „תצוה״ ועשית בגדי קודש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת. ואתה תדבר אל כל חכמי לב וכו׳ ועשו את בגדי אהרן לקדשו לכהנו לי. פארן פשוטן פאלק איז געוועהן גענוג דעם טעם „לכבוד ולתפארת״, אבער די „חכמי לב״ וועלכע פארשטייהען טיפערע כוונות, זאלסטו אויפקלערן אז זיי זאלן מאכן די בגדים „לקדשו לכהנו לי״ נישט נאר צוליב כבוד ותפארת, נאר כדי צו מקדש זיין די כהנים.

(הגאון ר׳ שמעון סופר)

## די צוואה פון נועם אלימלך

**אין** ספה״ק תפלה למשה פון הרה״ק מסאמבור זצ״ל שטייט אז ער האט געהערט פון הרה״ק רבי אלעזר זצ״ל, דער זון פון בעל נועם אלימלך זי״ע אז מען האט איהם געפרעגט וואס האט דער פאטער דער נועם אלימלך צוואה געלאזט פאר זיין פטירה. האט הרה״ק רבי אלעזר געזאגט אויב איר ווילט וויסען די צוואה פון מיין פאטער, קוקט אריין אין זיין ספה״ק נועם אלימלך, ווייל צוויי און צוואנציג יאהר פאר זיין פטירה האט ער געזאגט די ווערטער וואס עס שטייט אין ספר, און איך ווייס אז יעדען טאג האט ער צוואה געזאגט.

## פחד פאר השם יתברך

**אין** ספר הקדוש ייטב פנים שטייט מיר האבען געהערט אין נאמען פון הרב הקדוש רבי ר׳ זושא זצ״ל אז ער האט געבעטען צו האבען אזא יראה פון השי״ת אזוי ווי א מלאך. און דער אויבערשטער האט איהם נאכגעגעבען זיין בקשה און עס איז אויף איהם געפאלען א פחד ביז ער איז געבליבען כאבן דומם ווי א שטיין און האט נישט געקענט רירען מיט קיין אבר פון גרויס פחד.

(בס׳ ייטב פנים במאמר אבני זכרון אות ע״ב)

## „שמחה אויפ׳ן פנים, און זארג אין הארצען"

**הגה״ק** ר׳ משה טייטעלבוים זצוק״ל ווען ער איז צום ערשטען מאל געפארען צום הייליגען לובלינער זצוק״ל האט ער אין זינען געהאט פרעגען ווי אזוי קומט דאס אז די חסידים זיינען תמיד פריילעך, אין שו״ע שטייט דאך, ירא״ש יהי׳ תמיד מיצר ודואג על חורבן ביהמ״ק, און האט געבעטען ביי השי״ת מיט זיין גאנצער הארץ אז דער הייליגער צדיק זאל עם ענטפערען, ווי די חז״ל זאגען, הבא לטהר מסייעין אותו, שטייט מסייעין לשון רבים אז אויך דער צדיק זאל אים העלפען גיין על דרך האמת. אזוי ווי ער איז אריין צום הייליגען לובלינער ז״ל האט ער אים תיכף געזאגט, אמת אין שו״ע שטייט אז יעדער איד א ירא״ש דארף זיך זארגען אויף דעם חורבן ביהמ״ק, אבער דער חכם האט שוין לאנג געזאגט אויף דעם, צהלה בפני ואבלי בלבי, „מיט דעם פנים פריילעך און מיט׳ן הארץ באזארגט". ווייטער זאגט אים דער הייליגער לובלינער גלייבט מיר ווען מיר זאגען תיקון חצות מיט געוויין פונדעסטוועגען איז אלעס מיט שמחה וכך למדנו רבינו הק׳ ר׳ שמעלקע זצוק״ל מנ״ש, משל למלך שנשבה למרחקים ועמד לפוש אצל אחד מאוהביו וכראותו את המלך בשבי׳ הלך ובכה מאין הפוגות ועם כל זה שמח כי המלך מתאכסן אצלו, והנמשל מובן, כי השכינה עמנו. ואם כי לא הי׳ מהראוי לגלות הדבר הזה כדכתיב הצנע לכת עם ה״א, אבל כבר אמרו חז״ל הבא לטהר מסייעין אותו לא אמרו מסייע אלא מסייעין וצריכין גם אנחנו לסייע.

(בס׳ ייטב פנים מ׳ יפה לעינים אות י״ח)

### השי"ת גיט אַכטונג אויף די קינדער

אין ספר דברי אברהם ברייננט ער אַז איינמאַל האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט דער הייליגער חתם סופר זי"ע, אַזוי ווי ער איז כסדר פאַרנומען מיט דער ישיבה און ענטפערען שאלות ותשובות האָט ער ניט קיין צייט אַכטונג געבען אויף זיינע קינדער צו פאַרהערען זיי וכו' וכו'. האָט אים דער דברי אברהם געענטפערט אַז דוד המלך זאָגט, כל היום חונן ומלוה וזרעו לברכה, מען קען דאָך זאָגען אַז וויבאַלד, כל היום חונן ומלוה, ער גיט אַוועק דעם גאַנצען טאָג פאַר יענעמס וועגען, אויף עניני הכלל וצדקה, וואָס וועט זיין מיט זיינע קינדער? אויף דעם איז דער ענטפער, וזרעו לברכה, אַז ער וועט ניט האָבען קיין היזק, דער בורא עולם אַליין וועט אַכטונג געבען אויף זיינע קינדער, זי"ע.

(זכרון למשה)

## קדושה געגן טומאה

פארשידענע וועגן ווי מלחמה צו האלטן געגן די טומאה, זענען דא. אין פארלויף פון די דורות איז פארגעקומען תקופות וואס די פירער פון יודנ־טהום האבן זיך געראנגלט אויף די טראדיציע מיט אלע כחות.

אבער פון די אלע וועגן ווי אזוי צו פירן דעם קאמף געגן פושעי ישראל און די עזות־פנים'ער, האט זיך ארויס געוויזן, אז געזיגט האט די קדושה נאר ווען זי איז ארויס אָפן נישט באהאלטענערהייד, ווען זי האט ערשיינט פאר די עפנטליכקייט אָהן קיין מאסקע!

אומגעקערט ביי די טומאה, איהר גרעסטער כח איז דוקא אין די באהאלטנקייט, אין די פינסטערניש, „רשעים במחשך מעשיהם".

אין היינטיגע פרשה ביים ציץ הקודש שטעהט „והי' על מצחו תמיד לרצון להם לפני ה'" שטעהט אין זוהר הק' אז די רשעים די עזות־פנים'ער וואס זענען געוועהן ביי די אידן, זענען די הערצער זייערע צובראכן געווארן ווען זיי האבן געקוקט אויף דעם ציץ וואס האט ערשיינט אויפן שטערן פון כהן גדול און זיי האבן תשובה געטהון.

דאס איז דער מיינונג, ווי עס ווערט געטייטשט אין „כתנות אור" "והי' על מצחו תמיד" דורך דעם וואס דער ציץ איז שטענדיג געוועהן אויפן כהן גדול אז יעדער זאל זיך קענען איינקוקן אין דעם, האט עס געברייננט דערצו אז „לרצון להם לפני ה'" אז אפילו די שלעכטע פון פאלק האבן תשובה געטהון

און צוריק נתרצה געווארן פארן אויבערשטן!

דאס איז עס די עזות־הקדושה געגן די טומאה. דאס הייסט אז מיר זאלן זיך נישט שעמען מיט אונזער תורה פאהן. וואס מיר דארפן טראגן מיט פעסטקייט. אהן פשרות, ווייל טאמער הויבט מען אן זיך צו באהאלטן, פאר־קלענערן דעם טאן, — האבן מיר אנגעווארן דעם קאמפף. ווי עס איז שוין דערמאנט געווארן ביי די פרשה „תצא" אז כי תצא למלחמה על אויביך, דו ווערסט נאר ארויס געהן איז שוין געננג „ונתנו ה' אלוקיך בידך" ווערסטו זיכער זיגן, די הויפט זאך איז נישט באהאלטן זיך, ערשיינען מיט ג־ט'ס נאמען פאר די עפנטליכקייט „על מצחו תמיד" שטענדיג מיטן ציץ הקודש!

## והיה על מצחו תמיד לרצון להם לפני ה'

די חז"ל זאגן אז דער ציץ האט מכפר געווען אויף עזות מצח. די תורה הקדושה לערנט דעם מנהיג ישראל אז אין דער צייט ווען עס זענען זיך מתרבה די עזי פנים שבדור און די חוצפה פון די אלע „כלבי דחציפין" שטייגט אהן א מאס זאל ער דער אמת'ער אידישער מנהיג טראגן הויך און שטאלץ זיין גאל־דענע ג־טליכע קרוין וואו עס שטעהט אויסגעשריבן „מכתב פיתוחי חותם — קודש לה'" און דאס וועט מכפר ומרצה זיין אלץ געגענגעוויכט.

### נישט קוקען אין ספרים חיצונים

**הרה"ג** מו"ה יוסף דוב זצ"ל דער איידים פון הרב הגאון מו"ה זלמן שפיצער זצ"ל מוויען, וואס ער האט געלערענט אין דער ישיבה פון הגאון מו"ה דוב ביסטריץ זצ"ל בק"ק מילכאדארף (בעהמח"ס בית דוד עיו"ד), האט ער דערציילט פאר זייגע תלמידים אז ער האט געהאט א נטי' צו ספרים פון די גוטע תלמידים. איינמאל ווען ער איז געווען אליין, האט אים דער יצר הרע אנגעהויבען איינריידען אז יעצט איז געקומען די צייט אז ער זאל אריינקוקען אין די ספרים חיצונים ווייל קיינער זעט נים, און ער האט אים מנצח געווען. ווי ער האט אנגעהויבען צו קוקען אין די ספרים חיצונים פלוצים האט ער דערזען א מענטש מיט א שפיז שטייט אנטקעגען אים, האט ער זיך זייער דערשראקען און גלייך אראפגעווארפען די ספרים חיצונים, אבער דער יצר הרע האט אים נים אפגעלאזט און ווייטער אייגע'טענה'ט אז עס איז א בושה וחרפה פאר אזא בחור א בר דעת ווי דו זאלסט מורא האבען פאר אזעלכע דמיונות, האט ער אנגעפאנגען נאכאמאל צו לייענען, אבער פלוצים האט ער דערזען דעם זלעביקען מענטש מיט א שווערד אין האנט שטייט לעבען אים איז אויף ארויפגעפאלען א גרויס מורא און ער האט גלייך אוועקגעווארפען די ספרים און האט געלייענט קריאת שמע און זיך געלייגט שלאפען. מארגען צום שיעור האט ער זיך נים מפלפל געווען מיט דעם חתם סופר זי"ע ווי ס'איז געווען זיין מנהג שטענדיג, נאכען שיעור האט דער הייליגער חתם סופר זי"ע געזאגט אז עס איז שוין א לאנגע צייט וואס

מיר האָבען ניט געלערענט דיני חרם, און האָט אָנגעהויבען צו רידען וועגען דעם חרם וואָס ער האָט געמאַכט אויף לערנען ספרים חיצונים און פאַרשטאַרקען דעם איסור, צום סוף האָט ער געזאָגט, אַז „חרם" איז אותיות רמח און ווער עס איז עובר אויף דעם חרם ווערט באַשטראָפט מיט אַ רמח אַ שווערד, אַלע בני הישיבה זיינען געבליבען פאַרוואונדערט, אָבער ער האָט געוואוסט און געפילט וועמען ער מיינט.

(די מעשה שרייבט הגאון מו"ה יוסף צבי דושינסקי ז"ל במכתב לס' זכרון למשה)

### די שעדליכקייט פון ספרים חיצונים

**אַמאָל** האָט אַ תלמיד פון מהר"ם שיק ז"ל פאַרוואַלט קוקען אין ספרי חיצונים, האָט ער באַדערנאַכט ווען זיין חבר איז שוין געשלאָפען גענומען אַריינקוקען אין די ספרים. גלייך האָט זיך דער לאָמפּ פאַרלאָשען, האָט ער אָנגעצונדען נאָכאַמאָל, און ווידעראַמאָל האָט זיך דער לאָמפּ פאַרלאָשען צום דריטען מאָל ווען ער האָט אָנגעצונדען און געוואָלט אַריינקוקען האָט אים אָנגעכאַפּט זייער שטאַרקע שמערצען, האָט ער זיך געלייגט שלאָפען, צומאָרגען האָט ער געדאַרפט גיין צו זיין רבי'ן פאַרהערען זיך, איז גלייך ווי ער איז אַריין אין ישיבה איידער דער מהר"ם שיק האָט אים געזען האָט דער מהר"ם שיק אָנגעפאַנגען צו שרייען, אַז דער בחור וואָס קוקט אין ספרים חיצונים דעם קומט שמערצען.

(בס' דרכי משה החדש)

**אין** ספר מנורת זהב נאָך דער הסכמה פון ברעזשאַנער רב זצ"ל שטייט פאָלגענדעס: נאָך האָט אונז געשריבען דער ברעזשאַנער רב, ווען איך זאָל וועלען דערציילען אַלעס וואָס איך האָב געהערט, וועט דאָס פאַפּיר זיין צו קורץ, און מסתמא ווייסט מען דאָך שוין אַלעס.. פונדעסטוועגען וויל איך אייך שרייבען דאָס וואָס איך האָב געהערט פון אַ גרויסען צדיק פון פריערדיגען דור, וועלכער האָט דערציילט אַז אין די צייטען פון די צדיקים הקדושים דער רבי ר' אלימלך און דער רבי ר' זושא זצ"ל איז קראַנק געוואָרען אַ גרויסער באַוואוסטער רב און אַן אייניקעל פון רבי שמחה הכהן ראַפּאַפּאָרט זצ"ל (דער פאָטער פון הגאון ר' חיים כהן אב"דק לבוב זצ"ל) און ער איז דערגאַנגען צו סכנת נפשות רח"ל. די דאָקטוירים האָבען זיך שוין אפילו מייאש געווען. האָט זיין מוטער מפציר געווען ביי איר מאַן ער זאָל איר ערלויבען צו פאָהרען קיין ליזענסק. כאָטש דער

מאַן איז געווען פון די מתנגדים קעגען די תלמידי בעל שם טוב הקדוש, אָבער היות עס איז נישט געווען קיין ברירה האָט ער מסכים געווען אַז זי זאָל פאָהרען. ווען זי איז געקומען קיין ליזענסק און זי האָט געגעבען דאָס קוויטעל מיט'ן נאָמען און מוטער'ס נאָמען, האָט ער איר מבטיח געווען אַז אויב ער וועט צוריק געזונט ווערען וועט ער קומען צו איהם אויף שבת זאָגט ער איר צו אַז ער וועט געזונט ווערען. און אַזוי האָט ער איר געהייסען אַהיימפאָרען און איר זון וועט זיכער געזונט ווערען. אַ סימן האָט ער איר געגעבען, אַז ווען זי וועט אַהיימקומען וועט זי דאָרט טרעפען דריי גרויסע דאָקטוירים, און אַלע דריי וועלען מייאש זיין און זאָגען אַז עס איז שוין נישט פאַראַן קיין האָפענונג און זיי וועלען זיך אַהיימגיין, און דערנאָך וועט איינער פון די דריי דאָקטוירים צוריק־קומען און אָנשרייבען אַ רעצעפט, און דערפון וועט איר זון געהיילט ווערען. אָבער דער דאָקטאר ווען ער וועט אַהיימגיין וועט שטאַרבען אויפ'ן וועג אהיים. אַזוי איז טאַקע געווען אַזוי ווי דער רבי ר' אלימלך האָט געזאָגט. און נאָכדעם ווי ער איז געזונט געוואָרען זיינען זיי געפאָרען מיט'ן זון קיין ליזענסק, כדי צו פאָלגען די ווערטער פון צדיק. און זיי זיינען דאָרט געבליבען אויף שבת.. דעמאָלט האָט דער רבי ר' אלימלך געזאָגט אַז פון קינדווייז אָן האָט ער אַריינגעקוקט אין פאַרשידענע חקירה ספרים און זיי האָבען אין איהם אַריינגעבראַכט אַ טינא בלב אין דער אמונה אין השי"ת און אין דער תורה הקדושה, און דאָס האָט איהם גורם געווען די קראַנקהייט. און כאָטש די קראַנקהייט איז אויסגעהיילט געוואָרען, אָבער דער שורש פון דער מחלה איז נאָך נישט פאַרהיילט, און דערפאַר מוז ער נאָך פאָהרען קיין האַניפאָלי צום רבי'ן ר' זושא און דאָרט וועט ער פולשטענדיג געהיילט ווערען. זיינען זיי געפאָרען קיין האַניפאָלי. זיי זיינען אָנגעקומען אַהין דינסטאג אין דער פריה. זיי זיינען אַריין אין אַן אכסניא איז דאָרט געשטאַנען אַן אַלטער מאַן און ער האָט איהם געגעבען שלום עליכם און באַלד אָנגערופען דעם נאָמען פונעם רב. האָט זיך דער רב געוואונדערט פונוואַנען ער ווייסט זיין נאָמען. האָט איהם דער אַלטער מאַן געענטפערט מיין נאָמען איז זוסיא איך בין דער ברודער פון רבי ר' אלימלך פון ליזענסק. קום מיט מיר אין מקוה. זיינען זיי געגאַנגען אין מקוה און זיך צוזאַמען גע'טובל'ט. און באַלד זיינען פון איהם אַוועק אַלע ספיקות און הירהורים פון דער אמונה. האָט איהם דער רבי ר' זושא געזאָגט, אַצינד ביזטו שוין אינגאַנצען אויסגעהיילט.

שלמה המלך דער קליגסטער פון אַלע מענטשן האָט געזאָגט: „גיי צו די מורישקע די פוילער, זעה איהר פיהרונג, וועסטו קלוג ווערן: זי האָט דאָך נישט קיין פיהרער אָדער הערשער און קיינער נייט זי נישט צו אַרבעטן, און דאָך גרייט זי אָן איהר ברויט זומער אין דער צייט ווען מען שניידט תבואה, זי זאָל האָבן וואָס צו עסן אַ גאַנצען ווינטער".

די מורישקע לעבט נישט מעהר וויא זעקס חדשים. אין די זעקס חדשים קען זי נישט מעהר אויפעסן וויא אַנדערטהאַלב קערנדלעך ווייץ, אָבער זי בערייט זיך אַזוי פיהל אַז עס וואָלט איהר געגוגן אויף יאָהרן. פאַר וואָס טוט זי דאָס? ווייל זי טראַכט טאָמער וועט דער באַשעפער וועלן פאַרלענגערן איהר לעבן, זאָל זי האָבן גרייט צו עסן. אַזוי אַרום הערט די מורישקע נישט אויף צו אַרבעטן. זי זיצט נישט ליידיג און ווערט נישט מיד, אַרבעטנדיג פאַר זיך און פאַר איהרע שוועסטער, אנצוגרייטן וואָס מעהר שפּייז פאַר דעם צייט ווען זי וועט נישט קענען געפינען קיין שפּייז.

אַזוי האָט אויך שלמה המלך געזאָגט צו די אידן: „טוט אַזוי וויא די מורישקע — גרייט זיך אָהן מצוות כל זמן איהר קענט כדי איהר זאָלט קענען לעבן דערפון אין דער קומענדיקער אייביגער וועלט".

אַ איד דאַרף שטענדיג זוכן מקיים צו זיין מצוות: עס קען קיינמאָהל נישט זיין גענוג, וויא די מורישקע וועלכע זאַמלט נאָך אַ קערנדל אין נאָך אַ קערנדל אַזוי דאַרף אַ איד טון נאָך אַ מצווה און נאָך אַ מצווה אַ גאַנץ לעבן.

אמרי חסידים

שנים ליום תמיד. יעדער איד דאַרף שטענדיג טראָגן מיט זיך, אין זיך, צוויי „תמידים": „שויתי ד' לנגדי תמיד" און „וחטאתי נגדי תמיד"...

מדרש רבה

דער אויבערשטער האָט געוואוּסט, אז עס וועט קומען אזא רשע ווי המן און וועט וועלן אפקויפן די אידן פאר שקלים; דערפאר האָט ער געגעבן די אידן די מצוה פון מחצית השקל, זיי זאָלן זיך דערמיט אויסלייזן פאר ג־ט.

*

ווען דער אויבערשטער האָט געהייסן משה'ן איבערציילן די אידן, האָט אים משה רבינו געפרעגט: „דו האָסט דאָך געזאָגט, אז זייער צאָל וועט זיין ווי די שטערן אין הימל, און ווי די שטויב אויף דער ערד?".

האָט אים ג־ט געענטפערט: „וואָס טוט א שלחני (א וועקסלער, באנקער) ווען ער דאַרף איבערציילן זיין געלט? ציילט ער דען יעדן פרוטה באזונדער? ער ציילט נאָר איבער די קיפּקעלעך מטבעות אין די פעקעלעך באנקנאָטן. טו אויך אזוי: נעם די ערשטע אותיות פון די שבטים, דעם ר פון ראובן — צוויי הונדערט טויזנט; דעם נ פון נפתלי — 50,00; דעם ש פון שמעון — 300,000; די דריי יודין פון יהודא, יששכר און יוסף — 30,000; דעם ז פון זבולון — 7000; דעם ד פון דן — 4000; דעם ג פון גד — 3000; דעם ב פון בנימין — 2000; דעם א פון אשר — 1000. יעצט רעכן צוזאמען, וועסטו קריגן א סאך־הכל פון ששים רבוא — 600,000. נאָר עס פעלט דערפון 3000, און דאָס זיינען טאקע די דריי טויזנט זינדיגע אידן וועלכע זיינען געפאלן נאכ'ן דינען דעם עגל. דערפאר האָב איך דיר טאקע געהייסן איבערציילן די שעפעלעך, צו זען וויפיל עס פעלן. (מדרש)

## אוואו איז דער רבונו של עולם

ושכנתי בתוך בני ישראל. ווען דער קאצקער זצ"ל איז געוועהן א יונגל האט איהם אײנער געפרעגט:

— וואו וואוינט דער רבונו של עולם?

האט ער געענטפערט:

— וואו מען לאזט איהם אריין...

נאר אז א פאטער האט שטארק ליב זיין קינד, שטעלט ער זיך ארויס און באשט־ראפט מענטשן וועלכע טהוען דאס קינד שלעכטס.

צוליב דעם "ושכנתי בתוך בני ישראל" — וועל איך זיי ארויס ווייזן מיין ליבשאפט און וועל זיך בענוצן מיטן מידת הדין אקעגן ד וואס פייניגן זיי און טהוען זיי שכלעכטס — "והייתי להם לאלקים".

(בשם המגיד ממעזריטש ז"ל)

## דאס אונטערשטע פייער ווערט פארברענט

ועשית מזבח מקטר קטרת עצי שטים תעשה אותו... וציפית אותו זהב טהור (ל"א ג) היה משה תמה איך אפשר שלא ישרף עץ? א"ל הקב"ה כך דרכו של אש שלמעלה, אש אוכלת אש ואינה אוכלת עץ שנאמר והסנה איננו אכל. (מדרש תנחומא הובא בתוספות חגיגה כז).

משה האט געוואוסט, אז אש שלמעלה פערברענט נישט קיין האלץ, ער האט עס דאך אליין געזעהען ביים סנה. נור ביים מזבח איז דאך אבער געהעווען דער דין אז, "אע"פ שאש יורד מן השמים מצוה להביא מן ההדיוט" — דארף דאך דאס פראסטע פייער ניט פערברענען דאס האלץ? דעריבער האט איהם השי"ת געזאגט אז "אש של מעלה איז אוכלת אש" — איז דאך ממילא דאס ביסעל אש של הדיוט" פערברענט געווארען דורכ'ן אש שלמעלה". (לקוטי שושנים)



## פון צדקה־געבן ווערט מען נישט ארימער

ונתנו איש כפר נפשו. דאס ווארט "ונתנו", לייענענדיג די אותיות צוריק, מאכט עס אייך "ונתנו". פון געבן צדקה ווערט מען נישט אָרימער: מען באקימט צוריק כפל־כפלים. (בעל הטורים)

## דורך צדקה געבן ווערט גארנישט פארמינערט

זאל א מענטש נישט טראכטן אז דורך צדקה ווערט ער פאראריעמט, און ווען ער וואלט נישט געגעבן וואלט זיין פארמעגן געווען גרעסער. עס איז נישט אזוי. וויפל עס ווערט אויף א מענטשן אנגע'חתמ'עט עס זאל געמינערט ווערן זיין פארמעגן — אזויפיל ווערט געמינערט אויף אלע אופנים. דער וואס האט פארשטאנד און איז זוכה — גיט צדקה, און האט דערביי א גרויסע מצוה. דער וואס איז נישט זוכה — גיט נישט קיין צדקה, אבער זיין געלד פארלירט ער, בלייבט איהם גארנישט איבער, נישט זיין געלד און נישט קיין זכות פון א מצוה.

**צדקה איז א פאנצער.**

פון רבי אלעזר'ס וועגן, עס שטייט אין פסוק „ער האט אנגעקליידט צדקה אזוי ווי א פאנצער", דאס מיינט מען, אזוי ווי א פאנצער וואס ער ווערט געמאכט פון קליינע שטיקלעך, האט מען באהעפט אלע שטיקלעך און מען האט געמאכט א גרויסן פאנצער, אזוי אויך צדקה, יעדער פרוטה רעכנט מען צוזאמען ביז עס ווערט א גרויסער חשבון.

רבי חנינא האט געזאגט פון דעם פסוק, „וכבגד עדים כל צדקותינו", אונזערע אלע צדקות זיינען אזוי ווי א פאר'מיאוס'ט קלייד. זיינען די צדקות געגליכן צו א קלייד (די צדקות פון די רשעים זיינען גלייך צו א פאר'מיאוס'ט קלייד, און די צדקות פון די צדיקים זיינען גלייך צו א שיינע קלייד). אזוי ווי א קלייד באהעפט מען צוזאמען א פאדים צו א פאדים ביז עס ווערט א גרויסע קלייד, אזוי צדקה באהעפט מען א פרוטה צו א פרוטה ביז עס ווערט א גרויסער רעכענונג.

(בבא בתרא דף ט, ב)

נאך זאגן די חז"ל, דאס אזוי ווי א פאנצער באשיצט דעם מענטשן אין א מלחמה, אזוי אויך באשיצט צדקה דעם מענטשן פון גיהנם.

(בספר „מעיל צדקה" סימן נד)

**וואס נאך קען דער פאנצער.**

ווען השי"ת האט ליב דעם מענטשן שיקט ער אים א מתנה, וואס איז די מתנה, אן ארעמאן, און ווען ער גיט אים וואס ער דארף ווערט אין זיין פנים פארצייכנט א צייכן און אזוי ווי דער משחית קומט אים שלעכטס טאן און ער דערזעט אט-דעם צייכן, קען ער זיך נישט דערנענטערן צו אים.

(שם בשם זוהר)

אין זוהר שטייט געשריבן, ווען איינער גיט צדקה, איז ווען דער מלאך הפורעניות קומט צו צו אים, שטעלט זיך אנטקעגן דער מלאך פון צדקה און קריגט זיך מיט אים ארום. דער מלאך הפורענות זאגט: ווי אזוי קען מען אזא מענטשן וואס האט עבירות מזכה זיין? דער מלאך פון צדקה שרייט: געוואלד רבש"ע, דער מענטש האט געגעבן צדקה, ער האט דערהאלטן ביים לעבן מענטשן, זאל ער אויך בלייבן לעבן! מוז דער מלאך הפורעניות אפטרעטן.

מיט דעם וועט מען פארשטיין וואס די חז"ל זאגן אז מען זאל געבן צדקה פארן דאווענען, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק „אני בצדק אחזה פניך". וואס איז דער אונטערשייד פארן דאווענען אדער נאכן דאווענען? — נאר ווען די מלאכים מקטרגים ווילן נישט צו לאזן זיינע תפילות, קומט דער מלאך פון צדקה און זאגט: די תפלות קענסטו נישט צונעמען, ווייל ער האט געגעבן צדקה.

(בספר „מעיל צדקה" בשם מהר"ם)

**וויפל מען גיט צדקה אזוי פיל האט מען,**
**ווייל דאס נעמט מען מיט אויף יענער וועלט**

עס איז געווען א מעשה ביי א שר נכבד וואס איז געקומען פארן קעניג, פרעגט אים דער מלך: וויפיל געלט האסטו?

— כ'וועל זען אין שטוב, וועל איך איבעררעכענען — האט ער געענטפערט.

דערנאך ווען ער איז צוריקגעקומען צום מלך, האט ער גע־שוואוירן איבערן קאפ פון מלך, אז ער פארמאגט מער ניט ווי צוויי טויזנט גילדן. זאגט אים דער מלך, אז ביזט מחויב טויט-שטראף, ווייל דו האסט געשוואוירן פאלש אויף דעם קאפ פון מלך, ווײלע אלע ווייסן אז דו פארמאגסט מער.

האט אים דער שר געענטפערט: די געלט וואס מענטשן ווייסן פון דעם, דאס איז ניט מיינע, ווייל דאס געלט וועל איך ניט מיטנעמען אויף יענער וועלט, דאס וועט ניט בלייבן ביי מיר, נאר דאס געלט פון צדקה און גמילות חסדים רעכן איך וואס כ'האב צעטיילט, דאס איז מיינס, וואס כ'נעם מיט אויף יענער וועלט.

(מובא בספר עבודה ומורה דף נח)

## וואס הייסט א מצוה בשלימות

אין ספר קול אריה ווערט געברענגט אז ער האט געהערט וועגן זיין זיידע דער טורי זהב ז"ל אז איינמאל איז צו איהם געקומען א איד ער זאל איהם בארגען א גולדען. היות ער האט נישט געהאט ביי זיך א גולדען מזומן, האט ער איהם געגעבען דעם זילבערנעם בעכער אז ער זאל איהם פאר'משכונ'ען און בארגען זיך דערויף א גולדען. און פרייטאג וועט ער אויסלייזען דעם בעכער. איז דער איד געגאנגען און זיך געבארגט אויפ'ן בעכער צוויי גולדען. ווען דער טורי זהב ז"ל האט געשיקט איין גולדען אויסצולייזען דעם בעכער, האט מען איהם באפוילען אז דער איד האט דערויף געבארגט צוויי גולדען. האט דער רב זיך גארנישט גע־בייזערט, נאר אדרבה ער איז געווען בשמחה און געלויבט השי"ת וואס ער האט איהם מזכה געווען צו טאן א מצוה בשלימות, ווייל מסתמא האט דער איד געדארפט האבען צוויי גולדען, נאר ער האט זיך געשעמט און מזומן וואלט איך דאך איהם געגעבען בלויז איין גולדען, וויפיל ער האט נישט געבעטען נאר איין גולדען. און ווען איך וואלט געהאט געלט פארלאנגט. און ער וואלט געווען געדארפט גיין זוכען צו בארגען זיך נאך א גולדען. אצינד האב איך מקיים געווען א מצוה בשלימות.

## השם יתברך באצאלט מדה כנגד מדה

אין ספר המאור הגדול שטייט אין נאמען פון רבי ר' משה לייב סאסאווער זצ"ל, אז איינמאל האט ער פארטיילט דאס גאנצע געלט אויף צדקה פאר א פארדארבענעם און שלעכטען מענטש. און ער האט פאר זיך נישט איבערגעלאזט אפילו קיין פרוטה. האבען איהם די מקורבים געפרעגט: רבי פארוואס פארטיילסטו אוועק דאס גאנצע געלט פאר אזא שלעכטען מענטש? האט ער געענטפערט: איך בין אויך נישט גוט, און אויב איך גיב אוועק דאס געלט פאר א שלעכטען מענטש, וועט השי"ת מיך דן זיין מדה כנגד מדה און אויך מיר געבען כאטש איך בין נישט גוט.

די חז״ל דערציילן א מעשה מיט ר׳ יוחנן בן זכאי, דאס ער האט געזעהן אין חלום אז זיין שוועסטערס קינדער וועלן דעם יאהר פארמינערט ווערן אין זייער פארמעגן מיט זיבן הונדערט רענדלאך. האט ער דעם גאנצן יאהר געדריקט זיי צו געבן צדקה און אזוי האט ער ארויסגענומען פון זיי זעקס הונדערט מיט דריי און אכציג רענדלאך. ערב יום כיפור זענען געקומען די שלוחים פון קייסער און געפאדערט פון זיי געלד פאר׳ן קייסער׳ס אוצר. האט ר׳ יוחנן זיי געזאגט: שרעקט אייך נישט מער ווי זיבעצן רענדלאך וועלן זיין פון אייך נישט נעהמען — און אזוי איז געווען.

האבן זיי איהם געפרעגט: פונוואנען האסטו דאס געוואוסט? האט ר׳ יוחנן זיי דערציילט דעם חלום, און וויבאלד אז בלויז זיבעצן רענדלאך איז געבליבן ביי זיי פון די זיבן הונדערט וואס זיי געדארפט ארויסגעבן, איז ער געווען זיכער אז בלויז דאס וועט ביי זיי צוגענומען ווערן. האבן זיי איהם געפרעגט: פארוואס האסטו אונז נישט דערציילט דאס, וואלטן מיר אויך די זיבעצן אוועקגעגעבן? איז געווען זיין ענטפער: איך האב געוואלט איהר זאלט טהון די מצוה לשמה.

## ולא יהי׳ בהם נגף... זה יתנו מחצית השקל (ל. יב, יג)

אַלע זאָלן געבן גלייך אַ מחצית השקל ווייל אויב מען וועט הייסן געבן יעדערן לויט זיין מעגליכקייט וועט עס קומען צו שנאה, קנאה און מחלוקת און וועט אויך דערפירן צו געשלעגן צו א ״נגף״ צווי׳שן עולם. יעדער איינער וועט טענה׳נען אַז ער דאַרף געבן וויי־ניקער ווי דער צווייטער, יענער איז רייכער. מער גביר אָבער ווען אַלע וועלן געבן גלייך איז ״ולא יהי׳ בהם נגף״. (מפרשים)

## וויסן ווי צו האנדלען מיט געלט

זה יתנו כל העובר על הפקודים מבן עשרים שנה ומעלה אמר ר׳ מאיר כמין מטבע של אש הוציא הקב״ה מתחת כסא הכבוד והראהו למשה ואמר לו כזה יתנו (מדרש תנחומא) מען דארף געדענקען ביים געבן געלד, אז די מטבע איז אזוי ווי פייער, וואס קען פארברענען און פארניכטן, עס קען אבער אויך וואהרעמען און נוצען ברענגען. אזוי איז אויך די מטבע — גיט מען איהר אויף גוטע צוועקן — צדקה און גמילות־חסדים — איז זי שטארק ניצליך פארן מענטש, אויב אבער מען פירט זיך מיט דער מטבע נישט ווי עס בעדארף צו זיין — קען זי פארברענען און ברענגט נאך שאדן...

(נועם אלימלך)

## א פייערדיגע מטבע!

און דער קאצקער האט געזאגט: משה רבינו האט זיך געוואונדערט: ווי אזוי קען דאס א פשוט׳ע מטבע זיין א כופר־נפש, האט איהם ג־ט געוויזן א מטבע־של־אש, אז נאר ווען די נתינה וועט זיין מיט פייער, מיט התלהבות, דעמאלט איז עס א כופר נפש, ווייל דאַן גיט מען דאך שוין א שטיק נפש נישט סתם א מטבע.

## אחריות צו די גאנצע וועלט

כל העובר על הפקודים מחצית השקל. יעדער מענש — זאגן אונז די חז"ל — דארף זיך פארשטעלן, אז די וועלט געפינט זיך אין א צושטאנד פון "מחצה על מחצה" און אז מיט זיינע מעשים קען ער אמאהל מכריע זיין די וואגשאל אויף גוט, אדער אויף שלעכט. טוהט ער א מצוה — איז ער מכריע לכף־זכות; אנ'עבירה — איז ער מכריע לכף־חוב. אט די דאזיגע ווארעניש איז מרומז אין פסוק: "כל העובר על הפקודים" — בשעת דער מענש האלט ביי טוהן אנ'עבירה, ביי עובר־זיין אויף איינס פון די פקודים און מצוות־השם, דארף ער זיך דורכנעהמען מיטן געדאנק פון "מחצית השקל", גלייך ווי די וועלט וואלט זיך געוואקלט צווישן דעם גלייכגעוויכט פון העלפט־אויף־העלפט און זיינע זינד קאנען אמאהל איבערוועגן. (באר מים חיים)

## א רמז אין די תורה צו א מאמר חז"ל

זה יתנו כל העובר על הפקודים מבן עשרים שנה ומעלה (ל—יג) כל העובר על הפקדים — דער וואס איז עובר אויף די געזעצען פון דער תורה, די פקודי ד', ווערען נור בעשטראפט בידי שמים און מוזן געבען כופר נפש — מבן עשרים שנה ומעלה — ווען זיי זענען שוין אלט צוואנציג יאהר.

פון דאנען איז א רמז צום מאמר חז"ל: אין בי"ד שלמעלה עונשין אלא מבן עשרים ומעלה... (כתנות אור)

## העשיר לא ירבה (ל. טו.)

דאריבער האט די תורה דא באדארפט אנזאגן, אז "העשיר לא ירבה", ווייל לויטן שכל וואלט דער עושר באדארפט געבען מער נישט בלויז ווייל ער איז רייך און האט מער ווי דער ארימער און נויטיקט זיך דאריבער אין א גרעסערן "כופר נפש". (באר יצחק)

אמרי שפר

העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט. דער גביר וועט מיט'ן נישט־געבן נישט רייכער ווערן, און דער ארימאן מיט'ן געבן — נישט ארימער...

## פאר וואס טאקע "לא ירבה"?...

אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים (משנה סוף מנחות) דער דל וואס איז "ממעיט" דער איז זיכער מכוין לבו לשמים, נור דער עושר וואס איז מרבה, דער רעדט זיך דאך איין, אז ער גיט אסך און טהוט גרויסעס — איז דעריבער שווערער, אז ער זאל מכוון זיין לבו לשמים. ווארענט מען דעריבער דעם מרבה, אז ער זאל אויך זיין מכוון לבו לשמים.

דא האט מען געוואלט אז ס'זאל זיין אינגאנצען לשם שמים האט דעריבער די תורה געזאגט "והעשיר לא ירבה"... (הרה"ק מהר"ד מקאצק זצ"ל)

## נישט גאוה און נישט יאוש

**העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט דער וואס איז רייך אין מצוות זאל נישט האלטען פיל פון זיך און מיינען אז ער האט שוין אלץ דערגרייכט. ער זאל געדענקען שטענדיג אינ'ם — מחצית — אז ער האלט ערשט ביי דער העלפט... והדל — און דער וואס איז ארעם אין מצוות — לא ימעיט — זאל זיך נישט מיאש זיין, זיך מאכען צו גארנישט און מיינען אז ער קען שוין גארנישט מתקן זיין, נור ער דארף שטענדיג זיין גרייט, תשובה צו טהוען — לתת תרומת ד'...** (נועם אלימלך)

**די תורה איז געגליכן צו וואסער, ווי ס'שטעהט: „הוי כל צמא לכו למים" (ישעי' נה). אזוי ווי וואסער לאזן איבער דעם הויכן ארט און געהן צום נידעריגן ארט, אזוי אויך די תורה לאזט אוועק דעם וואס האלט זיך גרויס און באהעפט זיך צו דעם וואס האלט זיך קליין. און אזוי ווי וואסער האלט זיך נישט אין קיין גאלדענע כלים און זילבערנע נאר אין ליימענע, אזוי אויך די תורה האלט זיך נישט נאר ביי דעם וועלכער האלט זיך פאר א כלי חרס.** (שיר השירים רבה)

**די מדה פון גאווה**

דער ר"י הקדוש זצוק"ל שרייבט אויף דעם פסוק „ויהי אור", דערפאר איז דער פלאַין פון שטן צווישן די הערנער פון אן אָקס, ווייל די הערנער זיינען מרומז אויף גאווה, אזוי ווי די קרוין פון א האָן, ווייל וואו עס איז דאָ גאווה דאָרטן רוט דער שטן און די סטרא אחרא. דערפאַר שטייט, אז דער שטן טאַנצט צווישן די הערנער פון אן אָקס.

און דאס איז די שירה פון אן אָקס, „אָשירה לה' כי גאה גאה", אז די גרייסקייט געהערט צום בורא עולם, ניט צו קיין מענטשן.

(מובא בספר יסוד יוסף, פרק פ"ג)

**דער כבוד פון דיין חבר זאָל זיין ביי דיר טייער**

בשם הגה"ק מוהר"ר שמעלקע מניקלשבורג זצוק"ל, אז ער האָט געזאָגט דעם פירוש פון דעם וואס עס שטייט אין (אבות פרק ב') „יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך", היינו דער כבוד וואס דיין חבר טוט צו דיר זאָל ביי דיר זיין אזוי חשוב גלייך דו אליין וואָלסט דיר דעם כבוד אָנגעטאָן, ווארום כבוד איז נאָר איינער פון דעם אַנדערן. אז ער קומט צו זיין חבר אין הויז, און זיין חבר זאָגט צו אים, דאָס ער זאָל זיך זעצן, און זאָגט צו אים ער זאָל עסן און טרינקען, איז דאָס ביי אים חשוב, ווייל ער הערט דאָס פון דעם בעל הבית, אָבער אז דער מענטש טוט צו זיך אליין אָן כבוד, אז ווען ער קומט אין הויז פון זיין חבר און הייסט צו זיך אליין זאָגן: ברוך הבא, זעץ זיך אנידער און עס און טרינק — איז די זאַך זייער נישט שיין, ווייל כבוד קען נישט זיין נאָר פון אן אַנדערן נישט פון זיך אליין. און דער וואָס

איז א בורח מן הכבוד, ער וויל נישט קיין כבוד, איז ביי איס דער כבוד וואס זיין חבר טוט צו אים גלייך ער אליין וואלט זיך דעם כבוד אנגעטאן, וואס דער כבוד איז גארנישט ווערט.

**דער כח פון לערנען תורה לשמה בהצנע לכת**

אין די צייטן פון מהרש"ל האט געלעבט א איד, א גרינס-פארקויפער, וועמען מען האט גערופן ר' אברהם מוכר ירקות (גרינס-פארקויפער). אט-דער ר' אברהם האט געהאט זיין קראם אונטער דעם בית-מדרש פון מהרש"ל, און ער פלעגט ביינאכט אויך שלאפן דארט, ביי זיך אין קראם. ר' אברהם איז געווען זייער באשיידן, פלעגט גארניט ריידן וועגן זיך מיט קיינעם (האט מען אים גע-האלטן פאר א פראסטן אידן). אין איינער א נאכט האט דער מהרש"ל פון זיין בית-המדרש געהערט ווי ר' אברהם האט געלערנט זייער א טיפע סוגיא און ער גיט עס זיך צו דערקלערן זייער גוט און בריוט. דער מהרש"ל האט זיך גוט צוגעהערט צו אלע רייד פון ר' אברהם און האט דערנאך געשיקט אים רופן צו זיך. ווען ר' אברהם איז געקומען, האט אים דער מהרש"ל געפרעגט א טיפע שאלה אין ש"ס. ר' אברהם האט געענטפערט, אז ער איז אן עם-הארץ און וויים גארניט וואס די חכמים זאגן דא. בלויז נאך דעם ווי דער מהרש"ל האט אים שטארק געבעטן און האט אויך אויך אים גוזר געווען (ווארום דער מהרש"ל אלס גרויסער גאון און צדיק און אלס מרא דאתרא — האט מען זיינע א גזירה געמוזט איינפאלגן) — האט ר' אברהם זיך געלאזט דערקענען. ער האט געעפנט זיין מויל מיט גרויס חכמה און זיינע רייד האבן וואונדערלעך געלייכטן מיט פארשטאנד און בקיאות. ר' אברהם האט אבער געבעטן דעם מהרש"ל ער זאל עס האלטן בסוד און קיינער זאל דערפון ניט וויסן (אז ר' אברהם איז אזא גרויסער תלמיד חכם). אזוי האט זיך עס געצויגן א לענגערע צייט. דער מהרש"ל פלעגט זיך מפלפל זיין מיט ר' אברהם אין תורה און ער האט דערפון געהאט פארגעניגן, ווייל ר' אברהם איז געווען א געהויבענער איד, א גברא רבה.

איידער דער מהרש"ל איז „פארבעטן געווארן אין דער ישיבה של מעלה", דאס הייסט, איידער ער איז נפטר געווארן, האט ער אנגעזאגט זיין קהילה, אז זיי זאלן אננעמען פאר א רב אויף זיין ארט, אט דעם ר' אברהם מוכר ירקות, ווייל ס'איז ניט פאראן קיין גלייכער צו אים. און ערשט נאך געבעטן פון די קהילה-לייט און נאך דעם ווי זיי האבן אנגענומען פיל באדינגונגען וואס ר' אברהם האט זיי געשטעלט — איז ענדלעך דערפילט געווארן די צוואה פון מהרש"ל און ר' אברהם איז געווארן דער רב פון שטאט.

(שה"ג, מער"ג, א"ת יוד,

## ראה קראתי בשם בצלאל (לא. ב.)

ג״ט האָט געעפנט דעם ספר פון אדם הראשון און געוויזן משה׳ן אַלע דורות ביז תחית המתים; יעדן דור מיט זיינע מלכים; יעדן דור מיט זיינעמנהיגים. יעדן דור מיט זיינע נביאים און דאריבער ווערט דאָ געזאָגט „ראה קראתי בשם בצלאל״, אויך בצלאל קענסטו זיין. איז שוין פון פריער באַשטימט געוואָרן פאַר דער איצטיקער אויפגאַבע...
(מדרש רבה)

די חז״ל זאגן אז די אידן האבן נישט געהאלטן ביי אזא מעשה ווי דינען דעם עגל, נאר דערמיט האבן זיי געלערנט א וועג פון תשובה צו א צבור· אפילו א גרעסערער קרייז אידן פאלן דורך מיט א עבירה איז אויך נישט פארשלאסן פאר זיי די טהיר פון תשובה·

ווייל דער מענטש פאלט אראפ א סאך מאהל ביי זיך און ווערט מיואש אין זיין גייסטיגן צושטאנד· אט דא נישט לאנג איז ער נתעורר געווארן צו תשובה און לימוד התורה, אט נעכטן האט ער אויף זיך גענומען בעסער צו ווערן — און היינט? ווי קוקט מען אויס? קען דאך דער מענטש ווערן געברא־כן און זיך אין גאנצן אָפּלאָזן פון תשובה און מעשים טובים· אט למשל נאך ראש השנה און יום כיפור, דאן ווען די געדאנקען ווערן קלערער און ריינער ביי יעדן איד וואס שפירט די הויכקייט פון די ימים נוראים· אבער ווען די טעג געהען אריבער און זייער איינדרוק ווערט אויסגעוועבט אינ׳ם טאג־טעג־ליכן טומל־לעבן וואס קומט גלייך נאך די ימים טובים — קען עס טאקע א־ריינברייגגען יאוש אין הארצן·

דא קומט דערמאנען די מעשה העגל וואס איז געקומען פערציג טעג נאך מתן תורה, נאך אזא הייליגן מעמד הר סיני מיט אזעלכע קולות וברקים וועלכע זענען געקומען פון הימל· דעריבער: נישט קיין התפעלות צו האבן און פארזעצן די גוטן וועג טראָץ די שלעכטע פארגאנגענהייט·

### די סיבה איז: לוקסוס

ויתפרקו כל העם את נזמי הזהב. די הויפט סיבה וועלכע איז גורם צו פריקת־עול, צום אראפוואַרפן פון זיך דעם עול פון תורה און אמונה, פון מאָראַל און ערליכקייט, זענען די — „נזמי הזהב״, דער אונאיפּהערליכער, ווילדער געיעג נאָך לוקסוס, נאָך ציהרונג, נאָך רייכע טואַלעטן פאר זייערע פרויען...
(אור המאיר)

הדרש והעיון

„פקד עון אבות על בנים״. ער גדעדענקט די זינד פון די פאטערס צו די קינדער: אז די קינדער זינדיגן, איז זייער שולד און שטראף א קלענערע, אייב דערצו האבן גורם געווען די עלטערן, ווייל זיי האבן זיי קיין בעסערע ערציהונג נישט געגעבן, ווייל אויך די עלטערן אליין זענען נישט בעסער געווען, און די קינדער האבן זיך געהאט אויף וועמען צו פערקוקן...

## פאראייניגט פאר כבוד ה׳

ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם אלה הדברים אשר צוה ה׳ לעשות אותם משה רבנו האט צוזאמען גערופן אלע אידן, און ער האט זיי געזאגט: אלה הדברים — אט אזעלכע זאכן: דאס צונויפזאמלען אייך, און אייך שטענדיג צוזאמענ־האלטן בלב אחד ובעצה אחת, אט דאס אליין איז דער געטליכע רצון — אשר צוה ה׳ לעשות אותם. (ספרי צדיקים)

## זיך שטענדיג איבערבעטן

**ויקהל משה. למחרת יום הכפורים (רש״י) נישט בלויז ערב יום כפור זאל מען זיך מפייס זיין און איבער צו בעטן איינער מיטן צווייטן ביז מוצאי יום כפור, נאר אויך למחרת יום הכפורים דארף מען זיך צוזאמען קומען און זיך האלטן צוזאמען בשלום ואחוה. (עוללות אפרים ותוצאות חיים)**

### די שבת'דיגע אויסגאבן

יציאות השבת שתים שהן ארבע (שבת פ״א). זאגט א חסידישער טייטש: די הוצאות, וואס אַ איד גיט־אויס אויף שבת ולכבוד שבת, וועלן איהם אומגעקערט ווערן מיט פראצענט, דאפעלט, „שתים שהן ארבע״...

דער שבת — פלעגט זאגען דער חפץ־חיים זצ״ל — איז דער שילד פון א אידן, ״אות היא ביני וביניכם״, און ווי איז אין מסחר כל זמן עס הייגגט דער שילד אויפן געשעפט מעג דארטן זיין אפילו גאנץ ווייניק סחורה, הייסט עס, אז די פירמע עקזיסטירט, נעמט מען אבער אראפ דעם שילד דאן הייסט אז די פירמע האט זיך אויפגעלייזט, אזוי איז אויך אין פאל פון אידישקייט ווען א איד הערט אויף ח״ו צו היטן שבת, דאן הייסט עס, אז ער האט אויפגעגעבן זיין גאנצע אידישקייט· ער האט דעם שילד פון זיך אראפ־גענומען···

„אך את שבתותי תשמרו כי אות היא ביני וביניכם״

### מען טאָר נישט רעדען ביי ויכולו נאָך שמונה עשרה

**עס איז באוואוסט אַז מען טאַר נישט רעדען בשעת מען זאָגט ויכולו פרייטאָג צו נאַכטס נאָך דער שמונה עשרה. און עס איז געווען אַ מעשה מיט אַ חסיד וואָס ער האָט געזען אין חלום אַ צווייטען חסיד מיט אַ טונקעל פנים, האָט ער איהם געפרעגט פאַרוואָס איז דיין פנים אַזוי טונקעל. האָט ער איהם געענטפערט ווייל ער האָט גערעדט אין דער צייט וואָס דער עולם האָט געזאָגט ויכולו און מגן אבות און ביי קדיש נאָך דער שמונה עשרה.**

(טור סי׳ רס״ח בשם ס׳ חסידים)

## באזונדער פסוק אויף צינדען פייער

לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת פאר וואס שטעהט באזונדער די דאזיגע מלאכה? נאר אין די לוחות ראשונות איז געזאגט געווארן דער טעם פון שבת צוליב דער בריאה וואס איז געווען אין זעקס טעג. (כי ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש) וואלט מען דאך געקענט זאגן אז אין שבת זענען נאר אסור די מלאכות וואס זענען באשאפן געווארן אין די זעקס טעג, אבער אנצונדען פייער וואס איז ערשט געשעהן מוצאי שבת, (ווען אדם הראשון האט געקלאפט א שטיין אין א צווייטן — און דעריבער מאכט מען דאך בורא מאורי האש אין מוצאי שבת) — איז אין שבת נישט פארבאטען — האט די תורה געמוזט שטעלן אויף דעם א באזונדער לאו.

און מערקווירדיג איז אין משנה תורה איז שוין נישט דא קיין ספעציעלער פסוק אויף הבערה. ווייל אין די לוחות־שניות איז דאך שוין געזאגט נאך א טעם אויף שבת, צוליב יציאת מצרים (וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים ויוציאך ה׳ אלוקיך משם ביד חזקה ובזרוע נטויה) איז שוין ממילא נישטא קיין סברה צו מאכן א חילוק צווישן הבערה און אנדערע מלאכות. (תפארת יהונתן)

לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת. מען איז אמאל אריינגעקומען שבת צו הגאון הצדיק רבי חיים זאנענפעלד אין ירושלים און איהם דערצעהלט, אז אין שכנות וואוינט א איד, ביי וועלכן מען מאכט פייער און מען קאכט אום שבת. כאפט רבי חיים די זשובע מיטן שטריימל און לויפט אהין, אין דער אנגעוויזענער שטוב, וואו ער האט שוין אבער גארנישט געפונען, מחמת די שטוב־מענטשן, דערזעהנדיג דורכ׳ן פענסטער רבי חיים געהט, האבן תיכף פארלאשן דאס פייער.
— רבי, — רופט זיך דאן אן צו איהם דער בעל־הבית מיט תרעומות, — עס איז דאך עפעס נישט מעשה, דרך־ארץ! ווי לויפט מען עס אריין סתם אין א פרעמדער שטוב, נישט אנקלאפנדיג פריהער?
— כ׳וועל איך זאגן — מאכט רבי חיים, — כ׳ האב געהערט, אז ביי אייך ברענט, און בשעת עס ברענט און מען לויפט ראטעווען, פאלן דאן אוועק אלע נימוסים פון דרך ארץ אין א זייט...

## עס איז א מצוה מפרסם צו זיין אזעלכע.

אשר צוה ה׳ לאמר דער רשב״א אין זיינע תשובות (סימן תקפ״ב) זאגט אז ס׳איז א מצוה מפרסם צו זיין די נעמען פון די מענטשן וואס געבן בנדיבות זייער געלד אויף א דבר מצוה.

דאס הייסט: אשר צוה ה׳ לאמר — כאטש ביי צדקה דארף דאך זיין בסתר (מתן בסתר יכפה אף) אבער ביי נדבה אויף דברים שבקדושה איז — צוה ה׳ לאמר — איז א מצוה יא צו דערצעהלן און מפרסם צו זיין. (פרדס יוסף).

## וכל חכם לב בכם יבואו ויעשו את כל אשר צוה ה׳

די גרעסטע חכמה פון אלע חכמות איז, נישט צו זיין צו קלוג, נאר צו טהון

דאס וואס דער אויבערשטער הייסט. (דבש התורה)

## בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודא

מסירת נפש קען נאר זיין ווען מ'לייגט אוועק אלע חקירות און חכמות. דעריבער איז מען דורך מסירת נפש זוכה צו די מידה פון חכמה ודעת — דאס איז מידה כנגד מידה, פארן אוועג לייגן די חכמה.

ווייל בצלאל איז געווען דער אייניקל פון חור וועלכער האט זיך מוסר נפש געווען ביים עגל, און פון שבט יהודא וועלכער האט זיך מוסר נפש געווען ביים קריעת ים סוף וואס ער איז אריינגעשפרונגען דער ערשטער אין וואסער — דעריבער האט מען איהם באשאנקען מיט חכמה און תבונה אין זכות פון מסירת נפש פון זיינע אבות. (משך חכמה)

## דאוונען מיט אהבת ישראל

שטעהט פון האר"י הק' אז פארן דאוונען יעדן טאג אין דער פרי דארף מען מקבל זיין אויף זיך דעם "ואהבת לרעך כמוך". איידער מיר געהען צום דאוונען בעטן ביי השי"ת אויף אונזערע באדערפענישן אין לעבן, דארפן מיר צוברעכן דעם עגאָאיזם, דעם "איך" וואס מאכט א מחיצה צווישן אונז און אבינו שבשמים. ווי מ'זאגט איבער פון צדיקים "אנכי עומד ביני וביניכם" ("ואתחנן" פאר די עשרת הדברות) אז דער "אנכי" דער "איך", ווען דער מענטש האט נאך זיך אינזינען דאס איז "עומד ביני וביניכם", דאס איז מפסיק; צווישן השי"ת (ביני) און אייך (ביניכם). דעריבער ווען דער איד איז מבטל זיין עגאָאיזם און ברענגט זיך אריין אין א אמתע אהבת ישראל — קען ער זיך שטעלן דאוונען און ערווארטן אז השי"ת זאל צוהערן די תפילות.

ווען די כהנים זענען אריין אין בית המקדש צו זייער עבודה אלס שליחים פון כלל ישראל, האבן זיי אויך געדארפט מבטל זיין זייער אייגענע גלוסטונגען און רצון. אָט אזוי ארום צוגעהן צו די עבודה ריין צו השי"ת "בלתי לה' לבדו".

האבן זיי זיך געוואשן פריער די הענט און די פיס, ביים „כיור" און בשעת מעשה זיך פארטראכט אז דיזער כיור איז געשאפן געווארן פון די באשיידענע פרויען פון דור וועלכע האבן מוותר געווען אויף זייער פוצעריי און אוועקגעגעבן זייערע שפיגאלאך פארן משכן. ווי דער "אבן עזרא" זאגט אין די פרשה אז דאס איז געווען פון די ווייבער וועלכע האבן געדינט השי"ת, און האבן מוותר געווען אויף די צירונג זייערע.

אָט פון די נדבה, פון דעם שעהנעם געפיהל מבטל צו זיין די נייגונגען צום פוצערישן גייסט און לוקסעס — האבן די כהנים געשעפט מוהט צוגע־הענדיג צו די עבודת ה' אלס שליחים פון כלל ישראל. זיי האבן געקענט דינען דעם אויבערשטן מיט די ריכטיגע אהבת ישראל.

## וואו דארף מען דאווענען

**הגאון** מו"ה שמואל בראד ז"ל אב"ד ניר־מאד יע"א האט דערציילט, אז נאך זיין חתונה ווען ער האט זיך געזעגענט מיט זיין הייליגען רבי'ן הגה"ק מהר"ם שיק זצוק"ל האט ער ביי אים געפרעגט, אזוי ווי אין איהעל זיינען דא צוויי מנינים א אשכנזישער מנין און א חסידישער קלויז איז אין וועלכען זאל ער גיין דאוונען. האט דער מהר"ם שיק געענטפערט איבער דריי זאכען געפעלען מיר בעסער די חסידים, איינס, זיי גייען אין מקוה פאר'ן דאוונען, צוויי, זיי דאוונען מיט התלהבות און די דריטע זאך, זיי פארען צו צדיקי הדור, דערפאר האלט איך זאלסט גיין דאווענען אין די קלויז פון חסידים.

(בספר דרכי משה החדש)

## פאהרען צו צדיקי הדור

**אויך** האט דערציילט הרה"ח מו"ה בעריש ארענשטיין ז"ל, אז זיין רבי דער מהר"ם שיק ז"ל פלעגט פיל מאל געבען צוויי גילדען צושטייער אויף פארען אויף ימים טובים צו צדיקי הדור.

(בספר דרכי משה החדש)

## פאהרען צו צדיקי הדור

**דער** רבי ר' שלמה ראדאמסקער זצ"ל שרייבט אין זיין ספר תפארת שלמה אז די חכמים און צדיקי הדור זיינען גרייט צו העלפען פאר מענטשען זיך מטהר צו זיין און קומען צו א תיקון; אזוי ווי מיר ווייסען וועגען הרה"ק ר' חיים חייקל מאדמור זצ"ל וואס צוליב פילע סיגופים וואס ער האט געטאן און פון זיין פילען לערנען וואס ער האט כמעט נישט געשלאפען פונדעסטוועגען האט ער נישט געפונען קיין תיקון פאר זיין נפש ביז ער איז נישט געקומען צום מעזריטשער מגיד זצ"ל, און ערשט דעמאלט האט ער דערגרייכט זיין הויכען תיקון.

בס' תפארת שלמה פ' בחקותי)

## די ברכה פון א צדיק

**אין** ספר תפארת שלמה שטייט: מיר האבען געהערט פון הרב הקדוש רבי ר' זושא זצ"ל אז יעדען טאג נאך ברכת התורה איז ער געגאנגען אין מארק אריין צו זוכען א איד ער זאל איהם קענען בענטשען, און ווער עס האט זוכה געווען דער ערשטער איז געווארען געבענטש.

(בס' תפארת שלמה פ' תצא)

## פאר א מצוה־צוועק — אומגעציילט!

וכל איש אשר הניף תנופת זהב לה׳ זיי האבן נישט אפגעוואויגן דעם זהב כדי צו געבן מיט א מאס, נאר סתם אויפגעהויבן א שטיק גאלד און געגעבן פון גרויס אהבה און נדבת הלב. פונקט ווי א גרויסער נדבן גיט געלד אומגעציילט...
(באר מים חיים)

## נישט נאר פאר זיך...

ולהורות נתן בלבו ס׳איז פערהאן חכמים וואס פארמאגן א סך חכמה, אבער זיי האלטן עס נאר פאר זיך. זיי קענען נישט אדער ווילן נישט די דאזיגע חכמה איבער־געבן און אויסלערנען אנדערע. די תורה זאגט דעריבער אז בצלאל און אהליאב האבן באקומען פון השי״ת דעם טאלאנט און אויך דעם ווילן: „להורות״ — אנדערע צו לערנען און ארויסצוגעבן זייער חכמה. (אבן עזרא).

### צושפרייטן די תורה

ולהורות נתן בלבו. צוויי מאהל געפינט זיך, לויט די מסורה, דאס ווארט „ולהורות״: א) „ולהורות נתן בלבו״ ב) „ולהורות את בני ישראל״. אויב עס איז „ולהורות נתן בלבו״, אויב השי״ת האט דיר געבענטשט מיט חכמה און דעת, האלט עס נישט ביי זיך, בבחינת „ותורתך בתוך מעי״, נאר — „ולהורות את בני ישראל״, פערשפרייט עס צווישן פאלק, בעמיה זיך צו ברענגען דערמיט נוצן דעם כלל. (ספר הדרוש)

## עסקנים דארפן אויך מנדב זיין.

והם הביאו אליו עוד נדבה בבקר בבקר פארהאן אזעלכע עסקנים וועלכע פטר׳ן זיך פון זייער אייגענע נתינה צוליב דעם וואס זיי זענען עוסק אין דער מצוה. דא דערצעהלט אונז די תורה אז והם — אפילו די עושה המלאכה אליין האבן זיך נישט גע׳פטר׳ט פון געבן זייער נדבה נאר — הביאו אליו נדבה בבקר בבקר — אין דער פריה פאר דער ארבייט־צייט, האבן זיי זיך צוגעאיילט און געברייגגט זייער אייגענע נדבה. (אמרי שפר)

## ויכלא העם מהביא

דערויף זאגט דער בעל־מסורה „ויכלא העם מהביא״ — „ויכלא הגשם״. דען אזוי איז דער שטייגער: קוים איז „ויכלא הגשם״, ווי עס ווערט נאר א ביסל שוואכער די שפע פון פרנסה, אזוי איז דאס ערשטע — „ויכלא העם מהביא״ הערט מען קודם כל אויף צו געבן צדקה... (רבי שמעון סופר)

## ביים עסן דארף מען זאגן דברי תורה.

ויעש שלמה... ואת השלחן אשר עליו לחם הפנים זהב. עשרה שלחנות עשה שלמה ולחם הפנים לא היו מסדרין אלא בשלחן שעשה משה (מנחות צ״ט) דערמיט האט מען מרמז געווען אז עסן לחם זאל מען נאר אויף אזא שלחן וואס טראגט אויף זיך דעם נאמען פון משה רבינו — דער סימבאל פון תורה — אויף א שלחן וואס מען זאגט אויף איהם דברי תורה, ווי די משנה זאגט: אבל שלושה שאכלו על שלחן אחד ואמרו עליו דברי תורה כאילו אכלו משלחנו של מקום, שנאמר: וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה׳ (אבות פ״ג)
(דבר המלכה).

## אַ ברכה דאַרף מען מאַכען מיט כוונה

הגה"ק הר"ש מניקלישפורג זצוק"ל האָט אַמאָל געזאָגט פאַר זיינע תלמידים ווער עס זאָגט ניט די ברכה פון אהבה רבה אָדער אה"ע, אָדער די ברכה פון אתה חונן מיט כוונה קען ער ניט דעם טאָג מחדש זיין אַ חידוש אמיתי. האָט זיך איינער פון זיינע תלמידים אָנגערופען, אָט ער האָט היינט ניט מכוון געווען אין די ברכות און פונדעסטוועגען האָט ער מחדש געווען אַ חידוש, האָט דער רר"ש זי"ע געבעטען אים איבערזאָגען דעם חידוש, און דער רר"ש זי"ע האָט עם אויפגעוויזען אַז דער חידוש איז ניט אמת.

(בס' שמן הטוב בשם שו"ת מהרש"ם ח"ב בסופו)

## דאָס מויל דאַרף זיין ריין פון לשון הרע

דער רבי מרדכי מטשערנאָביל זי"ע האָט געזאָגט אַז פאַר'ן עסען מוז מען זיך וואַשען די הענט כדי נישט צו עסען מיט פאַרשמירטע הענט. נו אויב אַזוי וויאַזוי שעמט זיך נישט אַ מענטש אריינצולייגען אין מויל אַ מאכל ווען ער האָט נישט קודם ריין געמאַכט דאָס מויל און די צונג פון נישט גוטע ווערטער, ובפרט דאַרף מען זיך היטען דאָס מויל ביים עסען.

(בס' ליקוטי תורה מהגה"ק מטשערנאָביל זצ"ל)

## מען טאָר נישט ריידען צווישען מים אחרונים און ברכת המזון

דער אריז"ל האָט זייער מקפיד געווען ניט צו ריידען נאָך מים אחרונים אפילו דברי תורה, איינמאָל איז צו עם געקומען איינער פון ר' משה קאָרדעוואָרעס תלמידים, דער אריז"ל האָט עם זייער שיין אויפגענומען, אַמאָל אין מיטען עסען האָט דער אריז"ל באַמערקט פון זיין עסען אַז ער איז אַ חולה האָט דער אַריז"ל ביי אים געפרעגט וואָס איז מיט דיר, דער אורח האָט אים געענטפערט אַז ס'איז שוין אַ לאַנגע צייט ווי דער אַקסעל טוט אים וויי. דער אריז"ל האָט זיך פאַרטראַכט און געזאָגט אַוודאַי האָסטו מפסיק געווען צווישען מים אחרונים און בענטשען, האָט דער אורח געזאָגט אמת, איך פלעג לערנען אַ פרק משניות נאָך מים אחרונים דער אריז"ל האָט ווייטער געזאָגט ווייל דו האָסט עובר געווען אויף די רייד פון חז"ל וואָס האָבען געזאָגט אַז תיכף נאָך מים אחרונים זאָל מען בענטשען, און דער וואָרט תיכף איז די זעלבע אותיות פון כתף (אַקסעל) דערפאַר האָסטו וויטיגען אין אַקסעל,

זיי אויף זיך מקבל אַז דו וועסט מער ניט ריידען נאָך מים אחרונים ווערסטו גלייך געזונט ווערען, און אַזוי איז געווען ער האָט מקבל געווען אויף זיך און איז גלייך געזונט געוואָרען.

(בס׳ קב הישר פרק פז)

## וואָס אַן ערליכע ברכה קען אויפטאָן

**אין** ספר התנהגות הדרך ווערט געבראַכט דאָס פאָלגענדע פון ספר אמרי יהודה פרשת עקב: איך האָב געהערט פון הגה״ק רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן זצ״ל לעמבערגער רב וואָס ער האָט דערציילט פאַר מיין פאָטער אַז איינמאָל האָט זיך דער בעל שם טוב הקדוש זי״ע שטאַרק באַקלאָגט. האָבען איהם די תלמידים געפרעגט וואָס עס איז. האָט ער זיי דערציילט אַז איינמאָל איז געווען אַ שלעכטער מענטש ר״ל, און נאָך זיין טויט האָט ער נישט געהאָט קיין תיקון. השי״ת האָט זיך אויף איהם דערבאַרעמט און אַרויסגעגעבען אַ פסק ער זאָל מגולגל ווערען אין אַ פראָש און ער זאָל זיך וואַלגערן אין ברודיג וואַסער אין אַ ווייט לאַנד. און אויב עס וועט קומען דער זון פון איהם אויף דעם פּלאַץ און וועט טרינקען פון דעם וואַסער און מאַכען אַ ברכה אויפ׳ן וואַסער, דעמאָלט וועט זיין פאָטער האָבען אַ תיקון. דער זון איז אָבער געווען אַ גרויסער אָרימאַן און ער פלעגט נישט צו פאָרען אויף אַזעלכע ווייטע ערטער. האָט הקב״ה מסבב געווען אַזוי אַז ער זאָל ווערען אַ משרת ביי אַ גרויסען עושר. און דער עושר איז קראַנק געוואָרען, און די דאָקטוירים האָבען איהם באַפוילען צו פאָהרען אויף יענעם אָרט וואו עס האָט זיך געפינען דאָס אויבען דערמאַנטע וואַסער. דער עושר איז אַהין געפאָרען און ער האָט מיטגענומען מיט זיך דעם משרת, דאָס הייסט דעם זון פון יענעם נפטר. איינמאָל איז געגאַנגען דער בעל הבית מיט׳ן משרת צו שעפען לופט אויפ׳ן פעלד. פלוצים איז דער משרת שטאַרק דורשטיג געוואָרען, ביז ער איז שיעור אויסגעגאַנגען נאָך וואַסער. און דאָס איז געווען דערפאַר ווייל ער איז אָנגעקומען צו יענעם וואַסער אין וועלכען עס איז געלעגען די נשמה פון זיין פאָטער מגולגל אין אַ פראָש. האָט דער משרת געזוכט וואַסער און געפינען דעם ברונעם. ער איז געגאַנגען אַהין טרינקען. אָבער צוליב דעם וואָס ער איז געווען שטאַרק דורשטיג האָט ער געכאַפּט און געטרינקען אָהן אַ ברכה. און אַזוי אַרום האָט זיין פאָטער׳ס נשמה נישט געהאָט קיין תיקון. און דערויף האָט די נשמה שטאַרק געקלאָגט, וואָס נאָך דעם אַלעם וואָס השי״ת האָט מסבב געווען ער זאָל האָבען אַ תיקון, צום סוף האָט זיך אַלעס אַזוי אויסגעלאָזט. און ווער ווייסט וואָס מיט דער נשמה וועט

איצט ווייטער זיין. אזוי האט דערציילט דער בעל שם טוב הקדוש, און ער האט אויסגעפירט אז דעריבער בין איך מיך נוהג ווען איך קום אין א ווייט ארט אין א באד אריין ווען דאקטוירים הייסען פאהרען, גיי איך צו אלע ברונעמס טרינקען וואסער, ווארים קען זיין אז דערפאר בין איך געקומען אהין כדי צו מאכען א תיקון פאר עפעס א נשמה.

## דער עונש פון נישט מאכען א ברכה

**הרה״ק** ר׳ וועלוועלע זשיטאמערער זי״ע איז אין זיינע פריערדיגע יארען געווען א בעל מזיגה (קרעטשמער) וואו אידען און להבדיל גוים פלעגן קומען און נעמען א טרונק בראנפען. אמאל איז צו אים געקומען א איש מגושם, ער האט געקויפט א ביסל משקה און האט דאס אויסגעטרונקען אן א ברכה, רופט זיך אפ ר׳ וועלוועלע און זאגט אים אזוי, וויסען זאלסטו אז די נשמות וואס דארפען א תיקון ווערען מגולגל אזוי לאנג ביז זיי קריגען זייער תיקון, ס׳איז דא נשמות וואס ווערען מגולגל אין א דומם א שטיק ערד, און אז מ׳זייט תבואה אויף דעם פעלד באקומט די נשמה א עליה פון דומם אין צומח אבער די ניצוצי נשמות זיינען שטענדיג אין א פחד, אפשר בשעת די קצירה און אויך ביים צוזאמענקלייבען די תבואה זאל דער קערנדעל ניט פארפאלען ווערען, און ווען השי״ת העלפט שוין אז זי איז געבליבען, איז ווייטער דער פחד אז בשעת מען וועט דערפון מאכען א מאכל אדער משקה זאל דאס ניט אנקומען צו א גוי, און, זאגט ר׳ וועלוועלע צו דעם אידען, בשעת דער אויבערשטער האט געהאלפען און ס׳איז אנגעקומען צו א איד, איז אנשטאט צו מאכען א ברכה און מתקן זיין די נשמה נעמסטו און טרינק אן א ברכה, און ווער וויים, אפשר איז דאס גאר געווען די נשמה פון דיין טאטען וואס זי איז מגולגל געווארען אין די תבואה בכדי זי זאל האבען א עלי׳ דורך זיין זון, באטראכט זיך וואס דו האסט אפגעטאן. דער איד ווי ער האט דאס געהערט און דערמאנענדיג זיך אז טאקע היינט איז דער יארצייט פון זיין טאטען, האט ער אוועקגע׳חלש׳ט. דערנאך איז ער געקומען צו ר׳ וועלוועלע׳ן און געבעטען ביי אים א תיקון, און ער איז געווארען א בעל תשובה גמור. גענוג א שארפער מוסר פאר די וואס גיבען נישט אכט אז א ברכה זאל מען מאכען בכוונה הראויה.



## זיך אפשפיגלען אין דעם צווייטן

ויעש את הכיור נחשת... במראת הצבאת **דער מגיד פון מזריטש ז״ל פלעגט צו זאגן: אז יעדער מענטש דארף באטראכטן דעם צווייטן ווי א שפיגל. פונקט ווי א שפיגל וויזט אן אויף די אייגענע מיאוסקייטען, אזוי זעהענדיג דעם צווייטענס חסרונות, דארף מען זיי דערפילן ביי זיך, און לערנען זיך ווי אזוי זיך ריינצו וואשן פון זיי. און דאס איז** דער טייטש פון ם מאמר איזהו חכם הלומד מכל אדם (אבות).

דעריבער ווען די כהנים זענען זיך געגאנגען אפוואשן צו דער עבודה און האבן געדארפן אויך גייסטיג זיך אנצוואשן פון יעדן פגם, חסרון, נגיעה און פני', האט זיי דער כיור, וואס איז געווען געמאכט פון שפיגלען דערמאנט אז כדי צו דערקענען די אייגענע חסרונות, דארף מען ארייננקוקן אין'ם שפיגל פון א צווייטן מענטש. קוקנדיג בלויז אויף זיך איז זייער שווער צו דערטאפן...

## נישט קוקען אין א שפיגעל

**אין** דעם יאר תרכ"ד האבען זיך געשטארקט די משכילים אין אונגארן און זיי האבען געוואלט איינפירען א „ראבינער סעמינאר", ביי די גדולים בימים ההם איז געבליבען אז עס ניטא קיין אנדער עצה ווי מסר'ן זיי פארן קיסר. צווישען די גדולים וועלכע זיינען געגאנגען צום קיסר זיינען געווען הגה"ק מהר"ם א"ש ז"ל, הגה"ק בעל מהרי"א אסאד ז"ל, און דער בעל כתב סופר ז"ל און אויך אנדערע גדולים. דער צימער וואו מען האט געדארפטווארטען אויף אריינגיין צום מלך האט מען גערופען „שפיגעל־זאל", ווייל אלע פיר ווענט זענען געווען מיט שפיגעל. די גדולים ז"ל זיינען אויך אריין אין דעם זאל און געווארט ביז מ'וועט זיי רופען, פלוצים האט זיך געגעבען א שטעל אויף דער מהרי"א אסאד און פרעגט מיט גרויס פחד דעם כתב סופר ז"ל ווער איז דער מענטש וואס זיצט אין יענעם עק חדר, וואס די שכינה רוהט אויף אים, לאמיר גיין רײדען מיט אים, מסתמא האט עם השי"ת געשיקט פאר א מליץ יושר פארן מלך, ער זעט אויס ווי א מלאך אלקים. דער כתב סופר ז"ל האט אים געענטפערט אז דאס איז א שפיגעל... דאס זענט איר אליין. שפעטער זיינען זיי אריין צום מלך און גע'פועל'ט נישט צו מאכען א ראבינער סעמינאר.

(תולדות מהרי"א)

## מ'דארף זיך היטן פון אלעמענס אויג.

אלה פקודי המשכן (לח—כא) באמת האט מען נישט געדארפען צעהלען, נור — **אשר פקד על פי משה** — משה רבינו האט עס געפאדערט, כדי מקיים צו זיין „והייתם נקיים מד' ומישראל" — טאמער וועט איינער זיך פרעגען א חשבון אין וועלען וויסען ווי אזוי דאס זילבער איז פערברויכט געווארען... (אור החיים)

## קרעכצן אויפן חורבן בית המקדש

אלה פקודי המשכן משכן העדות אשר פקד על פי משה (לח—כא) רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנות על עונותיהם של ישראל (רש"י)

ווי אזוי האט מען דעם משכן געמעגט נעמען פאר א משכון, די תורה זאגט דאך: **לא יחבל** רחים ורכב כי נפש הוא חובל (דברים כ"ד—ט) — אז א זאך פון וועלכען ס'איז אבהענגיג דעם בעל־חוב'ס לעבען און עקזיסטענץ טאר מען נישט משכון'ען? צו דארף מען נאך א זאך, וואס זאל זיין דערפון אבהענגיג דאס אידישע חיות מעהר ווי דאס מקדש?

על כל פנים איז עס דאך נישט ערגער ווי א מלביש זיך צו צודעקען, וועלכעס מען מוז אבגעבען, אויב מען האט עס גענומען אלס משכון ווי די תורה זאגט: „אם חבל תחבול שלמת ריעך עד בוא השמש תשיבנו לו" (שמות כב—כה). צו איז דען פערהאן נאך א זאך, וואס אידען זאלען דארפען אזוי נויטיג ווי דאס בית המקדש?

נור דארט זאגט טאקי די תורה: „במה ישכב והיה כי יצעק אלי ושמעתי" — ווייל דער בעל חוב פיהלט, אז עס פעהלט איהם אין שרייט דערויף, דעריבער מוז מען עס איהם צוריקגעבען. נו, זיצט מאקי השי"ת און קוקט אויס, אז אידען זאלען אזוי שטארק פיהלען דעם חסרון פון בית המקדש, אז די זאלען שרייען צו איהם פון די טיעפעניששען פון זייער נשמה — יועט ער עס טאקי צוריק געבען... אפילו יעדער איינציגער איד אין גלות וואס איז זוכה צו זארגען באמת אייפ'ן פעהלען פון בית המקדש און ער שרייט דערויף צו גיט גיט מען איהם אויך צוריק זיין חלק אינ'ם מקדש, — השראת השכינה... (תולדות אדם)

## קלאגען אויף חורבן בית המקדש

**וארשום** בעטי עט סיפר מהיר מה ששמעה אזני ממקור נאמן מפי איש קדוש ה"ה הגאון הצדיק מרא דארעא קדישא ר' יוסף חיים זאנענפעלד זצוק"ל, בהיותי לפני כמה שנים בארצינו הק' תובב"א, וזכיתי להסתופף בחצרות קדשו תחת אחד השיחים סיפר לי הגאון המנוח זצוק"ל כי שמע מר' משה נאוועמעסטא אשר הי' בן ביתו של החת"ס ועלה אח"כ לאה"ק. אז איינמאל ערב תשעה באב האט זיך דער הייליגער חתם סופר זי"ע נאך חצות זיך מתבודד געווען אין א באזונדערען צימער, איך האב געוואלט וויסען וואס איז די סיבה פון דעם ווייל אין דער צייט איז מען זיך ניט עוסק אין לערנען און אין הלכה. און מיר איז געלונגען דורך שפאלטען אריינצוקוקען. און ווי מורא'דיג איז געווען די בילד וואס מיינע אייגען האבען געזען ווי דער איש אלקים זיצט און מקונן אויף דעם חורבן, לעבען אים ליגט א ספר, אין זיין האנט האלט ער א כוס, און פון די אויגען גיסען זיך טרערען אין כוס אריין, ביז דער כוס איז געווארען פול. ווען ער האט זיך געזעצט עסען די סעודה המפסקת האט ער גענומען דעם כוס צו מקיים זיין דעם פסוק האכלתם לחם דמעה ותשקמו בדמעות שליש, זי"ע.

(ידידו הק' אברהם שמואל בנימין בהגמהר"ע סופר ז"ל מכתב בס' זכרון למשה)

## צו ארץ ישראל קען מען צוקומען נאר דורך טהרה

**עס** שטייט אין מדרש תלפיות, אז השם יתברך האט ארומגענומען ארץ ישראל מיט ימים, אזוי ווי דער פסוק זאגט כי היא על ימים יסדה ועל נהרות יכוננה, כדי צו ווייזען אז מען קען נישט קומען קיין ארץ ישראל נאר דורך קדושה און טהרה.

(מדרש תלפיות ענף ארץ ישראל בשם הרמ"ק זצ"ל)

## זיך נישט גרויס האלטן מיט די גאלד

ויךקעו את פחי הזהב וקצץ פתילים. פון די שטיקער גאלד האט מען געמאכט זעהר דינע פעדים און זיי איינגעפלאכטן אינ׳ם תכלת, ארגמן. דאס איז א רמז, אז די מענשן וואס האבן א סאך גאלד, זאלן נישט שטאָלצירן דערמיט, נאר זיך נאך מער נידעריג האלטן פון אנדערע און זיך מבטל זיין צווישן ארימערע פון זיי. (שפתי צדיק).

שלאָג נישט דיין אייגענעם ברודער

עס איז באקאנט דער מאמר ההכם, אז דאס גאלד האט אמאל געפרעגט דאס אייזן: איך בין דאך פיל אידעלער פון דיר, און לסוף אז מען קלאפט מיך מיט דעם האמער מאך איך נישט א הויך קול, און דיך אז מען טוט אויסקלאפן טוסטו שרייען מיט א הויך קול? האט דאס אייזן געענטפערט צו דעם גאלד: דיך שלאגט א פרעמדער, אבער מיך טוט שלאגן מיין ברודער וואס איז אויך אייזן, שריי איך, ווייל מיין ברודער שלאגט מיך מיט צאָרן.

## משה רבנו׳ס צײלן ברײנגט ברכה

אלה פקודי המשכן דער זוהר הקדוש פרעגט, צו וואס האט מען בכלל געצעהלט די ברכה איז דאך נישט חל אויף א געצעהלטע זאך? ענטפערט דער זוהר דערויף, ווייל עס איז געצעהלט געווארן דורך משה רבנו, האט די ברכה געקענט רוהען דערויף אפילו גע־צעהלטערהייט.

דאס איז דער פשט פון פסוק — אלה פקודי המשכן — מ׳האט געצעהלט די נדבות צום משכן, כאטש אומעטום איז דאך די ברכה נישט שורה בדבר המנוי, נאר ווייל — אשר פקד על פי משה — עס איז געצעהלט געווארן דורך משה׳ן, האט דאס צעהלן נישט געשאט צו דער ברכה. דער מדרש זאגט: איש אמונים רב ברכות — זה משה.

ווייל משה רבנו דער איש אמונים, איז געוועהן דער צעלער, איז — רב ברכות — כאטש ס׳ איז געהעהן א דבר המנוי...

## רמזים אויף די בתי מקדש

"משכן" באטרעפט פיער הונדערט און צעהן אקעגן די יאהרן, וואס דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען. "המשכן" — צורעכענדיג אויך די פינעף אותיות — באטרעפט פיער הונדערט און צוואנציג, אקעגן די יאהרן פונ׳ם צווייטן בית המקדש. "העדות" — באטרעפט פיער הונדערט ניין און זיבציג, אקעגן די יאהרן וואס דאס משכן האט עקזיס־טירט ביז צום בנין פונ׳ם ערשטן בית המקדש.

פארוואס ביים רמז אקעגן צווייטן פעהלט צו פינעף און מען מוז צורעכנען די אותיות — זאגט דעם חתם סופר — ווייל דאס איז מרמז אויף די פינעף זאכן וואס האבן געפעהלט ביים בית שני. (זעה יומא כ״ב)

**אן עניו האט פיל מעלות.**

די מעלות פון אן ענו, וואס האלט זיך קליין: זיין מויל וואס ער זאגט האט ער אין זינען אויך דאס זעלבע מיטן הארץ. זיינע אויערן ווילן נאר גוטס הערן, מיאוס'ע רייד אדער לשון הרע גייען נישט אריין אין זיינע אויערן. זיינע אויגן קוקן נישט אויף אזעלכע זאכן וואס מען דארף נישט, און זיינע אויגן עפנט ער נאר אויף אויף גוטס, אויף מרחם זיין זיך אויף ארעמעלייט. פון זיין מויל גייט נישט ארויס קיין מיאוס ווארט, און נישט קיין קללה, נישט קיין קרום ווארט און לשון הרע.

(„מדבר קדמות" בשם „תומר דבורה")

גאוה, גרוים האלטן זיך, דאס איז דער שורש, דער ווארצל, פון אלע עבירות.

(תולדות יעקב יוסף בשם מוהר"י יעבץ ז"ל)

**דורך שפלות קען מען בלייבן לעבן**

אויך קען מען זען אז מיט שפלות קויפט מען זיך לעבן. און ווען נישט איז להיפך. לאזן מיר זען אז א מלך טרינקט אין א וואסער און גייט אנגעטאן די בגדי מלכות פון זילבער און גאלד און טייערע שטיינער. און אויב אז ער וועט זיך שטאלץ האלטן דאס ער וועט נישט פון זיך אראפווארפן די קליידער אז ער זאל בלייבן ווי א פראסטער מענטש נאקעט אן א קלייד, אזוי וועלן די קליידער אויף אים ווערן שווער און וועט דער־טרינקען ווערן. און אזוי באלד ער טוט זיך אבער אויס נאקעט גלייך ווי די פראסטע געמיינע מענטשן, אזוי וועט ער קענען שווימען און געראטעוועט ווערן. זעט מען פון דעם אז דורך שפלות קויפט מען זיך לעבן. אויך דער מענטש וואס האלט זיך שפל טוט מערן דעם שלום. ווייל ער איז נישט מקפיד אויף קיין שום זאך אין דער וועלט. און דורך דעם קומט נישט צו קריג מיט קיין שום מענטש.

(טעה"מ בשם שבט מוסר)

**צו וואס ברענגט קליין האלטן.**

ענוה און שפלות, דאס הייסט קליין האלטן זיך, ברענגען דעם מענטשן ער זאל מסתפק במועט זיין, דאס הייסט ער באנוגנט זיך מיט ווייניק אויף דער וועלט, און דאס ברענגט אים ער זאל קומען צו עולם הבא.

(תולדות יעקב יוסף פ' וישב)

אז מען האלט זיך קליין קען מען קומען צו יראת שמים.

(שם פ' בא)

און מיט דעם קען דערקלערט ווערן אויך דער מדרש פליאה, אז משה האט זוכה געווען צו „קרני הוד״ פון דער ביסל טינט וואס איז איבערגעבליבן איך פעדער.

וואס פארא טינט איז דא אייגנטליך געמיינט? און וואס פארא שייכות האט עס צו די „קרני הוד״?

אבער לויט די אויבנגעזאגטע ווערט עס פארשטענדליך און נעמליך דאס ביסל טינט איז איבערגעבליבן צוליב דעם שרייבן דאס „א״ פון „ויקרא״ קליין און נישט גארמאל, וואס דאס באווייזט אויף די גרויסע ענווות פון משה׳ן און טאקי די ענווות האט אים געבראכט די „קרני הוד״... (תולדות יצחק)

## משה קבל תורה מסיני (אבות פרק א׳, משנה א׳)

ר׳ לוי יצחק בארדיטשובער האט אמאל געפרעגט: סטייטש, היתכן, משה רבנו דער גרויסער עניו, ווי קומט עס דאס ער האט מסכים געווען אז די תורה זאל געגעבן ווערן דורך איהם? ער וואס האט געזאגט „מי אנכי כי אלך אל פרעה״ זאל איינשטימען צו אונטערנעמען זיך אזא זאך וואס איז פילפאכיג גרעסער און באדייטענדער ווי צו געהן שטעלן זיך פאר א קעניג א בשר ודם? נאר — האט ער געענטפערט — אז משה רבנו האט געזעהן אז די תורה ווערט געגעבן אויפ׳ן קלענסטן בארג, ווי דער בארג סיני, האט ער דערפון געלערנט אז אויך דורך א קליינעם מענטש, ווי ער האט זיך געהאלטן, דארף זי געגעבן ווערן. און די משנה אין אבות: „משה קבל תורה מסיני״ האט ער פארטייטשט אין א שטייגער פון שאלה און תשובה: משה קבל תורה? היתכן? ווי קומט דאס אז ער האט הערצו מסכים געווען? איז די תשובה: מסיני, פונ׳ם בארג סיני האט ער זיך עס אפגעלערנט.

## אל תיראי תולעת יעקב (ישעי׳ ס״א)

פארוואס זענען אידן פארגליכן צו א ווארעם? — נאר אזוי ווי דער ווארעם איז זיין גאנצער כח אין מויל, וואס מיט דעם בייסט ער איין די מעכטיגע צעדער־בוימער. און דער שוואכער באזיגט דעם שטארקן, אזוי אויך איז מיט אידן; זייער גאנצער כח איז אין מויל, דאס איז תפלה, וואס מיט דעם באזיגן זיי די אומות וועלכע זענען פארגליכן צו די צעדערן, ווי ס׳שטעהט: הנה אשור ארז בלבנון (יחזקאל ל״א).

(מדרש תנחומא בשלח)

## די פיר-ערליי מענטשן

אין פיר קלאסן זענען מענטשן געטיילט: דער וואס וויס און וויסט אז ער וויס, דער איז א חכם — פון איהם זאלסטו לערנען; דער וואס וויס און וויסט נים אז ער וויס, איהם זאלסטו דערמאנען כדי ער זאל נישט ענדליך פארגעסן; דער וואס וויס ניט און האלט זיך אז ער וויס, דער איז א נאר — איהם זאלסטו דערוויטערן. דער וועלכער וויס נים און וויסט אז ער וויסט ניט — אים זאלסט דו לערנען.

## זיבן זאכן ביי דעם גולם

א „גולם״ איז א נאר; אזא איינער, ביי וועמען דער שכל איז נים ענטוויקלט (אין לשון הקודש בצייכנט דער ווארט „גולם״ א שטיק ליים, אדער האלץ, אדער עפעס א

אודערש רוימאטריאל, פון וואס מען דארף ערשט מאכן א כלי, א גאנצע פארטיגע זאך).

ווי דערקענט מען א גולם, און ווי דערקענטמען א חכם? אויף דעם זאגט דער תנא אין פרקי אבות (פרק ה׳ משנה ט׳) פאלגענדעס:

זיבן זאכן זענען פאראן ביי א גולם און זיבן זאכן זענען דא ביי א חכם:

א) א חכם רעדט נישט פאר דעם וואס איז קלוגער אדער עלטער פון איהם.

ב) ער פאלט נישט אריין יענעם אין די רייד.

ג) ער איילט זיך נישט צו ענטפערן, נאר באטראכט זיך פריער.

ד) ער פרעגט צו דער זאך, און ענפערט ווי דער דין איז.

ה) אז מען פרעגט איהם צוויי שאלות, ענטפערט ער צוערשט אויף די ערשטע און דערנאך אויף די צווייטע.

ו) דאס וואס ער פארשטייט נישט, זאגט ער אז ער פארשטייט נישט.

ז) ער איז מודה אויף דעם אמת.

ביי דעם גולם איז אלץ פארקערט.

## א תלמיד חכם אהן יראת שמים

ויקרא אל משה. לא נכנס עד שקרא לו מכאן אמרו ת״ח שאין בו דיעה נבילה טובה הימנו (מדרש רבה) דער דין איז, אז מען מעג שרייבען תפילין און מזוזות אויף פארמעט וואס ווערט אויסגעארבייט פון דעם פעל פון נבילות און טרפות, אויב די בהמה איז נאר פון א מין וואס מען קען עסן.

זעהען מיר דאך, אז די ווערטער פון דער תורה האבן אזא גרויסע קדושה, אז זיי זענען מקדש אפילו די פעל פון א נבילה. קומט אויס אז אזא תלמיד חכם וואס כאטש ער לערנט פיעל תורה, איז ער דאך געבליבן אהן דעת פון יראת שמים און קדושה, און די תורה ווערטער האבן נישט געווירקט מקדש צו זיין דעם קערפער זיינס איז דאך טאקע נבילה טובה הימנו... (מפי השמועה)

רבי יעקב יצחק מלובלין

וזרקו את הדם על המזבח סביב. אויב מען ברענגט אלס קרבן א בהמה, ווערט דאס בלוט פון אנ׳עולה געשפריצט אויפ׳ן אונטערשטן טייל פון מזבח — „למטה מחוט הסיקרא״, און דאס בלוט פון א חטאת — אויפ׳ן אויבערשטן טייל, „למעלה מחוט הסיקרא״; דאגעגן אויב מען ברענגט אלס קרבן אנ׳עוף, איז פארקעהרט: ביי אנ׳עולה ווערט דאס בלוט געשפריצט למעלה, און ביי א חטאת — למטה. פארוואס איז עס אזוי?

ווייל א קרבן־בהמה איז דאך מקריב אנ׳עושר, איז אויב ער ברענגט אנ׳עולה, און אנ׳עולה ווערט דאך געברענגט בתורת נדבה — מאכטמען דערפון נישט קיין וועזן און מען שפריצט דאס בלוט „למטה מחוט הסיקרא״, ווארום פון וואס איז דא נתפעל צו ווערן? אנ׳עושר האט געבראכט א נדבה — מאי כולי האי? אויב אבער ער ברענגט א חטאת, און א חטאת ווערט דאך געברענגט פאר א בעגאנגענער זינד — איז עס שוין א געשעהעניש, א גביר זאל זיך אליין אנערקענען אלס זינדיגער — דאס איז א זעלטענהייט, א מלתא דלא שכיחא. אזא גביר האט זיך פולקאם פערדינט, מען זאל איהם נוהג־כבוד זיין, און מען שפריצט דעריבער דאס בלוט „למעלה מחוט הסיקרא״.

א קרבן־עוף ווידער איז מקריב אנ׳ארימאן, און ביי איהם איז אלזא פערקערט: אויב ער ברענגט א חטאת, שפריצט מען דאס בלוט „למטה מחוט הסיקרא", ווארום אנ׳ארימאן זאל זיך אנערקענען פאר זינדיג איז נישט קיין רבותא. א ארימאן איז סיזוי שטענדיג צובראכען ביי זיך. אבער אויב ער ברענגט א נדבה, אנ׳עולה, איז עס טאקע א גרויסע רבותא, דען דאס איז דאך איבער זיינע כחות — און אלס צייכן פון חשיבות שפריצט מען דעריבער דאס בלוט „למעלה מחוט הסיקרא".

## הימן שבת און הימן פון גזל

מכל אשר יעשה לאשמה בה. דער „מאור ושמש" ברענגט, דאס ער האט געהערט פון ר׳ מענדעלי רימאנאווער זצ״ל אז עס איז געווען פארצייטנס א מנהג, אז ווען דער בעל־קורא האט מסיים געווען די פרשה ויקרא — לאשמה בה, האט — כדי נישט מסיים צו זיין בדבר רע — גאנץ קהל זיך אויפגעשטעלט פון ארט און צוזאמען אויסגערופן בקול רם: „לא־ל אשר שבת מכל המעשים ביום השביעי" (די ראשי־תיבות פון „לאשמה בה").

• •

מ׳קען מסביר זיין דאס שייכות פון די ווערטער „לא־ל אשר שבת" דא אהער. ווייל לויט ווי ספרים שרייבן, איז דער ענין פון שביתת שבת, א שטייגער ווי מ׳גיט אפ אלע מעשה בראשית צום יוצר־בראשית. השי״ת האט באשאפן די גאנצע וועלט און איהר אוועק געגעבן דעם מענש לעבדה ולשמרה (והארץ נתן לבני אדם). אויף יעדן שבת גיט אלזא דער איד דעם איבערשטן צוריק זיין יצירה, כדי צו דעמאנסטרירן דעם אויבערשטנס אייגנטוהם־רעכט אויף דער גאנצער בריאה. דער „גוזל ונשבע על שקר" האט דאך פארלייקנט דעם אויבערשטנס אייגנטוהם־רעכט אויף צו פארטיילן דאס פארמעגן פון דער וועלט, דערמיט וואס ער האט גע׳גזל׳ט פרעמד בעזיץ און נאך דערצו פאלש געשוואוירן, איבער דעם אז — והי׳ כי יחטא ואשם — ער אנערקענט זיין זינד, טוהט תשובה און בעצאהלט דעם קרן חומש ואשם, דעמאלט איז — וכפר עליו הכהן לפני ה׳ ונסלח לו על אחת מכל אשר יעשה — לא־ל אשר שבת מכל המעשים ביום השביעי... (בשם גדול אחד)

## אם עולה קרבנו מן הבקר (א. ג.)

דריי מינים עולות ווערן דא אויסגערעכנט: „מן הבקר, מן הצאן ומן העוף". דער גביר, וועלכער איז גאוה׳דיק ביי זיך און איז מער נוטה צו זינדיקן דארף ברייגען א גרויסן קרבן — „מן הבקר"; דער בינוני ווידער, וועלכער זינדיקט ווייניקער איז יוצא „מן הצאן"; דער ארימאן, וועלכער איז ביי זיך געפאלן און פילט זיך שפל׳דיק און זינדיקט ווייניקער פון אלעמען איז געונג פאר אים דער קלענסטער קרבן — „מן העוף"... (זוהר)

און טאַקי דאריבער שטײט ניר בײַ דעם קרבן פון „בקר״ „יקריב אותו לפני השם״ און נישט בײַ די אנדערע קרבנות (זע בעל הטורים). ווײַל אַ „בקר״ ברײַנגט אַ גביר און ער קען נאָך אַרײַנפאַלן אין גאוה בײַם ברײַנגען דעם קרבן; ער האָט געבראַכט אַזאַ שײנעמאָון גרויסן קרבן איז דאריבער נויטיק אים צו וואָרענען, אַז ער זאָל ברײַנגען דעם קרבן „לפני השם״ לשם שמים. דאַגעגן אָבער בײַ די אַנדערע בײַ דעם בינוני און בפרט בײַם אָרימאַן זײ האָבן זיך נישט מיט וואָס איבערצונעמען. זײערע קרבנות זײַנען קלײנע און אַז זײ ברײַנגען איז געוויס לשם שמים און עס איז נישט נויטיק זײ אָנצוזאָגן...

## די שײַן צו: פון די ליכט

## היטן אויפן מוח און שכל

די שווערסטע זאַך איז צו היטן אויפן מח, אויפן דעת, מ׳זאָל זיך נישט פאַרלירן אין די גרויסע לעבנס־מהומה וואָס אַרום. אַ מענטש קען נכשל ווערן אין אַ עבירה אומגערן, טהוט ער נאָכער תשובה און האָט חרטה דערויף. שווערער איז די תשובה בײַ ענינים פון שכל פון מחשבה, ווען דאָ כאַפּט זיך אַרײַן אַ טריכה׳ער וואָרים, ווען די גאַנצע השקפה ווערט פאַרפוילט איז אַ רחמנות אויף דיזן מענטש.

„ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון **כיס**״ (רש״י אנפאַנג פרשה) איז דאָ אַ וואָרט פון צדיקים: אַלע חושים פון מענטש קען מען פאַר־דעקן, פאַרמאַכן די אויגן; פאַרשליסן דאָס מויל, פאַרשטאָפּן די אויערן. דאָס הײסט אַלע איברים האָבן אַ דעקל אַ „כיס״; דאַגעגן די מחשבה האָט נישט קײן „כיס״, שטענדיק איז זי פרײַ, דאַרף מען דעריבער זעהר געוואָרנט זײַן היטן אויף די מחשבה עס זאָל זיך ח״ו נישט אַרײַנכאַפּן דאָרטן שלעכטע געדאַנקען. „ביותר צריך הכתוב לזרז״ מערער דאַרף די תורה מזרז זײַן זיך צו היטן „במקום שיש חסרון כיס״ וואו עס פעלט דאָס דעקל. דער מוח פון מענטש!

★

דער דין איז: אַ „חטאת״ שפּריצט מען די בלוט אויפן אויסערליכן מזבח און די כהנים עסן די פלײש; דאַגעגן בײַ די **חטאת הציבור** אָדער פון כהן־משיח און דער פר כהן גדול יום־כיפור, שפּריצט מען די בלוט אויפן אינ־ערליכן מזבח אין היכל און די פלײש פאַרברענט מען.

א טעם דערויף זאָגט הגאון רבי מאיר שמחה דווינסקער זצ״ל.

אַ עבירה וואָס איז געטהון געוואָרן בלויז מיט די דרויסנדיגע איברים, איז די כפרה אויפן מזבח החיצון, וואָס איז אַנטקעגן די אויסערליכע איברים, מ׳קען נישט באַזײַטיגן די כחות הגוף, מ׳דאַרף זײ נאָר פאַרהײליגן אַזוי ווי די כהנים האָבן געגעסן די פלײש בקדושה אין די עזרה.

די חטאות הצבור און פון כהן המשיח וועלכע ווערן געברײַנגט ווען ס׳איז געוועהן אַ טעות אין הוראה מצד די סנהדרין אָדער דער כהן גדול

(העלם דבר) וואס דאס איז שוין א זינד מצד שכל. די זעלבע מיטן פר יום כיפור וואס איז מכפר אויף חטאים במזיד מיט דעם („זדון טומאת מקדש וקדשיו") — מוז די כפרה זיין אויפן מזבח הפנימי, פונקט ווי דאס שכל איז דאס אינערליכע חלק פון מענטש. די פלייש פון אזא קרבן קען לגמרי נישט געגעסן ווערן, ווייל א טעות פון שכל א גרייז אין דעת מוז אינגאנצן אויסגע־ראטן און פארניכטעט ווערן. „וכל חטאת אשר יובא מדמה אל אהל מועד לכפר בקודש לא תאכל באש תשרף".

## פייער פון אידישקייט

ואש המזבח תוקד בו דאס פייער מזבח — זאגט מען איבער בשם גאון אחד — זאל ברענען אינעווייניג אין איהם אינ'ם כהן... (דער „בו" געהט ארויף אויפן אהרן ואת בניו פון אנהויב פסוק).

די חז"ל דערצעהלן אז הלל הזקן האט געהאט אכציג תלמידים (זעה סוכה כ"ח). דער גרעסטער פון אלע איז געוועהן יונתן בן עוזיאל און דער קלענסטער, רבי יוחנן בן זכאי. אויף רבי יוחנן בן זכאי האט מען געזאגט אז ער האט נישט דורכגעלאזט קיין שום זאך, ער זאל עס נישט האבן געלערנט: מקרא, משנה, גמרא א. ז. וו. ביז משלות כובסין, משלות שועלין, דבר גדול ודבר קטן — מעשה מרכבה און הויות אביי ורבא. אויב אזוי איז געוועהן דער קלענסטער. טא ווי איז שוין געוועהן דער גרעסטער פון זיי? — האבן טאקע די חכמים דערצעהלט אויף יונתן בן עוזיאל, אז ווען ער איז געזעסן און געלערנט תורה, איז יעדער פויגל וואס איז דורכגעפלויגן — באלד פארברענט געווארן (גמרא דארט).

פרעגט זיך: טא ווי גרויס איז שוין געוועהן דער רבי זייערע אליין?... — נור ביי זייער רבי! הלל הזקן איז דער פארבייפליהענדער פויגל שוין לגמרי נישט פארברענט גע־ווארן. דאס פייער האט ביי איהם געברענט אינעווייניג. און אויסערליך האט מען גארנישט דערקענט... (שפת אמת).

## רש"י הקדוש האט געשריבן מיט זייער טייער טינט געמאכט פון דימאנט און פערל פאדער

יעדער ווארט פון רש"י הקדוש אויף תנ"ך און תלמוד, איז געציילט, געוואויגן און געמאסטן. דער של"ה הקדוש זאגט, אז רש"י הקדוש האט זוכה געווען צו שרייבן זיינע ספרים מיט רוח הקודש.

פון אן אמת'ן מקור וואס איז מוחזק ביי אידן, אז עס איז א מנהג געוועזן מחנך צו זיין תלמידים ביי מלמדים אנצופאנגען מיט לערנען רש"י הקדוש, און דער מלמד האט געזאגט צום קינד:

„מיין קינד, זאלסט וויסן אז רש"י הקדוש ווען ער האט אנגעפאנגען צו שרייבן זיין חיבור, האט ער געשריבן מיט א זייער טייערן טינט, נאך טייערער פון גאלד. צעבראכענע פערל און דימאנטן האט ער גענומען און געמאכט פון דעם שטויב פאדער, און פון דעם שטויב האט ער געמאכט טינט, במילא אז מען שרייבט מיט אזא טייערן טינט, טראכט מען שוין אדורך זייער גוט יעדן ווארט וואס מען שרייבט".

דאס דארף זיין א מוסר השכל ווי מדקדק צו זיין אויף יעדן ווארט וואס רש"י הקדוש האט געשריבן אין אלגעמיין אויף יעדע מעשה און לימוד.
(מובא בספר שירי משכל כלל ט' פרט ט')

**די שנעלקייט און איבערנאטירלעכע ליבשאפט צו מצוות פון הייליקן „חתם סופר" זצוק"ל**

דאס חסידות און פרישות און מדקדק זיין אין מצוות, און זיך נאכיאגן מיט דער גרעסטער זריזות און שנעלקייט פאר יעדער דבר שבקדושה, פון דעם הייליקן חתם סופר זצוק"ל — קען מען זיך ניט פארשטעלן.

ער האט ניט אדורכגעלאזט קיינע סנדקאות אדער א ברית מילה, און אפט מאל פלעגט ער פארן אפילו זעקס מייל צו א ברית מילה, און צו ארעמעלייט פלעגט ער פארן אפילו אויף זיינע אייגענע הוצאות.

ער איז געווען אזוי שנעל אין לייכטע געשיקטקייט מיט די גרעסטע זריזות מיט אלע זיינע אברים מיט אזא שנעלקייט אז אלע האבן עס באוואונדערט די עבודה פון זריזות ווער עס האט צוגעזען. אין דער גרעסטער זריזות איז אלץ געווען בשלימות אויף דעם גרעסטן ארדענונג מיט אלע פינקטלעכקייטן.

דעסטגלייכן ווען מען האט באדארפט געבן עפעס עצות, האט ער מיט זיין חכמה שנעל יעדן צוגעטראפן אויף יעדן געביט.

עס איז געווען אויסגעטאן פון אלע קערפערלעכע תאות און מיט זיינע שנעלע שארפקייט האט ער אין איין שעה ערליידיקט וואס אנדערע דארפן צוויי אדער דריי טעג צו האבן. זכותו יגן עלינו. (מובא ב„בית אבות", הקדמה חתן סופר)

„ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס", זאגט רש"י אנפאנג „צו".

טייטשט דער „שפת אמת": אין היינטיגע צייטן אין די שווערע גלית תקופה, ווען ס'שווער אידישע פרנסות, ווען ס'איז כלה פרוטה מן הכיס, דעמאלס איז די גרעסטע נסיונות צו מקיים די תורה און מצוות, די דאגת הפרנסה מאכן שווער, דארף מען באזונדער מזרז זיין „ביותר צריך הכתב לזרז" ווען דער בייטל איז ליידיג, במקום שיש חסרון־כיס . . .

**לערנען די קרבנות איז גלייך ווי מ'איז מקריב**

היא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה עד הבקר. **היא העולה** — די עולה וואס איז דא פריהער געזאגט געווארן מיט די ווערטער „זאת תורת העולה" — אז דאס לערנען די תורה פון עולה איז אזוי גוט ווי מען וואלט מקריב געוועהן א קרבן עולה, — דאס איז געזאגט געווארן אויף — כל הלילה — אויף דער פינסטערער גלות־נאכט ווען ס'איז קיין בית־המקדש נישט פאראן, דעמאלט מוז מען מקיים זיין די מצוה פון קרבן דורכ'ן לערנען די פרשה פון עולה — עד בקר — ביז ס'וועט צוריק איפשיינען דער פריהמארגן פון אידן און דאס בית־המקדש וועט צוריק געבויעט ווערן — דעמאלט וועט מען שוין קענען מקריב זיין א פאקטישן קרבן עולה. (לקוטי רצב"א)

## אליהו איז מקריב קרבנות יעדען טאָג

**אין** ספה״ק ייטב לב ווערט געברענגט בשם דעם ספר עשרה מאמרות פון רמ״ע מפאנו ז״ל אַז כאָטש דאָס בית המקדש של מטה איז חרוב געוואָרען, אָבער דאָס בית המקדש של מעלה שטייט און מיכאל איז מקריב דערויף קרבנות, און פנחס דאָס אייניקל פון אהרן הכהן וועלכער איז אויך אליהו הנביא איז מקריב יעדען טאָג דעם קרבן תמיד. איך האָב מקובל פון מיין זיידע דעם בעל ישמח משה זצ״ל אַז איינמאָל נאָך דעם ווי ער האָט געענדיגט די שמונה עשרה האָט ער אין זינען געהאַט מתפלל צו זיין ער זאָל דאָס זעהן. און השי״ת האָט איהם נאָכגעגעבען די בקשה און ער האָט געזען באַשיינפּערליך ווי אליהו שטייט אין די בגדי כהונה און איז מקריב דעם קרבן תמיד. די זאַך איז באַוואוסט אין אַלגעמיין.

(בס׳ ייטב לב פ׳ אמור)

מ׳ זעירה — אין׳ם וואָרט „מוקדה״ שטעהט א קליינע מ״ם, א רמז א דאָס התלהבות, דאָס ברען פון א איד פאַר אידישקייט דאַרף זיין נישט אנזעהענדיג, גאָר באַהאַלטן אינעווייניג אי׳ן הארץ מ׳זאָל עס נישט ארויסווייזן פאַר אלעמען...

(בשם הרבי מקאָצק ז״ל)

שיחות צדיקים

צו את אהרן. אין צו אלא לשון זרוז, אמר רבי שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס. (רש״י)

אַלע איברים פונ׳ם מענטש, האָבן א „כיס״, — א צודעק וואס זאָל אָפּהיטן דאָס דאזיגע אבר פון נישט ריכטיגע טעטיגקייט. אזוי האָט דאָס מויל ליפּן, מען זאָל מיט זיי עס קענען פערמאַכן בעת מען וויל נישט רעדן שלעכטע דבורים; דאָס אויער האָט א לעפּל — צו פערמאַכן עס בעת מען וויל נישט הערן קיין דבר שאינו הגון; דאָס אויג האָט א לאָדן עס צו פערמאַכן און אזוי אלע אברים וואס בעדינען די חושים פונ׳ם מענטש. דאגעגן די מחשבה האָט נישט קיין שום „כיס״ איהר צו פערדעקן. זי איז פריי און ווירקט שטענדיג, דאַרף מען דעריבער שטאַרק ארבעטן אויף אָפּצוהיטן די מחשבה נישט צו טראַכטן קיין שלעכטע געדאנקען.

ווייל א קרבן־עולה איז דאָך בעיקר מכפר אויף שלעכטע מחשבות, זאָגט דעריבער די תורה, בעת זי רעדט פונ׳ם קרבן עולה, דאָס לשון „זירוז״. ווארום אממיינסטן דאַרף מען האָבן זירוז בעת עס האַנדלט זיך וועגן דער מחשבת־הלב וואס ביי איהר איז „חסרון־כיס״ — ס׳איז נישטא דער צודעק וואס זאָל איהר אָפּהיטן און בעגרעניצן די טעטיגקייט.

* * *

הרבי מקאָצק זצ״ל

מ׳ זעירא — אינ׳ם וואָרט „מוקדה״ שטעהט א קליינע מ״ם. א רמז, אז דאָס התלהבות, דער ברען, פון א איד פאַר אידישקייט דאַרף זיין נישט אנזעהעודיג

נאר בעהאלטן אינעווייניג אינ׳ם הארץ מען זאל עס נישט ארויסווייזן פאר אלעמען.

## דער געדאנק פון׳ם קרבן

צו את אהרן ואת בניו לאמר זאת תורת העלה הוא העלה ס׳איז בעקאנט דאס וואס דער רמב״ן זאגט, אז דער ענין פון קרבן איז, דאס דער מענטש וואס האט געזינדיגט, זאל, זעהענדיג ווי מען שעחט דעם קרבן, מען שפריצט דאס בלוט, מען ברענט די איברים, בעטראכטען אז באמת האט ער פארדינט אז מען זאל איהם אליין טהון אט די דאזיגע זאכן, נאר השי״ת מיט זיין חסד נעמט אן אנשטאט זיין קערפער, דעם קערפער פו די בהמה, דערמיט ווערט דער מענטש אלזא נתעורר צו תשובה און חרטה אויף זיינע שלעכטע מעשים.

דאס זאגט: צו את אהרן ואת בניו — זאג אן אהרן׳ען מיט זיינע קינדער — לאמר — אז זיי זאל זאגן יעדן איד וואס ברענגט א קרבן — זאת תורת העלה — דאס די הויפט לעהרע פון קרבן דארף זיין — הוא העולה — אז ער אליין דער מקריב זאל זיין די עולה, ער זאל זיך בעטראכטען אז די אלע עבודות וואס מען טהוט מי די בהמה וואלט מען געדארפן טהון ביי איהם אליין — ואש המזבח תוקד בו — דאס פייער פון מזבח וואלט אייגענטליך געדארפט ברענען אין איהם אליין, אין דעם קערפער פון׳ם מקריב, נאר השי״ת האט רחמנות געהאט אויפן מענטש און נעמט אן אנשטאט איהם די בהמה.

ווען דאס דער מענטש פארשטעהן, אין דעם זיך מתבונן זיין, און טאקע אויסבעסערן זיינע מעשים, ווערט דאס קרבן זיין לרצון פאר השי״ת.

(הדרש והעיון)

## פארברענען די שלעכטע מחשבות

דער זוהר הקדוש טייטש די ווערטער „היא העולה על מוקדה" — אז ווען עס איז עולה אויפן רעיון פון מענטש א שלעכטע מחשבה, איז — על מוקדה — דארף מען איהר היכף פארניכטען און פארברענען אין פייער פון מצוות און פון תורה.

## דין וחשבון אויף יעדן ווארט

עטלעכע ווייבער זיינען געזעסען צוזאמען אין גערעדט וועגען תשובה, וועגען דעם דין וחשבון וואס מען וועט דארפען אפגעבען אויף יעדן ווארט. האט זיך איינע פון זיי אפגערופען אין געזאגט מיט א געלעכטער, ווען איך וועל קומען פאר דעם בית דין של מעלה און מען וועט מיך פרעגען פארוואס האסטו געטאן עבירות? וועל איך זיך מאכען שטום און ניט ענטפערן. עס איז ניט אדורך א לאנגע צייט אין די פרוי איז שטום געווארען.

(בספר קב הישר בשם רכב אליהו)

## השי"ת איז מוחל די עוונות

דער הייליגער ריזשינער זי"ע האט געזאגט דעם טעם פון דער ברכה וואס מען זאגט אין דער שמונה עשרה פון יום כיפור מלך מוחל וסולח לעוונותינו וכו' מיט א משל א פאטער האט א בן יחיד וועמען ער האט שטארק ליב און ער שפילט זיך מיט איהם און שטיפט מיט איהם און ער האט דערפון א תענוג. ער נעמט א שיינעם עפעל און דערלאנגט עס פאר'ן זון, און ווען דאס אינגעל וויל נעמען דעם עפעל, נעמט ער עס צוריק און גיט איהם נישט. און אזוי עטליכע מאל, און ער האט דערפון א תענוג. אבער פאקטיש האט בלויז דער פאטער א פארגענוגען דערפון. אבער דער קליינער איז זיך מצטער, ווייל ער וויל קריגען דעם עפעל און איהם אויפעסען. דעריבער אויב דער קליינער אינגעל איז א חכם, מאכט ער באלד א ברכה אויפ'ן עפעל, און דאן מוז איהם שוין דער פאטער געבען דעם עפעל, כדי עס זאל נישט זיין קיין ברכה לבטלה. אזוי טוען מיר אויך. מיר מאכען די ברכה אים יום כיפור אז השם יתברך איז אונז מוחל די עוונות, און דאן מוז טאקע השי"ת מוחל זיין כדי עס זאל נישט זיין קיין ברכה לבטלה.

(בס' טעה"מ בשם ס' ש"א)

## אהרן האט געקענט האבן א טענה

..וידם אהרן, מה הי' לו לומר? — וביום בשמיני ימול בשר ערלתו (מדרש פליאה)
לויט חז"ל ווערט דער מענטש דעריבער נישט געבוירען גע'מל'עט ווייל השי"ת וויל אז דער מענטש זאל מאכן דעם נויטיגן תקון, מיט זיינע פעולות. דאס איז אויך געווען די מיינונג פון נדב ואביהו, צו ברייננען אריין געוועהנליך פייער צום מזבח, כאטש עס איז אראפגע־קומען פייער פון הימל, אזוי ווי עס איז טאקע דער דין „אף על פי שאש יורדת מן השמים מצוה להביא מן ההדיוט". האט דאך אהרן הכהן מיט'ן טעם פון דער מצוה מילה געקענט פארענטפערן די טהאט פון זיינע קינדער, און האבן א טענה פאר וואס זיי זענען באשטראפט געווארן.

באמת איז עס אבער קיין טענה נישט, ווייל אויב שטענדיג איז עס טאקע „מצוה להביא מן ההדיוט" — אבער אינ'ם ערשטן טאג פון חנכת המשכן, וואס דאמאלט האט געדארפט פראקלאמירט ווערן די השראת־השכינה, האט טאקע נישט געטארט זיין קיין שום „אש הדיוט" נור בלויז „אש מן השמים" און דאס פייער וואס זיי האבן געברענגט האט דעריבער געהייסן „אש זרה". (ישועת מלכו להגאון ר"י מקוטנה ז"ל)

## א ראיה אויף בגדי שבת

.ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים. בגדים שבישל בהם קדירה לרבו אל ימזוג בהם כוס לרבו (רש"י). פון דאנען איז א ראיה אז אויף שבת דארף מען טוישן די מלבושים און אנטוהען בעסערע. פונקט וויא דער כהן האט ביי די עבודה נישט געטארט געהן אין די זעלבע בגדים אין וועלכע ער האט ארויסגענומען דעם אש פון'ם מזבח, נאר בעסערע און ריינערע. אזוי מוז מען אויף שבת אנטוהען בעסערע און ריינערע, וויא די וואס מען טראגט אין פרייטאג ווען מ'גרייט זיך צו שבת. . . (גמרא שבת קי"ד ומהר"ש שם)

**דער שכר פון פרי שבת מאַכן**

א מעשה נפלא מהגביר ר׳ איסרל. ער האָט געהאַט א גרויס געוועלב פון אלע מינים זיידן צייג, און זיין מנהג איז געווען אזוי ווי עס איז געקומען פרייטיק זייגער צוועלף האָט ער תיכף דאָס געוועלב פאַרשלאָסן. איינמאָל האָט זיך דער ס״מ אין אים מקנא געווען און איז אים געקומען פרואוון. ער האָט זיך פאַר־קליידעט אין געשטאַלט פון א גרויסן שר און האָט געקויפט פיל טייערע סחורות און האָט זיך אויף יעדער סחורה פאַרגליכט, נאָר מען האָט נאָך נישט געהאַט אָפּגעמאָסטן וויפל איילן עס איז אין יעדער סחורה. דערווייל איז דער זייגער געוואָרן צוועלף, איז דער גביר געגאַנגען דאָס געוועלב פאַרמאַכן אזוי ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט אים דער שר זייער געבעטן, ער זאָל אים געבן די סחורה, און ער האָט נישט געוואָלט און האָט שאָדן געהאַט פיל געלט. האָט מען אים געגעבן א שכר, דאָס ער האָט געהאַט א בן קדוש רבינו הרמ״א, וואָס ער איז דאָס ליכט פון ישראל.

שטעהט אין פסוק „והוציא את הדשן אל מחוץ למחנה אל מקום טהור״, טייטשט הצדיק הר״י איזביצער זצ״ל: אפילו דאָס פסולת פון אידישן פאָלק, וואָס פאַרמאַגט שוין נישט, דוכט זיך, קיין אידישן פונק, און געפינען זיך שוין לײדער אין דרויסן פון תחום, „מחוץ למחנה״ — קענען אויך האָבן א תיקון, השי״ת זעהט אז „לבלתי ידח ממנו נידח״, אז די פאַרשטויסענע זאָלן זיך אויך צוריקקערן, דעריבער אפילו די מענטשן קען מען אויך שטעלן במקום טהור!...

## שטענדיג מוכיח זיין

והאש על המזבח תוקד בו לא תכבה ובער עליה הכהן עצים בבקר בבקר וערך עליה העולה והקטיר עליה חלבי השלמים אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה. אין יעדן איד ברענט שטענדיג א נקודה פונ׳ם געטליכן פייער וואָס ווערט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן. דער מנהיג־הדור, דער כהן, נביא אָדער מוכיח דאַרף נאָר דאָס דאָזיגע פייערל אייפבלאָזן מיט פייערדיגע ווערטער יעדן פריהמאָרגן אין מעורר זיין, סיי צו די ערפילונג פון די פליכטן בין אדם־למקום — דעריף איז מרמז „עולה״ וואָס איז „כולה כליל לגבוה״ — סיי צו די ערפילונג פון מצוות בין אדם לחבירו — וואָס דעריף איז מרמז „שלמים״ שלום צווישן מענש און מענש.

אויב די כהנים טוהען אזוי און צינדן אָן די פונקען אין די יודישע הערצער, קענען זיכער זיין אַז שטענדיג וועט דאָס געטליכע פייער ברענען אויפ׳ן אידישן מזבח אין ס׳וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן... (תורת משה)

## דער בית דין של מעלה איז נישט מוותר

**דער** רבי ר׳ משה׳לע סאמבורער זי״ע האט דערציילט. איך האב געהערט אז דער הייליגער לובלינער זי״ע האט אמאל ביי דער סעודה שבת נאך דער מוציא זיך שטארק נידעריג געהאלטען, און ער האט געזאגט אויף זיך אז ער איז זייער נידעריג און האלט זיך נישט פאר קיין צדיק. האב איך מיך אנגערופען צו מיינע שכנים אז איך בין גרייט צו שווערען אז דער רבי איז א צדיק גמור. האט מען דאס באלד אפדערציילט פאר׳ן הייליגען לובלינער. האט זיך דער לובלינער רבי אנגערופען איך וויים אז עס זיינען פאראן הונדערטער מענטשען וועלכע זיינען גרייט צו שווערען אז איך בין א צדיק, אבער דארט אויפ׳ן עולם העליון וועט מען פרעגען מיך אליין און איך וועל מוזען זאגען דעם אמת. דערנאך האט ער זיך געווענדעט דירעקט צו מיר און געזאגט: ר׳ משה, הונדערט מענטשען ווילען שווערען אז איך בין גוט און ערליך, אבער אויפ׳ן עולם העליון וועט מען פרעגען מיך אליין. האב איך זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: רבי דער עולם העליון איז אן עלמא דקשוט און דארט וועט דער רבי מוזען זאגען דעם אמת אז ער איז א צדיק. האט דער לובלינער אביסעל געטראכט און געזאגט: ר׳ משה איך בין נישט זיכער, נאר ווען מען וועט מיך דן זיין וויל איך אז מיין משפט זאל קומען פאר השי״ת אליין. ווייל ער איז א רחום וחנון און ער וועט זיך דערבארימען איבער מיר, אבער דאס בית דין של מעלה איז נישט מוותר.

(בס׳ תפלה למשה להרה״ק מסאמבאר ס׳ פקו׳׳)

## דער שכר פאר ערליכקייט

**אין** ספר קב הישר (פרק מו) שרייבט ער, איך האב געזען א שניידער וואס האט געוואוינט אין בריסק, ליטא, ער האט פאר זיין פטירה אנגעזאגט דער חברה קדישא אז דעם ארון זאל מען מאכען פון זיין טיש וואס ער האט אויף עם געארבעט און די מאס מיט וואס ער פלעגט מעסטען זאל מען אים געבען אין האנט, ווען די חברה קדישא האבען אים געפרעגט וואס דאס באדייט, האט ער זיי געענטפערט, דער טיש און די מאס זאלען פאר אים עדות זאגען אז ער האט קיינמאל ניט בא׳גנב׳ט דעם אנדערען, און אפילו די אפגעפאלענע שטיקלעך פלעגט ער צוריקערען. וואויל איז אים וואס ער האט ניט געוואלט נהנה זיין נאר מיגיע כפו.

## צדיקים האבן געדונגען א מוכיח ער זאל אים יעדן טאג שטראפן

אין ספר „שם הגדולים” להגה״ק מו״ה חיד״א ווערט גע-בראכט, אז הגאון מהרש״ל ווען ער איז געזעסן אויף דער כסא פון הוראה און איז געווען רב און אב בית דין, האט ער געהייסן

א מוכיח אז ער זאל צו אים קומען אין יעדן טאג איין שעה, און זאל אים שטראפן און מזהיר זיין גלייך ער וואלט געווען איינער פון די פראסטע מענטשן, ווייל אזוי איז זיין רצון, און ער גיט צו אים רשות אז ער זאל אזוי טאן. אין דער צייט וואס דער מוכיח איז געקומען, האט זיך תיכף דער מהרש"ל איינגעהילט און געזעסן צו הערן די שטראף פון מוסר, מיט פארכט און מיט ציטערניש פאר השי"ת.

אויך געפינען מיר אין ספר „בית אברהם", דאס דער בעל עבודת הגרשוני האט ביי זיך געהאלטן א למדן און א ירא שמים, און האט אים געגעבן שכר, כדי אז ווען ער וועט פון אים זען א זאך וואס איז נישט גלייך זאל ער אים מודיע זיין.

אזוי אויך ווערט געבראכט אין ספר „באר משה", אז הגה"ק מוהר"ר נחמן מקאסוב זצ"ל האט געגעבן יעדע וואך שכר צו א מענטש, אז ווען ער וועט אים זען ריידן מיט מענטשן פראסטע זאכן זאל ער אים דערמאנען אז השי"ת שטייט מיט אים און זעט אין זיינע מעשים.

## אומעטום זיך האלטן ביים אידישקייט!

אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה. לא תכבה אף במסעות (ירושלמי יומא)

**ווען דער מענטש איז אין דער היים, פיהרט זיך זיין נארמאל לעבן אין דער סביבה פון זיינע קרובים און באקאנטע, איז שווערער אז ער זאל אראפ פון גלייכן וועג און זינדיגן. דאס נארמאלע היים-לעבן פון איין זייט און דאס שטענדיגע געפונען זיך אונטער די קריטישע בליקן פון זיין סביבה, דערלאזן איהם נישט צו טהון נישט פאסענדע מעשים.**

**אנדער איז אבער ווען דער מענטש איז אויף דער רייזע, אונטערוועגס, קיינער קען איהם נישט, ער האט זיך נישט פון וועם צו היטן, און דערביי מאכן זיך אויך פארשי־דענע נסיונות — דעמאלט איז שוין דעריבער לייכט מעגליך, אז דער מענטש זאל פון דער ליניע און זיך לאזן אויפ'ן שלעכטן וועג פון זינד.**

**דעריבער זאגט דער פסוק:** „אשרי כל ירא ה' ההולך בדרכיו" (תהלים קכ"ח) — **וואויל איז דעם וועלכער בלייבט א ירא ה' אפילו אין דער צייט ווען ער איז אויפ'ן וועג, אויף דער רייזע אין דער פרעמד, אויב ער בלייבט אויך דאן פעסט ביי זיין אידיש־קייט, איז עס א סימן פון אנ'אמת'ן יראת ה'.**

**די תורה איז דעריבער דא מרמז אז** — אש תמיד תוקד על המזבח — **אויפ'ן מזבח פון מענטשליכן הארץ דארף שטענדיג ברענען דאס גליהענדע פייער פון אהבת ה' ויראתו** — לא תכבה אף במסעות — **אזוי אז עס זאל נישט אויסגעהן אפילו בעת די רייזעס אין דער פרעמד.**

**איז מען א הייסער איד אין דער היים, ווערט מען אויך נישט קאלט אין דער פרעמד...**

(הדרש והעיון)

## א צובראכן הארץ רייניגט

וכלי חרס אשר תבשל בו ישבר והוא הדין לכל הקדשים (רש"י) פאר וואס דען שטעהט דער דין נאר ביי קרבן חטאת?

דאס איז א רמז, אז דער וואס איז ארומגענומען מיט זינד, פונקט ווי די כלי חרס וואס איז אדורכגענומען מיטן טעם פון איסור, האט נישט קיין שום אנדערע תקנה, נאר צו צוברעכען זיין הארץ און זיינע זינדיגע געוועהנהייטן. דאן ווען ער ווערט ווערן א לב נשבר קען ער האבן א טהרה... (כלי יקר)

**דאָ ווערט דערקלערט ווי גרויס איז די מדה פון ענוה, אַרויסגענומען פון „ראשית חכמה" און פון אַנדערע ספרים**

צום ערשטן וועלן מיר געבן צו פארשטיין וואָס הייסט ענוה, דען דער טייטש פון דעם וואָרט „ענוה" איז אויף דריי טייטשן:

דער ערשטער טייטש איז, ענוה פרוּם.

דער צווייטער טייטש איז, ענוה נידעריק. אזוי ווי אַן אָרע־מאַן איז ביי זיך נידעריק און שפל, דהיינו ער וועט זיך ניט אָנרופן אז מענטשן ריידן, ווארום ער ווייס אז זיין חכמה איז פאַרשעמט, אַזוי ווי שלמה המלך ע"ה האט געזאָגט „חכמות מסכן בזויה", דאָס הייסט אז די חכמה פון אַן אָרעמאַן איז פאַרשעמט, דערפאַר וועט זיך קיין אָרעמאַן ניט אָנרופן פאַר קיין עושר. אַזוי אויך דער עניו דאַרף זיך ניט אָנרופן אז אַן עלטערער מענטש רעדט עפּעס, און ניט נאָר אַן עלטערער מענטש אין יאָרן נאָר אפילו אַן אינגערער מענטש, אז ער קען נאָר בעסער לערנען פון אים.

דער דריטער טייטש פון ענוה איז, פלאָגן. אז ער איז אַפילו געפּלאָגט, דאָס הייסט אַפילו עס קומען אויף אים יסורים חס ושלום, זאָל ער אויך אָננעמען באהבה און זאָל לויבן השי"ת אויף דעם שלעכטן אַזוי ווי אויף דעם גוטן, ווארום מן הסתם אז השי"ת שיקט אויף אים יסורים חס ושלום איז דאָס בודאי פון זיין טובה וועגן.

למשל אַ מלך איז בייז געוואָרן אויף זיין זון, האָט ער גע־שוואָרן דאָס ער וועט הייסן אויף אים אַרויפוואַרפן אַ מיל־שטיין, און דאָס ווייס מען אז מען וואַרפט אויף אַ מענטשן אַ מיל־שטיין ווערט ער גע'הרג'ט. אָבער דערנאָך אז דער כעס איז פון אים אַוועקגעגאַנגען, האָט ער גרויס חרטה געהאַט דערויף, נאָר ער האָט אָבער געשוואָרן, האָט ער געהאַט גרויס עגמת נפש. האָט זיך אַ יועץ אָנגערופן און האָט דעם מלך אַ עצה געגעבן כדי דער מלך זאָל האַלטן זיין שבועה און עס זאָל דעם זון ניט שאַטן, אז מען זאָל דעם שטיין צוקלאַפּן אויף קליינע שטיקלעך און מען זאָל אויף אים אַלעמאָל שטיקלעך וואַרפן, וועט דער מלך זיין שבועה האַלטן און אים וועט ניט שאַטן.

אזוי אויך השי"ת זעט אז דער מענטש איז ווערט אז ער זאָל חס ושלום שטאַרבן, שיקט ער אויף אים קליינע יסורים כדי ער זאָל אָפּקומען און דורך דעם וועט ער ניט שטאַרבן. אזוי ווי שלמה המלך עליו השלום האָט געזאָגט „את אשר יאהב ה' יוכיח", דאָס הייסט וועמען השי"ת האָט ליב דעם שטראָפט ער. דערפאַר דאַרף דער מענטש לויבן השי"ת פאַר דעם שלעכטן אזוי ווי פאַר דעם גוטן.

**די זאַכן וואָס ברענגען צו ענוה.**

די זאַכן ברענגען צו ענוה: ערשטנס אז מען האַלט ווי מיר האָבן אויבן געשריבן, אז צום ערשטן זאָל מען מורא האָבן פאַר השי"ת און מען טוט תשובה און מען האַלט זיך במעלות הקדושה מיט די אַלע זאַכן וואָס מיר האָבן געשריבן, זעט מען דאָך ממילא די גרויסקייט פון השי"ת, נו ווי קען מען זיך גרויס האַלטן? אז מען זעט דאָס מען איז א בשר ודם און א טפה סרוחה, און מען זעט אז אויב חס ושלום עס פעלט עפּעס דעם מענטשן איז מען שוין גאַרניט ווערט און מען ליגט שוין אין בעט ווי א שטיק ליים, אזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט (אין ברכת אשר יצר) „שאם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם אי אפשר להתקיים", און מען זעט גדלות הבורא, איז ווי זאָל מען זיך שטאָלץ האַלטן?

אויך זאָל מען: אז מען טוט נאָר א קליינע עבירה מאַכט מען שוין א מום אין דער נשמה. נו, וואָס פאַרא צורה האָט א מענטש אָן א פּנים, אָדער אָן א נאָז, ווי אזוי קען שוין דער מענטש ביי זיך שטאָלץ זיין? — לכן, ווי אזוי זאָל דער מענטש שטאָלץ זיין אז ער האָט א פעלער אין דער נשמה, וואָס דאָס איז נאָך ערגער ווי אין גוף. און נאָך מער: דאָס שטאָלץ זיין אַליין איז דאָך די גרעסטע עבירה! און אז דער מענטש באַרעכנט זיך דאָס, ברענגט דאָס אים שוין צו דער מידה פון ענוה.

**אַמאָל דאַרף דער מענטש שטאָלץ זיין.**

אַמאָל דאַרף דער מענטש שטאָלץ זיין און קנאה האָבן. דהיינו ער זאָל זיך ניט מתחבר זיין צו רשעים, ער זאָל זיך טראַכטן, וואָס טויג מיר דער רשע, ער איז דאָך ערגער פון א בהמה, וואָרום א בהמה דערקענט זיין בעל-הבית וואָס גיט אים עסן, און דער רשע דערקענט ניט השי"ת וואָס גיט אים עסן, געזונט און לעבן, דאַרף איך זיך שעמען צו ריידן מיט אים. אויף אזא אופן מעג יא דער מענטש שטאָלץ זיין.

פאַרקערט, ער מעג נאָך קנאה האָבן און באַליידיקן אים, אזוי ווי פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן האָט געטאָן, אז ער האָט זיך מקנא געווען און האָט גע'הרג'ט כזבי מיט זמרי, ווי עס שטייט אין פרשת בלק.

**די מדה פון חצנע לכת**

אין בעל עקידה ווערט געבראכט א מעשה:

א סוחר וואס האט מקבל געווען א טובה פון זיין רבי'ן, דער רבי האט אים ערצויגן און געלערנט מיט אים און אים חתונה געמאכט, און צום סוף איז דער רבי ארעם געווארן, און געקומען בעטן א נדבה צו זיין תלמיד. דער תלמיד האט אים געענטפערט זייער שוואך.

דערנאך האט דער תלמיד געשיקט א אינגל מיט צעריסענע קליידער צו זיין רבי'ן מיט טייערע פערל ער זאל עם ביליק פארקויפן צו זיין רבי'ן. דערנאך האט ווייטער זיין תלמיד געשיקט צו זיין רבי'ן א מענטשן וואס איז געגאנגען זייער שיין אנגעטאן כדי אפצוקויפן פון רבי'ן פאר טייער געלט די פערל.

(בספר עבודה ומורה דרך)

## די שיין שמיני פון די ליכט

### איינגעטיילט די קרבנות לויטן זינד

קח לך עגל בן בקר לחטאת ואיל לעולה אהרן הכהן האט געברענגט אנ'עגל פאר א חטאת און די בני־ישראל האבן געברענגט אנ'עגל פאר א עולה, וויא ס'זאגט דער ווייטערדיגער פסוק.

**פארוואס אזוי?**

**ווייל אהרן הכהן האט ביי דעם מאכן דעם עגל געזינדיגט נאר במעשה — ס'איז דאך דורך איהם געמאכט געווארן, אבער במחשבה האט ער נישט געזינדיגט. ווייל זיין כוונה איז דאך געוועהן לשמים. דאגעגן די אידן האבן דאך דעם עגל פארגעטערט און געזינדיגט אויך במחשבה.**

**און אזוי וויא א קרבן עולה איז מכפר אויף די מחשבה, דעריבער האט אהרן נישט געברענגט קיין עגל אלס עולה נאר אלס חטאת, ווייל ביים חטא פון עגל איז זיין חטא געוועזן נאר במעשה נישט במחשבה. די אידן אבער האבן געמוזט ברענגען דעם עגל אלס עולה, בכדי עס זאל מכפר זיין אויך אויף די שלעכטע מחשבה וואס די האבן געהאט ביים עגל, אויסער אויף דער מעשה אויף וועלכע זיי האבן געברענגט באזונדער א קרבן חטאת...**

(כלי יקר)

**צוליב יראת שמים**

ויאמר משה אל אהרן קרב אל המזבח. „שהיה אהרן בוש וירא לגשת אמר לו משה למה אתה בוש לכך נבחרת" (רש"י) אין פרשת שמות שטעהט „ויהי כי יראו המילדות את האלקים ויעש להם בתים" — זאגט רש"י דארט „בתי כהונה". זעהן מיר דאך אז כהונה קומט אלס שכר פאר יראת־שמים.

## צוליב די מידה פון בושה האט ער זוכה געוועהן

ויאמר משה אל אהרן קרב אל המזבח. שהי' אהרן בוש וירא לגשת אמר לו משה

למה אתה בוש לכך נבחרת (רש״י) ווייל דו געסט שטענדיג ארום מיט בושה אויפ׳ן חטא פון עגל און דו טוסט שטענדיג תשובה אויף איהם — וויא די חז״ל דערצעהלן אז נאכן חטא העגל האט אהרן זיך אנגעטהוען א אייזערנע קייט אויף זיינע לענדן, און ארומגע־גאנגען איבער די אידישע הייזער זיי צו לערנען קבלת עול מלכות שמים — דעריבער ביסטו טאקע דער פאסיקסטער צו ווערן דער וואס זאל מכפר זיין אויף די חטאים פון די זינדיגע וואס טהוען תשובה... (דבו״י שערי חיים)

**יין ושכר אל תשת אתה ובניך אתך** נאך די ווערטער „אל תשת״ און „אתה״ זענען פארהאן סימני־הפסקה. א רמז אז עס זענען דא אזעלכע מאמענטן, ווען עס איז יא ערלויבט צו טרינקן, דהיינו: „אתה ובניך אתך״ — אויף א שמחת־נישואין; „בבואכם אל אוהל מועד״ — בעת חנוכת־הבית; „ולא תמותו״ — אויף א שמחת־הודאה (אויפשטעהענדיג פון א געפעהרליכער קרענק); „חוקת עולם״ — אויף א ברית־מילה; „ולהבדיל בין הקודש ובין החול״ — וויין פון קידוש און הבדלה; „ובין הטמא ובין הטהור״ — אום פורים (המן און מרדכי); „ולהורות את בני ישראל״ — אויף א סיום („ולהורות״ — לערנען).
(רבי נפתלי ראפשיצער)

### תורה שבכתב און שבעל־פה

דורש דרש משה. „כאן חצי התורה״ (מסורה). די תורה שבכתב מיט די תורה שבעל־פה, בילדען איין גאנצעס. דורך דער תורה שבעל־פה ווערן ענטדעקט די בעהאלטענע אוצרות און כוונות פון דער תורה שבכתב. אן דער תורה שבעל־פה איז די תורה שבכתב ווי א האלב ספר אין וועלכן מען קען גארנישט וויסן. נאר די חז״ל מיט זייער רוח־הקודש, האבן דורך די דרשות און י״ג מידות שהתורה נדרשת בהם, אונז דערלויכטן די אויגן אז מיר זאלן קענען עפעס משיג זיין אין דער תורה, ווער עס איז דעריבער מכחיש אין איין קל־וחומר אדער דרש פון די חז״ל איז גלייך ווי ער וואלט מכחיש געוועזן תורת־משה.

דאס איז דער רמז: דרש דרש, כאן חצי התורה — ביז צו די דרשות פון די חז״ל, די תורה שבעל־פה, איז נאר פאראן א האלבע תורה, ערשט די דרשות פון דער תורה שבעל־פה, מאכן די תורה פאר א גאנצער. (דגל מחנה אפרים)

### וואס באדייט תורה לשמה

אין דעם סידור „אור הישר״, פון הגה״ק המקובל ר׳ מאיר פאפראש זצוק״ל, טוט ער זייער שטארקווארענען, אז עס זאל ניט אדורכגיין איין טאג אן לימוד תורה. און צו דעם ברענגט ער א זוהר: מיט וואס קען א מענטש זוכה זיין צו דעם ליכט וואס דער בורא עולם ב״ה האט פארבאהאלטן פאר צדיקים? — דורך לערנען תורה. יעדן טאג איז ער זוכה צו זיין חלק

לעולם הבא, און איז גלייך ווי ער האט געבויט גאנצע וועלטן, ווייל מיט תורה בויט מען די וועלט, הה"ד ה' בחכמה יסד ארץ וכו', עיין שם.

תורה שבכתב און תורה שבעל פה, דאס זיינען די עמודים וואס גייען מיט ווען דער מענטש שטארבט.

דער עמוד הענן וואס איז געגאנגען אין מחנה ישראל אין דעם מדבר, דאס איז געווען תורה שבכתב, און דער עמוד האש, דאס איז געווען תורה שבעל פה. תורה שבכתב דארף מען לערנען בייטאג, און תורה שבעל פה דארף מען לערנען ביינאכט.

ביי דער לוי' פון הגה"ק הרמ"ק זצוק"ל זיינען געווען פיל מענטשן, צווישן זיי איז געווען הגה"ק ר' יצחק לוריא זצוק"ל. ביי דער לוי' האט דער ר"י הקדוש געפרעגט, ווער עס זעט עפעס וואס איך זע זאל זאגן. קיינער האט ניט געענטפערט, נאר איין אינגל האט געזאגט, אז ער זעט צוויי פייערדיקע זיילן וואס לייכטן זייער שטארק. פון דאן אן האט דער ר"י הקדוש אים אהיים גענומען צו זיך, און שטארק מקרב געווען.

(סידור „אור הישר", עמוד התורה פ"א. —

אין ספר „שם הגדולים" פון הגה"ק מוהר"ר חיד"א זצ"ל שטייט, אז ער האט געזען א כתב יד, אז אויף א געלעכטער האט געפרעגט הגאון רבינו סעדיה צו א שניידער וואס איז צו אים געקומען: וויפל נעט האסטו היינט גענייט? האט אים דער שניי-דער געענטפערט: זאל מיר דער רבי זאגן וויפל אותיות זיינען דא אין דער תורה. אזוי האט זיך דער גאון זייער מצער געווען, ווייל עס האט זיך אים נישט געטראפן אז א מענטש זאל אים פרעגן און ער זאל נישט וויסן צו ענטפערן נאר דאס מאל. האט ער זיך פיל טעג מצער געווען און האט נישט געקענט מכוון זיין די צאל, ביז ער האט באשוואוירן מיט א שם, איז געקומען א מלאך און האט אים מגלה געווען. האט ער זיך אויף דעם זייער געפרייט.

## זיך האלטן קליין און איבעריג

**ואל אלעזר ואל איתמר בניו הנותרים די חז"ל זאגן: לשאר עצמו — למי שמשים עצמו כשיריים — אז תשי"ת איז זיך מתקרב צו די וועלכע האלטן זיך פאר איבעריג.**

אלעזר און איתמר זענען אויך געווען ביי זיך שפל, און זיך געהאלטן אז זיי זענען „נותרים" — איבריג אויף דער וועלט, דעריבער זענען זיי טאקע געבליבן לעבן...

(הגה"ק בעל אבני נזר ז"ל)

## די גרויסקייט פון אהרן'ס שווייגן

וישמע משה וייטב בעיניו ווען אהרן האט געשוויגן נאכ'ן טויט פון נדב ואביהוא, האט דאך געקענט אויסגעטייטשט ווערן אז דאס איז נישט ווייל ער האט מקבל געווען באהבה די שטראף, נאר צו ליעב טרויער און אינערליכען פערדרוס שווייגט ער אזוי פערביסען. ווען אבער משה רבינו האט געהערט אז ער האט אזא קלארען דעת, פונאנדער־צוטיילען א הלכה, און צו ענטשיידען א דין, בעסער פאר איהם — האט ער דערין דערזעהן אז אהרן איז אינערליך אויך נישט פערביטערט און פאר'צער'ט, איז דאך א באווייז אז דאס שווייגן איז מחמת צדקות, — צוליב דעם וואס ער איז אזוי שטארק מקבל באהבה די גזירה פון השי"ת, איז איהם יעצט געפעלן געווארן אהרן'ס שווייגן...

(תורת משה)

## דאס חשיבות פון־ם מענטש איז נאר פון זיין אינערליכקייט

כל כלי חרס אשר יפול מהם אל תוכו כל אשר בתוכו יטמא.

א כלי־חרס איז נאר מטמא מתוכו און נישט מגבו, ווייל דער חרס אליין האט פאר זיך קיין שום ווערד נישט, דאס חשיבות דערפון איז נאר ווען ער האט א תוך און קען עפעס אין זיך אריינעמען. דאגעגן כלים פון מתכות וואס דאס מאטריאל אליין האט אויך א ווערט, ווענען טאקע מטמא אפילו פון דרויסן.

דער מענטש איז אויך וויא א כלי חרס — עפר מן האדמה — און ער האט נאר א ווערט אויב זיין תוך, זיין פנימיות איז עפעס... ....(הה"ק מקוצק ז"ל)



## אדם כי יהי' בעור בשרו שאת או ספחת (יג. א.)

„נגעים באים על לשון הרע" (חז"ל).

דאריבער, זאגט דער אלשיך, האט דער עונש פון נגעים אויפגעהערט אין אונזערע צייטן, ווייל דער אויר איז אזוי אנגעזאפט מיט לשון הרע, אז ווען מען זאל דערפאר נענש ווערן מיט צרעת, וואלטן אלע פון קאפ ביז די פיס געדארפט פארוואנדלט ווערן אין מצורעים...

א גרוויסער גדול איז אמאל, בשעת ער איז קראנק געווארן, געקומען צום דאקטאר וועלכער האט אים באטראכט און געהייסן ווייזן די צונג.

— אייער צונג רבי — מאכט צו אים דער דאקטאר — איז נישט ריין.

— יא — ענטפערט אים דער רבי מיט א זיפץ — כיודע... ווער האט דען היינט בעונותינו הרבים א ריינע צונג...

## לשון הטוב

אזוי ווי מ׳ווערט בעשטראפט איף לשון הרע וואס מ׳רעדט, אזוי ווערט מען אויך בעשטראפט אויף לשון הטוב וואס מ׳רעדט נישט. דאס איז אויך פוגם אין דעם כוח הדבור וואס איז באשאפן געווארן צו ווידמען אייף קדושה. איבער־הויפט ווען מ׳זעהט מענשן געהן אין קרומע וועגן און מ׳קען זיי שטראפן און מ׳שווייגט, אויף דעם זאגט דער פסוק: (תהי׳ לט) „נאלמתי דומיה החשיתי מטוב וכאבי נעכר״ — איך בין פארשטילט געווארן, איך האב געשוויגן פון גוטע רייד זענען דעריבער מיינע יסורים גרויס. (זוהר חלק ג׳ מו)

•

## איינער נעמט איבער דעם אנדרן׳ס מעשים

איפן עולם האמת וועלן פיעל זיך וואונדערן, ווען מ׳וועט זיי ווייזן זייער ליסטע פון מעשים טובים, פיעל מעשים טובים וואס זיי האבן עס גאר קיינמאהל נישט געטהון — וועט מען זיי ערקלערן: די מעשים האבן געטהון מענטשן וועלכע האבן גערעדט שלעכטס אויף אייך. האבן זיי דעריבער פערטפיעלט זייערע גוטע מעשים, וועלכע זענען אריבער געפירט געווארן אויף אייער ליסטע. דאס זעלבע, פארקערט, וועלן זיך פיעל וואונדערן גרויפנענדיג אויף זייער ליסטע פיעל מעשים רעים, פיעל שלעכטע מעשים וואס זיי האבן עס גאר קיינמאל נישט געטהון — וועט מען די ערקלערן: די מעשים האבן געטהון מענטשן וועלכע איהר האט אויף זיי גערעדט שלעכטס, איז דעריבער אראפגענומען געווארן פון זייער קאנטא. און די שלעכטע מעשים זענען אריבער געפיהרט געווארן אויף אייער ליסטע. (חובת הלבבות שער הכניעה)

### א נגע צרעת געגן שבת און יום־טוב

והיה בעור בשרו לנגע צרעת. די ספרים זאגן אז די אותיות „נגע״, איז א פארקערטער וואמענשטעל. מאכן: „ענג״ — וואס דערמאנט אין שבת (וקראת לשבת ענג), און די אותיות צערת״ — וואס דערמאנט אין יום־טוב (עצרת תהיה לכם).

שבת און יום־טוב זענען אלזא דער היפוך פון נגע־צרעת. ווייל אויב נגע צרעת סימבאלי־רט דעם שטארקן הסתר פון דער געטליכקייט, די פערגרעבטקייט פון די נאטור־וועלט און די ארשטעלונג פון צו זעהן דאס פנימיות אין דער בריאה — זענען שבת און יום־טוב די צייטן, אס, פונקט להיפוך, עפענען די מענשליכע אויגן און דאס מענשליכע הארץ אז זיי זאלן דערזעהן ין דערפיהלן דעם יוצר־בראשית אין דער יצירה, רייסן אראפ דעם „עור״ וואס פארשטעלט די ימיות און מאכן ארויסשניידן דעם אור־הגנוז פון דער טבע. (ספרים)

## פארשטעלט צו זעהן די ג־טליכע ליכטיגקייט

והי׳ בעור בשרו לנגע צרעת ווען השי״ת האט באשאפן די וועלט, האט די ג־טליכקייט אפן ארויסגעשיינט פון דער גאנצער בריאה, יעדער האט געקענט זעהן און פיהלן דעם באשעפער פון זיין שאפונג און ס׳איז נישט געווען דער כח פון׳ם שלעכטס וואס זאל פארשטעלן און פארבארגן דעם ג־טליכן כח. אבער נאך דעם זינד פון אדם

הראשון איז דער ג־טליכקייט באהאלטן געווארן אין דער אינערליכקייט פון דער טבע׳דיגער וועלט. די נאטור איז געווארן גרעבער און דיקער און וועלכע פארדעקט און פארשטעלט פאר די מענטשליכע אויגן דעם אמת׳דיגן אינערליכן ג־טליכן כח וואס באלעבט און דערהאלט די בריאה. וויא דער פסוק זאגט: „ויעש ה׳ אלוקים לאדם ולאשתו כתנות עור״ — ס׳איז אויף אלעם איבערדעקט געווארן א מלבוש פון הויט וואס פארשטעלט און באהאלט דאס פנימיות פון דער טבע פונקט וויא דער „עור פארדעקט די אינערליכע פון׳ם מענטש. („עור״ באשטעהט פון די זעלבע אותיות וואס „עור״ בלינד...)

אבער אפילו דער „עור״ איז אויך נאר א אויבענאויפיגער הסתר פונקט וויא די הויט פון דעם מענטש האט — לויט וויא ס׳איז באקאנט אין דער נאטור־וויסענשאפט — קליינע אונזעהבארע לעכלאך און שפאלטן דורך וועלכע עס געהט אריין לופט אין׳ם קערפער און ס׳געהט ארויס וואסער. אזוי זענען אויך אין׳ם „עור״ פון די בריאה אין׳ם הסתר פון דעם אויסערליכן טבע פארהאן די „חלונות״ און „חרכים״, דורך וועלכע מ׳קען דערזעהן, אויב מ׳וויל נאר, דעם אבשיין פון דער השגחה אין דער טבע, דעם כח היוצר אין דער יצירה. דאס ג־טליכקייט קען אדורכלייכטן דעם „עור״ וואס פארשטעלט אין זיך ענטפלעקן פארן מענטש, וואס ארבייט דרויף, אז פון׳ם „עור״ זאל ווערן „אור״... פון די „הויט״ וואס פארשטעלט, זאל זיך דאס „ליכט״ דורכברעכן...

אויב אבער אויך די קליינע שפאלטעלאך און לעכלאך פון דעם עור ווערן פארשטעלט און פארדעקט, אזוי אז דער מענטש דערפיהלט לגמרי גארנישט דעם אבשיין פון דעם אינערליכן באהאלטענעם ג־טליכן כח אין דער טבע, און מיינט אז אלס איז טאקע בלויז נאטירליך, צופאל, אהן יעדע העכערע הנהגה און השגחה חלילה, אט דאס הייסט א „נגע צרעת בעור בשרו״ — די „הויט״ האט באקומען פון אויבן א נגע וואס פארדעקט שוין אינגאנצן, אז מ׳זאל גארנישט קיין שייכות האבן צום פנימיות, צו דעם וואס ס׳איז באהאלטן אונטערן „עור״...

אזא מענטש איז טאקע א טמא, און דארף קומען צום כהן, צו דעם גדול הדור וואס לערנט דעת ה׳ און פלאנצט איין אמונה, אז ער זאל איהם היילען און צוריק עפענען די אויגן צו זעהן עטוואס פון אונטערן „עור״...

(שפת אמת)

## ושער בנגע הפך לבן (יג. ג.)

אויב אַ מענטש פאַרזינדיקט זיך אַמאָל אין די יונגע יאָרן קען מען נאָך וועגן אים האָפן, אַז ער וועט קומען שפּעטער צום שכל, טאָהן תשובה און זיך אומקערן בדרך הישר, אויב אָבער „ושער בנגע הפך לבן״, אויב די נגעים האָבן שוין גרויע האָר, זיי עלטערן זיך ביים אים — „טמא הוא״, אַזאַ מענטש איז שוין אַ פאַרפאַלענער... (תפארת יונתן)

רבי יונתן אייבשיץ

והסגיר את הנגע שבעת ימים. נגעים קומען מחמת די זינד פון לשון־הרע, און לשון־הרע נעמט זיך פון שלעכטער חברותא. און דעריבער — „והסגיר את הנגע", דארף מען אזעלכן האלטן אבגעשלאסן, אבגעזונדערט פון מענטשן...

## ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם (יד. לד.)

ווי רש"י דערקלערט זיינען געקומען „נגעי בתים" כדי אידן זאלן אויסגעפינען די באהאלטענע אוצרות אין די ווענט פון די הייזער.

איז דאך א פראגע אויב אזוי טא פאוואס ווערט עס באטראכט אלס עונש? נור פון דעם איז צו זען, אז אפילו רייך ווערן אויב די רייכטום קומט אבער דורך נגעים און נישט בדרך כבוד איז מער עונש ווי גליק...

## בדד ישב מחוץ למחנה מושבו (יג. מו.)

אליין, אפילו נישט מיט אנדערע מצורעים, ווייל אויב ער וועט נור זען, אז אויך אנדערע זיינען מצורעים ווי ער, וועט ער נישט פילן מער, אז ס'איז אן עונש פאר זיינע זינד און וועט קיין תשובה ניט טאן — „צרת רבים חצי נחמה"... (מפרשים)



## וויא גרויס איז דער עוון פון לשון הרע

זאת תהי' תורת המצורע ביום טהרתו. המצורע — „המוציא רע" (חז"ל) די חז"ל זאגן אז צרעת קומט אלס שטראף אויפ'ן חטא פון לשון הרע.

אלע מדרשים און ספרי־מוסר רעדן זעהר פיל וועגן די הארבקייט פון לשון־הרע, אז אויסער דעם וואס דער חטא שטעהט אין איין רייהע מיט די עבירות, עבודה־זרה, גלוי עריות און שפיכת־דמים — איז אויך דער בעל לשון־הרע מטמא זיין מויל, אז אפילו די ווערטער פון תורה און תפילה וואס געהן ארויס פון דאזיגן מויל, ווערן פאראונרייניגט און דאדורך צוגערויבט דורך די כחות הטומאה.

דעריבער זאגט אויך דוד המלך: „נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה סור

מרע ועשה טוב" (תהלים לד) דער „עשה טוב" האט נאר א ווערט ווען מ׳היט זיך אפ די מויל פון לשון הרע. פריהער קען אבער דער טוב נישט פארריכטן ווערן, ווייל עס קומט גארנישט צום ריכטיגן ארט.

ווען דער מצורע טהוט אבער תשובה און איז זיך מטהר פון זיין חטא, וועט ערשט דאן אנגענומען זיין תורה וואס ער האט ביז יעצט געלערנט. ערשט יעצט ווערט איהם די תורה פארעכנט.

דאס זאגט דער פסוק: זאת תהי׳ תורת המצורע — דאס תורה לערנען פון מצורע ווערט אנגענומען ערשט — ביום טהרתו יעצט באקומט זיין תורה ערשט א תקון. אבער ביז צו דער טהרה האט די תורה קיין תקון נישט. (קומץ המנחה).

דער „חובת הלבבות" זאגט אז ווען איינער רעדט אויפ׳ן צווייטן לשון־הרע, ווערן זיינע מצוות פון איהם צוגענומען, און זיי ווערן צוגערעכנט אויף דעם אויף וועהם ער האט גערעדט. דאגעגן נעמט דער בעל־לשון־הרע איבער, די עבירות פון יענעם.

זאגט דעריבער דער פסוק: זאת תהי׳ תורת המצורע ביום טהרתו — ערשט פון דעם טאג ווען ער איז זיך מטהר און טהוט תשובה, זייט דאמאלץ בלייבט די תורה וואס ער לערנט זיינע געהערט זי צו איהם. ביז יעצט אבער איז זיין תורה איבערגעגאנגען אויף די קאנטא פון דעם וואס ער האט גערעדט אויף איהם, זיי זענען נישט געבליבן זיין... (ארץ צבי)

דער בעש״ט ז״ל פלעגט זאגן: אויב ס׳גלוסט זיך דיר ווערמען צו שענדן — זאלסטו שענדן דיך אליין, און אויב עס ווילט זיך דיר ווערמען לויבן — זאלסטו בעסער לויבן השי״ת... (תולדות יעקב יוסף).

## דער נגע איז א אומנאטירליכער

ויצא הכהן אל מחוץ למחנה וראה הכהן והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע. עס דארף דאך שטעהן: „והנה נרפא הצרוע מן נגע הצרעת" נאר די צרעת־קרענק קומט נאטירלאך דורך דער פערשטארקונג פון די מרה שחורה אין דעם מענש, פון מעלאנכאליע און איינזאמקייט. וואלט דאך די נאטירלאכע רפואה געדארפט זיין אז ער זאל דוקא זיך געפינען צווישן מענשן. פערברענגען אין פרייליכע געזעלשאפט, כדי צו אפשוואכן די מרה שחורה. די תורה האט אבער דוקא געהייסן דעם מצורע זיצן אליין מחוץ למחנה, כדי צו ווייזן אז דער ענין איז גארנישט קיין נאטירלאכער, נאר א השגחה׳דיגער, אלס שטראף פאר די זינד און אויב ער וועט תשובה טאן, וועט ער געהיילט ווערן, אפילו ער איז איינזאהם און אפגעזונדערט פון מענשן.

דאס זאגט דער פסוק: „ויצא הכהן אל מחוץ למחנה" — און דאך וועט ער זעהן — „והנה נרפא נגע הצרעת" — טראץ דעם וואס די איינזאמקייט דארף נאך גאר נאטירלאך דאס

פארשטארקן, וועט דערפון דער כהן פארשטעהן, אז די רפואה פון די נגע, איז נישט לגמרי קיין נאטירלאכער ענין, נאר — "מן הצרוע" — פונ'ם צרוע אליין איז אפהענגיק די רפואה. זיינע מעשים האבן אויף איהם די נגע געברייגנגט און זיין תשובה האט די רפואה געברייינגט. (האר"י הקדוש ז"ל)

## זיך מתבונן זיין אין די זינד

ועץ ארז ושני תולעת ואזוב. "לפי שהנגעים באים על גסות הרוח מה תקנתו ויתרפא ישפיל את עצמו מגאותו כתולעת ואזוב" (רש"י). נאך וואס דארף ער ברייינגען דעם "עץ־ארז" — וואס איז מרמז אויף גאות? ווען מען מיינט בעיקר אז ער זאל זיך משפיל זיין ווי "אזוב" — איז דאך גענוג צו ברענגען בלויז אזוב?

נאר ווען דער חוטא טוהט תשובה, ער איז זיך מתבונן אין די חטאים וואס ער האט געטאן, באקומט ער די גרעסטע שפלות און די גרעסטע בושה פון דעם גאות וואס ער האט פריער געהאט. ער מוז זיך שעמען, ווי אזוי האט ער נאך געקענט זיך גרויס האלטן בעת ער האט געזינדיגט, קומט דאך אויס, אז דאס פריהערדיגע גאות העלפט צו צום יעצטיגען שפלות — האט דאך דער "ארז" א חלק אין די רפואה. (שפת אמת)

## פרנסה דורך מצורעים...

וארבעה אנשים היו מצורעים פתח השער (הפטורת מצורע, מלכים ב') פארוואס איז ספעס געקומען די ישועה, דורך מצורעים? נאר ווען א מלך צאהלט געהאלט זיין זוהן אויף חיונה, איז אויב דער זוהן פירט זיך אויף ווי נעהעריג, שיקט ער איהם די פענסיע בכבוד, דורך זיין הויף־קאסירער. ווען דער זוהן געהט אבער נישט בדרך הישר, שיקט איהם דער מלך די פענסיע דורכ'ן פראסטן קנעכט בפנים זועפות.

דאמאלס זענען אויך אידן נישט ווערט געווען, די האבן נישט געטהון רצונו של מקום האט זיי דעריבער השי"ת צוגעשיקט זייער פרנסה דורך מצורעים... (משלי אהרן)



## די כוונה פון רש"י

דבר אל אהרן אחיך ואל יבא בכל עת אל הקדש... ולא ימות שלא ימות כדרך שמתו בניו (רש"י) אין תורת־כהנים שטעהט, אז די אזהרה געהט ארויף אויף די כהנים אליין, אויב ער געהט אריין אין קדשי קדשים מער וויפיל די תורה האט ערלויבט, איז ער חייב מיתה.

די גמרא (שבועות י"ג) פרעגט אויף אלע עבירות פון יום־כפור, ווי אזוי קען מען באשטראפט ווערן אויף זיי, יום־כפור איז דאך באלד מכפר? ענטפערט דערויף די גמרא אז ס'איז מעגליך ווען ער שטארבט פלוצלינג ביים טהון די עבירה, אזוי אז ס'איז נישט געוועהן קיין צייט, יום־כפור זאל מכפר זיין.

דאס מיינט רש"י: שלא ימות כדרך שמתו בניו — ער זאל נישט שטארבן פלוצלינג אזוי ווי זיינע קינדער זענען געשטארבן, אויף א פלוצלינגען אופן, וועט דאך ממילא יום־כפור נישט קענען מכפר זיין... (בנין אריאל)

## אהרן'ס פחד פאר הקב"ה

בזאת יבוא אהרן אל המקדש מיט דעם אליין וואס מ'האט איהם געזאגט "ואל יבוא בכל עת אל המקדש" מיט דעם זאל ער אריין קומען אין קודש.

דאס באוואוסטזיין אז ער געהט יעצט אריינגעהן אין אזא אויסערגעוועהנליך הייליג ארט, אין וועלכן מ'טאר א גאנץ יאהר נישט אריינגעהן, וועט אויף איהם ברענגען אזוי פיהל פחד ומורא, אז ער זאל דאדורך שוין באמת ראוי זיין אריינצוגעהן אל הקדש...

(מלא העומר)

## משמש זיין א תלמיד חכם

ובא אהרן אל אהל מועד להוציא את הכף ואת המחתה שהקטיר בה הקטורת לפני ולפנים (רש"י) פון דאנען — האט דער בעש"ט ז"ל געזאגט — איז א ראיה אז בעת מען איז משמש א תלמיד חכם, איז אפילו דאס צוריקנעהמען די לידיגע כלים נאכן עסן, אויך בכלל דער מצוה, פונקט ווי הוצאת כף ומחתה איז אויך אנ'עבודה...

## א מיטל געגן שלעכטע גזירות

בזאת יבא אהרן אל הקדש די מיטלען פון אידן מבטל צו זיין אלע שלעכטע גזירות זענען: "צום" "קול" "ממון" (תשובה תפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה). יעדעס איינציגע פון די דריי באטרעפט 136 און אלע דריי צוזאמען באטרעפן 408 — פונקט ווי דער באטרעף פון'ם ווארט "זאת".

דאס איז דער רמז ב"זאת" — מיט די דריי זאכן "צום" "קול" "ממון" וואס באטרעפט אזוי ווי "זאת" — קען מען אריינקומען אין קודש, מבטל צו זיין שלעכטס פון אידן.

דאס איז אויך דער רמז אין פסוק: "אם תקום עלי מלחמה ב"זאת" אני בוטח" (תהלים כז, ג) — אין די שווערסטע מלחמות פון שונאים געגן אידן, פארזיכער איך זיך אין "זאת" — אין די דריי זאכן צום, קול, ממון...

(נחל קדומים)

## א ביטערע גזירה צוליב פייניגען ארימעלייט

צו דער אלמנה פון רבי יחיאל, דער פאטער פון רא"ש ז"ל, איז אמאל איר מאן געקומען צו איר אין חלום און האט איר געהייסען זי זאל תיכף אנטלויפען פון שטאט ווייל עס איז נגזר געווארען א שלעכטע גזירה אויף דער שטאט. זי האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און איז ווידער אנטשלאפען געווארען, ער איז ווידער געקומען צו איר אין חלום און האט איר געהייסען שוין אנטלויפען. האט זי גלייך גענומען אירע קינדער און ארויס פון שטאט לערך א תחום שבת און איז אריין צו א גוי אין שטוב. פארטאג זיינען גזלנים באפאלען די שטאט און האבען אויסגעהארגעט די גאנצע שטאט, און זיינען אנטלאפען. זי האט זיך אומגעקערט צוריק בשלום. דערנאך איז איר מאן געקומען צו איר נאכאמאל אין חלום און האט איר געזאגט אז די גזירה איז געקומען צוליב די זינד וואס די שטאט לייט האבען גענומען מס נאר פון עניים און ניט פון די עשירים.

(בס' קב הישר פרק מד)

## פוןביידן קומט ארויס א קדוש ה׳

ולקח את שני השעירים והעמיד אותם לפני ה׳. דער מדרש דערצעהלט ווען אליהו הנביא האט גענומען צוויי פרים, און האט איינעם געגעבן די נביאי־הבעל, מקריב צו זיין אויף זייער מזבח, האט דער פר נישט געוואלט געהן. ער האט געפרעגט: איך און דער צווייטער אָקס זענען ביידע גלייך געבוירן געווארן, פאר וואס זאל מען יענעם מקריב זיין פאר השי״ת און מיך זאל מען נעמען פאר עבודה־זרה? — האט איהם אליהו הנביא איינגענומען מיט גוטע ווערטער און געזאגט: זארג דיך נישט פונקט ווי ס׳וועט גע־הייליגט ווערן ג־ט׳ס נאמען דורך יענעם פר, אזוי ווערט אויך נתקדש ווערן דער שם־שמים דורך דיר — עס וועט קיין פייער נישט קומען און אלע וועלן זעהן אז ה׳ הוא האלוקים.

אויך דא האט איין שעיר, אויף וועלכן ס׳איז געפאלן דער גורל לעזאזל נישט געוואלט געהן און געהאט תרעומת פאר וואס יענער שעיר וואס איז גלייך מיט איהם זאל זיין חטאת לה׳ און ער זאל זיין לעזאזל. האט איהם אהרן הכהן געמוזט איינעמען מיט גוטע רייד און איבערהלטרן, אז אויך דורך איהם ווערט ערפילט דער רצון ה׳.

דאס זאגט דער פסוק: ולקח את שני השעירים — ער זאל זיי איינעמען מיט גוטע ווערטער (לקחו בדברים) — והעמיד אותם לפני ה׳ — ער זאל זאגן אז ביידע ווערן געשטעלט פאר השי״ת. אפילו דורך דעם וואס געהט לעזאזל, ווערט אויך נתרבה דער כבוד שמים און ס׳ווערט דערפילט ג־ט׳ס רצון... (חוט של חסד מבעל שבט מוסר)

וכפר בעדו ובעד ביתו ובעד כל קהל ישראל. ווי נאריש זענען די כלל־טוער׳ס וועלכע זארגן גארנישט מתקן צו זיין זיך אליין און זייערע אייגענע הייזער, בעת זיי ווילן מתקן זיין אנדערע און פערזארגן דעם כלל. אזא כלל־ארבעט קען נישט מצליח זיין. פריהער מוז זיין „בעדו ובעד ביתו״ — ממילא קען דערנאך זיין — בעד כל קהל ישראל. (אחד מגדולי המוסר)

## מסירות נפש — נאר פאר אידישקייט

דם יחשב לאיש ההוא דם שפך. דער גאנצער זין פון די קרבנות איז, דער מענש זאל זיך צוגעוועהנען צו מסירות נפש. ווען מען איז אָבער מקריב קרבנות נישט אויפן ריכטיגן אָרט, דאס הייסט, מען איז זיך מוסר נפש ביי ענינים וואס זענען נישט נוגע צו אידישקייט — „ואל פתח אהל מועד לא הביאו״ — איז עס גלאַט פערגאָסן בלוט אָן שום תועלת — „דם שפך״... (אגלי טל)

## מ׳דארף פריהער תשובה טהון.

כי ביום הזה יכפר עלכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו אמת טאקע, אז השי״ת וועט מכפר זיין אויף אייערע עבירות אבער נאר ווען — לפני ה׳ תטהרו — ווען איהר וועט פריהער תשובה טהון און זיך רייניגן פון אייערע זינד, אייער טהרה וועט זיין פאר די טהרה פון השי״ת — לפני ה׳... (בינה לעתים).

## גאוה — פון די ערגסטע חטאים

השוכן אתם בתוך טמאתם פון דאנען איז א ראיה אז גאות איז פיל ערגער ווי די גרעסטע חטאים. ביי חטאים שטעהט: השוכן אתם בתוך טמאתם — אז אפילו ווען אידן זענען פאראונרייניגט מיט חטאים רוהט השי״ת צווישן זיי, ביים גאה שטעהט אבער: גבה עינים ורחב לבב אותו לא אוכל (תהלים קא) זאגן די חז״ל: אין אני והוא יכולים לדור יחד בעולם — השי״ת קען נישט זיין מיט איהם צוזאמען... (בעש״ט ז״ל)

**א משל אויף גרויס האלטן.**

ווען מען האט אין זיך אלע מעלות וואס עס איז נאר פאראן נאר מען איז נישט קיין עניו, דאס הייסט מען האלט זיך גרויס, איז גלייך צו א געקעכץ וואס עס איז נישטא אין אים קיין זאלץ, און ווען מען האלט זיך קליין און מען האט נישט קיין יראת שמים, איז גלייך צו אן עסנווארג וואס האט נישט אין זיך קיין געווירץ פארבראקעכץ.

(ספר חסידים סימן טו)

אין ספר „ארחות צדיקים" ווערט ערקלערט אזוי דאס משל: דער וואס האלט זיך גרויס, דער מענטש מעג האבן אין זיך אלע מעלות, נאר וויבאלד ער האלט זיך גרויס, איז ער גלייך צו א מאכל, שפייז, וואס דער מענטש האט צום בעסטן ליב, און ער קאכט דאס מיט אלע בעסטע פארבראקעכץ בשמים, און שטייט ביים פייער און עס קאכט זיך און ער מישט דאס, און פלוצים ברענט דאס צו, און נישט נאר אז עס איז זייער נישט גוט צום עסן נאר עס באקומט אויך א שלעכטן פארברענטן גערוך. אזוי אויך איינער וואס בארימט זיך מיט זיינע מעשים און מיט זיין חכמה, איבערהויפט ווען ער האט דאס נישט, עס דאכט זיך אים אז ער איז דער געלונגנסטער מענטש, אויך ווען ער איז יא אבער ער בארימט זיך דערמיט, קען מען אים נישטליידן פונקט ווי מען קען נישט ליידן א צוגעברענטן מאכל; ער האט א גערוך, עס פילט זיך פון אים און מען קען נישט שטיין לעבן אים.

ווען מען איז אן עניו, דאס הייסט מען האלט זיך קליין, דאס טרייבט אוועק דעם יצר הרע.

(דבש לפי בשם ארץ החיים מ׳ ח׳)

ווען מען איז אן עניו באמת, טוט אין אים נישט שולט זיין, געוועלטיקן, אן עין הרע.

(שם בשם לקוטי ש"ם לרבינו האר"י ז"ל)

**וואס הייסט א צדיק**

ווען מען האט אויפגענומען דעם גאון וקדוש בעל הפלאה זצוק"ל פאר א רב אין פראנקפורט, האט מען אים גרויס כבוד אנגעטאן בשעת ער איז געקומען. עס זיינען דארט געווען פיל מענטשן. האט אים איינער פון זיינע באקאנטע געפרעגט, וואס

פאר א מחשבה ער האט געהאט אין דער צייט. האט דער בעל הפלאה געענטפערט, דאס עס האט זיך אים געדאכט, אז מען טראגט אים אויף דעם בית החיים און דער גאנצער עולם גייען אים מלוה זיין.

**ענוה הייסט איבערפארן.**

נאך הייסט ענוה, איבערפארן. דאס הייסט, מען דארף מוחל זיין דעם אנדערן. ווער עס טוט עפעס קעגן אים, זאל ער אים מוחל, און זאל זיך באהעפטן אין די מידות פון הקדוש ברוך הוא, און אזוי ווי השי"ת איז א דערבארעמדיקער אפילו ווען מען זינדיקט קעגן אים, און וויבאלד מען טוט נאר תשובה איז השי"ת באלד מוחל, אזוי אויך זאל דער מענטש מוחל זיין דעם וואס זינדיקט קעגן אים מיט דעם גאנצן הארצן, אפילו אז יענער האט אים געשאלטן איז אז ער בעט אים איבער זאל ער אים מוחל זיין תיכף און זאל אים ניט פארהאלטן זיינע עוונות וואס ער האט קעגן אים געזינדיקט. דער מענטש וואס טוט אזוי הייסט א צדיק, און מען איז אים אויך מוחל זיינע עבירות.

קדושים

## דבר אל כל עדת בני ישראל — קדושים תהיו... (יט. א.)

נישט בלויז פאר יחידי סגולה איז געגעבן געווארן די מדרגה פון קדושה נור „אל כל עדת בני ישראל". יעדער פשוטער איד — אויב ער וויל נור — קען דערגרייכן די מדרגה פון „קדושים תהיו"... (ר' שמשון רפאל הירש ז"ל)

## הייליג אויך פאר די עפענטליכקייט

קדושים תהיו פרשה זו נאמרה בהקהל (רש"י) נישט בלויז אין דער היים ביי זיך אין שטוב זאל מען זיין א קדוש און עפענטליך זאל מען זיך שעהמען מיט'ן אידישקייט. אזוי די פארשידענע משכילים פלעגן זאגן: היה יהודי באהלך ואדם בצאתך — ניין, נור בהקהל — אין דער עפענטליכקייט, אין גאס איז דער געזעלשאפט, צווישן אייגענע און פרעמדע זאלסטו זיך נישט שעהמען מיט דער אידישע קדושה און פרישות... (דברי שערי חיים)

**פארוואס מען באדארף יעדע מינוט תשובה טאָן, און ווי אזוי**

כ'האב געהערט אָן נאמען פון הגה"ק רבינו סעדי' גאון זצוק"ל, אז עס איז צו אים אמאל געקומען איינער פון זיינע תלמידים, פלוצלונג ביינאכט, און האט אים געפונען זיך קייקלען אין שניי.

ווען דער תלמיד האט דאס דערזען, איז ער געבליבן שרעקלעך דערשראקן, און פארוואונדערט געפרעגט: רבי, איך ברויכט אויך דען אָנצוקומען צו אזעלכע מיטלען פון תשובה און סיגופים? און אויב דער רבי ברויך שוין אזעלכע מיטלען, וואס זאלן מיר שוין זאגן, אז פון דער פריסטער יוגנט זיינען מיר מיט פשעים ועוונות? עס וועט דאך גארניט קלעקן די גרעסטע מינים צער ויסורים וואס מיר דארפן זיך אנטאָן?

האט ער אים געענטפערט: כ'האב עס קיינמאל ניט געמאכט, נאר כ'האב זיך דאס אפגעלערנט פון אן איינפאכן בעל-הבית. אמאל בין איך ביי אים איינגעשטאנען און ער האט ניט געוואוסט ווער איך בין, און ער האט מיר געוויינלעך און נארמאל מכבד געווען ווי יעדן דורכשניטלעכן מענטשן. שפעטער אז ס'איז ארויס א קול וועגן מיר אין שטאט, איז די גאנצע שטאט געקומען מיר אפגעבן כבוד, פון קליין ביז גרויס. ווען דער בעל-הבית האט עס דערזען, האט ער מיר געגעבן דעם גרעסטן כבוד וואס עס קען נאר זיין.

ווען כ'האב געהאלטן ביים געזעגענען זיך מיט אים, איז ער געפאלן אויף דער ערד און מיר געבעטן מחילה. ווען איך האב אים געפרעגט, פארוואס ער טוט עס, ער האט דאך מיר מכבד געווען מיטן גרעסטן כבוד וואס מער קען מען שוין ניט מכבד זיין, האט ער מיר געענטפערט, אז ער בעט מיר מחילה אויף דער ערשטער שעה, וואס ער האט נאך ניט געוואוסט ווער איך בין און האט מיר מכבד געווען ווי א געוויינלעכן מענטשן.

די דאזיקע ווערטער זיינען מיר אריין ווי א פייער אין מיין הארצן און עס קאכט אין מיר, עס לאזט מיר ניט רוען. אז מה דאך פאר א בשר ודם איז ער געפאלן אויף דער ערד און געבעטן מחילה אויף יענער שעה וואס ער האט ניט געוואוסט ווער איך בין, א כל שכן וכל שכן פארן הייליקן באשעפער, פארן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, דארף מען געוויס פאלן אויף דער ערד און בעטן מחילה פאר יעדער מינוט וואס מען האט אים ניט פארשטאנען און געוואוסט זיין גרויסקייט און הייליקייט. זו"ע.

(מובא בסידורו של שבת מהגה"ק בעל באר מים חיים זצוק"ל)

## ואהבת לרעך כמוך אני ד׳....

דו זאלסט ליב האבן דיין חבר ווייל „כמוך אני ד׳" — אט אזוי ווי דו וועסט זיך אויפפירן מיט דיין חבר אזוי וועל איך זיך אויפפירן מיט דיר... (ר׳ בונם מפשיסחא)

ואהבת לרעך כמוך... דו זאלסט נישט זוכן און פארלאנגען ביי דיין חבר מער צדק, יושר און מדות טובות ווי דו פארלאנגסט פון זיך אליין... (נועם מגדים)

## לא תקום ולא תטור (יט. יח.)

„כל תלמיד חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש אינו תלמיד חכם" (חז״ל).

וואס עפעס גראד כנחש?

נור די טבע פון נחש איז צו בייסן און מזיק צו זיין אהן שום הנאה — „נחש אין הנאה להיזקו" — און אט בלויז אזא זארט נקמה ונטירה, אהן שום אייגענעם נוצן און אייגענער הנאה נור אינגאנצן לשם שמים איז פארלאנגט פון א תלמיד חכם...

(תפארת יהונתן)

## גיב אכטונג אויף די קינדער

וכרמך לא תעולל לא תטול עוללות שבה (רש״י) מען דארף שטארק אכטונג געבן, אז פון׳ם אידישען ווייך גארטען — כרם בית ישראל — זאלן נישט ארויסגענומען ווערן די יונגע צווייגלאך, אז די יונגע קינדער זאלן נישט אפגעהאקט ווערן פון אידישען שטאם און פארפרעמדעט ווערן פון זייער פאלק... (הדרש והעיון)

רבי משה קאברינער

ולא תשקרו איש בעמיתו. דעם איבערשטין — קען מען נישט נארן; לייטן — טאר מען נישט נארן; זיך — בלייבט מען אליין א נאר!...

לא תשא פני דל. צו רבי אברהם׳לע סאכאטשעווער איז אמאל געקומען אנ׳ארימע אלמנה מיט א דין־תורה. אין מיטן דעם דין־תורה האט די אלמנה, ווי דער שטייגער איז, אנגעהויבן וויינען. רבי אברהם׳לע האט איהר דאן אין א שטרענגען טאן געהייסן פערלאזן דעם צימער, מחמת אויך טרערן — האט ער ערקלערט — זענען שוחד!...

מקור ברוך

לא תקום ולא תטור. אויף הגאון רבי שאול קאצנלנבויגן, וועלכער איז געוועהן בעריהמט מיט זיין אויסטערלישן פענאמענאלן זכרון,

## די שיין קדושים פון די ליבער

פלעגט מען זאגן, אז אויף איהם האט דער „שר של שכחה" קיין שליטה נישט; בלויז אין איין זאך האט איהם דער זכרון נישט געדינט: טאָמער האט איהם ווער בעליידיגט — פלעגט ער עס מאָמענטאַל פערגעסן...

רבי יונתן אייבשיץ

איפת צדק והין צדק יהיה לכם. „על כל עבירות אין הקב"ה נפרע עד שתתמלא סאתו, חוץ ממי שמודד במדה קטנה" (סנהדרין)

ווייל ער איז נישט מקפיד אויף דער מאָס, האַנדעלט מען אויך מיט איהם נישט לויט דער מאס... „מדה" כנגד „מדה"!

## די שיין אמר פון די ליבער

### זיך מערער היטן פון טומאה

אמור אל הכהנים בני אהרן. „אמרות ה' אמרות טהורות, למה שהקב"ה מזהיר את ישראל בשביל קדושתן וטהרתן. (מדרש תנחומא). ווייל אידן זענען אזוי שטארק הייליג און ריין, דעריבער מוזן זיי זיין אפגעשיידט פון יעדער טומאה און אומווערדיגקייט, פיל מער פון אנדערע פעלקער. אַ בן־מלך וועט עסן אַ גראָב מאכל ווערט ער באלד קראַנק, אבער דער דאַרפס־מאַן פערדאַרבט זיך נישט אזוי געשווינד. ווייל אידן זענען אידל און הייליג, פערשאַדט זיי באלד די מינדעסטע טומאה, דעריבער מוז מען זיי שטארק וואַרענען.

(דברי שערי חיים)

### היטן אויפ'ן ג־טליכן פונק!

לנפש לא יטמא בעמיו מ'זאל נישט מטמא זיין דאָס נפש מיט אויסגעלאַשנקייט (בעמו — פון לשון: גחלים עוממות) און אבגעקילקייט. מ'זאַל נישט לאָזן אויסלעשן דעם ג־טליכן פונק פון'ם נפש, נאָר איהם שטענדיג אויפבלאָזן און צופלאַקערן...

(הה"ק רח"ה זלה"ה מאלכסנדר)

### א טעם אויף דעם ענין

איש מזרעך לדרתם אשר יהיה בו מום לא יקרב די תורה זאָגט אַ טעם, דעריבער

זאל א בעל מום נישט צוטרעטן צו טהון די עבודה, ווייל פאר השי״ת וואס ער איז א „א־ל־דעות" איז באוואוסט וועלכע נשמה איז נישט ראוי מקריב צו זיין קרבנות, מאכט ער איהם פאר א בעל מום, כדי ער זאל נישט קענען מקריב זיין.

דאס איז דער טייטש: כי כל איש אשר בו מום — ווען דו זעסט א מענטש וואס ער האט א מום, איז עס א סימן, אז — לא יקרב — דאס ער איז בעצם מצד זיין נשמה נישט ראוי מקריב צו זיין קיין קרבנות... (ספרים)

## דורך די הייליגקייט קען מען מאכן ימים טובים

ונקדשתי בתוך בני ישראל אני ה׳ מקדישכם נאכדעם שטעהט באלד די מצוה פון די מועדים וואס אידן פארהייליגן — אשר תקראו אותם מקרא קדש.

**ווייל דורך דעם וואס אידן זענען בעצם הייליג, השי״ת האט זיי געגעבן א כח הקדושה, דעריבער קענען זיי מקדש זיין די זמנים און ארויסרופן א קדושה אויף די טעג וועלכע דאס בית־דין איז מקדש אלס יום־טוב...**

(חדושי הרי״ם)

## יעדן טאג — קבלת מלכות שמים

ובא השמש וטהר ואחר יאכל מן הקדשים די משנה אנהויב מסכת ברכות, צייכענט אהן די צייט פון קריאת־שמע של ערבית מיט די צייט ווען די כהנים וואס זענען טמא געוועהן מעגן עסן זייער תרומה — מאימתי קורין את שמע בערבית משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן.

וואס פאר א שייכות האבן די ביידע זאכן צווישן זיך?

נור דען מיר זעהן אז ווי ס׳וועט נאר נאכט, מעגען שוין די כהנים עסן תרומה, כאטש א גאנצן טאג זענען זיי געוועהן טמא און אפילו נאך זייער טבילה האבן זיי נישט געטארט עסען קיין תרומה — איז דאך דאס א בעוויז דאס צאת־הכוכבים איז שוין גאר א נייער זמן וואס האט גארנישט קיין אנריהר אינ׳ם פארגאנגענעם טאג, קען מען ממילא דערפון ארויס־לערנען אז מען דארף יעצט אויפסניי מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים מיט א פרישע קריאת שמע, און די קריאת שמע פון אין דער פריה קען אויף יעצט נישט פועל זיין, ווייל עס איז דאמאלס געוועזן א אנדער זמן. (אגלי טל בשם אביו ז״ל)

אלה הם מועדי, ששת ימים תעשה מלאכה. עס איז א באקאנטער הארבער פסוק אנהויבן הויבט זיך אן: „אלה הם מועדי", דאס זענען די ימים־טובים, און גערעדט ווערט גאר וועגן שבת: „ששת ימים תעשה מלאכה"!? און דאן, נאכוואס ווערט אין צווייטן פסוק נאך אמאל איבערגע׳חזר׳ט: אלה מועדי ד׳ מקראי קדש" וכו׳?

דער ווילנער גאון ערקלערט דעם דאזיגן פסוק: אינ׳ם פסוק „ששת ימים תעשה מלאכה" רעדט זיך דא נישט וועגן שבת, נאר טאקע וועגן די ימים־טובים, וועלכע, לויט דער תורה,

ענטהאַלטן זיי צוזאמען זיבן טעג: צוויי טעג פסח (דער ערשטער טאָג און דער זיבעטער), צוויי טעג סוכות (דער ערשטר און דער אכטער, שמיני עצרת), איין טאָג שבועות, איין טאָג ראש־השנה־ און איין טאָג יום־כפור. אבער נישט אלע ימים־טובים זענען גלייך און נישט אלע האבן זיי דעם זעלבן דין. אלזאָ: „אלה הם מועדי״, פון אַט די דאָזיגע ווייטער־ אויס־ גערעכנטע ימים־טובים, איז „ששת ימים תעשה מלאכה״. זענען זעקס טעג, פסח, שבועות, ראש־השנה, סוכות, ערלויבט צו טהון אין זיי אַ מלאכה פון „אוכל־נפש״: אבער „וביום השביעי״, איין טאָג יום־טוב איז פאַרהאַן, יום־כפור, וועלכער איז „שבת שבתון מקרא קדש, כל מלאכה לא תעשו״.

## וספרתם לכם

די תורה האט געהייסן ציילן ספירה פון פסח ביז שבועות כדי דערמיט צו דעמאנסטרירן, אז דער „זמן חרותנו״, די קערפערליכע באפרייאונג איז פאר זיך בלויז א האלבע זאך. די אמתע באדייטונג באקומט זי ערשט ווען עס ווערט אויך דערגרייכט די גייסטיקע ירות — „זמן מתן תורתנו״.

(לויט מפרשים)

## נאר די תורה לערנט מענטשהייט

וקראתם בעצם היום הזה מקרא קדש יהי׳ לכם — ובקצרכם את קציר ארצכם לא תכלה. איהר זאלט פייערן דעם יום־טוב שבועות, דעם יום־טוב פון קבלת התורה, נישט בלויז אויף די חוקים וואס מ׳וואלט לגמרי נישט געוואוסט ווען נישט די תורה, נאר אפילו אויף די מצוות שכליות, די רחמנות אויף אומגליקליכע און צדקה פאר ארימע, דארפן מיר אויך לויבן צו השי״ת, וואס ער האט אונז באפוילן אין די תורה. ווארום די פראקטיק ווייזט אז אהן אמונה אין ג־ט איז דער מענטש עלול צו ווערן ווי א חיה אין װאלד, וואס זאל נישט האבן קיין פונק אין רחמנות און וועלכער זאל צוליב זיין פערסע־ נליכן אדער נאציאלאן עגאיזם, אפטהון די ערגסטע געמיינהייט און נידערטרעכטיגקייט. נאר ווייל — „אני ה׳ אלוקיכם״ — וועט איהר היטן די מצות וואס זענען — „לעני ולגר״ ממילא דארפט איהר דעם יום־טוב שבועות רופן א מקרא קדש אפילו אויף אזעלכע מצות פון „ובקצרכם״ ווייל אהן די קבלת התורה וואלט מען זיי נישט געהיטן. (משך חכמה)

## פאר וואס נישט „זמן קבלת תורתנו״?

פארוואס רופט זיך שבועות „זמן מתן תורתנו״? ווייל — האט געזאגט דער חדושי הרי״ם — דער זמן פון מתן תורתנו פון געבן די תורה איז פארגעקומען נאר איינמאהל, מיט טויזנטער יאהרן צוריק, דאגעגן דער זמן פון מקבל זיין די תורה האט קיינמאהל נישט אויפגעהערט דאס דארף א איד טהון שטענדיג יעדן טאָג...

ווי שווער מען האט געאַרבעט אויף
צוצוקומען צו גרויסקייט און הייליקייט
ב׳האָב געהערט, אַז דער צדיק הגה״ק מהר״ר יוסף שמואל

מקראקא, רב פון פראנקפורט יצ"ו, האט אדורכגעלערנט גאנץ ש"ס צוויי און פערציק מאל, אדורכגעזיפט און טיף אויסגעפארשט יעדן ענין זייער טיף, און האט מקיים געווען „ודברת בם", ויקדש בם". מעשיות נפלאים דערציילט מען וועגן אים, אז פון צוואנציק יאר האט ער געלערנט שטייענדיקערהייט תורה לשמה, און זיינע רייד זיינען געהערט געווארן אין הימל אזוי ווי איינער פון די ראשונים.
(שם הגדולים מ"ג, מהגה"ק חיד"א ז"ל)

**גרויסקייט פון צדיקים**

ההגה"ק רבינו יחיאל, דער פאטער פון רא"ש, האט געהאט א גוטן חבר. זיי האבן זיך זייער ליב געהאט, און האבן זיך באשווארן איינער דעם אנדערן, אז טאמער וועט איינער פריער נפטר ווערן זאל ער קומען אנזאגן זיין חבר די וועגן פון נפש אויף יענער וועלט.

רבינו יחיאל'ס חבר איז פריער נפטר געווארן. אויפן בית החיים, פאר דער קבורה, איז אויפגעשטאנען רבינו יחיאל און געזאגט צום קהל: מיר האבן זיך צוגעשווארן איינער צום צווייטן, וויל איך אים נאכאמאל דערמאנען, אז איר זאלט הערן און זיין עדות אז ער זאל דעם נדר מקיים זיין!

דאן האבן אלע געמערקט ווי דער ארון פון נפטר האט זיך א טרייסל געטאן. און ווען מען האט געעפנט דעם ארון, האט מען געמערקט, אז עס שאקלען זיך די ברעמען פון די אויגן, און אנדערע זאגן, אז ער האט געשמייכלט. זי"ע ועי"א.
(סדר ההדרות אלף הששי)

**די נסים וואס עס ווערט נאך דער פטירה פון צדיקים**

הגה"ק ר' אייזיק מזאלקאוו זצוק"ל האט זיך געלעבט זייער בידידות מיטן הגה"ק תבואות שור זצוק"ל, אפילו ער איז געווען פיל אינגער פון תבואות שור.

דער בעל תבואות שור זי"ע איז געווען זייער קראנק פאר זיין פטירה, און האט געוואוינט הינטער דער שטאט אויף לופט. ההגה"ק ר' אייזיק איז אויך געווען קראנק ביי זיך אין שטוב, און פאר א לאנגע צייט האבן זיי זיך ניט געזען. הגה"ק ר' אייזיק איז נפטר געווארן פריער פון דעם תבואות, אבער מען האט זיך געהיטן צו דערציילן דעם תבואות שור, צוליב דער גרויסער ליבשאפט וואס האט געהערשט צווישן זיי. און ווען דער תבואות שור פלעגט פרעגן וועגן אים, האט מען אלץ אים מדחה געווען און געזאגט, אז ער פילט זיך שוואך.

פאר דער פטירה פון תבואות שור, זיינען אלע חכמי העיר

צו אים אריינגעקומען, און ער האט זיי געפרעגט אויף הגה"ק ר' אייזיק זצוק"ל, צי ער לעבט נאך. האבן זיי אלע געענטפערט: אוודאי לעבט ער. האט ער זיי געענטפערט: איר זאגט ליגנט, ווייל ער שטייט יעצט לעבן מיר, און בעט מיר אז מען זאל מיר לייגן לעבן אים.

און אזוי איז געווען, אז נאך דער פטירה פון תבואות שור איז מען געגאנגען צום קבר פון הגה"ק ר' אייזיק זצוק"ל און געזען אז עס איז ניטא קיין פלאץ אויף נאך א קבר, אבער ווען זיי האבן אנגעפאנגען צו גראבן האט זיך דער פלאץ פון זיך אליין אויסגעברייטערט. מען האט עס געזען עין בעין. זי"ע ועי"א.
(שם הגדולים החדש מערכת א')

**מגלה מן השמים פאר די תלמידי הרמב"ן ז"ל דעם טאג פון זיין נפטר ווערן**

הגה"ק דער רמב"ן זצוק"ל איז אויף דער עלטער געגאנגען קיין ארץ ישראל. ווען ער האט זיך געשיידט מיט זיינע תלמידים, האבן אים זיינע תלמידים געבעטן דאס ער זאל זיי געבן א סימן אויף דער צייט פון זיין שטארבן, זיי זאלן וויסן ווען דאס וועט זיין. האט ער זיי געזאגט: איר זאלט גיין קוקן מיינע עלטערנס מצבה, ווען די מצה פון מיינע עלטערן וועט באקומען א שפאלט, און אין שפאלט וועט מען זען א געשטאלט פון א מנורה, דאס וועט זיין פאר אייך א סימן.

דער רמב"ן הקדוש איז געגאנגען קיין ארץ ישראל, און נאך דריי יאר פון זיין אוועקפארן האט איינער פון זיינע תלמידים געפונען א שפאלט, אויך א געשטאלט פון א מנורה אויף דער מצבה פון זיינע עלטערן. ער האט דאס דערציילט פאר דעם גאנצן קהל און מען האט פיל געטרויערט נאך אים. דערנאך האט מען געהערט דאס דער הייליקער רמב"ן איז באערדיקט געווארן, זי"ע.

דער מדרש תלפיות זאגט, דאס דער רמב"ן הקדוש האט געוואוסט אז עס וועט זיין א מנורה, ווייל דער זוהר הקדוש זאגט, אז יעדער צדיק לייכט פונקט ווי די מנורה פון בית המקדש.
(מדרש תלפיות בשם שלשלת הקבלה)

**דער נס מיטן ארון פון הושע בן בארי**

דער של"ה הקדוש שרייבט, אז ער האט בקבלה פון די זקני הדור פון סאלוניקא, אז זיי האבן בקבלה אז הושע איז נפטר געווארן אין בבל, און פאר דער פטירה האט ער אנגעזאגט, אז מען זאל אים מקבר זיין אין ארץ ישראל, און אזוי ווי דער וועג

איז געווען זייער בסכנה, האט ער אנגעזאגט, אז מען זאל אים אריינלייגן אין ארון, תיכף נאך זיין פטירה, און ארויפלייגן אויף אן אייזל און לאזן דעם אייזל גיין אליין, און וואו דער אייזל וועט זיך אפשטעלן אליין, דארטן זאל מען אים מקבר זיין.

דער אייזל איז געקומען בשלום קיין צפת, אויף דעם אידישן בית החיים, און לויט דעם בריוו וואס איז געלעגן דארטן אין ארון האט מען דערקענט ווער ער איז, און מיט גרויס כבוד האט מען אים דארט מקבר געווען, זי"ע ועי"א.

(סדר הדורות, אלף הרביעי, ד"ה הושע בן בארי)

**ווי מען דארף זיין פארזיכטיק מיט הייליקע קברים**

עס איז געווען א מעשה ביי א מלך, וואס האט געזאגט צו א אידן מיטן נאמען ר' שלמה: כ'וויל זיך איבערצייגן אליין מיט מיינע אויגן אלץ וואס איך האב געהערט פון יחזקאל הנביא, קום מיט מיר, כ'וויל עפענען זיין קבר וואס כ'האב געהערט פיל ניסים און מופתים פון אים.

אלס אן עצה טובה האט אים דער איד גע'עצה'ט ער זאל עס ניט טאן, ווייל ניט ווייט פון אים ליגט זיין תלמיד ברוך בן נריה, זאל מען פריער פרובירן זען צי דו וועסט קענען זען זיין תלמיד, און דערנאך וועסטו זען אים אליין.

דער מלך האט צוזאמענגערופן אלע זיינע מיניסטארן און פריינט, אז צום קבר פון ברוך בן נריה זאלן זיי אלע קומען. ווי מען האט נאר אנגעפאנגען צו גראבן דעם קבר, ווער עס האט נאר אנגערירט, איז גלייך געשטארבן.

האט דארטן אן אלטער אראבער גע'עצה'ט דעם מלך אזוי: ער איז געווען א איד, און אידן לערנען תורה, בסילא זאלן זיי עפענען דעם קבר. דער מלך האט געבעטן די אידן, זיי זאלן עפענען דעם קבר.

האבן די אידן געבעטן ביים מלך, ער זאל זיי געבן דריי טעג צייט, און זיי האבן געמאכט תעניות און תפלות און צדקה. נאך דריי טעג האט זיי דער מלך געשיקט רופן זיי זאלן עפענען דעם קבר. די אידן האבן, אין קעגנווארט פון דעם מלך און זיינע מיניסטארן, געעפנט דעם קבר, און אפילו איינעם פון זיי האט עס ניט געשאט. אין אן ארון פון מארמאר איז געלעגן ברוך בן נריה גאנץ, פונקט ווי מען וואלט אים יעצט אריינגעלייגט.

האט דער מלך געזאגט, אז עס איז ניט שיין אז דער רבי זאל ליגן ווייט פון זיין תלמיד, נאר זאלן ביידע ליגן צוזאמען.

מען האט גענומען דעם ארון און געפירט צו יחזקאל הנביא, און ווי מען האט אפגעפירט ווי איין תחום שבת, האט זיך דער ארון נים געוואלט רירן פון ארט און גיין ווייטער, און בשום אופן האט מען דעם ארון פון ארט נים געקענט רירן.

האט דער איד ר׳ שלמה געזאגט צום מלך: אפשר האט זיך ברוך בן נריה נאך ביי זיין לעבן אויסגעקליבן דעם פלאץ וואו ער זאל ליגן? האט דער מלך געהייסן דארטן אים מקבר זיין, און אויף דעם קבר אויפגעבויט א שיין בית־המדרש.

און אז דער מלך האט געזען אז ברוך בן נריה ליגט גאנץ גארנים פארפוילט, אפילו זיינע תכריכים זיינען געווען גאנץ, איז ער מיט זיינע קנעכט און מענטשן געגאנגען קייך מעקווא״ז, דארטן ליגט דער מחמ״ד (זייער נביא), און ווען זיי זיינען דארטן געקומען האבן זיי דאס נים געזען וואס ביי די אידן. האט ער זיך מגייר געווען, און האט געזאגט. אז די תורת משה איז אמת, האב איך זיך יעצט מיט אן אמת איבערצייגט.

(מובא בסה״ד, אלף הרביעי, ד״ה מעשה שמלך)

די קדושה און גרייסקייט פון צדיקים

הגה״ק ר׳ אברהם אזולאי איז געווען „מלומד בנסים״ (נסים זיינען ביי אים געווען א געוויינלעכע זאך), זיינע רייד האבן זיך אנגענומען אין הימל און זיין תפלה פלעגט זיך נים אומקערן מיט גארנים (זי פלעגט תמיד דערהערט ווערן). זיין זכות זאל אויף אונז מגין זיין.

איך האב געהערט (שרייבט הגה״ק חיד״א ז״ל) פון הרב המופלא ה״ק מהר״ח ן׳ עטר (אור החיים הקדוש) וועלכער האט געקענט הגה״ק ר׳ אברהם אזולאי: אז א קראנקער מענטש פלעגט קומען צו אט דעם צדיק און ביי אים בעטן א קמיעא, פלעגט הגה״ק ר׳ אברהם אזולאי נעמען א קליין שטיקל פאפיר און אנ־שרייבן אויף אים מיט רש״י־כתב: „יהי רצון שתשלח רפואה לפלוני בן פלוני מחולה פלוני אמן סלה״ („זאל זיין דער ווילן (פון דעם אויבערשטן) דו זאלסט צושיקן א רפואה צו יענעם מענטשן פון יענער קראנקייט״) און מער פלעגט ער אויף דער קמיעא גארנים שרייבן, און קיין שום שם האט ער דארט נים געשריבן — און דער חולה וואס פלעגט אויף זיך אנטאן די דאזיקע קמיעא, האט זיך אינגאנצן אויסגעהיילט פון זיין קראנקייט.

**די הייליקייט פון צדיקים און מסירת נפש פון תלמידים**

הגה"צ רבינו עמרם זצוק"ל האט אין אנפאנג געוואוינט אין דער שטאט מאגענצא, א גרויסע שטאט ביים טייך ריינס. איז ער געגאנגען מאכן א ישיבה אין דער שטאט קלוניא. אויף דער עלטער האט ער אנגעזאגט זיינע תלמידים, אז נאך זיין פטירה זאל מען אים מקבר זיין לעבן זיינע עלטערן אין דער שטאט מאגענצא. האבן זיינע תלמידים געזאגט, אז עס איז פארבונדן מיט גרויסע סכנות אים אריבערצופירן אהין. האט ער געזאגט, אז גלייך נאך דער פטירה זאל מען אים מטהר זיין און אריינלייגן אין אן ארון, און דעם ארון זאל מען אריינלייגן אין א קליין שיפל אויף דעם טייך און לאזן דאס שיפל גיין פון זיך אליין.

נאך דער פטירה האבן די תלמידים דאס אלץ מקיים געווען. מען האט אים אריינגעלייגט אין א שיפל, און דאס שיפל איז אזוי געגאנגען מיטן שטורעם פון וואסער, ביז עס איז צוגעקומען צו דער שטאט מאגענצא.

די מענטשן פון דער שטאט זיינען געווען פארוואונדערט ווען זיי האבן דארטן געפונען דעם ארון מיט א מת אינעווייניק. האבן די מענטשן געזאגט, געוויס איז דאס א גרויסער, הייליקער מענטש, און מסתם וויל ער ליגן ביי אונז אין שטאט. זיי האבן אויסגעצויגן די הענט צום שיפל, אבער דאס שיפל האט אנגעפאנגען צוריקצוגיין און ציטערן. האט מען עס דערציילט דעם שר פון שטאט, און אלע זיינען געקומען צום ברעג פון טייך.

דארטן זיינען אויך געווען אידן, איז דאס שיפל נאר געגאנגען צו אידן, און ווי נאר ניט-אידן האבן געוואלט אנרירן דאס שיפל איז עס גלייך אנטלאפן. אזוי האבן זיי עטלעכע מאל פרובירט, און עס איז אלץ אנטלאפן פון זיי. האט מען דאך קלאר געזען אז עס וויל נאר גיין צו די אידן און ניט צו זיי. האבן זיי גערופן די אידן אז זיי זאלן אריינגיין אין שיפל, און ווען דאס שיפל איז צוגעקומען צו זיי, זיינען זיי אריין און געעפנט דעם ארון.

אין דעם ארון איז געווען אנגעשריבן א בריוו בזה הלשון: „אחי ורעי בעלי ברית מק"ק מאגענצא, כ'בין געקומען צו אייך ווייל איך בין נפטר געווארן אין דער שטאט קלוניא, און איך וויל אז איר זאלט מיר מקבר זיין לעבן מיינע עלטערן, נאום עמרם". ווי זיי האבן דערזען די שריפט, האבן זיי פיל געטרויערט, און דעם ארון האבן זיי ארויסגענומען פון דארטן.

די גוים האבן ניט געלאזט דעם ארון ווייטער פירן און האבן געשלאגן די אידן. אבער דעם ארון האבן זיי ניט געקענט רירן. די גוים האבן דארטן אויף דעם ארט אוועקגעשטעלט א

שטארקע שמירה און האבן אים דארטן מקבר געווען, און אויפגע־בויט זייערם א הויז מיט גרויסע מויערן.

יעדע נאכט פלעגט רבינו עמרם קומען צו חלום צו די די אידן, אז מען זאל אים פון דארט ארויסנעמען און לייגן לעבן זיינע עלטערן. ביז די תלמידים זיינען געקומען אויף אן עצה, און האבן גענומען א געהאנגענעם מענטשן און דארט אריינגעלייגט אויף זיין פלאץ, און אים געלייגט לעבן זיינע עלטערן. דער בורא עולם האט זיי געהיט אז די זאך איז ניט געווארן באוואוסט, זי"ע ועי"א.

(מובא בספר יסוד יוסף פרק ו)

## דער ריח פון גן עדן

**אין** ספר מגן אברהם פון הרה"ק מטריסק זצ"ל שטייט: איך האב געהערט פון מיין פאטער הרב הקדוש רבי מרדכי מטשערנאביל זצ"ל אז ער האט געזאגט ווען ער איז געווען אויפ'ן קבר פון מעזריטשער מגיד ז"ל, און אויפ'ן קבר פון רבי ר' זושא און רבי ר' לייב כהן זצ"ל, האט ער דארט געפילט דעם ריח פון גן עדן.

(בס' מגן אברהם בחידושי תורה לפורים)

## אויף א צדיק האבען קיין ווערים נישט קיין שליטה נאך דער פטירה

**מיר** געפינען אין חז"ל (ב"מ דף פ"ג) ביי ר"א בר"ש אז א לאנגע צייט נאך זיין פטירה איז ער געווען גאנץ און פריש. אויך אין זוהר (פ' בראשית דף קנ"ב) ווערט דערציילט אויף רשב"י דאס זעלבע. אין שבת (דף קנ"ב) ווערט געבראכט דאס זעלבע אויף עטלעכע אמוראים. אויך אין אונזערע צייטען שרייבט דער ראשית חכמה אזא מעשה. אין מלכות פא"ס איז נפטר געווארען א חסיד אין א דארף און מען האט אים דארט מקבר געווען, אין עטלעכע יאר ארום האבען דעם חסיד'ס קינדער מיישב געווען איבערפירען זייער פאטער אין דער שטאט וואו זיי האבען געוואוינט. ווען זיי האבען געעפענט דעם קבר האבען זיי געזען אז דער גאנצער קערפער איז גאנץ נאר איין פוס איז געווען פארפוילט. האט זיך זיין עלטסטער זון זייער מצטער געווען עס זאל חלילה ניט אנהויבען פוילען דער גאנצער קערפער, איז זיין טאטע געקומען צו אים אין חלום און אים געזאגט, דו זאלסט וויסען אז אין מיר האבען די ווערים ניט געהאט קיין שליטה ווייל איך האב קיינמאל ניט געזינדיגט. נאר מיט דער פוס האב איך אמאל אנגערירט א בן תורה דערפאר האבען זיי געהאט אויף איר א שליטה. דאס האב איך געהערט פון א זקן וואס ער האט אליין געהערט פון דעם זון פון חסיד, און זיין זון לעבט נאך יעצט אויך. דארף דער מענטש זיך טיף אריינטראכטען אין דעם, אז אפילו אין דעם דור קענען אזעלכע גרויסע זאכען געשען, און עס ווענדעט זיך נאר אין אים אליין, הכל תלוי כפי זכוך האדם נפשו ומעשיו, כך יזדכך חומרו ולא ישלוט בו רימה וכו'.

(ראשית חכמה שער האהבה פ"ו)

## דער רבי ר' שמעלקא און דער צמח צדק

ווען עס איז נסתלק געווארען הגה"ק רבי שמעלקא מניקלסבורג זי"ע זיינען געגאנגען די ראשי הקהלה און די גבאים פון חברה קדישא אויפ'ן בית החיים צו זוכען א פאסיגע קרקע. זוכענדיג האט איינער פון די חברה קדישא גבאים ארויפגעלייגט עפעס אויף א מצבה און ער האט פארגעסען וואו ער האט עס געלייגט. ווען ער איז געגאנגען זוכען האט ער עס געפונען אויף דער מצבה. האט ער איבערגעלייענט אויף דער מצבה און עס איז דארט געשטאנען אויפגעשריבען אז דארט ליגט הגה"ק בעל צמח צדק און ער האט צוואה געלאזט אז ביז הונדערט יאר נאך זיין פטירה זאל מען קיינעם נישט לייגען דערנעבען. האט מען אויס־גערעכענט אז אין דעם טאג איז געווארען הונדערט יאהר זינט זיין פטירה. און מען האט דארט געלייגט הגה"ק רבי שמעלקא מניקלסבורג זי"ע.
(בס' באר יצחק בפתיחה תולדות יצחק)

## א מעשה נורא

אין דער הסכמה אויפ'ן ספר מנורת זהב שטייט די פאלגענדע מעשה: דאס האט פאסירט איינמאל זומער. אין מיטען נאכט ווען קיינער איז נישט געווען אויפ'ן בית עלמין, איז אראפגעפאלען דער לאמטערן וואס איז געהאנגען אויפ'ן ציון פון רבי ר' זושא זצ"ל (די אוהלים זיינען דריי איינס נעבען דאס אנדערע. פון רבי' ר' זושא, פון רבי ר' בער דער מעזריטשער מגיד, און פון רבי ר' לייב כהן. אויף די ציונים פלעגען נישט גיין קיין סתם מענטשען, נאר אנשים חשובים, און בלויז אהנע שיך און נאכ'ן גיין אין מקוה. נאר דער ניטגיה וואס פלעגט אכטונג געבען אויף די אוהלים איז געגאנגען דריי מאל אין טאג אנצוצינדען דעם נר תמיד אפילו מיט שיך און אהן טבילה). אין דעם לאמטערן פלעגען ברענען דריי ליכט אויף דעם הילצערנעם ארון אייפ'ן ציון. דער ארון איז געווען צוגעדעקט, און אינעם ארון פלעגט מען אריינווארפען די הונדערטער קוויטלעך מיט בקשות. אויף דער ערד זיינען געלעגען בלעטער פון די ביימער און צווייגלעך. ווארים יעדער וואס פלעגט קומען אויפ'ן ציון פלעגט לייגען א צווייגעל מיט בלעטלעך אויפ'ן ציון. אזוי ווי דער לאמפ איז אראפגעפאלען זיינען פארברענט געווארען אלע קוויטלעך אינעם ארון מיט אלע צווייגלעך און עס איז געווארען א גרויס פייער. אבער דער אוהל און דער ארון זיינען געבליבען גאנץ כאטש עס איז געווען פון טרוקען האלץ שוין פון לאנגע יאהרען האט אבער דאס פייער דאך נישט געהאט קיין שליטה אין זכות פון דעם גרויסען צדיק זי"ע.

(בהסכמה על ס' מנורת זהב מהגאב"ד האניפאליע ז"ל)

יב שמח

כי כל הנפש אשר לא תעונה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה. א איד, וואס פיהלט נישט אינ'ם דאזיגן היילגן טאג קיין פיינליכקייט און אונרוהיגקייט אין הארצן, קיין חרטה און הרהור־תשובה, איז עס א בעוויז, אז „ונכרתה מעמיה", אז זיין נשמה איז שוין לגמרי אבגעריסן פון אידן!

כנפי־יונה

ושבתם איש אל אחוזתו ואיש אל משפחתו תשובו. בעת א מענטש איז פעראָרימט, איז די משפחה צו איהם פרעמד און דערווייטערט; ערשט ווען עס איז „ושבתם איש אל אחוזתו", ווען ער ווערט פלוצים אויפגעריכט און קויפט זיך א נחלה, דאן איז „ואיש אל משפחתו תשובו", נעמט זיך די גאנצע משפחה מיט איהם חבר'ן און עס הויבן זיך אן דערנעהנטערן צו איהם די וויטעסטע קרובים...

און דאס איז אויך דער טייטש: „וישגב אביון מעוני — וישם כצאן משפחות" (תהלים ק"ז) — בעת דער אביון ווערט געהאָלפן און ער ווערט אויס אָרימאַן, דאן פרובפערט זיך, אהן עין־הרע, די משפחה זיינע, ווי די שאף!...

## וינצו במחנה בן הישראלית ואיש הישראלי (כד. י.)

דין תורה רופט נישט אן זייערע נעמען ווייל געוויינליך זיינען אלעמאל די ערשטע וואס הויבן אן קריגערייען און מחלוקת'ן די סאמע נידריקסטע מענטשן, די „בני־בלי־ שם", א זעלכע וואס מען ווייסט נישט ווער זיי זיינען אין ווי זיי הייסן. (כלי יקר)

### פון שמיטה איז א ראיה אויף די תורה

וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמר. „מה ענין שמיטה אצל הר סיני" (רש"י). שמיטה האט א שייכות צום הר סיני, ווייל פון שמיטה איז א גרויסע ראיה אז תורה איז מן־השמים און נישט משה רבינו האט זי חלילה געזאגט פון זיך, ווארום וועלכער מענש קען דאס פון זיך אליין צוזאגן „וצויתי את ברכתי, ועשה את התבואה לשלש השנים" — דאס קען נאר השי"ת אליין. איז דאך ממילא שמיטה א ראיה אז השי"ת האט געגעבן די תורה אויפן בארג סיני. (חתם סופר)

„ושבתה הארץ שבת לה'" דעם שמיטה־יאהר איז געווען א געלעגנהייט זיך אויפצוהייבן פון די גשמיות. מ'האט מפקיר געווען די פעלדער, מ'האט עס אלעס אוועק געגעבן די ארימע לייט. דער „זיך" איז פארשוואונדן געווארן. עס האט זיך דערשפירט די הויכקייט פון השי"ת. דעם יאהר האט מען זיך געקענט אפגעבן צו עבודת ה'.

אזוי ווי דער שבת איז אין די גאנצע וואך, אזוי איז דער שמיטה אין די זיבן יאהר. מ'האט מפקיר געווען דאס אייגענע ווילן לה' ותורתו. ושבתה הארץ, די ארציות די ערדישקייט האט זיך אפגעשטעלט פארן אויבערשטן צו ווייזן אז עס עקזיסטירט נישט אייגענע קנינים, אלעס איז פון אויבן ווייל „לי הכסף ולי הזהב" אלע גאלד און זילבער געהער צו השי"ת און נישט אונזער הארוואניע שאפט עס אלעס.

אין די פרשה רעדט זיך טאקע פון דעם איסור פון נעמען רבית· וואס ציוגט אויף שוואכע אמונה און בטחון· דאס שטאמט פונ׳ם געדאנק אז דאס פארמעגן איז „מיינע״ דעריבער אז עס געהט איבער צו א צווייטן מוז מיר יענער געבן פראצענט···

זאגט די תורה „אני ה׳ אלוקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים״ איהר זענט געוועהן אמאהל א שקלאפן־פאלק און איך האב אייך באפרייט און געמאכט פאר א פאלק, א סגולה מכל העמים, „לתת לכם את ארץ כנען, להיות לכם לאלוקים״ די לאנד האב איך אייך געגעבן צו קעניגן אויף אייך· צו זיין א ג־ט אויף אייך, איך האב אייך נישט געגעבן די לאנד פאר „זיך״ אז ביי „יענעם״ זאל מען שינדן די הויט! נישט אויף דעם האב איך אייך ארויס־געצויגן פון מצרים, די לאנד איז נישט נאר פאר די גבירים!···

ויראת מאלוקיך!

## די ערד פארריכט איהר חילול שבת

ושבתה הארץ שבת לה׳ דער טעם פון דער מצוה שמיטה איז, כדי די ערד זאל זיך אברוהען פאר די שבתים אין וועלכע זי גיט ארויס געוואוקסען און טהוט א מלאכה.

אין יעדן יאהר (לויט די ימות החמה) איז פערהאן דרייהונדערט פינעף און זעכציג טעג צווישן וועלכע ס׳זענען פערהאן צוויי און פופציג שבתים. אין זיבן יאהר זענען לויט דעם חשבון פערהאן דרייהונדערט פיער און זעכציג שבתים. ווייל די ערד טהוט איהר ארבייט אויך אין די שבתים מוז זי דעריבער זיך אויסרוהען א גאנץ שמיטה־יאהר פון דרייהונדערט פינעף און זעכציג טעג. א קעגן די שבתים וואס זי האט נישט אבגעהיטן···

(מטה משה סי׳ תעג)

## הקב״ה און די אידן

כי גרים ותושבים אתם עמדי איך מיט אייך — זאגט השי״ת — זענען שטענדיג צווישן זיך אין דער באציהונג פון גרים ותושבים. אויב איהר האלט זיך אויף דער וועלט ווי גרים, איהר געדענקט אז איהר זענט נאר דא צייטווייליג ווי אין א פרוזדור דאמאלט בין איך ביי אייך א תושב, איז מיין שכינה א שטענדיגער איינוואוינער ביי אייך. אויב אבער איהר האלט זיך אויף דער וועלט ווי תושבים, ווי פעסטע איינגעבירגעטע אייגענ־טימער, דאמאלט בין איך ביי אייך ווי א גר···

יעדענפאלס זענען מיר ביידע גרים און תושבים. אדער איהר די גרים און איך דער תושב. אדער איהר די תושבים און איך דער גר···

(אהל יעקב)

## א ראיה פון פסוק

ונתנה הארץ יבולה ועץ השדה יתן פריו עץ השדה הן אילני סרק שעתידין לעשות פרי (רש״י). דער דין איז אז אויב מען מאכט אויף בוים־פירות א בורא פרי האדמה איז מען אויך יוצא, ווייל אפילו די פרוכטען פון בוימער וואקסן אויף פון די ערד.

ווען דא שטעהט שוין ונתנה הארץ יבולה, איז דאך ממילא שוין בכלל אפילו די פרוכטען פון די בוימער. פארוואס דארף נאכאמאהל שטעהן ועץ השדה יתן פריו — נאר מ׳וז זיין אז עץ השדה מיינט מען נישט קיין פרוכטען בוימער נאר אילני סרק...

(ילקוט האורים בשם שארית יעקב)

## האנדלען ווי א איד

וכי תמכרו לעמיתך או קנה מיד עמיתך אויב מען האנדלט ערליך לויט ווי די תורה האט באפוילן און מען היט זיך אפ פון אונאה, רבית און פאלשע וואג — איז דאס אליין א גרויסע און א הייליגע עבודה.

און אזוי האט געזאגט דער בעש״ט ז״ל: מה דאך ווען איינער לערנט די משנה „המחליף פרה בחמור" (בבא מציעא ק׳) איז עס זעהר חשוב פאר השי״ת ווייל ער לערנט דאך זיין תורה, מכל־שכן דער וואס איז פאקטיש א מחליף פרה בחמור און ער היט דערביי אב די דינים פון די תורה, איז עס דאך געוויס א גרויסע און א חשובה עבודה פאר השי״ת.

(מאור עינים)

רבי נפתלי ראפשיצער

**ולא תונו איש את עמיתו. על־פי־דין — דארף מען יענעם נישט נארן; לפנים משורת הדין איז — מען זאל אויך זיך אליין נישט נארן...**

## נישט אפנארן אויף קיין פאל

ולא תונו איש את עמיתו ויראת מאלוקיך כי אני ה׳ אלוקיכם עס שטעהט דאך שוין פריהער (אין פסוק י״ד) „אל תונו איש את אחיו", צו וואס שטעהט עס נאכאמאל?

נאר פריהער רעדט זיך ווען נישט אפנארן א צוייטן איד, אן ערליכער מאן, דא אבער ווארנט די תורה אפילו ווען יענער איז „עמיתו" — זיינס א חבר, אזא שווינדלער ווי ער, ער האט שוין אפילו איהם אליין אפגענארט, קען מען דאך האבן א היתר, איהם צוריק אבצונארן, ווייל ער האט איהם אויך גענארט — דאך טאר מען איהם נישט אבנארן.

דעריבער פיהרט דער פסוק אויס: ויראת מאלוקיך — כאטש פאר איהם האסטו נישט קיין מורא, ווייל ער האט דיך אויך באשווינדלט, אבער דו דארפסט מורא האבן פאר ג־ט — כי אני ה׳ אלוקיך — איך בין אייער ביידענ׳ס ג־ט, און איך וועל זיך אברעכנען סיי מיט איהם וואס ער האט דיך אבגענארט און סיי מיט דיר וואס דו וועסט איהם נארן.

(בינה לעתים)

## נישט אפנארן קיינעם

ולא תונו איש את עמיתו די חז״ל דערצעהלן: שמואל האט געקויפט ביי א גוי א גאלדען קריגעל פאר א אייזערנעם, און ביים באצאהלן דערפאר פיער גולדן האט ער איהם

מבליע געווען איין גולדן (בבא קמא קי״ז).

איז דאך א פלא: פארוואס האט שמואל אבגענארט דעם גוי און נאך איהם צוגע־גאולט איין גולדן? און בעיקר צו וואס דערצעהלן אונז דאס די חז״ל?

זאגט הגאון רבי נתן אדלער זצ״ל: די חז״ל דערצעהלן דאס גרויסע צדקות פון שמואל׳ן. שמואל האט געזעהן אז דער גוי האט צו פארקויפן א קריגל וואס איז א גאלדען און איז ווערט זעהר פיעל געלד און ער הייסט זיך נאר געבן פיער גולדן. האט שמואל נישט געוואוסט וואס געהט דא פאר, צו דער גוי ווייסט נישט אז ס׳איז גאלד, נאר ער מיינט אז ס׳איז אייזן. דעריבער הייסט ער זיך געבן אזוי ווייניג, מוז מען איהם דאך אויפקלערן דעם אמת, כדי איהם נישט אבצונארן, אדער ער ווייסט יא אז דאס איז גאלד נאר ער האט דאס געגנב׳עט און אלס גניבה פארקויפט ער דאס אזוי ביליג, ממילא איז דאך א מצוה דאס אבצוקויפן פון איהם אזוי ביליג, כדי עס מציל צו זיין און עס אבגעבן דעם אייגנטימער.

האט זיך שמואל א עצה געגעבן און ער האט איהם אנשטאט פיער גולדן מבליע געווען נאך א גולדן און געגעבן פינעף (מבליע — הייסט אז מ׳גיט מעהר וויא ס׳קומט, נאר מ׳זאגט עס נישט אויס אזוי וויא: מבליע דמי אתרוג בלולב (סוכה ל״ט), כדי דערמיט אויסצופרובן דעם גוי: וועט ער איהם צוריק געבן דעם גולדן וואס ער האט איהם געגעבן מעהר וויא ער האט פארלאנגט, איז דאך א סימן אז ער איז א עהרליכער מאן, איז דאך א בעוויז, דאס ער ווייסט נישט אז עס איז גאלד נאר ער מיינט אז ס׳איז אייזן, ממילא וועט ער איהם צוזאָהלן דעם אונטערשייד, אויב אבער ער וועט איהם נישט צוריק געבן דעם גולדן, איז א בעוויז אז ער איז א גנב און דאס קריגל איז אויך ביי איהם א גניבה.

דערצעהלן עס טאקע די חז״ל, וויא ווייט אונזערע תנאים און אמוראים זענען געווען נזהר אין די דינים פון אונאה אפילו אין באצוג פון א גוי, און מיט וויפיל חכמה זיי האבן זיך באנוצט אין זייערע טאג־טעגליכע מעשים.

## דער אויבערשטער אליין העלפט

ואיש כי לא יהיה לו גואל והשיגה ידו ומצא כדי גאולתו. די תורה איז מבטיח, אז דער וואס וועט נישט האבן קיינעם וואס זאל איהם אויסלייזן, וועט איהם זיכער השי״ת העלפן אז ער וועט זיך אליין קענען אויסלייזן. (ספרים)

## ווען מ׳פרעגט נישט מאכט מען בעסער

וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתנו וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית ועשת את התבואה לשלש השנים. אויב זיי וועלן פרעגן „מה נאכל״ — וועט השי״ת מוזן ערשט בעפעהלן די ברכה, וואלטן זיי אבער געהאט תמימות׳דיגע אמונה און נישט געפרעגט קיין קשיות וואלט די ברכה ממילא שוין געווען.

(נועם אלימלך בשם אחיו הה״ק זושא ז״ל)

## א טעם אויף דעם דין

ואיש כי ימכור בית מושב עיר חומה ימים תהי׳ גאולתו פאר וואס איז אנדערש

דער דין ביי א עיר חומה אז מ'קען דאס הויז נישט אויסלייזען לענגער ווי א יאהר, און אפילו אין יובל געהט עס נישט צוריק?

ווייל די ערי־חומה זענען געווען פעסטונגען, וועלכע האבן בעדארפן באשיצן פון דעם שונא בעת אנ'אנפאל. די איינוואוינער האבן דעריבער געדארפט זיין גוט באקאנט, מיט אלע געהיימע געננ, היילן און באהעלטענישן פון דער שטאט. זיי האבן אויך זיך געמוזט גוט קענען איינער מיט'ן צווייטן, כדי צו וויסן ווי אזוי זיך צוזאמען צו האלטן און צו שיצן זיך ביי אנ'אנגריף פון'ם שונא.

ווען עס וואלטן די פארקויפטע הייזער צוריקגעגאנגען צו די ערשטע בעלי־בתים אין יובל, וואלט אויסגעקומען אז זיי וואלטן אויספערקויפט א סאך הייזער און עס וועלען אריין קומען פיל נייע איינוואוינער, פרעמדע מענטשן וואס קענען גארנישט דעם שטאדט און דער פעסטונגס־שוץ וואלט געווען בעדראהט. דעריבער האט די תורה געגעבן א צייט פון א יאהר, צוריקצוקויפן דאס הויז, און דערנאך וועט עס שוין מוחלט צום קונה, כדי זיי זאלן נישט אזוי לייכט פארקויפן זייערע הייזער און בלייבן שטענדיגע איינוואוינער צו שיצן די שטאדט.

(משך חכמה)

## אבער פון א גוי מאכט נישט אויס — פאר וואס?

ביי איסור רבית האט די תורה געשטעלט „אחיך" ממעט צו זיין אז ביי א נישט־איד מעג מען נעמען רבית, אזוי וויא ס'שטעהט בפירוש: לנכרי תשיך (דברים כ"ג).

פארוואס איז עס טאקי דער איסור רבית אנדערש וויא דער איסור גניבה וגזילה וואס איז אסור אויך ביי א נישט איד (זעה חושן משפט סימן שמ"ח שנ"ט)?

נאר דאס בארגן א גמילות־חסד איז אזא מין געגנזייטיגער האנדעלס־אבמאך וואס איז נוהג ביי סוחרים. ווען איינער האט ליגן א טאג צוויי פריי געלד, בארגט ער עס א גוטן פריינד און דער פאר ווען יענער האט ווידער ליגן פריי געלד בארגט ער עס איהם. דאס איז אלץ צווישן אידן וואס אלע האבן צוזאמען מקבל געווען די תורה, און מצוות, ממילא פארפליכטעט יעדן פון זיי דאס געגנזייטיגע זיך טהון גמילות־חסדים. דאגעגן די אומות העולם וואס האבן נישט געוואלט מקבל זיין די תורה, איז עס דאך געגן יעדן האנדלס־יסוד אז מיר זאלן די צאהלן פראצענטן, דאגעגן זאלן מיר ביי זיי נישט טארן נעמען — דאס וואלט דאך געשאפן א פריווילעגירטע שטעלונג פון אלע פעלקער געגן אידן, און ס'וואלט געשעדיגט זייער ווירטשאפטליכן עקזיסטענץ — דעריבער איז לנכרי תשיך...

(קטרת סמים)

ס'קען זיין אז דעריבער דרש'ענען די חז"ל: ראה ויתר גוים — ראה שבע מצות שקבלו עליהם בני נח כיון שלא קיימו אותן עמד והתיר ממונם לישראל (בבא קמא ל"ח) — ווייל יענע אומות וואס היטן נישט אב די שבע מצות, צווישן וועלכע ס'איז אויך פערהאן די מצוה פון גזל, און זיי רויבן און פלינדערן אידיש האב און גוט'ס, האט דאך נישט מעהר קיין זין זיין נזהר זייערס נישט אנצוריהרן. (אמרי א"ש)

אמרות טהורות

וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו. די העכסטע מדרגה פון צדקה איז, ווען דו העלפסט דיין פריינד אין א מאמענט פון „עמך", בשעת אויך דו זעלבסט געפינסט זיך בשפל־המדרגה. און דאס איז די כונה פון פסוק: „אשרי משכיל אל דל ביום רעה" — אין א צייט, ווען אויך ער, דער נותן, געפינט זיך אין א „יום רעה"!

שמן המור

ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים. ווי שלעכט די אידן זאלן זיך נישט אויפפיהרן און ווי נידריג זיי זאלן נישט האבן געפאלן, אבער „בהיותם בארץ אויביהם", בשעת זיי וועלן זיצן אין לאנד פון זייערע שונאים, וועט זיך דאן ארויסווייזן, אז יענע וועלן אין זייערע מעשים און מדות פיל, פיל ערגער פון זיי!

אמרות טהורות

ושב לאחוזתו. צו א געוועסן רב זענען אמאל געקומען צוויי בעלי־דינים, וועלכע האבן געהאט צווישן זיך א סכסוך וועגן א שטח ערד. יעדער פון זיי האט גע'טענה'ט: „כולה שלי"! — דער פלאץ איז מיינער! דער רב, זעהענדיג, ווי זיי זענען איינגע'עקשנ'ט און ווילן צווישן זיך נישט דורכקומען, האט זיך איינגעבויגן צו דער ערד, צוגעלעגט צו איהר דאס אויער און זיך אנגערופן:

— רבותי, מיר האבן דא נאך א דריטן בעל־דין! די ערד טענה'ט, אז איהר זענט בידע איהרע!

רבי אברהם סאכטשאבער

ואתכם אזרה בגוים. סיי ביי גלות־בבל, סיי אינ'ם לעצטן גלות איז נגזר געווארן, אז אידן זאלן זיין מפוזר ומפורד איבער דער וועלט; בלויז אין גלות־מצרים זענען די אידן קאנצענטרירט געווען אין איין ארט — אין גושן, ווייל דאמאלס איז נאך געווען פאר מתן־תורה, און אהן דער תורה וואלטן די אידן, אויב זיי זענען מפוזר, קיין תקומה נישט געהאט. ח"ו.

אינ'ם שמיטה־יאהר אליין זענען דאך אבער אויך פערהאן צוויי און פופציג שבתים אין וועלכע די ערד גיט אויך ארויס די ספיחים, איז דאך ווייטער פערהאן א שטיקל חילול־שבת — האט דעריבער די תורה באפוילן אז ווען עס געהן אריבער זיבן שמיטה יאהרן און ס'האבן זיך ווידער אנגעזאמלט דריי הונדערט פינעף און זעכציג, נישט וויא געהעריג דורך הער ערד געוועהנטע שבתים, זאל זיין איין יאהר יובל, וועט דער ערד ווידער זיך אברוהען א יאהר, און מקיים זיין די שבתים וואס זי האט נישט מקיים געווען אין די זיבן שמיטה יאהרן וואס זענען א דורך געגאנגען אין די ניין און פערציג יאהר... (שם)

## לערנען תורה היט פון עבירות

אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמורו. **אויב איהר וועט זיך בעמיהען אין דער תורה און עוסק זיין אין איהר, וועט איך לייכט אנקומען אפצוהיטן מיינע מצוות לא־תעשה, דער עסק התורה אליין איז מציל פון יצר־הרע, ווי די חז"ל זאגן: "בעידנא דקעסיק בה אגוני ומצלא.** (מלא העומר)

**אַ מלך האָט געזאָגט: גליקלעך זייט איר אידן מיט אייער תורה**

אין ספר "מעשה אברהם" ווערט אַזאַ מעשה געבראַכט, אַז הרב אברבנאל איז געווען אַ גרויסער חשוב ביי דעם מלך פון ספרד. איינמאָל האָט דער מלך פאַרלאַנגט אַז הרב זאָל מיט אים עסן ביי זיין טיש אַזעלכע מאכלים וואָס מען קאָכט צו הרב ביי הרב אין דער היים. און מען זאָל די מאכלים ברענגען צו דעם מלך און הרב זאָל ביי דעם טיש פון דעם מלך די מאכלים עסן. און דער מלך האָט באַפוילן צו זיינע קנעכט אַז זיי זאָלן קאָכן די זעלבע מאכלים וואָס מען קאָכט ביי הרב. אויך האָט דער מלך געהייסן מאַכן אַז די דעק פון דעם טיש זאָל זיך גרינג קענען דרייען. און אַזוי ווי זיי האָבן געגעסן האָט דער מלך געזאָגט צו הרב, אַז ער זאָל זען אין דעם פענסטער. און ווי הרב האָט געקוקט צו דעם פענסטער, האָט דער מלך געטאָן אַ דריי די דעק פון דעם טיש, איז די שיסל פון דעם מלך געקומען פאַר הרב. און הרב האָט אין דעם נישט געפילט. און ווי זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צום עסן האָט הרב נישט געוואָלט מער פון דעם מאכל עסן. האָט זיך דער מלך אויף אים געבייזערט פאַרוואָס ער עסט נישט פון אַ מאכל וואָס עס איז כשר וואָס מען האָט דאָס מאכל פון זיין היים געבראַכט. האָט הרב געענטפערט, אַזוי איז ביי אונז דער דין, אַז פלייש וואָס עס ווערט פאַרהוילן פון דעם אויג איז אסור, דעריבער קען איך נישט דאָס מאכל עסן, ווייל איך האָב אין מיטן דעם עסן געקוקט צו דעם פענסטער. האָט זיך דער מלך אויף אים נאָך מער געבייזערט, און הרב האָט אים נישט געוואָלט צוהערן. אַזוי האָט דער מלך אים געקושט אויף זיין קאָפּ און האָט צו אים געזאָגט, גליקלעך זייט איר אידן מיט אייער תורה.

**וואָס הייסט תורה לשמה**

בשם הבעש"ט זצוק"ל, אַז דער וואָס האָט מורא פאַר השי"ת און לערנט תורה לשמה, האָט אַ דיבור קדוש, היינו השי"ת איז מקיים וואָס ער זאָגט.

אַזוי ווי אין ספר "שלשלת הקבלה" ווערט געבראַכט אַ

סיפור: אין צרפת איז געווען א שר, זיין נאמען איז געווען גוטפרידו. ער איז געווען א גבור און א איש מלחמה. ער איז געווען א גרויסער אכזר. אין דער צייט האט מען געהערט די חכמה פון רש"י צווישן אלע פעלקער. אלע פלעגן פון אים פרעגן אן עצה. האט דער שר געשיקט צו רש"י אז ער זאל צו אים קומען. האט רש"י צו אים נישט געוואלט גיין, ווארום רש"י האט גוט געקענט דעם מענטש. איז דער שר געווארן אין צארן, און איז געריטן מיט זיין גאנץ חיל צו דעם הויז פון רש"י און איז געגאנגען ביז צו זיין בית המדרש. דער שר האט געטראפן אלע טויערן אויפגעמאכט און אויך די ספרים זיינען געווען אויפגעמאכט, און האט נישט געזען קיין שום מענטש. האט דער שר געהויפן מיט א גרוים קול, שלמה, שלמה. האט רש"י אים געענטפערט, וואס פארלאנגט מיין הער. האט דער שר געזאגט, וואו ביסטו. האט רש"י געענטפערט, איך בין דא. אזוי האט ער געטאן פיל מאל.

האט זיך דער שר זייער פארוואונדערט און איז ארויסגעגאנגען פון דעם בית המדרש און האט געפרעגט, אויב דא געפינט זיך א יהודי. איז פאר דעם שר געקומען איינער פון זיינע תלמידים. האט דער שר צו אים געזאגט, זאג צו דיין רבי'ן, אז ער זאל צו מיר קומען, און איך שווער ביי מיין קאפ אז איך וועל אים שאטן. האט רש"י גענידערט צו דעם שר און האט זיך פאר אים געבוקט. האט דער שר צו אים געזאגט, איצטער האב איך געזען דיין הכמה, און איך פארלאנג אז דו זאלסט מיר אן עצה געבן וואס איך זאל טאן. היינו איך האב אנגעברייט הונדערט טויזנט רייטער און צוויי הונדערט גרויסע שיפן און מיין רצון איז צו באצווינגען די שטאט ירושלים, אויך אין דער שטאט עקרון האב איך זיבן טויזנט אנדערע רייטער און איך בין פארזיכערט אין גאט אז איך, וועל מנצח זיין די ישמעאלים וואס זיי זיצן דארט. ווייל זיי זיינען נישט בקי אין חכמת המלחמה. על כן זאלסטו מיר זאגן דיין דיעה, און זאלסט זיך גארנישט שרעקן.

האט אים רש"י געענטפערט מיט ווייניק רייד: דו וועסט גיין און וועסט באצווינגען די שטאט ירושלים און וועסט איבער איר קיניגן דריי טעג. אין דעם פערטן טאג וועלן דיך די ישמעאלים פון דארט ארויסטרייבן און דו וועסט פון דארט אנטלויפן און דו וועסט אין דער שטאט צוריקקערן מיט דריי פערד. האט דער שר זייער געזיפצט און האט געזאגט: עס קען זיין אז דיינע רייד וועלן זיין אמת, נאר אבער אז איך וועל צוריקקומען מיט פיר

פערד וועל איך געבן דיין פלייש פאר די הינט, און וועל אוים־הרג'נען אלע יהודים וואס זיינען אין צרפת.

האט זיך אים געטראפן אזוי ווי רש"י האט אים געזאגט, און איז צוריקגעקומען מיט דריי פערד א חוץ זיין פערד נאך פיל מלחמות וואס ער האט געהאט. די מלחמה האט געדויערט פיר יאר. האט ער געדענקט די רייד פון רש"י. און עס איז געווען אין זיין דיעה ער זאל אים שלעכטס טאן, ווייל ער איז פארט צוריק־געקומען מיט פיר פערד. נאר השי"ת האט פארשטערט זיין עצה, ווייל בשעת ער איז אריינגעגאנגען אין טויער פון דער שטאט, איז פון דעם טויער אראפגעפאלן א שטיין און האט גע'הרג'ט איינעם פון זיינע חבירים מיט דעם פערד וואס ער האט דערויף געריטן. איז דער שר געבליבן דערשראקן און האט מודה געווען אז עס איז אמת וואס רש"י האט געזאגט, און איז געגאנגען צו רש"י ער זאל זיך פאר רש"י בוקן. פאר זיין אהיים גיין האט ער געטראפן דאס רש"י איז נפטר געווארן. האט ער אויף אים זייער געטרויערט.

**גרויסקייט און הייליקייט פון צדיקים**

הגה"ק ר' אברהם סבע הספרדי איז איינמאל געפארן ערגעץ אויף א שיף. אין מיטן וועג איז אויסגעבראכן אויפן ים א גרויסער שטורעם און די גרויסע כוואליעס האבן געשליידערט די שיף און געדראט צו זינקען די שיף מיט אלע מענטשן. איז דער קאפיטאן פון דער שיף (וועלכער האט דערקענט אז ר' אברהם איז א הייליקער מענטש) געפאלן מיט גרויס געבעט פאר ר' אברהם, אז ער זאל מיט זיין תפילה צו השי"ת זיי אלעמען ראטעווען פון דער טויט-געפאר. האט אים ר' אברהם געענטפערט, אז ער וועט זיי ראטעווען נאר אויף דעם באדינג, ווען דער קאפיטאן זאל צוזאגן, אז אויב ער, ר' אברהם, וועט שטארבן אויף דער שיף, זאל מען זיין קערפער ניט אריינווארפן אין ים (ווי עס איז אנגענומען צו פירן זיך ווען א מענטש שטארבט ח"ו אויף א שיף), נאר אין איינער פון די אידישע שטעט — וועט זיי דאן קיין שאדן ניט קומען פון דעם שטורעם. האט אים דער קאפיטאן צוגעשוואוירן אויף דעם. דאן האט הגה"ק ר' אברהם תפילה געטאן צו דעם איבערשטן און דער ים ׳ יט זיך באלד איינגעשטילט. איבער צוויי טעג ארום נאכן

שטורעם איז ער נפטר געווארן. די שיף איז שוין דאן געווען נאענט צו דער שטאט ווירנא און דער קאפיטאן האט געהאלטן זיין צוזאג. ער האט זיך באמיט און געבראכט דעם הייליקן קערפער פון הגה"ק אין דער שטאט ווירנא, וואו אידן האבן אים מקבר געווען בכבוד גדול.

(שה"ג, מע"ג, אות א׳

## הארוועץ אויף תורה

„אם בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמורו", זאגט רש"י אויפן ערשטן האלבן פסוק וואס איז „אם בחוקותי תלכו" שתהיו עמלים בתורה איהר זאלט הארוועץ אויף לערנען תורה!

און וואו איז „את מצוותי תשמורו" — אויף קיום המצות דארף מען נישט הארוועץ?

— נאר איין זאך איז אפהענגיק אין די צווייטע. אויב מ׳הארוועט אין תורה, מ׳ווערט באקאנט אין אלע הלכות וואס מ׳דארף וויסן, וואס דאס קומט אן געגוג שווער מיט שוויס, אויב תהיו עמלים בתורה — איז פיהל גרינגער „את מצוותי תשמורו". לא עם הארץ „חסיד" אז מ׳וויל מקיים זיין די מצוות, מוז מען גרונדליך לערנען תורה. אומגעקערט: אויב מ׳לערנט נישט און מ׳הארוועט נישט ווי עס באדארף צו זיין איז טאקע דער שמירת המצות זעהר שווער, מ׳ווייסט נישט וואס מ׳מעג און וואס מ׳טאר נישט!

אזוי איז עס ווען די תורה געהט פאראויס פירט זיך דער קיום המצות אונגעשטערט. אבער נישט נאר ביי מצוות, ביי אלע ענינים ווען מ׳לערנט תורה איז אלעס גרינגער, מ׳ווייסט ווי זיך צו פירן, און מ׳געהט אין גלייכן וועג.

דער מדרש אין היינטיגע פרשה זאגט אויפן פסוק (תהילים) „חשבתי דרכי ואשי־בה רגלי אל עדותיך", אמר דוד רבונו של עולם, בכל יום ויום הייתי מחשב ואומר למקום פלוני ולבית דירה פלונית אני הולך והיו רגלי מביאות אותי לבתי כנסיות ולבתי מדרשות. וואו דוד המלך האט געוואלט געהן האבן איהם זיינע פיס געפירט אין בית־מדרש!

עס איז נישט צופארשטיין: איז דוד המלך נישט געגאנגען אין קיין ארט? ער האט דאך געפירט א גאנצע קעניגטהום? איז ער שטענדיג געגאנגען נאר אין בית מדרש?

נאר עס ווערט געטייטשט: וואו דוד האט געדארפט געהן, וואס ער האט געדארפט טהון וועגן מלוכה ענינים און אנדערע זאכן — שטענדיג איז ער געגאנגען פריער אין בית מדרש. בעפאר אלע טהאטן האט ער תורה געלערנט, האט ער געוואוסט גינוי ווי צו טהון און וואס צו טהון.

אם בחוקותי תלכו אויב מ׳לערנט תורה מען הארוועט אויף איהר — איז את מצוותי תשמורו, קען מען מקיים זיין די מצוות און מ׳ווייסט בכלל ווי זיך צו פירן.

המשחיר פניו על דברי תורה בעולם הזה הקב"ה מבהיק זיו לעולם הבא
(סנהדרין ק')
דער וואס ווערט פארפינצטערט צוליב דער תורה אויף דער וועלט דא — אויף דעם וועט לייכטן דער זיו השכינה לעולם הבא.

דער מענטש דארף וויסן אז ער איז נישט געבארן געווארן אויף די וועלט צום רוהען, דא איז מען צו הארעווען און טהון. דער מענטש זאל זיך נישט פירן נאר ווי ארבעטארער וועלכע טהוען זייער ארבעט ביי זייער בעל־הבית, און ווי זעלנער אין קריג וואס זייער עסן איז איילינ און שלאפן ווי ציטווייליג, און שטענדיג זענען די גרייט צום שלאכט. אזוי שטעהט אין איוב „אדם לעמל יולד" דער מענטש איז געבארן געווארן צום הארעווען

ווען דער מענטש וועט זיך איינגעוואוינען מיט אזא פירונג, וועט פאר איהם די עבודת ה' גרינג זיין ווייל ער דארף זיך נישט פיהל גרייטן צו איהר.

ווי זאגן די חז"ל אזוי איז די וועג פון תורה־לערנען ברויט מיט זאלץ, וואסער מיט א מאס, שלאפן אויף די ערד — דערווייטערן זיך פון רוהונגען און פארגעניגנס! אט אזוי קען מען צוקומען צו די תורה.

•

און נאך עפעס איז געגן פעהיגקייט — פארכטן זיך פאר די צייט־פאסירונגען, דא האט מען מורא פאר קעלט און דא שרעקט איהם איבער די היץ און דא אנדערע געשעהנישן, דא איז ווינטן און דא אנדערע צרות. אט אזוי זאגט שלמה המלך (משלי כ"ו) דער פוילער זאגט דער לייב איז אין וועג ער דרעהט זיך אין די גאסן. די חז"ל פארבינדן דעם נאטור פון שרעקן זיך צו די זינד שטיצנדיג זיך אויפן פסוק (ישעיה ל"ב) די זינדיגע אין ציון האבן זיך דערשראקן, און די חנפים האט אנגעכאפט א ציטער! איינער פון די גדולים האט געזאגט זיין תלמיד ווען ער האט זיך געשראקן: ביזט א זינדיגער!

נאר ווי עס שטעהט אין פסוק (תהילים ל"ז) פארלאז זיך אויף השי"ת טהו גוטעס, רוה זיך אין דיין לאנד און שטארק זיך אין דיין גלויבן אין ג־ט!
(פון מסילת ישרים פרק ט')

מענטשן ווערן אמאהל מיואש, וואס, זיי לערנען תורה און פארגעסן נאכער. דער כח פון שכחה איז דאך גרויס און די מענטשן טראכטן, וואס האבן מיר פון אונזער לערנען אז מיר פארגעסן עס!

אויף דעם איז צוגעפאסט דער באוואוסטער משל: איינער האט געדונגען מענטשן זיי זאלן אנפיהלן א פאס מיט וואסער, און די פאס איז געווען מיט א לאך אונטן, און וויפיל מ'האט אריינגעגאסן, האט זיך אויסגעגאסן. האבן די מענטשן געזאגט: פאר וואס דארפן מיר הארעווען אומזיסט עס גיסט זיך דאך סייווי אויס יעדן מאהל? האט זיי איינער א חכם געזאגט: וואס הארט אייך, מ'באצאהלט דאך אייך דערפאר מ'האט אייך געדונגען אנ־

צופיהלן יעדן טאג די פאס מיט וואסער. צו עס בליבט צו עס גיסט זיך אויס — אייער געהאלט וועט איהר באקומען!

די זעלבע מיט תורה לערנען. דער מענטש איז געדונגען פון השי״ת צו לערנען יעדן טאג און אנפיהלן דעם מוח מיט תורה. צו ער געדיינקט עס. צו ער פארגעסט עס — זיין שכר וועט נישט געמינערט ווערן!

(לויט רבי נחמן ברעסלווער זצ״ל).

## די ברכה פון זעטיגקייט

ואכלתם לחמכם לשובע וישבתם לבטח בארצכם די חז״ל זאגן: אכול שליש ושתה שליש והנח שליש שאם תכעוס תעמוד על מילואך (גטין ע׳) — מען זאל שטענדיג נישט פול זיך אנעסען, ווייל ווען מען איז אין כעס ווערט דער מענטש אנגעבלאזן קען עס איהם שאדענען. דריבער זאל מען איבערלאזען א דריטען ליידיג, כדי ער זאל נישט קומען צו א סכנה בשעת ער וועט אריינפאלען אין כעס.

זאגט דעריבער די תורה: ואכלתם לשובע — איהר וועט קענען עסען פיל צו דער זעט, און נישט דארפען מורא האבען פאר׳ן כעס, ווייל — וישבתם לבטח בארצכם — איהר וועט זיצען רוהיג אין אייער לאנד ווי ס׳וועט נישט זיין קיין כעס און דערנערווירונג. (תפארת יהונתן)

✶

עהנליך דערצו האט אויך געטייטש דער בעש״ט ז״ל דעם פסוק: „יאכלו ענוים וישבעו״ (תהלים כב־כז) נור די ענוים, וואס האלטען זיך נידריג און זענען ממילא קיינמאל נישט אין כעס אויף קיינעם, די קענען עסען צו דער זאט און האבן נישט קיין מורא פאר דעם „שאם תכעוס על מילואך״ אבער די בעלי גאה וואס פאלען אריין אין כעס, מוזען זיך היטען נישט צו עסען צו דער גאנצער זעט... (דגל מחנה אפרים).

## פאר וואס הייסט עס א קללה?

והכרתי את חמניכם (כו־ל) וואס איז עס פאר א קללה אז די עבודה זרה וועט פערניכטעט ווערען?

נור, דער רבי ר׳ בונם פון פשיסחא ז״ל האט געזאגט, אז דעמאלט ווען ס׳איז בטל געווארען דער יצר הרע פון עבודה זרה, איז אויך בטל געווארען אין א געוויסער מאס דער כח ההתלהבות צו דער קדושה, ווייל „זה לעומת זה עשה האלהים״ (קהלת ז—יד) כדי די בחירה זאל זיין מיט א גלייכגעוויכט.

קומט דאך אויס אז דורך דעם וואס יודען זענען נאכגעשלעפט געווארען נאך דער עבודה־זרה און מען האט געמוזט איהר פערניכטען, איז אויך שוואכער געווארען דאס התלהבות אין דער קדושה — איז דאס אליין שוין א שטיקעל קללה... (שפתי צדק).

✶

דערמיט איז צו פערשטעהן דאס וואס די חז״ל זאגען אז בעת ס׳איז בטל געווארען דער יצר הרע פון עבודה־זרה — נפיק כגוריא דנורא מבית קדשי הקדשים — איז ארויס געלאפען אזוי ווי א פייערדיגער לייב פון קדשי קדשים. האט דער נביא געזאגט: אט דאס איז עס דער שטארקער יצה״ר וואס האט מענטשען געשלעפט צו דינען דער עבודה־זרה.

איז דאך שווער, ווי קומט דער יצר הרע פון עבודה־זרה אין קדשי קדשים אריין?

נור, די כוונה איז, אז בעת ס׳איז בטל געווארען דער פייערדיגער חשק צו עבודה־זרה איז ממילא ארויס אויך דאס שטארקע ברענענדיגע פייער פון התלהבות צו דברים שבקדושה, און דאס הייסט פון קדשי־קדשים. (אבני אזל)

### ווען ס׳איז שלום איז מען רוהיג

ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד. אז ס׳וועט זיין שלום אויף דער וועלט (נישט „בארצכם" נאר „בארץ") וועט איהר אויך שלאפן רוהיג. אויב ס׳איז נאר א מלחמה אויף דער וועלט ליידן אידן אממייסטן. (לויט׳ן אור החיים)

### ביי א מיוחס איז די עבירה גרעסער

וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכר והארץ אזכר. ווי קומט דאס אין דער תוכחה?

נאר אויב איהר האט געהאט אזעלכע זיידעס ווי אברהם, יעצחק ויעקב און איהר האט געהאט אזא לאנד ווי ארץ ישראל איז אייער חטא פיהל גרעסער. אויב א קינד פון א מיוחס׳דיגע משפחה, וואס איז ערצויגן אין קעניגליכן פאלאץ זינדיגט אנטקעגן דעם מלך, איז זיין חטא פיהל גרעסער ווי דער חטא פון א פראסטן פויער וואס איז ערצויגן אין דארף. (של״ה הקדוש)

## די שיין במדבר פון די ליכט

### אזוי ווי דער מדבר

אויף „במדבר סיני" זאגן די חז״ל אין מדרש אז השי״ת האט נישט געוואלט מאכן רוהען די שכינה, נישט אויף׳ן ים און נישט אויף די בערג, נור אין דער מדבר, דעריבער זאגט דער פסוק: „ישושום מדבר וצי׳" (ישעי׳ ל״ה).

די כוונה איז אז השי״ת מאכט נור רוהען זיין שכינה אויף אזעלכן וואס האלט זיך ווי א מדבר. ער ווייסט אז וויפיל ער זאל שוין האבן געלערנט, האט ער דאך נאך נישט אנגעריהרט — אין דער תורה. פונקט ווי די מדבר וואס איז קיינמאהל נישט געריהרט געווארן דורך א מענטשליכע האנד, און ער ווייסט אויך אז דאס וואס ער אליין וועט נישט ארבייטן און זיך מייגע זיין אין די תורה, וועט איהם קיין צווייטער מענטש נישט קענען העלפן, פונקט ווי א מדבר וואו עס זענען קיין מענטשן צום הילף. נור א מענטש וואס ווייסט דאס דער קען זוכה זיין צו תורה און השראת־השכינה.

(אהל תורה)

### די שכינה זאל רוהען אויף די אידן.

שאו את ראש׳ די צעהלונג האט געבראכט דערצו אז די שכינה זאל רוהען אויף די אידן. ווארום יעדער האט געדענקט אז ס׳איז פערדאן א חשבון און ער איינער קען דעצידירן איבערן גורל פון דער גאנצער וועלט. ווי די חז״ל זאגן: א מענטש זאל

שטענדיג בעטראכטן אזוי ווי די מענטשן פון דער וועלט זענען העלפט זכאי און העלפט חייב און אויך ער אליין איז העלפט זכאי און העלפט חייב. טהוט ער א מצוה, איז ער מכריע זיך און דעם גאנצן וועלט לזכות. טהוט ער א עבירה איז פארקערט. דער דאזיגער חשבון פון א יעדן איינציגן אז ער איז איינער פון א גאנצער צאהל — דאס ברענגט צו תשובה און ממילא צו השראת השכינה... (של"ה הקדוש)

חדושי הרי"ם

שאו את ראש כל עדת ישראל. דעריבער האט די תורה געהייסן צעהלן די אידן, כדי בשעת זיי וועלן ווערן מפוזר ומפורד צווישן די פעלקער, זאלן זיי צווישן זיי נישט בטל ווערן, דען — "דבר שבמנין אפילו באלף לא בטל".

כלי חמדה

איש ראש לבית אבותיו הוא. נישט מיט דער הילף פון יחוס־אבות זאל ער ווערן א מנהיג, נישט דורך תקיפות און נישט מיט'ן כח פון עשירות, נאר — "ראש לבית אבותיו הוא", ער אליין זאל זיין ראוי דערצו. דער יחוס דארף זיך אנהויבן פון איהם גופא.

## די חשיבות פון יעדן איד

השי"ת זאגט משה רבינו ער זאל ציילן די אידן. זאגט רש"י "מתוך חיבתן לפניו מונה אותן בכל שעה" פון גרויס ליבשאפט צו זיין פאלק ישראל ציילט ער זיי שטענדיג.

דאס ציילן די אידן ווייזט די חשיבות פון אידישן פאלק אלס כלל און אלס פרט, ווי דער גאון מלבי"ם זצ"ל באמערקט אז דער אידישער פאלק איז צונויפגעשטעלט פון טויזנטער טויזנטער איינצעלנע וואס יעדער איינער באזונדער לויט זיין באגריף און פארשטאנד איז א שרייפאלע אין דעם גרויסן מאשין. יעדן איינער האט זיך זיין באזונדער חשיבות. אזוי וויביים מענטש־ליכן קערפער איז דא דער קאפ און די פיס. געוויינליך איז דער קאפ העכער פון אלע איברים און די פיס נידריגער, אבער אין אלגעמיין איז יעדער אבר וויכטיג צום ארגאנישן גאנצקייט פון מענטש. דעם מענטש ווען עס טהוט וויי א נאגל אין קליין פינגערל פון פוס — פיהלט עס דער גאנצער קערפער. אט אזוי קוקט אויס דער כלל ישראל אויף אלע זיינע קינדער. עס געפינען זיך העכערע מענטשן וואס פארנעמען זיך מיט תורה און חכמת התורה, עס גע־פינען זיך מאסן וואס לעבן פון יגיע־כפם און דינען השי"ת ווען זיי האבן צייט, אלע אלע זענען קינדער צו א גרויסן באשעפער "בנים אתם לה' אלוקיכם". אלעמען דארף מען ציילן אהן אויסנאם "להודיע חיבתן" צו מאכן וויסן זייער ליבשאפט פאר הקב"ה.

ווי די חז״ל זאָגן אז די שכינה רוהט נישט נאָר אויף א קיבוץ פון צוויי און צוואנציג טויזנט אידן און אז עס ווערט געמינערט איינער איז עס א גורם אז די שכינה זאל אפקערן פון דעם קיבוץ! ווייל איין איד האט א גרויסע חשיבות אין ראם פון אידישן פאלק. דעריבער האט מען זיי געהייסן ציילן!

„ויתילדו על משפחותם״ זאגט רש״י אלע האבן געברייננגט זייערע יחוס־בריף. אלע זענען יחסנים ביים אידישן פאלק, אלע שטאמען מיר פון די גרויסע עלטערן אברהם יצחק ויעקב!

די בני ישראל זיינען געווען אנגעוויזן אויף אייגענעם יחוס און דעריבער האט די ציילונג ארומגענומען נור יענע, וועלכע זיינען געווען „מבן עשרים שנה ומעלה״. ערשט דאן זיינען זיי אנערקענט געווארן אלס נוצליכע מענטשן — די בני לוי אבער האבן דעם יחוס זייערן איבערגענומען בירושה. זיי זיינען געבארן געווארן פארטיקע לוים, וועלכע דארפן נישט ווארטן אויף א געוויסער צאל יארן האט דעריבער די ציילונג זייערע ארומגענומען — „כל זכר מבן חדש״... (מפרשים)

## זיך געהאלטן אין אידישקייט

למשפחותם לבית אבותם במספר שמות. דאס וואס אידן האבן געקענט דערהאלטן זייער פאמיליע, ריינהייט און זייער יחוס אין אזא שווערן גלות ווי אין מצרים, וואו זיי זענען געווען פארשקלאפט און הפקר, האט זיך גענומען דערפון, וואס זיי האבן אפגעהיטן זייער אייגנארטיגקייט און דערווייטערט זיך פון יעדער אסימילאציע, זיי האבן נישט געוואלט זיך דערנעהנטערן צו דער פרעמדער סביבה אפילו מיטן ענדערן די נעמען, דאס האט זיי אפגעהיט פון גענצליכע צונויפמישונג.

דאס וואס — במספר שמות — זיי האבן דערהאלטן זייערע אייגענע נעמען, האט מעגליך געמאכט אז ס׳זאל קענען זיין — למשפחותם לבית אבותם. (מלא העומר)

## איש ראש לבית אבותם

עס האבן זיך אמאל געקריגט צוויי אידן. איינער איז געווען א חכם אבער געשטאמט פון א נידריקער פאמיליע דער אנדערער ווידער איז אליין געווען א פראסטער אבער איז ארויסגעקומען פון א מיוחס׳דיקער פאמיליע. האט דער צווייטער פארגעווארפן דעם ערשטן אויף זיין נידריקן יחוס האט אים דאריף דער חכם גע־

ענטפערט: אמת, דו ביזט טאקי א מיוחס אבער מיט דיר לאזט זיך דער יחוס אויס בײ מיר אבער איז פארקערט מיט מיר הויבט זיך ערשט דער יחוס אן...

און דאס זאגט דא דער פסוק: „ראש לבית אבותם הוא" — יעדער פון זײ איז געװען א זעלבער, װאס דער יחוס האט זיך בײ אים נישט אויסגעלאזט נור אומגעקערט ער האט געשאפן מיט זיך נײעם יחוס פאר דער פאמיליע... (מלאכת מחשבת)

רבי שאול מאמסטערדאם

בני נפתלי. פארװאס שטעהט בײ אלע אנדערע שבטים „לבני", און בײ נפתלי — „בני"? — װײל די אלגעמײנע צאהל פון דער אידישער בעפעלקערונג איז שױן געװען בעקאנט פון פריעהר, פון דער ערשטער צעהלונג. איצט האט מען בלויז געדארפט פעסטשטעלן די צאהל פון איטליכן שבט בעזונדער, און צו דעם צװעק האט מען יעדן פון זײ געדארפט ארויסרופן און איבערצעהלן. דער לעצטער צו דער צעהלונג איז געװען דער שבט נפתלי, און איהם האט מען שױן נישט געדארפט ספעציאל אװעקשטעלן זיך און צעהלן, מחמת קיים האט מען שױן געהאט געצעהלט אלע איבריגע שבטים און קוים איז שױן פון פריהער בעקאנט געװען די צאהל פון די אלגעמײנע אידישער באפעלקערונג, איז דאך שױן ממילא קלאר געװען, פון װיפל נפשות עס באשטעהט דער שבט נפתלי. דעריבער שטעהט שױן דא נישט „לבני", נאר סתם — „בני"; דאס הײסט, אז דאסמאל האט מען שױן פערשפארט צו צעהלן, דא איז שױן פון זיך אליין פעסטגעשטעלט געװארן, אז די צאהל פון „בני נפתלי" איז כך וכך.

## די גרויסקייט פון מחזיק תורה זיין

מטה זבלון בײ אלע שבטים װעלכע זענען געװארן צוגעצעהלט צו א דגל שטעהט „ומטה" (ומטה גד ומטה בנימין ומטה נפתלי) פאר װאס דען שטעהט בײ זבולון מטה?

װײל שבט זבולון האט געהאנדלט און האט מפרנס געװעהן דעם שבט יששכר, זאל מען נישט מײנען אז ער איז נאר א טפל צו יששכר, שרײבט די תורה מטה זבלון אהן די ואו החיבור צו לערנען אונז אז דער װאס איז מחזיק די װאס לערנען תורה, איז אויך זײן חלק װי דער װאס ער לערנט אליין, מטה זבולון איז אליין אג'עיקר און װערט באטראכט אײן שבט מיט יששכר. (בעל הטורים)

רבי יוסף שאול נאטנזאהן

פקוד את בני לוי כל זכר מבן חדש. די בני ישראל זענען געװען אנגעװיזן אויף אײגענעם יחוס און דעריבער האט די צעהלונג ארומגענומען נאר יענע, װעלכע זענען געװען „מבן עשרים שנה ומעלה". ערשט דאן זענען זײ אנערקענט געװארן אלס טויגבארע און נוצליכע מענטשן. די בני לוי דאגעגן האבן דעם יחוס זײערן איבער גענומען בירושה, יחוס אבות. זײ זענען גלײך געבוירן געװארן פארטיגע לױים. װעלכע דארפן נישט װארטן אויף קײן געװיסער צאהל יאהרן, און די צײלונג זײערע האט דעריבער ארומגענומען — „כל זכר מבן חדש".

## די אידן און די תורה זענען איינס.

כאשר צוה ה׳ את משה ויפקדם במדבר סיני ס׳דארף דאך שטעהן פארקערט, ויפקדם במדבר סיני כאשר צוה ה׳ את משה? נאר די אידישע נשמות בילדן די תורה, יעדער איד איז א אות פון דער תורה, אזוי ווי די ספרים זאגן אז די ראשי־תיבות פון „ישראל" זענען: י״ש ש׳שים ר׳בוא א׳ותיות ל׳תורה. קומט דאס אויס אז ווען משה רבינו האט געצעהלט די אידן, האט ער דאך מיט דעם אליין געלערנט תורה.

דאס זאגט דער פסוק: כאשר צוה ה׳ את משה אזוי ווי משה האט געלערנט די תורה פון דעם וואס השי״ת האט איהם באפוילן, אזוי איז געווען ביים — ויפקדם בהר סיני — ווען ער האט די אידן געצעהלט איז דאס אויך געווען א לימוד התורה...
(קדושת לוי)

**לערן דיך שפלות פון א מילב**

דער מענטש זאל אפלערנען די מדה פון שפלות פון דער מילב, אז דורך איר שפלות אפילו דער מענטש טרעט אויף איר ארויף מיט דעם פוס קען זי נישט טויטן ווייל איר שפלות איז גורם אז דער פוס פון דעם מענטש קען נישט אין איר שולט זיין. אבער אזא זאך וואס איז אביסל הויך קען מען שוין אין דער זאך שולט זיין און צוטרעטן. די קענסט אויך זען אז דער מענטש טוט מיט דער ווינט פון זיין מויל וואס איז אין דעם קיין ממש, פארלעשן א ליכט און קערט איבער די ליכט צו פינסטער, און טוט פארמיידן די ליכט פון פיל מענטשן וואס זיי באדינען זיך מיט דער ליכט. פון דעם קען זיך דער מענטש אפ־לערנען אז מיט שפלות קען מען יעדע זאך פועל זיין.
(טעה״מ בשם שבט מוסר)

**ענוה איז ניט אזוי ווייט קיין מעלה ווי גאווה וואס שטעלט אריין דעם מענטשן אין קאטעגאריע פון בהמה**

אן אדם גדול איז געווען אין אונזער דור, וואס איז געווען געבענטשט פון בורא עולם, מיט רייכקייט, שיינע עלטער און איידעלע קינדער און געווען ראש הקהל.

אמאל ביי א פארזאמלונג, ווען ער איז געזעסן מיט די חשוב׳סטע מענטשן פון שטאט, האט ער אפגעגעבן א שבח צום באשעפער, ו׳אס השי״ת האט אים מזכה געווען צו דעם אלעם גוטס, און ער האט פון זיך געהאלטן אז ער האט גארניט, נאר איין זאך וואס ער האט קיינמאל קיינעם ניט באליידיקט.

האבן די מענטשן אויפמערקזאם געמאכט, אז ער האט נאך א מעלה, אז ער איז דאך אן ענו. האט ער געענטפערט: אויף דעם זאלט איר מיר אנטשולדיקן, ווייל דער מענטש וואס האט גאווה

איז ארויס פון בגדר מענטש און ווערט גערעכנט אין דער קאטע-גאריע פון א בהמה (נמשל כבהמות נדמו).

דער הייליקער חיד"א זאגט אויף דעם, אז דער ענטפער איז זייער א צוגעטראפענער און צוגעפאסט.

(לב דוד מהגה"ק חיד"א זצוק"ל)

אין ספר „חיי יהודה" שטייט: עס האט פאסירט ביי זיין שכנה אז א הודש נאכן געבוירן א קינד, איז דאס קינד קראנק געווארן אויף פארשידענע שווערע קראנקייטן, ל"ע, און ביי די ענדע פון 6 מאנאטן איז די קראנקייט געקומען צום שווערסטן פונקט פון גסיסה ר"ל. און ווי דארטן איז געווען דער מנהג אין אזא מצב, האט מען גערופן א גרויסן מענטשן ער זאל זאגן פארשידענע פסוקים און דברי תורה ביי יציאת הנפש. און דער צדיק איז געגאנגען און געזאגט עטלעכע קאפיטלעך, און דאס קינד האט געעפנט די אויגן און געזאגט „שמע ישראל ה' אלקינו גו'", און האט אויסגעהויכט זיין נשמה מיט „אחד".

(שם הגדולים מהגה"ק חיד"א זצוק"ל)

## צווי סארטן צדיקים

הקרב את לוי. הדא דכתיב צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה (מדרש רבה)

**ס'זענען פערהאן צוויערליי צדיקים. ס'איז פערהאן א צדיק וואס איז שטענדיג פאר-נומען מיט זיין דביקות, טהוט זיין הייליגע עבודה, אבער נאר פאר זיך נישט פאר א צווייטן. ער בעמיהט זיך נישט משפיע צו זיין, זיין צדקות אויף אנדערע. אזא צדיק איז גלייך צו א „ארז" (טענענבוים) וואס איז א גרויסער מעכטיגער בוים אבער ער טראגט נישט קיין פירות. אזוי אויך דער צדיק לערנט און דאוונט אבער ער טהוט נישט דערצו אז ס'זאל זיך מעהרן נאך צדיקים אויף דער וועלט. ס'איז אבער פערהאן א צווייטער טיפ פון א צדיק וואס איז גלייך צו א „תמר" (טייטעלבוים) וועלכער גיט פרוכטן. אזוי אויך ער מאכט אויפבליהען אנדערע, ברענגט מענטשן צו תשובה און איז מקרב צו השי"ת. דער „ארז בלבנון" איז נאר „ישגה" — וואקסט פאר זיך גרויס, אבער דער „תמר" איז „יפרח" בליהט זיך פונאנדער, און פארגרעסערט דאס גוטע אויף דער וועלט.**

**דער שבט לוי כאטש זיי זענען געווען עוסקים בתורה ועבודה, זענען זיי אבער אויך נאר געווען ווי דער „תמר" זיי האבן געלערנט ג־ט'ס תורה מיט אנדערע — יורו משפטיך ליעקב ותורתך ליעקב — און מקרב געווען מענטשן צו אידישקייט —** אוהב את הבריות ומקרבן לתורה... (צוואת הר"י בעש"ט ז"ל)

## „זמן מתן תורתנו"

פארוואס רופט זיך שבועות „זמן מתן תורתנו" און נישט „זמן קבלת תורתנו"? ווייל — האט געזאגט דער חדושי הרי"ם — דער זמן פון מתן תורתנו, פון געבען די תורה איז פארגעקומען נאר איינמאהל, מיט טויזנטער יאהרן צוריק, דאגעגן דער זמן פון מקבל זיין די תורה האט קיינמאהל נישט אויפגעהערט דאס דארף א איד טאן שטענדיק, יעדן טאג...

## פאר וואס רופט מען דעם יו"ט „שבועות"?

דער יום טוב האט פיר נעמען:

א) „חג השבועות" ווייל דעם טאג ענדיגן זיך די „שבעה שבועות" — זיבן וואכן פון דעם צווייטן טאג פסח וואס מ'איז מקריב דעם עומר און מ'הייבט אן צו צעהלן די 49 ספירה־טעג ביז שבועות.

ב) „חג הבכורים" ווייל די צייט ווערט פארטיג און צייטיג די ווייץ וועגן די „שתי הלחם" וואס מ'האט מקריב געווען דעם טאג.

ג) „עצרת" ווי די חכמים רופן דעם יו"ט אין תלמוד. די כוונה איז: א פארזאמלונג, מ'האט זיך פארזאמלט אין בית המקדש. נישט־האבנדיג דערביי א באזונדערע מצוה פאר'ן כלל ישראל ווי מצות אום פסח און א סוכה אום סוכות.

ד)) „מתן תורתנו" ווי מ'זאגט ביים דאווענען.

פאר וואס־זשע רופט מען טאקע נאר „שבועות":

— ווארום ער ווארט ענטהאלט אלע נעמען. אין די תורה שטעהט שבעת אן די צוויי ווארן אלזא איז שבעת די ראשי תיבות פון: שבועות — בכורים — עצרת — תורתנו.

(בשם דער ווילנער גאון זצ"ל)

## דער מקור פונ'ם מנהג פון די גרינס

ותצפנהו שלשה ירחים... ותשם בסוף על שפת היאור. און דערפון נעמט זיך דער אידישער מנהג צו באציהרן אום שבועות די הייזער מיט גרינס, וואס וואקסט ביים טייך. דען אין ז' אדר איז משה רבינו געבוירן געווארן, און דאן איז געוועהן „ותצפנהו שלשה ירחים" און „ותשם בסוף על שפת היאור", וואס קומט־אויס אין ו' סיון, אין טאג פון שבועות...

(רבי מרדכי באנעט)

די פרשה „נשא" איז די גרעסטע אין די תורה, 180 פסוקים, אבער אין מדרש רבה און זוהר הק' איז נשא מער ווי טאפלט לויט אנדערע פרשיות אין די תורה· אין די צייט וואס די פרשה איז נישט אזוי גרויס לויט די ענינים וואס דארט געפינען זיך· ווייל למשל די פסוקים פון די נשיאים וועלכע האבן מקריב געוועהן יעדן טאג קרבנות, זענען אלע די זעלבע, און די זענען 72 פסוקים! דארף מען דאך ווידער פארשטיין פאר וואס איז טאקע „נשא" די גרעסטע סדרה ביי די חז"ל און אזויפיהל מדרשים און מאמרי זוהר ווערן געזאגט אין „נשא"?

זאגט מען איבער בשם דעם חידושי הרי"ם זצ"ל אז דעם שבת נאך שבועות, דער טאג פון קבלת התורה האבן די חז"ל מער משיג געוועהן אין די תורה, האבן זיי דעריבער געזאגט מער תורה, מער דרושים מער געדאנקען ווי אלעמאהל·

דער טאג שבועות דארף טאקע אלעמען מעורר זיין ממשיך צו זיין די קבלת התורה אויפן גאנץ יאהר, עס איז נישט גענוג, וואס בלויז דעם טאג ווערן מיר ערוועקט מיט די הייליגע געפיהלן פון מעמד הר סיני ווען השי"ת האט אונז געגעבן די תורה· יעדן טאג איז א מצוה צו געדיינקען דעם נותן התורה און די תורה·

ביים איד וואס לעבט לויט די תורה שפירט זיך א גאנץ יאהר שבועות־דיק· די תורה האט מען געגעבן זעקס טאג אין סיון, אבער א בת־קול געהט ארויס טאג־טעגליך פון בארג סיני און רופט אלע מענטשן צו לערנען תורה!

שבועות דארף מען זיך פארשטעלן ווי מ'גיט די תורה ביים בארג סיני מיט דונערן און בליצן, און מיר אלע שטעהען ביים בארג און שרייען מיט א שטארקן קול, א קול וואס געהט ארויס פון טיפע הארצן:

נעשה ונשמע!

די שיין          בהעלותך          פון די ליבע

**וואס האט מען געדארפט די טרעפל**

בהעלתך — מכאן שמעלה היתה לפני המנורה שעליה הכהן עומד ומטיב (רש"י). די מנורה איז דאך געווען אויך נאר דריי איילן צו וועלכער יעדער מענש קען בריוח דערלאנגען ווען ער הויבט אויף די הענט, טא צו וואס האט מען געדארפט א טרעפל?

נאר דא רעדט מען דאך וועגן אהרן'ען וועלכער האט געטראגן אויף זיך דעם ציץ און דער דין איז דאך אז דער כהן־גדול טאר נישט אויפהויבן די הענט העכער ווי דער ציץ (תמיד פ"ז) ממילא וואלט איהם נישט געווען באקוועם צו טאן די עבודה שטעהענדיג אויף די ערד, האט מען דעריבער געמוזט האבן א מעלה. (מלא העומר)

* * *

דעריבער איז ריכטיג פארוואס רש"י זאגט „שעליה עומד הכהן ומטיב" און נישט „עומד ומדליק". ווייל די הלכה איז דאך או די הדלקת המנורה איז כשר בזור, האט מען דאך נישט געדארפט קיין בגדי־כהונה און ממילא האט מען נישט געדארפט טראגן דעם ציץ, האט דאך דער כהן געקענט שטעהן אויף דער ערד און אויפהויבן די הענט אנצוצינדן. קומט דאך אויס אז דער טרעפל האט מען נאר געדארפט צוליב די הטבה — „שהכהן עומד ומטיב"!

(אדמו"ר מגור זצ"ל)

## בערוהיגט אהרן'ען

בהעלותו את הנרות די קרבנות פון נשיאים זענען געווען כדי מכפר צו זיין אויף די חטאים וואס יעדער פון זיי האט מרגיש געווען ביי זיין שבט. (ספורני)

*

אהרן האט ביי זיך מרגיש געווען דעם חטא וואס ער האט געמאכט א עגל. האט ער דעריבער געהאט חולשת הדעת, פארוואס ער האט אויך נישט געברענגט קיין קרבן, ווייל טאמער וועט דער חטא זיין א'מעכוב צו דער השראת השכינה. האט איהם דעריבער השי"ת אויפגעוויזן אויף דער מנורה, פון וועלכע דער נר־מערבי האט שטענדיג געברענגט בדרך נס — כאטש מען האט אין איהם נישט ארייננעגאסן מעהר ב'ימאייל, ווי אין די אנדערע נרות — כדי עס זאל זיין אנ'עדות „שהשכינה שורה בישראל (שבת כ"ב) איז דאך ממילא דערפון דער גרעסטער בעוויז אז דער חטא פון עגל איז נתכפר געווארן.

און ווייל דאס שטענדיגע ברענגען פון דעם נר־המערבי איז דאך נאר געווען אין'ם זכות פון כהן גדול, ווארום נאך שמעון הצדיק, ווען די כוהנים גדולים זענען שוין נישט

געווען אזעלכע גרויסע צדיקים, האט טאקע דאס נס אויפגעהערט — איז דאך ממילא דערפון אויך א ראיה אז אויך דער חטא פון אהרן'ן ביים עגל איז נתכפר געווארן ווען דווקא דורך זיין זכות ווערט באקאנט אז „השכינה שורה בישראל".

דאס אליין וואס — שאתה מדליק ומטיב את הנרות, איז די גרעסטע בערוהיגונג אז דו האסט נישט וואס מורא צו האבן פארן חטא העגל... (אבני אזל)

## אהרן האט מתקן געווען

ויעש כן אהרן, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה ביי אלע מיני ברואים שטעהט ביי די פרשה פון מעשה בראשית „ויהי כן" נאר ביי די בריאה פון אור שטעהט „ויהי אור" און ס'שטעהט נישט „כן". זאגן דאריף די חז"ל ווייל דער אור וואס איז באשאפן געווארן איז נגנז געווארן, ווארום די וועלט איז נישט געווען ראוי איהם אויפצונעמען און ס'איז געווארן אנ'אנדער אור, א קלענערער, נישט אזוי ווי ער איז געשאפן געווארן.

אהרן הכהן מיט זיין אנצונדען די מנורה, האט אבער מתקן געווען די וועלט, און צוריק אראבגעצויגן יענעם ערשטן אור, אזוי אז ער האט צוריק געמאכט דעם „כן", ער האט צוריק געשטעלט דעם אור אזוי ווי ער איז געשאפן געווארן אהן די שפעטערדיגע שנוי — שלא שינה... (עמודיה שבעה, מלבים)

## אהרן'ס גרויסקייטן אין פארשידענע אופנים

ויעש כן אהרן — להגיד שבחו של אהרן שלא שינה (ספרי) וואס איז דער שבח אז אהרן האט נישט משנה געווען וואס הקב"ה האט געהייסן? — כאטש ער האט זוכה געווען צו אזא גדולה, איז ער גארנישט אנדערש געווארן ביי זיך, נישט באקומען קיין האהר התפעלות און גאות, נור ווייטער געבליבן דער זעלבער עניו ושפל ווי פריהער...

(בשם הרר"ב ז"ל מפשיסכע)

•

ער איז קיינמאהל נישט געווען אנדערש, שטענדיג איז ער געווען גרייט צו דער מצווה און געהאלטן דעריבער.

(בשם גדול אחד מחכמי המוסר)

•

א אנדערער וואלט ביים טהוען אזא עבודה פארלוירן דעם גלייכגעוויכט, ער וואלט פאר התלהבות אויסגעגאסן דעם שמן און אראפגעלאזט די פתילות, דער שבח פון אהרן'ען איז געווען אז טראץ דעם גרויסן התלהבות און אינערליכען פייער האט ער דאך אלץ געטהוען פונקטליך אהן שום שנוי — דאס איז א געוואלדיגער כח, וואס איז כמעט נישט צו באגרייפן...

(קדושת לוי ז"ל)

## נישט גורם זיין יענער זאל זינדיגן

והתוודו את חטאתם אשר עשו פאר וואס שטעהט א לשון רבים, בעת די גאנצע

פרשה שמועסט בלשון יחיד, „והשיב״ „ונתן״ ?

נור די חז״ל זאגן אז איינער בארגט דעם חבר געלט אהן עדות איז ער עובר אויף „לפני עיוור לא תתן מכשול״ ווייל ער איז דערמיט גורם אז יענער זאל איהם פארלייקענען (ב״מ ע״ה) קומט אויס אז אויך דער מפקיד איז באטייליגט אין דעם חטא וואס דער נפקד וויל בע׳גזל׳ען און אויך ער דארף מתוודה זיין. (מלא העומר)

## דאס ווירקונג פון נזירות

ואחר ישתה הנזיר יין כאטש ער מעג שוין טרינקען וויין, אבער ער בלייבט דאך א נזיר. די דרייסיג טעג נזירות האבן געווירקט אז ער זאל בלייבן א קדוש אויף שטענדיג, אפילו זיין טרינקען זאל זיין נזירות׳דיג (בתלתין יומין הוי חזקה). (אלשיך)

## אמאהל און היינט...

אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות. אמאהל האט מען נאר געטהוען א עבירה ווען ס׳איז באפאלן א רוח שטות. היינט טהוט מען נאר א מצוה, ווען מען באקומט א רוח חכמה...

(הרה״צ ר׳ יוזיל הורביץ זצ״ל)

*

## פרומקייט איז א וואונדער א פלא...

א׳ש או אשה כי יפלא אז עס געפינט זיך איינער וואס שיידט זיך פון תאוות פון דער וועלט און וויל זיך פארהייליגען פאר ג—ט — איז עס א פלא. ווארום רוב מענטשן טהוען נישט אזוי און געהען נאר זייערע תאוות...

(אבן עזרא)

## נאמנות אויף א שוחט, אבער נישט אויף געלט

אין ספר התנהגות הדרך ווערט דערציילט אז דער בארדיטשעווער רב הרה״ק רבי לוי יצחק זי״ע איז אמאל געפארען אין וועג. איז ער געקומען אין א דארף און געזען אז דער בעל הבית ווארט שטארק אויף דעם שוחט ער זאל קומען שעכטען א בהמה. האט איהם דער בארדיטשעווער געזאגט וואס דארפסטו ווארטען אויפ׳ן שוחט. איך בין אויך א שוחט און איך וועל שעכטען די בהמה. איז דעם איד דאס געפעלען און ער האט איהם געזאגט דו האסט מיך ממש מחיה געווען. ווען אלעס איז שוין געווען גרייט צו דער שחיטה, האט איהם דער בארדיטשעווער געזאגט מיין טייערער בעל הבית, עס זיינען שוין פאראיבער עטליכע חדשים וואס איך פאר ארום נאך געלט אבער ביז היינט האב איך נאך נישט געשיקט אהיים קיין געלט אפילו א פרוטה. דעריבער זייט מוחל און בארגט מיר צוואנציג גולדען כדי איך זאל קענען אהיימשיקען דאס געלט. האט איהם דער בעל הבית געזאגט, ווי קען איך דאס טאן צו געבען געלט פאר א פרעמדען מענטש וואס איך קען איהם נישט ווער ער איז און פון וואנען ער איז. האט איהם דער בארדיטשעווער געזאגט, זע נאר ווי דאס געלט איז ביי דיר וויכטיגער ווי דיין נשמה. אויף דער בהמה צו שעכטען האסטו מיר געגלייבט, כאטש דו קענסט מיך נישט און דו ווייסט נישט צי איך בין ראוי צו זיין א שוחט. אבער אויף דיין געלט ציטערסטו און דו געטרויסט עס נישט פאר א פרעמדען מענטש.

**נישט קנאה האָבן אויף יענעם וואָס קען ברענגען**

אין ספר „חופּת אליהו" ווערט געבראַכט אַ מעשה פון איינעם וואָס איז נישט געווען אַ מעמיד על מדותיו.

רב נחמן דער זון פון יצחק האָט געהאַט אַ באַרג מיט ערד ביי זיך אין גאָרטן. האָט ער געדונגען פּועלים אַז זיי זאָלן דעם באַרג גראָבן. האָבן זיי געגראָבן אַ גאַנצן טאָג. דעם אַנדערן טאָג וואָס זיי האָבן געגראָבן, איז אַ מענטש אַרויסגעשפּרונגען פון זיין הויז (קבר) און האָט זיך געזעצט אויף דעם באַרג און האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען און צו לערנען. וואָס האָט ער געלערנט טאָמער איז געקומען די צייט פון תחיית המתים, טאָמער איז געקומען די צייט פון תחיית המתים. זיינען געלאָפן די פּועלים און האָבן מודיע געווען צו רב נחמן. איז רב נחמן געקומען און האָט אים געטראָפן. האָט רב נחמן צו אים געזאָגט: ווער ביסטו? האָט ער צו אים געזאָגט: איך בין אַ מת. הרב רב נחמן צו אים געזאָגט: ווערט דען אַ מת נישט פאַרפוילט? האָט דער מענטש צו אים געזאָגט: האָט מען דען מיט דיר נישט געלערנט ספר משלי, אַז שלמה האָט געזאָגט „ורקב עצמות קנאה", אַז ווען מען איז מקנא ווערן פאַרפוילט די ביינער. איך בין קיינמאָל נישט געווען אַ מעמיד על מדותיו, און איך האָב נישט געהאַט קנאה אויף מיין חבר, און איך האָב נישט גערעדט אין בית המדרש און נישט אין שול, און איך האָב נישט געגעבן מיין האַרץ און מיינע אויגן נאָר צו דברי תורה, כדי מקיים צו זיין וואָס עס שטייט אין פּסוק „ושומע לי ישכון בטח", ווער עס הערט מיך צו וועט זיכער רוען.

האָט רב נחמן צו אים געזאָגט: איך וועל דיר אויפבויען אַ געצעלט. האָט דער מענטש צו אים געזאָגט: זאָלסט מיר גאָר־נישט טאָן און זאָלסט מיך נישט אַוועקנעמען פון דעם אָרט, נאָר זאָלסט צוריקקערן די ערד וואָס מען האָט פון מיר אַראָפּגענומען אויף זיין אָרט.

איז רב נחמן געווען אין פּחד און איז געווען אַ גאַנצן טאָג אין טרויער, און האָט געזאָגט, ווי איז צו מיר, אפשר האָב איך דעם מת געה׳רג׳ט. אַזוי האָט אים רב נחמן תיכף געזען אין חלום, ווי דער מת איז געזעסן אין אַ סוכה פון הדסים. האָט רב נחמן תיכף אָפּגעגעבן אַ שבח צו השי״ת וואָס ער גיט צו יעדן זיין שכר.

פון דעם לערנט מען אַרויס, ווען אַזאַ איינער וואָס זיין שכר איז נישט געווען נאָר פאַר שווייגן אַליין, און ווייל ער איז נישט געווען אַ מעמיד על מדותיו האָט אים השי״ת געגעבן אַזאַ

שכר, מכל שכן אז איינער לערנט תורה און איז מגדל זיינע קינדער צו תלמוד תורה און דינט צו השי"ת און איז מיט שפלות נישט מיט גאווה, וועט אים בודאי השי"ת געבן זיין שכר.

מיר געפינען דאס אויך ביים מקובל הגה"ק ר' שלמה אלקביץ זצוק"ל, אז ער איז געווען בקי אין חכמת הקבלה און מחבר געווען פיל פיוטים, און פון גרויס חכמה האבן זיך די שונאים מתקנא געווען אין אים, און איין אראבער האט אים גע'הרג'ט און מקבר געווען ביי זיך אין גארטן, אונטער א פייגנבוים. פון דעם טאג אן, האט דער פייגנבוים אנגעהויבן ארויסצוגעבן אזעלכע גרויסע, שיינע און פיינע פייגן, אומנאטירלעך גרויס, אז אלע האבן זיך געוואונדערט.

די זאך איז דערגאנגען צום קעניג. דער קעניג האט אים געשיקט רופן, און פון גרויס שרעק האט ער אים נים געקענט ענטפערן. מען האט אים אריינגעזעצט אין תפיסה און אים זייער געפייניקט, ביז ער האט זיך מודה געווען, אז פון דעם טאג אן וואס ער האט דארט מקבר געווען הגה"ק ר' שלמה אלקביץ זצוק"ל, האבן די פירות אנגעהויבן צו וואקסן אזוי אומנאטירלעך. האט מען אים אויפגעהאנגען אויף דעם פייגנבוים, כן יאבדו.
(מובא בספר עבודה ודרך הישר)

**די קדושה פון צדיק לאזט נים עובר זיין און נכשל ווערן אין טריפות אפילו מען זעט קלאר אז ס'איז כשר**

איך וויל דערמאנען א דבר נפלא וואס איך האב אליין געזען ביי הרב הגאון אמיתי חסיד אמיתי הרב דק' זלאטשוב מ"כ באה"ק תובב"א זי"ע ועכי"א.

א יונג אינגל איז געקומען צו אים מיט א שאלה און אביסל קישקעלעך פון אן עוף האט ער געהאלטן אין זיין האנט, און פעץ האט פארדעקט די קישקעלעך, און די פעטס איז געווען אביסל הארט און אויסערלעך האט עס נים אויסגעזען א שאלה וואס מען דארף אפילו פרעגן אויף דעם.

הגה"ק מזלאטשוב האט גענומען אין דער האנט די שאלה און האט נוטה געווען צו זאגן אסור, און כ'האב אים אלץ גע־ענטפערט, אז עס זעט זיך נים קיין שום חשש צו זאגן אסור. איז געווען זיין ענטפער: וואס קען איך טאן אז מיין מויל לאזט מיר נים זאגן כשר און מיין הארץ איז מיר אויף טריפה מער נוטה. עס קען זיין אז די הון איז טריפה מכח אן אנדער שאלה,

אבער ניט פון דער שאלה. און האט געפרעגט דעם אינגל, צי ער האט מיט זיך די גאנצע הון? איז זיין ענטפער געווען, אז די גאנצע הון איז אין שטוב. האט ער אים געהייסן ברענגען די הון פון שטוב. דארטן אין דער הון האט ער געטראפן נאך קיש-קעלעך, וואס אויף זיי איז געווען א גרויסע מכה, אשר כתובה, און דאס עוף איז טאקע טריף געווארן.

איך בין שטארק פארוואונדערט געווארן צו זען אזוי קלאר אז דורך צדיקים ברענגט ניט דער בורא עולם קיין שום שטרויכלונג.

ער האט מיר נאך דער מעשה געזאגט, אז יעצט פארשטיי איך פשוט ווי אזוי מען דארף מתפלל זיין מיט גרויס כוונה די תפלה פון רנב"ח, „שלא אומר על טמא טהור", אז כ'זאל ניט זאגן אויף טמא טהור, מיינט מען ניט אז כ'זאל זיך ניט טועה זיין אין א דין, דאס שטייט שוין אין „שלא יארע תקלה על ידי", אז עס זאל זיך ניט טרעפן קיין שטרויכלונג דורך מיר, די כוונה איז, אז עס זאל ניט ווערן פארהוילן פון מיר אויב עס איז דארטן דא אן איסור נאר איך זע ניט דעם איסור, אז די מויל זאל ניט קענען ארויסזאגן אז עס איז מותר. (ספר ארץ חיים על מס' ברכות דף כ"ח מהגה"ק מוה"ר חיים מטשערנאוויץ זצוק"ל בעל באר מים חיים)

**ווי די השגחה היט אז צדיקים זאלן ניט נכשל ווערן**

הגה"ק מוה"ר שלמה קלוגער האט דערציילט, אז הגה"ק מוה"ר (אלכסנדר) סנדר מרגליות זצוק"ל האט פסח ניט געטרונקען קיין בראנפן נאר פון דעם וואס עס האט אים געשיקט מוה"ר לייב מובעלעס מלבוב ז"ל, וואס יעדן ערב פסח פלעגט ער אים שיקן חותם בתוך חותם, דורך א ספעציעלן שליח. נאר אויף אים האט ער זיך פארלאזט, ווייטער האט ער פון קיינעם ניט געטרונקען. ער איז געווען באוואוסט פאר א צדיק, ישר ונאמן.

איינמאל האט ר' לייב ז"ע געהייסן דעם משרת ארויפ-ברענגען פון קעלער דעם בראנפן וואס איז שוין געווען צוגעגרייט אויף פסח, ווי יעדעס יאר ערב פסח. האט זיך אזוי געמאכט אז דורך א טעות איז אנשטאט פסח'דיקן בראנפן האט ער ארויפ-געבראכט המצ'דיקן בראנפן. עס איז אויך אפגעזיגלט מיט אלע סימנים ווי אויף פסח. און ער האט עס אוועקגעשיקט צו הגה"ק ר' אלכסנדר סנדר מרגליות זצוק"ל.

ווען הגה"ק ר' אלכסנדר סנדר מרגליות זצוק"ל איז געקומען פסח פון דאווענען, האט ער ניט געוואלט מאכן קיין קידוש אויף דעם בראנפן ווי יעדעס מאל, און גענומען דאס פלעשל אין האנט און עס געדרייט אהין און אהער זייער לאנג. דערווייל איז געקומען

אן עולם לקבל פני רבם ברגל און עס איז געווארן שפעט, און ער האט שוין אנגעפאנגען צו זאגן דברי תורה. זיין רביצין האט אים אלץ דערמאנט אז עס איז שוין באלד פארנאכט. ביז עס איז אנגעקומען א גוי'עשער שליח מיט א בריוו פון מוה"ר ר' לייב זצ"ל, אז ער האט געהאט א טעות און אז דער בראנפן איז המין גמור. אלע ארומיקע זיינען געווען מלא התפעלות פון דעם. זי"ע ועכי"א.

(מובא בשם הגדולים החדש מערכת ס')

## והאספסף אשר בקרבו התאוו תאוה (יא. ד.)

**דער דרך פון דעם אדם השלם איז געווינליך צו זוכן מיטלען אויף מבטל צו זיין תאות און זיך צו דערווייטערן פון איר. ביי זיי, ביים ערב־רב איז געווען אומגעקערט „התאוו תאוה" עס האט זיך זיי געלוסט נאך תאוה... (חפץ חיים)**

## א לומדישער חשבון

המתעיט אסף עשרה חמרים וואס עפעס פונקט א צאהל פון צעהן חמרים?

דער אסטראנוצער רבי ז"ל האט געמאכט דערויף פלא'דיגען חשבון. די חז"ל זאגן אז „ארבע אמות של אדם קונות לו בכל מקום". און אויב איינער איז געשטאנען אויף אנ'ארט. איז שוין א צווייטער נישט צוגעקומען קלויבן אין זיינע פיר איילען ארום, ווייל ער האט עס קונה געווען. דאס איז באוואוסט, אז אנ'אייל און דער הויך פון דריי איילען (דריי קוביטשנע איילען) האבען אין זיך פערציג סאה (שיעור מקוה אמה על אמה ברום שלש אמות — ארבעים סאה), קומט דאך אויס אז דרייסין קוביטשע איילען האבען אין זיך פירהונדערט סאה.

די פיר איילען וואס דער האט ארום זיך, ווען מען זאל זיי רעכענען אין קוואדראט, פיר אויף פיר זייטען, זענען זיי זעכצעהן איילען. געהט דאך אבער אראב איין אייל אין וועלכע דער מענטש אליין געפינט זיך (גברא באמתא יתיב) הייסט עס פופצעהן איילען. ווען דער שליו איז געפאלען צוויי איילען הויך אויף דער ערד (וכמאתים על פני הארץ) האט דאך יעדער געהאט דרייסיג קוביטשנע איילען פול מיט שליו וואס דאס איז פיר הונדערט סאה.

דער שיטה מקובצת זאגט אבער, אז די „ארבע אמות של" ווערען נור גערעכענט איז קרייז (בעיגול) נישט אין קוואדראט (ברבוע). און היות א קוואדראט איז מיט א פערט חלק גרעסער ווי א קרייז (מרובע יותר מן העיגול רביע) קומט אויס אז יעדער האט געהאט פון שליו פיר הונדערט סאה ווייניגער א פערטעל, ד.ה. דריי הונדערט סאה.

איז דעריבער אפילו דער ממעט, דער הינקענדיגער וואס איז געשטאנען אויף אנ'ארט און נישט געקענט געהן, האט דאך געהאט צעהן חמרים, ד.ה. דריי הונדערט סאה, ווארום א חומר איז דרייסיג סאה. (יחזקאל מה, מנחות ע"ז ועוד).

## דעם אויבערשטנ'ס נאמן

אל נא תהי כמת מי רואה את נגעה אהרן קרוב משה זר (מדרש) פאר וואס דארף מען זאגן ביי משה רבינו א טעם אלס זר. ער איז דאך אויך א קרוב?

דער דין איז, אז כאטש א קרוב איז פסול צו זיין א דיין, ווען דער בעל דין זאגט אבער „נאמן עלי אבא", איז אפילו דער פאטער אויך נאמן צו זיין א דיין.

ווייל הקב"ת האט דאך פריהער געזאגט: „לא כן עבדי משה בכל ביתי נאמן הוא" (פסוק ז') — איז ער ממילא נישט פסול מעהר אלס קרוב.

(הרה"ק אדמו"ר מקוצק ז"ל)

### א רמז אויף בכורים

ויכרתו משם זמורה ואשכול ענבים אחד ומן הרמונים ומן התאנים. דער אר"י הקדוש ז"ל זאגט אויפ'ן פסוק: „והימים ימי בכורי ענבים" אז די מצוה פון בכורים איז א תיקון אויפן חטא פון די מרגלים. זיי האבען פערמיאוסט ארץ ישראל און די מצוה פון בכורים איז צוליב חביבות פון א"י און איז דעריבער נור נוהג ביי די זיבען מינים פירות מיט וועלכע ארץ ישראל ווערט געריהמט. ס'איז מערקווירדיג אז אין דער משנה ביים סדר בכורים שטעהט אדם יורד בתוך שדהו ורואה תאנה שבכרה, אשכול שבכר, רמון שבכר, קושרו בגמי ואומר הרי אלו בכורים (בכורים פ"ג מ' א') ווערען פונקט דערמאהנט פון אלע פירות נור וואס די מרגלים האבען געברענגט פון ארץ ישראל. (רבי מנחם זעמבא זצ"ל)

### די מחשבה און די מעשה

וילכו ויבאו אל משה ואל אהרן. להקיש הליכתן לביאתן מה ביאתן בעצה רעה אף הליכתן בעצה רעה (רש"י) איז דאך שווער: רש"י אליין זאגט דאך פריהער (אין פסוק ג') „ואותה שעה כשרים היו"? נור די חז"ל זאגען אז א בלויזע מחשבה רעה ווערט נישט גערעכענט ווי א מעשה. אבער אויב די מחשבה האט זיך פערווירקליכט אין א מעשה ווערט די מחשבה אויך צוגערעכענט אלס עבירה (קידושין מ') קומט דאך אויס אז בשעת משה רבנו האט געשיקט די מרגלים, הגם זיי זענען באלד געגאנגען בעצה רעה, האט מען נאך די מחשבה נישט גערעכענט, דעריבער „באותה שעה כשרים היו" נור יעצט ווען זיי האבען שוין די עצה רעה פערוואנדעלט אין א מעשה, איז שוין די מחשבה אויך צוגערעכענט אלס חטא — להקיש הליכתן לביאתן... (בשם אדמו"ר מגור זצ"ל)

### ויספרו לו ויאמרו לו באנו אל הארץ (יג. כז.)

אייגנטליך איז דאך אליין, וואס זיי די מרגלים האבען דערציילט געווען אמת זיי האבען זיך קיין זאך נישט געהאט אויסגעטראכט אבער צו ארץ ישראל קען מען נישט צוגיין מיטן אויבערפלעכליכען אמת, מיט דעם, וואס מען זעט בלויז מיטן אויג. מיטן געוויינליכען חשבון פון — „אפס כי עז העם הזה" בנוגע צו ארץ ישראל גילט פאר אידען א פיל טיפערער אמת, דער אמת פון דער געטליכער הבטחה... און דאס איז געווען דער חטא מרגלים.

אין און ענליכן זין ווערט געטייטשט דער „הטובה היא אם רעה". דאס לאנד איז גוט אפילו ווען עס זעט אויס צו שלעכט. די קדושה פון ארץ ישראל איז תמיד פאראן נור זי איז פארשטעלט און באהאלטן. אונטער איר איבערפלעכלעכן „רע" ליגט דער „טוב" און עס איז אין די הענט פון אידן מגלה צו זיין דעם באהאלטענעם „טוב".
(נפלאות חדשות)

## ארץ אוכלת יושביה היא (יג. לב.)

ארץ ישראל איז א לאנד, וואס פארטראגט נישט קיין „יושבים" דארט מוז מען זיין „הולכים" — דארט דארף מען עולה זיין, שטייגן העכער און העכער... (א חסידיש ווארט)

## ונהי בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם (יג. לג.)

ווען מען איז ביי זיך געפאלן און מען האלט פון זיך גארנישט באקומט מען ביים קעגנער אויך אזא פנים און ער טרעט טאקע אויף דיר מיט די פיס. אויב „ונהי בעינינו כחגבים" — איז ממילא — „וכן היינו בעיניהם"... (מפרשים)

## די לאנד איז גוט אבער...

טובה הארץ מאד מאד אם חפץ בנו ד׳... אך בד׳ אל תמרדו ארץ־ישראל קען צוהעלפן דעם מענטש אז ער זאל שטייגן אין דער קדושה און קומען צו הויכע מדרגות. דאס איז אבער נאר ווען מען ארבעט איבער זיך און מען וויל זיין גוט. אויב אבער חלילה, פארקערט, איז זה לעומת זה עשה אלוקים? איז דארט דער כח היצר שטארקער וויא ערגעץ אנדערש, און מען קען גאר נידריג אראבפאלן.

טאקע — טובה הארץ מאד מאד — אבער געדענקט גוט — אך בד׳ אל תמרודו!...

(הרה״ק ר׳ משה צבי מסאחראן ז״ל)

### צוליב גוטע קינדער

פוקד עון אבות על בנים. השי״ת מאכט וויניגער (פיקד פון לשון: ולא נפקד ממנו איש) די זינד פון די עלטערען צוליב די קינדער. אויב זיי האבן גוטע קינדער, ווערט זיי געשאנקען די זינד איב׳ם זכות פון די קינדער — ברא מזכה אבא... (הכתב והקבלה)

## נישט קיין אמת׳ע תשובה

הננו ועלינו אל המקום אשר אמר ה׳ כי חטאנו אויב זיי האבן ערקלערט „חטאנו" האבן זיי דאך תשובה געטוען, פארוואר דען זענען זיי נענש געווארן? ווייל אליין האבן זיי נישט מודה געווען אז זיי האבן געזינדיגט, נור זיי האבן געזאגט — אמר ה׳ כי חטאנו — השי״ת באטראכט עס פאר א חטא, דעריבער ווילן מיר שוין אויפגעהן. איז עס ממילא נישט קיין תשובה וואס עס קען אנגענומען ווערן, ווייל ס׳איז קיין רעכטע חרטה נישט

געזעהן — הנני נשפט אותך על אמרך לא חטאתי (ירמיהו ב—ל"ה).
(און צדיקים בשם הבעש"ט ז"ל)

## פאר וואס נאר אויף יהושע?

ויקרא משה להושע בן נון יהושע.

זאגט רש"י, אז משה האט מתפלל געווען אויף יהושע, ער זאל נישט נכשל ווערן מיט די מרגלים.

פארוואס נור אויף יהושע אליין?

ס'איז דערפאר, ווייל יהושע איז געווען אנגענומען ביי אידן אלס גרויסער צדיק און עניו. און די סכנה פון משפיע זיין אויפן פאלק וואלט געווען א פיל גרעסערע ווען אזא צדיק ווי יהושע וואלט געקומען צוריק מיט אזא באריכט וועגן ארץ ישראל ווי די מרגלים זיינען געקומען און דאריבער איז משה'ס מורא געווען היפטזעכליך איבער יהושע'ן... (יפה עינים).

## שטעהן פעסט ביי אידישקייט

ויקרא משה להושע בן נון יהושע התפלל עליו י־ה יושיעך מעצת מרגלים (רש"י) די טבע פון אנ'עניו איז, נישט צו זיין קיין תקיף בדעתו און ער איז שטענדיג מבטל זיין דעה פאר'ן צווייטנ'ס דעה. די מרגלים זענען דאך געווען נשיאים פון שבטים און אנגעזעהנע מענטשן, האט דעריבער משה רבינו מורא געהאט אז יהושע זאל נישט אמאהל צוליב זיין עניוות מבטל זיין די דעה זייגע צו זייערע — דערפאר האט ער אויף איהם מתפלל געווען י־ה יושיעך מעצת מרגלים.

ביי אידישקייט קען מען זיך נישט שטענדיג בעניצען מיט עניוות, אמאהל מוז מען זיין א תקיף בדעתו. צו וויסען ווען — דערצו דארף מען טאקע האבן סייעתא דשמיא... (אדמו"ר מגור ז"ל)

## טראכטן אין הארצן — איז ווייניג...

ועבדי כלב עקב היתה רוח אחרת עמו.

פארוואס ווערט נישט דאס זעלבע געזאגט וועגן יהושע'ן אויך ער איז דאך געווען אין דער זעלבער מיינונג וואס כלב?

פון דעם איז צו זעהן, אז עס איז נישט גענוג בלויז צו האבן א מיינונג מעג זי זיין ווי גוט נור מען מוז אויך קומען צום ארויסדרוק אין מעשים און דאס האט בלויז כלב געטאן — „ויהס כלב את העם" בלויז כלב איז גלייך ארויסגעטראטן קעגן די מרגלים און געזוכט זיי שטיל צו מאכן דאגעגן יהושע האט געשוויגן און האט נישט געגומען קיין ווארט...

*

פארוואס איז טאקע יהושע פארבליבן שטיל?

נור ווי באקאנט האבן די אידן געהערט די נבואה פון אלדד ומידד אז „משה מת ויהושע מכניס", האט יהושע מורא געהאט, אז אויב ער זאל ארויסטרעטן קעגן זיי, וועלן זיי איהם חושד זיין, אז ער מיינט דאס צוליב איגענער נגיעה, אום צו ווערן דער פירער ביי אידן... (משך חכמה).

## בני תורה א ודאי...

האזרח... ולגר הגר בתוכם — תורה אחת יהי׳ לכם.

**על אחת כמה וכמה — פלעגט דארויף זאגען ר׳ חיים בריסקער ז״ל — אז די פרומע אידן דארפן א ודאי און א ודאי האבן איין תורה...**



## בן יצהר בן קהת בן לוי

**די תורה רעכנט אויס דעם גאנצן יחוס פון קרח דערמיט צו וויזן צו וואס פארא אומגליק עס קען אמאל פירן גרויסע יחוס און אזוי ארום ווארנען דעם מענש נישט צו ווערן פארפירט דורכדעם...** (החוזה מלובלין)

**עס שטייט נישט „ויקחו קרח... ודתן ואבירם" א לשון רבים נור „ויקח קרח" א לשון יחיד, ווייל יעדער איינער פון זיי האט געזוכט אין דער מחלוקת צו דערגרייכן ממשלה און כבוד פאר זיך, יעדער איינער פון זיי איז געווען א באזונדערער צד...** (בשם גדול אחד)

**און טאקי צוליב דעם ווערט געזאגט אין פרקי אבות: „איזהו מחלוקת שאינה לשם שמים זו מחלוקת קרח ועדתו", נישט „קרח ומשה" נור „קרח ועדתו", ווייל צווישן דער עדה אליין איז קיין אחדות נישט געווען, מען האט זיך אויך צווישן זיך ארומגעקריגט, יעדער פון זיי האט געוואלט דעם כבוד פאר זיך און דאס איז דער סימן, אז די מחלוקת איז נישט לשם שמים...**

## קרח האט עס אליין געוואלט נעמען

ויקח קרח **קרח האט זיך אליין געוואלט נעמען גדולה און שררות, דעריבער האט נישט געטויגט. גדולה איז נאר גוט, ווען מען גיט איהר פון הימעל, אליין קען מען איהר נישט נעמען...**

**(הרר״ב ז״ל מפשיסכא)**

•

## קרח האט געווארט אויף די געלעגנהייט

ומה ראה קרח לחלוק על משה נתקנא על נשיאותו של אליצפן בן עוזיאל **די מעשה פון אליצפן בן עוזיאל איז דאך געווען באלד נאכן אויפשטעלן דעם משכן, וואס האט ער אלזא אזוי לאנג געווארט מיט דער מחלוקת?**

**נאר אזוי לאנג וויא אידן איז געגאנגען גוט, די האבן אלס באקומען וואס זיי האבן נאר באדארפן, האט ער מורא געהאט צו קריגן אויף משה׳ן. עס וואלט איהם דאן קיינער נישט געהערט. ערשט ווען עס האט זיי אנגעהויבן געהן א ביסל שלעכטער, נאך די מעשה פון מתאוננים און די מעשה פון מרגלים, וועלכע האבן גורם געווען צו שטראפן און צו מגיפות צווישן פאלק, האט קרח ערשט געוואגט אויסצונוצען די אונצופרידענהייט און צו העצן אויף משה׳ן, זאגנדיג — וויא דער שטייגער איז פון אלע העצער — אז משה רבינו איז שולדיג אין דעם אלעם, אז ער פיהרט נישט גוט...**

**(לויט׳ן רמב״ן)**

### אזא פקחות טויג נישט

וקורח שפקח היה... די חז״ל זאגן, אז חנה האט געבעטען אז איהר קינד שמואל זאל נישט זיין קיין טפש און נישט קיין חכם (ברכות לא) פארוואס עפעס נישט קיין חכם? זי האט געמיינט ער זאל נישט זיין אזא „חכם" ווי זיין זיידע קרח ווען דאס פקחות, האט פערפיהרט... (בשם גדול אחד)

### פארשטעלטע אייגן

העיני האנשים ההם תנקר לא נעלה. אייגענטליך האבען זיי דאך געזעהען פון די קרני־אור פון משה׳ס פנים אז ער איז דורך השי״ת דערהויבן געווארען העכער פון גאנצען קהל, טא פארוואס האבען זיי געפרעגט „ומדוע תתנשאו?" נור ווייל משה רבינו האט געטראגען א „מסוה" צו פערשטעלען דעם קירון אור פנים, קיינער זאל זיך נישט קענען אויף זיינע מדרגות, דעריבער האבען זיי געקענט אגיטירען צווישען פאלק געגען איהם. האבען יעצט דתן ואבירם געזאגט: העיני האנשים ההם תנקר — אפילו דו וועסט אראבנעמען די מסוה אין די ליכטיגע שטראהלען פון דיין פנים וועלען אויסשטעכען אונזערע אויגען, וועלען מיר אויך דערויף נישט קוקען ווארום, רשעים אפילו על פתחו של גיהנם ווען זיי זעהען שוין דעם אמת, איז אויך אינם חוזרים בתשובה. (בשם בעל השפת אמת זצ״ל)

## ביי מחלוקת נישטא קיין חזקה

וישלח משה לקרא לדתן ולאבירם ביי מחלוקת איז נישט פארהאן קיין חזקה, מען דארף נישט זאגן אז ווייל מען האט שוין איינינע מאהל געפרובט צו מאכן שלום, וועט עס שוין נישט מעהר ווירקען. נור מען דארף כסדר ווייטער פרובען. דעריבער האט משה רבינו נאך עטליכע מאהל רעדען, ווייטער געשיקט נאך זיי.

(הרה״ק מהר״י ד״ל מוורקא)

## פאר וואס האט יהושע געשוויגן?

ויהס כלב את העם אל משה נור הער עיקר פחד פון אידן איז געווען ווייל זיי האבן געהערט די נבואה פון אלדד ומידד אז משה מת ויהושע מכניס טא ווי אזוי וועלן זיי קענען בייקומען אזעלכע ענקים און ערים בצורות אהן משה׳ן.

האט זיי כלב אויפגעקלערט, אז זיי זענען זיך טועה דערמיט וואס זיי זענען מיחס אלע מופתים צו משה׳ן.

אדרבה, אידן אליין פארמאגן אין זיך גרויסע כחות ווערט צו זיין די ניסים, אזוי, אז דאס גרויסקייט פון משה׳ן דערנעמט זיך פון זייער קדושה (כל זמן שהיו ישראל כנזופין במדבר לא נתיחד הדיבור עם משה).

## וישלח משה לקרא לדתן ואבירם (טז. יב.)

„מכאן שאין מחזיקין במחלוקת". (רש״י)

אור דער טעם פארוואס — האט געזאגט ר׳ בונם — איז אים באמת נישט געלונגען מיט זיי שלום צו מאכן, ווייל ער איז נישט געגאנגען צו זיי נור ער האט זיי געשיקט רופן צו זיך...

# דער גראנגל געגן יצר הרע

אין היינטיגע פרשת המרגלים געפינען מיר טריט פון דעם פערזענליכן גראנגל פונ'ם מענטש געגן זיין יצר הרע טאָג טעגליך, ווי עס שפיגלט זיך אפ אין דעם וויכוח פון די מרגלים און יהושע וכלב.

די מרגלים טענה'ן אז אין ארץ ישראל געפינען זיך גיבורים און עס איז פשוט א מורא און א פחד זיך צושלאגן מיט זיי.

אט אזוי קוקט אויס דער מענטש וואס ארויס געהענדיג אין די לעבנס מהומה, ווען ער דארף פירן א לעבנס־קאמף פאר זיין גייסטיגן צוקונפט — זעהט ער בערג מיט פעסטונגען און ער קען זיי בשום אופן נישט אריבערגעהן! ער שרייט „כי חזק הוא ממנו" דער יצר הרע איז גרויס און פעסט און מ'קען איהם נישט בייקומען...

ווען דערזעהט דער מענטש אז ס'איז אלעס אפגענאַרט, אז ס'איז נישט קיין פעסטונגען — ווען ער קומט מיט זיי אין באריהרונג, און ער געהט טאקע ארויס אויף די מלחמה.

ווי האבן יהושע מיט כלב גע'טענה'ט: **סר צילם מעליהם**, טייטשט דער „שפת אמת" אז זיי האבן גע'טענה'ט: עס דוכט אייך נאר אז דארט זענען פאראן ריזן און פעסטונגען, ווען מען ס'איז גארנישט מעגליך באצוקומען, וועט איהר האבן בטחון, אמונה און מוהט צוצוגעהן זיך שלאגן מיט זיי, וועט איהר זעהן אז ס'איז בלויז א צל, א שאטן וואס סרעט אפ ביי ערשטן באגעגניש, סר צילם מעליהם אויב: וה' אתנו אל תיראום! אויב מיר געהען מיטן אויבער־שטנס נאמען האבן מיר נישט וואס מורא צו האבן!

*

דער „אורח לחיים" טייטשט אין היינטיגע פרשה אויף פסוק „ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה". ווען אייערע קינדער האלטן נאך ביים אנפאנג, ביים ראשית, זיי ליגן נאך אין די וויגן אין די עריסותיכם, זאלט איהר זיי שוין אויפהויבן צו השי"ת און איינפלאנצן אין זיי ריינע אמונה, מצוות מקיים צו זיין. „חלה תרימו תרומה", איהר זאלט געדיינקען די דריי דאטומס וועלכע זענען מרומז אין ווארט **חלה**: ח' ימי מילה; ל' ימי פדיון הבן; ה' שנים למקרא! דאס ווייזט אז דאס קינד דארף מען ארומרינגלען מיט מצוות וואס פריהער, וועט עס האלטן און האבן א קיום.

**א**מר רבי אסי יצר הרע בתחלה דומה לחוט של בוכיא ולבסוף דומה כעבות העגלה שנאמר (ישעי' ה) הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה (סוכה נ"ד).

ר' אסי האט געזאָגט: דער יצר הרע איז אין אָנפאַנג געגליכן צו אַ פאָדים פון שפין־וועבס, שפעטער איז ער שוין גלייך צו אַ שטריק מיט וועלכע מ'בינדט צו די קאלב צום האָקער; דאס מיינט — ווען אַ מענטש לאָזט זיך נישט איבער ריידן פון יצר־הרע גלייך ביים ערשטן שריט, איז לייכט איהם גובר צו זיין, אבער ווען מ'לאזט זיך ביסלאַך פער־פיהרן פון איהם, איז שוין נאָכהער שווער גובר צו זיין איהם, ווען ער פערבינדט שוין דעם מענטש צו זיינע ליידענשאפטן מיט שטארקע שטריק, ווי ס'שטעהט אין פסוק: „הוי חושכי

העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה", ווען דער מענטש לאָזט זיך בינדן מיט די חבלי שוא פון יצר הרע (שטריק וואס זייער כח איז גאָרנישט ווי דער טייטש שוא) ווערן נאָכהער אָט די חבלי שוא פערוואַנדלט אין פעסטע דיקע שטריק וועלכע איז שוין שווער אויפצובינדן.

די חז"ל זאָגן „יצר הרע דומה לזבוב, ויושב בין שני מפתחי הלב" (ברכות ס"א). **א מענטש זיצט ביי א ספר למשל, בייסט איהם א פליג, שאָקלט ער מיטן האַנד און פאַרטרייבט איהר, קומט זי ווידער; שאָקלט ער ווידער מיטן האַנד און זי קומט נאָכאַמאָהל און טרעט איהם אויף די נערוון און ער איז פאַרטראַכט אין ספר און האט נישט קיין געדולד. ענדליך באַטראַכט ער זיך אז ס'איז א מעשה אָהן א סוף און הייבט זיך אויף און נעמט זיך ערנסטער צו די פליג ביז ער פאַרטרייבט איהר גענצליך אין דרויסן און פאַרמאַכט די טיהר, דאַן קען ער זיין רוהיג.**

**דאָס זעלבע מיטן יצר־הרע. ער קומט צום מענטשן און בייסט איהם, באַטראַכט זיך דער מענטש אז מ'דאַרף איהם פאַרטרייבן. פאַרטרייבט מען איהם מיט א מאַך מיט די האַנד, נישט ערנסט. קומט ער ווידער, ער האט נישט קיין התפעלות. ביז דער מענטש וועט ענדליך פירן מיט איהם א ביטערע מלחמה דאַן וועט ער איהם פטור ווערן...**

**תנא דבי ר' ישמעאל בני אם פגע בך מנוול זה משכהו לבהמ"ד אם אבן הוא נמוח דכתיב (איוב י"ד) אבנים שחקו מים ואין מים אלא תורה שנאמר (ישעי' נ"ה) הוי כל מצא לכו למים אם ברזל הוא מתפוצץ שנאמר (ירמי' כ"ג) הלא כה דברי כאש נאם ה' וכפטיש יפוצץ סלע.** (סוכה נד.)

אין די ישיבה פון ר' ישמעאל איז געלערנט געוואָרן א ברייתא: מיין קינד, אויב דער יצר הרע האט דיר באַגעגנט און וויל דיר מאַכן זינדיגן, זאָלסטו איהם אריין ציהען אין בית מדרש. אויב ער איז ווי א שטיין הארט, וועט ער צוגעהן, ווי ס'שטעהט אין פסוק: „אבנים שחקו מים", און מ'מיינט נישט וואַסער נאָר תורה, ווי ס'שטעהט: „הוי כל צמא לכו למים", דאָס איז תורה. — אויב ער איז ווי אייזן שטאַרק, וועט ער צושפליטערט ווערן, ווי ס'שטעהט אין פסוק: „הלא כה דברי כאש נאם ה' וכפטיש יפוצץ סלע", און פייער צושמעלצט אייזן און צושפליטערט עס.

## ווי־שפין־וועב איז דער נעץ פון יצר־הרע

**אזוי ווי דער שפין ווען ער פאַנגט אָן וועבן זיין נעץ איבערן פענסטער פון שטוב, זעגען די וועב־פעדים דין און שוואַך און נישט באַמערקבאַר, אבער לאַנגזאַהם און פלייסיג וועבט ער און וועבט ביז ס'שאַפט זיך ענדליך אַ געדיכטער פאַרהאַנג וועלכער פאַרשטעלט גענצליך די זון־שיין. אזוי אויך מיטן יצה"ר ווען ער פאַנגט אָן צו וועבן זיין נעץ איבערן מענטש'ס האַרץ. מיט קלייניגקייטן הויבט ער אָן און לאַנגזאַהם וועבט ער אויס דעם געדיכטן פאַרהאַנג וועלכער פאַרשטעלט דעם שיין פון שכל און מ'בלייבט געפאַנגען אין דעם חשכות'־דיגן נעץ, איז אז מ'האט אויגן אין קאָפ דאַרף מען דאָס דערזעהן גלייך ביים אנפאַנג.** (חובת הלבבות שער חשבון הנפש)

דאס איז ווירקליך איינע פון די טאַקטישע וועגן פון יצר־הרע און זיין אריינגאַרן שווער צו מאַכן זיין ארבעט אָהן אויפהער אויף די הערצער פון מענטשן, כדי עס זאָל די נישט בלייבן פריי צייט זיך אמאָהל באַטראַכטן און פאַרטיפן אין וועלכן וועג מ'געהט.

## אשר אין בה מום אשר לא עלה עליה עול (יט. ב.)

אויב א מענטש איז ביי זיך אין ארדנונג, — האט אמאל געזאגט א חסידישער גדול — אויב ער געפינט נישט אין זיך קיין שום מום איז א סימן, אז „לא עלה עליה עול", אז ער טראגט נישט אויף זיך דעם מינדסטן עול פון אידישקייט...

דעם יצר הרע — האט ר' בונים זיך אמאל אויסגעדריקט פאר זיינע חסידים — דארף דער מענטש זיך פארשטעלן ווי א רוצח וואס שטייט איבער דיר מיט אן אויפגעהויבענער האק און ער וויל דיר אפהאקן דיין קאפ...

—און, אז מען קען זיך דאס נישט פארשטעלן? — האט איינער פון די חסידים אים א פרעג געטאן. — איז דאן א סימן — האט ער געענטפערט — אז ער האט דיר דעם קאפ שוין לאנג אפגעהאקט...

## זיך נישט לאָזן איינרעדן

אשר אין בה מום אשר לא עלה עליה עול. דער וואס גיהט ארום און בעטראכט זיך אז ער איז שוין בתכלית השלימות, ער האט שוין אויף זיך נישט קיין שום פעהלער, איז עס אַ סימן אז עס איז נאך גארנישט דאָ אויף איהם דער עול מלכות שמים. וואלט ער געהאט אויף זיך אַ ביסעל עול מלכות שמים, וואלט ער פערשטאנען אז ער איז נאך בלויז מומים... (החוזה מלובלין זלה"ה)

### ווער הייסט אַ שוטה

אין ספר „עמוד העבודה" שטייט געשריבן, ער האָט געהערט אז אַ חכם האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער וואָס ווייסט אַז ער איז אַ שוטה איז נישט אַ שוטה, וואָרום יעדער שוטה האַלט זיך נישט פאַר אַ שוטה נאָר פאַר אַ חכם. האָט אַ שוטה אַמאָל געהערט דעם מאמר החכם, האָט ער געזאָגט צו דעם חכם: איך האָב פון דיר געהערט אַז דער וואָס ווייסט אַז ער איז אַ שוטה איז נישט אַ שוטה, און איך ווייס אַז איך בין אַ שוטה און איך בין פאַרט אַ שוטה. האָט אים דער חכם געענטפערט: חלילה זאָלט אַזוי זאָגן, איך זאָג דיר אַז דו ביזט נישט אַ שוטה נאָר אַ חכם. האָט צו אים דער שוטה געזאָגט: איך האָב דאָך געהערט פון פיל מענטשן אַז זיי האַלטן מיך פאַר אַ שוטה? האָט אים דער חכם געענטפערט: ווען עס איז אַזוי, אַז דו אַליין ווייסט נישט אַז דו ביזט אַ שוטה, נאָר ווייל דו האָסט געהערט פון מענטשן אַז זיי האַלטן דיך פאַר אַ שוטה, אַזוי ביזטו באמת אַ שוטה, וואָרום איך האָב נאָר געזאָגט, אַז דער שוטה וואָס ער ווייסט אַליין אַז ער איז אַ שוטה איז נישט אַ שוטה, אָבער דו ווייסט נישט אַליין נאָר ווייל דו האָסט געהערט פון מענטשן זאָגן, ביזטו באמת אַ שוטה.

רמד

ווייל ער ווייסט דער יצר־הרע אז וואלטן מענטשן זיך אויפמערקזאם געמאכט זייערע וועגן — וואלטן זיי גלייך אנגעפאנגען זיך איבערקלערן אויף זייערע מעשים. און די חרטה־געפיהלן וואלטן זיך געשטארקט אין זיי ביז זיי וואלטן פארלאזט גענצליך די זינד.

**שוגג ברענגט צו מזיד** (מסילת ישרים פ״ב)

ווען אַ מענש פאלט דורך מיט עבירות בשוגג, זאל ער נישט צער האבן אויף דעם אליין, נאר מעהרער — אויף די טיהר וועלכע איז געעפנט געווארן פאר איהם צו טוהן עבירות במזיד. דאס זעלבע איז פארקערט, ווען ס'פאלט צו דעם מענשן אַ מצוה צום האנד, זאל ער זיך נישט בלויז פרעהען אויף די מצוה נאר מעהרער — אויף די נאכפאלגנדע מצוות וועלכע וועלן שוין פון זיך אליין צו פאלן צו זיין האנד. ווי די חכמים האבן געלערנט: איין מצוה ברענגט אַ צווייטע און איין עבירה — די אנדערע. (ילקוט משלי)

## הצדיק רבי נחמן ברעסלאווער זצ״ל זאָגט:

די תאוות פון די וועלט זענען געגליכן צו „ליכט זיילן" וועלכע דרינגען אריין אין שטוב פון די זון־שטראַהלן. עס דוכט זיך אויס אז די זענען „זיילן", און עס קוקט אויס ווי מ'וויל זיי כאפן, מ'כאפט און מ'כאפט און ס'איז נישטא וואס אנצונעמען — אט אזוי זענען די תאוות הבלי עולם הזה...

## אלע לויפן נאך דעם יצר הרע...

איהר האט אמאהל געזעהן ווי איינער געהט ארום מיט א פארמאכטע האנד, און פרעגט ביי קינדער „וואס האלט איך אין האנד", לויפן איהם נאך אלע קינדער וואס זענען נייגעריג צו טרעפן וואס יענער האלט אין זיין פארמאכטע האנד. יעדער איינער פרובט זיך טרעפן, און אלע לויפן איהם נאך צו זעהן וואס ענדליך וועט יענער ארויסנעמען פון זיין פארמאכטע האנד.

סוף סוף האט יענער געעפנט זיין האנד און גארנישט איז דארטן געווען און יענער לאכט זיך אויס פון די קינדער וואס זענען מיד געווארן נאכלויפנדיג איהם און ערווארטנדיג גארנישט...

פונקט אזוי איז דער יצר הרע. אלע לויפן איהם נאך און מיינען אז ער טראגט עפעס מיט זיך, און אלע פרובן טרעפן אנדערע תענוגים און הבלי עולם הזה וואס ער פארמאגט. ענדליך ווייזט ארויס אז ער האט גארנישט, נאר אלע בלייבן די נאראָנים וואס האבן געמיינט אז ער פארמאגט יא עפעס וואס... און אלע בלייבן פארשעמט...

(לויטן לקוטי מהר״ן)

וכבס בגדיו כאטש די פרה האט מטהר געווען טמאים, האט זי אבער מטמא געווען די טהורים וואס האבן זיך מיט איהר באשעפטיגט. ווייל די פרה אדומה האט דאך מכפר געווען אויף דעם חטא פון עגל, און לויט ווי די חז״ל זאגן, זענען די אידן פון דעם דור ב׳אמת נישט ראוי געווען צו זינדיגן, נאר כדי זיי זאלן ווייזן א וועג פון תשובה פאר די שפעטערדיגע דורות (ע״ז ד׳) איז דאך דאס דור אליין געשטראפט געווארן און דורך זיי איז ארויסגעקומען א תקנה פאר אנדערע, זיי זאלן וויסן אז מ׳קען ריין ווערן דורך תשובה. איז דעריבער די פרה וואס איז מכפר אויף׳ן עגל, אויך אזוי: א תקנה פאר אנדערע וואס דארפן טהרה, און א טומאה פאר זיך אליין... (דרשות חתם סופר).

רש״י זאגט אז די אומות העולם, די פעלקער פרעגן די אידן „מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה״, וואס איז דער ענין פון די מצוה (פרה אדומה) און וואס איז דער טעם איהרער? דעריבער שטעהט חוקה, דאס הייסט א געזעץ׳ עס איז א גזירה, א באפעהל פון השי״ת און דן האסט נישט קיין רשות אריינצוטראכטן דעריו׳

## דער גוף נידריג און די נשמה הויך

ולקחו לטמא מעפר שרפת החטאת ונתן עליו מים חיים א מענטש ווערט אנגערופן „אדם״ ווייל ער איז באשאפן געווארן פון דער ערד וואס הייסט „אדמה״. גלייכצייטיג איז עס אויך א רמז צו „אדמה לעליון״. אז כאטש דער מענטש דארף דין ביי זיך שפל ווי ערד, דארף ער אבער אויך שטרעבן זיך צו פארגלייכן מיט זיינע מעשים צו די מדות פון אויבערשטן. ווי די חז״ל זאגן: „הדבק במדותיו מה הוא רחום אף אתה רחום״ ער דארף געדענקען אז ער האט אין זיך א נשמה וואס איז א חלק אלוקי ממעל, און דארף שטענדיג זיך זאגן: „בשבילי נברא העולם״.

דעריבער האט מען געדארפט נעמען ביים מטהר זיין דעם טמא „מעפר שרפת החטאת״ און ארויף געבן דערויף „מים חיים״ אליין זיין נידריג ווי עפר, אבער אויך וויסן ביי זיך אז מ׳האט אין זיך א נשמה רוח חיים... (אדמו״ר מגור זצ״ל).

## דער חטא פון די מי מריבה

די חז״ל זאגן אז דעם מן האט השי״ת אליין געגעבן צו די אידן — הנני ממטיר לכם לחם מן השמים — ווייל אברהם אבינו האט אויך אליין צוגעברענגט ברויט די מלאכים — ואקחה פת לחם — אבער וואסער וואס אברהם אבינו האט געלאזט ברענגען דורך א שליח — יוקח נא מעט מים — האט אויך השי״ת זיינע קינדער געגעבן דורך א שליח.

משה רבינו האט דעריבער געשלאגן דעם שטיין ווייל ביי איהם איז דאך געווען „שכינה מדברת מתוך גרונו״ וואלט דאך דין רעדן געהייסן אזוי ווי השי״ת אליין האט גערעדט צום שטיין. וואלט עס דאך נישט געווען „על ידי שליח״ האט ער דעריבער נישט גערעדט נאר געשלאגן דעם שטיין, כדי עס זאל הייסן דורכ׳ן שליחות פון משה׳ס א פעולה.

דאס וואלט אבער נאר ריכטיג געווען, ווען משה וואלט נישט געווארן אין כעס. ווען ער איז אבער געקומען אין כעס און געזאגט: „שמעו נא המורים" — האט ער דאך שוין יא געקענט רעדן צום שטיין. ווארום „כל הכועס, שכינה מסתלקת ממנו" איז דאך דאן בשעת כעס שוין נישט שכינה מדברת בתוך גרונו, וואלט דאך אפילו דאס רעדן אויך געהייסן על ידי שליח...

(הגאון רבי מרדכי בנעט זלה"ה)

## דער איבערשטנס גערעכטע וועגן

ויאמר ד'... על גבול ארץ אדום... יאסף אהרן מגיד שמפני שנתחברו כאן להתקרב לעשיו הרשע נפרצו מעשיהם וחסרו הצדיק הזה (רש"י) דער פסוק זאגט דאך בפירוש דעם טעם „על אשר מריתם את פי במי מריבה" פאר וואס גיט־זשע רש"י צו א צווייטן טעם מפני שנתחברו לעשו הרשע ?!

נאר דער רבי ר' בונם פון פשיסחא פלעגט זאגן „משפטי ה' אמת צדקו יחדיו" — א מלך בשר ודם ווען ער בעשראפט ועמען, איז ער נאר גערעכט לגבי דעם פעראור־טיילטען וואס האט געזינדיגט, דאגעגן די משפחה און פריינד וועלכע לידען פון דעם אורטייל, איז זייער צער א בחינם'דיגער און נישט גערעכטער דען וואס זענען זיי שולדיג ! אבער השי"ת ווען ער בעשטראפט ועמען, איז אפילו דער צער פון די משפחה און סביבה אויך צדק, אויך זייער צער איז א פארדינטער פאר א חטא וואס זיי האבן געטוען.

דאס זעלבע איז אויך דא לגבי אהרן'ען, זאגט אונז די תורה דעם טעם „על אשר מריתם פי", רש"י זאגט אונז אבער דעם טעם אויפן צער פון די אידן וואס זענען זיי שולדיג „שחסרו הצדיק הזה" וועלכער איז געווען אזוי בעליבט ביי זיי? — דאס איז דערפאר „שנתחברו כאן להתקרב לעשו הרשע". (בשם השפת אמת ז"ל)

## וממדבר מתנה (כא. יח.)

אויף דעם זאגן די חז"ל: „כיון שעושה אדם עצמו כמדבר שהוא הפקר לכל, תורה נתנה לו במתנה".

פאראן אבער — האט אמאל געזאגט א גדול — אזעלכע אידן, וועלכע האבן א טעות און מיינען, אז מפקיר זיין פאר תורה דארף מען נישט זיך, נאר יענעם...

## א גוטע תפילה האט א גרויסן כח

אתם מתנשאים בקול שהורישכם אביכם ואני אצא עליכם במה שהורישני אבי (רש"י) די תפילה פון א איד איז זעהר גרויס, אבער נאר ווען מען האט נישט קיין גאות דורך דער תפילה. אויב ס'איז חלילה פערהאן א פניה פון גאות ביים דאווענען, איז די תפילה גארנישט.

אויב „אתם מתגאים בקול" — איהר האט גאות דורך דער תפילה, איז — ואני אצא — איז זיך עשו מתגבר און ער געהט ארויס געגן אונז... ווען די תפילה איז אבער עהרליך און ריין, האט עשו נישט קיין כח ארויסצוגעהן געגן אידן — הקול קול יעקב אין הידים ידי עשו... (הה"ק מוה"ר צבי מזידאטשוב ז"ל)

### דער כוח פון אן ערליכער תפילה

איז ספר דעת משה מהרה"ק מקאזניץ זצ"ל שרייבט ער פון זיין פאטער דעם קאזשעניצער מגיד זי"ע אז ער האט איהם דערציילט וועגן

דער מוטער פון הגה"ק רבי שמואל קאיידאנובר זצ"ל דער מחבר פון ספר ברכת הזבח און ברכת שמואל, אז זי האט נישט געקענט דאווענען, און בשעת ליכט צינדען פלעגט זי מתפלל זיין אין דער רוסישער שפראך, אז איר זון זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם.

## אין זכות פון קידוש לבנה איז ער ניצול געווארען

**אין** ספר אליהו רבה ווערט געברענגט אז החסיד מהר"י מייז"ש ז"ל האט דערציילט א מעשה וועגען איינעם וואס גוים האבען איהם באגעגענט ביינאכט און איהם געוואלט הרגענען. האט ער זיי געבעטען מען זאל איהם לאזען מקיים זיין איין מצוה פאר'ן טויט. זיי האבען איהם דאס נאכגעגעבען. גראדע איז דעמאלט געווען א שיינע לבנה. האט דער איד גענומען מחדש זיין די לבנה מיט גרויס כוונה, און עס איז איהם געשען א נס. ווען ער איז אונטערגעשפרונגען דריי מאל ווי מען איז זיך נוהג, האט איהם דער ווינט אונטערגעהויבען און איהם אוועקגעטראגען. אזוי ארום איז ער ניצל געווארען פון די רוצחים.

(בס' אליהו רבה בשם ס' א"ת)

## אווארט פון ווילנער גאון זצ"ל וועגען דער מצוה ציצית

**וראיתם** אותו. מען דערציילט אויפן ווילנער גאון ז"ל, אז בעת פטירתו האט ער גענומען די ציצית אין האנט און געזאגט מיט גרויס געוויין אך! ווי שווער עס איז זיך צו שיידען פון דעם טייערען ירידֿ, ווי די וועלט איז, אז פאר א קליינע מטבע קען מען איינהאנדלען אזא גוואלדיגע מציאה ווי א פעקעל ציצית, וואס דורך דעם איז א אדם ישר זוכה צו זען פני השכינה. ווי די חכמי התלמוד שרייבען אין מס' מנחות אויף דעם פסוק וראיתם אותו, איר וועט זוכה זיין צו זען כביכול דעם בורא ב"ה אליין. די מצוה פון ציצית באגלייט אונז שטענדיג און ראטעוועט אונז פון די צוויי געפערליכע מזיקים, דאס זיינען די אויגען און די הארץ, וואס זיי רעקאמאנדירען אלע עבירות, די אויג זעט און די הארץ געלוסט. די ציצית איז אונזער צייכען אז מיר זיינען די מיליטער פון דעם איבערשטען און ער איז אונזער קעניג. אין די פרשה ציצית שטייט צוויי מאל אני ה' אלקיכם, דאס הייסט, איך בין דער ג־ט וואס קוקט אויף יעדער מינדסטער זאך, איך בין באגלויבט צו צאלען א גוטען לוין צו די וואס היטען מיינע געזעצען, און וועל זיך שטארק אפרעכענען מיט די וואס היטען ניט מיינע געזעצען ווי איך האב זיך אפגערעכענט מיט פרעה אין מצרים. און דאס איז רמוז אין דעם אייזען פון ציצית, זי זעט אויס ווי א קאזאצקער ראפניק, דאס איז א קלוגער וואונק אז עס איז דא אראפניק צו שטראפען די פארברעכער "נכונו ללצים שפטים". און א צווייטער באוויז איז דער פתיל תכלת פון די ציצית, וואס דאס איז ענליך צום ים און צום הימעל און צום כסא הכבוד, אז די וואס זיינען זהיר אין מיינע מצוות וועלען זוכה זיין זען דעם כסא הכבוד און באקומען א גרויסען שכר.

## אלע האבן געקלאגט אויף אהרן

ויבכו את אהרן שלשים יום כל בית ישראל. ווייזט אויס אז אין דער גאנצער צייט האט זיך נישט געטראפן צווישן די אידן אפילו א רציחה בשוגג. ווארום אויב עס וואלט געווען א רוצח בשוגג, וואלט ער דאך געוועזן פארטריבן פון זיין היים אין דער מחנה לויה, און יעצט דורך דעם טויט פון כהן גדול וואלט ער אהיים געגאנגען, וואלט דאך די פאמיליע געהאט פרייד דערפון. זאגט דעריבער די תורה: ויבכו אותו כל בית ישראל — אלע אידישע פאמיליעס האבן איהם בעוויינט, עס איז נישט געוועזן איין פאמיליע וואס וואלט געהאט א נוצן פון אהרן'ס טויט, אז זייער פאמיליען־פאטער זאל צוריק אהיים קומען פון'ם מקלט, ווייל ס'איז אין גאנצן נישט געוועזן צווישן אידן קיין רוצח בשוגג.

(משך חכמה)

## ויבכו את אהרן שלשים יום כל בית ישראל (כ. כט.)

דאגעגן ביי דער פטירה פון משה רבינו ווערט נישט געזאגט „כל בית ישראל" עס איז דערפאר, ווייל נאך אהרנ'ס טויט האט קיינער נישט געקענט דערווארטען צו פארנעמען זיין פאסטן אלס כהן־גדול מחמת א זר קיינמאל נישט ווערן א כהן־גדול איז דאריבער האבן טאקי אלע אויפריכטיק באדויערט זיין פטירה און געוויינט. נאכן משה'ן אבער האבן נישט אלע געוויינט: עס זיינען געווען אזעלכע, וועלכע האבן גע־האפט אודאי, אז זיי וועלן אפשר ווערן קאנדידאטן איערצונעמען די נשיאות...

(תפארת יהונתן).

## א שמחה אז א שלאנג האט געביסן...

והיה אם נשך הנחש את איש והביט אל נחש הנחשת וחי... דא דארף אייגענטליך שטעהן „ויהי" וואס איז א לשון צער, נישט „והיה" וואס איז א לשון שמחה?

נור די תורה דערצעהלט אונז, אז אפילו איינער איז שטערבליך קראנק און א נחש האט איהם געביסן האט ער געקוקט אויף'ן נחש נחשת און געווארן צוריק געזונד אויך פון זיין אייגענע קרענק.

איז דאך ביי אזא קראנקן מענטש געווען א שמחה אז א נחש האט איהם געביסן, ווארום דאדורך איז ער דאך געזונד געווארן פון זיין אייגענע קרענק. שטעהט דעריבער „והיה" וואס איז א לשון שמחה...

(הנ"ל)



## וירא בלק... את כל אשר עשה ישראל לאמורי.

פון אלעמאל דאס זעלבע. די גוים זעהען נור דאס וואס דער איד טוט צו זיי. דאס אבער וואס זיי טוהען צום איד דאס זעהען זיי נישט און ווילן נישט זעהן.

אמרי נועם

וישמע הכנעני יושב הנגב וכו׳ וילחם בישראל. אויף דעם זאגט רש״י: אין „נגב״ זענען דאך געזעסן די עמלקים, וויזשע קומען דארט די כנענים? — נאר אין אמת׳ן זענען זיי געווען עמלקים, זיי האבן דאך אבער געוואוסט אז די אידן וועלן מתפלל זיין אז די עמלקים זאלן א מפלה האבן — האבן זיי גענומען רעדן די כנעני׳שע שפראך, די אידן זאלן מיינען אז די זענען כנענים, וועלן זיי מתפלל זיין אז די כנענים זאלן פאלן — דאן וועלן די עמלקים נישט געשאדעט ווערן פון די אידישע תפילה. ווען די אידן האבן דערזעהן ווי די מענשן רעדן כנעני׳ש און געהן אבער מיט עמלק׳ישן קליידונג — האבן זיי נישט געוואוסט אויף וועמען מתפלל צו זיין, האבן זיי געבעטן סתם אז די גוים זאלן פאלן פאר זיי און אזוי איז טאקע געווען.

פרעגט זיך א פראגע אויף די דברי רש״י: האבן דאך שוין די עמלקים זיך געקענט אנטאן אויך דעם כנעני׳שן קליידונג, וואלטן דאך די אידן געמיינט אז זיי זענען טאקע גאנצע כנענים און צו די עמלקים וואלט נישט געשאדעט זייער תפילה?

— נאר ווען די עמלקים וואלטן גערעדט און זיך געקליידעט כנעני׳ש — וואלטן זיי דאך באמת געווארן כנענים. ווארום וואס איז דער אונטערשייד פון איין גויאישע פאלק צו די צווייטע, אויב נישט מיטן שפראך און קליידונג? און דעמאלט זיי וואלטן געווארן אטאמאטיש כנענים, וואלט דאך שוין געווירקט די אידישע תפילה געגן די „כנענים״...

## א פאקטישע ווארעניש צו בלעם׳ן...

### ויפתח ד׳ את פי האתון...

די נויטיגקייט פון דעם נס איז געווען צו ווייזן בלעם׳ן, אז אויב כביכול קען עפענען דאס מויל פון אן אייזל, קען ער זיכער אויך פארמאכן דאס מויל פון א מענטשן און דאריבער זאל ער פארזיכטיג זיין און נישט שילטן די אידן... (רמב״ן).

## פון בלעם׳ס ווערטער וועגן געלד...

אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב לא אוכל לעבור, למדנו שנפשו רחבה ומחמד ממון אחרים (רש״י) אויך רבי יוסי בן קסמא האט דאך עהנליכע תשובה געענטפערט: „אם אתה נותן כל כסף וזהב שבעולם לא אצא למקום שאינו מקום תורה (אבות ו־ט) טא וואס צווינגט עס רש״י׳ן אויסצוטייטשן די זעלבע תשובה פון בלעם׳ן לגנאי?...

דער תירוץ איז: דארט ביי רבי יוסי בן קסמא איז׳ם פארשלאג וואס מ׳האט איהם געמאכט, האט זיך אויסדריקליך גערעדט וועגן געלד: מ׳האט איהם בעמליך פארגעלעגט: רבי, רצונך שתדור עמנו במקומנו ואני אתן לך אלף אלפים דנרי זהב וכו׳״ דערויף האט רבי יוסי געענטפערט: אם אתה נותן לי כסף וזהב שבעולם וכו׳ דא דאגעגן בים בלעם׳ן האט מען דאך מיט איהם לגמרי נישט גערעדט וועגן געלד. בלק האט איהם געלאזט זאגן סתם: „כי כבד אכבדך מאד טא וואס ענטפערט ער עפעס: „אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב״? ווער האט דען דא דערמאנט געלד?... און דערפון, אלזא — למדנו שנפשו רחבה ומחמד ממון אחרים...

רבי יחושע רוקח מבעלז

**תמות נפשי מות ישרים. לויט'ן שטייגער פון געוויסע היינטיגע מאדערנע אידן, האט אויך בלעם געוואלט לעבן ווי א גוי און שטארבן ווי א איד...**

## אויך לעבן ווי א איד

תמות נפשי מות ישרים ותהי אחריתי כמוהו בלעם'ן האט זיך געגלוסט צו שטארבן ווי א איד. עפעס אזוי שטארבן ווי זיין איזלטע — איז נישט בא'טעמ'ט, דעריבער האט ער געבעטן „תמות נפשי מות ישרים" ער זאל זוכה זיין צו שטארבן ווי א איד. און וואס איז מיטן לעבן? — דאס נישט! הולטייעווען פרעסן און זויפן ווי א גוי, נישט אזוי גיך איז בלעמ'קע מוותר אויף זיין גויאישע לעבן. לעבן ווי א גוי און שטארבן ווי א איד...

יא, איהר קענט טרעפן אויך היינטיגע צייטן אזעלכיגע וועלכע האבן א חשק צו שטארבן ווי א איד און לעבן ווי א גוי, די זענען דער גלגול פון דעם בלעם'ן.

מיר זאגן כי היא חיינו ואורך ימינו דער תורה לעבן פון ערשטן ביזן לעצטן טאג!

(מפי השמועה)

דגל מחנה אפרים אין נאמען פון בעש"ט

**הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב. איינס פון די יסודות און הויפט־פעולות, וואס דאס אידישע פאלק האט זיי צו פערדאנקען זיין קיום, איז „ובגוים לא יתחשב", ווייל ער רעכענט זיך נישט מיט דער מיינונג פון די גוים, וואס זיי טראכטן און זאגן וועגן איהם. און עס קימערט איהם נישט זייער שפאט און חוזק.**

## א גייסטיגער קוק הייליגט

שתום העין. דער תרגום: „דשפיר חיזו". אייגנטליך ווערט דאך געטייטשט „שתום העין" די פארשטאפטע אויג — ווי־זשע זאגט דער מתרגם „דשפיר חיזו" ד. ה. די אויג וואס זעהט גוט?

נאר עס שטעהט אין נאמען פון בעל־שם־טוב זצ"ל:

עס עקזיסטירן צוויי זעהונגען, א קערפערליכע און א גייסטיגע. ווען דער איד הייליגט זיינע אויגן און קוקט נישט אויף וואס מ'דארף נישט — באקומען די אויגן זייער גייסטיגע זעהונג און קענען בליקן אויף העכערע און טיפערע זאכן. און, פארקערט, ווען איינער איז מטמא זיינע אויגן, ווערן איהם בלינד זיינע גייסטיגע אויגן.

אלזא ווען מ'האט געדארפט, ווי די חז"ל זאגן, מאכן א נביא ביי די גוים כדי זיי צו מוסר'ן און בלעם איז באשטעטיגט געווארן צו דעם צוועק, איז דאך אבער בלעם געוועהן א רשע און האט מטמא געוועהן זיין ראיה — ווי־זשע וואלט ער געקענט זעהן מיט זיינע גייסטיגע אויגן העכערע הימלישע זאכן, ער איז דאך גאר געוועהן בלינד אויף די גייסטיגע אויגן?

נאר דעריבער איז טאקע בלעם בלינד געווארן אויף איין אויג כדי ער זאל מיט איהר נישט קענען זעהן און ממילא וועט ער איהר נישט מטמא זיין און אזוי ארום האט ער געקענט אט מיט די בלינדע קערפערליכע אויג, זעהן הויכע זאכן.

„שתום העין" מיט די בלינדע פארשטאפטע אויג „דשפיר חיזו" האט ער גוט געזעהן גייסטליך.

מה טובו אהליך יעקב נישט פון גרויס אהבה צו אידן האט זיך בלעם צוזונגען ווענן די מיט אוזיפיהל שירות ותשבחות. נאר פארקערט: ער איז דער פון אויסן געוועהן איינצורעדן די אידן, אז זיי דארפן שוין גארנישט טהון, זיי דארפן שוין נישט שטרעבן צו קיין העכערע מדרגה זיי זענען שוין פאלקאם אין ארדנונג. זיי זענען שוין געבענטשט מיט אלע מעלות און מדות טובות! און אט דאס איז דער חלוק צווישן איהם און צווישן די אידישע נביאים, וועלכע האבן נישט אויפגעהערט צו שטראפן די אידן, דערמאנענדיג זיי שטענדיג, אז די זענען נאך גאנץ ווייט פון שלימות. (תולדות יעקב יוסף)

## מה טובו אוהליך יעקב!

בלעם הרשע האט געזוכט אריין צו שטעקן א שלעכט אויג אין אידישן פאלק, אבער ער האט נישט געפונען· ער האט באטראכט דעם כלל ישראל און געזוכט עפעס א פעלער, א שוואכן פונקט און ער האט נישט געפונען·

געצוואונגענערהייד האט ער געמוזט זינגען „מה טובו אהליך יעקב", ווי פיין דיינע געצעלטן יעקב, „משכנותיך ישראל" דיינע וואוינונגען ישראל!

עס גיבט צוויי סעקטעס ביים פאלק, אנדערע זיצן א גאנצן טאג און זענען זיך עוסק אין תורה און עבודת ה'· די זענען אין א העכערע מדריגה, זיי ווערן גערופן „ישראל"; ווידער דער גרעסערער טייל פון פאלק באשעפטיגן זיך אין מלאכה און האנדל און די איבריגע צייט געהען זיי אריין אין בית מדרש און לערנען תורה שיעורים, זיי ווערן גערופן „יעקב"·

אט דאס באזינגט בלעם, „„מה טובו אהליך יעקב — ווי שעהן און גוט זענען די „געצעלטן", דאס הייסט די וואס לערנען נישט בקביעות נאר ווען עס לאזט זיך ווי א געצעלט וואס איז נישט קיין קביעות'דיג וואוינונג! די זענען „יעקב"; „משכנותיך ישראל" דאס איז די ישיבה לייט וואס זיצן דעם גאנצן טאג אין די ישיבות, און די תורה פעסטונגען· אין די „משכנות" און לערנען תורה, די הייסן ישראל א העכערע מדריגה, ווייל זיי גיבן דאס עקזיסטענץ פון כלל ישראל! (לויטן „אור החיים" הק')

✶

האט בלעם זיך אבער נישט מייאש געוועהן· ער האט ווידער געזוכט די שוואכע פונקט ביי די אידן· טאקע זיי זענען גוט און פיין, זיי לערנען תורה·

— אבער ווי זענען די קינדער? וואס איז מיטן חינוך?

— און ווי אזוי איז זייער פירונג אויסערן שטוב, אויסער די שוהל? — און ווי איז די צניעות ביי זיי?

— און ווי איז זייער השקפה? צו האבן זיי גענוג תקיפות געגן די שטורעם ווינטן וואס בלאזן זיי אויסצורייסן פון תורה ווארצל?

האט בלעם געמוזט ענדליך מודה זיין און ווידער האט ער באזונגען:

— זיי ציהען זייער טראדיציע ווי די טייכן! זיי זענען מחנך די קינדער און זעצן פאר די תורה קייט! „כנחלים נטיו" זיי ציהען זייער עקזיסטענץ ווי די טייכן!

— ווי די גערטנער ביים טייך וואס גיבן ארויס שמעקעדיגע ריחות און זענען משפיע אויף סביבה מיט זייער שיינקייט און פראכט, אזוי זענען די אידן, „כגנות עלי נהר"! ווי די גרעטנער אויפן טייך!

— און זייער צניעות, „כאהלים נטע ה'" ווי די ג־ט'ליכע געצעלטן, אלעס באשיידן און אידיש!

— און זיי שטעהען פעסט, עס איז זיי נישט צו ריהרן, „כארזים עלי ימים" ווי די טענען בוימער אויפן וואסער, אזוי שטעהען זיי אויפן תורה וואסער און מ'קען זיי נישט אוועקריהרן פון זייער טראדיציע!

## פיהר מדרגות אין תורה

**כנחלים נטיו, כגנות עלי נהר, כאהלים נטע ה', כארזים עלי מים.**

**אין דעם פסוק זענען מרומז פיהר קלאסן פון אידן.**

די ערשטע קלאס זענען די וועלכע געהען ארום און פאהרן ארויס אין אידישע ישובים צו פארשפרייטן תורה און פארשטארקן אמונה אין די הערצער פון די מאסן, דאס איז די גרעסטע מדרגה — „כנחלים נטיו" זיי פליסן וויא די טייכן וועלכע שיקן זייער וואסער אין פארשידענע ערטער;

די צווייטע קלאס זענען די וועלכע זיצן און לערנען תורה, און שטעלן אויף תלמידים, זיי געהן נישט וויט אבער מ'קומט צו זיי „כגנות עלי נהר" וויא די גערטנער ביים טייך וועלכע גיבן ארויס פרוכט, און ווער עס וויל געניסט פון זיי, און שיצט זיך אונטער זייערע צווייגן;

די דריטע קלאס זענען די תלמידי חכמים ישיבה־לייט וואס זיצן און לערנען פאר זיך אין די תורה געצעלטן „כאהלים נטע ה'" די געצעלטן וואו מען פארפלאנצט אין זיך די געטליכע תורה;

די פערטע קלאס — די זענען די רייכע וועלכע זענען פעסט וויא די טענענביימער „כארזים עלי מים" אויך קיין פרוכט גיבן די נישט ארויס. זיי האבן נישט זוכה געווען תורה צו לערנען, אבער זיי שטיצן די תורה לערנערס, האבן זיי שכר און א חלק אין זייער תורה.

(פון „אור החיים" הק' כ"ד ו')

## פון געפאלענקייט צו גרויסקייט

איתן מושבך ושים בסלע קניך. יתרו וועלכער האט זיך מדבק געווען צו די אידן אין וויסטן מדבר לאנד וועלכע ס'זוערט נישט פערדיט און פערפלאנצט, א הארטע טרוקענע באדן (איתן) — ער וועט זוכה זיין צו וואוינען צוזאמען מיט די אידן אויך ווען זיי וועלן דערגרייכן צו די העכסטע שטופע פון זייער גרויסקייט (סלע). ווי די חז"ל זאגן אז די וועלכע האבן זיך באהעפט צו די אידן בעת זייער נידריגן צושטאנד זיי וועלן זוכה זיין צו שטעהן מיט זיי אויך ווען זיי וועלן דערלעזט און גרויס ווערן (מי גר אתך בעניותך עליך יפול בעשירותך). (ספורנו)

**רבי בונם מפשיסכא**

**אשר יעשה העם הזה לעמך באחרית הימים. „באחרית הימים" אין די לעצטע צייטן פאר ביאת־הגואל, וועט מען זיך בעמיהען צו מאכן דעם „העם הזה", די אידן, „לעמך", עהנליך מיט די מנהגים און מיט די מדות צו די גוים...**

## נישט קוקן אויפן צווייטן...

מ׳זאגט איבער פון א גדול: פאר וואס פארשטעלט מען מיט די האנד ביים זאגן „שמע ישראל״? ווייל דעם אויסרוף „ה׳ אלוקינו ה׳ אחד״ דארף מען אויסרופן אפילו מ׳זעהט נישט קיינעם פאר די אויגן, נאר איך אליין!

די „עשרת הדברות״ זענען געזאגט געווארן בלשון יחיד „אנכי ה׳ אלוקיך״ און אזוי אלע דברות „זכור את יום השבת״ און לא תרצח לא תגנוב א. ז. וו. שטעהט אין מפרשים אז דאס איז ווייל יעדן מענטש דארף זיך דוכטן אז איהם אליין גיט מען איבער די תורה און ער זאל זיך נישט פארקוקן אויף דעם צו אויף יענעם. ווי דער שטייגער פון די מענטשן ווען מ׳פרעגט זיי פאר וואס האבן זיי געטהון אזוי און אזוי, ענטפערן זיי יענער טהוט אויך אזוי...

פינחס האט דאך זיכער זיך געקענט פארקוקן אויף די עלטערע פון דור, ווען זיי שווייגן און טהוען גארנישט.

ער האט עס אבער נישט געטהון, ער האט נישט געקוקט אויף קיינעם, ווען עס איז נוגע אין כבוד ה׳ מוז מען טהון. דעריבער שטעהט אין פסוק „תחת אשר קנא לאלוקיו״ (ווי עס באמערקט דער „חומת אש״) ער האט זיך פארגעשטעלט ווי ער אליין וואלט געהאט א ג־ט, וועמעס כבוד ער איז מחוייב זיך אנצונעמען.

✶

איבער הויפט איז דער היינטיגער דור געכאפט אין פארקוקן זיך אויפן צווייטן ביי ענינים פון חינוך און צניעות. ווען די עלטערן געהען געבן א חינוך זייער קינד, שטעהט נישט פאר זיי דער פליכט פון מחנך זיין א דור צו די תורה און די טראדיציע, נאר מ׳טראכט דורך אלע שכנים און באקאנטע, דער גיט דא און דער דארטן, און דער סוף איז אז מ׳טראכט נישט אין גרונד, נאר אויבערפלעכליכע, צופעליקע און קורצזיכטיגע מאטיוון שטעלן פעסט ווי אזוי זאל דאס קינד ערצויגן ווערן אלס אידי.

עס פעהלט דער געדאנק אז איך אליין דארף דינען השי״ת, און וואס געהט מיר אן פון די גאנצע וועלט. אנכי ה׳ אלוקיך, און לויט דעם זאלסטו זיך פירן!

## לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום...

טאקי צוליב דעם, וואס ער האט זיך ארויסגעוויזן אלס א גרויסער קנאי, איז דאריבער נויטיק, אז ער זאל אויך פארמאגען אין זיך די מדה פון שלום, אלס קעגנזאץ צו קנאות, וואס דארף באנוצט ווערן נור אין אויסנאמספאלן... (כתב סופר).

## פנחס׳ן באצאהלט אויף דער וועלט

לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום בדין הוא שיטול שכרו (רש״י) די חז״ל זאגן אז „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא״ — אויף דער וועלט באצאהלט מען נישט דעם שכר פאר די מצוות. ווייל — ערקלערן די ספרים — דער מענטש האט דעם דין ווי א שכיר יום — און פונקט ווי א שכיר באקומט זיין שכר ערשט ווען ער פארענדיגט די ארבייט, — שכירות אינה משתלמת אלא בסוף — אזוי אויך דער מענטש, באקומט ערשט דעם שכר נאכן פארענדיגן זיין ארבייט׳ס צייט, ווען עס קומט דער סוף כל האדם.

פינחס אבער לעבט דאך אייביג — פינחס זה אליהו — איז ער דאך אייביג אין דינסט פון השי״ת און זיין עבודה האט גאר קיין סוף נישט, דארף ער דאך ממילא זיין שכר באלד באקומען — בדין הוא שיטול שכרו — אז ער זאל באלד אויף דער וועלט נעמען זיין שכר...

(קומץ המנחה)

## לכן אמור...

דער „אמור״ איז דא אייגנטליך אומפארשטענדליך. צו וועמען זאל ער זאגן? זאיב צו פנחס האט דאך געדארפט שטיין „אמור לו״.

נור די כונה איז — ווי דער בעל הטורים ברייננט די מסורה פון א צווייטן ארט ווו ס׳שטייט „לכן אמור לבני ישראל״ — אז דא מיינט זאגען „לבני ישראל״.

און ס׳איז ווירקליך געווען, אז די אידן זאלן וויסן, אז די קנאות פון פנחס האט געפירט צו קיין מחלוקת און פירוד נור פארקערט געבראכט צו שלמות און גאנצקייט און דאריבער — „הנני נותן לו את בריתי שלום״.

„בקש שלום ורדפהו״ — זאגט דוד המלך פאראן צייטן ווען מ׳דארף זוכן דעם שלום אבער מאנכע מאל „ורדפהו״ דארף מען אים רודפ׳ן — ווייל „אין שלום אמר ד׳ לרשעים״...

(שערי שמחה)

ולא תהיה עדת ד׳ כצאן אשר אין להם רועה. פאר די פטירה האט ר׳ שמעון סופר צוגערופן די ראשי הקהל צו זיין בעט און געזאגט: געווים, רבותי, איז יעדער פאסטאך טריי זיינע שאף, ער פיטערט זיי, ער היט זיי, ער גיט אכטונג, עס זאל מיט זיי קיין מכשול נישט טרעפן; אבער מיט דער דאזיגער טריישאפט איז ער געוועהנליך אויסן נישט די טובה פון די שאף, נישט ווייל ער האט זיי טאקע באמת אזוי שטארק ליב, נאר פון זיין אייגענע טובה — ער זארגט פאר זיי, ווייל זיי ועגען זיין האב־און־גוטס, זיין פערמעגן. אנדערש דארף אבער זיין דער אידישער פאסטאך: זארגענדיג פאר זיין געמיינדע, זאל ער נישט אין זינען האבן קיין שום פניה פון אייגענע נוצן — ווייל זי פערזארגט איהם מיט פרנסה און מיט כבוד — נאר בלויז איהר טובה און איהר גליק! און דאס — האט ער אויסגעפירט — איז דער טייטש: „ולא תהיה עדת ד׳ כצאן אשר אין להם רועה״, וואס דער פאסטאך האט נישט זיי אין זינען נאר זיך!...

ייטיב פנים

איש אשר רוח בו. „שיוכל להלוך כנגד רוחו של כל אחד ואחד״ (רש״י) דער אמת׳ער מנהיג טאר נישט חנפ׳ענען דעם המון און נישט נאכשלעפן זיך נאך איהם, נאר ער מוז האבן דעם מוט צו געהן „כנגד רוחו של כל אחד ואחד״, געגענצושטעלן זיך, ווען מען דארף.

## פאר די אייגן — נאר כבוד ה׳

תחת אשר קנא לאלקיו דער שטייגער איז פון יעדן תומא, זיך צו פעררופן אויף א צווייטן: יענער האט אויך אזוי געטהון.

דעריבער האט השי״ת געזאגט די עשרת הדברות בלשון יחיד, כדי יעדן איד זאל זיך דוכטן, אז נאר איהם אליין איז די תורה געגעבן געווארן און ער זאל זיך נישט פאר־קוקן אויף קיינעם.

פינחס האט זיך דאך זיכער געקענט פארקוקן אויף משה מיט אהרנ׳ען און די שבעים זקנים און זאגן: אויב זיי טהוען גארנישט דארף איך דאך געווים נישט זיין פרו־מער פון זיי, דאך האט ער זיך נישט פארקוקט און געטהוען וואס ער האט געהאלטן פאר נויטיג פאר כבוד ד׳. דעריבער שטעהט: אשר קנא לאלקיו — ער האט זיך געטראכט אזוי ווי ער אליין וואלט געהאט א ג־ט, וועמענס כבוד ער איז זיך מחויב אנצונעמען, כאטש קיינער טהוט עס נישט... (תומת אמן).

## ווען משה איז א נוגע

ויקרב משה את משפטן לפני ה׳ ווייל די בנות צלפחד האבן געזאגט: והוא לא הי׳ בתוך העדה הנועדים בעדת קרח — און האבן דערמיט געוואלט געבן אנצוהערן משה׳ן אז ער איז נישט געווען פון זיינע געגנער האט זיך משה געפיהלט א נוגע און האט נישט געוואלט אליין פסק׳ענען דעם דין, נאר ער האט איהם מקריב געווען פר השי״ת...

(ספרים)

דערמיט איז צו פארשטיין וואס רש״י ברייננט פון די חז״ל, אז ווייל משה האט געזאגט „והדבר אשר יקשה מכם תקריבון אלי״ — האט ער דעריבער די הלכה געמוזט פרעגן ביי השי״ת.

אייגענטליך וויא קען מען זאגן אז משה רבנו דער „עניו מכל אדם״ האט דאס געזאגט חלילה מחמת גאות, האלטענדיג זיך גרעסער פאר זיי, אז ער זאל דעריבער נענש ווערן?

נאר משה רבנו האט געמיינט מיט דאס וואס ער האט געזאגט: „והדבר אשר יקשה מכם אז איהר וועט האבן א נגיעה און עס וועט שווער זיין צו פסק׳ענען א דין־אמת, זאלט איהר איהם ברענגען צו מיר. איז ממילא צוליב דעם זעלבן טעם האט ער יעצט, ווען ער האט א נגיעה געמוזט ברנגען דעם דין פאר השי״ת און נישט געקענט אליין פסק׳ענען.

איז נישט די כוונה, אז דאס איז געווען אנ־עונש פאר משה רבנו, נאר א פשוט׳ער פועל־יוצא פון דעם וואס ער האט דאמאלץ געזאגט... (אדמו״ר מגור ז״ל)

## כי צוררים הם לכם... על דבר פעור...

אפילו איר בוקט זיך צו זייער „פעור״ פון דעסטוועגן „צוררים הם לכם״.

ווייל אזוי איז געגעבן די נאטור פון די שונאי ד׳, דאס אפילו ווען אידן ווילן זיך מקרב זיין צו זיי און בעקן זיך צו זייערע עבודה זרה׳ס בלייבן זיי אויך די זעלבע פארביסענע שונאים. (תכלית מרדכי).

## בנות צלפחד האבן געמיינט לשם שמים

כן בנות צלפחד דברת ווען א מענטש קומט פאר א צדיק מיט א בקשה אין גשמיות׳דיגע ענינים, איז דער צדיק מלמד זכות פאר השי״ת אז די כוונה איז באמת לשם שמים אפילו ווען א איד וויל געלט, מיינט ער אויך כדי מיט דעם געלט צו טהון מצוות ומעשים טובים און צו קענען די קינדער מגדל זיין לתורה.

דא איז אויך אזוי געוועזן, ווען די בנות צלפחד האבן געוואלט א נחלה, האט משה רבנו אויסגעטייטשט זייערע כוונה לשם שמים, אז דורך דעם וואס זיי וועלן האבן עשירות וועלן זיי בעסער קענען דינען דעם אויבערשטן, דאס הייסט: ויקרב משה את משפטן לפני ה׳ ער האט זייער טענה מקרב געוועהן אז זי איז נישט קיין גשמיות׳דיגע, נאר א לשם שמים׳דיגע אז זיי מיינען לפני ה׳.

האט איהם השי״ת געענטפערט: כן בנות צלפחד דברת — דו דארפסט עס נישט אויסטייטשן אלס למוד זכות, ווייל עס איז באמת אזוי. (בשם הה״צ ר׳ נחום ישראל מליפנא ז״ל)

## געשעמט אין יוגנט און חרטה אין די עלטער

ונתת מהודך עליו. מהודך ולא כל הודך זקנים שבאותו דור אמרו: פני משה כפני חמה ופני יהושע כפני לבנה. אוי לה לאותה בושה אוי לה לאותה כלימה.

נאר די חז״ל זאגן אין מדרש אז יהושע האט זוכה געוועהן צו ווערן דער מנהיג נאך משה׳ן, ווייל ער האט זיך געפיהרט ביי משה׳ס לעבן וויא א משרת.

די זקנים וועלכע האבן זיך דאמאלט געשעהמט צו טהון דאס וואס יהושע האט געטהון, ווען זיי האבן געזעהן יעצט, אז יהושע איז דווקא וועגן דעם געווארן א מנהיג, און זיין פנים שיינט וויא די לבנה — האבן זיי געשריגן: אוי לה לאותה בושה ואוי לה לאותה כלימה — וועה איז צו יענע בושה וואס מיר האבן זיך דאן געשעהמט אויפצורוימען דאס בית־מדרש: די בושה האט אונז גורם געוועזן, אז מיר זאלן יעצט ווערן תלמידים ביים יונגען יהושע... (הרחיד״א ז״ל בפירושו על אבות)

## זיי האבן געדיינק משה׳ן פון די יוגנט

ונתת מהודך עליו, מהודך ולא כל הודך זקנים שבאותו הדור אמרו: פני משה כפני חמה פני יהושע כפני לבנה. אוי לה לאותה בושה אוי לה לאותה כלימה. פאר וואס דווקא די זקנים?

נאר די יונגע לייט ווען זיי האבן געזעהן דעם נייעם רעבין האבן זיי געזאגט אז אויך דער פריהערדיגער רבי איז יונגערמאנווייז נאר געווען „כפני לבנה״ און ערשט שפעטער האט ער זיך אויסגעארבייט און געווארן „כפני חמה״. די זקנים אבער וועלכע האבן געקענט דעם פריהרדיגן רבי׳ן ווען ער איז געוועזן יונג, זיי האבן געוואוסט אז אפילו דאן איז ער שוין געווען „כפני חמה״ — האבן זיי טאקע געשריגן: אוי לה לאותה בושה ואוי לה לאותה כלימה... (בשם צדיקים הראשונים)

## א טאפלטע נקמה.

נקום נקמת בני ישראל. פארוואס שטעהט עפעס א טאפלטער לשון פון נקמה? ווייל די מדינים האבן געוואלט אונטער ברייגגען די אידישע פאלק סיי אין רוחניות אין סיי אין גשמיות, דערפאר דארף מען נעמען אין זיי טאפלטע נקמה. (אלשיך הק' זצ"ל)

ספר החיים

זאת חקת התורה. אך את הזהב ואת הכסף. "זאת חקת התורה", מיט אלע חוקים פון דער תורה קען מען זיין אין ארדענונג, אלץ איז גוט — "אך את הזהב ואת הכסף", בלויז נאר מיט דעם זהב און כסף איז נעבעך נישט אזוי אין בעסטן. קוים האלט עס ביי זאכן, וואס זענען פערבונדען מיט געלד, דא קומט עס שוין אן אביסל שווערליך...

## נישט וואכעדיג מאכן דעם דיבור.

לא יחל דברו ככל היוצא מפיו יעשה. דער איד וואס איז מקיים דעם "לא יחל דברו" — ער מאכט נישט וואכעדיג דעם ווארט", איז ער זוכה צו "ככל היוצא מפיו יעשה" — או דאס וואס ער זאגט טוהט כביכול השי"ת, אין די בחינה פון "צדיק גוזר והקב"ה מקיים". (בשם דעם באדיטשיבער זצ"ל)

### דער אר"י הקדוש האט דערקענט עבירות אויף מענטשען

דער אר"י ז"ל האט אמאל אויסגערעכענט איינעם אלע זיינע עבירות וואס ער האט געטאן, אויף אלע עבירות האט ער מודה געווען אבער אויף איין עבירה האט ער ניט געוואלט מודה זיין, האט דער אריז"ל איבערגעפירט זיין האנט איבער יענעמס פנים און די עבירה אליין האט זיך פארגעשטעלט פאר אים. אויך הרב המגיד מו"ה יחיאל מיכל זצוק"ל האט אמאל געזאגט פאר איינעם די עבירה וואס ער האט געטאן מיט אלע סמנים, און האט אים געזאגט אז לאחר מאה ועשרים שנה קומען די קליפות וואס ווערען באשאפען פון די עבירות פאר'ן בית דין של מעלה און זיינען מקטרג אויף אים, אוי לאותה חרפה אוי לאותה בושה עכלה"ק.

(עבודת ישראל אבות פ"ה מ"ח)

### צדיקים האבן פארשטאנען אויפן פידל שפילן וואס פאר א מענטש דאס איז

בשם הבעש"ט ז"ע, אז פון די רייד וואס דער מענטש רעדט פארשטייען די צדיקים פון די רייד וואס פאר א חטא ער האט געטאן. אין ספר „אור המאיר" ווערט געברענגט, אז אמאל האט הבעש"ט זצוק"ל געהערט א רשע שפילן אויף א פידל, האט ער פארשטאנען פון דעם שפילן אלע עבירות וואס ער האט געטאן פון דעם טאג אן וואס ער איז געבוירן געווארן. אצינד באדארף דער מענטש פארשטיין אז מיט דעם פידל טוט ער אויסרעכענען זיינע חטאים, מכל שכן פון זיינע רייד מיט דעם מויל טוען די צדיקים בודאי פארשטיין וואס פאר א חטא ער האט געטאן.

## ווען א איד ווערט געשלאגן אין איין ארט — ליידט דער צווייטער

האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה צו דען מיינט איהר אז „אחיכם יבואו למלחמה" אז ווען אייערע ברידער ווערן זיך געפינען אין א סכנה איז „ואתם תשבו פה" וועט מען אייך דא לאזן זיצן במנוחה, און איהר וועט נישט פון דעם ליידן? איהר מאכט א טעות, קוים וועט מען ערגעץ וואו חלילה אנהויבן שלאגן אידן, וועט עס זיך אפרופן אויך אויף אייך, מען וועט אויך דא נישט שאנעווען...

(ר' יהונתן סרעגער)

### נאָך אַ מוסר דרשה דאַווענט זיך גאָר אַנדערש

**אין** ספר משכיל אל דל (ח"ד כלל ט' פרט א') שרייבט ער, איך דערמאָן זיך די תפלת מעריב וואָס איך פלעג דאַוונען נאָך דער דרשות מוסר וואָס דער רבי דער הייליגער חתם סופר פלעגט זאָגען אין גרויסען בית המדרש האָב איך אַ גאַנץ יאָר ניט זוכה געווען צו אַזאַ תפלה, ווייל דורך די הייליגע דברי תוכחה פון רבי'ן זיינען אַלע צוהערער געוואָרען אינגאַנצען אַנדערש, און ווער עס האָט געהערט די ברכה אויף דער תורה וואָס ער פלעגט מאַכען בשמחה ובאימה זברתת מפחד הדר גאונו, עד שמקולו הי' נראה שכל אבריו דא לדא נקשן איז יעדער ירא ה' באמת זיין האַרץ צובראָכען געוואָרען און געבעטען ביי דעם בורא עולם ווען וועט ער זוכה זיין צו אַזאַ גרויס הייליק פייער פון יראת שמים. ביז דער הייליגער רבי האָט אַליין געזאָגט בזה הלשון: איך האָב תלי"ת אַ עדה קדושה. ער האָט שטאַרק מקפיד געווען אויף נישט צו ענדערען דעם אידישען לשון און לייענען ספרים חיצונים, זי"ע.

## די שיין מסעי פון די ליכט

### דער עולם הזה איז נאר ווי א חצר

ויסעו מקברות התאוה ויחנו בחצרות — דאס איינציגע מיטל אויף צוריק צו ציהען זיך פון די תאוות און אפצוהאלטן זיך פון זינד איז — האט ר' יצחק ווארקער זצ"ל געזאגט — צו געדענקען שטענדיג אינ'ם „ויחנו בחצרות" אז די וועלט איז נישט מער ווי א „חצר" א פרוזדור אין וועלכן מען האלט זיך נישט לאנג אויף.

*

מיר שטעהן ווייטער פאר די ניין־טעג דער תשעה באב נעהנטערט זיך און מיר קלאגן און וויינען ווייטער אויף אונזער חורבן בית המקדש. דאך איז אבער א יעדער קרעכץ און א יעדער טרער א שטיין צום אויפבוי פונ'ם נייעם בית המקדש.

ליידער ווערט אבער דער לאגער וואס קלאגט אויפן חורבן ביחמ"ק יאהר יאהר, קלענער און קלענער. די יוגנט וואס איז געוואַקסן אויפן כפירה'דיגן חינוך, ווי עס ווערט געגעבן אין אלגעמיינעם חינוך אין לאנד — האט איבער־הויפט קיין אינטערעס אין דעם וואס האט פאַסירט מיט צוויי טויזנט יאהר צוריק. זיי שעמען זיך מיט יענער אור עלטערן.

די איינציגע נקודה וואָס ס׳געפעלט זיי יאָ נאך יענע תקופה איז נאָר דער פרט פון די בריונים וועלכע האָבן נישט געפאָלגט די חכמים די פירער פון פאָלק. כאָטש עס מוז צוגעלעגט ווערן אז יענע בריונים אנטקעגן היינטיגע בעלי אגרוף זענען פשוט „צדיקים״, יענע האבן מורא געהאט פאַרן „רבן דקרו״, זיי האבן נישט געפאלגט די חכמים אבער פאר אזאַ חילול השם ווי אטאקירן דעם תנא פאר עפנטליכקייט – האָבן געציטערט! אין דעם פרט איז דאָן א בושה און א חרפה ווי מיר קוקן אויס היייינטיגע צייט, מיטן אום־דרך־ארץ פאר די גדולי התורה! מיט וואס פאר א גרינגשעצונג זיי באציהען זיך צו די רבנים.

א קליין הייפל זענען די וואס קלאגן אויפן חורבן בית המקדש און בייניקן נאָך יענער גייסטיגע תקופה ווען תורה איז געשטאנען אין צענטער פון לעבן.

„איכה ישבה בדד״ ווי זיצן מיר איינזאם און אליין, אלע ארום שפאטן פון אונזער תורה פון די טראדיציע פון פארגאנגענהייט!

אויף דעם אליין דארף מען דאך קלאגן אויפן גייסטיגן חורבן פון יוגנט וועלכער געהט אין פערבלאנזשעטע וועגן. אויף דעם אליין דארפן מיר שרייען **השיבנו ה׳ אליך ונשובה חדש ימינו כקדם!**

ר׳ יצחק ווארקער

ויסעו מקברות התאוה ויחנו בחצרות. דאס איינציגע מיטל אויף צוריקציהען זיך פון די תאוות און אבצוהאלטן זיך פון זינד איז — צו געדענקען שטענדיג אינ׳ם ״ויחנו בחצרות״, אז די וועלט איז נישט מעהר ווי א חצר, א פרוזדור, אין וועלכען מען האלט זיך לאנג נישט אויף!..

תשי״ג

## די אידנ׳ס כונה און משה׳ס כונה

ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם נאכער שטעהט: „ואלה מסעיהם למוצאיהם״.

עס איז דערפאר ווייל ביי די בני ישראל איז געווען די הויפטזאך פטור צו ווערן די מצרים און דאריבער — „ואלה מסעיהם למוצאיהם״ האבן זיי געציילט כסדר וויא ווייט זיי זענען שוין אפגענומען. דאגעגן אבער ביי משה׳ן איז דער הויפט־צוועק געווען דאס אנקומען אין דער היילגער לאנד און צוליב דעם — „ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם״ האט ער געציילט פארקערט וויפיל מען האט נאך דורכצומאכן, וויפיל וועג עס איז נאך צו ארץ ישראל...

(דובנער מגיד)

## א רמז אויף חנוכה.

אין „מסעי״ איז דא אַ רמז אויף חנוכה.

דען אין דעם פינעף און צוואנציגסטן טאג אין כסלו איז געוועהן דער נצחון פון

די חשמונאים. און אין דער פינעף און צוואנציגסטער ארט וואו די אידן האבן גערוהט איז געוועהן חשמונה. (רבי יוסף חיים זוננפלד זצ״ל)

## אידישקייט אויפן פנים.

והורשתם את כל יושבי הארץ מפניכם, אויך „מפניכם" פון אייערע אייגענע פנים׳ער, זאלט איהר אראפטרייבען דעם „יושב הארץ" דעם גוי, אויך אויף אייער פנים זאל זיין קענטיג דאס ידישקייט. (דברים נחמדים)



## אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל (א, א)

„אלה הדברים" מיט די דאזיקע הארבע שטראף־רייד האט זיך משה רבינו באַנוצט נור „אל כל ישראל", בלויז ווען ער האט גערעט מיט די אידן, דאגעגן ווען ער האט גערעט מיט כביכול דאמאלט האט ער כסדר אויף זיי ממליץ טוב געווען, בלויז גערעט גוטס... (קדושת לוי)

אלשיך

מול סוף בין פארן, „הזכירן ברמז מפני כבודן של ישראל" (רש״י). אזוי דאַרף זיין סדר בעת מען וויל וועמען שטראָפן און אויס׳מוסר׳ן: פריהער הויבט מען אָן אַ לייכטער אָנצוהערעניש, ברמז, ראשי־דברים; ערשט ווען מען זעהט, אַז יענער איז געגייגט מקבל צו זיין דעם מוסר, קאָן מען שוין דאַן צוטרעטן צו רעדן מיט איהם אפענע שאַרפע דבורים: — „ממרים הייתם עם ד׳!"...

דער רבי פון לובלין האָט אַמאָל עמיצן שאַרף אויסגע׳מוסר׳ט. האָט זיך יענער אָנגע׳ברוגז׳ט, פיהלענדיג זיך שטאַרק בעליידיגט.

— אויב אזוי, — רופט־זיך־אָן צו איהם דער רבי פון לובלין, — דאַרף איך דיך מפייס זיין... וואָרום שטראָפן מעג מען איינעם נאָר דאמאלס, ווען יענער איז די שטראף־רייד מקבל און עס האט אויף איהם אַ שטיקל פעולה; אָבער ווען עס ווירקט נישט אויף איהם און ער שטעהט נאָך גאָר אין גרויסן און ברוגז׳ט זיך, הייסט דאָך עס גלאַט־אומזיסט מבייש געווען אַ אידן — דאַרף איך דיך דעריבען איבערבעטן...

## תוכחה דארף מען פארשטיין

אשר דבר משה אל כל בני ישראל מלמד שהיו כולם בעלי תוכחה ויכולין לעמוד בתוכחות (ילקוט) משה רבינו האט דאך דא דערמאנט די חטאים ברמז, דורכן דערמאנען די ערטער ווי זיי האבן גזינדיגט. כדי צו פארשטעהן תוכחה אויפ׳ן ווינק, מוז מען זיין א בעל תוכחה, דאגעגען א לײדיגען מענטש מוז מען ארויסלייגען אלץ אויפ׳ן טעלער און ארויסזאגען די חטאים בפירוש. מיט א בלויזן רמז פרשטעהט ער נישט.

ווען משה רבינו האט די אידן געשטראפט ברמז, איז עס א בעוויז, אז זיי זענען געוועהן בעלי־תוכחה און זיי האבן דעריבער געקענט פארשטעהן זיינע תוכחות, כאטש

ער האט נאר אנגעדייטעט מיט רמזים, דאס הייסט: ויכולין לעמוד בתוכחתו — זיי האבן געקענט דערגעהן (פון לשון: עומד על סוף דעתו) וואס ער מיינט מיט זיין תוכחה...

(דברי שערי חיים)

## תשובה טהון פארן לערנען

הואיל משה באר את התורה הזאת די מצוות הויבן זיך דאך ערשט אן אין פרשת אתחנן, ביי די עשרת הדברות ביז דארט זענען דאך נאר דברי תוכחה, האט דאך ערשט דארט געדארפט שטעהן „הואיל משה באר את התורה הזאת" ווי קומט עס שוין דא אהער?

נאר די ספרים זאגן איינס פון די עקרי־עבודה ביי אידישקייט, איז צו טהון תשובה איידער מ'געהט לערנען. און דער רבי פון לובלין ז"ל האט געזאגט אז דער וואס טהוט נישט קיין תשובה פאר'ן לערנען איז אויף איהם דער פסק: „ולרשע אמר אלוקים מה לך לספר חוקי" (תהלים נ'). דעריבער האט אויך משה רבנו אנגעהויבן מיט דברי מוסר איידער ער איז זיי געגאנגען לערנען די מצוות־התורה כדי מעורר צו זיין די אידן צו תשובה.

איז שוין ריכטיג וואס די תורה זאגט דא א טעם אויף „אלה הדברים" וואס משה רבנו רעכנט אויף די ערטער וואו זיי האבן געזינדיגט, ווייל — הואיל משה באר את התורה הזאת — ער האט געוואלט פאר זיי ערקלערן די מצוות פון דער תורה, האט ער דעריבער פאר זיי פריהער געזאגט תוכחה, אויף די חטאים כדי זיי זאלן פריהער תשובה טהון. (מאור ושמש).

## נישט קוקן אויף שווערקייטן

ד' אלוקינו דבר אלינו בחורב לאמור רב לכם שבת בהר הזה אין חורב האט השי"ת אייך אנגעזאגט, אז איהר זאלט נישט יעדע מניעה און שטערונג באטראכטן ווי א בארג וועלכן מען קען נישט אריבער געהן, נאר זיך מתגבר זיין איבער אלע מניעות איבער עבודת ה' ווי עס וואלט געווען א האר. (מאור ושמש)

### א ברכה פון א מנהיג

ואמר אליכם בעת ההיא לאמר לא אוכל לבדי שאת אתכם. דער שטייגער איז אז א מענש פערמאגט א גרויס עשירות אין א גרויסע פאמיליע און פיהרט דעריבער א גרויסן און א רייכן שטאט, אזוי אז ער האט א סאך לאסטען פון משרתים, ערציהער און פארשידענע צרכים וואס ער דארף פאר די קינדער — דאן זאגט ער צו די קינדער: איך האב דאך אזוי פיהל טרחות און טרדות פון אייך, הלואי זאל דער אויבערשטער העלפן אז איהר פון אייערע קינדער און איינקלאך זאלן אויך האבן אזוי פיהל לאסט און טרחות...

דאס זאגט אויך משה רבינו צו די אידן: איך לייד דאך פון אייך אזוי פיהל, ווייל — ד' אלוקיכם הרבה אתכם — הלואי — בעת ההיא — אין יעדער צייט — לאמר — זאלן אייערע מנהיגים דארפן אויך אזוי זאגן אז „לא אוכל לבדי שאת אתכם", צוליב אייער גרויסקייט. (משך חכמה)

### די ברכה פון א צדיק ווערט מקויים

אין ספר דברי אברהם ווערט געבראכט, אז ער איז געווען א בעל תפלה ימים נוראים אין בית המדרש דבחורים אין פרעשבורג. איינמאל איז ער זייער קראנק געווארען בין כסא לעשור און ער האט ניט געקענט דאווענען.

זיינען די תלמידים אוועק צום הייליגען חתם סופר זי"ע און האבען אים געפרעגט ווער וועט דאווענען יו"כ. האט ער זיי געענטפערט אז ר' אברהם וועט דאווענען. און אזוי איז דאס געווען. ער האט געדאווענט מיט די זעלבע שטארקייט ווי יעדען מאל אזוי ווי מען האט פון אים די קראנקהייט מיט דער האנט אוועקגענומען!

## ברכות פאר'ן כלל ישראל

**דער** רבי ר' זושא זצ"ל האט געזאגט יעדען אין דער פריה ווען ער איז אויפגעשטאנען פון בעט, האט ער געזאגט א גוט מארגען פאר כלל ישראל און ברכות און תפילות פאר אידען, אז אידען זאלען דערהויבען ווערען למעלה למעלה.

(מאור ושמש פ' שלח)

## דאס ערשטע מאל ביים בעל שם טוב הקדוש

**דער** רבי ר' איציק'ל דראהאביטשער זצ"ל איז געקומען דאס ערשטע מאל צום בעל שם טוב הקדוש אויף אזא אופן. הגה"ק רבי איציקל האט זיך געפירט אז תיכף ווי ער האט געזאגט בידך אפקיד רוחי איז ער באלד אנטשלאפען געווארען. טאמער האט פאסירט אז ער האט נישט געקענט איינשלאפען האט ער פארשטאנען אז ער האט עפעס פוגם געווען. און מען וויל נישט מקבל זיין זיין תשובה. איינמאל האט ער מפשפש במעשים געווען און ער האט נישט געקענט געפינען אין זיך קיין שום חטא. ביז ער האט חוקר ודורש געווען און געקומען צום באשלוס אז ער איז אמאל געשטאנען אין א מסיבה וואו לצים האבען חוזק געמאכט פון הייליגען בעל שם טוב און ער האט נישט מוחה געווען. איז ער באלד אויפגעשטאנען פון בעט און געהייסען פאר זיין בעל עגלה ער זאל צוגרייטען דעם וואגען און פאהרען קיין מעזשיבוזש צו בעטען מחילה פון בעש"ט. דער בעל שם טוב הקדוש האט איהם קיינמאל פריער נישט געקענט, און קיינער אין מזשיבוזש האט נישט געקענט רבי איציקל דראהאביטשער. איז ער געגאנגען אין בית המדרש פון בעל שם טוב און זיך געשטעלט דאווענען אין א ווינקעל. ביים לייענען האט איהם דער בעל שם טוב אויפגערופען „יעמוד מורה מורינו רבי יצחק בן רבי יוסף" און ער האט איהם געגעבען שלום עליכם. איר האט געלאזט חוזק מאכען פון בעל שם טוב און איהר זענט געקומען אזא לאנגען וועג. איך בין אייך מוחל בלב שלם. דערפון קען מען זען די גרויסע קדושה פון בעל שם טוב הקדוש און פון רבי איציקל דראהאביטשער, און אויך דעם חומר האיסור פון לשון הרע.

(בס' נתיב מצותיך שביל היחוד שביב ב')

(מדרש רבה). די שטערנען לייכטן נאר ווען דער הימל איז קלאר, קומט אבער א וואלקען אדער א נעפעל ווערן די שטערן פארשטעלט און לייכטן נישט מעהר, דאגעגן א פלאם פון פייער איז אפילו ווען עס איז ארום פינסטער, און רויך־וואלקענעס פלאקערט ער ארויס און פארלייכט דעם האריזאנט.

אזוי אויך מיט אידן, היינט לייכטען זיי וויא שטערנען, נאר ווען זיי לעבן במנוחה, אהן שום שטערונגען. קומען אבער אהן וואלקענעס און שטורם ווינדען פון גזירות און ענויים מצד די שונאים, ווערן זיי געשטערט אין זייער עבודת ה׳ או דאס ליכט זייערס ווערט פארטונקעלט. לעתיד אבער ווערן אידן זיין וויא דער פייער פלאם, וואס קיין שום מניעות און שטערונגען וועט מעהר נישט פארטונקלען זייער ליכט און קיין שום גזירות און צרות וועלן מעהר נישט אברייסן זייער ליבשאפט צו השי״ת. (דברים שערי חיים)

## אהן צאל, אהן חשבון...

אר״א בברכתו של משה יש בו מסוף העולם ועד סופו אלף פעם אין כתיב כאן אלא אלף פעמים-(מדרש רבה). אין די תורה שטעהט דאך „אלף פעמים״ איז עס דאך מיט א שיעור, טא וויא אזוי זאגט דער מדרש „מסוף העולם עד סופו״ אין גאנצן אהן א שיעור און אהן א גרענעץ?

נאר „אלף פעמים״ מיינט מען נישט טויזנד מאהל ששים־רבוא, נאר יעדער צאהל געטאפלט ביז טויזנט; איין מאהל ששים־רבוא, צוויי מאהל ששים רבוא, דריי מאהל צוויי, איז שוין זעקס, פיער מאהל זעקס איז שוין פיער און צוואנציג, פינעף מאהל פיער און צוואנציג איז שוין הונדערט און צוואנציג, זעקס מאהל הונדערט און צוואנציג, און אזוי ביז טויזנט. דאס איז שוין טאקע אזא צאהל, וואס איז אפילו נישט מעגליך אויס־צורעכנען אויפ׳ן פאפיר. (בינה לעתים)

### דריי אויפגאבן פון א אידישן פיהרער

איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם. „טרחכם״ — מיינט מען די טרחה צו לערנען מיטן פאלק תורה, אזוי ווי משה רבינו האט געזאגט צו יתרו׳ן: והודעתי להם את חוקי האלוקים ואת תורותיו; „משאכם״ — מיינט מען דאס וואס ער דארף מתפלל זיין פאר יעדן פון זיי ווען ער איז אין אנ׳עת־צרה, אזוי ווי עס שטעהט דארט כי יבא אלי העם לדרוש אלוקים; „וריבכם״ — מיינט מען צו משפט׳ן און אויסגלייכן זייערע סכסוכים און דין־תורות. אזוי ווי עס שטעהט דארט: ושפטתי בין איש ובין רעהו.

אט דאס זענען די דריי אויפגאבן פון א מנהיג ישראל. (רמב״ן)

## איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם (א. יב.)

דער דובנער מגיד האט צו די דאזיקע ווערטער געגעבן דעם פאלגנדן משל:

א ברילאנטן־סוחר האט געשיקט דעם משרת זיינעם ער זאל אים ברענגען פון אן ארט א וואליזע, וואס ער האט דארט איבערגעלאזן און אין וועלכער עס האבן זיך געפונען טייערע דימאנטן־שטיינער און ער האט זיך אוועקגעשטעלט מיט אומגעדולד ביים פענסטער ווארטן ביז דער משרת וועט צוריקקומען מיט די ווערטפולע חפצים. פלוצים זעט ער פון ווייטן ווי דער משרת קרעכצט און שלעפט זיך א פארמאטערטער, א פאר־שוויצטער טראגענדיק אויף די פלייצעס עפעס א גרויסע שווערע משא.

— אוי ווי! — האט דער סוחר פארבראכן מיט די הענט און זיך גענומען רייסן

די האר פון קאפ — אן אומגליק איז געשען. נישט אנדערש נור גנבים האבן פארביטן די וואליזע און אנשטאט ברילאנטן האבן זיי אונטערגערוקט דעם משרת א זאק מיט שטיינער. ביים טראגען ברילאנטן סאפעט מען נישט אזוי. מען שוויצט נישט און מען קרעכצט נישט...

דער נמשל איז: אויב אידן קרעכצן אונטערן עול פון אידישקייט איז עס דערפאר, ווייל זיי האבן פארטוישט דעם רבונו של עולם'ס ברילאנטן אויף שטיינער. אנשטאט די ריינע געטליכע מצוות האבן זיי זיך געשאפן שווערע שטיינערנע מצוות... פון ריינע מצוות קרעכצט מען נישט. זיי זיינען נישט שווער...

## אלעס באטראכטן פון תורה שטאנדפונקט

והדבר אשר יקשה מהם תקריבין אלי ושמעתיו דער רמב"ן זאגט אז אויב א מענטש איז אין א ספק צו ער מעג די זאך טהון זאל ער פריהער אין גאנצן אוועקנעמען זיין אייגענע נגיעה, אזוי ווי עס וואלט גארנישט געהאט קיין שייכות צו איהם, און דאן וועט ער קענען דערגעהן דעם אמת, צו די זאך איז לויט רצון ה'.

דאס איז דער פשט „והדבר אשר יקשה מכם" די זאך וואס עס וועט אייך זיין שווער צו וויסן אויב מען דארף עס טהון — תקריבין אלי — זאלט איהר עס דערנענטערן צו מיר, בעטראכטן עס נאר פון'ם שטאנדפונקט פון רצון ה' אהן שום אייגענע נגיעה — וועט איהר דאן דערגעהן דעם אמת. (שפת אמת).

### א חסידישע הרגשה...

והדבר אשר יקשה מכם תקריבון אלי ושמעתיו. עס שטעהט נאר „ושמעתיו" — איך וועל איהם הערן און ס'שטעהט נישט אז ער וועט אויך ענטפערן?

וויזט אויס אז עס איז פערהאן טיילמאהל א שווער ענין, וועלכן מען דארף נאר דערצעהלן דעם רבי'ן ער זאל עס הערן און מען דארף גארנישט פערלאנגען קיין ענטפער, דאס בלויזע אויסהערן איז שוין גענוג... (בשם אדמו"ר מגור זצ"ל)

כלי יקר

ותקרבון אלי כלכם. דערויף זאגט רש"י, אז דא, בעת'ן שיקן די מרגלים, איז דער „כלכם" געווען בערבוביא: „ילדים דוחפין את הזקנים, והזקנים דוחפין את הראשים"; דאגעגן ביים „ותקרבון אלי" בעת מתן־תורה איז געווען: „ילדים מכבדים את הזקנים, וזקנים מכבדים את הראשים".

ביי קבלת־התורה האבן אידן זיך אויפגעפיהרט מיט גרויס דרך־ארץ און געגענזייטיגער העפליכ־קייט. יעדער איינער האט מיט'ן מקבל־זיין די תורה מכבד געווען דעם צווייטן, די יונגעלייט האבן אבגעטרעטן זייער פלאץ די זקנים, און די זקנים האבן אין זייער גרויס בעשיידענהייט מוחל געווען אויף'ן כבוד און געשיקט די ראשים. דאגעגן ווען עס האט זיך געהאנדלט ביים שיקן די מרגלים, צוגרייטענדיג זיך צו פארנעמען און איינצוטיילן זיך מיט'ן „ארץ זבת חלב ודבש" — דא איז מיט איינמאל דער גאנצער דרך־ארץ פערשוואונדן: „ילדים דוחפים את הזקנים, וזקנים דוחפין את הראשים"!

און אזוי איז עס אויך, לײדער, ביי היינטיגן טאג. אין עניני רוחניות ווייזט מען ארויס גרויס בעשיידענהייט, מיט תורה־לערנען איז איינער מכבד דעם צווייטן; קומט עס אָבער צון די עניני ממונות — דא פאלט שוין אוועק יעדער דרך־ארץ, דאָ רייסט מען איינער ביים צווייטן דעם ביסן פון מויל!...

## די עניוות פון משה רבנו

ואתחנן אל ה׳, אף על פי שיש לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים אין מבקשים מאת המקום אלא מתנת חנם. רש״י. דער אמת׳ער צדיק שפירט דאָך גאָרנישט אַז ער טהוט מעשים טובים, טא וויא אַזוי קען ער תולה זיין אין זיינע מעשים?

נור דער פשט איז, די צדיקים קענען דאָך תולה זיין אין די מעשים־טובים וואָס זיי וועלן שפעטער טהוען, ווען זיי וועלן לעבן, פונדעסטוועגן קומען זיי נישט מיט דער טענה, נאָר זיי בעטן א מתנת־חנם. משה רבנו האט דאָך אויך געהאט תולה צו זיין אַז ער וויל נאָך לעבן און אריינקומען קיין ארץ־ישראל כדי מקיים צו זיין די מצוות התלויות בארץ, דאָך איז געוועהן „ואתחנן" — ער האט נאָר געבעטן אַ מתנת־חנם...

(הה״ק מקאצק ז״ל)

## משה רבנו׳ס אויפטהו

ואתחנן אל ה׳ בעת ההיא לאמר משה רבנו האט אויסגעבעטן אויף לדורות — בעת ההיא — ווען עס וועט קומען אזא צייט אויף אידן אין וועלכען זיי וועלען נישט קענען צוליב צרות און ענויים פון גלות, מתפלל זיין מיט דער געהעריגער כוונה, נאָר — לאמר — זיי וועלן נאָר בלויז מיט׳ן מויל זאגן — זאל אויך זייער תפילה ווערען אנ־גענומען. (הרה״ק מהרי״ך ז״ל מאמשינאוו).

## אפנארן דעם יצר הרע

ואתם הדבקים בה׳ אלוקיכם חיים כולכם היום איהר וואס ווילט זיין דבוק אל ה׳ אלוקיכם, נאר דער יצר הרע רעדט אב פון עבודת ה׳, איז דערצו די עצה, איהר זאלט זיך פארשטעהן און ענטפערן דעם יצה״ר דאס — חיים כולכם היום — איהר לעבט נאר היינט אליין — היום כאן ומחר בקבר — איהר ווילט אלזא דינען דעם אויבערשטן נאר אין היינטיגן טאג אליין מקיים זיין דעם „ושוב יום אחד לפני מיתתך" און מארגן שוין נישט מעהר. דאן אויפצומארגענן זאלט איהר איהם ווידער אזוי זאגן און אזוי כסדר... (בשם הרח״ה מאלכסנדר ז״ל).

## א געזונטע נשמה און א געזונטען גוף

ונשמרתם מאד לנפשותיכם עס דארף דאך לכאורה שטעהן „ושמרתם את נפשותיכם" וואס בעדייט דער לשון „ונשמרתם"?

נאר דא איז מרומז די מצווה זיך אבצוהיטן דעם גוף און אכטונג געבן אויפ׳ן געזונד. איז דער טייטש: ונשמרתם מאד — זעהט אז אייער גוף זאל אבגעהיטן ווערן — לנפשותיכם —צוליב אייער נפש ווארם די קראנקהייט פון׳ם גוף ווירקט אז דאס נפש זאל אויך ווערן אבגעשוואכט. (אור צדיקים).

## אומעטום קען מען שפירן און זעהן ג־טליכקייט

אתה הראת לדעת כי ה׳ הוא האלוקים. פתח להם שבעה רקיעים וכשם שקרע את העליונים כך קרע את התחתונים וראו שהוא יחידי (רש״י). **קיין שום חשכות און הסתרות פון דער טבע קענען נישט פארשטעלן פאר א איד וואס וויל באמת דינען דעם אויבערשטן. עס ווערט פאר איהם געעפנט דאס פנימיות פון דער וועלט אויף אלע ערטער, און דערזעהט אומעטום אין׳ם חשכות און הסתר דעם יחיד ומיוחד...** (שפת אמת).

## נישט זארגן, אויף מארגן

וידעת היום והשבת אל לבבך **די חז״ל זאגן אז דער וואס האט וואס צו עסן אויף היינט, און ער זארגט זיך, וואס וועל איך עסן מארגן דער איז נישט קיין ריכטיגער מאמין — הרי זה מקטני אמנה (סוטה מ״ט).**

**דאס איז דער פסוק מרמז;** וידעת היום **— זאלסט נאר וועלן וויסן פון היינטיגן טאג, נישט טראכטן וועגן מארגן —** והשבת אל לבבך כי ה׳ הוא האלוקים **— דו זאלסט האבן די ריכטיגע אמונה אין השי״ת אז ער איז דער גרעסטער בעל־יכולת און ער וועט דיך שוין מסתמא פארזארגן אויף מארגן.**

(תכלת מרדכי)

**אַ מעשׂה׳לע טאָר נישט פאַרלירן זיין האַפענונג**

אמאָל אסרו חג פון סוכות, נאָכן שחרית׳דיקן דאַווענען, ווען דער הגה״ק בעל „חתם סופר" זצוק״ל האָט שוין געהאַט מסדר געווען זיינע נייע שיעורים אויף ווינטער וואָס האָבן זיך אָנגעפאַנגען ראש חודש השון, און האָט אַדורכגעקוקט די תשובות וואָס פלעגן אָנקומען פון ווייטע לענדער כדי זיי צו ענטפערן, און ווען ער האָט אָנגעפאַנגען צו ענטפערן די תשובות, — האָט זיך געהערט ביי דער טיר אַ שוואַכער שרעקעדיקער קלאַפּ, ווי פון אַן אָרעמאַן וואָס שרעקט זיך און שעמט זיך און האָט נישט קיין חוצפה צו שטערן יענעם, קוים מען זאָל אים הערן.

נו, האָט ער זיך געטראַכט, עס זיינען אַוועקגעגאַנגען די פריילעכע הייליקע טעג, עס גייט צו ווינטער מיט קעלטן און שנייען קומען שוין אָן, מסתמא וויל זיך דער אָרעמאַן אויסגיסן זיין האַרץ פאַר אים, ווייל אַלע צרות פון זיין קהלה פלעגן קומען צו אים.

איז דער הייליקער חתם סופר שנעל אויפגעשטאַנען אַריינצובעטן דעם אָרעמאַן צו זיך אין שטוב אַריין.

אַז דער חתם סופר הקדוש האָט געעפנט די טיר, איז ער נשתומם, פאַרוואונדערט געבליבן שטיין, און גלייך דערזעען דעם ראש הקהל אַליין, וואָס איז געווען אַ גביר און אַ גרויסער נכבד, וואָס שטענדיק ווען ער פלעגט אַריינקומען איז געווען מיט שטאָלץ און ווירדע.

האט אים דערהייליקער חתם סופר געזאגט: כ'בין אנטוישט, עפעס אן ארעמאן האב איך געמיינט שטייט הינטער דער טיר מיט א צעבראכן הארץ מיט פיל צרות, שטענדיק פלעגן עפעס דיינע טריט זיין שטאלצער און שטייפער פלעגט זיין דיין קלאפן אין טיר, וואס איז עפעס איינגעטראטן אן ענדערונג? די אורזאך וואלט איך געוואלט זאלסט מיר ערקלערן.

רבי, — האט אים דער ראש הקהל געענטפערט — ווי פון אייער מויל וואלט ארויס א נבואה. מער האט ער נים געקענט ווייטער ריידן און מיט דערשטיקטקייט מיט צער האט ער זיך געמוזט איינהאלטן און אביסל אפווארטן, און ערשט דערנאך געבעטן דעם הייליקן חתם סופר: כ'האב עפעס א סוד און א וויכטיקע זאך מיטן זיך אדורכריידן.

— רבי, כ'בין א פארלוירענער מענטש, כ'בין אראפ צו דער נידעריקסטער שטופע.

זיינע שווערע טריט און זיינע ציטערדיקע הענט וואס האבן געהאלטן דעם שטעקן באדעקט מיט זילבער, און אלעס האט זיך געטרייסלט, האט שוין שווייגנדיק אלץ דערציילט פון זיך אליין.

— רבי, איך האב פארלוירן מיין גאנץ פארמעגן.

זאגט אים דער הייליקער חתם סופר: דאס געלט האסטו פארלוירן, און שוין, שוין ביסטו שוין אליין אויך פארלוירן?

— דאס גרויסע ליבשאפט און רעספעקט און כבוד וואס די קהלה האט נאר צו דיר נים צו דיין געלט, ווייל זיין געלט פלעגט ער צוטיילן פאר תלמידי חכמים, קראנקע, ארעמע פאר קליידונג, דאס אלץ איז נאך געבליבן מיט דיר, און וועסט נאך שטענדיק בלייבן דער זעלבער עשיר ביז אייביק, מען טאר נים זיין אזוי פארבונדן צו געלט און זיך אזוי נעמען צום הארצן. כ'וואלט וועלן דו זאלסט מיר גענוי דערציילן די גאנצע מעשה.

דער חתם סופר הקדוש האט שטארק באווירקט דעם ראש הקהל מיט גרוים חכמה נים צו האבן אזויפיל בטחון אין די געלט, און זיין צער און יאוש איז געווארן אויסגעוועפט פון הארצן.

דער ראש הקהל האט ווייטער געזאגט, אז ער איז ערב געווען פאר פיל סוחרים, און דאס איבעריקע האט ער היזק געהאט אין שלעכטע געשעפטן און ביזנעס, און האט פיל רדיפות אויף יעדן טריט, און אז ער האלט פשוט ביים באנקראט, קעגן זיין ווילן.

איבערראשט פון דער ידיעה איז דער הייליקער חתם סופר געבליבן, און האט איבערגעהאקט דעם ראש הקהל זיינע ווערטער: ניין, צו דער מדרגה וועסטו קיינמאל נים צוקומען!

— אמן, — האָט אים דער ראש הקהל געענטפערט — הלואי זאָל אויך דער בורא עולם מסכים זיין צו אייך, אָבער ווי אַזוי פון אַזאַ בלאַטע אַרויסצוקריכן טו איך נאָך אַלץ ניט פאַרשטיין.

— ווען כ׳וואָלט יעצט אַביסל געלט געהאַט צו פאָרן קיין לייפּציג ווי יעדעס יאָר אויף מסחר, אָבער גלויבט מיר אַז כ׳האָב אַפילו ניט אויף הוצאת הדרך.

— אַלץ האָב איך אויסגענוצט ביז יעצט, אַפילו קיין 10 גילדן קען איך ניט צוזאַמענשטעלן, און אַ חוץ דעם רבי׳ן ווייסט קיינער ניט פון מיין גרויסער צרה, אַפילו מיין פרוי ווייסט אויך ניט, ס׳איז גענוג אַז מיין משפחה וועט שוין שפּעטער געוואָר ווערן, קוים וועל איך דאָס יאָר ניט פאָרן קיין לייפּציג אויפן מאַרק, וועלן שוין אַלע גלייך געוואָר ווערן מיין אומגליק.

פרעגט אים דער הייליקער חתם סופר: וויפיל דאַרפסטו אויף דעם מאַרק, על כל פנים אויף הוצאת הדרך וויפל דאַרפסטו?

— הונדערט גילדן — האָט ער געענטפערט.

האָט אים דער הייליקער חתם סופר געענטפערט: מילא 100 גילדן איז ניט אַזאַ גרויסער סכום, כ׳וועל זיי דיר לייען, און פאַר מאָרגן אויף דעם מאַרק, און איך וואָרן דיר, אַז דער ערשטער עסק וואָס וועט זיך דיר טרעפן, זאָלסטו עס גלייך מאַכן. כ׳בין זיכער — זאָגט אים דער חתם סופר — אַז דו וועסט מצליח זיין, און צוריקקומענדיק וועסטו דאָס אַלעס אָפּצאָלן.

דער התם סופר הקדוש האָט אים געגעבן זיין גאַנץ פאַר־מעגן, וואָס דאָס איז געווען די 100 גילדן.

אָבער יענער האָט אַלץ ניט געוואָלט נעמען. — נאָך אַן עצה, רבי, בין איך געקומען צו אייך, ניט די לעצטע געלט.

דער חתם סופר הקדוש האָט אים בארואיקט און געזאָגט: ווען איך זאָל וויסן אַז דו וועסט מיר ניט קענען אָפּצאָלן וואָלט איך דען דיר געבאָרגט? עס איז דאָך קיין נפקא מינה וואו עס ליגט די געלט, צי ביי מיר צי ביי דיר, דערווייל וועל איך מקיים זיין אַ מצוה פון גמילת חסדים.

— פאַרליר ניט קיין צייט און גרייט זיך תיכף אין וועג אַריין — און דער הייליקער חתם סופר באַגלייט אים צו דער טיר.

— כ׳ווייס ניט צו דאַנקען אייך — האָט אים דער ראש הקהל געענטפערט.

זאָגט אים צוריק דער הייליקער חתם סופר: אַ דאַנק פון ווערטער איז אויך פּראַצענט, מען טאָר ניט דאַנקען. שנעלער גיי און זיי מצליח — און מיט ברכת כהנים האָט ער אים געבענטשט.

דער ראש הקהל האָט פאַרלאָזט די שטוב פון הייליקן חתם סופר מיט פיל פרייד און בטחון, ווי אַ שטיין איז אים אַראָפּ פון

הארצן, און פול מיט אמונה און בטחון אויף א ישועה, ווי א ניי־געבוירענער מענטש האט ער זיך געפילט.

אין איינינקע טעג איז ער שוין געווען אין לייפציג, און ווי ער איז געקומען אין דעם האטעל וואו ער פלעגט אלעמאל איינשטיין, האט ער דארטן גלייך געטראפן א האמבורגער סוחר, אן אלטן גוטן פריינט, מר יואלזאן, און גלייך נאכן ערשטן שלום עליכם זאגט ער צו אים: איך האב זייער א גוטע ביזנעס פאר דיר וואס דו קענסט פארדינען א סך געלט, און מען מוז דעם געשעפט שנעל ענדיקן. א גרויסע שיף מיט קאפפע פון בראזיל איז אנגעקומען, פון בעסטן סארט, און עס איז זייער ביליג. איך ווייס אז אין גיכן דארף עס ווערן טייערער, נאר ווייל איך האב נאך אנדערע געשעפטן, וואלט איך וועגן די קאפפע געוואלט שנעל ענדיקן. איך וועל עס דיר פארקויפן פאר די פרייז וואס עס קאסט דארטן, עס דארף קאסטן פיר הונדערט טויזנט גילדן, און דריי טויזנט קאסט ברענגען אין טערסעם. גיב מיר וועקסלעך אויף דעם גאנצן געלט אויף צוויי חדשים אויסצוצאלן, טראכט ניט לאנג און קויף, און טאמער ווערסטו געפינען עפעס אז איך נאר דיר אפ, קענסטו שטענדיק חרטה האבן. אין קורצן, האף איך, וועט עס ווערן צוויי מאל אזויפיל.

דער ראש הקהל אבער האט געוואוסט אז ער פארמאגט אינגאנצן 80 גילדן, און אויך דאס ניט זיינע. האט ער זייער גע־צווייפלט. ווען אבער ער האט זיך דערמאנט אין דער הבטחה פון הייליקן חתם סופר, אז דאס ערשטע געשעפט זאל ער מאכן, האט ער אזוי געטאן, און טאקע מצליח געווען אין דעם געשעפט, און איינער וואס האט באנקראטירט און אים שולדיק געבליבן א הון רב האט אים א העלפט צוריקגעגעבן.

ער איז צוריקגעקומען קיין פרעשבורג א גרויסער עושר, און דאס ערשטע איז ער אריין אין הויז פון הייליקן חתם סופר.

דאס מאל איז ער שוין אריין מיט מערער שטאלץ און שטייפקייט.

ער האט אים שטארק באדאנקט, און אים געבראכט א גרויסן דיימאנד שטיין א מתנה.

דער הייליקער חתם סופר האט דעם דיימאנד געדרייט און באוואונדערט און באקוקט, און צום סוף אים געזאגט: דעם שטיין גיב דיין פרוי, ביי מיר איז עס ריבית, פראצענט. האט זיך דער גביר אנגעהויבן צו האקן אין קאפ אריין מיטביידע הענט: ווי האב איך פארזען און ניט פארשטאנען אז דאס איז ריבית?

יהי זכרו ברוך, זי"ע.

(מספר „חוט המשולש")

## די גרויסקייט פון אידישע פארזאמלונגען

את הדברים האלה דבר ה׳ אל כל קהלכם. מתן תורה ווערט אנגערופן אין דער תורה „יום הקהל״, אויך פריהער אין דער פרשה שטעהט: באמור ה׳ אלי הקהל לי את העם.

די פארזאמלונג פון קבלת התורה, האט געווירקט ארויס אויף אייביגע צייטען, אז ווען אידן וועלן זיך צונויפזאמלען — אל כל קהלכם — זאל דארט זיין השארת השכינה. ווי די חז״ל זאגן: עשרה שיושבין ועוסקין בתורה שכינה שרויה ביניהם.

— דאס הייסט: — דבר ה׳ על כל קהלכם — השי״ת׳ס דבור פון דעמאלט איז געבליבן פון אלע מיני קהלות פון אידן אויף אלע צייטן און דורות ארויס. (שפת אמת)

## די תורה — שטענדיג אויף די הארץ

והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך זאלן זיי, די דבורים שטענדיג ליגן גרייט אויף דיין הארץ, כדי ווען עס וועט זיך מאכן א מינוט וואס דאס הארץ וועט זיך עפנען, זאלן זיי קענען גלייך אריינגעהן אין הארץ אריין...

(הרה״ק אדמו״ר מקאצק ז״ל)

## מה ד׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה

א מאדנע זאך מיט די מענטשן! — פלעגט זאגן דער רבי ר׳ העניך פון אלעקסאנדער: — יראת שמים, וואס דאס איז דאך ביי זיי אין די הענד, — הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים — בעטן זיי ביים אויבערשטן; דאגעגן פרנסה, וואס דאס געהערט צום אויבערשטן, רעדן זיי זיך איין אז עס איז „כחם ועצם ידם״!...



## בעסער שוין צו הערן...

והי׳ עקב תשמעון פונקט וויא א פאטער וואס זאגט צום קינד, אז ער זאל וועלן לערנען, ווייל אויב ער וועט נישט וועלן, וועט ער איהם אזוי לאנג שלאגן ביז ער וועט וועלן. איז דאך גלייכער אז ער זאל באלד וועלן כדי ער זאל איהם נישט דארפן שלאגן.

דאס זאגט אויך משה רבנו: והי׳ עקב — דער סוף וועט דאך זיין אז — תשמעון — איהר וועט מוזן הערן, מ׳וועט אייך דאך צוואונגען דערצו, איז דאך שוין גלייכער אז איהר זאלט גלייך הערן...

(נפלאות חדשות בשם הרר״ב ז״ל מפשיסחא)

## גרויסע נסיונות פאר די גאולה

והי׳ עקב תשמעון די חז״ל זאגן אין „והיה״ אלא לשון שמחה.

איז דער טייטש „והיה״ — עס וועט זיין א גרויסע שמחה אין הימל, אויב — עקב — אין סוף פון גלות, אין די לעצטע צייטן פון „עוקבתא דמשיחא״ וואס עס וועלן דאן זיין גרויסע נסיונות און שווערינקייטען צו זיין א איד, אויב דאך — תשמעון — איהר וועט אויך דאמאלס צוהערן און האלטן זיך ביים אידישקייט וועט זיין א גרויסע שמחה ביי השי״ת. (אורח לחיים).

„שאדם דש בעקביו" (רש"י).

דער שכר פאר א מצוה לאזט זיך נישט באצאלן אויף דער וועלט — „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" — נור „עקב" תשמעון... ושמרתם ועשיתם", פאר די טריט, פאר די מיה און טרחות צו טאן די מצות, פאר דעם וועט איר באקומען דער שכר שוין אויף דער וועלט און דאס אליין איז שוין גענוג, אז איר זאלט ווערט זיין די אלע ווייטערדיקע ברכות... (לויטן כתב סופר)

## ברוך תהי' מכל העמים (ז. ידן)

וואס מיינט די דאזיקע ברכה? עס שטייט דאך שוין פריער „וברך פרי בטנך ופרי אדמתך", וועט מען דאך שוין ממילא זען, אז אידן זיינען מער געבענשט ווי אנדערע אומות?

נור דער פשט איז, „ברוך תהי' — מכל העמים", דו וועסט דאן דערהויבן ווערן צו אזא הויכער מדריגה, אז אויך די אומות העולם וועלן דאס מוזן אנערקענען. און אנשטאט דיר צו זיין שונאים וועלן זיי דיר בענטשן... (מפרשים)

## שטענדיג אין זינען האבן רצון ה'

ביי יעדן טריט וואס א מענטש געהט טהוען, דארף ער זיך פריהער גוט איינהערן און אריינטראכטן, צו ער וועט דערמיט טהוען דעם רצון ה', און אויב נישט זאל ער דעם טריט נישט מאכן.

דאס איז דער טייטש — והי' עקב — און ס'זאל זיין אז ביי יעדן טריט (פון לשון: דש בעקביו) — תשמעון — זאלט איהר פריהער זיך גוט איינהערן צו עס איז דער רצון ה' דער טריט צו מאכן.

(אור צדיקים בשם הה"ק רמ"ל מסאסאוו ז"ל)

## מיט א פוהלן שיעור

וכל מדוי מצרים הרעים. לא ישימם בך ונתנם בכל שונאיך. די גמרא זאגט אז דאס לשון „נתינה" איז מיט א שיעור (נתינה כזית) דאגעגן דאס לשון „שימה" איז אהן א שיעור אפילו בכל שהוא (כריתות ו).

זאגט דער פסוק: לא ישימם בך — ביי דיר זאל אפילו די מינדעסטע קלייניגקייט פון די אלע קראנקהייטן נישט זיין, אבער — ונתנם בכל שונאיך — די שונאים זאלן זיי האבן שפאר, מיט א שיעור... (בשם אדמו"ר מגור ז"ל)

שלי"ה

כי תאמר בלבבך רבים הגוים האלה לא תירא מהם. אויב דו וועסט אנערקענען און מודה זיין, אז „רבים הגוים האלה ממני, איכה אוכל להורישם", אז נישט מיט דיינע אייגענע כחות וועסטו זיי מנצח זיין, נאר דו מוזט אנקומען צו דער געטליכער הילף — ערשט דאן: „לא תירא מהם"!

## מורא האבן נאר פאר השי"ת

לא תערוץ מפניהם כי ד' אלוקיך בקרבך אל גדול ונורא. דער „חובת-הלבבות" ברענגט אז א חסיד האט אמאהל געזאגט: איך שעם זיך מורא צו האבן פאר עמיצן אנדערש אויף דער וועלט, אויסער פאר השי"ת.

אויב מ'האט ליב א צוויטן מענש, מ'איז איהם מכבד אדער מ'דאנקט איהם פאר א טובה, איז עס נישט קיין פערמינדערונג אין אהבת ד' אדער אין כבוד ד'. ביי יראה איז אבער נישט אזוי, נאר אויב מ'האט מורא פאר א מענש איז עס א סימן אז די יראת־ד' איז נישט קיין שלימות'דיגע ווארום אויב מען האט באמת מורא פאר השי"ת קען מען נישט קיין מורא האבן פאר זיינ'ם א בעשעפעניש.

דעריבער זאגט די תורה: לא תערוץ מפניהם — דו זאלסט נישט קיין מורא האבן פאר די פעלקער — כי ד'... גדול ונורא — נאר ער איז פארכטיג און ווען דו וועסט מורא האבן פאר זיי, איז עס א פגם אין די מורה פאר השי"ת. (הכתב והקבלה בשם מהרי"ל מרגליות)

## רעד זיך נישט איין אין כח פון געלד

לא תחמוד כסף וזהב עליהם ולקחת לך פן תוקש בו טיילמאהל קען זיך מאכן אז מיט דעם זילבער און גאלד וואס דו וועסט דיר נעמען פון דער עבודה־זרה וועסטו מצליח זיין אין דיינע מסחרים. וועסטו דאן אנהויבן צו קלערן, אז דאס איז צוליב דעם כח פון עבודה זרה, און דו וועסט נכשל ווערן, דורכן כסף וזהב, אין דער עבודה־זרה אליין...

(ספורנו)

## דער מן האט באוויזן וואס טיף אין הארצן...

למען ענותך לנסותך לדעת את אשר בלבבך... ויענך וירעבך ויאכלך את המן די משנה זאגט: כך היא דרכה של תורה פת במלך תאכל (אבות פ"ו) ווי באוואוסט האט מען דאך געקענט טועם זיין אין דעם מן אלע טעמים פון די בעסטע מאכלים אין דער וועלט. איז דאס געווען דער נסיון צו זיי וועלן זיך באגיגן טועם צו זיין אין מן בלויז פת־במלח, כדי צו קענען זוכה זיין צו תורה. דאס הייסט: לדעת את אשר בלבבך — צו וויסען וואס דו וועסט אין זינען האבען ביים עסען דעם מן, צו טייערע מאכלים און מעדנים, אדער בלויז פת־במלח... (קהלת משה).

## געבענטשטע ברויט פון ארץ ישראל

ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם וואס איז די רבותא, אז נאך אלע ברכות וועט דארט נישט זיין קיין ארעמקייט?

נאר דער שטיגער איז אז א ארימאן עסט בלויז ברויט, און א רייכער מענטש עסט צו עפעס צום ברויט, כדי דאס ברויט זאל זיך עסן געשמאק.

זאגט דעריבער די תורה, אז דאס ברויט פון ארץ ישראל, וועט זיין אזוי פיין און גוט, אז אשר לא במסכנות אפילו נישט מיט ארעמקייט וועט מען עסן בלויז ברויט. עס וועט זיין אזוי געשמאק ביים עסן אז אפילו דער רייכער וועט עס אויך קענען עסן בלויז...

(ילקוט הלוי)

ואכלת ושבעת וברכת את ד' אלקיך. צו רבי יצחק ווארקער איז אמאל געקומען זיינער א חסיד, א גרויסער עושר, אבער נאך א גרעסערער קמצן, וועלכער פלעגט לעבן בצמצום, אב־קומען די טעג מיט שווארץ ברויט און הערינג און נישט פערגינען זיך ממש דעם ביסן אין מויל.

דער ווארקער רבי האט מיט איהם פערפיהרט א שמועס און זיך אויף איהם שטארק געביזערט:
— אז השי"ת — זאגט ער צו איהם — האט דיר יא געהאלפן, דארפסטו לעבן בהרחבה, עסן יעדן טאג א גוטן מיטאג, פיש און עוף, און א גלעזל ווין טרינקען!

די חסידים ארום שטעהן און חידושן זיך: וואס ארט עס דען דעם רבי'ן, אז יענער עסט נישט אזוי גוט?...

שפעטער האט זיי דער רבי ערקלערט:

— מיינט נישט, אז ער אליין טאקע ארט מיר אזוי שטארק! מיך ארט דער ארימאן: אז ער וועט אליין עסן פיש און פלייש און טרינקען א גלעזל וויין, וועט ער כאטש געבן דעם ארימאן אויך ברויט מיט הערינג; אבער אז ער אליין עסט ברויט מיט הערינג — וואס קאן שוין דער ארימאן פון איהם האבן?...

**שלח**

ובקרך וצאנך ירבין וכסף וזהב ירבה לך וכל אשר לך ירבה. בשעת עס וואקסט ביים מענטש דאס פארמעגן און עס מעהרט זיך ביי איהם דער כסף וזהב, איז דאמאלס — „וכל אשר לך ירבה" וואקסט דאן אויס ביי אלעמען אין די אויגן אויך דער „לך", איך זיין גאנצער „איך"; ער ווערט דאן מיט איינמאל ביי אלעמען א למדן, א חכם — א מושלם בכל המעלות!...

כי אם ליראה וכו' רבותינו דרשו מכאן: הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים (רש"י)

— א מאדנע זאך מיט די מענטשן! — פלעגט זאגן דער רבי ר' העניך פון אלעקסאנדער: — יראת־שמים, וואס דאס איז דאך ביי זיי אין די הענד, בעטן זיי ביים אויבערשטין; דאגעגן פרנסה, וואס דאס געהערט צום אויבערשטין, רעדן זיי זיך איין אז עס איז „כחם ועצם ידם"!...

## דו וויל נאר...

לשכנו תדרשו ובאת שמה אויב — תדרשו — דו ווילסט נאכזוכן און שטרעבן צו קומען נאהנט צו השי"ת, וועסטו זיכער קענען צוקומען — ובאת שמה.

ווארום, „הבא לטהר מסייעין אותו"...

(תורת משה)

**ווי דער רמב"ם הקדוש איז גרויס געווארן, און ווי מען טאר זיך נים מייאש זיין פון א אידישע נשמה**

רבינו מיימון איז געווען דער פאטער פון רמב"ם הקדוש און א תלמיד פון רבינו הגדול מהור"ר יוסף מיגש זצוק"ל. דעם רמב"ם'ס פאטער האט נים געוואלט נעמען א פרוי און חתונה האבן, אבער ווען ער איז שוין אריינגעקומען אין די העלפט יארן אריין, איז זיין רבי געקומען צו אים אין חלום, אז ער זאל גיין אין יענער שטאט נאענט צו דער שטאט קורדבה, און דארטן נעמען דעם קצב'ס טאכטער. ער האט אבער נים געגלייבט קיין סך אכט צו דעם חלום. דער חלום האט זיך געהאלטן אין איין איבער'חזר'ן צוויי דריי מאל, און מערערע מאל, ביז ער האט עס ערנסט גענומען צום הארצן אז דא מיינט מען ערנסט.

ער איז געקומען אין יענער שטאט, און דארטן האט זיך איט דאס ווייטער גע'חלום'ט דאס זעלבע, ביז ער האט גענומען די טאכטער פון קצב און געהאט פון איר דעם רמב"ם הקדוש.

דער רמב"ם הקדוש האט געהאט זייער א שווערע קאפ און נישט געהאט צופיל חשק צום לערנען. דער פאטער האט אים פיל געשלאגן, ביז ער האט זיך פון אים מייאש געווען, מען האט אים גערופן דער זון פון קצב. דער פאטער האט אים ארויסגעטריבן פון שטוב, איז דער רמב"ם הקדוש אוועק חוץ דער שטאט פאר'-דאגה'ט און איז אנטשלאפן געווארן פון ווייטיק. פלוצלונג האט ער זיך אויפגעכאפט און איז געווארן אן אנדערער מענטש, ער איז אנטלאפן פון פאטער אין דער שטאט וואו עס איז געווען דער רבינו יוסף מיגש זי"ע, דער רבי פון זיין פאטער.

דארט האט ער אנגעפאנגען לערנען תורה מיט התמדה רבה, ביז ער איז צוגעקומען צו די גרויסע מדריגות אין גדלות התורה.

שפעטער, נאך א לענגערער צייט, איז דער רמב"ם הקדוש צוריקגעקומען אין דער שטאט פון זיינע עלטערן, קורדבה. ער איז נישט אהיים געגאנגען צו זיינע עלטערן אין שטוב אריין, נאר שבת קודש האט ער זיך באוויזן אין שול, און געזאגט ברבים א גרויסע דרשה מיט חידושי תורה וואס אלע זיינען געווארן באוואונדערט. נאך דער דרשה איז זיין פאטער און ברודער ארויף אויף זיין האלז, און זיך צעקושט, און ער איז געווארן די קרוין פון דער גאנצער משפחה, זי"ע.

(מובא בספר יסוד יוסף פרק ס"ו)

אין ספר „שלשלת הקבלה" ווערט געבראכט: צוויי מענטשן האבן זיך געקריגט. האט איינער געזאגט צו דעם אנדערן, אז ער זאל שווייגן, ווייל ער איז פון א געמיינע משפחה. אזוי האט אים דער אנדערער געענטפערט, שווייג דו, ווייל דו ביזט שוין דער סוף פון דיין משפחה און איך קען זיין דער אנהויב פון מיין משפחה. כלומר, וואס קומט אויס ווען איינער איז א מיוחס ווען ער פירט זיך נישט אזוי ווי זיינע עלטערן האבן זיך געפירט.

## נישט פערהאן קיין מיטלוועג

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה. זעה אז דו זאלסט דיר נישט פיהרן מיט מיטלוועגן און פשרות, ווארום איך גיב פאר אייך א ברכה מיט א קללה וואס זענען צוויי גרעסטע געגנזאצן און קאנטראסטן. אויב נאר נישט דער דרך־הברכה איז עס שוין ממילא הללה. קיין מיטל וועג איז נישט פערהאן (ספורני)

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה. דער שטייגער איז, ווען מ׳וויל א קליין קינד צוברענגען צום לערנען, ווייזט מען איהם א גראשן מיט א קאנטשיק און מען זאגט איהם: אויב דו וועסט לערנען באקומסטו דעם גראשן, אויב נישט — וועסטו באקומען געשלאגן מיט׳ן קאנטשיק.

דאס איז ווייל דאס קינד האט נאך נישט קיין שכל צו פארשטעהן, אז דאס קענען לערנען אליין איז א גליק און דאס נישט קענען לערנען איז אנ׳אומגליק. ווען ער ווערט אבער עלטער און ער באקומט דעת, דארף מען איהם שוין נישט ווייזן דעם גראשן מיט׳ן קאנטשיק, נאר ער פארשטעהט אליין, אז מען דארף וועלן לערנען, ווייל דאס קענען לערנען איז א ברכה פאר׳ן מענש און דאס בלייבן אנ׳עם־הארץ איז דאס גרעסטע אומגליק.

זאגט דעריבער משה צו די אידן: ראה: זעה און שעם דיך ווי דו האלסט אין דער וועלט אז נאך פערציג יאהר ארבעט און נסיונות — אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה — מוז איך אייך נאך פארלייגן א ברכה און א קללה, א גראשן מיט א שטעקן — את הברכה אשר תשמעון —ס׳וואלט שוין צייט געווען אז איהר זאלט פארשטעהן דאס די ברכה איז דאס אליין אז איהר וועט הערן — והקללה אם לא תשמעו — און די קללה איז דאס אליין וואס מען הערט נישט. לבסוף זענט איהר נאך ווי אנ׳אנפאנגס־קינד און מען מוז אייך מאכן חשק מיט א ברכה און דראהען מיט א קללה... (הה״ק מוהר״ר דוד לעלעווער זצ״ל)

## נישט אלע פארשטייען גלייך

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה דער פסוק הויבט אן בלשון יחיד — „ראה" און געהט באלד איבער אויף לשון רבים — „לפניכם".

ווייל — האט דער קאצקער רבי ז״ל געזאגט — געבען, גיט מען פאר אלע גלייך, זעהן, זעהט אבער יעדער איינער אנדערש. אזוי ווי ער איז אזוי זעהט ער.

## ראה אנכי נותן לפניכם...(א׳ כ״ו)

פארוואס שטעהט צוערשט „ראה" א לשון יחיד און דערנאך — „לפניכם" א לשון רבים?

נור מעגליך דערפאר, ווייל „כל ישראל ערבים זה לזה". יעדער איד איז נישט נור פאראנטווארטליך פאר זיך אליין, נור אויך פארן צווייטן,

און דאס איז צוליב דעם, ווארום יעדער איינער צו מיט זיינע גוטע מעשים אדער אט דער טייל פון רבים, פון „לפניכם" און טראגט די פאראנטווארטליכקייט אויך פאר די שלעכטע האט א השפעה אויף דער סביבה, וואו ער לעבט.

און דאס זאגט אונז דער פסוק: „ראה" — יעדער יחיד דארף וויסן, אז ער איז אנדערע...

## את הברכה אשר תשמעו — והקללה אם לא תשמעו . . . (יא, כז)

ביי דער ברכה שטעהט: „אשר" תשמעו, דאגעגען ביי דער קללה שטייט — „אם" לא תשמעו.

פארוואס?

האט דארויף געזאגט ר' לוי יצחק בארדיטשעווער, אז ס'איז דערפאר, ווייל טראץ דעם וואס „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא", איז דאך פאראן א שכר, וואס דער מענש באקומט אויף אויף דער וועלט. און דער שכר איז טאקי די מצוה אליין, ווי עס שטעהט: „שכר מצוה מצוה", — די שלמות־הנפש און עליה, וואס ער דערגרייכט דורכן טאהן א מצוה.

און דאס זאגט דער פסוק: „את הברכה — אשר תשמעו", שוין אין אויס פאלגען די מצוה אליין ליגט אויך ברכה דאגעגען אבער ביי קללה — איז עס נור א געוועהנליכער באדינג: — „אם לא תשמעו" — דאן איז מעגליך, אז עס זאל קומען די קללה...

## א גוטע מחשבה

והקללה אם לא תשמעו וסרתם מן הדרך ביי ברכה שטעהט בלויז „אשר תשמעו" און ביי קללה שטעהט צו צום „לא תשמעו" אויך „וסרתם מן הדרך"?

ווייל „מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה", איז דאך ממילא ביים הערן אליין אפילו נאך פאר טהוען, קומט שוין די ברכה. אבער מחשבה רעה איז דאך אין מצטרפת למעשה. קומט נישט די קללה באלד ביים „לא תשמעון" נור ס'מוז אויך זיין די מעשה — וסרתם מן הדרך... (באר מים חיים וגם במלבי"ם)

## דער געבענשטער תורה־לעבן

„ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה" — זעה! איך גיב פאר אייך היינט א ברכה און קללה! וואס איז דא באטאנט דער „היינט"?

ווייל „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" מ'צאָהלט נישט פאר תורה און מצוות אויף די וועלט! דעם שכר ווערט אפגעצאהלט אין די קומענדיגע וועלט· וואס־זשע האבן מיר היינט?

— היינט האבן מיר צווי וועגן· דער תורה וועג איז א געבענטשטער! דאס אליין איז דער שכר, ווי די חז"ל זאגן „שכר מצוה מצוה", און ווי עס ווערט געטייטשט אין ספרים אז דער שכר פון א מצוה איז טאקע די מצוה אליין· דער וואס איז מקיים א מצוה ווי עס באדארף צו זיין — שפירט אין איהר א תענוג רוחני· דער תורה לעבן איז ריין איידל, הייליג און געבענטשט· ווי די מפרשים טייטשן ווידער „את הברכה אשר תשמעו", דאס אליין איז די ברכה „אשר תשמעו" דאס וואס איהר וועט הערן און מקיים זיין, די מצוות ה' איז די גרעסטע ברכה!

און פארקערט פון דרך התורה איז ח"ו א פארשאלטענער לעבן, פוהל מיט פארדארבנקייט· אויסגעלאסנקייט, רשעות און אכזריות אזוי ווי די ווילדע חיות אין וואלד אָהן א צוים·

דעם לוין פאר די תורה ומצוות האבן מיר נישט אויף די וועלט, „היום לעשותם ומחר לקבל שכרם" הייסט דארף מען זיי טהון און מארגן באקומט מען לוין פאר זיי.

אבער די ברכה וואס דאס תורה לעבן גיט ארויס — איז שוין היינט! מ'דארף נאר שכל האבן און זיך נישט לאזן פארבלענדן פון די הבלי עולם הזה און זוכן פשרות. ווי די „ספורנו" טייטשט אויפן פסוק ראה, קיין פשרות איז נישטא, אדער ברכה אדער קללה. דאס איז צוויי קעגנזייטיגע וועגן. קיין מיטלוועג עקזיסטירט נישט.

ובחרת בחיים. השי"ת זאגט מ'זאל זיך אויסקלייבן, דעם געבענטשן לעבעדיגן תורה וועג!

## נישט פארגלעטן שלעכטע מעשים

ונתת את הברכה על הר גרזים ואת הקללה על הר עיבל. להקיש קללות לברכות מה ברכות בקול רם אף קללות בקול רם (מדרש תנחומה) דער שטייגער איז אז מ'דארף איינעם ריהמען פאר א מעשה וואס ער האט געטהון, ריהמט מען איהם מיט א הויך קול פאר א גאנצען צבור. ווען אבער איינער טוט א שלעכטע זאך אז מ'דארף איהם מוסר'ן אדער שטראפן, טוט מען עס אין דער שטיל, קיינער זאל נישט הערן ווייל מ'האט מורא אז יענער זאל נישט ווערן אין כעס.

השי"ת וויל אבער אז פונקט ווי מען ריהמט איינעם פאר גוטס „בקול רם" אזוי אז מען דארף איהם באשטראפן פאר שלעכטס דארף מען איהם טון „בקול רם", כדי מ'זאל זיך נישט אבלערנען פון זיינע מעשים און נישט יענעם חנפענען און פארגלעטען אין דער שטיל... (דברי שערי חיי"ם).

## דריי סארטן השפעות

כי יקום בקרבך נביא די דריי פרשיות פון דער תורה וועלכע רעדן וועגן פאר־פיהרן דעם מענטש און איהם מדיח זיין צום שלעכטס, זענען אקעגן די דרייערליי אפנים פון הדחות וואס זענען פערהאן אויף דער וועלט.

ס'איז פערהאן א הדחה אז א מענטש ווערט פאפיהרט דורך א פאלשן אוטאריטעט, עס ווערט איינער פארטראכט אלס א דיכטער פאליטיקער, ווייטזעהנדיגער, און דורכן כח פון זיין געמאכטע אויטאריטעט פאלן מענטשן ארונטער אונטער זיין איינפלוס און ווערן דורך איהם פערפיהרט פון אידישקייט — א קעגן דעם איז די ערשטע פרשה פון נביא שקר, אויף וועלכן די תורה זאגט: לא תשמע אל דברי הנביא ההוא.

ס'איז פערהאן אז א מענטש ווערט פארפירט פון אידישקייט, דורך נאהנטע און פריינד, ברידער שוועסטער און קרובים ווירקן סך מאהל אויף א מענטש איהם מדיח צו זיין פון גלייכן וועג — א קעגן דעם רעדט די צווייטע פרשה. „יסיתך אחיך בן אמך או בנך או בתך או רעך אשר כנפשך" און די תורה זאגט איהם: לא תאבה ולא תשמע אליו.

ס'איז פערהאן טיילמאהל אויך אז א מענטש ווערט מיטגעשלעפט מיט א מאסן

פסיכאז און פאלט ארונטער די השפעה פון דער גאס פון די מאדע, ווייל אלע זאגן אזוי, ווייל אלע טהוען אזוי, דעריבער זאגט ער אויך אזוי און טהוט אויך אזוי — א קעגן דעם איז די דריטע פרשה פון עיר הנדחת „יצאו אנשים בני בליעל מקרבך וידיחו את יושבי עירם" דא מוז מען שוין פיהרן א קאמפף: „הכה תכה את ישבי העיר ההוא".

## בעסער לעבעדיגע הייליגע...

כי עם קדוש אתה לה' אלוקיך. לא תגרום לעם אחר להיות קדוש (ילקוט) ווען אידן פיהרן זיך לויט די תורה, ווערן זיי אליין א עם קדוש. ווען אבער זיי זינדיגן חלילה, שטעלט אויף השי"ת געגן זיי שלעכטע מושלים, וואס זענען גוזר גזירות און פייניגן זיי און דאמאלט זענען זיך אידן מוסר נפש, זיי גייען אין פייער און אין וואסער אויף קדוש השם, און ווערן „קדושים" דורך גוים.

זאגט דעריבער די תורה: כי עם קדוש אתה לה' אלוקיך — זעה אז דו זאלסט זיין א הייליגע פאלק צו ג-ט דורכן אבהיטן זיין תורה און דו זאלסט נישט גורם זיין דורך דיינע חטאים אז זיי די גוים דורך זייער אכזריות און זייער גזירות זאלן אייך מאכן פאר קדושים. (דברי שערי חיים).

## רייכקייט פון הימל איז א געבענטשטע

עשר תעשר עשר בשביל שתתעשר, ווען דו מעשר'סט ווערסטו רייך ווערן. אויב די תורה זאגט צו פאר מעשר עשירות, מוז זיין אז דאס עשירות איז אב'עשירות פון ברכה און נישט פון דעם מין עשירות וואס „שמור לבעליו לרעתו" (קהלת ה, יב). דעריבער דרש'נט די גמרא אויף די ברכה פון מעשר „עד בלי די" — עד שיבלו שפתותיכם מלומר די: אזויפיל רייכקייט אז מען וועט זאגן גענוג: כאטש ביי יעדן עשירות איז דאך „מי שיש לו מנה רוצה מאתים", און דער מענטש איז קיינמאהל נישט צופרידן און וואס מיט זיין רייכקייט — דאס איז אבער א אנדער מין עשירות, עס איז א ג-ט-געבענטשטע רייכקייט, יעס ברייגנט בלויז גוטעס און צופרידנקייט. (אדמו"ר מגור זצ"ל)

## דער ציהל איז יראת שמים

ואכלת... למען תלמד ליראה השי"ת פערלאנגט פון די אידן אז ווען זיי זענען עולה-רגל, זאלן זיי זיך מיטנעמען צו עסן בריווח, כדי זיי זאלן נישט האבן קיין שום שטערונגען און דאגות אין ירושלים, און קענען האבן רוהיג געמיט צו לערנען תורה און יראת-שמים. (נפלאות חדשות)



## שופטים ושוטרים תתן לך... אשר ד' אלקיך נותן לך

די שופטים און שוטרים, וועלכע דו וועסט אויסקלייבן זאלן זיין תורה-טרייע אידן און אמתע חרדים, אזוי, אז אלע זאלן זען אין זיי, אז זיי זיינען באשטימט געווארן פון כביכול — „אשר ד' אלקיך נותן לך"... (מפרשים)

אדער דו זאלסט אויסקלייבן א זעלכע שופטים, „אשר ד' אלוקיך נותן לך", וועלכע זאלן דיר געבן דעם „ד' אלוקיך", איינפלאנצן אין דיר אמונה און יראת שמים„...
(בוצינא דנהורא)

## ואתה לא כן נתן לך ד' אלוקיך

ר' בונם מפשיסחא פלעגט זאגען: „ואתה „לא כן נתן לך" — דיר האט ג־ט געגעבן א „לא כן", א „מען טאר נישט"...

### ווי ווייט שוחד ווירקט.

כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים. ווען דער אפטער רב דער „אוהב ישראל" ז"ל איז געוועהן רב אין קאלבאסאוו, איז ביי איהם פארגעקומען א גרויסער דין־תורה. די דיינים האבן געהאט געצומען שוחד און האבן גענייגט צו איין צד. דער אפטער רב, האט זיך אבער שטארק געגנגעשטעלט און איפגעוויזן זיי אז דער דין איז אנדערש. די דיינים האבן דאן געגעבן דעם בעל־דין אן עצה אז ער זאל אויך דעם רב משחד זיין. ווי אזוי מאכט מען עס אבער, דער אפטער רב וועט דאך זיכער נישט נעמען. האבן זיי איהם געראטן אריינצולעגן א גרויסע סומע געלד אין רב'ס א מלבוש. דער בעל־דין האט אזוי געטהון און קיינער האט דערפון נישט געוואוסט. צומארגענס ביים המשך פון דער דין־תורה, האט דער אפטער רב ז"ל דערפיהלט אז זיין דיעה הויבט אן זיך צו וואקלען און עס ווילט זיך איהם מסכים זיין צו די דיינים. האט ער תיכף אבגעלייגט דעם דין־תורה און האט פארברענגט די גאנצע נאכט מיט בכיות און יללות פאר'ן רבונו של עולם אז ער זאל איהם דערלייכטן די אויגן צו זעהן דעם אמת. אזוי זענען אדורך איניגע טעג, ביז ער האט דערטאפט געלד אינ'ם מלבוש און פארשטאנען אז דאס האט דער בעל־דין איהם דאס געלד אריינגעלעגט כדי משחד צו זיין. איז דער כח פון שחד אזוי שטארק, אז כאטש ער האט גארנישט געוואוסט דערפון, פונדעסטוועגן האט עס געווירקט אינסטינקטיוו אויף זיין שכל, אז ער האט שוין באלד אנגעהויבן אנדערש צו פארשטעהן פונ'ם אמת.

דאס איז דער טייטש — האט דער אפטער רב געזאגט — ויסלף דברי צדיקים — אפילו מען איז ווייטער א צדיק, מען האט נישט אליין קיין געלד געזעהן פאר די אויגן און נישט געוואוסט דערפון דאך איז עס בכח צו פאר קרומען דעם פערשטאנד און די ווערטער פון דין...
(בס' היכל הברכה פ משפטים)

### דער עיקר איז עבודת ה'.

ולא תקים לך מצבה אשר שנא ד' אלהיך. די משנה זאגט: עולם הזה דומה כפרוזדור בפני עולם הבא. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין. (אבות פ"ד מט"ז) — אז א מענש דארף שטענדיג וויסן דאס די יעצטיגע וועלט איז נאר א פערבייגעהענדע און ער זאל טהוען אלע וועלטליכע עינינים, און אלע קערפערליכע בעדערפענישן, אלס הכנה צו עבודת ד', צום עולם הבא.

דאס איז בעוואוסט, אז די הנאות פון דער וועלט ווערן אנגערופן „לך" (אזוי ווי חציו לכם).

זאגט דעריבער די תורה: ולא תקים „לך" מצבה — מאך נישט דעם „לך" די הנאות פון דער וועלט אלס מצבה, אלס פעסטע שטענדיגע זאך, נאר אלס הכנה צו עולם הבא. (קדושת לוי)

### נישט נאכמאכן די חפשים

.... ולא תקים לך מצבה אשר שנא ה' אלוקיך. אף על פי שהיתה אהובה לו בימי האבות, עכשיו שנאה מאחר שעשאום אלה חק לעכו"ם (רש"י) איז פון דאנען א לימוד אין

אידישקייט אז אפילו א זאך, וואס איז בעצם ליעב און גוט, אויב אבער עס ווערט בענוצט מצד די חפשיים אלס מיטעל אין זייער קאמפף געגן אידישקייט און ס'איז געווארן א חק אין זייער אידעאלאגיע, מוז מען זיך דערפון דערווייטערן ווי פון א זאך וואס איז פערפײנ־דעט געווארן ביי תשי"ת. (מפי השמועה)

## נאר בית דין!

והוגד לך ושמעת דאס בית־דין ווען מען זאגט זיי אויף איינעם שלעכטס, מוזן זיי הערן און אויספארשטן. אבער א אנדערער מענטש טאר נישט הערן ווייל מען טאר נישט מקבל זיין קיין לשון הרע. (אלשיך הק')

## שטענדיג פאלגן גדולי תורה

לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל. אפילו אומר לך על ימין שהוא שמאל ועל שמאל שהוא ימין וכל שכן כשאומר על ימין ימין ועל שמאל שמאל (רש"י) דער פשט אין די ווערטער פון רש"י איז: אפילו — ווען עס וואלט געווען וויא דיר דוכט זיך, אז ער זאגט — על ימין שהוא שמאל ועל שמאל שהוא ימין — וואלסטו אויך געדארפן פאלגן — וכל שכן — אז דו ביסט אין טעות און עס איז בכלל נישט אזוי נור — כשאומר לך על ימין ימין ועל שמאל שמאל — די חכמים זאגן שטענדיג אזוי וויא עס איז דער אמת, דיר דוכט זיך נור אז עס איז פארקערט, דיין בעל הבתישער שכל וואס איז ווייט פון שכל־התורה מיינט נור אזוי אז זיי האבן א טעות... (לויט רמב"ן)

## א סגולה צו קבלת עול מלכות שמים

מקרב אחיך תשים עליך מלך פון גוט־ברידערשאפט, קען מען קומען צו עול מלכות שמים. (הה"ק מהר"ס מקברין ז"ל)

שום תשים עליך מלך פון דעם פסוק לערנען די חז"ל ארויס אז „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול" שנאמר: שום תשים לך מלך — שתהא אימתו אליך (כתובות י"ז)

וויא אזוי איז פון דאנען א ראיה אז א מלך קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד? נאר עס שטעהט דאך „שום תשים" — שימות הרבה — דאס הייסט אז מען איז מחויב כסדר צו נעמען אויף זיך א מלך און איהם אבגעבן דעם געהעריגן כבוד. דעריבער אפילו ווען דער מלך איז מוחל אויף זיין כבוד און מאכט זיך דאדורך פאר אויס מלך, איז תיכף אין דער זעלבער סעקונדע שוין פערהאן א נייער חוב פון „שימת מלך" אזוי אז ער ווערט באלד צוריק מלך.

ממילא איז דאך נישט שייך דערביי קיין מחילה.

(שיטה מקובצת)

## די עבודה פון נועם אלימלך

דער מאור ושמש שרייבט מיר האבן געזען ביים רבי ר' אלימלך זצ"ל אז באלד ווי ער איז אויפגעשטאנען פון שלאף האט ער באלד גענומען רעדען צו זיך מיט גרויסע בכיות „ווי איז מיר וואס איך האב פארבראכט די צייט מיט שלאפען".

(בס' מאור ושמש פ' תצא)

## א טעם וואס איז א מצוה

לא ירבה לו סוסים ולא ישיב את העם מצרימה... ולא ירבה לו נשים ולא יסור לבבו

**פאר וואס ביי די צווי מצוות איז די תורה מפרש א טעם מער ווי ביי אנדערע מצוות?**

**ווייל די דאָזיגע טעמים, זענען אליין מצוות. „לא ישיב את העם מצרימה" — איז דאָ א מצוה אז מען טאָר נישט וואוינען אין מצרים און „ולא יסור לבבו" איז אויך אליין א מצוה נישט צו לאָזן זיך פערפיהרן אבצוקעהרן פון דרך התורה.**

(חדושי אגדות)

## אלעס פון די תורה.

**והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו. ער זאָל פון די תורה ארויסלייענען זיין לעבענס-וועג. אויף אַלע פראַגן זאָל ער זוכן אין די תורה לעזונג. דער דעת-התורה זאָל ענטשיידען אַלע מלוכה-פראָבלעמען. אַזוי ווי די חז״ל זאָגן אַז ווען דוד המלך האָט געדאַרפען פראָקלאַמירען א מלחמה האָט ער אַנגעפרעגט די סנהדרין.** (חתם סופר)

## כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים

**ווי קומט עס אייגנטליך, אז די תורה זאל אנרופן מקבלי שוחד צדיקים?**

**נור דער ענטפער איז מעגליך, אז דער „דברי צדיקים" באציט זיך נישט אויף די דיינים. נור דער פשט איז: „כי השוחד יעור עיני חכמים", דורך נעמען שוחד ווערן פארבלענדעט די אויגען אפילו פון חכמים — דיינים. און וואס טוען זיי אויב דער שולחן ערוך, די פוסקים זאגען דאך פארקערט ווי עס ווילט זיך זיי פסקנען? דאן „ויסלף דברי צדיקים", פארדרייען זיי די רייד פון די פוסקים, לערנען אריין אין זיי פאלשע און קרומע פשטלעך, אזוי, אז עס זאל זיך אריינפאסן צו זייער פאלשן פסק...**

רבי מנחם מנדל מקאצק

**תמים תהיה עם ה' אלקיך. — אינגאנצן זאלסטו זיין מיט ג-ט: נישט אמאל דיענען ג-ט, און אמאל — זיך!...**

## תמים תהי' עם ד' אלוקיך (יח, יג.)

**דאָריבער ווערט געזאָגט בלויז ביי תמימות „עם ד' אלוקיך" און נישט ביי קיינע אַנדערע מצות, ווייל מיט דער דאזיקער מדה איז זייער לייכט אפצונארן מענשן. עס איז זייער לייכט זיך צו פאַרשטעלן פאַר א תמים...** (ר' בונם)

## פחד פאַר השי״ת

**לא תירא מהם כי ה' אלוקיך עמך די ספרים זאָגן אַז ווען אַ מענטש בעפאַלט א פחד פאַר ווענמען ס'איז זאָל ער זיך מיישב זיין: ווער האָט דען געגעבן פאַר יענעם כח שאדן צו טהון, נור השי״ת, איז דאָך שוין גלייכער מורא צו האָבן פאַר השי״ת אליין.**

**דאָס זאָגט די תורה: לא תירא מהם — ווייל דו דאַרפסט געדענקען — כי ה' אלוקך עמך — איז דאָך גלייכער מורא צון האָבען פאַר השי״ת וועלכער האָט געגעבן די גבורה און כח דעם „סוס ורכב"...**

(שער בית רבים)

## לייענען אַ כתב פון אַ צדיק איז מסוגל צו יראת שמים

דער הייליגער גאון ר׳ מרדכי באַנעט מנ״ב זצוק״ל איז אַמאָל געווען זייער קראַנק און ביי זיין בית דין איז געווען אַ גרויסע דין־תורה צו פסק׳נען, האָט דער גאון וצדיק געהייסען דעם ראש בית־דין שרייבען קיין פרעשבורג צו הייליגען חתם סופר זצוק״ל אין אַ קורצע צייט אַרום איז אַנגעקומען אַ ענטפער פון דעם חתם סופר זי״ע, ווען דער ראש בית־דין האָט דערציילט דעם הייליגען גאון וצדיק ר׳ מרדכי באַנעט זי״ע האָט ער געבעטען מען זאָל אים באַווייזען דעם כתב יד פון חתם סופר זי״ע, און האָט געזאָגט, ווייל עס איז אַ סגולה צו יראת שמים.

(מכתב מהגאון שלמה זלמן זי״ע ערענרייך ז״ל, אבד״ק שעלדי, בס׳ זכרון למשה)

## די סגולה פון תהלים זאָגען

עס איז געווען אין אַ קהלה לעבען פרעשבורג, האָט מען געוואָלט אויפנעמען אַ רב, און מען האָט געהאַט צוויי קאַנדידאַטען, איינער אַ תלמיד פון הייליגען חתם סופר זי״ע און איז געווען מפורסם פאַר אַ גרויסען תלמיד חכם. אין דער צווייטער איז געווען באַוואוסט מיט זיין גרויס עבודה בתפלה ויראת שמים. דער הייליגער חתם סופר האָט זיך משתדל געווען פאַר זיין תלמיד, דער סוף איז געווען אַז מען האָט אויפגענומען דעם אַנדערען אַלס רב. אַז מען האָט דאָס דערציילט פאַר׳ן חתם סופר זי״ע, האָט ער דערויף געזאָגט במתק שפתיו „יאָ וואָס תהלים קאָן, קאָן איך ניט״.

(בספר זכרון למשה)

## אַז מען מיינט ערנסט העלפט השי״ת

אין דעם ספר באר משה פון הרה״ק מקאָזניץ זצ״ל שטייט אַ מעשה רב וואָס האָט פאַסירט אין די צייטען פון בעל שם טוב הקדוש זי״ע אַז איינמאָל איז נישט געגאַנגען קיין רעגען. מען האָט גוזר תענית געווען און מרבה געווען בתפילות ותחנונים און דאָך זיינען זיי נישט געהאָלפען געוואָרען. האָט דער בעל שם טוב הקדוש געזען צווישען זיי איינעם אַ פשוט׳ען מענטש וואָס ער האָט געזאָגט די קריאת שמע און ווען ער איז געקומען צום פסוק „ועצר את השמים ולא יהיה מטר״ האָט ער עס געזאָגט מיט גרויס כוונה און מיט גרויס געוויין. האָט איהם דער בעל שם טוב געפרעגט וואָס פאַר אַ כוונה האָסטו ווען דו זאָגסט דעם פסוק. האָט דער עם הארץ געזאָגט אַז ער האָט אין זינען אַז השי״ת זאָל אויס־פרעסען דעם הימעל און עס זאָל נישט בלייבען קיין רעגען אויבען אין הימעל נאָר אַלעס זאָל אַראָפּקומען אויף דער ערד. און דעמאָלט זיינען אַלע געהאָלפען געוואָרען און עס האָט אָנגעפאַנגען רעגענען. ווייל השי״ת איז אַ בוחן לבבות און ער פאַרשטייט וואָס מענטשען האָבען אין זינען. ורחמנא ליבא בעי. און ווייל דער מענטש האָט דאָס געזאָגט מיט אַן אויפריכטיג הארץ דערפאַר זיינען זיי געהאָלפען געוואָרען.

(בס׳ באר משה בח״ת לשמיני עצרת)

## דאס הייסט עגמת נפש

פן ימות במלחמה ואיש אחר יחנכנה. ודבר של עגמת נפש הוא זה (רש״י) **צו איז דען דאס וואס, „איש אחר יחנכנו״ מער עגמת נפש ווי דאס אליין אז ער וועט שטארבן אין דער מלחמה?**

**נאר עס איז א גרויסער שאד און עגמת נפש, אז א איד זאל שטארבן מיט אזא מחשבה. אין די לעצטע מינוטן פון לעבן וועט דאך אנשטאט געדאנקען פון תשובה, זיין מחשבה זיין פארנומען מיט דעם וואס אנ׳אנדערער וועט באניצען זיין הויז...**

(בשם אדמו״ר זצ״ל מגור)

## די שיין תצא פון די ליכט

## ווי צו קאמפפן מיטן יצר הרע

כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ד׳ אלוקיך בידך ושבית שביו **ווען דו פיהרסט דעם שטענדיגן קאמפף מיט דיין שטענדיגן שונא — דעם יצר־הרע, — ושבית שביו — זאלסטו לערנען פון איהם, ווי אזוי דעם קאמפף צו פיהרען און מיט׳ן זעלבן זריזות און עקשנות וואס ער באנוצט כדי דיך צו פאנגען, זאלסטו באנוצען כדי איהם צו פאנגען...**

(בעש״ט ז״ל)

עהגליך ווערט געטייטשט דער פסוק: מאויביך תחכמני מצוותיך כי לעולם היא לי (תהלים) — **פון מיין שונא, לערן איך זיך חכמה ווי אזוי צו היטן די מצוות. ווען איך זעה מיט וויפיל זריזות און ברען מען געהט טהוען אנ׳עבירה, וואס איז נאר א מאמענטא־לער געגוס, פארשטעה איך ערשט א כל־שכן וויפיל זריזות און התלהבות מען דארף בעניצען צו א מצוה, וואס — לעולם היא לי — איהר גליק און געגוס, איז א אייביגער און א דויערענדער.**

(בעל קדושת לוי זלה״ה)

## די מאדערנע ווייב האט איהם געמאכט א פיינעם תכלית...

**איינער א יונגערמאן איז אמאהל אריין געקומען צום ראפשיצער רב זצ״ל און זיך באקלאגט פאר איהם, אזוי ווי ער האט געהייראט מיט א מאדערנע פרוי, און לכתחילה איז ער געוועהן א פארמעגליכער און געהאט היפש געלט — האט איהם די פרוי זיינע מיט איהרע לוקסעס־זוכונגען און שוועגדעריי פאר׳טאכלעוועט די גאנצע געלט, און יעצט, אין גאנצן איין יאהר פון זייער חתונה — איז ער געבליבן א פראסטער שלעפער און קבצן.**

**רופט זיך אן צו איהם דער ראפשיצער:**

**נו, וואס ווייסטו, דאס איז דאך מרומז אין די תורה. עס שטעהט אין „כי תצא״ — „כי יקח איש אשה חדשה נקי יהיה לביתו שנה אחת״. קען מען עס טייטשן אויף דיין לאגע: כי יקח איש אשה חדשה — ווען איינער וועט הייראטן מיט א „אשה חדשה״ א מאדערנע פון די „נייע״ חברה, נישט פונ׳ם אלטן דור, דאן: נקי יהיה לביתו שנה אחת — געהט ער ארויס „ריין״ פון זיין פארמעגן אין איין יאהר און עס בלייבט גארנישט פון זיין רייכטום.**

**(די חז״ל זאגן אז מענשן רופן אן איינעם וואס האט פארלארן זיין פארמעגן: „נקי״ —**

## א רמז אויף דער ווארט "בכר"

לתת לו פי שנים מערקווירדיג אז די אותיות פון "בכר" זענען שוין מרמז דאס דעם בכור קומט א דאפלט חלק אין דער ירושה. ווארום יעדעס אות פון "בכר" בעטרעפט דאפעלט וויפיל דאס פריהערדיגע אות וואס געפינט זיך נעבן איהם אין אלף־בית: ב׳ איז דאפעלט פון א׳, כ׳ איז דאפעלט פון י׳ און ר׳ איז דאפעלט פון ק׳...

(הגר"א ז"ל מווילנא)

## אכטונג געבן אויף די קינדער פון אנפאנג

כי יהיה לאיש בן סורר ומורה די פרשה פון סורר ומורה האט א שייכות צו דער פריערדיגער פרשה פון בכור. פונקט וויא א בכור איז זיין חשיבות וויל ער איז דער ערשטער זוהן און אלס ערשטער, האט ער מער חשיבות וויא אלע איבעריגע קינדער, אזוי אויך די ערשטע יאהרן און צייטן פון מענטש האבן א חשיבות און זענען משפיע אויף'ן גאנצן לעבן. ווען מיר זעהן אז די ערשטע דריי חדשים פון זיין ווערן א גדול און א בר־עונשין (דאס איז דער זמן פון בן סורר ומורה) זענען פארדארבן, איז עס א בעוויז אז זיין גאנצן לעבן וועט זיין א פערדארבענעס, און אז ער וועט שפעטער ווערן א מחויב מיתה. דעריבער האט די תורה געזאגט: "ימות זכאי ואל ימות חייב" (רש"י).

איז דאס א לימוד אז דער מענטש דארף בעיקר אכטונג געבן אויף די ערשטע טעג נאך דער בר־מצוה, די ערשטע טעג פון דעם יאהר דער אנהויב פון יעדן טאג, אז זיי זאלן גוט זיין ווייל דער אנהויב איז משפיע אויף'ן גאנצן זמן. (שם משמואל).

**ווי מען דארף אכטונג געבן אויף תלמידים**

דאס האב איך געהערט פון אן אמת'ן מקור, אז מיין רבי הגאון בעל חתם סופר זלה"ה, רב בק"ק מט"ד, איז אין מיטן נאכט ארומגעגאנגען אין די קווארטירן וואו די בחורים זיינען געשלאפן, נאכצוקוקן צי זיי לערנען ניט אמאל קיינע ספרים חיצוניים. און אויב דער טויער איז געווען פארשפארט, פלעגט ער אריבער־קריכן דעם צוים, זי"ע.

(שירי משכיל הגורם, פרנסה, כלל א׳ פרט א׳)

## ערציהען קינדער

אין די פרשה פון "סורר ומורה" געפינען מיר א בילד ווי מ'דארף מחנך זיין קינדער.

די הויפט זאך איז א דאס קינד מוז ליגן אונטער די השפעה פון פאטער און מוטער. די עלטערן דארפן זעהן אז דאס קינד זאל שפירן זיין אפהענגיקייט אין זיי. ער טאר זיך נישט שפירן זעלבסטשטענדיג אין אייגענעם רשות, ווייל

אין דעם מאמענט וואס דאס קינד געהט ארויס פון השפעה פון די עלטערן, געהט ער איבער צו די השפעה פון די גאס, צו די שלעכטע אַטמאָספער.

בפרט ווען דאס קינד, בפרט פארן עלטער פון דרייצן יאהר, באקומט עפעס געלד אויף א זעלבסטשטענדיגן אופן — איז שוין זייער השפעה אויף איהם געגצליך נישטיג.

די חז״ל זאגן אז דער בן סורר־ומורה ווערט גע׳משפט צוליב זיין צוקונפט (על שם סופו). איז דאס די כוונה פון פסוק אז די עלטערן דארפן פירן זייער „תכשיט״ צו בית דין און ביידע דער פאטער און די מוטער דארפן זאגן „בננו זה סורר ומורה״, ווערט געטייטשט: דער זוהן אונזערער וועט זיין א סורר ומורה; פון וואנען ווייסן מיר דאס? ווייל „איננו שומע בקולנו״ ער הערט נישט וואס מיר רעדן צו איהם. פון וואנעט האט זיך דאס גענומען וואס ער פאלגט אונז נישט און מיר האבן נישט קיין השפעה אויף איהם, — „זולל וסובא״ דאס קינד פרעסט און זויפט אויף זיין אייגענעם חשבון, ער געהט און די רעסטורנאַנטן און נעמט זיך פלייש מיט וויין און לאזט זיך וואויל־געהן אויפן אייגענעם חשבון ער איז זולל וסובא נישט אויפן פאטער׳ס חשבון, דאס הייסט ער דארף צו איהם נישט אנקומען דאן קען ארויסקומען געפער־ליכע זאכן, ער איז הפקר און אויב ער וועט נישט האבן אייגענע „ילסטם את הבריות״ וועט ער ראבירן.

אכטונג געבן דארף מען. האלטן די אפהענגיקייט פון קינד צו די עלטערן.

### גוטע קינדער — א אייביגער לעבן

ומל ה׳ אלוקך את לבבך ואת לבב זרעך וכו׳ למען חייך. **אויב עס וועט זיין** „ומל ה׳ את לבבך ואת לבב זרעך״ — **וועט זיין** „למען חייך״ — **וועסטו בלייבן לעבן אפילו שפעטער נאך דיין טויט. אויב מען לאזט איבער גוטע ערליכע קינדער, הייסט מען קיינמאהל נישט געשטארבן,** אזוי ווי די חז״ל זאגן, „דוד שהניח בן כמותו לא נאמרה בו מיתה״ (ב״ב קט״ו). (נועם מגידים)

### אַ ברכה פון אַ צדיק

ווען הגה״ק ר׳ שלום איגרא זצוק״ל איז אַלט געווען ניין יאָר, האָט ער שבת קודש גע׳דרש׳נט אין דעם גרויסן בית־המדרש פון דער שטאָט בראָד, וואו הגה״ק ר׳ איציקל האַמבורגער זצוק״ל

איז געווען רב. ווי דער רב האט געזען דאס פה מפיק מרגליות פון דעם קינד, איז ער שטארק נתפעל געווארן, און אויף דעם גרויסן פארנעם האט ער זיך אנגעפאנגען מפלפל זיין מיט דעם קינד.

זיין רביצין האט זיך אויסגעדוכט אז ער האט זיך ניט געפילט גוט פון דעם וואס דאס קינד האט אים מנצח געווען, און האט אים געזאגט, פארוואס ער האט זיך אזוי אראפגעלאזט אין דער עפנטלעכקייט, בתוך קהל ועדה, מפלפל צו זיין מיט אזא קינד. האט ער איר געענטפערט: אז פון גרוים התפעלות האט מיר מיין הארץ אויפגעשטורעמט אין מיר, און עס האלט אין איין קאכן, וואס פאר אן אוצר כ'האב היינט דערזען, ווען כ'זע דאס ניט מיט מיינע אייגענע אויגן וואלט איך עס ניט געגלויבט.

דאן איז פונקט געזעסן זיין קליינע טאכטער, איז ער צוגע־גאנגען און ארויפגעלייגט זיינע הייליקע הענט אויף איר קאפ און געבענטשט: יהי רצון אז דו זאלסט חתונה האבן צו א מאן וואס זאל זיין ענלעך צו דעם קינד.

די ברכה איז נתקיים געווארן, ר' משולם איגרא האט טאקע גענומען זיין טאכטער. זי"ע ועי"א.

(מובא בשם הגדולים החדש מערכת מ')

גיט א קוק וואס פאר א פארקערטע וועלט היינט איז. דער פאטער האט געלערנט אין זיין יוגנט אין תלמוד תורה אין חדר. און זיין אינגל און מיידל שיקט ער אין א מאדערנע־מכלומר'שט־רעליגיעזע שוהלע.

מיט אזא מאדנע ערשיינונג קענט איהר זיך באגעגנען דא און דארטן. און וואו געפינט זיך דער מענש וועלכער זאל יענעם קלאר מאכן און אויפקלערן: גוואלד איד! שוין נישט־רעדנדיג פון בעסער פון דיר, אבער פאר וואס נאך 10 מאהל ערגער?! פאר וואס האסטו נישט קיין רחמנות אויף דיין אייגן קינד?!

אפשר וואלט דאס געווירקט.

## די הויפט־זאך: די יונגע יארן!

"מאן דדמיך בריש שתא דמיך מזליה" דער וואס שלאפט ראש־השנה (ביי טאג) **איז זיין מזל איינגעשלאפן.**

**ר' יעקב יוסף זצ"ל פון פולנאה בעל "תולדות יעקב יוסף" זאגט: דער וואס פארשלעפערט דעם "ריש שתא", די ערשטע יאהרן, די יוגנט — איז "דמיך מזליה" ווערט זיין מזל פארשלאפן אויף שטענדיג.**

## דער עיקר איז די יוגנט!

„אם אין אני לי מי לי וכשאני לעצמי מה אני" ברייננגט אראפ דער „מדרש שמואל" א טייטש: די הויפט עבודה פון מענטש איז אין זיין יוגנט, ווען דער יצר איז זיך מתגבר. ביי די יוגנט איז ער אין זיין רשות צו טהון וואס ער וויל, נאכער אויף דער עלטער איז ער שוין נישט ביכולת צו טהון וואס ער וויל. „אם אין אני לי" אויף דער עלטער וואס איך בין שוין נישט ביי מיר אין די כוחות „מי לי" ווער וועט רעדן גוטס אויף מיר? מ'וועט זאגן אז איך זינדיג נישט ווייל איך בין שוואך צו דעם...„וכשאני לעצמי" ווען איך בין אבער אין מיין אייגנעם רשות — מה אני! ווי חשוב בין איך! דאן אז מ'דינט השי"ת איז דאך עס גרויס. אויב אזוי איז דאך „אם לא עכשיו אימתי" אויב נישט אין די יוגנט — איז ווען?

אמר עולא כל הקורא קריאת־שמע בלא תפילין כאילו מעיד עדות שקר בעצמו (ברכות יד:) דער רבינו יונה ערקלערט אז עולא זאגט: דער וואס לייענט קריאת שמע און לייגט נישט קיין תפילין איז ער גלייך ווי ער זאגט עדות אויף זיך אז ער איז אַ ליגענער ווייל ער אליין לייענט דאך אין קריאת שמע „וקשרתם לאות על ידך והיו לטוטפות בין עיניך — אז מ'זאהל גיין אנגעטאן תפילין אויף די האנט און אויף די קאפ. און ער אליין איז דאס נישט מקיים.

די זעלבע זאך האט געזאגט דער ירושלימער רב הגאון רבי יוסף חיים זוננפעלד זצוק"ל: אז דער איד וואס איז נישט מגדל זיינע קינדער אויפן תורה־וועג — אדער וואס שיקט נישט זיינע קינדער אין אמת'ן חרדישן חדר, איז אפילו ער לייענט קריאת־שמע „מיט תפילין" איז ער אויך גלייך ווי ער איז אַ „מעיד שקר בעצמו" ווייל ער אליין זאגט דאך אין די קריאת־שמע „ושננתם לבניך, ולמדתם אותם את בניכם" און ער אליין טוהט פארקערט ווי ער זאגט. (ספר אשרי האיש)

## ארום צאמען דעם מוח

ועשית מעקה לגגיך. „מעקה" איז די ראשי תיבות פון „הירהורי ע'בירה ק'שים מ'עבירה". דער מוח אלס דער העכסטע ארט פון'ם מענטש הייסט „גג" דו זאלסט היטען דיין מוח פון הירהורי עבירה...

(תולדות אדם)

## היטן יענעמס לעבן

כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך, ולא תשים דמים בביתך כי יפל הנפל ממנו כאטש דו האסט מקיים געווען שילוח הקן און די תורה האט דיר צוגעזאגט אריכת־ימים, זאלסטו נישט מיינען, אז דו דארפסט שוין נישט מאכן קיין מעקה זיך צו היטן, זאגט די תורה אז דו זאלסט זיך נישט פארלאזן דערויף, ווארום אפילו ווען דו אליין ביסט בטוח, אבער עס קען דאך זיין — כי יפל הנופל ממנו — עס וועט אַראָפּפאלן אזא איינער וואס דארף אַראָפּפאלן, זאלסטו נישט זיין דער גורם דערצו. אזוי וויא רש"י זאגט: ראוי זה ליפול ואף על פי כן לא תתגלגל מיתתו על ידך. (בנין אריאל)

## א מצוה אהן הכנה

למען ייטב לך והארכת ימים. אם מצוה קלה שאין בה חסרון כיס אמרה תורה למען ייטב לך והארכת ימים קל וחומר למתן שכרן של מצוות חמורות.

פארוואס הייסט שלוח הקן א „מצוה קלה". עס זענען דאך פארהאן נאך מצוות וואס קאסטען נישט קיין געלד ?

נור — האט דער גערער רבי זיע"א — געזאגט, ווייל דאס איז א מצוה וואס איז אהן יעדער הכנה — כי יקרא פרט למזומן — ווען ס'איז גרייט פון פריער, איז די מצוה נישטא, אמצוה אהן הכנה הייסט א מצוה קלה...

## בזיונות פון שלעכטע קינדער

והנה הוא שם עלילת דברים פריהער אין פסוק שטעהט — ושם לה עלילות דברים", פארוואס פעהלט דא דאס ווארט „לה" ?

ווייל דער מאן מיינט באמת נור איהר, ער האט איהר פיינט און דורכ'ן בלבול וויל ער איהר פטור ווערען. אבער דער פאטער טענה'עט, אז דער בלבול איז נישט בלויז נוגע איהר, זיין טאכטער, נור אויך איהם, אז ער האט איהר געגעבען א שלעכטע ערציהונג, דאס זי זאל קענען אזעלכעס טהוען, זאגט ער סתם „עלילות דברים" אהן דעם „לה".

דעריבער איז ריכטיג וואס עס קומט דעם מוציא שם רע א דאפעלטע שטראף: מלקות און מאה כסף, ווייל מלקות קומט איהם וואס ער האט איהר געוואלט שלעכטס טהוען און דאס געלד בעצאהלט ער פאר'ן בזיון וואס ער האט אנגעטהוען דעם פאטער הייסט דאס „מלקות לזה ותשלומין לזה"... (משך חכמה)

## לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו...

וואס איז דאס אייגענטליך פאר א טעם אויף דעם: „לא תתעב", די אידן זענען טאקי דארט געווען, אבער פאר דער גאנצער צייט באטראכט געווארן אלס פרעמדע און געהאט בלויז צרות, פייניגונגען און עבודת פרך ?

נור, ווייזט אויס, אז טאקי פאר דעם דארפען מיר זיי דאנקבאר זיין ווארום, ווען זיי וואלטן אונז דאן אנערקענט פאר גלייכע בירגער און אונז געגעבען אויטאנאמיע, וואלט קיין זכר נישט געבליבען פון עם ישראל, די אידן וואלטן זיך איינגאנצן אסימילירט מיט די מצריים און ג־ט וואלט נישט געהאט קיין אידן פון דארט ארויסצונעמען.

און דאס זאגט דער פסוק: „לא תתעב מצרי" — „כי גר היית בארצו". טאקי צוליב דעם וואס זיי האבן געזארגט, אז דו זאלסט דארט בלייבן א גר, א פרעמדער. א „גוי מקרב גוי"...

## בלעם איז דער זעלבער מקלל

......ויהפוך ה' אלוקיך לך את הקללה לברכה עס האט דאך בעדארפן צו שטעהן „ויהפוך ה' אלוקיך את הקללה לברכה", דאס ווארט „לך" איז דאך איבריג ? נאר יעדער וואס בענטשט אידן, ווערט דאך אליין געבענטשט — מברכיך ברוך — האט דאך בלעם'ן געדארפן קומען א ברכה, וואס ער האט געבענטשט אידן.

זאגט דעריבער דער פסוק: ויהפוך ד' אלוקיך לך את הקללה לברכה — אין

בעצוג צו דיר איז עס געוואָרן א ברכה. אבער ער בלעם, איז ווייטער פארבליבען א מקלל נישט קיין מברך.

(דגל מחנה אפרים)

## זיך שעמען מיט א זינד

והיה בשבתך חוץ וחפרת בה ושבת וכסית את צאתך, והיה בשבתך חוץ — אפילו דו וועסט חלילה אמאהל ארויסטרעטען און נכשל ווערען אין א זינד, אויב אבער — וחפרת בה — דו וועסט דיר אבער שעמען מיט דער עבירה (פון לשון: וחפרה הלבנה) — וועט זיין — ושבת וכסית את צאתך — וועט דיר השי״ת מוחל זיין און פארדעקען דיינע פארברעכען. אזוי ווי עס זאגען די חז״ל: כל העושה דבר עבירה ומתבייש בה מוחלין לו כל עוונותיו... (בוצינא דנהורא)

## ס׳זאל דיר נישט געפעלן שלעכטס

ולא יראה בך ערות דבר וכו׳ די חז״ל דרש׳ענען אויף „ולא יראה לך חמץ" — בטל בלבך וויל דער טייטש איז: ס׳זאל דיר נישט געפעלען, ס׳זאל נישט האבען קיין חשיבות ביי דיר.

קען מען זאגען אז דא איז אויך אזוי דער טייטש ולא יראה בך ערות דבר — ס׳זאל ביי דיר אליין נישט האבען קיין חשיבות, ס׳זאל ביי דיר זיין מיאוס וועט עס ממילא בטל ווערען... (שפת אמת)

ולא תחבול בגד אלמנה — וזכרת כי עבד היית. ווער נישט אין כעס, בייזער דיך נישט: היתכן? רק מען הייסט מיר געבען: דעם — גיב, יענעם — גיב, דעם יתום זאָלסטו נישט קוועלן, דער אלמנה זאָלסטו קיין עוולה נישט טהון, און אזוי כסדר אָהן אויפהער! ווי קאן מען עס פון א מענטשן אזוי פיעל פערלאנגען? — דענערוויר זיך נישט: „וזכרת כי עבד היית במצרים", געדענק, אז דו ביזט אמאל אליין, נישט היינט געדאכט, געווען אויף גרויסע צרות — א קנעכט, אנ׳ארימער, געפייניגטער קנעכט אין מצרים.

ארבעים יכנו לא יוסיף. בשעת דער חדושי־הרי״ם איז געווען א אינגל און גע׳שמ׳ט אלס עלוי, האָט א בעריהמטער גביר איהם געוואָלט נעהמען פאר א חתן. דער גביר, ווי דער שטייגער איז, האָט געשיקט צו איהם א „פרובער", א גרויסן למדן, ער זאל איהם פערהערן אין לערנען, און דער „פרובער" האָט איהם געשטעלט פאלגענדע שאלה: אין דער גמרא (מכות כ״ב) איז א פלוגתא צווישן צוויי תנאים, צווישן תנא קמא און ר׳ יהודה, וועגן דער צאהל מלקות. דער תנא קמא האלט, אז מען דארף שלאָגן נישט־מעהר ווי ניין־און־דרייסיג מלקות, „ארבעים חסר אחת", און ר׳ יהודה זאָגט — גאנצע פערציג. פרעגט זיך: וואו איז מעגליך אזא פאל, ווען מען זאָל קאָנען יוצא־זיין לויט ביידע תנאים, ווען סיי לויט׳ן תנא קמא, סיי לויט ר׳ יהודא זאל מען שלאָגן יענעם דיזעלבע צאָהל מלקות?

— עס איז מעגליך — האָט דער עלוי מניה וביה געענטפערט — אויף פאלגענדן אופן: איינער, וועלכער איז אליין געווען א שליח־בית־דין, האָט עובר געווען אויף ניין־און־דרייסיג לאו׳ן, פאר וועלכע עס קומט איהם צו שלאָגן ניין־און־דרייסיג מאָל מלקות. ביני־לביני האָט איהם בית־דין געשיקט מקיים־פסק צו זיין א צווייטן, וועלכער האָט עובר געווען אויף א לאו,

ער זאל שלאָגן יענעם מלקות; אָבער אנשטאָט צו שלאָגן יענעם ניין־און־דרייסיג מלקות, האָט ער איהם געשלאָגן פערציג. אלזא, לוט'ן תנא־קמא, וועלכע האלט „ארבעים חסר אחת", האָט דערדאָזיגער שליח־בית־דין עובר געווען אויף א פרישן לאו: „לא־יוסיף" — און עס קומט איהם שוין דעריבער צו שלאָגן פאר פערציג לאו'ן, ס'הייסט פערציג מאָל צו ניין־און־דרייסיג מלקות. לויט ר' יהודה דאגגן האָט דער שליח בית־דין דאָס מאָל טאַקע ריכטיג געהאנדלט און נישט עובר געווען אויף „לא־יוסיף", און עס קומט איהם בלויז צו שלאָגן פאר די פריהעריגע ניין־און־דרייסיג לאו'ן, ס'הייסט ניין־און־דרייסיג מאָל צו פערציג מלקות. אלזא — דער תנא קמא און ר' יהודה גלייכן זיך דאָס מאָל אויס. דען פיערציג מאָל ניין־און־דרייסיג און ניין־און־דרייסיג מאָל פערציג בעטרעפן דאָך דיזעלבע צאָהל — 1560.

## ואתה עיף ויגע ולא ירא א־לקים

„ולא ירא אל־קים — ישראל" (מכילתא)

אויב דו ביסט מיד און פארמאטערט פון עבודת הבורא, דו פילסט אויף זיך די מצות ווי א משא, אז א סימן, אז „ולא ירא א־לקים", ווייל ווען דו וואלסט געגלויבט אין אויבערשטן, וואלטן דיר די קיום המצות נישט שווער געווען און וואלסט נישט מיד גע־ווארן פון זיי...

*

דאָס זעלבע טייטשט — דער אלשיך — דעם פסוק אין ראה (יד. כד.) „כי לא תוכל שאתו כי ירחק ממך המקום". אויב דו פילסט אויף זיך די אידישקייט ווי א משא, וואָס איז שווער צו טראָגן, איז א באוויז, אז — „כי ירחק ממך המקום", אז דער אויבער־שטער איז פון דיר ווייט. ווייל פאר אן אמת גלויביגן און פרומען איד איז די אידישקייט בכלל נישט שווער...



## א רמז פון שיעור ביכורים

ועקח הכהן הטנא מידך דער רמב"ם פסק'ענט אז כאטש אין דער תורה איז נישט אנגעגעבן קיין שיעור אויף ביכורים וויפיל מען זאל ברענגען, האָבן אָבער די חכמים געגעבן א שיעור — „אחד מששים" — א זעכציגסטל פון זיינע פרוכטן (ירושלמי בכורים פ"ג).

קען מען אנווייזען א רמז פון דער תורה אויף דעם שיעור. ווארום פון דער משנה (כלים פי"ב מ"ג) איז מבואר אז א טנא האלט א האלבן סאה. די גמרא זאָגט ווידער אז אין דער צייט פון ברכה אין ארץ ישראל, וואקסט אויפן שלעכסטן בוים פון פירות וויפיל עס דארפן טראָגן צוויי איזלין (כתובות קי"א) די משא פון א חמור איז — לויט די חז"ל — פונפצען סאה. קומט דאָך אויס אז די פירות פון איין בוים האָבן דרייסיג סאה.

און היות דער חיוב פון בכורים הויבט זיך אהן ביי איין בוים (הקונה אילן וקרקעו) רעדט דאך די תורה פון די קלענסטע בכורים. אפילו איין שלעכטן בוים. און ווען די תורה הייסט ברענגען א טנא וואס ענטהאלט א האלבן סאה, איז דאך דאס טאקע א זעכציקסטל פון די פרוכטן פון איין בוים, וואס זענען דרייסיג סאה.

ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא.

(עליות אלי׳)

## זיך מכניע זיין פאר א מצוה

וענית ואמרת לפני ה׳ אלוקיך אידער מ׳געהט עפעס זאגן פאר השי״ת, דארף מען זיך קודם מכניע זיין און אריינטראכטן אין אייגענע שפלות „וענית״ — איז דער טייטש: דו זאלסט דיך אונטערטעניג מאכן (פון לשון לענות מפני) פאר׳ן — ואמרת לפני ה׳ . . .

(תפארת שלמה)

## די חשיבות איז ווער עס גיט

ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה׳ ווען א מענטש באקומט א מתנה פון א גרויסן מלך פרייט ער זיך נישט אזוי ווייט מיט׳ן ווערט פון דעם חפץ, וויא דערמיט וואס ער האט באקומען די מתנה פון׳ם מלך. דאס חשיבת פון׳ן נותן איז דער עיקר שמחה.

זאגט דעריבער די תורה — ושמחת בכל הטוב — דו זאלסט דיך פרייען מיט׳ן גוטס; נישט בלויז ווייל עס איז גוט, נאר בעיקר — אשר נתן לך ה׳ — ווייל השי״ת איז עס דער נותן.

(תפארת שלמה)

## אנגענומען קדושה פון די מצוה בערתי הקודש מן הבית

איך האב אנגעצונדן (פון לשון: לא תבערו אש) די קדושה פון די מצוות וואס איך האב געטהון אין שטוב. די קדושה האט זיך צופלאקערט און איז גרעסער געווארן פון כח פון די מצוות.

(הנ״ל)

## די סגולה פון מעשר

לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי דער מדרש זאגט אז דער וואס גיט נישט קיין מעשרות, עסן די עכברים זיין תבואה, די גמרא זאגט ווידער אז אויב מען עסט אזא מאכל וואס עכברים האבן דערפון געגעסן פערגעסט מען דאס לערנען (הוריות י״ג).

זאגט ער דעריבער: לא עברתי ממצותיך — נאר איך האב געגעבן די מעשרות ווי געהעריג, ממילא האבן דאס די עכברים נישט געגעסן פון מיין תבואה דעריבער — ולא שכחתי — האב איך נישט פארגעסן דאס לערנען.

(ערבי נחל)

## צדיקים קערן איבער שלעכטס צו גוטס

וכתבת על האבנים את כל דברי התורה הזאת באר היטב השי״ת זאגט צו משה אז ער זאל אפשרייבן די ווייטערדיגע דברי תוכחה און די קללות אויף אזא אופן אז עס

זאל זיין — באר היטב — די חכמים און די צדיקים פון די שפעטערדיגע דורות זאלן עס קענען מבאר זיין און אויסטייטשן צום גוטן...

איז פון דאנען א רמז אז די צדיקים זענען טאקע בכח די תוכחה אויסצוטייטשן צום גוטען און מאכן פון די קללות ברכות. (הרה״ק רר״א מליזיינסק זלה״ה)

דברים רבה

ועשית את מצותיו ואת חקיו. דער, וואס לערנט תורה און איז זי נישט מקיים — איז זיין שטראף הארבער, ווי דער, וואס לערנט אינגאנצן נישט! א משל צו א מלך, וועלכער האט אריינגעזעצט צוויי אגראנאמען אין זיין גארטן; איינער האט געפלאנצט בוימער און נאכדעם זיי אונטער־געהאקט, און דער צווייטער האט אינגאנצן נישט געפלאנצט. אויף וועמען איז דער מלך מעהר אין כעס? צו נישט אויף דעם, וועלכער האט געארבייט און געשאפן און נאכדעם מיט די אייגענע הענד די שאפונגען פערדארבן?.

## מ׳טאר נישט אויסניצן די תורה

אשר לא יקום את דברי התורה הזאת לעשות אותם ס׳זענען פאראן מענטשן וואס זענען מקיים די מצוות מיט אפלשע כוונה, כדי מ׳זאל זיי האלטן פאר חשובה און ערליכע לייט, מ׳זאל זיי דאדורך אנטרויען געלד געבן פארשידענע כבודים, אט דאס הייסט: אשר לא יקום... לעשות אותם — ער איז זיי נישט מקיים ווייל מ׳דארף אזוי טהון נאר צו דערגרייכן גאר זיינע נידריגע צילן. די זענען בכלל „ארור״.

(עקדת יצחק)

## מ׳מוז שטיצן תורה לערנערס

אשר לא יקום את דברי התורה הזאת לעשות אותם דער רמב״ן ברענגט א מאמר חז״ל וועלכער טייטשט דער „אשר לא יקום״ — אויף דעם וואס איז בכח מחזיק צו זיין די לומדי תורה און טהוט עס נישט — אמר ר׳ אסי בשם ר׳ תנחום בר׳ חייא אפילו למד ולימד ושמר ועשה והי׳ ספק בידו להחזיק ולא החזיק הרי זה בכלל ארור. (ירושלמי סוטה). מורא׳דיגע ווערטער!

## הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל (תהלים קכ״א)

דער מענש וואס וויל זיין אַ שומר ישראל — זיך גוט אפהיטן אז ער זאל זיין אַ איד, דער איז לא ינום ולא יישן — דער דרעמלט נישט, און שלאָפט נישט.

(הגה״צ מלעכוויטש)

מגד ירחים

ברוך אתה בבאך. „ברוך אתה בבאך — שיהא ביתך סמיך לבית הכנסת״ (מדרש). פאראן מענטשן, וואס זייער גאנץ אידישקייט ליגט בלויז אין שוהל: דאָרט זענען זיי פרום און גוט, פריינדליך און היימיש מיט יעדען, פוהל מיט עניוות און מיט דרך ארץ פאר יעדן תלמיד־חכם. גאנץ אנדערש אָבער זענען זיי ביי זיך אין הויז וואו זיי זענען נישט מעהר די זעלבע: דאָרט זענען פאר זייער פרומקייט און גוטסקייט די טהירן געשלאָסן... און דאס איז דער זין: „שיהא ביתך סמוך לבית־הכנסת״ — פיהר־זיך־אויף אין דער היים ווי דו פיהרסט זיך אין שוהל!...

**זיך געשעמט מיטן שטרענגן מוסר.**

אתם נצבים היום וכו׳. לפי ששמעו ישראל מאה קללות חסר שתים הוריקו פניהם אמרו מי יוכל לעמוד באלו התחיל משה לפייסם אתם נצבים.

דער ציעל פון די קללות איז דאך דאס געווען, אז אידן זאלן מורא בעקומען, טא פארוואס האט זיי משה רבינו גענומען מפייס זיין און אבשוואכן דעם איינדרוק?

נאר דער שטייגער איז אז ווען מען זאגט מוסר אַ פּושט׳ן מענש, נישט קיין גרויסער בר־דעת, מאכט מען איהם אָן אַ מורא, מיט קללות און תוכחות, אויב אבער ז׳ן וויל זאגען מוסר איינעם, וואס איז אַ גרעסערער בר־דעת איז מען איהם מסביר, מיט גגישע ארגומענטן אז דאס טויג נישט צו טוהען.

ווען די אידען דעמאלט וואס זענען געווען אַ דור־דיעה, האבן געהערט אז מען זאגט זיי אזעלכע פשוטע גראבע קללות — הוריקו פניהם — האבען זיי זיך פארשעמט, דערפון וואס מען האלט זיי אין אזא נידריגע מדרגה, אז מען זאל זיי אפשטראשען מיט קללות און קערפערליכן שטראף. האט זיי דעריבער משה רבינו מפייס געווען, אז מיט די קללות מיינט מען טאקע נישט זיי אליין, ווארום — „אתם נצבים היום כלכם לפני ד׳ אלוקיכם״ — איהר שטעט אויף אַ העכערער מדרגה, נאהנט צו השי״ת, אויף אייך דארף מען אזא סארט מוסר נישט צו זאגן, נור — „ולא אתכם לבדכם אנכי כורת את הברית הזאת... כי אשר ישנו פה... ואת אשר איננו פה״ — דא מיינט מען אויך די שפעטערדיגע דורות, און פאר זיי מוז מען זאגן אזעלכע תוכחות, מיט פשוטע קללות, הלואי זאל דאס פועל׳ן... (קהלת יצחק)

דו״ל מחנה אפרים

וחיות ורבית וברכך. די דריי זאכן, אויף וועלכע עס בעט יעדער מענטש: „בני (ורבית) חיי (וחיות) ומזוני (וברכך)״.

**דו זאלסט נאר וועלן — איז עס נאהנט.**

ולא מעבר לים היא לאמר מי יעבר לנו כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו, אויב דו ווילסט באמת מיט׳ן גאנצען הארץ זיך בעהעפטן אין דער תורה, אז אפילו ווען זי וואלט געווען אין הימעל, אדער מעבר לים וואלסטו גרייט געווען צו געהן נאך איהר און איהר אויסצוזוכן — אויב דו האסט אזא ווילען, איז זי באמת נאהנט צו דיר. (חדושי הרי״ם ז״ל)

**די תשובה פון רבי ר׳ זושא זצ״ל**

אין ס׳קהלת משה פון הרה״ק מקאזניץ דערציילט דער מחבר אז

איינמאל איז דער רבי ר׳ זושא געזעסען ביים שיעור וואס זיין פאטער דער הייליגער מגיד זצ״ל האט געלערנט. אין מיטען שיעור האט דער רבי ר׳ זושא אָנגעפאנגען שטארק צו וויינען און אראפגעלאזט דעם קאָפּ. ווען מען האט איהם שפעטער געפרעגט פארוואס ער האט אַזוי שטארק געוויינט, האט ער געענטפערט אז ער האט געזען ווי די פמליא של מעלה איז געקומען הערען די הייליגע ווערטער פון הייליגען מגיד זצ״ל און ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטען פון תשובה טאָן, און דעריבער האט ער שטארק געוויינט און תשובה געטאָן פון פולען הארץ.

## א ניצוץ פון משה רבנו אין אלע דורות

וילך משה וידבר את כל הדברים האלה אל כל ישראל עס שטעט נישט וואו אהין ער איז געגאנגען? נאר די כוונה איז: משה רבנו איז אריינגעגאנגען אין יעדן איד אריין. אין יעדן איד, אין אלע צייטן איז פאראן א ניצוץ פון משה רבנו. דער „וילך משה" געהט אלזא ארויף אויף'ן סוף פסוק „אל כל ישראל".

(בשם הצדיקים הקדמונים)

## א מחשבה פון עבודה זרה

ואמר ביום ההוא הלא על כי אין אלקי בקרבי... ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההיא על כל הרע אשר עשה כי פנה אל אלהים אחרים זיי וועלן זיך וואונדערן פארוואס זאל זיי קומען א שטראף אויף דער בלויזער שלעכטער מחשבה — נאר אינערליך אין די מחשבה איז געווען „אין אלקי" פארוואס זאל מען דערפאר באשטראפט ווערן? מחשבה רעה איז דאך, אין הקב"ה מצרף למעשה?

דערויף ענטפערט השי"ת: כי פנה אל אלהים אחרים, איז עס דאך געווען א מחשבה פון עבודה זרה און ביי עבודה זרה איז דער דין אז אפילו מחשבה מצטרפת למעשה (קידושין מ'). (בינה לעתים)

רבי בונם

תחת אשר לא עבדת את ד' אלקיך בשמחה. נישט בלויז וואס „לא עבדת את ד' אלקיך", נאר דו ביזט נאך גאר צופרידן געווען דערפון, געהאט שמחה פון נישט דינען דעם אויבערשטן!...

ספר הדרשות

ועתה כתבו לכם את השירה הזאת. מיט דער מצוה צו שרייבן ספרי־תורה, צו פראווען התחלת־הספר און סיום־הספר פערנעהמען זיך עפ"י־רוב די נגידים; אבער לערנען די תורה און מקיים זיין וואס אין איהר שטייט געשריבן — דאס לאזן זיי איבער פאר די ארימע־לייט, פאר די ארימע אידישע קינדער, פאר די תלמוד־תורה און ישיבה־בחורים: זיי אליין זענען פטור דערפון, זייערע אייגענע קינדער לאזן זיי לערנען אנדערע זאכן! צו די דאזיגע נגידים ווענדעט זיך, אלזא, דר פסוק: „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת" — שרייבט דידאזיגע תורה נישט בלויז פאר יענעם נישט בלויז פאר די ארימעלייט, נאר „לכם", אויך פאר זיך און אויף פאר אייערע אייגענע קינדער!.

## היינטיגע צייטן — דער עיקר תורה שבעל פה

ועתה כתבו לכם את השירה הזאת דער רא"ש פסק'נט אז בזמן הזה, ווען עס זענען א סאך ספרי תורה געשריבענע, וואס זיי שטעהען אין ארון הקודש און מ'לייענט זיי נישט, איז מען גיכער מקיים די מצווה פון „כתיבת ספר־תורה", מיטן שרייבן די הלכות פון תורה־שבעל־פה.

איז דאס דער רמז אין פסוק: ועתה — גאר יעצט, וואס עס איז נישט פארהאן נור תורה־שבכתב — כתבו לכם את השירה הזאת — איז די מצווה צו שרייבן אט די דאזיגע תורה, אבער אין די שפעטערע צייטן ווען מ'וועט שרייבן אויך די תורה־שבעל־פה וועט זיין די עיקר מצווה דאס שרייבן ספרים פון תורה־שבעל־פה...

(בשם אדמו"ר מגור זצ"ל)

## ענדליך דערשפירט מען תורה

יערף כמטר לקחי די הייליגע תורה ווערטער זענען אזוי וויא דער רעגן. בשעת עס רעגנט, זעהט מען נאך נישט די פעולה אויף די געוואוקסען. נאר ערשט שפעטער ווען די זון שיינט אויף, זעהט מען ערשט וויא דער רעגן האט געווירקט. אזוי אויך ווען מען הערט דברי־תורה, כאטש בשעת מעשה זעהט מען נישט זייער ווירקונג, אבער סוף כל סוף שפעטער וועט מען דערפיהלן זייער פעולה.

(הרבי ר׳ בונם ז״ל מפשיסכא)

## נאר פארן אויבערשטן מיט זיין גרויס חסד

שובה ישראל עד ה׳ אלוקיך ווען א מענטש זאגט: איך וועל געהן מיט מיין משפט ביז צום קעניג, הייסט עס אז ער האט שוין קיין אויסזיכטען אז די געריכטען זאלן איהם בעפרייען, וויל לויטן געזעץ איז ער טאקע שולדיג. נאר די איינציגע האפנונג זיינע איז, צוצוקומען צום מלך אליין, וועלכער האט דאס רעכט צו באגנעדיגן אפילו אזעלכע וואס איז בעצם שולדיג.

דאס זאגט דער נביא: שובה ישראל עד ה׳ אלוקיך — דו מוזט מיט דיין תשובה צוקומען צו השי״ת אליין, נאר ער אליין וועט דיר קענען באגנעדיגן און אננעמען דיין תשובה — כי כשלת בעוונך — וויל גרויס זענען דיינע זינד, אז דו זאלסט קענען זוכה זיין אין משפט, ביי די שרים, אויסער ביי השי״ת אליין, נאר ער קען מיט זיין חסד דיר מוחל זיין אויף די זינד, כאטש זיי זענען אזוי פיל און גרויס. (כוכב מיעקב)

## אלע שטעלן זיך פארן אויבערשטן

יעדן מאהל פאלט די פרשה נצבים אין די וואך פון די סליחות פאר ראש־השנה. דאס איז מרמז, זאגן די ראשונים, „אתם נצבים״ איהר שטעלט זיך אויף פארן אויבערשטן! ווערט ערוועקט צו תשובה און התבוננות פארן יום הדין.

אלע שטעלן זיך, „אתם נצבים היום כולכם לפני ה׳ אלוקיכם״, אלע, „ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם, כל איש ישראל״ אויף יעדערן איז דא א תביעה, פון גרויס ביז קליין. יעדערער האט צו זאגן „נחפשה דרכינו ונחקו־רה״. וואס גרעסער דער מענטש איז, וואס העכער זיין באגריף דערגרייכט — איז די תביעה צו איהם גרעסער!

שטעהט אין ספרים אז די ווערטער „שורש פורה ראש ולענה״ איז די ראשי תיבות שופר. וואס איז מעורר צו תשובה און רייסט אויס די אלע שלעכטע ווארצלען וואס איז „פורה ראש ולענה״. דער שופר צוברעכט די הארטקייט פון מענטש, די קשיות עורף, דורך זיין קלאָגעדיגן קול, דרינגט ער אריין הכנעה, אז דער מענטש זאל שפירן זיין אפסיות אז ער איז גארנישט, אז ער האט נישט ערפיהלט זיין העכערן פליכט ווי עס קומט אין אויסדריק אין דעם שארפן אנהייב פון די סליחות „לך ה׳ הצדקה ולנו בושת הפנים״, געדעכט ביזסטו ג־ט און צו אונז איז די שאנדע! מ׳קען עס זאגן מיט א סלי־חות־דיגן ניגון, מיט א בעל־תפילה׳שן טאָן. אבער עס דארף טאקע אנכאפן א געפיהל פון בושה, אט טאקע דערפאר אליין וואס פאַר־אַ־יאָהרן האט מען אויך אזוי געזאגט און פאר צוויי יאהרן און פאר דריי יאהרן, האט דאך אייגנטלאך די בושה געדארפט זיין א שטויס־קראפט ווי עס שטעהט אין די

תורה „לבלתי תחטאו", און אז ס'איז נישט אזוי, איז טאקע „אוי לה לאותה בושה אוי לה לאותה כלימה! — — —

די הכנעה קומט דעריבער פון די מחשבה, ווען מיר בארעכענען זיך „לפני מי אתה עומד" פאר וועמען שטעהען מיר, דאס זאגט דער פסוק „אתם נצבים כולכם לפני ה' אלוקיכם"! איהר ווייסט פאר וועמען איהר שטעהט, פאר מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא! און דאן איז שוין נישט קיין אונטערשייד ווער עס איז· מעג זיין „מחוטב עציך עד שואב מימך" צו „ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם" פון קליין ביז גרויס דארפן ציטערן מפחד הדר גאונו!

אט מיט דיזן רגש דארפן מיר אנפיהלן די הארץ, דאן באקומען מיר דעם ריכטיגן בושה געפיהל וואס ברייננגט צו תשובה און א אמתע התבוננות און חרטה פון טיפן הארצן·

„אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם"! דאס ווארפט אויף אונז הכנעה און צובראכנקייט אין די זעלבע צייט שפירן מיר זיך אויך מיט א גרויסקייט געפיהל אז מיר זענען זוכה צו שטעהן פאר אזא גרויסן ג־ט, ווי משה רבינו זאגט די אידן „כי מי גוי גדול אשר לו אלוקים קרובים אליו כה' אלוקינו" ווער איז נאך אזא גרויסע פאלק וואס האט אזא נאנטן ג־ט ווי אונז וואס מיר זענען אזוי נאנט צו אונזער ג־ט!

ראש חודש אלול איז די ערשטע סטאנציע וואו מ'שטעלט זיך אפ הערנדיג דעם קול שופר וואס דערמאנט און מאנט צו תשובה און התבוננות· מ'זאגט יעדן טאג נאכן דאוונען „אחת בקשתי מאת ה' שבתי בבית ה' כל ימי חיי", מ'בעט ביים אויבערשטן מ'זאל קענען זיצן און לערנען די הייליגע תורה, אויב מ'האלט נישט ביי דעם אבער לפחות עס צורודערט א ביסל· מ'שפירט כאטש אחריות מ'זאל זיך קובע עתים לתורה זיין· וואס הייסט דען תשובה? בלויז זאגן תהילים און שרייען אז מ'טהוט תשובה איז גארנישט ווערד אויב עס איז נישט באגלייט מיט א פארבעסערונג אין די מעשים·

אט די געלעגנהייט ווערט געגעבן פון ראש חודש אלול און ווייטער מ'זאל זיך גרייטן צום יום הדין·

אויב עס ווירקט נישט — דער מאנט מען זיך אין א צווייטע סטאנציע די סליחות־טעג, פאר ראש השנה, אויב די דריי וואכן זענען אריבער מיט א שוואכע התעוררות — ערוועק זיך די לעצטע פאר טעג פון יאהר!

„אתם נצבים" איהר שטעהנט אויף צו די סליחות ווערט געטייטשט ב־דרך רמז, עס דארף אנכאפן א ציטער· מיט וואס זענען מיר געגאנגען ביז יעצט מיט וואס פאר א פנים געהען מיר צו צום יום הדין לאמיר לפחות פאררעכטען פון די סליחות־טעג·

די סליחות־טעג — שטעהט אין די פוסקים — זענען געגליכן צו די טעג וואס מ'אונטערזוכט דעם קרבן בעפאר מ'געהט איהם ברייננגען אויפן מזבח, אויב ער האט נישט קיין פעלער·

אזוי איז מיטן מענטש, פארן יום הדין גיט מען די געלעגנהייט זיך אונטערזוכן די פעלערן, די עבירות. אויב א קרבן וואס האט א מום, איז פסול – א מענטש האט די געלעגנהייט צו היילן די פעלערן און ערשיינען ריין און פיין קומענדיג צום יום הדין, מיט די האפנונג צו פועלן א שנה טובה ומאושרת!

## דער חודש אלול

מ׳שאַלט שוין מיטן שופר, וואס רופט און ערוועקט צו תשובה. דער שופר גיט א סיגנאַל אז מ׳זאל זיך גרייטן צום יום הדין. אז מ׳זאל פאַרבעסערן די מעשים, און מ׳זאל בודק זיין אין אלע ווינקאלאך פון הארץ און ארויס־ווארפן פון דארטן די חמץ, דעם יצר הרע, די רעשטלאך פון רשעות, שלעכטע מידות און פאלשע געדאַנקען.

דער שופר איז אויך סיגנאל צו די גרויסע מלחמה, די מלחמת היצר וואס יעדער איינער דארף פירן אין דער וועלט, געגן די כוחות הטומאה וועלכע ווילן איהם פאַרפירן פון גלייכן וועג.

אין חודש אלול ווערט געגעבן די געלעגנהייט זיך אָנצוגאַרטלען מיט פרישע באַנייטע כוחות זיך צו שטעלן אין טאג־טעגליכן געראנגל געגן דעם יצר הרע וואס פארבלענדעט די אויגן.

די הויפט מלחמה איז געגן דעם וואס דער מענטש ווערט פארטומלט אין די לעבנס מהומה און די רוישיגע מציאות וואס ארום, וואס לאזט נישט קיין התבוננות וואו מ׳האלט אין דער וועלט.

דער כהן גדול האט געדארפט זאגן די אידן ווען זיי געהען ארויס צו די מלחמה מיטן פיינט, ווי עס שטעהט אין היינטיגע פרשה: „שמע ישראל אתם קרבים היום למלחמה על אויביכם״ ווען איהר געהט ארויס היינט אין א מלחמה געגן אייערע פיינט. „אל ירך לבבכם אל תיראו ואל תחפזו ואל תערצו מפניהם״ איהר זאל נישט מורא האבן פאר זיי, שרעקט אייך נישט און ווערט נישט צובראכן געגן זיי!

זאגן די חז״ל אז די פיינט פירן זיך ווען זיי קומען אויף א מלחמה, אז זיי קלאפן מיט די פערד. זיי קוויטשען און שרייען און מאכן א רעש כדי צופארטומלען די געגנער. דעריבער זאגט אן די תורה נישט מורא צו האבן פאר די געשרייען!

די זעלבע מיט די מלחמת היצר. מיר לעבן אין א שרעקלאכן טומל, די מציאות פון האַנטיגן דור איז שרייענד און מאכט א רעש. די שוואכע מוחות קענען נאך התפעלות האבן פון דעם רעש און זיך פארלירן אין גאנג פון די מלחמה. דארפן מיר וויסן „אל ירך לבבכם אל תיראו״ נישט אפלאזן די וואפן געגן פיינט. נישט פארטומלט ווערן געגן די שרייענדיגע גאס.

„כי ה׳ אלוקיכם ההולך עמכם״ מיט אונז געהט השי״ת, דאס אליין דארף אונז שטארקן!

## תמוז — אב — אלול

אויף „תמוז" שטעהט אין ספרים אז די ראשי תיבות איז ז׳מן ת׳שובה מ׳משמש ו׳בא. מען דארף שוין ערנסטער א טראכט געבן וועגן תשובה ווייל דער „אלול" ווייזט זיך שוין פון נישט־ווייט. ווידער „אב" איז די אותיות „בא" ד. ה. די צייט פון תשובה איז שוין געקומען. ווייל אין ספרים שטעהט „אחורי ארי ולא אחורי אשה" דאס הייסט מ׳זאל בעסער תשובה טהון חודש אב (מזל „אריה") און נישט ווארטן אויף חודש אלול (מזל „בתולה"). און אז עס קומט שוין אלול איז דאך שוין א ודאי די צייט מען זאל ערוועקט ווערן מיט א טיפן תשובה געדאנק און זיך גרייטן ווי געהעריג צו די ימים נוראים און יום הדין. דאן איז שוין „אני לדודי ודודי לי" איך טהו זיך ווענדן צו השי״ת ער זאל מיר עפענען די הארץ. און ער ווארט אויף מיר איך זאל באמת נתעורר ווערן מיט א ריכטיגע תשובה.

אלענפאלס אס בסטע איז תשובה צו טון א צייט פריער ווען מ׳קען זיך גיכער מתבונן זיין וואס און ווי אזוי מ׳דארף פאריכטן דאס נישט־גוטע.

דער בעל דבר פארדרעהט דעם קאפ: תמוז זאגט ער, עס איז נאך צו פרי! האסט נאך צייט גענוג!... חודש אב — טענה׳ט ער דארף מען דאך זיין אביסל טרויעריג, וואס פאר א טעם האט תשובה צו טהון... ווידער אלול איז דאך שוין אביסל שפעטלאך, איז בעסער אפצולאזן דאס תשובה אויף איבער א יאהר...

און ווידער איז דאך טאקע הייס און דער קאפ קען זיך נישט אזוי פארטראכטן צו אזעלכע געדאנקען.

וועט מען זיך אזוי קינדעריש לאזן פארפירן פון דעם בעל דבר וועלכער חוזק׳ט אפ פון אונזערע שוואכקייטן?...

אין ספר של״ה הק׳ שרייבט ער נאך א סאך ענינים פון תשובה. מיר האבן נאך געברייגנט איייניגע זאכן, אבער דארטן פירטער אויס אז דער עיקר תשובה איז „לא המדרש עיקר אלא המעשה" די הויפט זאך איז מ׳זאל זיך נעמען למעשה פארבעסערן די וועגן פון לעבן. די בעסטע תשובה איז אין די 40 טעג פון ראש־חודש אלול ביז יום כיפור. און נאך מערער איז די תשובה אין די 10 טעג פון ראש השנה ביז יום כיפור.

דעריבער — פירט אויס דער של״ה — זאל זיך דער מענטש אין די טעג אפגעבן מער אויף תורה און מצוות. די בעסטע איז ביי נאכט ווען מ׳קען זיך גיכער דערוייטערן פון די וועלט זאכן, און מ׳זאל זעהן צו־פארריכטן דאס וואס מ׳האט איבערגעפירט אין הרטה האבן אויף די זינד מיט א אמת. אין מודה ועוזב ירוחם.

אשרי אדם לא יחשוב ה׳ לו עון (תהלים ל״ב).

דער חיד״א שרייבט אז ער האט געהערט אין נאמען פון הרה״ק רבי מענדלי וויטעפסקער זי״ע אז ער האט געטייטשט דעם פסוק אזוי: וואויל איז דעם מענטשן וואס אויב א רגע טראכט ער נישט פון השי״ת, „לו עון", שפירט ער אז ער האט געטהון א עבירה. (ספר יוסף תהלות להרב החיד״א ז״ל)

### אומענגים און שטענדיג

די תורה איז געגעבן געווארן אין א אומבאשטימט ארט — אין א מדבר, אין א אונבאשטימטער צייט — מען ווייסט נישט געניי צו בששי בסיון אדער בשבעה בסיון, בכדי צו ווייזן דערמיט, אז די תורה איז נישט אפהענגיק נישט פון ארט און נישט פון צייט, מחמת גאנץ אפט איז זיך דער מענש מ׳רה־היתר: דא קען מען נישט פירן ווי אין דערהיים, דא איז א פריי ארט, א פרייע מדינה און מען מוז זיך צופאסטן צו דער צייט, היינט איז די צייט אנ׳אנדערע און מען קען נישט לעבן ווי מען האט געלעבט אין די פארצייטיגע יאהרן...

(רבי ישראל סאלאנטער זצ״ל)

## די גלידער און די טעג רופן

ר׳ אחא זאגט: 248 מצוות עשה זענען פערהאַן אין די תורה. אנקעגן די 248 גלידער פון מענש. — יעדער גליד און גליד רופט צום מענש און זאָגט טהו מיט מיר אַ מצוה אין זאלסטו נישט צו פיהל זיצן ווייל ס׳שאדעט; זאלסטו נישט צו פיהל שטעהן ווייל ווּעלכע זכות דו וועסט לאנג לעבן! 365 מצוות לא תעשה. אנטקעגן די 365 טעג פון די זון.— יעדן טאָג און טאָג, פון זינט דאָס זון אויפשיין ביז איהר אונערגאַנג, רופט צום מענש און זאָגט: זיי אין מיר נישט עובר קיין עבירה און וועג נישט אראָפּ מיר אין די גאַנצע וועלט אויפן וואגשאל פון עבירות! (פתיחתא רבתי)

„איזהו חסיד המתחסד עם קונו״. אַ אמתדיגער חסיד איז דער וואָס איז נאָר „עם קונו״ מיטן באַשעפער אליין, ווען קיין מענטשן זענען נישט אין דאַן פירט ער זיך ווי אַ חסיד. (ר״מ קוברינער, זצ״ל)



## משה רבינו׳ס כח אויף שטענדיג

וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל אפילו נאָך דעם וואָס משה רבינו איז שוין אוועקגעגאנגען פון דער וועלט — וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל — רעדט ער שטענדיג די דברי־תורה צו אלע אידן, וואָס עס ווערט נתחדש אין דער תורה, אין אלע צייטן, איז עס פון׳ם כח פון משה רבינו. דעריבער רופן די חז״ל אָן יעדן תלמיד־חכם מיט׳ן נאָמען משה (משה שפיר קאמרת), ווייל זיין תורה איז פון משה רבינו׳ס כח... (נועם מגדים)

## נאכן שמיטה־יאָהר

ווען אַ גאַנץ יאָהר האָבן די אידן געהרוהט און נישט געהאַט קיין טרדות פון פעלד ארבעט, פון חובות־צאָהלן — איז די בעסטע צייט אַז די תורה זאל גיכער ארייַנדרינגען אין די מו־חות און די הערצער, דעריבער האָט מען „מקץ שבע שנים במועד שנת השמיטה״ געליינט די תורה פאַרן קהל אין בית המקדש. (עקדת יצחק)

## די קליינע קוקן אויף די גרויסע

האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי. „שמים" באצייכנט די גרויסע און חשובע מענטשן, דאגעגן „ארץ" מיינט מען די פשוטע פראסטע מענטשן וואס זענען פערטהוען אין ערדישע זאכן. זאלן נאר דאס ערשטע פארנעמען די גרויסע מענטשן וועלן ממילא אויך די פשוטע מאסן־מענטשן אויך צוהערן. אויב די פשוטע מאסע הערט נישט, איז עס דערפאר ווייל זיי פארקוקן זיך אויף די גרויסע... (תורת משה)

## מיר דאנקען פאר די נאנטקייט צו השי"ת

כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלוקנו פאר דעם אליין וואס מיר האבן זוכה געווען צו רופן ג־ט'ס נאמען, צו לערנען זיין תורה (כל התורה שמותיו של הקב"ה הוא) — פאר דעם אליין דארפן מיר אבגעבן א בעזונדערן דאנק פאר השי"ת — הבו גודל לאלוקנו.

אזוי וויא דיא ראשונים טייטשן דאס וואס מיר זאגן (אין מודים דרבנן) „על שאנו מודים לך ברוך א"ל ההודאות" — פאר דעם וואס מיר האבן זוכה געווען דיך צו לויבן, פאר דעם אליין גיבן מיר דיר אב א הודאה... (באר מים חיים)

דער בעש"ט ז"ל פלעגט זאגן אז ווען עס קומען ח"ו יסורים אויף א מענטש, זאל ער זיך טראכטן אז דאס איז פונקט וויא א פאטער וואס וויל אפשרעקן זיין קליין קינד באהאלט ער זיך פאר איהם אדער פארשטעלט זיך אין אנדערע מלבושים. איז דאן ווען דאס קינד הויבט אהן צו פארשטעהן און שרייט אויס: טאטע! באקומט דער טאטע רחמנות און בעוויזט זיך פאר'ן קינד און דאס שרעק און צער געהן באלד אוועק. אזוי דארף דער מענטש פארשטעהן אז די שרעק און צער וואס ער האט זענען נאר א נסיון, א הסתרת־פנים, און ווען ער וועט האבן דעת צו שרייען טאטא! און רופן צו השי"ת וועט זיך דערוועקן רחמנות און דער צער וועט באלד אוועקגעהן.

דאס איז א כוונה אין פסוק: כי שם ה' אקרא — ווען איך וועל פארשטעהן אין דער צרה צו רופן צו השי"ת און נישט זוכן אנדערע רפואות, דען וועט זיין — הבו גודל לאלוקינו — וועט פון'ם מדת־הדין (אלוקים באדייט אויף מדת־הדין) אויך ווערן בלויז חסדים (מדת חסד ווערט אנגערופן גדולה) און די צרה וועט תיכף אוועקגעהן. (אורח חיים)

## זיך און די קינדער!

מיר באגעגנען מענטשן וואס באקלאגן זיך אויף זייערע קינדער אז זיי געהען נישט בדרך הישר. זיי נעמען זיך צום הארצן וואס די קינדער פאלגן זיי נישט.

אבער זיי זאגן נישט אויס דעם אמת אז זיי זעלבסט. טאקע די טייערע עלטערן, פירן זיך אויך נישט אזוי ווי עס באדארף צו זיין. די קינדער האבן נישט פאר זיך א מוסטער האפטע בילד פון וועמען זיך צו לערנען, די עלטערן דינען נישט אלס שפיגל פאר די קינדער. ווידער זאגן די חז"ל „כל אדם שאין בו יראת שמים אין דבריו נשמעים", אויב די קינדער פאלגן נישט די עלטערן מעגן זיי אריינקלערן וויפיל יראת־שמים עס פעלט זיי. א ודאי איז דא פאלגן

פון באמת גוטע עלטערן און די קינדער געהען אוועק פון גוטן וועג צוליב די סביבה די חברותא א׳ ד׳ ג׳ אבער אין מערערע פאלן איז די פירונג פון די עלטערן דער הויפט־ערציהער פון די קינדער, דאס הייסט אז זיי פירן זיך אידיש און מענטשליך און זענען נישט גורם אז די קינדער זאלן ח״ו לייגן א אום־חן אויף א אידישן פירונג.

פונקט ווי זי פארלאנגען אז די קינדער זאלן זיין גוט און פרום, אזוי פארלאנגט השי״ת פון זיי אליין אז **אלס זיינע קינדער „בנים אתם לה׳ אלוקיכם״,** זאלן זיי אויף זיין גוט און פרום! ווען די קינדער זעהען אז די עלטערן פאלגן נישט זייער פאטער אין הימל און פירן זיך נישט ווי ער פאר־לאנגט אין דער תורה, לערנען זיי זיך אראפ דערפון אז זיי זאלן אויך נישט טהון ווי דער פאטער פארלאנגט פון זיי, און זיי ווערן פארדארבן.

עס ווערט געטייטשט (אין „שער בת רבים״) פון הייליגע פרשה „שחת לו״ דאס וואס ער אליין איז פאַרדאָרבן — „לא״ — דאס אהרט איהם גאר־נישט, פון דעם מאכט ער זיך גארנישט, נאר „בניו״ אויב די קינדער זענען ש־לעכט ,מומם״ איז עס ביי איהם א פעלער!״ — דור עיקש ופתלתול! דערמיט זענט איהר דאך פארקרימט און „פארדרייט! „הלה׳ תגמלו זאת״! איהר טהוט דאך דאס זעלבע צו השי״ת! וועלכער „הוא אביך קנך״ ער איז דאך אויך דיין פאטער און באשעפער און ער פארלאנגט פון אייך אלס קינדער איהר זאלט זיין גוט און פרום — ווען איהר פאלגט נישט אייער פאטער, ווי אזוי זאלן אייערע קינדער פאלגן זייער פאטער!...

איהר ווילט גוטע קינדער — זייט איהר פריער גוט צום פאטער אין הימל!

## די גאנצע וועלט צוליעב אידן

יצב גבולות עמים למספר בני ישראל אלץ וואס קומט פאר צווישן די פעלקער אויף דער וועלט, זייערע מלחמות און קריגערייען, די ענדערונגען אין זייערע גרעניצן און אין די מאפעס פון זייערע לענדער — דאס אלץ איז צוליעב אידן. אין יעדן וועלטס געשעהעניש איז עפעס פערהאן וואס איז נוגע די אידן. השי״ת דרעהט דאס ראהם פון וועלכס־געשיכטע, לויט זיין פלאן אין בעצוג צו דער אידישער געגענווארט און אידישער צוקונפט... (ספרים)

## מ׳דארף היטן די אויגן

יצרנהו כאישון עינו מ׳דארף היטן דעם אויג אז ער זאל נישט זעהן קיין זאכן וואס מ׳טאר נישט. פונקט וויא מען היט דעם „אישון״ דעם שווארצאפעל. אזוי וויא דער „אישון״ איז דער עיקר פון אויג אזוי דער אויג דער עיקר פון מענטש. און מ׳מוז עס היטן.

אמרי שפר

ויּרא ד׳ מכעס בניו ובנותיו. ווען דער מענטש אליין זינדיגט, מ׳יינט ער אז ער קען האָבן א תירוץ, פערענטפערנדיג זיך, אז ער האָט נישט געקענט ג׳בר־זיין דעם יצר; אָבער ווען ער נעהמט זיינע קינדער און פיהרט זיי בידים אין שלעכטן וועג, דאָ קען שוין קיין שום תירוץ נישט גילטן — אזא איינער איז שוין נישט אנדערש נאָר א להכעיס׳ניק!...

כתב סופר

כי דור תהפוכות המה. א פארקערהרטער דור: אנשטאט די עלטערן זאלן מדריך זיין די קינדער — זענען די היינטיגע קינדער גאר מדריך און לערנען דרך־ארץ די עלטערן!...

## היט דעם אידישן צוקונפט

ויאמר אסתירה פני מהם אראה מה אחריתם כאטש איך וועל פון זיי פארבארגן מיין פנים און זיי איבערלאזן צו די נאטירליכע געשעהענישן, דאס וועט נאר נוגע זיין אייער געגענווארט, אבער — אראה מה אחריתם — בנוגע אייער צוקונפט, וועל איך יא זעהן. איך וועל נישט אבלאזן מיין השגחה, צו באהאלטן זייער נצחיות און נישט לאזן זיי גענצליך פארניכטן.

(שם משמואל)

## די גוים — דעם אויבערשטנס פיילן

חצי אכלה בם די אומות העולם וואס פייניגן אידן, זענען עס די פיילען פון השי״ת, וואס דורך זיי שטראפט ער אידן. אזוי ווי דער נביא זאגט: הוי אשור שבט אפי ומטה היא בידם זעמי (ישעיה י׳, ה׳).

איז דער פשט: חצי כלים — זיי די אומות וואס פייניגן אידן, וועלן סוף כל סוף פארניכטעט ווערן, זיי וועלן באקומען זייער שטראף דערפאר — והם אינם כלים — אבער אידן וועלן אייביג בלייבן טראץ אלע רדיפות.

(תורת משה)

## די מאסן קוקן אויף די העכערע

האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי „השמים" באצייכנט די גרויסע און חשובה מענטשן, דאגעגן „ארץ" מיינט מען די פשוטע פראסטע מענטשן, וואס זענען פארטאן אין ערדישע זאכן. זאלן נאר דאס ערשטע פארנעמען די גרויסע מענטשן, וועלן ממילא די פשוטע מאסן־מענטשן אויך צוהערן, אויב די פשוטע מאסן הערן נישט, איז עס דערפאר ווייל זיי פארקוקן זיך אויף די גרויסע...

(תורת משה)

### די הויפט זאך אמונה

אין פיוט זאגן מיר „סתרו יושר, עצתו אמונה, פעולתו אמת", וואס פאר א פארבינדונג האבן די ווערטער?

זאגט הצדיק ר׳ אורי סטרעליסקער זצ״ל: וואס השי״ת טהוט איז דער מיט יושר נאר עס איז בסתר. און נישט אלעס איז אפן פאר אונז. וואס זשע איז די עצה, צו שטארקן אין אמונה, און גלויבן אז אלע פעולות פון השי״ת איז אמת!

# ראש השנה

## אויף וואס זענען מיר מתפלל ראש השנה

ראש השנה ווערט יעדער מענטש גע׳משפט אויף לעבן און פרנסה, און אַלץ וואָס עס זאל איהם געשעהן אין דאס אנקומענדיגע יאָהר, פון פריידן און ליידן, דאך איז דער עיקר פון אונזערע תפלות און די טעג פון דין, און ראש השנה און יום הכיפורים, נישט אויף לעבן און פרנסה נאר עס זאל געמעהרט ווערן כבוד שמים, עס זאל פאר אלע ברואים נתגלה ווערן דער כבוד פון הקב״ה׳ס קעניגרייך אויף דער וועלט, און אַלע זאָלן דערקענען און מודה זיין אַז הקב״ה האט די וועלט באַשאַפן און ער פיהרט איהר.

אַזוי האבן אונז מתקן געווען די אנשי כנסת הגדולה. און דער טעם דערפון האבן חכמים מסביר געווען מיט א משל, א מלך איז געוואָרן אין כעס אויף זיין זון, ווייל ער האט געזינדיגט געגן איהם, האט ער איהם פארטריבן פון שטאָט אין א ווייטן אינזל, און ער האט דאָרט געלעבט אין אָרעמקייט און נויט.

אז עס איז אַריבער א געוויסע צייט האט דער קיסר געשיקט זיינעם א שר צו זיין זון ער זאָל איהם פרעגן וואס עס פעלט ווען ער איהם געבן. אז דער בן־מלך האט דערהערט אז זיין פאָטער איז ווילִיג איהם נאָכצוגעבן זיין געבעט, האט ער געטראַכט: פאַרוואָס זאל איך בעטן אז מיין פאָטער זאָל מיר גרינגער מאַכן מיין לײדן — איך וועל בעסער בעטן ער זאָל אפטהון פון מיר די סיבה וואס האט גורם געווען צו מיין שווערע לאַגע, און ער האט געזאגט: איך פארלאנג אז דער פאטער זאל מיר צוריק ברענגען אין זיין קעניגליכן פּאַלאַץ און ערלויבן מיר צו דינען איהם ווי אין דער צייט איידער איך האב געזינדיגט געגן איהם.

אַזוי איז די זאַך מיט אונז, ווען מיר שטייען אין תפלה אין די ימים־נוראים פאר הקב״ה, דאַרפן מיר פאַרשטיין אז די סבה פון אַלע שלעכטע מעשים און שלעכטע טרעפונגען איז דאס וואס די שכינה איז דערווייטערט געוואָרן פון אונז. צולים די זינד פון די מענטשן, און דער כבוד פון הקב״ה׳ס מלכות אויף דער וועלט איז נישט אנזועהעוודיג, דעריבער בעטן מיר עס זאל נתגלה ווערן דער כבוד פון זיין מלכות און אַלע זאָלן וויסן און פילן אז ער איז דייער באשעפער, און אלע זאלן מורא האבן פאר איהם, און דאן וועלן אלע מענטשן מאַכן איין בונד צו טהון זיין ווילן מיט׳ן גאנצן האַרצן. ווען דאס וועט געשעהן וועט די „ממשלת־זדון“, דאס הייסט, דעם יצר־הרע׳ס ממשלה מער נישט קיין מאכט האבן צו פאַרפירן די מענטשן אויף שלעכטע וועגן.

דער אלטער וויכוח, צווישן השי״ת און כנסת ישראל. השי״ת זאגט „שובו אלי ואשובה אליכם״, זאלן פריער די אידן תשובה טהון און זיך אומקערן צו מיר דאן וועל איך זיך אומקערן צו זיי.

און כנסת-ישראל טענה׳ט „השיבנו ה׳ אליך ונשובה״, א ג-ט! קער זיך אום צו אונז, און מיר וועלן זיך אומקערן צו דיר!

אין אנדערן זייט איז טאקע אום ראש השנה א געלעגנהייט זיך מחזק זיין פון דאסניי מיט א באנייטע שטרעבונג זיך אונטערצושטעלן צום יאך פון תורה ומצוות. אין די זעלבע צייט וואס מיר באקרעכצן דאס פארגאנגענע יאהר מיט „תכ־לה שנה וקללותיה״, לאמיר שוין אויך פטור ווערן פון די גייסטיגע בלאטע וואס איז צוגעקלעפט צו אונז, און וואס איז אבסאלוט אין אונזער האנד. ראש השנה איז די בעסטע צייט זיך אפצומאכן א קביעת עתים לתורה און זיך באשטימען א גמרא אנצוהייבן גלייך נאך ראש-השנה און ציהען אזוי דורכן גאנצן יאהר. א גרויסער עקשן הויבט אן דווקא אום ראש השנה אליין, כאטש מ׳האט נישט קיין צייט און מ׳איז פארנומען די צוויי טעג.

אבער דאס איז די בעסטע „סימנא מילתא״, אויב מ׳לערנט גמרא ראש השנה וועט עס ווירקן אויפן גאנץ יאהר ער זאל האבן חשק צום לערנען.

עס איז א שאדע צו פארשלאפן אזעלכע הייליגע טעג. עס איז דא א חסי־דישער טייטש „מאן דדמיך בריש שתא דמיך מזליה״ ווער עס פארשלאפט דעם ראש השנה אין תורה ומצוות, איז א גאנץ יאהר פארשלאפן...

על־כל־פנים ווען פון דעם מענטשן׳ס זייט איז דא גרייטקייט צו בעסער ווערן דאס נייע יאהר, קען ער דאך א ודאי האפן און ערווארטן הילף פון הימל. דאן קען ער דאך קומען מיט א טענה: אפילו לויט השי״ת ווענדונג פון „שובו אלי ואשובה אליכם״, אט האב איך אנגעהויבן דאס יאהר מיט א ריינע מחשבה גוט און פרום צו זיין, און „הבא לטהר מסייעין לו״, דער וואס קומט זיך רייניגן — העלפט מען!

ווייל ראש השנה איז נישט דער עיקר צו מ׳האט געהערט דעם גוטן חזן, און דער פיינער ארט אין שוהל, און די שעהנע עליה, א. ד. ג. די הויפט זאך אז דער טאג דארף זיין א פעסטע קבלת עול מלכות שמים מיט א אמת, א אנפאנג פון גוטע מעשים פון היינט און ווייטער.

ווען מיר בעטן ביים דאווענען „מלוך על כל העולם בכבודך״ לאמיר בעטן ער זאל קעניגן אויך אויף מיין הארץ, איך זאל דערשפירן דאס קעניגטום פון השי״ת, איך זאל טאקע ווערן באמת אונטערטעניג צו מלכות שמים. און ער זאל זיך ציהען אויפן גאנץ יאהר. מיר זאלן טאקע האבן א גוט יאהר בגשמיות וברוחניות, א כתיבה וחתימה טובה עלינו ועל כל ישראל אמן!

---

ביי גוטע איינגעארדנטע געשעפטן וואו די בוכהאלטערי „קלאפט״ — ווערט געמאכט דער באלאנס יעדן מאנאט. און די בעלי־בתים האבן שטענדיג א גינויע בילד פון די לאגע אין געשעפט ווי עס האלט צו מ׳איז אונטערשטעליג, ווי גרויס איז דער דעפיציט, וואס איז דא צופארריכטן א.ז.וו.

אבער דער וואס קען זיך נישט ערלויבן א מאנאטליכן באלאנס, מאכט עס יעדן

יאָהר. דאָן האָט ער שוין נישט קיין ברירה, ער מוז עס מאַכן, ער מוז זיך אָפּרייסן צייט און קאָפּ און צוגרייטן דעם יעהרליכן באַלאַנס, אויב נישט — ווער ווייסט וואו מ׳קען ערגעץ־וואו פאַרקריכן!

✶

דאָס זעלבע אין גייסטיגן לעבן. ביי די גרויסע יראי־שמים ווערט געמאַכט א „רעוויזיע״ יעדן נאַכט, איידער מ׳געהט זיך לייגן שלאָפן, ביים קריאת־שמע לייענען. לויטן נוסח אר״י זאָגט מען א גאַנצן ווידוי נאָך די קריאת־שמע. מ׳זאָגט דעם „בידך אפקיד רוחי״ מיט התבוננות און א תשובה געדאַנק. מ׳טראַכט דורך וואָס מ׳האָט געטהון דיזן טאָג, וויפל גוטע שעות זענען געגאַנגען לאיבוד מיט דברים בטלים א.ד.ג.

דאָס איז אזא טאָג־טעגליכער באַלאַנס.

ווידער אנדערע יראי־שמים מאַכן זיך א דין־וחשבון יעדן וואָך פאַר שבת ווי עס שטעהט אין ספרים אז שבת איז א צייט וואָס איז מסוגל אויף תשובה. ווי דער גאון רבי חיים טשערנעוויצער זצ״ל דער „באר מים חיים״, זאָגט אין זיין ספר „סדורו של שבת״ אז שבת און די ראשי תיבות שבת בו תשוב.

אַנדער מאַכן א מאָנאַטליכן באַלאַנס, יעדן ערב ראש חודש מ׳זאָגט „יום כיפור קטן״ און מ׳באַגעגנט דעם ראש־חודש מיט תשובה ווי מ׳זאָגט ביים דאַווענען „ראשי חדשים לעמך נתת זמן כפרה לכל תולדותם״.

דאָס אַלעס איז גערעדט ביי העכערע מענטשן. אָבער ביי אנשים פשוטים שכמונו. וואָס מ׳איז א גאַנץ יאָהר פאַריאָגט אין פרנסה־געלויף, און מ׳האָט נישט קיין קאָפּ זיך מתבונן זיין ווי געהעריג לפחות יעדן ערב ראש־חודש און בפרט יעדן וואָך, און ווער רעדט נאָך פון יעדן נאַכט — אָט פאַר אַזעלכע דאַרף טאַקע דער ראש השנה ערוועקן א ציטער, מ׳זאָל זיך באַרעכנען אז מ׳קען שוין נישט אָפּשטופּן מער דעם באַלאַנס פון לעבן דאָס פאַרגאַנגענעם יאָהר.

מ׳מוז אַריבער פירן פאַר די אויגן אַלע פאַסירונגען און געשעהענישן אין פריוואַטן לעבן און זיך גוט פאַרטיפן צו זענען זיי לויט די תורה, ווי ווייט איז מען פאַרקראָכן פון מקור.

א גאַנצן חודש אלול האָט מען געוועקט וועגן דעם, א גאַנצע וואָך האָבן אונז די סליחות דערמאָנט און געמאָנט: שוין צייט תשובה צו טהון, עד מתי ביז ווי לאַנג וועט מען וואַרטן, עורו עורו מתרדמתכם!

# ווערטער און געדאַנקען צו ראש השנה

פאַר די תקיעות פלעגט ר׳ משה קאברינער זיך אוועקשטעלן ביים שלחן און אויסשרייען צום עולם: הייליגע אידן טייערע ברידער! זאָל זיך קיינער פון אייך, אין דער איצטיקער הייליקער שעה, נישט פאַרלאָזן אויף מיר. זאָל איטליכער טאָן פאַר זיך, זאָל איטליכער פון אייך זיך אליין אין זינען האָבן... למנצח מזמור!

*

יעדער זאַך — פלעגט זאָגן ר׳ יצחק וואָרקער — האָט זיך איר סעזאָן. די זעלבע זאַך, אויב מען וויל זי קויפן נישט אין סעזאָן־צייט קומט עס אָן שווער. דער קונה איז

ועמאלט איבערקלייבעריש, ער האלט דאס שטיקל סחורה אין האנט און קוויינקלט זיך יא קויפן אדער נישט און וויפיל מען זאל אים נישט בעטן דינגט ער זיך, אנדערש איז אבער ווען עס קומט דער סעזאן, בשעת'ן ברען איז דער קונה נישט שטארק מקפיד, אלץ איז דעמאלט אין גאנג, אלץ ווערט אויספארקויפט.

ראש השנה איז דער סעזאן פון תשובה און מען איז דעמאלט נישט שטארק מקפיד אויף דער קוואליטעט — „אם ישוב מיד תקבלו" — יעדע תשובה ווערט אנגענומען, אין סעזאן־צייט איז אלץ סחורה...

אויב דו געדיינקסט אונז הארציקער טאטע — פלעגט טענה'נען ר' מענדעלי רומינאווער — און דו האלסט ער פאר א זכות, וואס מיר זיינען נאכגעגאנגען נאך דיר דעמאלט אין מדבר — „זכרתי לך חסד נעוריך... לכתך אחרי במדבר" על אחת כמה וכמה דארפסטו געדיינקן אונזער נאכגיין נאך דיר אין דעם היינטיקן מדבר, ווו מיר זיינען ארומגערינגלט פון ווילדע חיות פון די געפערליכסטע נחשים ועקרבים און עס איז אונז פיל ערגער ווי אין דאמאלסדיקן מדבר, ווו עס איז געפאלן פאר אונז מן פון הימל און מיר זיינען כאטש געווען פטור פון דער ביטערער דאגת פרנסה...

ר' חיים יוסף דוד אזולאי פלעגט טייטשן דעם פסוק: „אם יום או יומים יעמוד לא יקום כי כספו הוא" (משפטים י"א), אז דאס גייט ארויף אויף די ספעציעלע ימים־נוראים'דיקע שוהל־אידן. „אם יום או יומים יעמוד" — אזא מין איד, וועמען מען טרעפט אין שוהל בלויז אין דעם טאג יום־כפור, אדער אויך די צוויי טעג ראש־השנה — „לא יוקם", ביי אזעלכן ווערט די אידישקייט לאנג קיין קיום נישט האבן — „כי כספו הוא", ו"יל אזא שטייגער איד קומט אין שוהל אריין מתפלל צו זיין דער עיקר אויף געלט, מער גייט אים נישט אן...

כי הם בשר ודם, אתה יודע, דו רבונו של עולם ווייסט דאך, אז צווישן דעם יצר הרע און דעם בשר ודם איז פאראן א גרויסער אונטערשייד. דער יצר הרע האט נישט קיין ווייב און קינדער; ער האט נישט קיין דאגת־פרנסה, און דער עיקר דער יצר הרע האט נישט קיין יצר הרע, וואס זאל אים אנרעדן נישט צו פאלגן איז אים דעריבער לייכט אויסצופירן דיין באפעל, וואס דו האסט אויף אים ארויפגעלעגט אנצורייד'ן דעם מענטש צו זינדיקן. אנדערש איז אבער מיטן בשר ודם, וועלכער האט א ווייב מיט קינדער, וואס דארפן עסן און פאר וועלכע ער נאך א יצר הרע, א פגע רע, וואס לאזט אים נישט אפ אויף טריט אין שריט. טא וואס איז דער וואונדער, וואס נישט שטענדיק איז ער אומשטאנד דאס אלץ בייצוקומען?.... (אמרי טוב)

# די צען טעמים פון תקיעת שופר

## לויט רבינו סעדי' גאון

די ערשטע זאך: אין דעם טאג פון ראש־השנה איז די באשאפונג פון דער וועלט פארענדיקט געווארן, ווען עס איז באַשאַפן געווארן אדם־הראשון, און ער האט אנדערקענט דעם באַשעפער אלס דעם „מלך העולם" — דער קעניג פון דער וועלט. ווען א מלך גייט ארויף אויפן טראן, בלאַזט מען טרומפעטן און שופרות, אויסדרופנדיק דעם אַנהויב פון זיין קעניגרייך. אין דעם טאַג פון ראש־השנה נעמען מיר אויף זיך די ג־טלעכע מלוכה (עול מלכות שמים) און מאכן דעם באַשעפער אַלס אונזער קעניג. אַזוי האט אויך געזאגט דוד המלך: בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך (תהלים צח, ו).

די צווייטע זאך: ראש־השנה איז דער ערשטער טאג פון די עשרת־ימי־תשובה, און דער שופר זאגט אונז אן וועגן דעם אנהויב פון די טעג פון תשובה, אלס א ווארענונג: דער וואס וויל תשובה טאן — איז איצט די צייט! אויב ער טוט עס ניט, טראגט ער אליין די פאראנטווארטלעכקייט. אזוי טוען אויך די מלכים: זיי ווארנען בעפאר.

די דריטע זאך: דער שופר דערמאנט אונז מעמד־הר־סיני, ווען דער אויבערשטער האט אונז געגעבן די תורה (וקול שופר חזק מאד — שמות יט, טז), כדי אז מיר זאלן ווידער אמאל נעמען אויף זיך די תורה און מצוות מיט „נעשה ונשמע", ווי אונזערע אבות האבן געטאן.

די פירטע זאך: צו דערמאנען אונז די רייד פון אונזערע נביאים, וועלכע זיינען געגליכן צו תקיעת־שופר (יחזקאל לג, ד־ה).

די פינפטע זאך: צו דערמאנען אונז דעם חורבן פון בית־המקדש און דאס שאלן פון די שופרות פון דעם שונא (ירמיהו ד, יט), כדי אז צוהערנדיק זיך צום שופר ראש־השנה וועלן מיר בעטן דעם אויבערשטן ווידער אויפצובויען דעם בית־המקדש.

די זעקסטע זאך: צו דערמאנען אונז די עקידה פון יצחק, ווען ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר ג־ט. דאס גלייכן דארפן מיר שטענדיק זיין גרייט צו מוסר נפש זיין זיך אויף קידוש־השם. און דער אויבערשטער וועט אונז דערמאנען צום גוטן.

די זיבעטע זאך: דערהערנדיק דעם שופר, ווערט אונזער הארץ אנגעפילט מיט פחד פאר ג־ט און דאס הארץ ווערט צעבראכן און אויפגעציטערט מיט א געפיל פון תשובה, ווארום עס איז אין דער נאטור פונם שופר צו מאכן ציטערן, ווי עס שטייט אין פסוק „אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו" (עמוס ג: ו).

די אכטע זאך: צו דערמאנען אונז וועגן דעם גרויסן יום־הדין און מאכן אונז ציטערן פאר אים, ווי עס שטייט אין פסוק „קרוב יום הגדול קרוב ומהר מאד יום שופר ותרועה" (צפני' א: יד, טז).

די ניינטע זאך: צו דערמאנען דעם קיבוץ־גליות וואס וועט פארקומען ווען משיח צדקנו וועט קומען, און מיר זאלן אויף דעם תפלה טאן, ווי עס שטייט אין פסוק: „והי' ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ מצרים" (ישעי' כז: יג).

די צענטע זאך: צו דערמאנען אונז וועגן תחית־המתים און צו שטארקן אונזער גלויבן אין דעם, ווי עס שטייט אין פסוק: „כל יושבי תבל ושוכני ארץ כנשא נס הרים תראו וכתקוע שופר תשמעו" (ישעי' יח: ג).

## וואס הייסט א בעל תקיעה

דער זשיקעווער רבי זצ"ל פלעגט זאגן: א „בעל תקיעה" איז די טייטש אז מ'איז א בעל־הבית אויף די תקיעה, צו בלאזן פון שופר, נישט בלאזן פון זיך...

## מקוה פאַר תקיעת שופר

**אין** ספר שיחת חולין (החדש) ווערט געברענגט אַז אין דער שטאָט פרעשבורג איז געווען אַ בעל תוקע וואָס האָט שוין לאַנגע יאָרען געבלאָזען דאָרט און דער הייליגער חתם סופר זצוק"ל האָט אים ניט געלאָזט בלאָזען, איז ער געקומען מיט אַ טענה אַז ער האָט שוין אַ חזקה אויף בלאָזען שופר. דער חתם סופר האָט ביי אים געפרעגט צי גייט ער אין מקוה פאַר בלאָזען שופר, ווייל דאָרט איז געווען אַ מנהג אַז דער בעל תוקע פלעגט גיין אין מקוה פאַר בלאָזען שופר, האָט דער בעל תוקע געענטפערט, ער איז ניט געווען ווייל די מקוה איז קאַלט, האָט אויף דעם דער חתם סופר געזאָגט, אַז עס איז קאַלט בלאָזט מען ניט.

(בס' זכרון למשה)

## אַ בעל תפילה דאַרף דאַווענען פאַר'ן באַשעפער

**דער** הייליגער באַרדיטשעווער זי"ע האָט אַמאָל געהערט אַ בעל תפילה אַז ער איז הייזעריג, האָט ער איהם געפרעגט פאַרוואָס ער איז הייזעריג. האָט ער געזאָגט ווייל ער האָט געדאַווענט פאַר'ן עמוד. האָט איהם דער באַרדיטשעווער געזאָגט אַז מען דאַווענט פאַר'ן עמוד ווערט מען טאַקע הייזעריג, אָבער אַז מען דאַווענט פאַר'ן לעבעדיגען באַשעפער ווערט מען נישט הייזעריג.

## נישט ערליכער חזן

**ביי** הגה"ק מהרי"א אסאד זצוק"ל איז געווען אַ חזן וואָס דער גאון האָט ניט געהאַלטען פון אים, אַמאָל נאָך דעם ווי דער חזן האָט געדאַווענט גשם האָט באַלד אָנגעפאַנגען צו רעגענען, רופט זיך אָן דער חזן צום צדיק, רבי, איר זעט אַז מן השמים האָט מען צוגעהערט צו מיין בקשה פון גשם און ס'האָט באַלד אָנגעפאַנגען רעגענען, איז דאָך דאָס אַ באַוויז אַז איך בין אַ ערלעכער איד. רופט זיך אָן דער צדיק, עס איז מיר נישט קיין חידוש אַז עס רעגענט דורך דיר, דורך אַזעלכע ווי דו קען אפילו קומען אַ מבול.

(תולדות מהרי"א)

## זיך אליין בינדן

**ראש השנה דערמאנט מען עקידת יצחק, ווי יצחק האט זיך געלאזט בינדן די הענט און די פיס צוליבן אויבערשטן.**

**אזוי דארפן מיר נתעורר ווערן אום ראש השנה מ'זאל זיך בינדן די הענט און די פיס אויף די הארץ און אלע חושים און איברים נאר צו השי"ת.**

(מהר"ר הירץ הובא בשלה"ק)

## דער דאוונען זעטיגט

א חסיד האט זיך אמאהל באקלאגט פאר הרב הצדיק רבי מיכל זלוטשובער זצ"ל, אז אין מיטן דאוונען הונגערט איהם. האט איהם דער רבי געענטפערט: דאס איז א סימן אז דו דאוונסט נישט אזוי וויא געהעריג. ווען א איד דאוונט מיט כוונה און התלהבות, פארגעסט ער פון עסן און טרינקן. עס איז מרומז אין תהילים — זאגט ווייטער דער מיכל זלוטשובער — „אם ארעב לא אומר לך", אויב עס הונגערט זיך, איז א סימן אז „לא אומר לך" אז עס זאגט זיך נישט און עס דאוונט זיך נישט.

(אור צדיקים)

## אלע וועלן קרוינען השי"ת

„ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' אלוקי ישראל מלך" טייטשט ר' משה קאברינער זצ"ל: אלע וועלן לויבן ג-ט ברוך הוא. אפילו די שוואכערע וואס 'אשר נשמה באפו' זייער רוחניות זייער נשמה הענגט אויפן שפיץ נאז — וועלן אויך לויבן דיין הייליגן נאמען, און וועלן זאגן ה' אלוקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה!

## כי זוכר כל הנשכחות אתה...

דיין דרך איז רבונו של עולם, צו געדיינקן נור דאס, וואס דער מענטש פארגעסט. און דאס איז סיי ביי מצוות און סיי ביי עבירות. ווען ער מאכט קיין ווען נישט פון דער מצוה וואס ער האט געטהון און ער פארגעסט איר, וויל ער האלט זיך נישט גרויס מיט איר — דאן געדיינקט זי השי"ת... אויב אבער דער מענטש פארגעסט נישט די מצוה, וואס עס האט געטאן. ער האלט זיך מיט איר אין איין ארומטראגען און ער איז שטאלץ אויף איר און צופרידן מיט זיך — אזא מצוה. א מצוה וואס איז איינגעוויקלט מיט גאוה, וויל השי"ת נישט געדיינקן...

און דאס זעלבע איז פארקערט מיט עבירות בשעת א מענטש טוט אן עבירה און ער פארגעסט זי, וויל זי ארט אים נישט און זי פארשאפט אים נישט קיין צער און קיין חרטה — דאן געדיינקט זי השי"ת... אויב אבער דער מענטש פארגעסט נישט די באגאנגענע עבירה. די זינד שטייט אים שטענדיק פאר די אויגען און ער האט צער איבער איר — אזא עבירה ווערט אוועקגערוקט אן א זייט. השי"ת וויל זי מער נישט געדיינקן...

ווייל „כי זוכר כל הנשכחות אתה", גדיינקן ווילסטו נור דאס, וואס דער מענטש פארגעסט...

(רבי משה ליב סאסאווער)

פון הרב הגדול כמהר"ר אברהם סכנדרי, וואס ער האט געהערט פון מפי סופרים איש מפי איש פון רמב"ם, אז א גרויסער מענטש האט ניט געוואלט זאגן יום כיפור קיין וידוי, ווייל ער האט געוואוסט ביי זיך אז ער האט ניט געטאן קיין עבירה, און האט ניט געוואלט זאגן קיין ליגן פארן בורא עולם, וואס זיין

הזתם איז אמת.

האט דער רמב"ם אים געענטפערט: װען דו װאלסט גע־װאוסט די פאראנטװארטלעכקײט און די גרויסקײט פון עבודת ה׳ און װי פארזיכטיק מען דארף באאבאכטן יעדע זאך מיט גרויס פאר־זיכטיקײט באמת פארן בורא עולם, דאן װאלסטו געװאוסט אז קײן אײן טאג האסטו ניט יוצא געװען װײל עס פארלאנגט זיך באמת פארן הייליקן באשעפער, און לויט די מעגלעכקײט און גרויסקײט מאנט מען פון יעדן אײנעם.

(לב דוד פי"ב, מהגה"ק ההיד"א זצוק"ל)

## שבת־ראש־השנה

**ראש־השנה װאס פאלט אום שבת בלאזט מען נישט קײן שופר אין די מדינה נאר אין בית המקדש. װי די חז"ל זאגן „במקדש היו תוקעין ולא במדינה".**

**דער ענין פון תקיעת שופר איז שײך אין מחשבה, דיבור, מעשה. טראכטן דעם געדאנק דערפון, דעם מוסר, דעם „עורו ישנים משינתכם" דאס איז די מחשבה; רעדן דערפון, לערנען די דינים און מאמרי חז"ל דאס איז דער דיבור; בלאזן שופר איז די מעשה. שבת איז נישטא די מעשה, בלײבן נאר די אנדערע טײלן מחשבה און דיבור װאס געהערן צום מוח צום קאפ. „מדינה" דאס איז די גאנצע לאנד און איז מרמז צום גאנצן קערפער, צו די מעשה; „מקדש" דאס איז דער צענטער פון לאנד און איז מרמז צום מוח דער צענטער פון מענטש. אום שבת „במקדש היו תוקעין" מיט די מחשבה און דיבור, „ולא במדינה" נישט למעשה.**

(לויטן בית אברהם)

ראש־השנה צו מוסף זאגט מען צו צען פסוקים „מלכיות", „זכרונות" און ש„ופ־רות". אין די ערשטע רעדט זיך װעגן ג־ט אלס קעניג פון דער װעלט; אין די צװײטע — דערמאנונגען, און אין די לעצטע װעגן תקיעת שופר. דער אויבערשטער האט געזאגט; מאכט מיר פאר אײער קעניג, װעל איך אײך דערמאנען צום גוטן, דורכ׳ן שופר. אין דעם ליגט אן אנדײטונג אויף תשובה; מיר דארפן נעמען אויף זיך קבלת עול מלכות שמים; געדענקען דאס און ניט זינדיקן; און אויב מיר געדענקען דאס נישט קומט דער שופר און װעקט אונז אויף.

*

דאריבער — פלעגט זאגן ר׳ דוד׳ל לעלעװער — לײענט מען ראש־השנה די פרשה פון הגר וישמעאל, כדי צו דערמאנען די װערטער, װאס דער מלאך האט געזאגט צו הגר׳ן: „אלתירא כי שמע אלוקים אל קול הנער באשר הוא שם", אז מען האט אים דן געװען „באשר הוא שם" װי ער איז געװען צו יענער צײט נישט פאר זײנע שפע־טער׳דיקע מעשים (הז"ל) און אויך מיר בעטן דאס זעלבע. מ׳זאל אונז באהאנדלען אזוי װי ער האט דאן באהאנדלט ישמעאל׳ן און אונז דן זײן „באשר הוא שם", לויט אונזער אויפפירונג אין ראש־השנה׳דיקע טעג...

## שבת שובה

„שובה ישראל עד ה׳ אלוקיך" האט איינער געטייטשט: טהו תשובה און ארבעט זיך אויס אז דו זאלסט וויסן אז ה׳, אז דער באשעפער איז טאקע אלוקיך, דיין ג־ט, אז די תורה פארפליכטעט נישט נור יענעם, נאך אויך דיר זעלבסט. „שובה ישראל" טהו תשובה „עד" ביז דו וועסט איינווארצלען ביי דיר טיף אין הארצן אז „ה׳ אלוקיך" יואקע דיין ג־ט!

**א**״ר לוי גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד שנאמר (הושע י״ד) שובה ישראל עד ה׳ אלקיך וגו׳. (יומא פ״ו.)

ר׳ לוי האט געזאגט: תשובה איז אזוי גרויס אז עס דערגרייכט אזש בידן כסא הכבוד, ווי ס׳שטעהט אין פסוק: שובה ישראל עד ד׳ אלקיך וכו׳.

**א**״ר יוחנן גדולה תשובה שמביאה גאולה שנא׳ (ישעי׳ נ״ט) ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב מ״ט ובא לציון גואל משום ולשבי פשע ביעקב (יומא פ״ו.)

ר׳ יוחנן האט געזאגט: תשובה איז אזוי גרויס אז דאס ברייננגט די גאולה, ווי ס׳שטעהט אין פסוק: ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב. ווען ס׳וועט זיין ובא לציון גואל דאן וועט ס׳וועט זיין ולשבי פשע ביעקב.

**א**״ר שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן גדולה תשובה שמארכת ימיו ושנותיו של אדם שנא׳ (יחזקאל י״ח) חיו יחיה (יומא פ״ו.)

ר׳ שמואל דער זוהן פון נחמני האט געזאגט: אין נאמען פון ר׳ יונתן: תשובה איז אזוי גרויס אז דאס פערלענגערט דעם מענטשען׳ס יאהרן, ווי ס׳שטעהט אין פסוק: חיו יחיה.

**ה**אומר אחטא ואשוב אחטא ואשוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה אחטא ויום הכפורים מכפר אין יוה״כ מכפר עבירות שבין אדם למקום יוה״כ מכפר עבירות שבינו לבין חבירו אין יוה״כ מכפר עד שירצה את חבירו (משנה יומא פ״ה).

דער וואס זאגט: איך וועל זינדיגן און נאכדעם תשובה טהון, איך וועל זינדיגן און נאכדעם תשובה טהון (צוויי מאל, דען ווען איינער טהוט א עבירה צוויי מאל ווערט עס ביי איהם מותר), העלפט מען איהם נישט פון הימל תשובה צו טהון.

דער וואס זאגט: איך וועל זינדיגן און יום כפור וועט מיר מכפר זיין, דעם איז יום כפור נישט מכפר.

די עבירות וואס איינער זינדיגט פאר׳ן אויבערשטן, אויף די איז יום כפור מכפר, אבער די עבירות וואס ער זינדיגט צו זיין חבר, אויף די איז יום כפור נישט מכפר ביז ער וועט פון איהם מחילהבעטן.

**ד**ער רבי ר׳ בונם ז״ל האט אמאהל, זייענדיג אין דאנציג, געהערט ווי א בעל־הבית פון א רעסטאראן זאגט צו זיי גוי׳אישן דינער פרייטאג צו נאכט׳ס, אז ער זאל מיט איהם געהן אין קעלער אריין ארויפברענגען וויין צום טיש. האט ער דער אידישער בעל־הבית געטראגן דאס ליכט און דער גוי׳אישער משרת האט געטראגן דעם וויין.

**האט דער רבי ר' בונם ז"ל געזאגט:**

דאס איז דער טייטש „דור עקש ופתלתל" — ער האט דאך געקענט נעמען דעם ווין און דער גוי זאל טראגן דאס ליכט, וואלט ער נישט מחלל שבת געווען און דער ווין וואלט נישט געווארן יין־נסך, מוז ער טאהן פונקט פערדרעהט, אזוי אז אי ער איז מחלל־שבת און אי דער ווין ווערט גע'אסר'ט — קרום און פערדרעהט.

רבי יהושע בן קרחה האט געזאגט: פערציג טאג (נאך מעמד הר סיני) איז משה רבינו געווען אויפן בארג סיני: ביי טאג האט ער געלערנט תורה שבכתב און ביי נאכט האט ער געלערנט משנה (תורה שבעל פה). נאך די פערציג טעג האט ער גענומען די לוחות און איז צוריקגעגאנגען צו די מחנה און אין דעם 17־טן טאג פון תמוז האט ער צובראכן די לוחות און האט גע'משפט די זינדיגע. ראש חדש אלול האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה רבינו: „קום ארויף צו מיר אויף'ן בארג", האט מען דאן געבלאזן שופר אין דער גאנצער מחנה, אז משה רבינו געהט ארויף אויף'ן בארג סיני, מ'זאל שוין נישט מעהר פארפירט ווערן פון עבודה זרה און דער אויבערשטער האט זיך כביכול דערהויבן דורך דעם שופר וויא עס שטעהט אין פסוק (תהלים מ"ז) עלה אלקים בתרועה ה' בקול שופר.

דערפאר האבן די חכמים ז"ל, מתקן געווען מען זאל בלאזן שופר ראש חודש אלול אלע יאר.

(פרקי דר' אליעזר, פ' מ"ו)

*

רבי יסא האט געזאגט: „דער אויבערשטער זאגט צו די אידן: קינדער מיינע, הייבט נאר אן מיט תשובה, כאטש ווי דער שפיץ פון נאדל, וועל איך פאר אייך עפענען טויערן אזוי ברייט, אז וועגענער וועלן קענען דורך זיי דורכפארן!".

*

יעדער זאך האט זיך איר סעזאן. די זעלבע סחורה אויב מען וויל איר פארקויפן נישט אין סעזאן־צייט קומט עס אן זייער שווער. דער קונה איז דעמאלט זייער איבערקלייבעריש און וויפיל מען זאל פאר איר נישט בעטן וועט ער זיך דינגן. אנדערש איז אבער ווען עס קומט דער סעזאן. בשעת'ן ברען איז דער קונה נישט שטארק מקפיד מעג עס זיין אפילו נישט אזוי גוט אין קוואליטעט. אלץ איז דעמאלט אין גאנג, אלץ ווערט אויספארקויפט.

ראש־השנה איז דער סעזאן פון תשובה און מען איז דעמאלט נישט שטארק מקפיד אויף דער קוואליטעט — „אם ישוב מיד תקבלו", יעדע תשובה ווערט אנגענומען. אין סעזאן־צייט איז אלץ סחורה...

(ר' יצחק ווארקער)

— טאטע האר'ציקער! — האט זיך אמאל ר' יחזקאל קוזמירער אויסגעטענה'ט מיטן רבונו של עולם — אמת אז מיר זיינען גרויסע בעלי חובות, מיר זיינען דיר א סך שולדיק, עס איז אבער דער דרך העולם, בשעת א סוחר זעט, אז זיין קליענט שטייט שלעכט און האלט ביים באנקראט, לאזט ער אים נישט פאלן און ער אונטערשטיצט אים כדי ער זאל זיך ארויסכאפן און צוריק ווערן א לייט און דאן וועט ער אומשטאנד זיין אפצוצאלן

דאס וואס ער קומט אים... בעטן מיר דיר רבונו של עולם: „כתבנו בספר החיים", גיב אונז אויף קרעדיט א פריש ביסל חיים און טאן דארפסטו דאס אויך פאר דיינטוועגן, „למענך" אלקים חיים" — „למענך", כדי מיר זאלן דיר קענען אויף אזא אופן אפצאלן די אלטע חובות.

# תשובה

א גרויסן חסד האט הקב"ה געטהון מיט די מענטשן, וואס ער האט זיי געגעבן די מעגליכקייט צו באפרייען זיך פון דעם גאנץ פון זינד און שטראף וואס זיי האבן פון זייערע שלעכטע מעשים אויסגעוועבט פאר זיך און פארפלאנטערט זיך אין איהם. די מעגליכקייט הייסט: תשובה. האט א מענטש געזינדיגט קען ער תשובה טהון און דער זינד ווערט איהם נישט גערעכנט.

גרויס איז דער חסד פון תשובה, דען דורך א זינד וואס א מענטש טהוט נישט בלויז וואס ער פארדינט זיך א שטראף נאר ער פארדארבט אויך דורכדעם זיין זעלע (נפשם). חכמים האבן געזאגט: אזוי ווי דער קערפער האט קראנקהייטן און ווייטאגן — אזוי זענען פאראן קראנק־הייטן און ווייען פון נפש, דאס זענען די זינד, די שלעכטע מדות און נישט גוטע געדאנקען. דורך טהון א חטא מאכט דער מענטש קראנק זיין נפש, און אז דער זינדיגער טהוט תשובה — פארגיט איהם הקב"ה, נעמט פון איהם אראפ די ערוואַרטעטע שטראף און היילט אויס זיין נפש, עס זאל נישט בלייבן קראנק. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: ה' חנני, רפאה נפשי כי חטאתי לך (תהלים מ"א, ה') — ג־ט באגנעדיג מיר, הייל מיין זעלע, ווייל איך האב צו דיר געזינדיגט. און עס שטייט נאך: ושב ורפא לו (ישעי' ו', י') — און ער וועט זיך אומקערן — וועט ער געהיילט ווערן.

און נישט נאר וואס הקב"ה נעמט אין די תשובה פון מענטשן נאר עס איז זיין רצון מען זאל תשובה טהון און האט אנגעזאגט אויף דעם אין דער הייליגער תורה, און אויך דורך די נביאים האט מען אנגעזאגט אויף דעם. דען הקב"ה וואס איז א טוב ומטיב וויל נישט דער זינדיגער זאל באשטראפט ווערן נאך ער זאל זיך אומקערן פון זיינע שלעכטע וועגן, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: אם אחפוץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה (יחזקאל ל"ג, י"א) — איך וויל דען אז דער רשע זאל שטארבן? נאר ער זאל זיך צוריק קערן פון זיין וועג און ער זאל לעבן.

און הקב"ה פארמאכט נישט די טירן פון תשובה אפילו פאר די וואס האבן פיל געזינדיגט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: „שובו לאשר העמיקו סרה" (ישעי' ל"א, ו') — קערט זיך אום די וואס זענען גאר טיף פארקראכן אין זייער אפקערונג פון מיר.

תשובה איז איינע פון די תרי"ג מצוות. ווען א מענטש טהוט תשובה איז אויסער זיין זינד־פארגעבונג האט ער זיך ערווארבן א מצווה. ווען אבער ער טהוט נישט קיין תשובה — ווערט זיין שטראף פארהארבערט. די חז"ל זאגן אויף דעם א משל: מען האט געכאפט א גרופע מענטשן וואס האבן באגאנגען א פארברעכן גע'גן קיסר, און מען האט די ארייגגעזעצט אין תפיסה, וואו זיי האבן געווארט אויף זייער משפט. האבן דאַי לייט אויסגעבראכן א הייל אונטער דער טרומע און זענען אנטלאפן. מורא האבנדיג פונ'ם משפט, נאר איינער איז געבליבן. ווען דער אויפזעהער פון טורמע איז געקומען און

דאס געזעהן, דעם פארבליבענעם שי־עהן דרייסט האט ער איהם געשלאגן, זאגענדיג: דו האסט דאך געקענט לייכט אנטלויפן — פאר וואס ביסטו געבליבן? דאס באוויזט דאך אז דו האסט נישט קיין מורא פאר׳ן קיסר׳ס משפט און זיין שטראף. אזוי איז אויך דער וואס טהוט נישט קיין תשובה, ער צייגט דערמיט אז ער האט נישט קיין מורא פאר הקב״ה און זיין עונש.

תשובה האט דריי יסודות, און אויב עס פעלט איינער פון זיי איז די תשובה קיין תשובה נישט.

די דריי יסודות זענען: א) חרטה. ב) פעסטער באשלוס אז ער וועט שוין נאכאמאל דאס נישט טהון. ג) ווידוי.

עס זענען דא פיל מדרגות אין תשובה, און די ריינוואשונג פון זינד איז אפהענגיק אין דער שטארקייט פון תשובה, אזוי ווי דאס ריינוואשן א בגד פון א פלעק, וואס מער מען וואשט אלץ ריינער ווערט דער בגד — אזוי אויך דער מענטש וואס האט געזינדיגט, וואס גרעסער און שטארקער זיין תשובה איז אלץ ריינער ווערט זיין זעלע, וואס גרעסער עס איז די חרטה אויפן זינד, וואס גרעסער עס איז זיין צער אויף דעם און וואס מער ער דאגה׳ט אויף זיינע זינד אלץ גרעסער איז זיין אויסלייטערונג פון די זינד און פון די פארדארבונג פון דער זעלע.

## אויף וואס דארף מען תשובה טהון.

תשובה פארגיט אויף אלע עבירות, אפילו ער האט זיין גאנצן לעבן געזינדיגט און צום סוף תשובה געטהון — ווערט איהם נישט דערמאנט קיין זאך פון זיינע חטאים, אזוי ווי דער נביא יחזקאל זאגט: דער רשע וועט נישט געשטרויכלט ווערן אין זיין שלעכטס אין טאג וואס ער קערט זיך אום פון זיין שלעכטע פיהרונג.

זאל א מענטש נישט זאגן אז תשובה דארף מען טהון נאר אויף א זינד וואס ווערט געטהון דורך א מעשה, ווי: גזילה, גניבה און דעסגלייכן, נאר אזוי ווי מען דארף זיך אומקערן פון די חטאים — אזוי דארף מען אונטערזוכן זיינע שלעכטע געדאנקען און אומקערן זיך פון כעס, און פון פיינדשאפט און פון קנאה, נקמה, כבוד, און דעסגלייכן — פון אלץ דארף ער תשובה טהון, און אזוי זאגט דער נביא ישעיה (ס״ה): יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו — זאל דער זינדיגער אפלאזן זיין וועג, און דער מאן פון אומרעכט זיינע געדאנקען, און די זינד זענען נאך שווערער ווי זינד וואס ווערן געטהון דורך א מעשה, דען ווען א מענטש ווערט איינגעזונקען אין זיי איז איהם גאר שווער צו שיידן זיך פון זיי. (רמב״ם הלכות תשובה)

זאל א מענטש נישט טראכטן: איך וועל געוויס זוכה זיין בדין, איך טהון דאך אזויפיל מצוות, איך היט שבת און יום־טוב, איך מאך ברכות אין דאווענען — דאס איז א גרויסער טעות, און נאר א הארצלאזער מענטש קען אזוי טראכטן. זאל ער זיך באטראכטן וויפיל עבירות ער איז עובר יעדן טאג: דברים בטלים, לשון הרע, רכילות, ליצנות, דערמאנונג פון שם־שמים לבטלה (דורך דאווענען א. ער ברכה מאכן אן כוונה), פארשעמען דעם חבר, דורך א ווארט אדער א טהאט, מצער זיין עלטערן און עובר זיין אויף כבוד אב ואם, און נאך און נאך פיל עבירות וואס איז גאר אוממעגליך אויסצורעכענען און מען טהוט עס אפ גאר נישט פילנדיג און מען איז עובר אויף דעם אונצעהליגע מאל. אבער אין הימל ווערט אלץ פארשריבן און אלץ ווערט געבראכט אין חשבון. דעריבער דארף מען זיך שטארקן און תשובה טהון, כדי צו זוכה זיין בדין. (לויט חיי אדם)

# דער הייליגער טאג

דער הייליגסטער טאָג אין יאהר יום כיפור א פאַרכטיגער טאָג, דער העכסטער און לעצטער פון די ימים נוראים.

אבער איין זאך ווערט כמעט פארגעסן אז ער איז אויך דער גליקלאכס־טער טאָג אין יאהר!

שטעלט אייך פאָר: ווען איינער געהט אריין אין א שפיטאַל אָפּאַרירט צו ווערן כדי צו געהיילט ווערן, וויפיל צוגרייטונגען ווערן געמאכט, וויפיל אונטערזוכונגען ווערן דורכגעפירט, וויפיל שפרעצונגען און פארשידענע באהאנד־לונגען באקומט דער פאַציענט ביז די אָפּעראַציע. און וואס עס דערנענטערט זיך דעם אפראציע־טאג ווערט דער מענטש ערנסטער און ציטעריגער און זיין מויל שעפּטשעט א תפילה: השי״ת זאָל זיך מרחם זיין און די אפּאראציע זאל מצליח זיין. עס זאל זיין אין א גוטע שעה, עס זאל געלונגען דעם דאָקטער און ער זאָל ארויסגעהן געזונד און פריש אָהן קיינע קאמפליקאציעס!

וואס איז אזוינס דאס ציטערן? — ווייל מ׳ווערט איבערגעגעבן אין האַנד פון א בשר־ודם, א מענטש וואס קען א טעות האבן און פארגעסט, און האט פארשידענע חולשות. וואָלט אבער דער מענטש פארזיכערט געווען פון הימל אז פון די כירורגישע באהאנדלונג וועט ער געהיילט ווערן — וואלט ער זיכער מוהטיג געוועהן און געגאנגען צום אפּאראציע־זאל מיט א טענצל!

וואס איז אייגנטלאך יום כיפור? השי״ת האט געזאגט אז מ׳גיט די קראנקע מענשן, די רוחניות־קראנקע, א געלעגנהייט זיך גענצליך צו היילן. ווי אזוי היילט מען זיך? — גיט מען צייט דערצו א חודש פריער. דער מענטש זאל זיך גרונדליך אונטערזוכן די מעשים פון א גאנץ יאהר, ער זאל זיך דערמאנען מיט וואס פאר א גייסטיג־שעדליכע זאכן האט זיך אנגעגעסן דורכן יאהר, ער זאל זיך גוט מתבונן זיין און דורכפירן זיין גאנצע טאג־טעגליכע הנהגה און באטראכטן אויב עס איז געוועהן באלויכטן מיט די תורה־דיגע שיין.

און נאכער קומען די סליחות־טעג, ווען מ׳דערנענטערט זיך צום יום־הקדוש; און ראש־השנה איז מען מקבל אויף זיך מלכות שמים, און ווידער איז עשרת ימי תשובה, ווידער תשובה און רחמים, אלעס ציהלט צו „יענעם טאג״. אבער השי״ת פארזיכערט דאך אז „כי ביום הזה יכפר עליכם״ ער זאגט אונז צו אז דעם טאג וועט ער מוחל זיין די עבירות! איז דען דא א גליק־לאכערע זאך פון דעם?!

אז „עיצומו של יום מכפר״ דער טאג אליין איז מכפר, מ׳דארף נאר גלויבן אין דעם און תשובה טהון, וועט מען מוחל זיין די זינד — עס איז דאך א וואונדערבארע געלעגנהייט!

מיר דארפן זיך שפירן גליקלאך אין אזא הייליגן טאג — מ׳דארף נאר וויסן צו פירן זיך מיט שכל, אין אזא געלעגנהייט אייגמאהל אין יאהר!

„כי ביום הזה יכפר״ דעם טאג איז מען מוחל, ווערט געטייטשט, א־בער עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם, עס ווענדעט זיך אין אייך!

## א נפש זאל זינדיגן?

דער פסוק זאגט: ונפש כי תחטא „א נפש אז ס׳וועט זינדיגן״. משל

**צו צווי מענשן וואס האבן געזינדיגט טאר'ן קעניג, בידע דאס זעלבע זינד. איינער א דארפ'ס איינוואוינער און איינער א שטאט איינוואוינער. וועמען באשטראפט דער מלך? — נישט דעם ערשטן, וועלכער איז נישט קלאר די געזעצן נור דעם צווייטן וועלכער וואוינט אין שטאט און ווייסט די מלוכה געזעצן. אזוי אויך, דער גוף איז פון א שטיק ערד, איז קיין וואונדער אז ער זינדיגט. אבער דער נפש איז דאך א חלק אלקי פון אויבן, אויף דעם וואונדערט זיך דער פסוק: „א נפש זאל זינדיגן"?** (מדרש תנחומא ויקרא)

יעדעס יאהר, ערב־יום־כפור, פאר „כל־נדרי", פלעגט דער **בעלזער צדיק,** רבי שלום, זיך אוועקשטעלן אין בית־מדרש אויף דער בימה און אויסשרייען בקול רם: „שלשה דברים צריך אדם לאמר ערב־שבת עם חשיכה — עשרתם, ערבתם, הדליקו את־הנר!"... „ערב־שבת עם חשכה" — דאס מיינט מען ערב יום־כפור פארנאכט, דאמאלס איז שוין דער לעצטער זמן, די לעצטע מינוט, און יעדער איד דארף דעריבער דערציטערט ווערן און זיך דעריבער דערמאהנען אט די דריי זאכן: „עשרתם!" — עס זענען שוין אוועק די **עשרת ימי־תשובה.** „ערבתם!" — עס איז שוין פאראיבער דער ערב יום־כפור. **„הדליקו את הנר!"** — עס ברענען שוין די יום־כפור־ליכט.. אויף ווען־זשע **ווארטן מיר מיט אונזער** תשובה־טהאן? אויף וואס־זשע ווארטן מיר?.. ווערה, ווערה! **אם לא עכשיו — אימתי?..**

רבי ישראל סאלאנטער האט אמאל **פערשפעטיגט צו** „כל־נדרי". דער **עולם** ווארט און ווארט, עס ווערט שוין שפעט, און רבי ישראל איז נישטא. שיקט **מען** דעם שמש צו איהם אהיים — קיינער איז נישטא, אלע זענען אוועק צו „כל־נדרי". ווערט שוין דער עולם אונרוהיג: טאמער האט, חלילה, עפעס פאסירט! **לאזט** מען זיך ארויס זוכן, מען געהט פון גאס צו גאס — מען זעהט נישט **רבי ישראל'ן** פלוצים, פארבייגעהנדיג פאר אנ'ארימער שטוב, נישט ווייט פון בית־המדרש, **מען** טהוט א קוק אריין דורכ'ן פענסטער און מען ווערט נבהל ונשתומם: **רבי ישראל** שטעהט איינגעבויגן ביי א וויגל און וויגט א קינד... לויפט מען אריין:

— סטייטש, רבי! מיר זוכן דאך אייך ארום, מען ווארט אויף אייך **מיט** „כל־נדרי"..

—ששש... — זאגט **צו** זיי רבי ישראל. — **איהר וועט אויפוועקן ס'קינד,** ס'איז ערשט נאר־וואס **איינגעשלאפן...** געהענדיג אין שוהל האב איך **געהערט** ווי א קינד וויינט, בין איך אריין אין שטוב — קיינער איז נישטא, **אלע זענען** אוועק אין שוהל.. **ווי־זשע האב איך געקאנט** אוועקגעהן פון **דאנען? ווי קאן** מען זיך עס אוועקשטעלן זאגן „כל־נדרי", **בשעת א** אידיש קינד וויינט?

## על חטא שחטאנו לפניך בודוי פה..

אויף דעם חטא, וואס מיר זענען זיך מתוודה בלויז מיט'ן מויל, און דאס הארץ איז נישטא דערביי. (תורת יצחק)

## על חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע...

**וועלכער חטא ווערט דען בעגאנגען אהן יצר־הרע?! — נאר ס'זענען פאראן** אזעלכע חטאים, ביי וועלכע נישט בלויז דער מענטש, נאר אויך דער יצר־הרע זינדיגט, און דאס איז דאמאלס, **ווען דער** בעל־דבר, אנשטאט צו־צורעדן **דעם** מענטש'ן צו אנ'עבירה, וואס דאס איז דאך זיין אייגענטליכע מיסיע, נעהמט ער

איהם גאר איינרעדן, אז דאס איז א מצוה!.. דאַ באגעהט שוין דער יצר־הרע אליין אויך א זינד, דען זיין אויפגאבע איז דאָך נישט צו זיין א מעקלער ביי מצות... און אט אויף אזעלכע מיני עבירות, „פרומע עבירות״, זענען מיר זיך מתוודה: „על חטא שחטאנו לפניך ביצר־הרע״ — עבירות, וועלכע מיר האבן אנגענומען פאר מצוות; עבירות, ביי וועלכע מיר האבן געזינדיגט צוזאמען און בשותפות מיט'ן יצר־הרע!... (תפארת שלמה)

---

„והסר שטן מלפנינו ומאחרינו״ — פלעגט זאגן רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער — געהט ארויף אויף ערב־יום־כפור און פורים. אין די דאָזיגע ביידע טעג קומט דער שטן מיט א קטרוג אויף אידן: פורים קומט ער מיט א געוואלד, הלמאי די אידן טרינקען און שכור'ן און לאָזן זיך וואוילגעהן, ווייזט מען איהם „מלפנינו״, אויפ'ן פריהערדיגן טאָג, אויף תענית־אסתר, ווען זיי האבן א גאנצן טאָג געפאַסט, מתפלל געווען און געגעבן צדקה; ערב־יום־כפור קומט ער ווידער מיט אן עהנליכע טענה, הלמאי די אידן האַלטן אין איין עסן — דאַן ווייזט מען איהם „מאחרינו״, אויף דעם שווערן, פיינליכן טאָג, וואס עס ערוואַרט זיי צו־מאָרגנס.

## פון ערב־יום־כיפור צו יום־כיפור!

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט אמאָל ערב יום־כפור פאַרנאַכט, בעת דער גאַנצער עולם איז שוין געווען פערזאַמלט אין בית־מדרש צו „כל־נדרי״ גענומען א ליכט און אנגעהויבן זוכן אונטער די בענק.

— וואס זוכט איהר, רבי? — פרעגט מען איהם.

— כ'זוך — ענטפערט רבי לוי־יצחק — א שכור'ן איד און איך קאן איהם בשום־אופן נישט געפינען!...

און תיכף שטעלט ער זיך אוועק און הויבט־אָן, אויף זיין שטייגער, זיך אויס'טענה'ען מיט'ן רבונו־של־עולם:

— זעה, רבונו של עולם, וואס פאר א טייער פאָלק דיינע אידן זענען: דו האָסט זיי געבאָטן צו עסן און צו טרינקען אום ערב־יום־כפור און זיי נאָך צוגעזאָגט, אז „כל האוכל ושותה בתשיעי״, אז ווער עס עסט און טרינקט ערב־יום־כפור, איז עס פונקט וויא ער וואָלט געווען געפאַסט; ווען די אומות־העולם וואָלטן געהאט אזא טאָג — וויפיעל פון זיי וואָלטן איצט געלעגן טויט־שכור, וויפיעל וואָלטן זיך געוואַלגערט אין בלאָטע, וויפיעל וואָלטן געווען צו'ממית'טע צו'הרג'עטע!... גיב אָבער א קוק אויף דיינע אידן: בייטאָג האָבן זיי מקיים געווען דיין מצוה, געגעסן, געטרונקען און געפראוועט יום־טוב'דיגע סעודות — און איצט, נאָך א שטיק צו נאַכט, זענען זיי אלע שוין דאָ אין בית־מדרש, קיינער איז נישט שכור, קיינער שלאָפט נישט, אלע שטייען אויף די פיס, גערייניגטע, געהייליגטע, מוכן־ומזומן מקבל צו זיין אויף זיך אלע עינויים פון יום־הקדוש, זיך מתודה זיין פאר דיר און תשובה צו טהון מיט'ן גאַנצן הארצן! רבונו של עולם, צו פערדינען זיי דען נישט דערמיט אליין, אז דו זאָלסט זיי מוחל זיין אלע זייערע עבירות און זיי אנ'חתמ'ענען לחיים־טובים, מיט א שנת ברכה והצלחה, גאולה וישועה!

דריי זאַכן קען מען זיך לערנען פון אַ קינד

הרה״ק מוה״ר מראפשיטץ זצוק״ל האט געזאגט, אז דריי זאכן האט ער זיך אָפגעלערנט פון אַ קליין קינד. איין זאך איז, עס איז תמיד מיט שמחה. דאס אנדערע איז, אז עס פעלט אים עפעס וויינט עס, אזוי ווי אין פסוק שטייט „בצר לי אקרא ה׳״, אין אן עת צרה טו איך רופן צו השי״ת. דאס דריטע איז, עס גייט נישט ליידיק אפילו אַ רגע.

**על חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא־יודעים.**

פראסטע מענטשן, עמי־הארצות, זינדיגן מעהר, אבער זייער עונש איז א קלענערער, ווייל זיי זינדיגן „בלא־יודעים", זיי ווייסן נישט, אז מען טאר נישט. לומד׳ישע מענטשן, תלמידי־חכמים, זינדיגן ווייניגער, אבער זייער עונש איז א גרעסערער, ווייל זיי זענען דאך „יודעים", זיי ווייסן דאך, אז מען טאר נישט!... אונזער שולד — זענען מיר זיך מתוודה — איז א דאפלטע: האלטען־מיר־זיך זאר לומדים, פאר שיינע אידן, פאר „יודעים", זינדיגן, מיר אבער אזוי פיעל, ווי די „לא־יודעים"!... (רבי משה פאלאק)

**„ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך"**

איינמאל יום־כפור נאך „כל־נדרי" גיט רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער א קלאפ אין טיש, שטילט־איין דעם עולם און רופט אויס:

— רבותי! די חז״ל זאגן אונז, אז „כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם" — ובכן, זאג איך אייך טאקע, ליעבע אידן, בשם אומרו, אז — „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך"!

# אויף וואס איז תשובה מכפר

תשובה איז מכפר אויף אלע עבירות וואס א מענטש זינדיגט צו ג־ט אליין. אבער עבירות וואס א מענטש זינדיגט צו א צווייטן מענטשן איז תשובה נישט מכפר ביז ער איז מפייס זיין חבר וואס צו איהם האט ער געזינדיגט. אויב ער האט ביי זיין חבר עפעס געגנב׳עט אדער אויף א אנדער אופן גענומען פון איהם געלד וואס איז נישט ווי דער דין — קען דער חטא נישט פארגעבן ווערן ביז ער גיט אפ זיין חבר די געלד; אויב ער האט איהם מבזה געווען, געריעט אויף איהם שלעכטס, פארשעמט פאראורזאכט א שאדן אויף א אופן וואס באצאהלן דערפאר דארף ער נישט — מוז ער זיין חבר איבערבעטן, און דאך דארף ער אויך תשובה טהון, ווי ביי אלע אנדערע עבירות וואס ער זינדיגט צו ג־ט, ווייל אז מען זינדיגט צו א מענטשן איז דאס אויך א זינד צו הקב״ה. אויב ער האט געטהון די ביידע זאכן וועט דער חטא איהם פארגעבן ווערן.

א מענטש, וואס זיין חבר האט געגן איהם געזינדיגט און ער איז געקומען איהם איבערבעטן, זאל ער נישט זיין קיין אכזר נישט צו לאזן זיך איבערבעטן, נאר ער זאל גלייך ווערן איבערגעבעטן און מוחל זיין. די חז״ל זאגן אז די גבעונים האבן נישט געוואלט מוחל זיין דאס וואס שאול המלך האט געגן זיי געזינדיגט און זיי האבן געוואלט דוקא אז שאול׳ס קינדער זאלן באשטראפט ווערן, האט דוד המלך גוזר געווען צו ז׳ערווייטערן זיי פון אידישן פאלק, ווייל זיי האבן ארויסגעוויזן אכזריות, און איינער פון די סימנים פון אידן איז רחמנות. און דער וואס האט נישט קיין רחמנות איז נישט ראוי באהעפטן צו ווערן צום אידישן פאלק.

און אויב ער לאזט זיך איבערבעטן און איז מוחל גלייך מיט׳ן גאנצן הארצן איז זיין שכר זייער גרויס. די חז״ל דערציילן א מעשה אז ר׳ אבא איז געזעסן אין טויער פון לוד, האט ער געזעהן ווי פון וועג קומט אן א מענטש זייער א מידער, ער איז אריינגעגאנגען אין א חורבה זיך געלייגט נעבן א צוטריסלטע וואנט און איינגעשלאפן. ר׳ אבא האט זיך צוגעקוקט, זעהט ער ווי א שלאנג קריכט ארויס פון זיין לאך און גייט בייסן דעם שלאפנדן מענטש. אינדעם איז פון א ווינקל ארויס א חיה און האט גע׳הרגעט דעם שלאנג.

אז דער מענטש האט ערוואכט פון שלאף און געזעהן דעם טויטן שלאנג נעבן איהם האט ער זיך דערשראקן און שנעל ארויס פון דער חורבה. ווי ער איז ארויס איז

די אויפגעטרייסלטע וואנט איינגעפאלן אויף דעם פלאץ וו״א דער מענטש איז פריער געלעגן. איז ר׳ אבא צוגעגאנגען צו דעם מענטשן און געזאגט צו איהם: זאג מיר וואס פאר א גוטע מעשים האסטו געטהון? הקב״ה האט דיר געטהון צוויי נסים, און ס׳איז נישט אומזיסט.

האט דער מענטש געענטפערט: ער האט נאך נישט געטראפן אז א מענטש זאל מיר שלעכטס טהון און איך זאל זאך נישט באלד לאזן איבערבעטן און מוחל זיין איהם. און אויב עס האט זיך מיר נישט געמאכט איך זאל גלייך ווערן איבערגעבעטן — בין איך נישט ארויף אויף מיין בעט זיך לעגן שלאפן ביז איך האב איהם מוחל געווען, און נאכמעהר — פון דעם טאג אן האב איך משתדל געווען צו טהון דעם מענטשן, וואס האט מיר שלעכטס געטהון, א טובה. האט ר׳ אבא געזאגט: דער מענטש איז ראוי עס זאל איהם געטהון ווערן א נס אויף א נס.

# באין מליץ יושר מול מגיד פשע

## תשובה העלפט איף אלעס

הרב רבי ישראל פאליצקער זצ״ל פון די תלמידים פון מעזריטשער מגיד זצ״ל, האט געזאגט:

יעדער חטא האט זיין תיקון, דער תיקון איז לויטן ענין פון חטא. למשל איינער האט געזינדיגט „בשוגג״ אומגערן, נישט מיט קיין כוונה צו זינדיגן, די תשובה פון דעם איז צו טהון מצוות, אפילו זיי זענען אהן כוונה זענען זיי אויך א תיקון אויף די עבירה וואס איז אויך געוועהן אהן כוונה.

ווידער ווען איינער זינדיגט „במזיד״ מיט כוונה, איז זיין תיקון ער זאל טהון מצוות מיט כוונה און התלהבות כדי מבטל צו זיין די עבירות וואס ער האט געטהון מיט כוונה.

דאס איז דער גלייכגעוויכט געגען די עבירה, ווי עס רופט זיך „תשובת המשקל״.

ווי איז אבער ווען איינער זינדיגט מיט א בייזע כוונה, מיט א להכעיס, צו דערצערנען ח״ו — געגען אזא אופן זינדיגן איז ח״ו נישטא קיין תשובה, ווייל עס געפינט זיך נישט אזא מצוה וואס זאל זיין אין געגנטייל פון אזא הארבע עבירה.

דאס איז דער פשט — זאגט רבי ישראל פאליצקער — „באין מליץ יושר״ עס איז נישטא ליידער קיין „מליץ יושר״ געגען אזא להכעס׳דיגע עבירה, „מול מגיד פשע״, אזא פשע וואס הייסט מרידה געגען הימעל ח״ו.

דער ווארט ווערט געברייננגט אין „עבודת ישראל״ פון קאזשניצער מגיד זצ״ל ווערלכער שרייבט ווייטער: „ולי נראה״ און מיר געפעלט צו זאגן אז אונזער דערבארימדיגער באשעפער האט צוגעגרייט א תשובה און א תיקון פאר אלעמען אפילו פאר די פושעים מורדים און להכעיס׳ניקעס דער תיקון איז אויך א „תשובת המשקל״ אזוי ווי ער האט געזינדיגט נישט אלס אייגענע הנאה, נאר סתם אזוי להכעיס, זאל ער דינען השי״ת און מבטל זיין דעם גאנצן „איך״, ער זאל נישט אינזינען האבן דעם אייגענעם געברויך און הנאה, אהן שום פניות, נאר מקיים צו זיין דעם רצון ה׳.

•

טייטשט איין ווידער דער סלאנימער רבי ר׳ אברהם זצ״ל: „באין מליץ יושר״, ווען דער מענטש מאכט זיך פאר גארנישט, „באין״ און האט נאר אינזינען השי״ת, איז דאס א „מליץ יושר״ און א „תשובת המשקל״ אפילו „מול מגיד פשע״ געגען דעם מקטרג וואס טענה׳ט אז ער איז א פושע.

דעם מקטרג זאגט: יענער האט געזינדיגט, אבער ווען יענער איז זיך אין גאנצן מבטל פאר השי״ת און האלט זיך באמת פאר גארנישט, איז שוין נישטא מער קיין „יענער״, ער איז דאך בטל געווארן במציאות. אזוי ארום העלפט די תשובה.

די שיין      פון די ליכט      שכב

# דער יום־טוב סוכות

ארויסגעהענדיג פון די פארכטיגע הייליגע טעג — געהען מיר אריין אין דעם פריילאכן יום־טוב סוכות וואס די חז"ל זאגן אויף די שמחה וואס איז פארגעקומען אין בית המקדש אום סוכות „ווער ס'האט נישט געזעהן אזא שמחה, האט קיינמאהל קיין שמחה נגעזעהן".

דא ליגט דער סוד פון „וגילו ברעדה" זיך פרייעהן מיט ציטער. גלאט־אזוי זיך פרייען קען ברייגען צו הוללות. ווען ווייסט מען אז עס איז א שמחה של מצוה, א הייליגע פרייד וואס שטאמט פון א העכערע קוועלע — ווען עס קומט פון פארכט, נאך די ימים נוראים, ראש־השנה, יום־כיפור, קענען מיר זיך ערלויבן שמחה ווייל דאן געהט ער ארויס פון די טיפעניש פון די נשמה, פון אמתע התלהבות, פונם אנערקענונג אז מיר זענען ארויס ריין, זכאי, אין דעם יום הדין.

✶

וואו געהען מיר אריין? — אין אביידל פון קיינעם אונטער צווייגן פון בוימער. זיבן טעג ווערט די שטוב, די שטיינערנע, די מעבלירטע, די אויסגע־פוצטע — א דירת עראי", א „צייטווייליגע"; און די סוכה'לע די האלצערנע, די פרימיטיווע, די פשוטע — א „דירת קבע", א שטוב, און דער איד פוצט עס אויס ווי א פאלאץ!

— כדי דער איד זאל זיך קענען מתבונן זיין אז נישט דער עיקר איז די לוקסעסיעזע שטוב, נישט דאס איז דער תכלית פון לעבן, נישט דאס ברייגט פרייד. ווייל די גרעסטע שמחה פראוועט מען אין די ביידל אין די סוכה'לע. אט צו אזא פארשטאנד קען מען קומען נאר נאך אזעלכע הייליגע טעג ווען מ'שפירט אז נישט דער עיקר זענען די קניני עולם הזה אז עס איז דא עפעס העכערס.

זיבן טעג זיצט מען אין די סוכה, עס איז גענוג צייט זיך מתבונן צו זיין, אריינטרעטנדיג אין דעם נייעם יאהר, ווי אזוי צו האנדלאן מיט זיינע מאטריעלע ווערדן. דער מענטש זאל קומען צום ריכטיגן פארשטאנד צו מאכן פון די מצוה א „קבע" שטענדיגקייט אין לעבן, ער זאל די תורה און מצוות איינווארצלען ווי א פעסטן בוים, און אויף די אנדערע זאכן, די גשמיות'ד־יגע ווערדן, די שטוב־עניגים „ביתו ארעי", זאל ער קוקן ווי צייטווייליג, אז עס לוינט נישט אריינצוטהון אין זיי אלע חושים און כוחות.

די גאנצע קרעפט בעסער ווידמען אין תורה לערנען, דאוונען ווי עס געהער צו זיין, מידות און גמילות חסדים און אלע מעשים טובים.

### כל האזרח בישראל ישבו בסכות

פארוואס בלויז ביי דער מצוה פון סוכה ווענדעט זיך די תורה גראד צו דעם אזרח און נישט ווי ביי פיל אנדערע מצוות ווו עס ווערט אויך דערמאנט דער גר ?

עס איז דערפאר, ווייל אים, דעם אורח דארף מען דער עיקר וואַרענען און דערמאַנען וועגן דירת־ארעי, ווייל גאנץ אפט דוכט זיך אים, דעם איינגעזעסענעם אידישן אורח, וועלכער איז פארזארגט מיט פרנסה און עס פעלט אים קיין זאך נישט, אז ער איז שוין זיכער מיט זיך, אז זיין דירה איז שוין א דירת קבע... (מפרשים)

## פארוואס נישט „מה נשתנה״ ?...

מ׳האט אמאל געפרעגט אן חסידישן גדול פארוואס מען פרעגט נישט „מה נשתנה״ אום סכות אזוי ווי פסח ? אויך דעמאלט זעט דאך דאס קינד פאר זיך אויסטערלישע זאכן. מען פארלאזט די שטוב און מ׳זעצט זיך עסן אין א בידל, אין א סוכה. דארף ער דאך געוויס אנהויבן פרעגן : מה נשתנה ?

— עס איז צוליב דעם, האט געענטפערט דער גדול, ווייל פסח זעט פאר זיך דאס קינד א זעלכעס, וואס איז קעגן דעם אידישן שטייגער : די גאנצע פאמיליע זיצט זיך ביים טיש במנוחה, ווי מלכים און אלץ ווערט געפראוועט מיט א סדר. וואונדערט זיך דער קינד : „מה נשתנה ?״ ווי קומט צו אידן מנוחה און סדר ?... דאגעגן אבער סוכות, ווען ער זעט ווי מען וואנדערט אויס פון שטוב און מען באזעצט זיך אין א סוכה איז עס פאר אים גאנץ פארשטענדליך און נאטירליך, ווייל ער וויים, אז אידן זיינען שטענדיקע נע־ונד־ניקעס, וועלכע זיינען קיינמאל נישט זיכער מיט זייער היים. עס איז אים דאריבער נישט שווער און פרעגט נישט קיינע קשיות...

## אתה הראת לדעת...

א גדול האט אמאל געזאגט : דער גאנצער חודש אלול, דער ראש השנה, תקיעת שופר, עשרת ימי תשובה, יום כפור סוכות, די מצוה פון סוכה און די ארבעה מינים, דער הושענה רבה, זיי אלע זיינען א הקדמה און הכנה צום — „אתה הראת לדעת״ ! —

## אמונה

מען האט דערציילט ר׳ מענדעלי קאצקער וועגן א געוויסן רבין וועלכער זאגט אויף זיך, אז ער זעט שטענדיק אלע ז׳ אושפיזין ביי זיך אין סוכה. האט ר׳ מענדעלי דארויף געענטפערט : איך זע זיי נישט, אבער איך גלויב די חז״ל, אז די אושפיזין קומען צו אונז אין סוכה און מיט אמונה זעט מען מער ווי מיט די אויגן.

## א אתרוג — א הדר

ווען ר׳ אייזיק חריף ז״ל איז געווארן ר״ב אין סלאנים איז דארט געווען א מנהג, אז קיין בעל הבית האט נישט טריער געקויפט קיין אתרוג ביז וואנען ער האט אים געוויזן דעם רב און ער האט געדארפט זאגן צו דער אתרוג איז א הדר.

האט זיך געמאכט, אז אין דאזיקן יאר זיינען נישט געווען קיין שיינע אתרוגים און דער רב האט אויף אלע געוויזענע אתרוגים געזאגט, אז די זיינען נישט קיין שיינע. זיינען די אתרוגים־הענדלער געקומען צו לויפן מיט א געוואלד צום רב, אז ער מאכט זיי אומגליקליך.

— וואס זאל איך אבער טאן — האט ר׳ אייזיק געזאגט — אז קיין ליגן טאר מען נישט זאגן ? נור איך האב פאר אייך אן עצה, איר זאלט יעדן בעל בית מיטגעבן צוויי אתרוגים צו ווייזן ממילא וועל איך אויף איינעם פון זיי זאגן, אז לגבי דעם צווייטן איז ער א „הדר״...

## דער צאנזער טוט אוים זיין סוכה

דער צאנזער רבי זצ״ל איז געווען א גרויסער בעל צדקה. איבער הויפט פלעגט ער געבן פיעל צדקה ערב סוכות. איינמאל האט ער צוטיילט דאס גאנצע געלט, וואס ער

האט נאך געהאט, אז עס איז איהם נישט געבליבן אויף צו קויפן „נוי סוכה״.

— טאטע! — האט אים א זון געפרעגט — וואס וועסטו נעמען פאר „נוי סוכה״, אז דו האסט דאס גאנצע געלט אוועקגעגעבן?

— דאס וואס פיעל ארימעלייט וועלן האבן צו עסן דאס באפוצט מיר מיין סוכה מער ווי די טייערסטע פרוכטן...

•

## אין סוכה דארף מען זיין מיושב

דערפאר איז „המצטער פטור מן הסוכה״, ווייל צו דער מצוה פון סוכה דארף מען האבן אויך דעת — „למען ידעו דורותיכם״ — מען דארף אויך פארשטיין און משיג זיין און ביי א מצטער איז דער דעת נישט מיושב...

(חדושי הרי״ם)

„עבדו את ה׳ בשמחה וגילו ברעדה״ דינט דעם אויבערשטן מיט פרייד, און פריידט זיך מיט ציטער. אט אזוי דארף מען דינען השי״ת מיט ציטער און מיט פרייד. פון איין זייט טאר מען נישט אריינפאלן אין עצבות אין מרה שחורה ח״ו, און פון צווייטן זייט דארף מען שטענדיג שפירן א ציטער פארן באשעפער וואו מ׳געהט און וואו מ׳שטעהט.

דער חודש תשרי דאס איז דער פאקטישער באווייז דערצו. פון ראש־השנה ביז יום כיפור איז די הארץ פיהל מיט מורא־שמים, א ציטער פון יום הדין, און אט קומט דער סוכות, ווען כוואליעס פרייד פארפלייצן די אידישע נשמה. יעדן נאכט א שמחת בית־השואבה וואס הויבט אויף די נשמה פון איהר א גאנץ־יאהריגע טאג־טעגליכע טונקלקייט און פארפראָרנקייט.

פון ראש־השנה ביז יום־כיפור האבן מיר די געלעגנהייט צו באטראכטן דעם שלעכטן זייט פון די עבירות. דאס אומווערדיגקייט פון שלעכטן וועג; סוכות ווידער באטראכטן מיר די שיינקייט, דאס דערהאבנקייט פון די מצוות וואס פארבינדן אונז צו השי״ת וואס ער און זיין תורה און זיין פאלק זענען אייניג. דאס איז א גוטע הקדמה אויפן גאנץ יאהר. עס געהט יעצט א נייע יאהר א ווינטער מיט א זומער. גיט מען א בילד ווי מ׳זאל זיך פירן דאס גאנצן יאהר, אנטלויפן פון א עבירה און לויפן צו א מצוה.

אין ספרים ווערט עס אויסגעדריקט אז ביז יום־כיפור איז יראה און סוכות אין אהבה — ווייזט עס אויך ווי צו דינען השי״ת מיט די גרעסטע ביטערניש געגן פאלשע געדאנקען און עוונות, און גרויס חשק ביים מקיים זיין די תורה און די מצוות.

„שמחו בשמחת תורה" ווען ביסטו בערעכטיגט מיט די תורה זיך צו פרייהען? ווען די תורה פרעהט זיך מיט דיר. (דברי יושר)

### אַ שיין משל פון הגה"ק מהר"י אסאד זצ"ל

**אין** ספר רב שלום פ' שופטים, ברייננגט ער אַ משל פון הגה"ק מהרי"א אסאד, אַמאָל זיינען געווען צוויי אָרעמע שוועסטער, איינע פון זיי האָט חתונה געהאָט מיט אַ גביר און די אַנדערע מיט אַ אָרעמאַן, זיי האָבען געלעבט אין באַזונדערע שטעט. אַמאָל איז די רייכע שוועסטער מיט איר מאַן געקומען צו גאַסט אין דער שטאָט וואו די אָרעמע האָט געלעבט, ווען זיי זיינען אָנגעקומען איז אַראָפגייענדיג פון וואָגען האָט איר דער מאַן אָפגעגעבען גרויס כבוד ווי געהעריג, ווען די צוויי שוועסטערס האָבען זיך געטראָפען פרעגט די רייכע ביי די אָרעמע ווי גייט עס דיר, האָט זי געענטפערט אַז זי איז אַ גרויסע אָרעמע און זי לעבט אין גרויס דחקות און האָט געגעבען אַ קרעכץ, נאָר געלויבט השי"ת פאַר דעם, דערנאָך רופט זי זיך אָפ צו דער רייכער שוועסטער ווי איך זע גייט עס דיר זייער גוט דו האָסט עושר וכבוד, די רייכע שוועסטער האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און געזאָגט צו איר, אָט דאָס וואָס דו זעסט אַז מיין מאַן גיט מיר כבוד, איז דאָס נאָר אין דער פרעמד, אין שטוב איז ער גאָר אַן אַנדערער מענטש, איך האָב פון אים גרויסע בזיונות און אָפט שלאָגט ער מיר אפילו און זי האָט איר דערציילט אירע אַלע צרות, דערנאָך זאָגט ווייטער די רייכע שוועסטער וואויל איז דיר וואָס דו האָסט כבוד פון דיין מאַן און נחת פון קינדער, וואָס האָב איך פון מיינע אַלע רייכע זאַכען אַז דער עיקר פעלט, דער שלום בית איז ניטאָ. דער נמשל איז עס זיינען פאַראַן מענטשען וואָס פרייען זיך מיט דער תורה שמחת תורה, מ'טאַנצט און מ'זינגט, מען קען מיינען אַז זיי זיינען די גרעסטע אויף דער וועלט (אשה ווערט אָנגערופען תורה), אָבער ס'קען זיין אַז בהצנע ווען קיינער זעט ניט איז ער גאָרניט אַזוי צופרידען מיט דער תורה און אדרבה ער טוט גאָר פאַרקערט פון דער תורה.

## די ווינטערדיגע נעכט

מ'זאָגט איבער פון צדיקים אַז זיי האָבן געזאָגט, ווי קען מען ארויסגעהן פון אזעלכן הייליגע טעג ווי ראש השנה, יום כיפור, סוכות, שמחות תורה, ווי קען מען זיך אפרייסן פון זיי און זיך אריינלאזן צוריק אין די וואכעדיגע טעג פונ'ם ווינטער?

נאר מ'בארוהיגט זיך אז מ'נעמט אויפן געדאנק די גרויסע ווינטערדיגע נעכט. ווען מ'קען זיך קונה שלימות זיין אין שקידת התורה וואס די נאכט איז מער מסוגל דערצו!

עס איז פשוט א שארפע אוועק צו לאזן אזעלכע ווינטערדיגע נעכט, און דא ווענדעט זיך אויך אין אנפאנג, ווי אזוי דער אנפאנג פונם ווינטער שטעלט זיך אוועק, אזוי גערט עס שוין דער גאנצער ווינטער.

**דער ים אַלס בײַשפּיל**

כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא. (א׳ ז׳). און אַזוי איז אויך **דער מענטש; וויפיעל עשירות דער מענטש זאָל נישט ערווערבן, וויפיעל ער זאָל נישט פערמאָגן און וויפיעל ער זאָל נישט נאָכגעבן זײַנע תאוות — שטענדיג וועט ער בלײַבן אונבעפרידיגט.** (עוללות אפרים)

**דער חכם און דער נאַר**

וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות. (ב׳ י״ג). **דען דער חכם קען זײַן אַ נאַר, אויב ער וויל; אָבער דער נאַר קען קיין חכם נישט זײַן.** (רבי לייבוש חריף)

**ומותר האדם מן הבהמה אין.**

**די מעלה פון׳ם מענטש איז, וואָס ער קען געוועלטיגן איבער זיך און זאָגן: „אין" — ניין!...** (בינה לעתים)

**ממלך זקן וכסיל**

**אליין איז ער דוקא — דער יצר־הרע — אַ חכם־מחוכם — און „כסיל" הייסט ער בלויז דערפאַר, ווײַל ער האַנדלט מיט נאַראָנים...** (חדושי הרי״ם)

**אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני**

**אויב איך רעד מיר אײַן, אַז איך בין קלוג, איז עס אַ סימן, אַז — „והיא רחוקה ממני"!...** (רבי מנחם־מענדל מקאָצק)

**וואו ליגט די אמת׳ע חכמה**

כי לא יוכל האדם למצוא את המעשה אשר נעשה תחת השמש... (ח׳ י״ז). **אויפ׳ן פסוק „ראמות לאויל חכמות" (משלי כ״ד, ז׳) זאָגט דער מדרש (אין קהלת) דרײַ משלים. איין משל איז: „לככר שהיה בשמי קורה", צו אַ ברויט, וואָס איז געלעגן אויף אַ הויכן באַלקאָן און קיינער האָט נישט געקענט דערלאַנגען אַהין. ביז עס איז געקומען אַ חכם און ער האָט געזאָגט: „אני אקשר סולם בסולם", איך וועל צונויפבינדן אַ לייטער צו אַ לייטער און אַרויפגעהן אַהין און דאָס ברויט אַראָבנעהמען... אַ צווייטער משל איז: „למים יפים שהיו בבור עמוק", צו גוטע, זיסע וואַסער, וועלכע זענען געווען אין טיפען גרוב און מען האָט נישט געקענט צו זיי דערגרייכן, ביז עס איז געקומען אַ חכם און האָט געזאָגט: „אני אקשר חבל בחבל", איך וועל צונויפבינדן אַ שטריק מיט אַ שטריק און אַראָבלאָזן אַן עמער און שעפּן דאָס וואַסער... אַ דריטער משל איז: „למלך ששכר פועלים לשאוב מים בחביות מנוקבות", צו אַ מלך, וועלכער האָט געדונגען אַרבייטער, זיי זאָלן שעפּן וואַסער אין לעכערדיגע עמערס. האָבן די אַרבייטער געזאָגט צו איהם: ווי־אַזוי, מלך, קענען מיר עס טוהן און צו־וואָס נוצט עס דען?... ביז עס איז געקומען אַ חכם און האָט געזאָגט: „מאי איכפת לי, שכרי אני נוטל" — וואָס אינטערעסירט דאָס מיך? אַבי איך באַקום מײַן שכר!...**

דער אונטערשייד צווישן די דאָזיגע דרײַ חכמים — האָט דערויף בעמערקט רבי מענדעלע קאָצקער — איז אַזוי. דער ערשטער חכם האָט געזאָגט: אויב דאָס ברויט ליעגט אויף אַ הויכן באַלקאָן, האָט דאָך דאָס עמיצער פריהער געמוזט אַהין אַרויפלייגן; הייסט דאָך עס, אַז עס איז פאַרהאַן אַ וועג צוצוקומען אַהין — נו, וועל איך זיך בעמיהען דעם וועג צו געפינען.

דער צווייטער חכם איז געגאַנגען נאָך ווייטער און האָט זיך אונטערגענומען צו געפינען אַ וועג אויך צום וואַסער אין טיפען גרוב, צו וועלכען עס איז נאָך קיינער פריהער נישט צוגעקומען און קיינער פאַר איהם האָט דעם וועג נישט געוואוסט.

אָמווייטסטן אָבער פון זיי ביידע איז געגאַנגען דער דריטער חכם, וועלכער האָט זאָגאַר מסכים געווען צו שעפּן וואַסער אין געלעכערטע עמערס; ווארום נישט דאָס, וואָס מיר קליינע מענטשלאַך מיינען, אַז עס איז אַ „וועג" — איז באמת אַ וועג, און נישט דאָס, וואָס מיר האַלטן פאַר אַ „תכלית" — איז באמת אַ תכלית!

אָט דער דריטער חכם איז געווען דער קליגסטער פון אַלע!

### משה רבינו'ס ענוות

וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלהים את בני ישראל לפני מותו. **אין דער גאנצע תורה שטעהט נישט אויף משה רבינו „איש האלהים" נאר דא?**

ווייל באמת דארף מען דאך וויסן אויף שפעטערע דורות, ווער דער משה רבינו איז געוועזן, וואס ער איז געוועזן דער וואס דורך איהם איז אידן געגעבן געווארן די תורה. נאר ביז יעצט האט משה רבינו דער „עניו מאד" נישט געוואלט אויף זיך ארויסשרייבען. יעצט אבער — לפני מותו" — האט ער שוין געמוזט. אם לא עכשיו — אימתי?

(בשם אדמו"ר מגור)

### וואס הייסט אן אמת'ער עניו

**אמאל** האט געפרעגט דער רבי ר' בונם מפשיסחא זצ"ל דעם רבי ר' ברוכ'ל מסטיטשין זצ"ל אויב ער האט א גוטע אכסניא אין פשיסחא. האט איהם דער רבי ר' בונם געענטפערט, דער וואס פארנעמט נישט קיין ארט דער האט שטענדיג אן ארט אומעטום.

(בס' שם שלמה בשם ס' שש"ק)

### די העכסטע מדריגה פון ענווה

**אין** ספר דעת משה שטייט דער רבי ר' זושא זצ"ל האט געזאגט „ערד, דו ביזט בעסער פון מיר, טא ווי קום איך צו טרעטען אויף דיר, אז עס וועט קומען א צייט אין איך וועל ליגען אונטער דיר."

(בס' דעת משה פ' תצא)

### פערציג יאהר נישט געשלאפען אין א בעט

**איך** האב געהערט אויף החכם כמוה"ר יוסף טיטצ'ק זצוק"ל, אז פערציג יאר איז ער ניט געשלאפען אויף א בעט, אויסער שבת. נאר ער פלעגט שלאפען א"ף א ברעט און די פיס פלעגען אראפהיינגען, יעדער נאכט פלעגט ער אויפשטיין צו חצות. קיינער האט די גאנצע צייט ניט געוואוסט פון דעם, נאך זיין פטירה האט זיין ווייב דאס דערציילט.

(ראשית חכמה שעה"ק פ"ז)

### א בעל גאוה האט א שלעכטען געשמאק

**אמאל** איז געגאנגען א חסיד אין וועג און האט אנגעטראפען אליהו הנביא, זיינען זיי געגאנגען צוזאמען, אין מיטען וועג האבען זיי געזען א נבילה ליגען, די נבילה האט זייער געשמעקט ביז דער חסיד האט ניט געקענט איבערטראגען דעם ריח און ער האט אוועק געלייגט די האנט אויפ'ן נאז, אבער אליהו הנביא איז געגאנגען גלייך ווי ער וואלט קיין שום זאך ניט געפילט, גייענדיג ווייטער האבען זיי געזען ווי פון ווייטען גייט א מענטש מיט גרויס גאוה און באַרימעריי, גלייך האט אליהו הנביא ארויפגעלייגט זיין

האנט אויפן נאז ווי ער וואלט ניט געקענט איבערטראגען א שלעכטען ריח. זעענדיק דאס האט דער חסיד געפרעגט פארוואנדערטערהייט ביי אליהו הנביא פארוואס ווען מיר זיינען פארביי די נבילה האט ער קיין שום זאך ניט געפילט און איצטער האט ער יא געפילט, האט עם אליהו הנביא געענטפערט אז דער בעל גאוה פילט זיך מערער ווי די נבילה ווייל די נבילה אז מ'רירט זיך אן אין איר איז מען טמא נאר ביז דער נאכט. אבער דער וואס רירט זיך אן אין א בעל גאוה איז ער מקבל הארבע און גרויסע טומאות.

(בספר קב הישר בשם ס' גבעת המורה)

## וואו איז מרומז דער „תלמוד" אין די תורה

מימינו אש דת למו. א משכיל האט אמאהל געפרעגט דעם גאון בעל „תורת יקותיאל" ז"ל, וואו עס איז מרומז דער תלמוד אין די תורה שבכתב?

האט ער איהם געענטפערט: „דת למד" זענען די אותיות „תלמוד" — אז באלד ביים געבן די תורה מימינו של הקב"ה, האט מען באלד געגעבן אידן דעם תלמוד...

(מקור ברוך)

## א פאסענדע ברכה צו ראובן'ען

יחי ראובן ואל ימות ויהי מתיו מספר ווייל דאס שבט ראובן האט דאך איבער־געלאזט זיינע פאמיליעס אין עבר־הירדן און ער איז געגאנגען אלס חלוצי־צבא פאר אידן קיין ארץ כנען צו פיהרן די מלחמה, האט איהם משה רבנו געבענטשט: יחי ראובן — ער זאל בלייבן לעבן און ניט פאלן אין די מלחמה, ואל ימות — ער זאל נישט שטארבן מיט א נאטירליכן טויט אין די צייט וואס וועט דויערן דער כיבוש מיט די חלוקה פון לאנד כדי ער זאל קענען אהיים קומען צוריק גאנץ צו זיינע פאמיליעס — ויהי מתיו מספר — און ער זאל אויך אין דער היים אטרעפן זיינע פאמיליעס, אין דער זעלבער צאהל ווי ער האט זיי איבערגעלאזט, עס זאל קיינער פון זיי נישט פעהלן.

(הכתב והקבלה)

## אפרים און מנשה

והם רבבות אפרים והם אלפי מנשה. פארוואס שטעהט ביי אפרים „רבבות" און ביי מנשה נאר „אלפי"?

ווארום יעקב אבינו האט ביים בענטשען אפרים און מנשה, ארויפגעלייגט זיין רעכטע האנד אויף קאפ פון אפרים און זיין לינקע האנד אויף קאפ פון מנשה. (פרשת ויחי), און אין פסוק שטעהט דאך: יפול מצדך אלף ורבבה מימנך (תהלים צא—ז) — איבער דעם וועט אפרים, וואס איז געבענטשט געווארן מיט דער רעכטע האנד פון יעקב אבינו, פערניכטען רבבות פון די שונאים. און מנשה וואס איז געבענטשט געווארן נאר מיט די לינקע האנד וועט נאר בעזיגען אלפים...

(בשם הגר"א ז"ל מווילנא)

## היט אויף דיין יוגנט

ברזל ונחשת מנעלך וכימיך דבאך כימים שהם טובים לך כך ימי זקנותך (רש"י). אויב מען פארשליסט מיט שלעסער פון ברזל ונחשת, די כחות אין דער יוגענד, נישט זיי צו פארווענדען אויף נישט נוצליכע און נישט נויטיגע ענינים דעמאלץ בלייבען די דאזיגע כחות אויף דער עלטער און ס'איז — כימך דבאך...

(החדושי הרי"ם ז"ל)

# פורים צו די סעודה

## דער כח פון די אידן

„עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים" — ווען די אידן זענען „עם אחד", פאראייניגט אונטער די תורה, דאן „מפוזר ומפורד בין העמים", ברייגגען זיי אריין פיזור און פירוד צווישן אלע פעלקער, „יתפרדו כל פועלי און". (רבי שלום בעלזער)

## מרדכי האלט זיך ביי זיינס

„ותשלח בגדים להלביש את מרדכי ולהסיר שקו מעליו לא קבל" — האט דען מרדכי נישט געהאט זיינע אייגענע מלבושים וואס אסתר האט צו איהם געדארפט צושיקן בגדים? נאר דא איז געווען א רמז אויף מרדכי'ס הנהגה וואס ער איז געגאנגען מיטן זאק אין די גאסן און געשריהען. האט זי איהם געשיקט שעהנע מלבושים ער זאל זיך אנטאן און געהן אין שפיץ פון א דעלעגאציע צום קעניג, אפשר וועט ער עפעס פועל'ן ביי איהם. אבער מרדכי האט גוט געוואוסט אז מיט אזעלכע פאליטישע שרים קען מען גאנץ ווייניג אויפטאן. דאס בעסטע איז צו שרייען צום באשעפער און נתעורר ווערן צו תשובה. „ולא קבל" — ער האט נישט מקבל געווען דעם סיסטעם פון אומבייטן דעם זאק און דעם לארעמען אין די גאסן אויף פאליטישע וועגן... (אור ישראל)

## ווי האט מען דערקענט מרדכי'ן

„שושנת יעקב צהלה ושמחה בראותם יחד תכלת מרדכי", אייגנטליך וואס איז דער נוסח „תכלת-מרדכי"? מרדכי איז דאך ארויס מיט פארשידענע שעהנע קליידונגען און מיט א „עטרת-זהב" א. ז. וו.? נאר — זאגט רבי מאיר פרימישלאנער — ווען די אידן האבן דערזעהן פון וויטן ווי איינער פארט אויף א פערד און איינער פירט איהם, איז ביי זיי געווען זיכער אז דער וואס פארט איז המן און דער פירער איז מרדכי, אבער ווען זיי האבן דערזעהן זיינע „תכלת" דאס הייסט די ציצית זיינע — האבן זיי דערקענט אז ער איז מרדכי הצדיק...

## די אידן האלטן זיך פעסט ביי די הייליגע תורה

„ודתיהם שנות מכל עם" וואס האט געהארט המן'ען אז די אידישע תורה איז אנדערש פון להבדיל די געזעצן פון אלע פעלקער. נאר המן'ס טענה איז געווען גאר א אנדערע, יעדער פאלק — זאגט המן — האט באשטימטע געזעצן, אבער אז עס קומט א צייט וואס די ביזנעס לוינט אנדערש פון דעם דת, דאן בייט מען איבער דעם דת לויט ווי די צייט פאדערט. אבער די אידישע פאלק זענען נישט מבטל בשום אופן זייער דת אפילו ווען די צייט פאדערט עס. און זיי זענען לוחם מיט די גאנצע וועלט אויף דעם קלענסטן פונקט פון זייער תורה, מיט דעם זענען זיי אנדערש פון די גאנצע וועלט. (ר' מאטיל סלאנימער)

## אין דעם טאג פון שמחה

„כל הפושט יד נותנים לו" (פוסקים) דעם טאג ווער עס שטרעקט אויס א האנט גיט מען איהם, מען אנטזאגט נישט קיינעם פורים'דיגן טאג. עס איז דא אויף דעם א חסידי'שן טייטש, כל הפושט יד, ווער עס שטרעקט אויס די האנט צום הימל און בעט צו ערפילן זיין וואונטש — נותנים לו, דער טאג, ווען אידן געפינען זיך בשמחה, איז מסוגל מ'זאל איהם נאכגעבן און ערפילן זיין געבעט.

## די סעודת-פורים

פאר וואס מאכט מען די סעודת פורים פאר נאכט, נישט אין דער פרי, ווי אלע שבת און יום-טוב?

אנדערע מפרשים זאגן א טעם, ווייל אין דער פרי איז מען טרוד מיט שיקן אײנער דעם אנדערן „משלוח מנות" און „מתנות לאביונים" וועט מען נישט קענען אין זינען האבן די סעודת פורים ווי עס געהער צו זיין, אדער מ'וועט מזלזל זיין אין משלוח מנות און מתנות לאביונים.

הגאון פון ווילנע זצ"ל זאגט א טעם דערויף:

די סעודת פורים מאכט מען אלס זכר פון די סעודה וואס אסתר המלכה האט געמאכט פאר אחשורוש און המן, די סעודה וואס פון איר האט אנגעהויבן צו שפראצן המן'ס מפלה און די אידישע ישועה.

ווען האט זי געמאכט די סעודה — דעם דריטן תענית־טאג פאר נאכט. איז אלע אידן האבן געפאסט דריי טעג און דריי נעכט י"ד, ט"ו, ט"ז ניסן, ערב פסח, דעם ערשטן טאג פסח, און דעם ערשטן טאג חול־המועד־פסח און אסתר האט דעם דריטן טאג נישט משלים געווען דעם תענית צוליב די סעודה.

דאס איז אויך מרומז אין די רייד פון אסתר'ן וואס האט געשיקט זאגן מרדכי'ן „וגם אני ונערותי אצום כן" דער ווארט „כן" באטרעפט 70, דאס הייסט אז זי וועט פאסטן נאר 70 שעה, דריי מעת־לעת איז 72 שעה און זי וועט פאסטן צווי שעה ווייניגער.

פורים איז א צייט פון שמחה· עס איז א טאפעלע שמחה פון „ברוך מרדכי" און „ארור־המן"· מ'פרייזט זיך אויף די הילף וואס איז ארויסגעקומען און דער כבוד ישראל האט זיך אויפגעהויבן· די אידישע אמונה האט זיך פאר־שטארקט, „ורבים מעמי הארץ מתיהדים", אפילו ביי די גוים איז ערוועקט געווארן זיך צודערנענטערן צו די אידישע געלייטערטע אמונה· א ודאי און א ודאי איז דאן פארשטארקט געווארן די אמונה ביי אלע שיכטן פון פאלק ישראל, זיי האבן דאן געזעהן אז השי"ת האט זיי געהאלפן נאך די תפילות און תעניתים וואס זיי האבן געפראוועט·

זיי האבן געזעהן אז מרדכי, דער גרויסער פערזענליכקייט וועלכער האט געקענט שטעהן בשער המלך, דער וואס קען זיבעציג שפראך· אט דער מרדכי האט נישט געזוכט קיין אנדער וועג ווען די גזירה פון המן'ען איז ארויס, נאר שרייען צו ג־ט א „זעקה גדולה ומרה", מתפלל זיין און תשובה טהון!

אט דאס איז די שמחה פון „ברוך מרדכי"·

און דער „ארור המן", די מפלה פון דעם רשע, אזוי פלוצים'דיג, אזוי נישט געריכט! אזוי ווי ביי קריעת ים־סוף האבן די אידן נישט ערווארט אזא ישועה א שפאלטן דעם ים, האבן אידן בימי אחשורוש נישט געוואוסט ווי וועט קומען זייער ישועה און א יאוש איז אריינגעדרונגען אין הארץ· זיי האבן געזוכט צו פארקויפן זייער פארמעגן די גוים און זיי האבן עס שוין נישט געוואלט קויפן (תרגום שני)·

און דא אין דריי־פיזר טעג, אזא שטראשנע מפלה אויף המן'ען אזוי אונגעריכט!

אט אזוי ארום דארפן מיר שפירן א פארשטארקונג אין אמונה און בטחון אין באשעפער· מיר מוזן זיך אביסל אוועק רייסן פון די טאג־טעגליכע

וואכעדיגקייט, — דורך ווייז־טרינקען גערט עס ווי געוואונשן — און פארטומלען אביסל די גאנץ יעהריגע לעבנס־מהומה וואו מ׳לעבט. פורים מיטן טרינקען איז א געלעגנהייט ארויס צו געבן דעם סוד, „נכנס יין יצא סוד״, דאס באהאלטענעם פונק וואס ליגט אונטערן אש פון די שטענדיגע טרדות. מיט די שמחת פורים קען מען דערגרייכן צו א התחזקות אין אמונה, בטחון תורה ומצות !.

„ליהודים היתה אורה ושמחה ויקר״ שטעהט אין די מגילה. דרש׳ענען די חז״ל „אורה זו תורה״. אז די תורה איז דא, איז די תורה הערשט ביים כלל ישראל — איז ליכטיג ! ווייל די תורה באלייכט אלע ווינקאלאך פון לעבן. ווען מ׳איז פרייליך און עס איז ליכטיג, דארפן מיר דערשפירן די ליכטיגקייט פון די תורה.

מיר דארפן בעטן ביי השי״ת אז מיר זאלן פיהלן א תורה־ליכטיגקייט אז יענער „אורה זו תורה״ זאל ביי אונז ארייננדריגען — כן תהיה לנו !

## צו די סעודת פורים

### א געלעגענהייט תשובה צו טהון

מ׳האט עס אזוי געפיהרט מן השמים, אז די גזירה פון המן זאל זיך פארציהען ביז איבער א יאהר חדש אדר, דערווייל זאלן אידן קענען תשובה טהון און מבטל צו זיין די גזירה. (אבן עזרא).

### מ׳דארף אין זינען האבן די ארימעלייט...

פורים־דיגן טאג איז געזעסן א איד א גביר אין שוהל און געלערנט גמרא, איז צוגעגאנגען צו איהם דער רב און פארמאכט די גמרא, זאגנדיג: היינט דארפסטו נישט לערנען, דו געה אין שטוב און זעץ דיך אוועק נעבן א שיסל מטבעות און טייל די ארימעלייט...

### פאר כבוד ה׳

פאר וואס ווערט נישט דערמאנט אין די גאנצע מגילה דעם איבערשטנס נאמען ?

ווייל מרדכי האט פארשטאנען אז די גוים וועלן איבערזעצן די מגילה פון לשון הקדש אויף זייער שפראך, און דאן וועלן זיי שרייבן דעם נאמען פון זייער עבודה זרה אנשטאט די געטליכע נעמען. האט ער ליבערשט פארהוילן אין גאנצן דיזן נאמען. (אבן עזרא)

### פון נישט כשר׳ע עסן — צו דאס ערגסטע !

די חז״ל זאגן „המן מן התורה מנין״ וואו איז מרומז אין די תורה המן ? — „המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת״.

וואס פאר א שייכות האט דער פסוק פון בראשית צו המן ?

— מ׳זעהט אמאהל ווי א איד פארלירט דעם צלם אלוקים, ער ווערט פארדארבן אז ער איז גרייט צו ברייגגען אפילו אומגליקן אויף זיינע אייגענע ברידער. פון וואנעט שטאמט אזא פארדארבענקייט ביי א איד ? דאס נעמט זיך פון עסן נישט כשר׳ס וואס איז מטמטם את הלב. ווי דער רמב״ם זאגט: פון די עסן ווערט בלוט, און די בלוט געהט צום הארץ. אזוי איז די טריפעס מטמטם די הארץ. ביז ער ווערט א אידישער „המן״. ווייל ער האט געגעסן א זאך וואס „צויתיך לבלתי אכל ממנו״.. (אמרי שי)

### שבת הגדול

ווען א מענטש ווערט אלט דרייצעהן יאהר און ווערט א בר־מצוה, הייסט ער פון דאן אן א גדול. אזוי אויך דאס יודישע פאלק אלס כלל, וואס האט באקומען די ערשטע מצוה אלס חיוב, איז געווארן בר מצוה און ממילא א גדול — דעריבער רופט מען דעם טאג „שבת הגדול״. (ספרים)

## צוויי אידישע מנהגים

דער של״ה הקדוש ברענגט, אז ס׳איז געווען א מנהג צו באקן אויף שבת־הגדול א ספעציעלע חלה וואס מען האט אוועקגעגעבן ארימעלייט און מען האט איהר גערופן „ארימע חלה״. זייט — זאגט דער של״ה — מען האט אנגעהויבן גרינגשעצן דעם דאזיגן מנהג איז נישטא קיין ברכה אין דער תבואה.

עס ווערט אויך געברענגט, אז דער מהרש״ל האט איינגעפיהרט דאס יעדער זאל פאר פסח אפבאקן א חלה פונ׳ם מעהל וואס מען האט געמאהלען אויף פסח, כדי טאמער איז פארהאן א משהו פון חמץ אינ׳ם מעהל, זאל מען קענען תולה זיין, אז מען האט עס אויפגעגעסן פאר פסח מיט אט דער חלה.

דערמיט איז צו פערשטעהן דעם מדרש אויפ׳ן פסוק: „גלתה יהודה מעוני״ — על שאכלו חמץ בפסח, רבי אליעזר אומר על שגזלו מתנות עניים.

וואס איז דא דער צוזאמענהאנג?

נור עס קען זיין, אז די דערמאהנטע צוויי מנהגים זענען צוליב איין און דעם זעלבן טעם. מען האט געבאקן א חלה פונ׳ם פסח׳דיגן מעהל, כדי דערין תולה צו זיין דעם משהו חמץ און אט די דאזיגע חלה האט מען עס אוועקגעגעבן ארימעלייט.

קומט דאך אויס, אז דורכ׳ן מבטל זיין דעם דאזיגן מנהג, האט מען גע׳גזל׳ט די מתנה פון די ארימעלייט און מען ווערט נכשל אין חמץ בפסח, ווייל ס׳איז נישטא אין וואס תולה צו זיין דעם משהו חמץ...

אויסראמענדיג דעם חמץ פון שטוב, שטעהט אין ספרי מוסר, דארף מען אין זינען האבן אויך אויסצוראמען דעם יצר־הרע פון שטוב. מ׳דארף זוכן „בחורין ובסדקין״ אין אלע ווינקאלאך פון לעבן, אין אלע שפעלטאלאך פון די הויז...

„בדיקת חמץ״ מאכט מען נישט צום שיין פון די זוהן ביי טאג, ווייל אזא שיין קען נישט אריינדרינגען אין די טיפע לעכער. א באשיידן ליכטל דרינגט אריין טיפער און צו איהר שיין קען מען גיכער געפינען עפעס וואס.

עבירות זוכן איז נישט כדאי צווישן אלעמען, ביי די אלגעמיינע שיין. דעם ריכטיקן חשבון־הנפש קען מען זיך מאכן צווישן זיך, אין די שטילקייט פון די נאכט, ווייט פון דרויסנדיגן רעש. מ׳רופט צוזאמען די בני בית און מ׳זוכט די חמץ. מ׳דארף זוכן ביי די בני בית, מ׳דארף חוקר ודורש זיין אפשר האט זיך אנגעקלעפט אין די הויז־געזינד עפעס וואס פון די לעבנס־מהומה וואס הערשט אין גאס, דארף מען זיי ווארענען.

מ׳דארף ערקלערן די קינדער אז מיר זענען נישט ארויס פון מצרים צו ווערן א פאלק ווי אלע פעלקער, מיר זענען נישט ארויס פון א פיזישן

שעבוד אום גייסטיגן שקלאפעריי· פון גלות מצרים זענען מיר ארויס ווען מיר האבן געהאלטן ביי ארייגפאלן גענצליך אין די טומאה·

פסח איז א יום טוב וואס די פאמיליע קלייבט זיך צוזאמען און עס הערשן פייערליכע שטימונגען צווישן די פאמיליע לייט· ביי בדיקת חמץ ווערט ערקלערט ווי צו פארטרייבן די חמץ׳דיגקייט פון לעבן; ווען דעם יום טוב ערשיינט — דארפן מיר ערקלערן ווי אריינצונעמען ביי אונז די הייליגקייט פון די תורה·

דאס ערשטע דארפן מיר זיך ווענדן צו די קינדער, צו יעדן לויט זיין שפראך· איז ער א חכם אדער א תם, אפילו א שאינו יודע לשאול און אפילו א שלעכטער זוהן, מ׳טאר זיך נישט מייאש זיין פון קיינעם· מ׳דארף זיי דערצעהלן די נסים ונפלאות וואס אונזער פאלק האט געהאט ביים ארויסגעהן פון שקלאפן־יאך אין גלות מצרים ביים ווערן א פאלק· צו די ווערטער ווען ווירקן צו נישט — עס איז נישט אונזער זאך· עס איז דא א מצוה „והגדת״ מ׳דארף זאגן· אויב עס ווירקט נישט יעצט, וועט זיך עס שפעטער אפרופן, אויב נישט גענצליך, וועט עס האבן א השפעה טיילווייז· מיר דארפן נישט מעסטן דאס ווירקונג פון אונזערע רייד לויט אונזערע באגריפן·

פסח, ווען ס׳איז פריילאכער אויפן הארצן, איז גיכער מסוגל משפיע צו זיין, ווייל די ווערטער געהען ארויס פון א ווארימע אידישע הארץ וואס איז אביסל העכער פון די וואכעדיגע טאג־טעגליכקייט, און ס׳איז גיכער בער איינפלוסט צו ווערן אין אזא פייערליכע שטימונג· ווייל אין אזא מאמענט ווייזט זיך די אידישע שטוב מיט איהר גלאנץ און אינערליכע רייכקייט, גייסטיגע פרייהייט און העכערע געפיהלן פון גליק, פון אידישן גליק — — —

## בודק זיין די קעשענס···

שטעהט אין די פוסקים אז ערב פסח דארף מען בודק זיין די קעשענעס, טאמער ליגט דארטן א ברעקל חמץ·

דער של״ה הק׳ זאגט, מ׳דארף גוט בודק זיין די קעשענעס אויב דארטן געפינט זיך נישט שטויב פון גזל, גניבה און אפנארעריי···

## מצות—מצוות

„ושמרתם את המצות״ דרשענען די רז״ל „את המצוות״· זאגט הגאון מווילנא זצ״ל: אזוי ווי טייג פון א מצה, אויב מ׳לאזט עס איהר שיעור הייסט עס „מצה״ און אויב מ׳פארזאמט איהר שיעור איז עס חמץ, דאס זעלבע ביי א מצווה, אויב מ׳טהוט איהר אין דער צייט, הייסט עס א מצווה ווי עס געהער צו זיין, אויב מ׳פוילט זיך דערביי איז עס אזוי ווי זויער געווארן···

נישט אומזיסט — זאגט דער „שפת אמת״ — האבן די חכמים אנגערופן דעם דור המדבר „דור דעה״· שטעלט אייך פאר: נעכטן זענען זיי געוועהן פארשקלאפטע מענטשן און איינגעזונקען אין מ״ט שערי טומאה פון גלות, ווי באלד זיי זענען נאר ארויס פון דארטן זענען זיי שוין מאמינים אין ג־ט און דערגרייכט צו די גרעסטע מדריגה אין אמונה און בטחון אז „צידה לא עשו להם״, זיי האבן זיך אפילו נישט מיטגענומען שפייז אונטערוועגנס וויסנדיג אז מ׳געהט יעצט אין אזא וויסטן גרויסן מדבר!

## א רמז אויף דריי טעמים

פאר וואס זענען ארויס די אידן פון מצרים פאר זייער צייט, זיי האבן דאך געדארפט זיין דארטן פיהר הונדערט יאהר, און געוועהן זענען זיי צוויי הונדערט און צעהן

א) ווייל די נעכט האבן משלים געוועהן, וואס זיי האבן געדארפט ארבעטן נעכט ווי טעג;

ב) ווייל עס זענען געבארן אזויפיהל קינדער, און דער פאלק איז אזוי געוואקסן, ביז זיי האבן משלים געוועהן אין די 210 יאהר וואס זיי האבן געקענט מאכן אין 400 יאהר;

ג) דער „קושי השיעבוד", וואס זיי האבן געארבעט אזוי שווער! און ביטער — האט משלים געוועהן די 190 יאהר וואס האבן געפעהלט.

אט דאס איז מרומז אין די הגדה:

א) „ענינו זו פרישות דרך ארץ", וואס זיי האבן געמוזט ארבעטן אויך ביי נאכט:

ב) „עמלנו אלו הבנים", די פיהל קינדער וואס זענען צוגעקומען;

ג) „לחצנו זו הדחק", די שווערע ארבעט, דער קושי השיעבוד.

(הרבי ר' העשל זצ"ל)

## ופסח ד' על הפתח

„פתחו לי פתח כחודה של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של אולם" (ח"זל) כביכול זאגט צו אידן עפנט אויף ביי זיך אן עפענונג אפילו גרויס בלויז ווי דאס לעכל פון א נאדל און איך וועל דאן עפענען ביי אייך ווי א פתח פון א זאל, איר דארפט נור מאכן דעם אנהויב און געפינען אין זיך א ביסל התעוררות און רצון אויף בעסער צו ווערן דאס איבריקע וועל איך אייך העלפן — „הבא לטהר מסייעין אותו".

אין מצרים זיינען אבער די אידן געווען אזוי פארזונקן אין טומאה, אז זיי האבן ביי זיך נישט געקענט געפינען אן עפענונג אפילו „כחודו של מחט", זיי האבן נישט געהאט און זיך דעם קלענסטן פונק פון התעוררות איז געקומען כביכול „ופסח על פתח", ער האט מוותר געווען דאס מאל אויף דעם „פתחו לי פתח" פון זיי אליין און געטאן מיט זיי חסד און אליין אלץ געטאן זיי ארויס צו ברענגען פון טומאה צו טהרה...

## פסח איז אין אלע אומשטענדן אונזער יום טוב

פיל קוקן אויף יציאת מצרים — זאגט ר' מאיר שמחה ז"ל — ווי בלויז אויף א קערפערליכער באפרייאונג אליין, וואס מיר האבן דורך איר דערגרייכט און נישט מער און טאקי דעריבער פרעגט דער בן־רשע „מה העבודה הזאת לכם"? צו וואס פייערט איר איצט דעם חג החרות, ווען איר זייט ווידער אין גלות? ווידער אונטער פרעמדער הערשאפט?

אויב אבער מיר קוקן אויף יציאת מצרים ווי אויף א געשעעניש אויך פון גייסטיקער באדייטונג, אז כביכול האט אונז ארויסגעבראכט פון טומאה צו קדושה פון קערפער־ליכער און גייסטיקער פארשקלאפונג, אונז געגעבן א תורה און אונז געמאכט פאר א „ממלכת כהנים וגוי קדוש" אין דער וועלט, דאן ווען אפילו מיר זיינען ווידער אין א גלות קענען מיר און דארפן פייערן דעם יום־טוב פון יציאת־מצרים, ווייל די גייסטיקע פרייהייט, וואס מיר האבן דאן באקומען קען קיין גלות מער פון אונז נישט אוועקנעמען...

**און דאס זאגט דער פסוק: „וחגותם אותו חג לד׳״ — ווען איר וועט קוקן אויף דעם יום־טוב ווי אויף א „חג לד׳״ ווי אויף א יום־טוב פון העכערער גייסטיקער און געטליכער דערגרייכונג, דאן — „חוקת עולם תחגוהו״, וועט איר פארשטיין אים אלעמאל, אונטער אלע אומשטענדן צו פייערן.**

„קדש ורחץ״. דער סדר פון א איד איז פריער „סור מרע״ תשובה טהון פריער און זיך דערווייטערן פון עבירות, פון שלעכטס. נאכער ווען ער איז שוין ריין געוואשן פון זינד, קען ער צוקומען צו די מדריגה פון „עשה טוב״ טהון מעשים טובים און מצוות.

די נאכט פון פסח שיינט א גרויסע ליכט און מ׳קען זיך פריער מקדש זיין מיט מצוות און נאכער זיך ריין וואשן פון זינד. פריער „קדש״ זיך הייליגן, נאכער „רחץ״!

(פון מהר״א מקוידינאוו זצ״ל)

## נישט נאר זיך אליין...

„מגיד רחצה״, נישט נאר זיך אליין דארף מען ריין וואשן, פון שלעכטס און פון עבירות, אויך יענעם דארף מען זאגן „רחצו הזכו״ רייניגט זיך פון עבירות און הייליגט זיך מיט מצוות.

## נישט פארגעסן אין די ביטערניש

כאטש מרור דארף דאך זיין פריהער, פונקט ווי די ענוי איז געווען פאר די גאולה, עסט מען דאך איהם שפעטער. ווייל די טבע פון מענש איז, אז נאכדעם ווי ער ווערט געהאלפן פערגעסט ער די פריהערדיגע פיין און ביטערניש. זאגט מען איהם, אז נאך די מצה, וואס איז מרמז אויף חירות, זאל ער זיך אויך דערמאהנען אין מרור, כדי מען זאל איהם עס נישט דארפן דערמאהנען פון הימל... (אחד מגדולי המוסר)

# די פיהר בוסות

לויט די חז״ל זענען די פיער כוסות אקעגן די פיער לשונות פון גאולה וואס שטעהען אין דער תורה: א) והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים, ב) והצלתי אתכם מעבודתם, ג) וגאלתי אתכם בזרוע נטויה, ד) ולקחתי אתכם לי לעם.

די צרות פון יודען אין אלע גלות׳ן, באשטעהען פון פיער טיילען: א) די שונאים נעמען צו זייער פערמעגן, גראבן אונטער זייערע פרנסות און ברענגען זיי צו הונגער און נויט. ב) זיי טהוען אן יודען קערפעליכע יסורים, דורך פאגראמען, קלעפ און ענויים. ג) די שונאים ערנידערען דעם יודישען כבוד און זענען מבזה די יודען מיט די גרעסטע בזיונות. ד) זיי דריקען אונטער דאס יודישע גייסטיגע און רעליגיעזע לעבן, זיי לאזן נישט אבהיטן די מצוות און דינען דעם אויבערשטען ווי געהעריג.

אויך אין מצרים זענען יודען אריבערגעגאנגען די דאזיגע פיערערליי צרות. מען האט זיי צוגענומען דאס פערמעגן — וישימו עליו שרי מסים. מען האט געפייניגט זייערע קערפער — ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך, מען האט ערנידעריגט זייער כבוד און געהאלטן פאר עבדים און מען האט זיי נישט געלאזט דינען השי״ת. אזוי, אז זיי זענען אריינגעפאלן אין די מ״ט שערי טומאה.

אקעגן די דאזיגע פיער מינים פון צרות, האט השי״ת געזאגט די פיער לשונות פון גאולה. א) והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים — פון די לאסט וואס די שרי מסים

„תחלה למקראי קודש זכר ליציאת מצרים״ — האט דער צאנזער רב זצ״ל געזאגט בשם זיין רבין דער ראפשיצער זצ״ל: ווען א איד וויל ארויף געהן אין קדושה און צוקומען צו שלימות, מאכט איהם עס דער בעל־דבר שווער, און דער איד איז זיך מיאש.

„ווי וועל איך קענען צוקומען צום דעם?" דערויף איז די עצה — זאגט ער — „תחלה למקראי קודש" ווען דער איד וויל אנפאנגען צוקומען צו קדושה — „זכר ליציאת מצרים" זאל ער זיך דערמאנען פון יציאת מצרים ווי די אידן זענען געווען משוקע אין טומאת מצרים און דאך ארויס פון דארט הייליג און גערייניגט און מקבל געווען א תורה.

## וואס פרעהען מיר זיך היינט?

אנ'ארימאן וואס איז אויך געווען זעהר פראסט און אונוויסענד, איז אמאהל געווארן רייך, האט ער זיך געדונגען מלמדים און לעהרער, וועלכע האבן איהם געמאכט פאר א למדן און וויסנשאפטס־מאן. שפעטער האט ער דאס פערמעגען פערלוירען, דאך האט ער יעדעם יאהר אינ'ם טאג וואס ער איז אמאהל רייך געווארן געמאכט א יום טוב. האבן איהם מענשן געפרעגט: דו ביזט דאך היינט צוריק אנ'ארימאן, וואס איז אלזא מיט דיר די שמחה? האט ער געענטפערט: אמת, טאקי, דאס געלד האב איך צוריק פערלוירן אבער דאס וואס איך האב זוכה געווען צו קענען לערנען און צו וויסן דורכ'ן עשירות, דאס איז מיר געבליבן אויף אייביג, ממילא דארף איך מאכן א יום־טוב.

ווען אלזא מיר פרעהען זיך מיט יציאת־מצרים, מאכן א יום־טוב און דערצעהלן די שבחים פון השי"ת אויך היינט, כאטש מיר זענען צוריק אין גלות און ווערן געפייניגט מיט ענויים קשים — דאס איז א סימן, אז מיר פרעהן זיך בעיקר מיט דעם וואס דורך יציאת מצרים, זענען מיר געווארן יודען און זוכה געווען צו דער תורה וואס מיר האבן אפילו אינ'ם גלות. די גייסטיגע מעלות וואס יציאת־מצרים האט אונז געגעבן, דאס וועלן מיר שוין קיינמאל נישט פערלירן.

דעריבער כל המרבה לספר — אפילו היינט אין די פינסטערע גלות־טעג, איז א סימן אז — הרי זה משובח — וויל דערמיט, ווייזט ער, אז די שמחה איז א גייסטיגע, אויף די תורה און עבודת השם, צו וועלכע מיר האבן זוכה געווען דורך יציאת־מצרים, אויף אייביגע צייטן.
(דברי שאול)

## וואס איז דער איילעניש

**די מצריים האבן געטריבן די אידן פון די לאנד, וואס האבן זיי געהאט דערפון. וואס עס איז געווען איז שוין געוועהן. די אידן געהען דאך שוין?**

**נאר די מצריים האבן געזעהן אז נאך אזויפיהל קלעפ וואס דער פרעה האט אריינגעכאפט, האט עס איהם גארנישט אנגעלערנט. האבן זיי מורא געהאט ווער ווייסט יעצט וועט ער אויך חרטה האבן נאך די מכת בכורות, און ער וועט שווער מאכן זיין הארץ, דעריבער האבן זיי גענומען יאגן די אידן, כדי פרעה זאל נישט אויספייהען חרטה צו האבן.**

**(„חסד לאברהם")**

אין ספר „שם הגדולים" להגאון הקדוש מוה"ר חיים יוסף דוד אזולאי זצוק"ל, ווערט געבראכט בשם ספר קדמונים, אז דוד המלך ע"ה איז געגאנגען צו א מלחמה, און זיין זון שלמה ווען ער איז געווען א קינד האט געלערנט חכמה ביי א גרויסן חכם. האט שלמה געזאגט צו זיין רבי'ן: זע מיט דיין חכמה אויב

מיין פאטער וועט מנצח זיין די מלחמה און וועט לשלום לביתו קומען. האט אים זיין רבי געענטפערט: עס איז זייער רחוק ווייל דער פיינט האט זיך געשטארקט. אזוי האט שלמה געגעבן זיין נפש און האט שטארק מעמיק געווען אין דער חכמה. און אזוי ווי עס איז נאר געווען א קלייניקייט צווישן דוד המלך און צווישן דעם טויט, איז די זאך איבערגעקערט געווארן און דער מלך דער שונא איז גע'הרג'ט געווארן. און אזוי האט ער געזאגט ביי זיין טויט: שלמה האט מיך גע'הרג'ט, שלמה האט מיך גע'הרג'ט. ווי זיין רבי האט געזען זיין שכל און זיין חכמה, האט ער דערנאך פון שלמה געלערנט. און ווען דוד המלך ע"ה איז לביתו געקומען האט ער צו זיין זון שלמה באוויזן שטארק ליבשאפט.

**וואס דער מענש איז — דאס זאגט ער**

**„חכם מה הוא אומר וכו' רשע מה הוא אומר וכו'". וואס איז דער לשון „מה הוא אומר" ס'קען דאך שטעהן „חכם אומר וכו' רשע אומר וכו'". נאר די כוונה איז אט דאס וואס דער מענש איז אין זיין מהות — דאס זאגט ער ארויס. „חכם, מה הוא", זיין מהות „אומר" זאגט ער ארויס. די זעלבע ביים רשע און ביים תם.** (ליובאוויטשער רבי זצ"ל)

**א שוטה דערקענט מען פון א סך ריידן**

אין ספר „עמוד העבודה" ווערט געבראכט דער פירוש פון דעם פסוק „בדרך שהסכל הולך אומר לכל סכל הוא", אין דעם וועג וואס דער נאר גייט, טוט ער יעדן זאגן אז ער איז א נאר. דרך משל, דריי מענטשן זיינען געגאנגען אין א וועג, איינער איז געווען א גנב, און איינער א רוצח, און איינער איז געווען א נאר און א גרויסער שוטה. אזוי האבן זיי אויף זיך מקבל געווען מיט א שבועה, אז איינער זאל נישט מגלה זיין דעם פעלער פון זיין חבר. ווי זיי זיינען געקומען אין א שטאט, האבן די מענטשן פון דער שטאט געלאכט און געשפעט איבער דעם נאר. האט דעם נאר פארדראסן איבער זיינע חברים און האט צו זיי געזאגט: איר האט אויסגעזאגט אז איך בין א נאר, און איר האט נישט געהאלטן אייער שבועה, אזוי וועל איך אויך נישט האלטן מיין שבועה און וועל אויסזאגן אייער פעלער. האבן די חבירים צו אים געזאגט: מיר האבן נישט אויסגעזאגט דיין פעלער, נאר דיין נאר טוט יעדערער זען, און דיין מויל אליין טוט אויף דיר עדות זאגן אז דו ביסט א נאר.

## דער רשע אין די הגדה

ביים „חכם" שטעהט: „כי ישאלך בנך מחר"; ביים „תם": „כי ישאלך בנך לאמר"; ביים „שאינו יודע לשאול": „והגדת לבנך". ביי א־לעמען א לשון יחיד, נאר ביים רשע" שטעהט „כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם", מיט א לשון רבים! — ווייל ליידער זענען דאָך רשעים מערער, און זיי ווילן אזוי נאך איינרעדן אז מ'דארף אננעמען זייער גאַנג. דעריבער דערמאנט מען זיי אז אין מצרים זענען אויך די רשעים געוועהן די מערהייט. די חז"ל זאגן „וחמושים עלו בני ישראל" אז 4 פינפטל אידן זענען געשטארבן אין די ימי החושך און נאר איין פינפטל איז ארויס פון דארטן.

דארף מען זאגן דעם רשע ער זאל זיך נישט גרויס האלטן מיט זיין מערהייט, אויך אין מצרים האט ער געהאט א מערהייט, וואלט ער טאקע דארטן געבליבן צווישן די פיהר־פינפטל, „אילו היה שם לא היה נגאל". אט אזוי אָפן ערקלער איהם, הקהה את שיניו...

## דער חילוק צווישן דער שאלה פון חכם און די שאלה פון רשע?

ביים חכם שטייט: „והי' כי ישאלך בנך מחר". קודם כל טוט ער, וואס מען הייסט אים און ערשט שפעטער אויף צומארגנס פרעגט ער. דאגעגן אבער דער רשע ווארט נישט אויף „מחר" ער פרעגט גלייך: „מה העבודה הזאת לכם". ער וויל באלד נישט אנהויבן צו טאן די מצוה און פרעגט קשיות...

דער חילוק פון די ביידן איז צו זען פון דער תורה. ביים חכם ווערט געזאגט „כי ישאלך בנך" ער וועט דיר פרעגן און א ודאי מעג א קינד פרעגן די באדייטונג פון א מצוה וואס ער פארשטייט נישט. דאגעגן אבער ביים רשע ווערט געזאגט: „והי' כי יאמרו אליכם בניכם" — דער רשע פרעגט נישט נור ער זאגט. ער וויל נישט קיין תשובה ער קריטיקירט עזות'דיק „מה העבודה הזאת לכם" — ווער דארף אזוינע מצות...

א ריכטיגער ענטפער לויט די פראגע

„ואף אתה הקהה את שיניו" — ווען דער גאון רבי יוסף חיים דוד אזולאי זי"ע (חיד"א) איז געוועהן אין די איטאליענישע שטאָט ליווערנא האָט ער דאָרטן געהאַלטן א פייער־דיגע דרשה וועגן דעם איסור פון „גילוח־הזקן" וואס מען איז עובר ביי דעם פינעף לאווין.

איינער א עבריין האָט זיך אנגערופן צום רב מיט חוצפה: איך האַלט אז מען דאַרף זיך נישט לאָזן וואַקסן קיין באָרד נאר געהן ווי אזוי מ'איז געבאָרן געוואָרן...

דער חיד"א האָט זיך אנגערופן: מיט דעם איז פארענטפערט דאָס וואס ס'שטעהט אין די הגדה ביי דעם „רשע" „ואף אתה הקהה את שיניו" אייגנטליך וואס פאר א תשובה איז עס פאר איהם? נאָר דער רשע האָט דאָך א ודאי גע'טענה'ט אז מ'דארף נישט געהן קיין באָרד נאר ווי אזוי מ'איז געבאָרן געוואָרן — דעריבער „הקהה את שיניו" האַק איהם אויס די ציינער! ער דארף קיין ציין נישט האָבן, אזוי ווי ער איז געבאָרן געוואָרן... (להבות אש)

## מ'רעדט נישט צום רשע!

„אילו היה שם לא היה נגאל", מ'זאגט נישט דעם רשע „אילו היית שם" (ווען דו וואלסטו דארט געוועהן) ווייל מ'רעדט איבערהויפט נישט מיטן רשע, — זאגט דער ווילנער גאון זצ"ל — נאר מ'רעדט צום „שאינו יודע לשאול" אויפן רשע, „אילו היה "וואלט ער דארטן געוועהן...

## דער פאטער איז שולדיג אין דעם זוהן׳ס שלעכטקייט

אז דער פאטער איז א גוטער יוד, ער איז מחבב די תורה און די מצוות און איז דאדורך א גוטערביישפיל פאר די קינדער, וועט ער ממילא נישט שפעטער דארפן הערן די שאלה פון א בן־רשע: „מה העבודה הזאת לכם״?

אויב ס׳איז פעראהאן א בן־רשע, וועלכער פרעגט יא אזעלכע שאלות, איז א סימן, אז דער פאטער איז שולדיג דערין, ער האט זיך אזוי געפיהרט אז ער זאל נישט זיין א גוטער מוסטער פאר די קינדער און האט זיך נישט געגנוג בעמיהט אין זיי איינצופלאנצען תורה און יראת־שמים.

דעריבער זאגט דער בעל הגדה: „ואף אתה הקהה את שיניו״. דו ביזט עס שולדיג דערין, וואס דו מוזט איהם יעצט קאליע מאכן די ציין, ווי דער פסוק זאגט: „אבות יאכלו בוסר ושיני בנים תקהינה״ — אז די עלטערן עסן אונצייטיגע פרוכט, ווערן קאליע די ציין פון די קינדער (ירמיה ל״א — כ״ח).

## א אפענע הארץ

„ושאינו יודע לשאול את פתח לו״, טייטשט מהר״מ קאברינער זצ״ל: ווער עס קען דיר רבוש״ע נעבאך נישט בעטן — „את פתח לו״ עפן איהם דו זיין הארץ ער זאל דיר קענען בעטן.

### די מוטער דארף מחנך זיין

„ושאינו יודע לשאול את פתח לו״. פאר וואס שטעהט „את״ לשון נקבה, נישט „אתה״? נאר ווען דער אינגל איז א „שאינו יודע לשאול״ איז שולדיג אין דעם די מאמע. דער אינגל איז א ודאי נישט געגאנגען אין חדר. דער פאטער איז דאך פאריאגט אין די ארבעט — מוז דעריבער די מאמע אכטונג געבן אויף איהם — „את״ דו מוטער „פתח לו״ עפן איהם די אויגן, גיב אכטונג ער זאל נישט פארפעלן קיין איין טאג אין תלמוד־תורה — וועט ער שוין זיין א „יודע לשאול״. (מפי השמועה)

### התחברות מיט א רשע

„וירעו אותנו המצרים ויעננו״. „וירעו״ איז לשון רעות חבר׳שאפט. די מצרים האבן מיט אונז געמאכט ברידערשאפט, און דאס טאקע איז געווען „ויעננו״ — דאס האט אונז שטארק געפייניגט. (דברי חיים)

## אין אונזער זכות

„ונצעק אל ה׳ אלוקי אבותינו, וישמע ה׳ את קולנו״. אנגעפאנגען מיט „ה׳ אלוקי אבותינו״ און אויסגעפירט „וישמע ה׳״. די חז״ל זאגן אז איינער דערמאנט אין זיין געבעט זכות פון אנדערע — ענטפערט מען איהם אין זיין זכות; אויב ער דערמאנט זיין זכות — ענטפערט מען איהם אין זכות פון אנדערע.

די אידן האבן זיך געהאלטן בשפל המצב אז זיי האבן נישט קיין אייגענעם זכות. האבן זיי געבעטן אין זכות פון די עלטערן. „ה׳ אלוקי אבותינו״ — האט מען זיי געענטפערט אין זייער אייגענעם זכות „וישמע ה׳ את קולנו״!

## פון הימל האט מען דערהערט

וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מן העבודה, וידע אלוקים — אפילו קרעכצן האבן די אידן נישט געטאָרט אויף זייער ליידן. נאר ווען פרעה איז געשטארבן, און אלע מצריים האבן געטרויערט, געקלאגט און געזיפצט אויפן טויט פון זייער קעניג — האבן די אידן אויך געקענט זיפצן און קלאגן. און די מצריים האבן געמיינט אז די אידן קלאגן אויפן קעניג'ס שטארבן. אבער „וידע אלוקים" דער איבערשטער האט געוואוסט ריכטיג וואס באדייט די זיפצעריי פון די אידן. („שער השמים")

## די רשעות פון די מצריים

אין מדרש תנחומא (ויצא) שטעהט אויפן פסוק „וימררו את חייהם בעבודה קשה וכו' ובכל עבודה בשדה". נאכדעם וואס די אידן האבן געארבעט שווער און ביטער בחומר ובלבנים, און זענען זהיים געקומען פאר נאכט צובראכן פון די שווערע ארבעט און זיי ווילן זיך שוין אפרוהען, קומט דער מצרי און זאגט דעם איד; קלייב מיר אן אביסל גרינס פון גארטן, צוהאק מיר א ביסל האלץ, פיהל מיר אן אביסל וואסער פון טייך, אט דאס מיינט „ובכל עבודת בשדה".

## א געוואלדיגער מופת

„ובמופתים זה הדם", וואס איז דער באזונדער „מופת" פון די דם. שטעהט אין ריטב"א אז ביי די מכה פון דם האט מען אנגעזעהן גרויסע מופתים. די ריינסטע וואסער איז געווארן בלוט, ביים מצרי אין האנד, פון איין קאכער מיט צוויי זייטן, דער איד טרינקט וואסער און דער מצרי בלוט.

**אַן אונס פון עלילת דם**

אין די טעג פון הגה"ק רבינו קלונימוס זצוק"ל, האָבן די אראבער גע'הרג'ט אַ אידיש קינד און האָבן עס אריינגעוואָרפן אין הויף פון בית הכנסת אין ירושלים. אַ בלבול האָבן זיי גע־וואָלט מאַכן און חלילה וכו', און הגה"ק רבינו קלונימוס האָט פאַרשידענע פעולות געטאָן און פיל תפלות, און דאָס קינד האָט געעפנט דאָס מויל און דערציילט די גאַנצע מעשה, ווער עס האָט אים גע'הרג'ט און אריינגעוואָרפן אין הויף פון שול, און די אידן זיינען ניצול געוואָרן.

צוליב דעם רופט מען אים רבינו קלונימוס בעל הנס, און דאָס איז דער פשט פון „משיח אלמים וכו'".

(הגש"פ מהגה"ק חיד"א זצוק"ל)

## אַ גרויס נס וואָס איז געשעהן בײ אַן עלילת דם

**המעורר** ישנים והמקיץ נרדמים. אין ספר שבט יהודה ווערט דערציילט אַזאַ געשיכטע. אין שפּאַניאַ האָט זיך דערוועקט אַ גאַנצער בונד אויף די אידען, מאַכען אויף זײ אַן עלילת דם „בלוט בלבול“ כדי מען זאָל דערנאָך טאָן מיט זײ וואָס זײ ווילען, שלאָגען ראַבירען, אַרויסטרייבען. צוליב דעם זיינען די אידען געווען אין אַ עת צרה (דאָס איז געווען אַ סאַך פאַר גירוש שפּאַניען). נאָר דער שפּאַנישער קעניג, דון אַלפונזיאַ, איז געווען אַ אוהב ישראל און האָט ניט געקענט צוזען צו די אידישע צרות וואָס די קאַטאָלישע גלחים פלעגען אָנטאָן, אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט אַנטקעגענשטעלען די גייסטליכע. ויהי היום, דער קעניג האָט בשום אופן ניט געקאָנט בײ נאַכט שלאָפען, און קיינע מיטלען האָבען ניט געהאָלפען, איז ער אַרויף אויף דער גאַלירע פון דעם זומער טעמפּעל, דערזעט ער פון ווייטען אויף זייער בית הקבורות שטייען מענטשען אנגעטאָן אין ווייסע קליידער און מען שלעפּט אַרויס אַ מענטש פון קבר, דערנאָך זיינען זײ נעלם געוואָרען און צוויי פון זײ האָבען געטראָגען דעם קערפּער צו אַ אידישע רייכע הויז האָבען אים אַריין געוואָרפען און זיינען זיך צולאָפען, דער קעניג איז געוואָרען זייער דערשראָקען און ערשטוינט. צומאָרגען זיינען די שופטים געקומען צום קעניג ווי געוויינלעך, פרעגט זײ דער קעניג וואָס הערט זיך אין שטאָט, האָבען זײ געענטפערט אדונינו המלך ווי עס ווייזט אויס דאַרפען טאַקע די אידען קריסטליכע בלוט אויף פּסח, ווייל היינט פאַרטאָג האָט מען געפונען אַ געקייליטען נוצרי בײ דעם אידען, וואָס מען האָט אים שוין געזוכט עטלעכע טעג, און דער גאַנצער עולם קליבט זיך אומצוברייגגען — היל״ת — די אידען. ווי דער קעניג האָט דאָס דערהערט האָט ער באַלד צוזאַמענגערופען אַלע גלחים און האָט זײ אַזוי געזאָגט: „איך האָב געזען אין חלום ווי די גייסטליכע זיינען געגאַנגען בײ נאַכט אויף דעם בית עולם און אַרויסגענומען אַ טויטען קערפּער, זייט זיך מודה וועֿר איז דאָס. זײ האָבען זיך דערשראָקען און באַלד מודה געווען אַז זײ האָבען געמאַכט די עלילת דם אויף די אומשולדיגע אידען. דער קעניג האָט געהייסען גלייך אומברייגגען זײ, און האָט גערופען די חשובי העיר פון די אידען און פרעגט זײ, עס שטייט אין פסוק הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל, פאַרוואָס שטייט דאָפּעל לא ינום ולא ישן, אין ער האָט געענטפערט, דער פסוק מיינט אַז דער ג־ט פון ישראל וואָס היט זײ מיט זיין גרויס השגחה שלאָפט ער אַליין ניט און לאָזט נאָך דעם צווייטען אויך ניט שלאָפען, ווען איך וואָלט די גאַנצע נאַכט געשלאָפען וואָלטען אומגעקומען טויזענטער אידען דורך דעם פאַלשען עלילת דם, און איצט אַז איך האָב ניט געקענט שלאָפען און איך האָב געזען די גאַנצע מעשה זייט איר ניצול געוואָרען. און דאָס מיינט דאָ דער פסוק אַז השי״ת איז מעורר ישנים ומקיץ נרדמים ווען ער וויל מציל זיין זיין פאָלק ישראל.

## פופצעהן מעלות

„על אחת כמה וכמה טובה כפולה ומכופלת״ וואס איז דער לשון צו באמערקן אזויפיהל די מעלות וואס ער רעכנט אויס. נאר דא איז מרומז די 15 מעלות: „על אחת״ — איינס; „כמה״ — צוויי; „וכמה״ — נאך צוויי, איז שוין פינעף; „כפולה״ — טאפלט פון פינעף איז שוין צעהן; „ומכופלת״, — נאכאמאהל טאפלט איז שוין פופצעהן!

## דער „הלל״ איז ארויף צום הימל

די גמרא זאגט (פסחים פ״ה) „הלילא פקע איגרא״ אז דער קול פון די הלל־זאגערס פסח ביים סדר אין די צייט פון בית המקדש — האט אויסגעקוקט ווי עס שפאלט די דעכער פון די הייזער, אזא געזאנג־רעש האט זיך דערהערט אין יענע תקופה ביים זאגן הלל.

דער מהרש״א טייטשט אז דער הלל וועלכער איז געזאגט געווארן מיט התלהבות לשם־שמים, איז ארויף ביז אין הימל!

## מיטן „הלל״ איז מען משלים יענע שירה

דעריבער זאגט מען הלל אין דער נאכט פון פסח, ווייל שפעטער אין דער נאכט פון שביעי של פסח, ווען די מצריים האבן נאכגעיאגט די יידן און זיי זענען דערטרונקען געווארן אין ים סוף, האבן די מלאכים נישט געזאגט קיין שירה, ווארום השי״ת האט געזאגט: „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה?״ — האט דאך די יציאת־מצרים אין היינטיגער נאכט גורם געווען, אז ס׳זאל פערפעהלט ווערן א שירה פאר השי״ת, איז מען עס משלים מיט׳ן הלל וואס מען זאגט יעצט ביינאכט... (אזור אליהו)

## אז מ׳עסט ווי א איד — איז עס א לויב פאר השי״ת

פאר דער סעודה הויבט מען אן צו זאגן הלל, אין מיטן עסט מען די סעודה און נאך די סעודה פערענדיגט מען דעם הלל.

דאס עסן אליין דארף אויך זיין א הלל צו השי״ת איז עס ממילא נישט קיין הפסק...

(בשם אדמו״ר מגור זצ״ל)

## א רמז אויף די ערווארטעטע גאולה

מ׳באהאלט דעם אפיקומן ביז נאך דער סעודה.

דאס איז א רמז, אז דאס נס פון יציאת מצרים איז געווען א הכנה צו אלע שפעטער־דיגע גאולות און וועט ערשט נגמר ווערן ביי דער גאולה שלימה פון לעתיד. (דעריבער זאגט מען נישט גאנץ הלל אין אלע טעג פון פסח, ווייל די גאולה פון יציאת מצרים איז נאך נישט פערענדיגט...) אין יעדען דור, ווערט די גאולה נעהנטער צום גמר ביז לעתיד.

בעהאלט מען דעריבער א שטיקל מצה אויף שפעטער, צו ווייזן, אז די ריכטיגע גאולה איז נאך בעהאלטן און וועט ערשט שפעטער פערענדיגט ווערן. ..(שפת אמת)

## נאר תורה לערנען

„ואמרתם זבח״ ווען איהר וועט וועלן מקריב זיין א קרבן צום אויבערשטן — טייטשט דער בארדיטשיבער זצ״ל — איז דאך אבער נישטא קיין בית המקדש וואו מקריב צו זיין, האט איהר איין עצה „פסח לה׳״ דאס הייסט פה־סח דער מויל זאל רעדן דברי תורה לה׳ לערנען און דאווענען צום השי״ת.